STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04665

FAYERLEKH IN NEPL

O. Rapoport

Permanent preservation of this book was made possible
by Betty Provizer Starkman
in memory of
Dr. Morris Starkman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראַפּאָפּאָרט

פּייערלעך אין נעפּל

אַרויסגעגעבן דורך דעם
„י. ראַפּאָפּאָרט בוך-קאָמיטעט"
מעלבורן 1961

FAYERLECH IN NEPL

GLIMMERING LIGHTS IN THE MIST

ESSAYS

by

O. RAPOPORT

(All rights reserved)

Published by the O. Rapoport Book Committee

Copyright

O. RAPOPORT

Melbourne, Australia

Printed by A. Maller, Excelsior Printing Works Pty. Ltd.
634 Burwood Road, Hawthorn East, Victoria, Australia

I

ליטעראַטור-פּראָבלעמען

א דיסקוסיע מיט ש. ניגערן

א. די שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור אין אונזער צייט

(טעזיסן צו אַן אַרבעט)

ווען איך האָב געלייענט די פּאָלעמיק אין דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע, צי די יידישע דיכטונג דאַרף זיך אָפּרופן אויף דער קאַטאַסטראָפע פון יידישן פאָלק בימי היטלער והדעמאָקראַטיע, צי נישט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: עס זענען פאַראַן נישט נאָר גלחים און להבדיל רבנים, וואָס דרייען זיך אַ גאַנץ לעבן אַרום גאָט, און האָבן קיין אַנונג נישט וואָס דאָס גאָט־געפיל שטעלט פאָר מיט זיך, — עס זענען אויך דאָ ליטעראַטן, וואָס דרייען זיך אַ גאַנץ לעבן אַרום ליטעראַטור און האָבן קיין אַנונג נישט וואָס אַזוינס ליטעראַטור איז.

די פראַגע, „צי דאַרף די יידישע ליטעראַטור געשטאַלטיקן די קאַטאַסטראָפע?" איז פאַר מיר כמעט פון זעלבן מין, ווי די פראַגע: „צי דאַרף אַ האַרץ שלאָגן שנעלער ווען עס דערשרעקט זיך?".

עס דאַרף נישט, —— עס מוז. ס'איז נישט קיין פראַגע פון אָננעמען אַ באַשלוס, נאָר פון אַ נאַטירלעכן פּראָצעס, פון אַ נאַטירלעכער פונקציע.

ווי אַזוי קאָן מען אַזאַ חורבן פאַרוואַנדלען אין גראַמען?

און ווי אַזוי קאָן אַ געגראַמטער אויסדרוק פון חורבן געבן טרייסט?

נישט ליטעראַטן האָבן דאָך אויסגעטראַכט אָט־דעם פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען בלוט און טרערן אין פערזן, — די קרבנות גופא האָבן פאַרוואַנדלט די אייגענע ביישפּיללאָזע פּיין אין פערזן, כדי איר צוצוגעבן אַ זינען, כדי צו לאָזן אַן עדות־

שפּור פֿאַר קומענדיקע דורות, אָדער זיי האָבן געזונגען פֿרעמדע לידער, כּדי צו לינדערן די פֿיזישע און מאָראַלישע ליידן דורך באַשטראַלן זיי דורכן מענטשלעכסטן אַקט, וואָס דער מענטש איז פֿעאיק אויף אים, — דורך אַ שעפֿערישן, זינפֿולן אויסדרוק פֿאַרן גרויל און פֿאַרן אומזין.

דאָס איז די מיסטעריע פֿון דיכטערישן שאַפֿן, פּונקט ווי דאָס איז די מיסטעריע פֿון גאָט־גלויבן, פֿון רעליגיעזן געפֿיל, וואָס ביידע זענען — לויט מיין טיפֿסטער איבערצייגונג — איינס און דאָס זעלבע, — צוויי אויסשטראַלונגען פֿון איין גייסטיקער סובסטאַנץ.

וועגן דער דאָזיקער מיסטעריע איז דאָ אַ סך צו רעדן, און הגם מען קאָן זי נישט קלאָר מאַכן ווי אַ „צוויי־מאָל־צוויי־איז־פֿיר־אמת”, דאָך איז זיכער, אַז נאָר דער, וואָס האָט כאָטש איינמאָל דערפֿילט דעם איראַציאָנעלן אמת פֿון דעם, אַז אויסגעדיכטעטער אָדער אפֿילו בלויז אויסגעזונגענער צער איז, — טרייסט, זינגעבונג, גייסטיקע גבֿורה־אַקומולאַציע, — נאָר אָט־אָ־דער ווייסט וואָס דיכטונג איז, קען איר הייליקן וואָרצל, איר הייליקן אָפּשטאַם, נישט געקוקט אויף דעם ים ערזאַץ־דיכטונג, וואָס גיט זיך אויס פֿאַר אמתער.

זיך וווּנדערן און פּראָטעסטירן קעגן דער צענטראַלער טעמע פֿון דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור קאָן נאָר דער יעניקער, וואָס האָט נישט באַגריפֿן און נישט איבערגעלעבט ווי געהעריק נישט די פּרימיטיווע חורבן־לידער, וואָס זענען דערגאַנגען צו אונז (אין אַ קליינעם סכום, נאַטירלעך) פֿון סאַמע מויל פֿון אומקומענדיקן פֿאָלק, נישט די הויך־קינסטלערישע לידער פֿון א. סוצקעווערס „פֿעסטונג” (לידער אויך פֿון סאַמע מויל פֿון אַ קרבן) און פֿון אַנדערע — אַנאָנימע, און נישט אַנאָנימע דיכטער, נישט דעם אויסדרוק פֿון די אומדירעקטע קרבנות, ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין די חורבן־לידער פֿון י. גלאַטשטיין, נ. ב. מינקאָוו און אַנד.

מען קאָן האָבן טענות צו קאָנקרעטע „דיכטער”, וואָס דערוועגן זיך צו גראַם־שטראַמעווען אויף אונזער חורבן, אָבער האָבן טענות צו דער דיכטונג, ווי אַזאַ, וואָס זי פֿאַרנעמט זיך מיט פֿאַרוואַנדלען קרעכצן אין מוזיק, און בלוט — אין פּערזן,

הייסט ווייזן, אַז מען האָט קיין אַנונג נישט וועגן דער פּסיכאָ־ביאָלאָגישער פונקציע פון דיכטונג.

ס'איז פּשוט עם הארציש צו זאָגן, אַז אַ מענטש, וואָס לעבט שטאַרק איבער אַ קאַטאַסטראָפע, וועט נישט קאָנען זוכן פאַר איר אַן אויסדרוק אין גראַמען; אדרבא, וואָס שטאַרקער עס איז די איבערלעבונג פון אַ פאָלק, פון זיינע דיכטער, אַלץ שטאַרקער וועט זיין דער אָפּרוף פון דער דיכטונג.

איך באַהאַנדל דאָ די דאָזיקע פראַגע קורץ צוליב דעם, ווייל זי גייט מיר דאָ נישט אָן טעאָרעטיש, — איך האָב געוואָלט אילוסטרירן מיין געדאַנק, אַז ליטעראַטור איז אין איר וואָרצל אַ פּסיכאָ־ביאָלאָגישע פונקציע, און אַז אין דעם באַשטייט איר שליחות.

אומעטום און תמיד, ווו עס אַנטוויקלט זיך ביי אַ יחיד אָדער ביי אַ קאָלעקטיוו אַ גרויסער פּסיכישער דרוק, עפנט זיך דאָס ווענטיל פון ליטעראַרישן שאַפן, כדי צו פאַרלייכטערן דעם דרוק און אויסמיידן אַ פּסיכישע קאַטאַסטראָפע.

און ווען אַזאַ דרוק דויערט אַ לאַנגע צייט, באַקומט די ליטעראַטור אַ קאָמפּלעקס.

אַ קאָמפּלעקס אין דער ליטעראַטור (דער נביאישער קאָמפּלעקס וועגן דער דראָענדיקער געפאַר פון אונטערגאַנג פון דער יידישער מלוכה; דער אָפּזונדערונגס־קאָמפּלעקס פון דער תּלמודיש־רבנישער ליטעראַטור, כדי אויפצוהאַלטן די פיזישע און גייסטיקע עקזיסטענץ פון פאָלק; דער היינטיקער קאָמפּלעקס פון דריטן חורבן א. א. וו.) איז די פאַרקראַמפּונג פון דער ליטעראַרישער אויפמערקזאַמקייט אַרום אַ שליחות, וואָס זי מוז דערפילן אַ לענגערע צייט, צוליב אַ דויערהאַפטן צושטאַנד, וואָס רופט פונקציאָנעל אַרויס די דאָזיקע שליחות־נויטווענדיקייט.

די פאַרקראַמפּונג פון דער ליטעראַטור אונזערער אַרום דער חורבן־טעמע איז דווקא אַ באַווייז (נישט פאַר איינצלנע שרייבער און דיכטער, אָבער פאַר דער ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען), אַז אונזער פאָלק לעבט שטאַרק איבער דאָס, וואָס עס איז געשען און אַז מיר זענען אַרויס פון דער קאַטאַסטראָפע גענוג נאָרמאַל, אַז אונזער פּסיכישער ליטעראַטור־אַפּאַראַט זאָל נאָרמאַל קאָנען פונקציאָנירן.

אָבער אונזער ליטעראַטור דערפילט איר שליחות נאָך אויף אַ סך אַ פיינערן, פּרעציזערן אופן ווי אין דעם ביישפּיל מיט דער חורבן־ליטעראַטור.

ווען אונזער ליטעראַטור וואָלט נישט געווען באַמערקט אַזאַ קאַטאַסטראָפע, וואָלט דאָס געווען זיין דער בעסטער סימן, אַז מיר זענען פּסיכיש אַטראָפירט, נאַציאָנאַל־טויט.

פּונקט ווי דאָס, וואָס די אייראָפּעאישע ליטעראַטור האָט כמעט נישט רעאַגירט אויף דעם יידישן אומגליק, באַווייזט מיט דער שרעקלעכסטער קלאָרקייט, אַז די וועלט איז מאָראַליש אַטראָפירט, צעפוילט, און במילא קאָן איר ליטעראַטור נישט רעאַגירן, ווייל דאָרט, וווּ עס איז נישטאָ קיין מאָראַלישער, פּסיכישער אויפברויז, איז נישטאָ קיין ליטעראַרישער אויסדרוק.

נישט די אייראָפּעאישע ליטעראַטור, ווי מען האָט ליב צו זאָגן, איז פאַרפוילט, — די אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישע ציוויליזאַציע איז פאַרפוילט און זי שטעלט נישט צו במילא קיין זאַפטן פאַר אַ נאָרמאַל־פונקציאָנירנדיקער ליטעראַטור.

דאָס, וואָס די יידישע ליטעראַטור ברויזט אויף קעגן חורבן און קעגן דער געזונקנקייט פון דער וועלט, איז אַ באַווייז פאַרן געזונטן פּסיכישן קערן פון יידישן פאָלק.

אָבער עס איז פאַראַן אַ דיסקרעטערע שליחות, וואָס די ליטעראַטור אונזערע דערפילט אַ דאַנק דעם, וואָס ביי אונזער גאַנצער צעבראָכנקייט און טיילווייזער נאַציאָנאַלער דעגענע־רירטקייט, איז די טענדענץ פון אונזער נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם נאָך אַלץ געזונטקייט, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין.

די פּסיכישע — און אויך קערפּערלעכע — געזונט־רעזערוון זענען ביי אונז אַזוי גרויס, אַז עס איז ממש צו שטוינען. און דאָס קומט צום אויסדרוק אויך אין אונזער ליטעראַטור, ווי אין איינער פון די פונקציעס פון אונזער נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם.

מען איז ביי אונז געוווינט צו זאָגן: די נביאים־ליטעראַ־טור האָט אריינגעגאָסן אין אונז אַ סם־החיים, וואָס קאָן ביז היינט נישט אויסגעוועפּט ווערן.

עס וואָלט אָבער ריכטיקער געווען צו זאָגן, אַז היות די יידן האָבן פאַרמאָגט אַזאַ ריזיקע מאָראַלישע קראַפט, וואָס

איז גענוג געווען אויף ארויסצורופן די ליטעראַרישע נביאים־דערשיינונג, זענען מיר געבליבן לעבן עד היום הזה, — יענער מאָראַלישער קוואַל איז נאָך נישט אויסגעשעפּט געוואָרן.

נאָך די דאָזיקע עטלעכע אַריינפיר־באַגריפן און געדאַנקען, קאָן איך איבערגיין צום אייגנטלעכן טייל פון מיינע נאָטיצן, — ווענן דער שליחות פון אונזער ליטעראַטור אין דער הײַנטיקער צײַט.

* * *

אין וואָס באַשטייט די כאַראַקטעריסטישסטע אייגנשאַפט פון דער עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע, וואָס ווערט איצט אָפּגעשלאָסן?

דאָס כאַראַקטעריסטישסטע אין איר באַשטייט אין דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט צוויי גרויסע אילוזיעס: אַז עס איז לײַכט געוואָרן צו זיין אַ ייד און אַז עס איז לײַכט געוואָרן צו ווערן אויס ייד.

אַמאָל איז שווער געווען צו זיין אַ ייד: סאַראַ עול מען האָט באַדאַרפט טראָגן אין יידישן לעבן און אין דער וועלט!

אָבער אויך ווערן אויס ייד איז געווען שווער: מען האָט געדאַרפט אַראָפּוואַרפן פון זיך און אַרויסוואַרפן פון אין זיך דעם אַלטן גלויבן, אין וועלכן מען האָט געגלויבט, וועלכן מען האָט, לכל הפחות, געפילט ווי אַן אינטימען טייל פון אייגענעם „איך”, און אָננעמען אַ גלויבן, וואָס איז נישט נאָר געווען פרעמד, נאָר אויך פײַנטלעך; אַ גלויבן, וואָס מען האָט פון אים נישט נאָר נישט געהאַלטן, נאָר וואָס מען האָט אים אויך געהאַסט, מען האָט געפילט צו אים אַ פאַראַכטונג.

און אָט איז געקומען אַ צייט פון צוויי גרויסע אילוזיעס: עס איז לײַכט געוואָרן צו זיין אַ ייד און עס איז לײַכט געוואָרן צו ווערן אויס ייד.

די אויסערלעכע געטאָ איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דורך דער ליבעראַלער וועלט און די אינערלעכע געטאָ — דורך דער פאַרוועלטלעכונג פון אונזער קולטור.

ווייל מען זיין אַ ייד — שטייען אָפן דריי וועגן, מיט וועלכע עס איז אַזוי לײַכט צו גיין: עס איז אָפן דער וועג קיין ארץ ישראל, ווער עס זעט די צוקונפט פון די יידן אין

ציוניסטישן גייסט; עס איז אָפן דער וועג צו דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די, וואָס האַלטן פון גלות־נאַציאָנאַליזם, — צי לויטן ליבעראַלן רעצעפּט, צי לויטן סאָציאַליסטישן.

און וואָס שייך די, וואָס ווילן זיך אַסימילירן, איז דאָך זיי אוודאי לייכט: מען דאַרף נישט אַרויסוואַרפן און אַראָפּוואַרפן קיין רעליגיע און מען דאַרף נישט אָננעמען קיין רעליגיע, מען וואַקסט אַריין אין דער פרעמדער אַגלעמיינער מענטשלעכער קולטור, וואָס איז דאָך אויך געוואָרן אונזער יידישער קולטור־טרוים, — מען דאַרף בלויז פאַרגעסן יידיש און זיך אויסלערנען אַ גוייִשע שפּראַך. איז דען דאָ אַ לייכטערע זאַך פאַר אַ יידן?

אָבער אָט איז געקומען אַ סוף — אַן אומגעריכטער און ווייסטער! — צו די דאָזיקע צוויי אילוזיעס: עס איז געוואָרן שווער צו זיין אַ ייד — נאָר שווערער ווי אַמאָל! — און ס'איז געוואָרן שווער צו ווערן אויס ייד — אויך שווערער ווי אַמאָל!

פאַר אונזער דור איז איבעריק צו מאָלן אַ בילד, ווי עס איז שווער געוואָרן צו זיין אַ ייד און עס איז שווער געוואָרן צו ווערן אויס ייד, — נישט נאָר מיר האָבן דאָס געזען מיט אונזערע אויגן, נאָר מיר פילן דאָס יעדן טאָג אויף דער אייגענער הויט.

עס קומט אַ העראָאישע תקופה פאַר אונז! — סיגנאַליזירט אונזער לעצטער געשיכטע־קאַפּיטל צו יעדן יידן, וואָס האָט די קלענסטע פעאיקייטן אויפצונעמען די צייכנס פון אונזער לעבן.

די אילוזיעס, וואָס האָבן פאַרוועבט די פינצטערע ווירקלעכקייט, זענען צערונען, ווי אַ נעפּל.

די, וואָס פּלעגן זיך אָפט שטעלן די פראַגע, ביים לייענען די יידישע געשיכטע: ווי אַזוי האָבן יידן געקאָנט פשוט פיזיש לעבן אונטער אַזאַ פיזישן און פּסיכישן דרוק, האָבן באַקומען אַן ענטפער דורך אַ קאָנקרעטער לעקציע, וואָס שטעלט אין שאָטן די דעראַינערונגס־בילדער פון דער געשיכטע; און גלייכצייטיק האָט די אויפלעבונג פון אונזער פיין אויך אויפגעלעבט אונזער גייסטיקע גבורה: מיר האָבן באַקומען אַן ענטפער אויך אויף דער צווייטער פראַגע אונזערער, ביים לייענען די געשיכטע

פון די הונדערטער טויזנטער הרוגי מלכות אונזערע: איז דען מעגלעך, אַז מענטשן זאָלן קאָנען זיין אַזוי גייסטיק־העלדיש, ווי די געשיכטע אונזערע שילדערט זיי, אונזערע קדושים?

יאָ, האָט די ווירקלעכקייט באַוויזן, — אויך דאָס איז מעגלעך; דאָס איז נישט קיין דיכטונג פון דער געשיכטע, נאָר דאָס איז געשיכטלעכע ווירקלעכקייט.

אויפן שוועל פון אַ נייער, שווערער, הערָאָאישער תקופה, וואָס פאַרבייט אַ ליכטע, אַן אילוזיע־רייכע, האָט די געשיכטע אונזערע אונז געגעבן אָט־די דאָפּלטע לעקציע פון העכסטער פיין און העכסטער גבורה. די ערשטע לעקציע האָט אונז געגעבן אָנצוהערן, אַז „אָט אַזוי וועט זיין אייער גורל", און די צווייטע לעקציע האָט געזאָגט, אַז „אָט אַזוי דאַרפט איר רעאַגירן אויף אייער גורל, אויב איר ווילט אים איבערלעבן".

מיר האָבן זיך גענומען שפּירן — שוין אויף דער שוועל פון דער דאָזיקער תקופה, אין אָנהויב און אין מיטן פון די דרייסיקער יאָרן — ווי די מענטשהייט וואָלט זיך געווען געפילט ביים אָנקום פון אַ נייעם אייז־פּעריאָד נאָך דעם, ווי מען האָט זיך שוין צוגעוווינט צו אַ לעבן מיט אַלע באַקוועמ־לעכקייטן און דעם אייז־פּעריאָד געדענקט מען נאָר אין דער געשיכטע און מען לייענט וועגן אים און מען שטוינט: ווי אַזוי האָט מען דאָס געקאָנט אויסהאַלטן? און וואָסערע אייגנשאַפטן האָבן אונזערע אבות באַדאַרפט פאַרמאָגן, כדי נישט אומצו־קומען אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען? און וואָסערע אייגנ־שאַפטן מוזן מיר אַנטוויקלען ביי זיך, ביי די פאַרווייכטע דורך אַלע באַקוועמלעכקייטן, כדי איבערצוקומען דעם נייעם אייז־פּעריאָד?

מיר, יידן, גייען אריין אין אַ תקופה, וואָס איז אַ רעצידיוו — אין אַן ערגערער פאָרם! — פון מיטלאַלטער, און מיר מוזן זיך גרייטן צו אַ הערָאָאישער עקזיסטענץ. און כדי מיר זאָלן קאָנען שטעלן דעם הערָאָאישן ווידערשטאַנד די ליידן פון אַמאָל אין אונזער היינט, מוזן מיר אָפּגראָבן אין זיך אונזערע גייסטיקע כלי־זין פון אַמאָל (אחוץ די נייע פיזישע כלי־זין), די כלי־זין פון אונזער יידישן מין: יעדער מין מוז זיך גרייטן צום נייעם אייז־פּעריאָד מיט די נאַטירלעכע כלי־זין פון זיין מין, די,

וועלכע זענען צום מערסטן צוגעפּאַסט פאַר אים, די, מיט וועלכע ער קאָן זיך צום בעסטן באַגיין. מיר מוזן צוגרייטן אונזערע מאָראַלישע כּלי־זין, אונזער גייסטיקע גבורה.

אָט אַזוי זעט אויס, פון פויגל־פּלי, די לעצטע עפּאָכע פון אונזער געשיכטע, וואָס איז אַוועק, און די עפּאָכע אין אונזער געשיכטע, וואָס טרעט אַריבער אונזער שוועל.

ווי האָט רעאַגירט די ליטעראַטור אונזערע אויף דער סאַמע לעצטער עפּאָכע און ווי הויבט זי אָן צו רעאַגירן אויף דער ניי־אָנקומענדיקער?

* * *

די ליטעראַטור אונזערע האָט טריי דערפילט איר שליחות, ד. ה. זי האָט נאָרמאַל דערפילט איר אָרגאַנישע פונקציע פון אַנהויב־אָן. ווי אויף אַ קאַרדיאָגראַף קאָן מען אויף איר לייענען ווי אַזוי דאָס האַרץ פון פאָלק האָט געקלאַפּט אין פאַרשידענע צייטן, — פאַרוואָס עס האָט געקלאַפּט, פאַר וועמען, שטאַרק אָדער שוואַך, ליידנשאַפטלעך, זיך אָפּגיסנדיק מיט בלוט, אָדער מהיכי־תיתידיק.

אין מענדעלעס ווערק ווערט זיין האַרץ צעריסן דורך אַמביוואַלענטע (קעגנזעצלעכע) געפילן: עס האַסט און לאַכט אָפּ פון יידישן לעבן, אָבער גלייכצייטיק האָט עס אויך ליב דאָס דאָזיקע יידישע לעבן און בענקט נאָך דעם אין זיין פאַר־שווינדן, צוהעלפנדיק דערביי עס צו צעשטערן.

דאָס איז אָבער נישט נאָר מענדעלעס אַ אייגנשאַפט, נישט זיין אינדיווידועל האַרץ ווערט צעריסן פון דאָזיקן געפילן־פּאָרל, — דאָס האַרץ פון פאָלק ווערט צעריסן פון דאָזיקן געפילן־פּאָרל, פון ליבע־האַס אָדער פון האַס־ליבע, וו ווער עס וויל שטעלן דעם הויפּט־טראָפּ, — אויף דער ליבע אָדער אויפן האַס. ווי פאַרשידן עס זענען נישט אונזערע דריי קלאַסיקער — מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, — אַלע פאַר־מאָגן זיי, געזען פון פויגל־פּלי, איין הויפּט־אייגנשאַפט: זיי האָבן פיינט, זיי לאַכן אויס די פאָרמען און אויך דעם אינהאַלט פון אונזער לעבן (פאָרם איז אינהאַלט אין אַ גרויסער מאָס, — אין אַ גרעסערער ווי מיר מיינען) און בענקען נאָך אים. זיי רופן צו אַנטלויפן פון אים, זיי ווילן אים פאַרמיאוסן אין

אונזערע אויגן, און גלייכצייטיק וועקן זיי אין אונז א בענק־שאפט צו אים, ווייזן אן אויף זיין אייגנארטיקער שיינקייט.

צי האט דען אבער די ליטעראטור געקאנט זיין אנדערש אין א צייט פון איבערברוך, ווען אן איינגעפונדעוועט לעבן, א לעבנס־נוסח פון לאנגע יארהונדערטער האט זיך גענומען ברעכן, אן א זיכערן אויסבליק אויף א מארגן? אן אן אנדער באדן אונטער די פיס, לאזנדיק דאס פאלק אומבאשיצט אין דער לופטן? עס האט זיך געבענקט נאך עפעס נייעס, אבער מען האט מורא געהאט פארן דאזיקן נייעם, אומזיכערן.

פון מענדעלען ביז אן ערך די ערשטע יארן פון 20טן יארהונדערט (געשיכטלעכע און ליטעראַרישע עפאכעס האבן נישט קיין שנור־גלייכע, פעסט־ארומגעצאמטע גרענעצן) האט אין אונזער ליטעראטור געהערשט — מיט פארשידענע עוואָלוציאנערע ניואנסן און מיט פארשידענע אנהויבן פון דער נייער ליטעראַרישער עפאכע — אַט־דער אמביוואלענטער צו־שטאנד: מען איז געלאפן פונם אלטן דורך דער פראנט־טיר און זיך באמיט צוריקקומען צום זעלבן אלטן דורך א הינ־טער־טיר.

מענדעלע, וואס האט דער ערשטער ליטעראַריש־מעכטיק אויפגעבראכן די פראנט־טיר — צום ארויסלויפן, — האט אליין גענומען אויסהאקן די הינטער־טיר אויף אריינצוקומען צוריק.

און אזוי ביי א צוויי דורות.

ערשט ווען עס זענען אויפגעקומען די גרויסע אילוזיעס פון א נאציאנאלן זיכערן מארגן אט טאקע שוין, נאך אין אונזערע צייטן, — ווען דער טרוים פון א סאציאלן משיח, פון א ליבעראלער נאציאנאלער אויטאנאמיע, פון א יידישער טע־ריטאריע צי אין ארץ־ישראל, צי אין אן אנדער לאנד זענען געווארן קאנקרעטער און זיכערער, האט דאס פאלק זיך א לאז געטאן צום מארגן, נישט קוקנדיק אויף צוריק: דער גלויבן אין דער צוקונפט האט פארביטן די ליבע צו דער פארגאנגענהייט.

עס באווייזט זיך נאך אמת פון צייט צו צייט א מירעלע, אבער עס איז שוין „נאך אלעמען", — זי ווייסט שוין אפילו נישט וואס עס פעלט איר. עס באווייזן זיך נאך נאמ־

בערגס העלדן, וואָס גייען אַרום אויפֿן עולם התוהו, אָבער זיי זענען קרבנות פֿון קאָמפּלעקסן, וועגן וועלכע זיי ווייסן נישט, אַז זיי שטאַמען פֿון דער פֿריער קינדהייט. אין אַלגעמיין אָבער נעמט זיך דער האַרץ־נויראַז היילן, — זאָל זיין אַז געהיילט בלויז דורך דער סוגעסטיע פֿון אילוזיעס.

וואָס זיכערער דאָס יידישע פֿאָלק שפּרייזט אויף די פֿאַר־שידענע וועגן פֿון גאולה; וואָס נענטער און זיכערער עס זעט אויס צו זיין דער ציל, אַלץ „געזינטער" און „נאָרמאַלער" ווערט אונזער ליטעראַטור. אויפֿן יידישן ליטעראַט הערט אויף צו דריקן די לאַסט פֿון זאָרג פֿאַרן קיום־האומה, וועמעס עקזיסטענץ און צוקונפֿט עס זענען געזיכערט אין די פֿאַרשידענע פּאָליטישע פּראָגראַמען, וואָס גייען צו דער פֿאַרווירקלעכונג: דער יידישער ליטעראַט קאָן זיך פֿאַרנעמען מיט זיינע פּער־זענלעכסטע געפֿילן אָדער מיט די נייע פֿאָרמען פֿון אונזער פּאַראַלמענטשלעכט לעבן.

וואָס מער די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ איז געזיכערט, אַלץ ווייניקער נאַציאָנאַל ווערט די ליטעראַטור: די לאַסט, וואָס הערט אויף צו דריקן אויפֿן יחיד, פֿאַלט אויך אַראָפּ פֿון דער ליטעראַטור.

די קאַרדיאָגראַם פֿון אונזער ליטעראַטור ווייזט פּלוצלינג אויף, אַז אַ שרייבער ווי ז. י. אנכי, דער דיכטער פֿון ר' אבאן, קאָן זיך גאָר פֿאַרנעמען מיט אַ ראָמאַן אין האַמסונישן סטיל; עס ווערט מעגלעך די דיכטערישע דערשיינונג פֿון אַ לייב ניידוס.

די אַלטע מייסטערס כאַפּן זיך נאָך מער צום אַלטן, אויפֿ־צוהיטן דאָס בילד פֿונם אַלטן פֿאַר די קומענדיקע דורות, זיכערן די קולטור ירושה, דעם גייסטיקן המשך, אָבער די יונג־אַרויס־שפּראָצנדיקע ליטעראַטור איז אינגאַנצן געווענדט מיטן פּנים צו זיך, — דער מלחמה־צושטאַנד איז געענדיקט, די ליטעראַטור איז דעמאָביליזירט געוואָרן.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז באַזונדערס בולט געוואָרן זינט דעם „פּעלקער־פּרילינג" פֿון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער וועג פֿון ציוניזם איז געלעגן אָפֿן, אויסגעבעט מיט דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע, באַשטעטיקט דורך 52 פֿעלקער. דער וועג פֿון די גלות־אויטאָנאָמיסטן איז אויך געווען באַשאָטן מיט

רויזן: אַ טראַקטאַט פון מינדערהייטן־רעכט איז געלעגן כּתוב וחתום אין דער פעלקער־ליגע, טעאָרעטיש איז זייער גלויבן געווען באַשטעטיקט און פּראַקטישע שוואַכע שפּורן פון אויטאָנאָמיע זענען אויך געווען דאָ און דאָרט; וועגן סאָציאַלן משיח איז דאָך שוין אָפּגערעדט, — אין פאַרשידענע לענדער האָט ער שוין געהאַט אַריינגעריטן אויף זיין רויטן פערד און אין אַנדערע האָט מען זיך געריכט אויף אים.

די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געווען די לייכטסטע און שענסטע אין דער נייעסטער יידישער געשיכטע און אין דער יידישער ליטעראַטור, — עס האָט גערעגנט אויף אונז מיט האָפענונג פון אַלע זייטן.

און די קאַרדיאָגראַם פון אונזער ליטעראַטור באַווייזט אויפן בולטסטן אופן, ווי פריי און שפּילעוודיק דאָס האַרץ פון פאָלק האָט גענומען קלאַפּן.

דער יידישער שרייבער — און באַזונדערס דער פּאָעט, ווייל דאָס איז דאָך געווען דער עיקר אַ ממשלה פון שטימונגען און געפילן, און נישט פון קאָנקרעטע, רעאַלע לעבנס־פאָרמען, וואָס לאָזן זיך פורעמען אין געשטאַלטן, — האָט זיך דערשפּירט אַזוי פריי, ממש הפקר. די יונגע האָבן זיך אומעטום אַרים געטאָן פון די באַפרייטע צוימען פון נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוויזם צום סאָציאַלן אָדער צום עקסטרעמען אינדיווידואַליזם, — ביז הפקרדיקער זילב־עקסצענטרישקייט. דאָס יידישע וואָרט, וואָס איז אַזוי לאַנג נישט געווען פריי פון ספּעציפיש־יידישן אינהאַלט און דרוק, האָט זיך פאַרשיכורט מיט די נייע טעאָריעס פון פריי זיין פון יעדן אינהאַלט, זיי האָבן זיך פאַרשיכורט מיטן אייגענעם „איך” און מיטן וואָרט אַלס זעלבסטצוועק.

אָבער ווי נאָר די גרויסע אילוזיעס האָבן אָנגעהויבן ענטגילטיק צו פאַרשווינדן — אין די דרייסיקער יאָרן, — באַווייזט זיך אויף דער קאַרדיאָגראַם פון דער יידישער ליטעראַטור די געענדערטע שטימונג פון יידישן האַרץ.

גראַד דער הפקרדיק - זילב - עקסצענטרישסטער רעגיסטרירט — לויטן געזעץ פון רעאַקציע — צום שאַרפסטן די געענדערטע שטימונג פון יידישן פאָלקס האַרץ, — יעקב גלאַט־

שטיין אין זיין ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט", וואָס פּיקסירט דעם איבערברוך אין דער שטימונג פון יידישן לעבן און פון דער יידישער ליטעראַטור.

די אַנטוישונג — געכפּלט אויף פּאַראַכטונג — צו דער גויאישער וועלט, האָט געוואַלדיק אַ ריס געטאָן דאָס האַרץ מיט בענקשאַפט צום אַלטן. די אומזיכערקייט מיטן היינט און דער גרויליקער שרעק פאַרן מאָרגן האָבן געקעפּט דאָס געפיל פון זעלבסטזיכערקייט און דאָס גאַנצע וועזן פונם יידן האָט אינסטינקטיוו־קאָנוולסיוו גענומען זוכן אַן אינהאַלט, אַן אָנהאַלט. און צוריקגעשטויסן פונם פיזיש־ברוטאַלן אַרום און פונם גייסטיק־סובטעלן „איך", האָט דאָס יידישע פאָלק געהאַט בלויז איין מקום־מקלט — אין זיך, און דאָרט האָט עס געקאָנט געפינען בלויז דאָס אַלטע, ווייל אַלדאָס איבעריקע, — דער גלויבן אין סאָציאַלן משיח, דער גלויבן אין ציוויליזירטן ליבעראַליזם, דער גלויבן אין דער אונטערשריפט פון 52 פעלקער, — איז געלעגן אין חורבות נישט נאָר אָביעקטיוו, אין דער וועלט, נאָר נאָך מער אין יידנס האַרץ, סוביעקטיוו, ווייל דאָרט, ווו דער גלויבן האָט צום מערסטן און צום ריינסטן געבויט (ווייל מען האָט זיך צום מערסטן אין אים געגוויטיקט און ווייל ער האָט צום מערסטן אַנטשפּראָכן דעם געשיכטלעכן לעבן פון פאָלק, זיין מענטאַליטעט), איז ער צום מערסטן פאַרוועלקט געוואָרן.

דאָס יידישע לעבן איז פול געוואָרן מיט אומגלויבן און פאַראַכטונג צום אַרום און מיט בענקשאַפט און ליבע צום אייגענעם יש. פּונקט ווי פריער איז דער ייד געלאָפן פון זיך צו דער וועלט, אַזוי האָט ער איצט גענומען לויפן פון דער וועלט צו זיך.

און די ליטעראַטור שפּיגלט דאָס אָפּ, זי רעגיסטרירט דאָס, זי גיט דעם אַן אויסדרוק און העלפט דאָס דורך דעם פאַרשטאַרקן, פאַרטיפן, אַרויסברענגען דעם דאָזיקן צושטאַנד פון אונטערבאַוווסטזיניקייט צום באַוווסטזיין, פון אינסטינקטמעסיקן צום באַזינונגסמעסיקן, פון געפיל צום ווילן.

ווי פאַרשידן עס זאָל נישט זיין דער וועג פון אירגון פון די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס שרייט „קדוש,

קדוש, קדוש" צום יידישן „געהויקערטן לעבן" און זיינע קידוש־השם־מאָמענטן, — ליגן זיי אויף איין ליניע: פון דער וועלט — צו זיך און דער אומקער צום פּאַרצייטיקן יידישן לעבנס־שטייגער (יעדער דור האָט זיך זיין אופן פון קידוש־השם, אָבער דער העראָאיש־נאַציאָנאַלער מסירת נפש בלייבט).

יעקב גלאַטשטיינס „אַ גוטע נאַכט, וועלט" האָט אים אויף אַ נאַטירלעך־פונקציאָנעלן אופן געמוזט פירן צום טיף־יידיש־לעכן בראַצלאַווער־ציקל. ער, וואָס האָט געוואָלט „אָפּוויקלען וואָרט פון מיין", בעט זיך אין „אַ חלום" ביי ביאַליקס פויגל, עס זאָל אים איבערענטפערן ביאַליקס וואָרט, „וואָס האָט אין אים גענערט יידישלעכע פרייד און דורותדיקן טרויער". ער וויל ווערן דער יורש פון ביאַליקס וואָרט, כדי „אַ בלאָז טאָן דעם לעבעדיקן אָטעם אויף דעם גאַנצן גלות".

דאָס איז דער טרוים פון דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ גאַנצער אין איצטיקן מאָמענט, — זי רייסט זיך צו ביאַליקס וואָרט, ווען מען נעמט דעם נאָמען ביאַליק ווי אַ סימבאָל פאַר דאָס גרויס־נאַציאָנאַלע. יעקב גלאַטשטיין איז נאָר דער בולט־סטער, שאַרף־אָפּנסטער ביישפּיל, אָבער נישט דער איינציקער, נישט קיין אויסנאַם. די גאַנצע יידישע ליטעראַטור האָט אָנגע־שטעלט די פּלייצע, כדי אָנצולאָדן אויף זיך דעם יידישן יאָך און די יידישע אחריות, ווייל דאָס יידישע לעבן דיקטירט איר אָרגאַניש אָט־די שליחות: אויסדריקן די בענקשאַפט צום יידישן לעבן און שטאַרקן די הערצער צום קידוש־השם־לעבן.

אָט־די צוויי עלעמענטן, מיט וועלכע אונזער ליטעראַטור הויבט זיך אָן אַלץ מער און מער אָנצופילן, איז דער נייסטער קאַפּיטל אין דער שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור. זי ווערט ווידער פון אַ לויז־אינדיווידואַליסטישער, אַ קאָלעקטיוו־געשמידטער כלי־זין, ווייל דאָס יידישע האַרץ האָט אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן גענומען קלאַפּן אַנדערש ווי אין די צוואַנציקער.

פאַרשטיין דעם זינען און די אָרגאַנישקייט פון דער ענדע־רונג אין דער יידישער ליטעראַטור און באַוווסטזיניק שטאַרקן די דאָזיקע נאַטירלעכע טענדענץ, איז די אויפגאַבע פון דער יידישער קריטיק.

אין יידישן לעבן קומט היינט פאַר אַ פּסיכישע רעוואָלוציע קעגן דער פּסיכישער רעוואָלוציע פון נעכטן, — דאָס פאָלק האָט מיטן טיפן אינסטינקט דערשפּירט, אַז צו אַלע אַנדערע בלי־זינס צום קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ, דאַרף עס אָפּגראָבן אין זיך דעם אַלטן בלי־זין פון זיינע קולטור־ווערטן און פון זיין גרייטקייט מקדש השם צו זיין אין זייער נאָמען. דער אינסטינקטיווער קער פון פאָלק האָט זיך אינסטינקטיוו איבערגעגעבן דער ליטעראַטור, דער אויסדריקערין פון יעדן שטאַרקן פּסיכישן דרוק. און די אויפגאַבע, די שליחות פון אונזער ליטעראַטור אין דער היינטיקער גורלדיקער תקופה פאַר אונזער פאָלק, איז באַוווסטזיניק מאַכן פאַר זיך און פאַרן פאָלק די דאָזיקע אינסטינקטיווע טענדענצן: אָפּגראָבן אין זיך די יידישע אינהאַלטן, אָפּגראָבן אין זיך דעם יידישן גלויבן אין דעם נצח ישראל, אָפּגראָבן אין זיך די יידישע גבורה צום העראָאישן ווידערשטאַנד — אין אַלע זיינע אַספּעקטן, סיי פון ר׳ עקיבא און סיי פון בר־כוכבא, וואָס האָבן נישט אומזיסט געמאַכט יד אחת, צונויפפלייענדיק די צוויי מינים געווער פאַר איין ציל.

מעלבורן, 26־27 יוני, 1948.

ב. אַן ענטפער ש. ניגערן

ש. נ. פּאָלעמיזירט אין זיינע „רעיונות און ספקות" („צוקונפט", יאַנואַר, 1949) מיט מיינע טעזיסן צו אַן אַרבעט „די שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור" („צוקונפט", סעפּט., 1948). ווי אינטערעסאַנט עס זאָלן נישט זיין די ספקות פון חשובן קאָלעגע ש. נ., און ווי ריכטיק עס זאָלן נישט זיין זיינע רעיונות, ספק איך אָבער צי זיי האָבן תמיד אַן אָרגאַנישע שייכות צו מיינע טעזיסן.

די צרה באַשטייט, לויט מיין מיינונג, אין דעם, וואָס איך האָב צופעליק דערמאָנט אין מיין אַרטיקל דאָס וואָרט „אירגון". דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף ש. נ. און היות שרעק האָט גרויסע אויגן, האָט זיך דעם חשובן קאָלעגע ש. נ. אויסגעוויזן, אַז דער אירגון איז די לעבעדיקע אַקס פון מיין געדאַנקענגאַנג אין אויבנדערמאָנטן אַרטיקל.

איך האָב געשריבן: „ווי פאַרשידן עס זאָל נישט זיין דער וועג פון אירגון פון די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס שרייט „קדוש, קדוש, קדוש" צום יידישן „געהויקערטן לעבן" און זיינע קידוש־השם־מאָמענטן, — ליגן זיי אויף איין ליניע: פון דער וועלט — צו זיך".

איך האָב דערמאָנט דעם „אירגון" ווי אַן עקסטרעמסטן קעגנזאַץ צום שרייען „קדוש" צו אונזער געהויקערטן לעבן, כדי דערמיט אונטערצושטרייכן וואָס בולטער — און וואָס קירצער — די אַלגעמיינע טענדענץ פון יידישן לעבן, אָבער ביי ש. נ. באַקומט מיין זאַץ אַן אַנדער ווערסיע, — אַן אויסגע־טייטשטע און אַן אריינגעטייטשטע — שיער נישט אַן איר־גוניסטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע:

„די שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער איצ־טיקער צייט (איז) צו פאַרשטיין (און צו געבן צו פאַרשטיין אַנדערע) אַז אַזוי ווי ר' עקיבא האָט געמאַכט אַמאָל יד אחת מיט בר־כוכבא'ן, דאַרף מען איצט זען, אַז „דער וועג פון אירגון און אַנדערע יידישע וועגן, ווי פאַרשידן זיי זענען, זאָלן ווערן איין וועג".

דער חילוק איז נישט קיין קליינער, ווי דאָס קאָן זיך אפשר עמעצן דאַכטן: לויט מיין מיינונג ליגן די דאָזיקע צוויי עקס־טרעמע דערשיינונגען אויף איין ליניע, — עס קומט אין זיי ביידע צום אויסדרוק דער צייט־גייסט פון אונזער איצטיקן גע־שיכטלעכן מאָמענט. איך האָב זיך אָבער נישט פאַרנומען אין מיין אַרטיקל מיט פריידיקן, אַז אַלע יידישע וועגן זאָלן ווערן איינס מיטן וועג פון אירגון.

אין אַ צווייטן אינטערפּרעטאַטאַרישן טעות פונם חשובן ש. נ. בין איך נישט וויניקער שולדיק ווי ער. איך האָב באַ־דאַרפט קלאָר מאַכן אין מיינע „נאָטיצן", אַז „דברה תורה בלשון בני אדם": אויב איך רעד וועגן דער שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור, מיין איך דאָס נישט אין זינען פון אַ מיסיע (ווי ש. נ. אינטערפּרעטירט: דער „ליטעראַטורס... פונקציע אָדער מיסיע"), נאָר אין זינען פון אַ פונקציע. „שליחות" ווערט באַ־נוצט ווי אַ מער בילדעריש וואָרט, ווי פונקציע, אָבער נישט אין זינען פון דערפילן אַ שליחות (אַ מיסיע), וואָס ווערט באַ־

שטימט פון עמעצן אָדער צוליב עפּעס, נאָר אין זינען פון אומ־פאַרמיידלעכקייט, ווייל אַנדערש קאָן דאָס נישט זיין, ווי דאָס איז קלאָר פון גאַנצן אַרטיקל מיינעם, אָבער מיין טערמינאָלאָגיע קאָן אריינפירן אין א טעות. *)

* * *

איצט וועל איך פּרוּוון זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די פאַלשע אויספירן פון ש. נ.'ס טעותדיקע הנחות.

ש. נ. שרייבט: „אויב די מאָביליזאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז, לויט ראַפּאָפּאָרטן, איצט ווידער אַמאָל נויטיק געוואָרן, פּירט באמת טאַקע צו איר מיליטאַריזירונג, אויב צו די אַלע מינים „געווער", וואָס דאָס יידישע וואָרט דאַרף איצט העלפן אויסשמידן, געהערט אויך דאָס כלי־זין פון די נייע בר־כוכבאס, די אירגוניסטן, — איז דאָן אפשר נויטיק צו שטעלן אונטער א פראַגע־צייכן די געוואונטשנקייט פון דער עצם מאָביליזירונג פון דער יידישער ליטעראַטור? . . . מיר שרעקט דער פאַקט, וואָס מאָביליזאַציע איז ערב־מלחמה, און העלפן דער יידישער ליטעראַטור ווערן א ליטעראַטור פון קריגס־פראָנט... הייסט העלפן שאַפן אין איר די אַטמאָספערע פון סופער־דיסציפּלינירונג, די אַטמאָספערע פון „טו, וואָס מען הייסט דיר!".

עס איז זייער געפערלעך אָנצוכאַפּן א פאַרגלייך און אים נישט אָפּלאָזן, — דאָס איז ווי כאַפּן א גליווערעמל און צו־טראָגן אים צו ליכט, כדי צו זען בעסער זיין ליכטיקייט . . .

א פאַרגלייך איז געמאַכט געוואָרן דערויף, ער זאָל א בליץ טאָן, עפּעס באַלייכטן און מען זאָל גיין ווייטער דעם וועג אָן אים, — מען טאָר אים נישט מיסברויכן.

---

*) אינם רעפעראַט (פון וועלכן עס זענען טיילווייז אַרויס־געוואָקסן די „נאָטיצן"), געהאַלטן אין סידנעיער „פאָלקס־צענטער", האָב איך גלייך ביים אָנהויב געוואָרנט פאַר נעמען דאָס וואָרט „שליחות" בוכשטעבלעך, ווייל איך באַצייכן דערמיט א „פונקציע".

איך האָב באַנוצט דעם פאַרגלייך פון מאָביליזאַציע, כדי צו באַלויכטן מיין געדאַנק (אָדער ריכטיקער נאָך: די לאַגע פון דער יידישער ליטעראַטור), אַז די יידישע ליטעראַטור האָט, צוליב דער ענדערונג פון אונזער לעבן, פאַרלאָרן די אינערלעכע, אינדיווידועלע פרייהייט פון באַוועגונג, — זי ווערט צוריק מאָביליזירט ווי אַ קאָלעקטיווער, נאַציאָנאַלער כלי־זין. „זי ווערט ווידער — האָב איך געשריבן, — פון אַ לויז־אינדיווידואַליסטישן — אַ קאָלעקטיוו־געשמידטער כלי־זין, ווייל דאָס יידישע האַרץ האָט אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן גענומען קלאַפּן אַנדערש ווי אין די צוואַנציקער". ווי מען זעט, האַנדלט זיך דאָ נישט אין קיין אויסערלעכן צוואַנג פון „טו, וואָס מען הייסט דיר!", נאָר אין אַן אינערלעכן פרייוויליקן מוז אויסצודריקן דאָס, וואָס מען לעבט איבער, וואָס פילט אָן די טעג און די נעכט פון עמאָציאָנעל־און באַוווסטזיניק־וואַכן יידן. נישט מען הייסט איר ווערן אַ קאָלעקטיווער כלי־זין, נאָר זי ווערט, אין הסכם מיט איר פונקציע, ד. ה. איר אינערלעכער נאַטור.

לויט מיין אויפפאַסונג פון ליטעראַטור, — ווי איך האָב דאָס אויסגעדריקט ביי צענדליקער געלעגנהייטן און אין ספּעציעלע אָפּהאַנדלונגען („מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע", למשל), — איז צוואַנג אַ טויט פאַר דער ליטעראַטור. איך האָב שוין וויפל מאָל אָנגעוויזן, אַז דער צוואַנג אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט דאָרט אָפּגעשאָכטן די ליטעראַטור, — איז ווען איך פאָדערן אַן אויסערלעכע צוואַנג־מאָביליזאַציע (נאָך אַ ממש־מיליטערישע דערצו!) פון דער ליטעראַטור?

איך שילדער אַ פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין אונזער ליטעראַטור פון אינעווייניק; איך שילדער איר פרייוויליקע, אָרגאַנישע פּסיכישע מאָביליזאַציע (לויט די אימאַנענטע געזעצן פון דער ליטעראַטורס פּסיכאָלאָגישער פונקציע, אין וועלכער איך גלויב, וועלכע מאַכט פאַר מיר ליטעראַטור עפּעס מער ווי אַ שפּיל אָדער אַן אינטעלעקטועלן צייט־פאַרטרייב), און איך זאָג, אַז אָט די טעמאַטישע און עמאָציאָנעלע קאָלעקטיוויזאַציע פון אונזער ליטעראַטור לויט איר אינערלעכן צוואַנג, איז אַ דערשיינונג, וואָס באַווייזט מיר, אַז אונזער ליטעראַטור פונקציאָנירט דאָס מאָל נאָרמאַל, ד. ה. אַז דאָס לעבן אונזערם רעאַ־

גירט נאָרמאַל. און דאָס איז פאַר מיר אַ טרייסט, ווי עס איז אַ טרייסט פאַר אַ דאָקטאָר, ווען די סימפּטאָמען פון אַ קראַנקהייט זענען נאָרמאַל.

במילא איז שוין — פאַר מיר יעדנפאַלס — פאַרענטפערט ש. נ.'ס פראַגע: „ווי שטעלט זיך ראַפּאָפּאָרט פאַר „די שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור" בנוגע צו די וואָס רעוואָלטירן קעגן אַזאַ מין קאָלעקטיווער „שליחות" און ווילן נישט האָבן צו איר קיין שום שייכות?".

די דאָזיקע וועלן במילא אויסדריקן (לויט די אייביקע געזעצן פון דער ליטעראַרישער פונקציע) זייער שטאַנדפּונקט (ווייל קיינער וועט זיי פון דרויסן נישט טאָרן און נישט קאָנען צווינגען) און איך וועל זאָגן, אַז זיי האָבן אַ שוואַכן חוש השמיעה פאַר דער צייט־שטים פון דער יידישער געשיכטע.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָ גייט בפירוש נישט אינם „אירגון־געווער", וואָס האָט אַרויסגערופן ש. נ.'ס ספקות און שרעק. די מאָביליזאַציע, וואָס האָט זיך ביי ש. נ. פאַרבונדן מיט דעם אירגון־געווער (פאַרוואָס נישט מיטן געווער פון געטאָ־קאַמף אָדער מיטן הגנה־געווער? פאַרוואָס בכלל מיט געווער ממש?), איז גאָר ביי מיר געווען פאַרבונדן מיט דער מאָביליזאַציע פון דער ליטעראַטור אויפצולעבן דעם יידס בענקשאַפט צום פינטעלע ייד, שטאַרקן זיין דראַנג זיך אומצוקערן צו זיך, אויסדריקן דעם עקל מיט זיין נעכטיקן (און ביי אַנדערע—אויך היינטיקן) אַראָפּפאַלן ביי זיך פאַר דער „קולטור" פון דער אויסערלעכער וועלט, וואָס איין טייל מאַכט פעטס פון מענטשלעכע קערפּערס (דערמאָרדעטע טאַקע דורך זיי) און די צווייטע טייל ווערט אפילו נישט אויפגעציטערט דערפון אויף אַן אמת.

וואָס איין וואָרט „אירגון" (באַנוצט ווי אַן עקסטרעמער באַגריף) און איין בילד וועגן מאָביליזאַציע קאָן אָנמאַכן אין אַ פּאַניק־שטימונג!

איך וועל יעדנפאַלס זיין דער לעצטער צו וועלן מקבר זיין מאחורי הפרגוד אָדער צו האַלטן מחוץ למחנה די שרייבער אונזערע, וועלכע האַלטן, אַז מען דאַרף נישט לויפן פון דער וועלט צו זיך א. א. וו.

איך וועל דאָס נישט וועלן טאָן נישט נאָר מיט אַזעלכע יידישע שרייבער, ווי ש. נ., נאָר אפילו נישט מיט די פאָרשטייער פון דער נעאָ־אַסימילאַציע, ווי דאָס זענען די, וואָס האַלטן נאָך אויך איצט, אַז מען דאַרף קוקן די בעווינס אין מויל אַריין און דערוואַרטן פון זיי די ישועה.

איך וועל בלויז אויך זיך געבן דאָס רעכט צו זאָגן וואָס איך טראַכט וועגן זיי.

עס האַנדלט זיך בפירוש אין מיין אַרטיקל טאַקע נאָר אין קאָנסטאַטירן ווי עס הויבט אָן צו פונקציאָנירן אונזער ליטעראַ־טור און איך וועל האַלטן פאַר נישט נאָרמאַל, אויב די דאָזיקע טענדענץ (פון איר פונקציע) וועט געענדערט ווערן אַנשטאָט פאַרשטאַרקט צו ווערן. און די, וואָס גייען נישט „אין שפּאַן פון דער „צייט" און איר „גייסט" (ווי ש. נ. דריקט זיך אויס), דאַרפן גאָר נישט זאָגן „שלאָף געזונטערהייט, מיין פאָלק, — און אַנטשטומט ווערן", — זיי דאַרפן קעמפן קעגן דער פאַלשער ריכטונג פון שטראָם (לויט זייער וויסן און געוויסן).

אָבער זיי דאַרפן זיך נישט איינרעדן, אַז זיי זענען דאָס די, וועלכע גייען פאַרן פאָלק און לויפן נישט נאָך אים, וווהין עס זאָל נישט לויפן. ריכטיק, די מיסיע פון אַ ליטעראַטור באַשטייט אין גיין פאַרן פאָלק, אין קלאָר מאַכן אים דאָס, וואָס עס הויבט אָן אַנצוּוואַקסן אין אים. אָבער נישט יעדעס מאָל, ווען אַ ליטעראַטור ווערט „נאַציאָנאַל קאָלעקטיוויזירט", לויפט זי נאָך נאָכן פאָלק, — אָפּטמאָל גייט זי פאָראויס און שלעפּט דאָס פאָלק נאָך זיך. און אָפּטמאָל איז גאָר גוט נאָכצולויפן, ווען דאָס פאָלק, אין זיין טיפער אינטואיציע, דערשפּירט דעם וועג פריער פאַר זיין אינטעליגענץ.

יוחנן בן זכאי, וואָס האָט נאַציאָנאַל קאָלעקטיוויזירט דאָס יידישע פאָלק, איז אים נאָכגעלאָפן אָדער עס געפירט?

און אויך ישעיהו הנביא, וואָס דאַרף, לויט ש. נ., באַווייזן, אַז די שעפערישסטע עפּאָכעס אין אַ ליטעראַטור זענען נישט די נאַציאָנאַל־קאָלעקטיוויזירטע, — אויך ישעיהו הנביא האָט קאָלעקטיוויזירט אונזער ליטעראַטור, הגם ער איז נישט נאָכ־געלאָפן דעם פאָלק, נאָר געגאַנגען פאַר אים און אים געפירט טאַקע אויפן וועג פון נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוויזאַציע.

געווייס, ווען יוחנן בן זכאי'ס און ישעיהו הנביא'ס קאָלעקטיוויזאַציע־מאָמענטן וואָלטן געווען געקומען פון דרויסן, ווי אַ צוואַנג פון „מצות אנשים מלומדה", וואָלט עס געווען געפירט צו אַ דעגענעראַציע פון דער ליטעראַטור; אָבער היות ווי עס איז געקומען פרייוויליק פון אַ טיפער איבערצייגונג אין דער נויטווענדיקייט פון קאָלעקטיוויזאַציע פון נאַציאָנאַלן ווילן און פון די נאַציאָנאַלע געפילן, איז דאָס געווען שעפעריש און עס האָט דערפירט צום סם החיים.

געווייס, אַ ליטעראַטור איז פאַרבנרייכער, ווען זי קאָן געבן אייגערלעכע פרייהייט די דיכטער און שרייבער צו שאַפן לויט זייער אינדיווידועלן געשמאַק; אָבער דאָס ווענדט זיך נישט אין אונז: ווען עס קלינגט דער נאַציאָנאַלער אַלאַרם, ווערן שפּירבאַרע שרייבער אינערלעך מאָביליזירט, און צוזאַמען מיט אַלע כאַפּן זיי זיך אויך צום געווער, — צו זייער וואָרט־געווער, אויב זיי זענען נישט קיין גייסטיקע קאַליקעס אָדער דעזערטירן (אָדער זיי קעמפן פאַר זייערס אַן אינדיווידועלער אידייע, אין וועלכער זיי גלויבן מיט רעכט אָדער אומרעכט).

ש. נ. באַרירט אין זיינע „רעיונות און ספקות" אַן אַ שיעור וויכטיקע, אינטערעסאַנטע און שווערע פּראָגעס, וואָס עס איז זייער שווער צו ענטפערן אויף זיי, הגם עס וואָלט זייער אינטערעסאַנט געווען זיי צו באַהאַנדלען (ביי אונז לופטערט מען זיי קיינמאָל נישט איבער, פאַרטאָן אין אַ נייער מאַמריסטישער מליצה).

אָבער היות ווי זיי זענען אַדרעסירט צו מיר על־פי־טעות, וועל איך זיך אפשר פאַרנעמען מיט זיי אַן אַנדערש מאָל, אָבער איך האַלט זיך נישט פאַר פאַרפליכטעט צו פאַרנעמען זיך מיט זיי — תוכיק — אין מיין ענטפער אויף ש. נ.'ס דירעקטע טענות צו מיר.

ג. נישט מעכאַנישע נאַציאָנאַלע באַשטעלונג נאָר אָרגאַנישע נאַציאָנאַלע אחריות

אין סעפּטעמבער־נומער פון דער „צוקונפט" (1948), האָב איך געהאַט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל א. נ. „די שליחות פון דער

יידישער ליטעראַטור אין אונזער צייט" (טעזיסן צו אַן אַרבעט); אין יאַנואַר 1949 האָט ש. נ., אין זיינע „רעיונות און ספקות", פּאָלעמיזירט מיט מיין אויבנדערמאָנטן אַרטיקל; אין אָקטאָבער־נומער פון „צוקונפט" (1949) איז געדרוקט געוועזן מיין ענטפער אויף ש. נ.׳ס פּאָלעמיק, און אין זעלבן נומער „צוקונפט" האָט ש. נ. געענטפערט אויף מיין ענטפער.

איך האָב געשריבן נאָך אַן ענטפער, אָבער אים נישט געשיקט צו דער „צוקונפט", ווייל מיין אַרטיקל וואָלט מסתמא דערשינען אין אָקטאָבער 1950 אָדער נאָך שפּעטער.

דאָ נישט לאַנג צוריק האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף מיין אָנגעשריבענעם, אָבער נישט אָפּגעדרוקטן אַרטיקל, און זעענדיק אַז ער איז, אין אַ געוויסן זין, זעלבשטענדיק, און דער ענין איז לחלוטין נישט פאַרעלטערט, האָב איך באַשלאָסן אים אָפּצודרוקן אין „ווייטער".

דער פאַראינטערעסירטער לייענער וועט לייכט קאָנען, אויב ער וועט נאָר וועלן, אָנקניפּן אין דער פריערדיקער, אויבן־אָנגעוויזענער, פּאָלעמיק.

* * *

אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען פון דער סעריע „שרייבערס און קריטיקערס" (אין ניו יאָרקער „טאָג") האָט ש. ניגער פּרובירט אויפווייזן, אַז די באַרימטע (און טרויעריק־באַרימטע) סאָציאַלע באַשטעלונג פון דער פּראָלעטאַרישער קריטיק איז ביי מנחם באָריישאָ ע"ה און ביי א. גלאַנץ (צו לאַנגע יאָר) פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „נאַציאָנאַלער באַשטעלונג".

לויט ש. ניגערס פאָרמולירונג, באַשטייט די „נאַציאָנאַלע באַשטעלונג" (היות דאָס קלינגט כמעט ווי „סאָציאַלע באַשטעלונג", איז די דאָזיקע לאָזונג גענוג קאָמפּראָמיטירט שוין צוליבן נאָמען אַליין) אָט אין וואָס: „דער קריטיקער וואָלט געדאַרפט, הייסט עס, פאָדערן פון דער ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען און פון יעדן פון אירע פאָרשטייערס באַזונדער, אַז זיי זאָלן פאָרמולירן אָדער בילדלעך אויסדריקן זייערע היסטאָרישע צילן, ברענגען צו זייער באַוווסטזיין די לעבנס־שליחות, וואָס די געגעבענע תקופה פון דער געשיכטע לייגט אויף זיי אַרויף".

נאָך דער דאָזיקער דעפיניציע פון דער „נאַציאָנאַלער באַ־שטעלונג", וואָס מנחם באָריישאָ האָט געפאָדערט און וואָס א. גאָלאָמב פאָדערט, ווענדט ש. ניגער זיין אויפמערקזאַמקייט צו אַנדערע דריי שרייבער, — די קריטיקער ב. ריווקין ע"ה, ישעיה ראַבינאָוויטש און י. ראַפּאָפּאָרט, — וועלכע זענען אויך געכאַפּט אין דער מעשה „נאַציאָנאַלע באַשטעלונג".

וויל איך אויסנוצן די געלעגנהייט, כדי נאָך אַמאָל קלאָר מאַכן מיין טעאָריע (ווי ש. ניגער רופט עס אָן אויף אַן אַנדער אָרט, אין זיין פּאָלעמיק מיט מיין „די שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור אין אונזער צייט").

אמת, נישט געקוקט אויף דעם וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט נישט די מעגלעכקייט טעאָרעטיש צו באַאַרבעטן די דאָזיקע טעמע סיסטעמאַטיש (און וועלכע טעמע האָט זי דען יאָ אַ מעגלעכקייט טעאָרעטיש און סיסטעמאַטיש צו באַאַרבעטן?), דאָך האָב איך מיין דאָזיקע „טעאָריע" אַזוי פיל מאָל באַ־האַנדלט אין קורצע אָפּהאַנדלונגען, אַז נאָך אַן אויפקלערונגס־אָפּהאַנדלונג וואָלט שוין באַדאַרפט זיין איבעריק. אָבער לוידער איז עס נישט אַזוי...

* * *

„י. ראַפּאָפּאָרט... — שרייבט ש. ניגער אין זיין אַרטיקל „די קריטיק פון נאַציאָנאַלער באַשטעלונג" („טאָג", 26 יוני, 1949), — איז אַזוי זיכער אין דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער שיטה (ד. ה. פון דער „נאַציאָנאַלער באַשטעלונג", אַז מען דאַרף „פאָדערן פון דער ליטעראַטור... העלפן פירן דעם פאָלקס מלחמות"), אַז לויט זיין מיינונג איז גאָר נישט נויטיק צו מאַכן אַזאַ מין „נאַציאָנאַלע באַשטעלונג" ביי דער ליטעראַ־טור — כל זמן זי איז געזונט און טריי צו זיך אַליין; זי טוט עס מחמת דאָס איז איר אָרגאַנישע פונקציע".

דאָס באַדייט, אַז ווען די ליטעראַטור וואָלט פרייוויליק נישט געוועזן געהאָלפן „פירן דעם פאָלקס מלחמות", וואָלט איך דאָס יאָ געוועזן געפאָדערט פון איר, וואָלט איך אויף איר יאָ געוועזן אָנגעוואָרפן מיין „נאַציאָנאַלע באַשטעלונג".

איז דאָס אפשר אַ גאַנץ פיינער פּאָלעמישער צוג, אָבער דער קלאַפּ טרעפט אין דער לופט. איך פאָדער דאָס נישט

ניט דערפאַר, ווייל דאָס איז איבעריק, נאָר ווייל דאָס איז אַרויס־געוואָרפענע טרחה, אַן אוממעגלעכקייט. אויב איך גלויב, אַז ליטעראַטור איז אַן „אָרגאַנישע פונקציע" (און איך גלויב אין דעם, נאָך מער, — איך וויים דאָס), קאָן איך שוין נישט פאָדערן.

אָבער מיין אומשולד אין דער זינד פון פאָדערן פאַר דער ליטעראַטור נאַציאָנאַלע צוואַנג־אַרבעט ווייל איך באַווייזן נישט נאָר מיט לאָגיק (מען איז אָפט אין דער קריטיק אומלאָגיש) און מיט עטלעכע ציטאַטן (ווי איבערצייגנדיק זיי זאָלן נישט זיין), נאָר מיט תוך־זאַכן.

אין מיין אַרטיקל „די יידישע ליטעראַטור דערפילט דאָך איר אויפגאַבע" („טראָפּנס גלויבן", ז"ז 215־228), — אַן אַרטיקל, וואָס פאַרנעמט זיך אַ סך מיט דער אָרגאַנישער פונקציע פון ליטעראַטור און מיט איר שליחות, — שרייב איך (פּאָלע־מיזירנדיק מיט מיין מיטשולדיקן אין דער זינד פון פאָדערן נאַציאָנאַלע באַשטעלונג — מיט א. גאָלאָמבן):

„אַלדאָס, וואָס פּרעטענדירט נישט צו שמידן באַגערנדיקע אַקטיווע יידישע נשמות, — שרייבט א. גאָלאָמב, — אַלדאָס וואָס איז „ריינע קונסט", „ריינע וויסנשאַפט" אויף יידיש — אַלדאָס דאַרף אָפּגעלייגט ווערן אויף בעסערע, רואיקערע צייטן... איצט מוז אַלץ, און איבערהויפּט קונסט, קאָנצענטרירט זיין אויף איין געביט: לעבט, ווילט לעבן, שטרעבט... גייט, ווי פּרצ'עס ייד פון די „דריי מתנות", „קאַסטראַי", באַמערקט נישט די שמיץ פון די פלייסענע גולמס־שמייסער און היט אייער יאַרמולקע... אָט דאָס דאַרף זיין די יידישע ליטעראַטור".

„ריכטיק. אָבער דאָס טוט זיך נישט לויט אַ באַשלוס: „לאָמיר דאָס און דאָס אָפּלייגן אויף רואיקערע צייטן און איצט זיך נעמען צו עפּעס וויכטיקערס". אויב מען פאַרמאָגט אַ וועלכע נישט איז „יאַרמולקע", וואָס איז טייער און הייליק, היט מען דאָס און מען איז פול מיט איין געדאַנק, ווי עס צו באַשיצן, און במילא ווערט אַלדאָס איבעריקע איבערגעלאָזן, אָן אַ באַשלוס, אויף רואיקערע צייטן. אָבער ווען מען פאַר־מאָגט נישט קיין „יאַרמולקע", וואָס איז טייערער פאַרן לעבן, נעשעען נישט קיין נסים לויט אַ באַפעל".

און אויף אַן אַנדער שטעלע האָב איך דאָרט געשריבן:

„ווען דאָס לעבן טראָגט אין זיך דעם דראַנג צום מאָרגן אין אַ פּאָטענציעלן צושטאַנד, דאַן קומען שרייבער, וועלכע שפּירן אַרויס די דאָזיקע טענדענצן מיט זייער אינטואיציע, זיי ברענגען זיי אַרויס פּלאַסטיש פאַרן באַוווּסטזיין און אַקטי־וויזירן זיי, סטימולירן זייער וווּקס און פאַרקערפּערונג. אָבער וואָס זאָל טאָן אַ ליטעראַטור, וואָס איר קוואַל פון חיונה טריקנט אויס און קוים וואָס ער טראָפּנט? וואָס זאָל טאָן אַ לי־טעראַטור, „ווען דאָס לעבן נעמט נישט אויף דאָס אייגענע לעבן געגוג שאַרף עמאָציאָנעל, כדי צו קאָנען עס פאַרוואַנדלען אין קלאָר ־ באַוווּסטזיניקער, שאַרף ־ איבערלעבנדיקער, פאָראויס־טרייבנדיקער ליטעראַטור?".

וואָס זאָל מען טאָן?

פון גאַנצן אויבן ציטירטן אַרטיקל מיינעם (ווי אויך פון אַלע אַנדערע אויף דער זעלבער טעמע) איז קלאָר, אַז פאָדערן און באַפעלן קאָן מען נישט, — און נישט דערפאַר ווייל עס איז נישט עטיש, נאָר ווייל עס איז אויך זינלאָז, — דאָס קאָן בלויז שאַפן קאַזאַרמע־ליטעראַטור, ד. ה. דעם ערגסטן סאָרט ליטעראַטור.

„די טויטקייט פון אונזער ליטעראַטור, — שרייב איך דאָרט,—איז אַ רעזולטאַט פון דעם מוראַדיקן זינקען פון אונזער וויטאַלער נאַציאָנאַלער קראַפט. אַ ליטעראַטור, וואָס וואַקסט אויף אַן אויסגעטריקנטן באָדן, איז אַנעמיש".

עס איז, דאַכט זיך, גענוג קלאָר, אַז איך האַלט נישט פון אַ „נאַציאָנאַלער באַשטעלונג", ווייל לויט מיין קוק אויף ליטעראַטור, וועט דאָס האַנט־געלט אויף אַזאַ באַשטעלונג פאַר־לאָרן־גיין . . .

און ווען ש. ניגער פאָרמולירט מיין געדאַנקען־גאַנג אינם אַרטיקל „די שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור" אין די פאָלגנדע ווערטער: „דעם פאָלקס האַרץ קלאַפּט אַנדערש, מוז ממילא אויך דאָס האַרץ פון דער ליטעראַטור אַנדערש קלאַפּן. נישט איר וויזיע דאַרף זיין דעם פאָלקס וועג־ווייזערין, נאָר פאַרקערט, דאָס פאָלק דיקטירט דער ליטעראַטור", טייטשט ער

נישט ריכטיק אויס מיינע פאָלגנדע ווערטער: „די גאַנצע יידישע ליטעראַטור האָט אָנגעשטעלט איר פּלייצע כדי אָנצולאָדן אויף זיך דעם יידישן יאָך און די יידישע אחריות, ווייל דאָס יידישע לעבן דיקטירט איר אָרגאַניש אָט די שליחות: אויסדריקן די בענקשאַפט צום יידישן לעבן און שטאַרקן די הערצער צום קידוש־השם־לעבן... זי (די ליטעראַטור.—י.ר.) ווערט ווידער פון אַ לויז־אינדיווידואַליסטישער, אַ קאָלעקטיוו - געשמידטער כלי־זין, ווייל דאָס יידישע הארץ האָט אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן גענומען קלאַפּן אַנדערש, ווי אין די צוואַנ־ציקער...".

ש. ניגער קאָן זאָגן (און ער זאָגט דאָס טאַקע אינם אויבן־דערמאָנטן אַרטיקל אין „טאָג"), אַז עס איז מיינע אַן איינרעדע־ניש דאָס די גאַנצע יידישע ליטעראַטור האָט „אָנגעשטעלט איר פּלייצע כדי אָנצולאָדן אויף זיך דעם יידישן יאָך און די יידישע אחריות" (ניגער שרייבט דאָרט: „פונדעסטוועגן מוזן מיר אים גלויבן אויפן וואָרט... אַז „פריער איז דער ייד געלאָפן פון זיך צו דער וועלט" און איצט האָט ער „גענומען לויפן פון דער וועלט צו זיך... — קיין אָביעקטיווע ראיות האָט ער [ד. ה. י. ראַפּאָפּאָרט.—י.ר.] נישט און קאָן נישט האָבן"); אָבער דאָס באַרעכטיקט ש. ניגערן לכל הדעות נישט צו רעדן וועגן דעם, אַז „דאָס פאָלק דיקטירט דער ליטעראַטור", ווי, למשל, די יעווּ־סעקציע האָט דיקטירט דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד די סאָצ.־באַשטעלונג. (איך רעד שוין נישט וועגן דעם, אַז דאָס פאָלק איז גאָרנישט אַזוי פול מיט אחריות־באַוווסטזיין, כדי צו דיקטירן דער ליטעראַטור, — די ליטעראַ־טור פילט אַרויס די לעבעדיקסטע טענדענץ אין פאָלקס אונטער־באַוווסטזיין און זי פירט דאָס פאָלק אויף זיינע וועגן, אין זיינע אינטערעסן, און טאַקע נישט אַלס נאָכלויפערין, נאָר אַלס אוואַנגאַרד).

לאָמיר זאָגן, אַז דאָס איז מיין איינרעדעניש, אָבער מיין איינרעדעניש האָט בפירוש נישט בדעה צו דיקטירן, — איך האָב, אַזוי צו זאָגן, אַן אָרגאַנישע איינרעדעניש, ד. ה. אַז איך גלויב, דאָס די ליטעראַטור, אין הסכם מיט איר פונקציע, ווערט דיקטירט אָרגאַניש זי זאָל ווערן אַנדערש.

אמת, איך וואָלט געוועז געקאָנט ווייזן, אַז דאָס איז נישט מיין איינרעדעניש, נאָר אַ פעסטשטעלונג פון אַ ווירקלעכקייט: האָט זיך י. גלאַטשטיין ראַדיקאַל געביטן, צי ניין? זענען אַ היפּש ביסל פּראָלעטאַרישע שרייבער פּלוצלינג געוואָרן נאַציאָנאַל־געשטימט, אָדער נישט? א. א. וו. אָבער איך לאָז דאָס אין אַ זייט. דער עיקר גייט מיר דאָך קלאָר צו מאַכן וואָס איך מיין מיט דעם באַגריף „אָרגאַנישע פונקציע פון ליטעראַטור", ווי אויך אויפווייזן די נישט־ריכטיקייט פון ש. ניגערס אויס־טייטשונג.

און דאָ וויל איך זיך באַנוצן מיט דער הילף, וואָס איך האָב פּונקט היינט באַקומען פון אַן אומגעריכטן צד: פון דר. חיים ווייצמאַן.

אָט לייען איך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע (אינם קאַפּיטל „זשענעווער יאָרן") זיין טיף־ריכטיקע אויסטייטשונג, פאַרוואָס די יידישע סטודענטן־קאָלאָניעס אין מערב־איראָפּע (אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט) האָבן פאַרמאָגט אַזויפיל סטודענטן־לופט־מענטשן, אייביקע סטודענטן, אָדער זייער אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן קוים געענדיקט זייערע עקזאַמענס, אָבער קיינמאָל נישט דערגרייכט דאָס, וואָס זייערע פעאיקייטן האָבן דערלויבט דערוואַרטן פון זיי.

„אונזער לאַגע, — שרייבט ווייצמאַן, — איז קאָמפּליצירט געוואָרן דורך דער שאַרפער מאָראַלישער פּראָבלעם...: ווי אַזוי האָבן מיר זיך געקאָנט ווידמען אונזערע קאַריערעס, בעת די באַדינגונגען אין רוסלאַנד זענען געווען אַזוי ביטער? צי איז נישט געווען פּחדנותדיק און עגאָאיסטיש זיך אָפּצוגעבן דער אַקאַדעמישער אַרבעט, זיך מאַכנדיק טויב פאַרן געשריי פון אייגענעם פאָלק? איך האָב געזען, אַז מיינע נאָענטסטע פריינט, לעאָ מאָצקין, בערטאָלד פייוועל, שמריהו לעווין, נחמן סירקין און אַנדערע, די בעסטע און פעאיקסטע, פאַרנאַכלעסיקן זייער אוניווערזיטעט־אַרבעט. זיי האָבן זיך זייער פרי אריינגעוואָרפן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואַקלענדיק זיך מאָדנע צווישן צוויי ראָלעס (וואָס פּאַסן נישט איינע צו דער צווייטער), — צווישן דער ראָל פון וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע טוער און דער ראָל פון באָהעמישע סטודענטן".

און אויך וועגן זיך פּערזענלעך זאָגט ווייצמאַן, אַז זיין ווייסנשאַפטלעכע נייגונג און זיין אריינגעטוועקייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן אים אַ גאַנץ לעבן געצווינגען יעדע אויף איר זייט. „עס איז קיינמאָל נישט געווען קיין צייט, ווען איך האָב זיך געקאָנט פילן באַרעכטיקט אַרויסצוציען זיך, סיידן צייטווייליק — און אויך דאַן בלויז אין אַ מין סטראַטעגישן צוריקטריט — פון יידישן פּאָליטישן קאַמף. שטענדיק האָט זיך געדאַכט, אַז עס הערשט אַ קריזיס, און תמיד האָט מיר מיין געוויסן פאַרבאָטן אָפּצוגעבן מער ווי אַ טייל פון מיין צייט — געוויינלעך די קלענערע טייל — פאַר מיינע פּערזענלעכע אַמביציעס".

נו, האָט דען עמיצער נויטיק געהאַט צו קומען צו ווייצמאַנען און צו די איבעריקע אומצאָליקע באַגאַבטע יונגעלייט פון יענער צייט, און „דיקטירן" זיי, ווי דאָס טוט די יעווסעקציע אָדער אַ טאָטאַליטאַרע מלוכה, אַז זיי טאָרן איצט נישט אָפּגעבן זייער צייט דער ווייסנשאַפט, ווייל זייער שליחות איז — צו דינען דעם פאָלק דורך דער ציוניסטישער פאָלקס־באַוועגונג? אָדער האָט דען ווייצמאַן באַשלאָסן אידעאָלאָגיש, אַז אַזוי דאַרף זיין און ער האָט אַזוי געטאָן?

נאַטירלעך, אַז נישט!

די בעסטע און שפּירבאַרסטע האָבן טיף איבערגעלעבט די לאַגע פון זייער פאָלק אַלס זייער אייגענע, און פון אינעווייניק — אָרגאַניש! — איז געקומען דער קאַמף צווישן זייערע ריין־פּערזענלעכע נייגונגען און זייערע פּערזענלעך־קאָלעקטיווע נייגונגען. זיי האָבן געהאַנדלט אַזוי, ווי עס האָט זיי דיקטירט דאָס יידישע לעבן, דורך דער פאַרמיטלונג פון זייערע געוויסנס, אויף וועלכע עס האָט טיף געדריקט די לאַגע פון זייער פאָלק אָדער ריכטיקער: זייער לאַגע אַלס יידן.

און פּונקט דאָס זעלבע איז געשען מיט דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך גענומען אָפּגעבן אין די צוואַנציקער יאָרן מיט אינדיווידועלע אָדער, לכל הפּחות, נישט נאַציאָנאַלע איבערלעבונגען, אָבער פּלוצלינג האָט זי גענומען שפּירן, אַז דער קריזיס פון יידישן לעבן איז נאָך נישט אַריבער, און זי

האָט געמוזט, פון אינערלעכן אָרגאַנישן צוואַנג, אומקערן זיך צום פּערזענלעך־קאָלעקטיוון דינסט.

קיינער האָט דאָס פון דרויסן נישט דיקטירט (און נישט געקאָנט דיקטירן אין יידישן לעבן) אָבער דאָס קאָלעקטיווע האָט אויסגעפילט ביי זיי דאָס טיף־פּערזענלעכע.

מען קאָן נישט רעדן וועגן אַן אויסערלעכן צוואַנג (דאָס פּאָלק דיקטירט!) דאָרט, ווו עס רעדט זיך וועגן אַן אָרגאַנישער פונקציע, — אויסערלעכער צוואַנג איז אַ מעכאַנישע פונקציע.

דאָס וואָס ש. ניגער באַצייכנט אַלס „נאַציאָנאַלע באַשטע־לונג" און פאַרבינדט דאָס אַסאָציאַטיוו מיט דער מורא פאַר דער אַטמאָספער פון „טו, וואָס מען הייסט דיר!", האָט לחלוטין נישט צו טאָן מיט דעם, וואָס איך באַצייכן אַלס „אָרגאַנישע פונקציע" פון דער ליטעראַטור אין דער פאָרם (אין איצטיקן מאָמענט) פון איר נאַציאָנאַלער שליחות.

מען קאָן דאָס לחלוטין נישט פאַרבינדן מיט דער דיקטאַ־טאָרישער פאָרם פון דער „סאָצ־באַשטעלונג" (עס איז דאָ אויך אַ פּריוויליקער, אָרגאַניש־פונקציאָנעלער אָפּרוף פון דער ליטעראַטור אויף סאָציאַלע נויטן און באַוועגונגען); זיי זענען לחלוטין אַנדערש.

ווען איך זאָג, למשל, אַז די יידישע ליטעראַטור איז נישט אין אָרדענונג מיט דעם, וואָס זי שפּיגלט נישט אָפּ אין גרויסע ווערק די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגישע קאַמפן צווישן אַסימילאַציע און נאַציאָנאַליזם, צווישן גלות־נאַציאָנאַליזם און ציוניזם, מאַך איך נישט דערמיט קיין פאָרוואורף קיין שום קאָנקרעטן שרייבער און איך באַפעל נישט קיין שום קאָנקרעטן שרייבער צו נעמען זיך צו אָט־אָ־די טעמעס, און איך פאָדער נישט קיין חרם אויף אים, פאַרוואָס ער טוט דאָס נישט.

איך באַנוץ דאָס בלויז אַלס באַוויז, אַז די היינטיקע יידישע שרייבער לעבן נישט איבער טיף דאָס יידישע לעבן און דעם יידישן גורל; און במילא איז דאָס אַ באַווייז, אַז דאָס יידישע לעבן גופא באַזינט שוואַך — אַנעמיש — זיין לאַגע; און דערמיט האָף איך (און דאָס טוט יעדע קריטיק), אַז די קריטיק פון דער יידישער ליטעראַטור און פון יידישן לעבן וועט ווירקן ווי אַ גייסטיקער מאַסאַזש, וואָס וועט אפשר סטימולירן

דאָס לעבן אונזערס און במילא אויך אונזער ליטעראַטור; ווייל תמיד, ווען דאָס לעבן ווערט באַוועגטער, ווערט באַוועגטער אויך די ליטעראַטור, וואָס ווירקט ווידער פון איר זייט אויפן לעבן.

איך קריטיקיר די ווערק, די ליטעראַטור, כדי צו דערציען דאָס לעבן, אָבער נישט כדי צו באַשטראָפן די שרייבער.

אָבער ווען די „פּראַוודאַ" פון 11טן אַפּריל, 1949, מאַכט פאָרוואָרפן דער רוסישער ליטעראַטור, פאַרוואָס זי האָט פאַרלאָרן פון איר בליקפעלד דאָס נאָך־מלחמה־לעבן פון דער רויטער אַרמיי, מאַכט זי נישט דערפון קיין שום אויספירן נישט וועגן סאָוויעטישן לעבן, נישט וועגן דער רויטער אַרמיי, ווייל זי זעט נישט אין דעם קיין געשטערטע פונקציע, נאָר אַן אויסברוך פון דער דיסציפּלין, אַ מין אידעאָלאָגישן סאַבאָטאַזש, אַזוי צו זאָגן, און זי פאָדערט אויף די שרייבער צו ענטפערן מיט מעשים אויפן דאָזיקן פאָרוואָרף. זי זאָגט אָפן: „טו, וואָס מען הייסט דיר!" זי דיקטירט באַשטימטע טעמעס, זי מאַכט סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע באַשטעלונגען.

זיין אומצופרידן מיטן צושטאַנד פון דער ליטעראַטור צוליבן פעלן פון געוויסע טעמעס, וועלכע מען האַלט פאַר וויכטיק (ווייל דאָס נישט פאַרנעמען זיך מיט זיי באַווייזט איר אָפּגעשטאַנענקייט פון לעבן), איז נישט דאָס זעלבע ווי פאָדערן פון איר באַשטימטע טעמעס.

דאָס ערשטע הייסט לייענען דעם קאַרדיאָגראַם פון נאַציאָנאַלן האַרצן, כדי צו וויסן ווי עס קלאַפּט, צי עס איז געזונט אָדער קראַנק; און דאָס צווייטע הייסט, מיט געוואַלט איינגעבן טראָפּנס, כדי דער קאַרדיאָגראַם זאָל קינסטלעך אויסזען אַזוי, ווי די מאַכט וויל.

געוויס, ש. ניגער מעג זיך זיין אַן אַפּיקורס און לייקענען אין דער אָרגאַנישער פונקציע פון ליטעראַטור און זוכן די פאַלשע אויספירן, צו וועלכע מען קומט ווען מען נעמט אָן אַלס אַקסיאָמע אָט די דאָזיקע אָרגאַנישע פונקציע, — אָבער ער טאָר נישט פאַרמישן די אָרגאַנישע פונקציע מיט דער סאָציאַלער אָדער נאַציאָנאַלער באַשטעלונג פון די טאָטאַליטאַרע

מלוכות, וואָס דאָס איז אַ מעכאַנישע פונקציע, אָדער ריכטיקער נאָך: אַ מעכאַנישער אויסערלעכער דרוק.

* * *

דאָס וואָס ש. ניגער געפינט סתירות אין מיינע פאָרמו־לירונגען, איז נישט קיין וואונדער. ליטעראַטור־וויסנשאַפט איז נישט קיין וויסנשאַפט, ווי כעמיע, למשל, וואָס ביי איר מוז שטי־מען; אין דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט קאָן מען בלויז אַנען, האָבן די וויזיע פון אַן אמת, אויפדעקן די אַלגעמיינע ליניע, — נישט אָבער די פּרטים.

ליטעראַטור אין דעמאָקראַטישע און טאָטאַליטאַרע לענדער

1. אריינפיר

דאָס וואָרט „גראַפאָמאַן", ווייסט יעדער איינער, איז פאַר שרייבער אַ שרעק־וואָרט און אַ פאַרניכטנדיק געווער. יעדער שרייבער שרעקט זיך פאַרן וואָרט „גראַפאָמאַן", ווען מען ווענדט עס אָן לגבי אים, און יעדער שרייבער באַנוצט עס לגבי אַ צווייטן, כדי אים מאָראַליש צו „פאַרניכטן". הערט זיך, אדרבא, איין ווי דער שרייבער איקס רעדט אַרום לגבי אַ צווייטן דאָס וואָרט „גראַפאָמאַן" און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז איקס איז איבערצייגט אין דער פאַרניכטנדיקער קראַפט פונם דאָזיקן שרעק־אָניאָגנדיקן און מאָראַליש־טויטנדיקן וואָרט.

אין דער אמתן איז די איינפאַכע באַדייטונג פון דאָזיקן וואָרט נישט אַזוי שרעקלעך און אוודאי נישט פאַרניכטנדיק. דאָס וואָרט באַדייט — אין גריכיש — אַ מאַניע, אַ ליידנשאַפט צו שרייבן.

אָבער אויב אַזוי איז יעדער עכטער שרייבער אַ „גראַ־פאָמאַן", ווייל יעדער עכטער שרייבער איז באַהערשט פון דער ליידנשאַפט צו שרייבן. דאָס איז דער סימן מובהק פון אַ שרייבער. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז אָט די ליידנשאַפט, וואָס איז געמיינזאַם סיי דעם שרייבער און סיי דעם „גראַפאָמאַן", מאַכט דעם גראַפאָמאַן פאַר אַ שרייבער און דעם שרייבער פאַר

אַ גראַפאָמאַן אינם זין ווי דאָס איז אָנגענומען אין טאָג־טעגלעכן געברויך.ביידע פאַרמאָגן טאַקע איין לײדנשאַפט, אָבער ביי איינעם מאָלט די מיל מעל, און ביים צווייטן — ווינט.

צו וואָס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויפן דאָזיקן מאָמענט? כדי אונטערצושטרייכן, אַז די לײדנשאַפט צו שרייבן, וואָס מאַכט אַזוי לעכערלעך דעם גראַפאָמאַן, איז נישט די אייגנשאַפט, וואָס מאַכט דעם גראַפאָמאַן פאַר אַ גראַפאָמאַן, — אויך דער עכטער שרייבער פאַרמאָגט אָט־אָ־די לײדנשאַפט. און נישט נאָר ער פאַרמאָגט זי, נאָר ער מוז זי פאַרמאָגן, ווייל אָט דווקא זי מאַכט אים פאַר אַ שרייבער. דער שרייבער האָט אַ לײדנשאַפט צו שרייבן, ד. ה. אַרויסצוברענגען אין ווערטער וואָס ער פילט, אין וואָס ער גלויבט. ער פאַרמאָגט און מוז פאַרמאָגן אָט־די אייגנשאַפט, ווען וועלכער ירמיה, איינער פון די גרעסטער דיכטער פון אַלע צייטן, האָט געזאָגט (מיט אַזוי פיל דיכטערישן פייער און בילדלעכקייט): „...איך האָב געוועסט געזאָגט: איך וועל אים נישט דערמאָנען און וועל מער נישט רעדן אין זיין נאָמען; אָבער עס איז אין מיין האַרצן ווי אַ ברענענדיק פייער, איינגעשלאָסן אין מיינע ביינער, און איך מאַטער זיך עס איינצוהאַלטן, אָבער איך קען נישט".

דער שרייבער מוז זאָגן דאָס, מיט וואָס ער פאַרגייט אין טראָגן, וואָס רייפט אָן אין אים, וואָס מוז געבוירן ווערן אַלס לעבעדיקע זאַך.

דער גראַפאָמאַן אָבער קאָן זאָגן אַלץ — נישט קיין נפקא מינה וואָס.

די זעלבע לײדנשאַפט צו שרייבן פּלאָגט זיי ביידע, אָבער ביים שרייבער איז זי אַן אָרגאַנישע, אַ פאַרוואָרצלטע אין זיין גייסט און געמיט, און זי קאָן נישט לעבן (און נאָך וויניקער זיך אויסלעבן) אָן די דאָזיקע וואָרצלען; און ביים גראַפאָמאַן איז זי וואָרצללאָז, אַ פאַנטאָם אָן פלייש און בלוט.

אָט דאָס איז דער אונטערשיד צווישן אַ גראַפאָמאַן און אַ שרייבער: דער גראַפאָמאַן קאָן באַפרידיקן זיין לײדנשאַפט מיט ווערטער, נישט קיין נפקא מינה וועלכע; דער שרייבער קאָן באַפרידיקן זיין לײדנשאַפט נאָר מיט ווערטער, וועלכע ווערן געבוירן אין זיין גייסט און אין זיין געמיט.

און במילא מאַכט די זעלבע לײדנשאַפט פונם גראַפאָמאַן — אַ לעכערלעכע פּערזאָן, און פונם עכטן שרײַבער — אַ טראַגישע פיגור.

פונם אויבנגעזאָגטן דרינגט אַרויס, אַז דער שרײַבער נוי־טיקט זיך, כדי אויסצולעבן זײַן לײדנשאַפט, אין פרײַהייט; ער מוז האָבן פרײַהייט אויסצודריקן וואָס ער פילט און טראַכט, וואָס עס צינדט זיך אין אים אָן.

און במילא איז פרײַהייט דער הויפּט־באַדינג פאַרן וווקס און פאַנאַנדערבלי פון ליטעראַטור.

די אַלטע גריכישע ליטעראַטור — באַזונדערס דער טעאַ־טער — איז שטאַרק אַנדערש פון דער ליטעראַטור פון די אַלטע ייִדן; אָבער בײדע האָבן צו פאַרדאַנקען זייער גרויסע אַנטוויק־לונג דער אַטמאָספער פון פרײַהייט, אין וועלכער זיי האָבן זיך אַנטוויקלט.

לאָמיר דאָס אילוסטרירן מיט אײנצלנע בײַשפּילן פונם לעבן פון בײדע פעלקער.

אין זײַן בוך „ציוויליזאַציע" (אין ענגליש) דערציילט קלײַוו בעל וועגן דעם, אַז אין אַטען, אינם יאָר 404 פאַר דער ק. ע., האָט מען אין מלוכה־טעאַטער געשפּילט אויפן געזעל־שאַפטלעכן חשבון אַריסטאָפאַנעסעס קאָמעדיע „ליזיסטראַטאַ".

אַטען האָט דאַן געפירט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיט ספּאַרטאַ; זי האָט דאַן געהאַט געליטן די פאַרניכטנדיקע מפּלה בײַ סיראַקוז (און ווי היסטאָריקער האַלטן, האָט די דאָ־זיקע מפּלה אין לעצטן סך־הכל דערפירט צו אַטענס אונ־טערגאַנג).

„דער מלחמה־פיבער — שרײַבט קלײַוו בעל — האָט גע־בושעוועט. און פונדעסטוועגן האָט די אַטענער מלוכה געשטעלט אין אַ מלוכה־טעאַטער, פאַר מלוכה־געלט, די דאָזיקע לײדנ־שאַפטלעך אַנטי־מיליטאַריסטישע און אַנטי־פּאַטריאָטישע פּיע־סע. עס האָט נישט געשפּילט קיין שום ראָלע, וואָס די אַרמיי איז אויסגעלאַכט געוואָרן, וואָס פּאַטריאָטישע געפילן זענען געמאַכט געוואָרן ביליק, וואָס פון שפּיאָנען־יעגער און ספּאַרטאַ־פרעסער האָט מען געחוזקט, און פון די דעמאָקראַטישע פירער האָט מען געמאַכט אויסצודרייען. איז די „ליזיסטראַטאַ"

געווען די בעסטע קאָמעדיע פון יאָר? אַט אַזוי איז געשטאַנען די פראַגע. און אויב יאָ, האָט זי באַדאַרפט באַקומען דעם פּריז און אַ מלוכה־פאַרשטעלונג".

און אין ירמיה, אין קאַפּיטל כ"ו, געפינען מיר פאָלגנדיקע געשעעניש: אין הויף פון בית־המקדש האָט ירמיה געזאָגט צום פאַרזאַמלטן עולם: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אויב איר וועט נישט צוהערן צו מיר, צו גיין אין די וועגן פון מיין תורה, וואָס איך האָב אייך געגעבן; צוצוהערן צו די ווערטער פון מיינע קנעכט די נביאים, וואָס איך שיק צו אייך, און שיק נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד, און איר האָט נישט צוגעהערט, וועל איך מאַכן דאָס דאָזיקע הויז אַזוי ווי שילו, און די דאָזיקע שטאָט וועל איך מאַכן פאַר אַ קללה ביי אַלע פעלקער פון דער ערד".

דערהערט אַזעלכע ווערטער (די פאַראויסזאָגונג, אַז דער בית־המקדש און ירושלים וועלן חרוב ווערן), האָט דאָס פאָלק מיט די כהנים און נביאים געכאַפּט ירמיה'ן און געשריגן: „שטאַרבן מוזטו שטאַרבן!".

אָבער בעת דער געכאַפּטער ירמיה איז געשטעלט געוואָרן צום משפּט אין גאָטס הויז, און די כהנים און נביאים האָבן געפאָדערט פאַר אים טויט־שטראָף, האָט ירמיה געזאָגט: „גאָט האָט מיך געשיקט נביאות צו זאָגן אויף דעם דאָזיקן הויז און אויף דער דאָזיקער שטאָט אַלע ווערטער וואָס איר האָט געהערט... גאָט האָט מיך באמת געשיקט צו אייך".

האָבן די האַרן און דאָס גאַנצע פאָלק געזאָגט צו די כהנים און צו די נביאים: דעם דאָזיקן מאַן קומט נישט טויט־שטראָף, ווייל אין נאָמען פון יהוה אונזער גאָט האָט ער גערעדט צו אונז".

און מען האָט ירמיה'ן נישט געטויט.

מען דאַרף זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון, וואָס עס באַדייט פאַר אַ פאָלק צו שטיין אין מיטן פון אַ מלחמה, אין וועלכער מען ליידט מפּלות; מען דאַרף זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון, וואָס עס האָט פאַר די יידן פון אַלטן ירושלים באַדייט דער בית־המקדש, כדי צו באַגרייפן ווי פריי עס איז געווען אין אַטען

דאָס וואָרט פון דעם קינסטלער און אין ירושלים — דאָס וואָרט פון דעם נביא.

און נאָר אַ דאַנק אָט דער פרייהייט, וואָס האָט געשיצט דעם דיכטער אין אַטען און דעם דיכטער־נביא אין ירושלים, האָט זיך די קונסט אין אַטען און די נבואה אין ירושלים אַנטוויקלט צו דער העכסטער הויך.

מען מוז דאָ באַרירן נאָך איין מאָמענט, וואָס האָט אַ שייכות מיט אונזער טעזע, אַז דער הויפּט־באַדינג פאַר דער אַנטוויקלונג פון ליטעראַטור איז פרייהייט — וואָס מער פרייהייט, אבסאלוטע פרייהייט.

אין ליטעראַרישן שאַפן שפּילן אַ (בשותפותע) ראָלע די צוויי מאָמענטן פון באַוווסטזיין און אונטערבאַוווסטזיין.

אָן דעם מאָמענט פון אונטערבאַוווסטזיניקער אינטואיציע, וואָס מען רופט „אינספּיראַציע”, איז נישטאָ קיין גרויסע קונסט. אמת, כדי די אינספּיראַציע זאָל נישט פאַרבלאָנדזשען, איז נויטיק די שותפות פונם קאָנטראָלירנדיקן און רעגולירנדיקן באַוווסטזיין, אָבער דאָס פּרימערע איז די אונטערבאַוווסטזיניקע אינספּיראַציע.

אָבער אָט דער וויכטיקער מאָמענט אין ליטעראַרישן שאַפן נויטיקט זיך אין פרייהייט, פאָדערט אוממיטלבאַרקייט. אַ צו שטאַרקער קאָנטראָלירן זיך (באַזונדערס אינם אָנהויבּ־פּראָצעס פון אינספּיראַציע) צוליב וועלכע נישט איז אויסערלעכע מאָטיוון, איז פאַטאַל פאַרן ליטעראַרישן שאַפן.

די אינספּיראַציע דאַרף פליסן פריי, און דער קאָנטראָלירנדיקער באַוווסטזיין דאַרף זיך רעכענען בלויז מיט די אינערלעכע שטימען פונם אונטערבאַוווסטזיין און פונם באַוווסטזיין, כדי זיי צו האַרמאָניזירן אין איין גאַנצעס, אָבער ער טאָר נישט וואַרפן קיין בליקן אויפן אַרום, צי זיי אַפּלאָדירן אָדער זיי פייפן. ווען ער טוט עס אפילו פרייוויליק מוז עס ברענגען שאָדן, שוין אָפּגערעדט ווען דער אונטערבאַוווסטזיין איז געצוווּנגען דורך אויסערלעכע סיבות צו מעסטן זיינע אינספּירירטע איינפאַלן מיט אויסערלעכע מאָסן, און דער באַוווסטזיין איז געצוווּנגען צו קאָנטראָלירן זיין קאָנטראָל־אַרבעט מיט אויסערלעכע מאָסן.

2. די לאַגע פון ליטעראַרישן שאַפן אין דעמאָקראַטישע לענדער

ווי אַזוי איז די לאַגע פון דער ליטעראַטור אין די דעמאָקראַטישע לענדער, געמאָסטן מיטן עיקרדיקן באַדינג פאַרן ליטעראַרישן געדייען — איר פרייהייט?

עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז דער קינסטלער אין דער היינטיקער דעמאָקראַטישער וועלט, וואָס אין איר הערשט קאַפּיטאַליזם, ליידט אָפּט פון דער געלט־סיסטעם.

דער קינסטלער קאָן אָפּט נישט אויסטראָגן זיין ווערק אינם אונטערבאַוווסטזיין אַזוי לאַנג, ווי דאָס פאָדערט זיך אין געגעבענעם פאַל, — ער מוז וואָס שנעלער פאַרענדיקן דאָס ווערק, כדי צו עסן; דער קינסטלער קאָן אָפּט נישט קומען אין קאָנטאַקט מיטן פּובליקום, פאַר וועמען ער שאַפט זיין ווערק, ווייל דער פאַרלאַג, די אויסשטעלונג, דער מוזעאום זענען פאַר אים געשלאָסן, — דער קינסטלער איז צו נאָוואַטאָריש פאַר זיי אָדער צו רעוואָלוציאָנער, — נישט יעדעס דעמאָקראַטיש פּובליקום איז אַזוי לאָיאַל צום קינסטלערס שטים, ווי אין אַטען, און צום נביאס שטים, ווי אין יהודה.

עס איז אויך נישט אמת (אין דער אַבסאָלוטער מאָס) געטעס זאָג, אַז „אויב דאָס זענען רויזן, וועלן זיי שוין בליען"; עס איז דער מינדסטער ספק נישטאָ, אַז דער אָרימקייט־פראָסט, וואָס איז אַ צווילינג־ברודער פון קאַפּיטאַליזם, האָט נישט ווייניק ליטעראַרישע רויזן נישט געלאָזט זיך פאַנאַנדערבליען, ער האָט זיי דערשטיקט אין דער קנאָספּ, אָדער אפילו אינם זאָמען.

אָט דאָ נישט לאַנג האָב איך געלייענט אַ וויי־געשריי פון אַן ענגלישער שרייבערין וועגן גורל פון די ענגלישע דיכטער (נאָך מער, פון דער ענגלישער דיכטונג). די ענגלישע דיכטערין קעטלין רעין שרייבט אין מעלבורנער „מעאַנדזשין" (נומ. 40) אַן אַרטיקל אונטערן מער ווי קלאָרן טיטל: „ווי אַזוי זאָלן דיכטער לעבן?".

זי שטעלט פעסט, אַז דיכטער קאָנען נישט לעבן פון זייער דיכטונג, ווייל די האָנאָראַרן פאַר לידער זענען קליינע און

פון לידער־ביכער האָט מען נאָך ווייניקער צוליבן שוואַכן אינטערעס פון עולם צו דיכטונג. איז ווי זאָל אַ דיכטער לעבן, אויב ער האָט נישט קיין פאַרמעגן און האָט נישט קיין מעצע־נאַטן (אַ זאַך, וואָס איז לעצטנס אַזאַ זעלטנהייט)?

עס איז קלאָר, אַז פון אַ שטעלע אָדער אַ פאַך, וואָס האָט מיט זיין דיכטערישער באַרופונג קיין שום שייכות נישט.

אָבער אַ דיכטער, וואָס האָט נישט קיין צייט אַרומצוגיין „ליידיק", ד. ה. צו טראַכטן, צו לאָזן רייפן זיינע געפילן, צו אַרבעטן כסדר אויף זיין מאַטעריאַל — דעם וואָרט, אים אונטערטעניק צו מאַכן זיין יעדן געפילס־ניואַנס, — אַזאַ דיכטער קאָן זיך נישט אויסלעבן און ער קאָן נישט געבן דאָס, וואָס ער דאַרף געבן.

נישט נאָר די איינצלנע דיכטער אַנטוויקלען זיך נישט, — די דיכטערישע קונסט אַלס אַזאַ זינקט, אַנשטאָט זיך צו הויבן.

וויפיל די יידישע ליטעראַטור און די יידישע דיכטונג האָבן געליטן פון דעם שרייבערס אָפּהענגיקייט פון דער געלט־ אָדער פאַרדינסט־פראַגע, ווייסט יעדער יידישער שרייבער.

די קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט האָט נישט איין שרייבערישן טאַלאַנט אינגאַנצן פאַרניכטעט, און נישט איינעם מאָראַליש פאַרקריפּלט.

אָבער די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, אויף וויפיל זי איז דעמאָקראַטיש, קאָן אָנטאָן דער ליטעראַטור שאָדן, אָבער אינגאַנצן זי פאַרניכטן איז זי נישט בכוח. זי קאָן איבערקויפן די שוואַכערע כאַראַקטערן; זי קאָן אַמאָל אומברענגען אַן עקשן, וואָס וויל מיט איר נישט גיין אויף קאָמפּראָמיסן, אָבער די ליטעראַטור, אַלס גאַנצעס, גייט זייער אָפט אַרויס פון קאַמף מיטן געלט אין אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט אַלס זיגער. דזשעק לאָנדאָנס „מאַרטין אידען" איז נישט קיין יחיד, ער איז דער סימבאָל פון דער ליטעראַטור אין דער קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט.

די געלט־הערשאַפט שטעלט אויפן וועג פון שרייבערישן טאַלאַנט שוועריקייטן; זי שטעלט דעם שרייבער פאַר נסיונות בנוגע צו זיין אין זיין אינערלעכער שטים, לאָזן ברעכן זיין

שרייבערישע חוט־השדרה און — שרייבן דאָס, וואָס די געלט־זעק פאָדערן פון אים.

אָבער היות ווי די דעמאָקראַטיע גיט נישט די געלט־זעק קיין אבסאָלוטע מאַכט איבער דער ממשלה פון וואָרט, קאָן זי אָפּט ברעכן שוואַכע, זי קאָן אַמאָל אומברענגען אַ שטאַרקן, אָבער על פּי רוב שמידט זי אויס, ווי שטאָל, די שטאַרקע, די מאַרטין אידענס, וועלכע האָבן אַ מעגלעכקייט זיך קעגנצושטעלן, פאַרן פרייז פון צוהונגערן, פון אָרימקייט, פון לעבן אַ צייט אין שאָטן, נישט געדרוקט, נישט אָנערקענט.

דער שרייבער קאָן קעמפן פאַר זיין פרייהייט פון וואָרט; ער קאָן זוכן — און ער געפינט אָפּט — פאַרבינדעטע אין זיין קאַמף פאַר דער דאָזיקער פרייהייט פון זיין שרייבערישער לײדנ־שאַפט צו קומען צום אויסדרוק אַזוי ווי עס דיקטירט אים זיין אונטערבאַוווסטזיין, זיין באַוווסטזיין.

די עכטע ליטעראַטור אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעל־שאַפט מוז פירן אַ שווערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ (ווייל עכטע ליטעראַטור איז מערסטנס בונטאַריש, זי טרייבט צו העכערע אַנטוויקלונג־שטופעס, נישט צופרידן מיטן עקזיסטירנדיקן), אָבער ווען זי גייט אַרויס פון דאָזיקן קאַמף אַלס זיגערין, איז זי גוט צוגעפּאַסט צום לעבן, ווייל די גייסטיק־שטאַרקסטע, די מוטיקסטע, די ערלעכסטע האַלטן אויס דעם דאָזיקן קאַמף.

און ווער איז זייער בעסטע פאַרבינדעטע אין דאָזיקן שווערן קאַמף? די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, וואָס הגם זי איז נישט קיין פולע, צוליב דער עקאָנאָמישער אומגלייכקייט (וואָס שטערט דורך דעם במילא אויך די פּאָליטישע דעמאָקראַטישע גלייכקייט), איז זי דאָך איינע פון די גרעסטע ברכות פאַרן מענטשן, און אויך פאַר איינער פון זיינע שענסטע און איידל־סטע טעטיקייטן — דער ליטעראַטור.

אויב די מאַכט פונם געלט איז באַשרענקט דורך דע־מאָקראַטיע, איז שוין פאַר ליטעראַטור דאָ אַ מעגלעכקייט פון קאַמף און במילא — פון זיג. דאָס געלט וויל דעם שרייבער אונטערקויפן, אָבער זי קאָן אים נישט צווינגען דערצו. דאָס געלט קאָן גרינדן גרויסע פאַרלאַגן און קאָנטראָלירן אַ געוויסן טייל פון ליטעראַרישן שטראָם; אָבער דער שרייבער מיט אַ

שטאַרקן רוקן־ביין קאָן ביישטיין די שוחד־נסיונות און ער קאָן אליין צונויפקלייבן אַ פּאָר גראָשן אָדער קריגן אַ מעצענאַט, אָדער זיך אָנשפּאַרן אויף אַ גייסטיק־נאָענטער באַוועגונג און אליין אַרויסגעבן זיין בוך אָדער אין אַ קליינעם פאַרלאַג פון דער נאָענטער באַוועגונג.

ווי נאָר אַ שרייבער שטייט ביי דעם נסיון פון גרויסע האָנאָראַרן און פון גרויסער רעקלאַמע, איז ער פריי, האָט ער געראַטעוועט די פרייהייט פון זיין טאַלאַנט, ווייל די קאַפּיטאַ־ליסטישע דעמאָקראַטיע האָט דעם חסרון, וואָס דאָס געלט איז פריי צו שטעלן פאַר נסיונות, אונטערקויפן; אָבער גלייכצייטיק האָט זי די מעלה, וואָס דאָס געלט האָט נישט די מאַכט צו צווינ־גען, וואָס דאָס געלט איז נישט אליין־הערשנדיק.

גיט מען אַ קוק אויף די מערב־אייראָפּעאישע ליטעראַ־טורן, זעט מען אויף יעדן שריט און טריט ביישפּילן פון גרויסע נצחונות, וואָס די ליטעראַטור האָט אָפּגעהאַלטן איבערן געלט.

מאַרטין אידען איז נישט נאָר אַן אַמעריקאַנער מוסטער, — ער איז אַ סימבאָל פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אין קאַמף צווישן דער ליטעראַטור און דעם געלט (פאַר איר פרייען קומען צום וואָרט) זענען געפאַלן און עס פאַלן (ווי אין יעדן קאַמף) קרבנות; אָבער עס זענען דאָ אַ סך זיגער. און זיי — גראָד אָט די זיגער — זענען דער שטאָלץ פון אַלע אייראָפּעאישע ליטעראַטורן (פון דער קונסט בכלל).

ווען מען נעמט אפילו אַזאַ לאַנד, ווי דאָס צאַרישע רוס־לאַנד, ווו אָנשטאָט דעמאָקראַטיע איז געווען דעספּאָטיע, ווו עס האָט עקזיסטירט אַ צענזור, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו דערשטיקן די עכטע ליטעראַטור, — אפילו אין דאָזיקן לאַנד (און אפשר גראָד אין דאָזיקן לאַנד) קאָן מען איינזען בולט וואָס פאַר אַן אונטערשיד עס איז פאַר דער ליטעראַטור צווישן נישט קיין טאָטאַליטאַרער דעספּאָטיע און אַ טאָטאַ־ליטאַרער.

רוסלאַנד איז געווען אַ דעספּאָטיע, אָבער נישט קיין טאָטאַ־ליטאַרע, און די ליטעראַטור האָט געהאַט געוויסע מעגלעכקייטן צו קעמפן. און אין דאָזיקן קאַמף האָט זי געזיגט. די העכסטע

ראיה איז די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס איז אין אַ גרויסער, גאָר גרויסער מאָס צוגעגרייט געוואָרן דורך דער ליטעראַטור, וואָס די צאַרישע דעספּאָטיע האָט זיך כסדר באַמיט צו פאַר־מאַכן איר דאָס מויל.

די רוסישע ליטעראַטור האָט, נישט געקוקט אויף דער צענזור, קריטיקירט און לעבערלעך געמאַכט דעם רוסישן ביוּ־ראָקראַטיזם, די רוסישע אָפּגעשטאַנענקייט, די רוסישע אליינ־הערשאַפט.

נישט נאָר די ליבעראַלע שרייבער פון די העכערע קלאַסן האָבן געפונען אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען און לאָזן ווירקן זייערע טאַלאַנטן אונטערן צאַריזם (טורגעניעוו, טאָלסטאָי און אַנדערע), נאָר דער קאַפּיטאַליזם פליוס צאַריזם האָבן אפילו נישט געקאָנט דערשטיקן דעם טאַלאַנט פון אָרימסטן צווישן די אָרימסטע — פון שפּעטערדיקן גאָרקי.

אפילו די יידישע ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור פון סאַמע רעכטלאָזן פאָלק אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט געפונען מיטלען ווי צו קעמפן מיטן צאַרישן רעזשים און מיט דער צאַרישער צענזור.

נאָכן קישענעווער פּאָגראָם האָט ביאַליק אַרויסגעגעבן זיין באַרימט ווערק „משא נימירוב" („די שחיטה־שטאָט"), און הגם אַלע (אויך די צענזור) האָבן געוווּסט, אַז מען מיינט דאָ נישט נימירוב, נאָר קישענעוו, איז דאָס דאָזיקע ווערק פאַרט דערשינען, ווייל אויך די צענזור פון דער צאַרישער דעספּאָטיע האָט געהאַט געוויסע געזעצן, וואָס מען האָט זיי פאָרמעל געקאָנט אַרומגיין. פאָרמעל איז ביאַליקס פּאָעמע געווען געווענדעט קעגן רומעניע, און נישט קעגן קישענעוו, און די יידישע ליטעראַטור האָט באַזיגט די רוסישע צענזור, דעם רוסישן רעזשים מיט זיינע אַנטי־דעמאָקראַטישע, אומגערעכטע און אפילו רעכטלאָזע געזעצן, ווייל דאָס זענען פאָרט געווען געזעצן, וואָס האָבן אין אַ געוויסער מאָס באַגרענעצט דעם צאַרישן ווילקיר און געלאָזן אָרט פאַר אַ קאַמף און אפילו פאַר אַ זיג.

ווען רוסלאַנד האָט באַקומען קלעפּ פון יאַפּאַן, האָט שלום עליכם אָנגעשריבן אַ דערציילונג וועגן דער גרויסער מומע רייזע און דעם קליינינקן פּעטער פּיניע, וועלכער גיט פּעטש

דער גרויסער מומע רייזע. אַלע האָבן געוווסט וואָס מען מיינט, און אַלע יידן אין רוסלאַנד האָבן געקוואָלן פון דעם, ווי אַזוי שלום עליכם דריקט אוים זייערע געפילן צום געשלאָגענעם צאַרישן רעזשים, וואָס האָט זיי אַזוי געקוועלט און געדריקט, אָבער די נקמה־געפילן זענען געווען צוגעדעקט פאַר דער צענזור מיט אַ שטיקל פייגנבלעטל, און די צענזור האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן.

ביאַליקס און שלום עליכמ׳ס מעטאָד איז געווען דער מעטאָד פון דער גאַנצער ליבעראַל־קעמפערישער רוסישער ליטעראַטור, וואָס פלעגט אריינזאָגן דער כלומרשטער טאָכטער און מיינען דער אמתער שנור, און דאָס רוסישע פאָלק האָט זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק און די ליטעראַטור האָט געהאַט אַזוי אַרום אַ געלעגנהייט אונטערצוגראָבן דעם רעזשים.

און טאָמער פלעגט אַ ווערק קאָנפיסקירט ווערן דורכן רעזשים, פלעגט עס ארומגיין אין האַנטשריפטלעכע עקזעמפּלאַרן איבערן לאַנד (ווי טשערנישעווסקים „טאָ וואָס־זשע זאָל מען טאָן?" און טאָלסטאָים „איך קאָן נישט שווייגן!" און אַנד.); אַמאָל פלעגט דער מחבר גלייך אַרויסלאָזן זיין ווערק אין געשריבענע קאָפּיעס, גאָרנישט מאַכנדיק דעם אומזיסטן פּרווו עס דורכצופירן דורך דער צענזור (ווי, למשל, לערמאָנטאָוו מיט זיין רעוואָלוציאָנער ליד „אויף פּושקינס טויט" און אַנדערע); און טאָמער פלעגט אַ ווערק פאַרקריפּלט ווערן דורך דער צענזור, האָבן אַלע געוווסט וועגן דעם און די ווייסע פלעקן אָדער די פעלנדיקע ווערסיע פלעגן נאָך מער רייצן די פאַנטאַזיע און מער ווירקן קעגן רעזשים, ווי דאָס וואָלט געטאָן די אָריגינעלע ווערסיע.

אָט דאָס ווירקן מיט האַנטשריפטלעכע עקזעמפּלאַרן אָדער מיטן איבערגעבן פון אויער צו אויער איז אויך מעגלעך געווען דערפאַר, ווייל קיין טאָטאַליטאַרע דעספּאָטיע, קיין טאָטאַליטאַרע פּאָליציייאישע הפקרות איז אין צאַרישן רוסלאַנד נישט געווען, און במילא האָט אין לאַנד נישט געהערשט קיין טאָטאַלע שרעק, וואָס ווערט אַרויסגערופן בלויז דורך טאָטאַלן טעראָר.

וואָס האָט שלום עליכם ריזיקירט מיט זיין „מומע רייזע און פעטער פיניע"? מען זאָל די דערציילונג נישט דורכלאָזן!

מער נישט... אָבער ווי וואָלט געווען שלום עליכמ'ס לאַגע (לאָמיר אָנרופֿן אים אַלס ביישפּיל) אין אַ טאָטאַליטאַרישן רעזשים, ווי מיר קאָנען אים נאָך מוסאָלינים איטאַליע, היט־לערס דייטשלאַנד און סטאַלינס ראַטן־פֿאַרבאַנד?

3. ווי זעט אוים די ליטעראַטור — און במילא דער שרייבער — אין טאָטאַליטאַרע לענדער?

אין טאָטאַליטאַרע לענדער ווערט ביים שרייבער — און במילא ביי דער ליטעראַטור — אינגאַנצן צוגענומען דער נויט־ווענדיקסטער באַדינג פֿאַר זייער נאָרמאַלער עקזיסטענץ — די פֿרייהייט. דער שרייבער האָט מורא פֿאַרן אימפּולסיוון איינפֿאַל פֿונם אונטערבאַוווסטזיין (טאָמער איז ער אין קעגנזאַץ צו דער אָפֿיציעלער ליניע), און דער קאָנטראָלירנדיקער באַוווסטזיין האָט מורא צו שטעלן אויף זיין אייגענעם דענקען, — דער קאָנט־ראָלירער מוז זיך קאָנטראָלירן צי זיין קאָנטראָל־פּסק־דין איז אין הסכם מיט דער פּאַרטיי־ליניע.

מיט איין וואָרט, דער שרייבער קאָן נישט שאַפֿן פֿריי, ווייל די ליטעראַטור ווערט פּאַרטייאיש.

(ליטעראַטור, אַפֿילו די עכטסטע, איז אין אַ גרויסער מאָס פּאַרטייאיש, ווייל זי שטייט תמיד אויף אַ געוויסער זייט, אויף אַ געוויסן שטאַנדפּונקט; אָבער דאָס איז אַ פּאַרטייאישקייט אַן אינדיווידועלע, אַ פּערזענלעכע, אַן אינטימע, אַ פֿרייוויליקע, נישט קיין אַרויפֿגעצוווּנגענע דורך רעזאָלוציעס פֿון אַ פּאָליטי־שער קערפּערשאַפֿט, פֿון אַ מלוכה־רעזשים, נאָר אַ דיקטירטע דורכן אייגענעם געוויסן).

אין דעמאָקראַטישע לענדער קאָן ליטעראַטור ווערן פּאַר־טייאיש, אָבער אין טאָטאַליטאַרע לענדער מוז זי זיין פּאַר־טייאיש. אין דעמאָקראַטישע לענדער קאָן די נישט־פּאַרטיי־אישע טייל פֿון דער ליטעראַטור באַקעמפֿן די פּאַרטייאישע (ווי דאָס געשעט נישט נאָר אין די מערב־דעמאָקראַטיעס, נאָר ווי

דאָס פּלעגט געשען אַפילו אין צאַרישן רוסלאַנד); אָבער אין די טאָטאַליטאַרע לענדער קאָן קיין נישט־פּאַרטייאישע ליטע־ראַטור בכלל נישט עקזיסטירן.

אין דעמאָקראַטיש־קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווי מיר האָבן געזען, ליידט אַמאָל (אָדער לאָמיר אפילו זאָגן: אָפט) דער שרייבער פון נישט קאָנען שאַפן צוליב מאַנגל אין געלט, צוליב נישט צולאָזן אים צו זשורנאַלן און פאַרלאַגן; אָבער וואָס זענען די דאָזיקע גרויסע ליידן אין פאַרגלייך מיט דעם מוז צו שאַפן לויט באַשלוסן פון אַ צענטראַל־קאָמיטעט און אונטער אַ זעלבסט־קאָנטראָל, צי דאָס וואָס ער גייט שאַפן איז אין הסכם מיט די פּאַרטיי־רעזאָלוציעס?

די צענזור, וואָס האָט געהערשט אין צאַרישן רוסלאַנד, איז דאָך אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט דער צענזור, וואָס הערשט אין טאָטאַליטאַרן ראַטן־פאַרבאַנד.

די אַמאָליקע צענזור פון צאַרישן רוסלאַנד האָט זיך גע־פונען דרויסן פון שרייבער און זיין ווערק. זי באַפאַלט דאָס ווערק — און אַמאָל אויך דעם שרייבער — ווען דאָס ווערק איז שוין פאַרטיק. בעתן שרייבן בלייבט דער שרייבער אינער־לעך פריי, ער איז אַ גאַנצער מענטש, איינס מיט זיין געפיל און געדאַנק; יעדנפאַלס קאָן ער דאָס זיין, אויב ער וויל זיך נישט איינקויפן אין יחוס ביים הערשנדיקן רעזשים אָדער ביי אַ מעכטיקער גרופּע. זיין שרייבן, זיין פריי־געבוירן וואָרט ווערן פאַרקריפּלט ערשט דרויסן פון אים, און אַלע זעען די פאַרקריפּלונג, קיינער ווערט נישט גענאַרט דורכן פאַרקריפּלטן וואָרט. פאַרן שרייבער איז דאָס אומאַנגענעם, אַמאָל דראָט אַ פּראָצעס, אַמאָל תפיסה, אָבער דאָס ווערט קאָמפּענסירט דורכן געפיל פון זיין דער העלד פון טאָג, אַ שטיקל מאַרטירער פאַר זיין מיסיע — צו געבן אויסדרוק אין פולער פרייהייט דעם אומ־מיטלבאַרן, ערלעכן, מענטשלעכן געדאַנק און געפיל. מען דאַרף שוין זיין אַ צו גרויסער פּחדן און אַ צו קליינער שרייבער, כדי דער שאָטן פו דער נאָרמאַלער צענזור, אפילו פון אַ צאַרישן רוסלאַנד, זאָל באַאיינפלוסן דעם שרייבער בעתן שרייבן (סיידן אין דעם זינען, וואָס ער זוכט אַ דורכזיכטיקע מאַסקע — ווי ביאַליק און שלום עליכם — אויף אָפּצונאַרן די צענזור). די

צענזור טויט אמאָל דאָס פריי־געבוירענע וואָרט, זי אמפּוטירט עס טיילווייז, עס ווערט נישט דערלאָזן צום פולן קול, אָבער געפּעלשט ווערט עס נישט, דאָס נישט דערזאָגטע וואָרט זאָגט אמאָל נאָך מער דורך דעם נישט דערזאָגט ווערן, ווייל אַלע ווייסן, אַז עס ווערט נישט דערזאָגט צוליב אַן אינטערווענץ פון דרויסן.

די טאָטאַליטאַרע רעזשימען באַנוצן אָבער נישט קיין נאָרמאַלע צענזור — זיי באַזעצן דעם צענזאָר אין דער נשמה פונם שרייבער גופא, וועלכער געפינט זיך אין תמידער שרעק, אונטער אַ תמידן טעראָר. און דערביי דאַרף דער שרייבער מורא האָבן נישט נאָר פאַר געוויסע, פעסט באַשטימטע זאַכן, נאָר די סקאַלאַ פון שטרענג־שטראָפבאַרע האַנדלונגען איז אַזוי גרויס, אַזוי גייסטערהאַפט־אומדעפינירבאַר, אומבאַרעכנבאַר־ווילקירלעך, מיטלאַלטערלעך־אומלאָגיש, אַז דער שרייבער קאָן גאָרנישט פאָראויסזען פאַרוואָס דער קלאַפּ וועט פאַלן. פונקט ווי אַ פאַרברעכער, דער געניאַלסטער, מוז כמעט תמיד דורכ־פאַלן מיט עפּעס אַ פּרט, וואָס גיט אים אַרויס אָדער וואָס קאָן אים אַרויסגעבן, ווייל עס איז אוממעגלעך פאָראויסצוזען אַלע קלייניקייטן — אַזוי קאָן דער פּאָרזיכטיקסטער, דער סערווילס־טער שרייבער נישט פאָראויסזען אַלץ, וואָס עס קאָן אַ ליאַדע טאָג דערקלערט ווערן אַלס אפּיקורסות, אַלס „קראַמאָלע". דאָס איז בכלל נישט מעגלעך, בפרט אין דאָזיקן פאַל, ווען די פּערס־פּעקטיוו ענדערט זיך פון צייט צו צייט און אַלץ נעמט אָן אַ גאַנץ אַנדער פאָרם, און אַלץ ווערט געזען אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט אָדער גרויס.

אין איין און דעם זעלבן טאָג האָט דער מאָסקווער צענט־ראַל־קאָמיטעט פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַראורטיילט די שאַפונגען פון פירנדיקן סאָוויעטישן קאָמפּאָ־זיטאָר כאַטשאַטוריאַן אַלס „דעקאַדענט און בורזשואַזי", און די אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן האָט פאַנאַנדערגעשיקט איר געוויינלעכן ביו־לעטין, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַן אַרטיקל מיט די גרעסטע שבחים פאַרן זעלבן אַראַם כאַטשאַטוריאַן, אַלס איינעם, וואָס איז „אַ טרייער שפּיגל פון רוסישן גייסט", וואָס זיין מוזיק צייכנט זיך

אוים מיט „קלאָרקייט פון געדאַנק”, רייכקייט פון פאַרב און פיינער מאַלערישקייט”.

האָבן דען פּעפער און די איבעריקע, איצט אַרעסטירטע יידיש־סאָוויעטישע שרייבער געקאָנט פאָראויסזען, אַז זיי, וועמען מען האָט געהייסן שאַפן בעת דער מלחמה דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס האָט גערעדט צו די „ברידער יידן” אין נאָמען פון יידישע פאָלק, וועלן גראָד באַשולדיקט ווערן, פאַרן אויספירן טריי דעם באַפעל, אין קאָסמאָפּאָליטיזם אָדער אין נאַציאָנאַליזם (אָדער אין ביידעם)?

אמת, דאָס זענען אייגנטלעך קעגנזעצלעכע חטאים, ווייל קאָסמאָפּאָליטיזם איז דאָך דער קעגנזאַץ פון נאַציאָנאַליזם און פאַרקערט, אָבער דער טאָטאַליטאַרער ווילקיר ווייסט נישט פון קיין געזעצן און פון קיין לאָגיק: דער אַנטי־נאַציאָנאַליסטישער ראַטן־פאַרבאַנד איז פּלוצלינג קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם אין נאָמען פון סאָוויעטישן נאַציאָנאַליזם, וואָס ווערט באַדראָט דורכן יידישן קאָסמאָפּאָליטישן נאַציאָנאַליזם . . .

טאָ ווי זאָל זיך דאָ אַ שרייבער אָריענטירן אויף שפּעטער, בעת זיין אָפּגעדרוקט בוך וועט ביי דער געענדערטער פּערספּעקטיוו בלייבן דער זעלבער? . . . ער קאָן נאָכקומען דער געפאָדערטער באַגריפן־אַקראָבאַטיק פון מאָמענט, און שרייען, אַז טאָטאַליטאַריזם איז די עכטסטע דעמאָקראַטיע און דעמאָקראַטיע, וואָס באַקעמפט טאָטאַליטאַריזם, איז פאַשיזם; ער קאָן העלפן שרייען, אַז באַפאַלן קאָרייע איז שלום־פּאָליטיק און דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך די אַגרעסאָרן איז אַגרעסיע, — אָבער ער קאָן דאָך נישט פאָראויסזען, ווי די שינעס וועלן זיך אין נאָענטסטן מאָמענט פאַרבייגן — צי אויף רעכטס, צי אויף לינקס, און ער איז אין איין שרעק, אַז ער קאָן פון אימפּעט מיטצולויפן מיט דער ליניע אַראָפּגיין פון די שינעס און זיין לעבן זאָל ליידן אַ קאַטאַסטראָפע. איך שטרייך אונטער: נישט זיין בוך אָדער זיין שרייבן — זיין לעבן! . . .

איז ווי קאָן זיין די רייד ביי אַזאַ צושטאַנד וועגן פרייהייט פון שאַפן? אַז דער שרייבער מוז כסדר זיין דער אייגענער צענזאָר איבער זיין אייגענעם שאַפן.

אמת, אַט די צענזור, וואָס דער טאָטאַליטאַרער רעזשים באַזעצט אין דער נשמה פון יעדן שרייבער, ווערט אין רוסלאַנד „אײדל" אָנגערופן „זעלבסט־קריטיק". צי קאָן אָבער דער פּאַר־זיכטיקסטער, דער „זעלבסט־קריטישסטער" שרייבער פּאָראויס־זען אַלץ, וואָס עס וועט אויסזען אידעאָלאָגיש נישט ריכטיק, פּאַרפּוילט, פאַרקריפּלט אין אַ צייט אַרום ביי דעם אָדער יענעם ליטעראַטור־ספּעץ, וואָס וועט וועלן לויטן קוצו של יוד אָנ־ווענדן די סאַמע לעצטע רעזאָלוציעס פונם צענטראַל־קאָמיטעט וועגן ליטעראַטור?

אייפּטאָן סינקלער האָט אַ בוך וועגן דעם געשריבענעם וואָרט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, טראָגט דאָס בוך דעם שטעמפּלענדיקן נאָמען — „געלט שרייבט".

אַ בוך אָבער וועגן דעם געשריבענעם וואָרט אין טאָטאַלי־טאַרע לענדער, וואָלט מען געוועז געמוזט באַטיטלען: „שרעק שרייבט".

און ווי אייפּטאָן סינקלערס בוך זאָל נישט זיין דערדריקנ־דיק (געלט דיקטירט און אונטערדריקט דעם גייסט!), וועט דאָך דאָס בוך וועגן דעם ווי „שרעק שרייבט" זיין נישט דער ערך שרעקלעכער. וואָרום „געלט שרייבט" טאַקע, אָבער נאָר טייל־ווייז. דאָס גופא, וואָס אייפּטאָן סינקלער האָט געקאָנט אָנשרייבן זיין בוך וועגן דעם, אַז „געלט שרייבט", און זיין בוך איז דערגאַנגען צו מיר אַזש קיין פּוילן (ווו עס האָט אויך געהערשט דער רעזשים פון „געלט שרייבט"), באַווייזט, אַז זיין שיינע פאָרמולע איז נישט הונדערט־פּראָצענט ריכטיק (איך רעד שוין נישט וועגן דעם, אַז מען קאָן לייכט געפינען הונדער־טער בולטע, אָנספּקדיקע ביישפּילן פון דעם, אַז נישט נאָר „געלט שרייבט" אין די געלט־באַהערשטע דעמאָקראַטיעס, נאָר אויך גייסט און געוויסן שרייבן ביי זיי). אָבער אין ראַטן־פאַרבאַנד, למשל, וועט קיינער קיין בוך וועגן דעם, אַז „שרעק שרייבט" נישט קאָנען אַרויסגעבן. אפילו דער בלויזער פּרווו אַרויסצוגעבן אַזאַ בוך וואָלט געווען מצד דעם שרייבער אַ באַוווסטזיניקער זעלבסטמאָרד־באַשלוס. „געלט שרייבט" טייל־ווייז, אָבער „שרעק שרייבט" אַבסאָלוט.

נאָך איידער דער שרייבער זעצט זיך צום שרייב־טיש אין אַ טאָטאַליטאַר לאַנד, איז שוין זיין וואָרט פאַרשקלאַפּט. דאָס וואָס אַמאָל פלעגט טאָן טיילווייז דער גייסטיקער תליון, צווינגט מען היינט דעם שרייבער צו טאָן אַבסאָלוט.

דער גרויל פון אונזער צייט באַשטייט נישט נאָר אין דעם, וואָס מען צווינגט מענטשן אויסצוגראָבן פאַר זיך אליין קברים, נאָר אויך אין דעם, וואָס מען צווינגט שרייבער אויסצוואָרצלען אליין זייערע געדאַנקען, אָפּצוטרייבן די גייסטיקע פרוכט נאָך אין שרייבערס טראַכט. ער טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף דער אויסערלעכער צענזור (וואָס האָט טויזנט אויגן), — ער מוז זיך אליין קאָנטראָלירן.

און וויי צו אים אויב ער קאָן נישט אַלץ אויסרעכענען.

און קיין שום שרייבער קאָן קיינמאָל נישט זיכער זיין מיט זיין חשבון. און דאָס מוז ברענגען צום גייסטיקן חורבן פונם שרייבער און במילא פון דער ליטעראַטור.

אין די דעמאָקראַטישע לענדער קאָן אַ שרייבער קאָרומפּירט ווערן מאָראַליש צוליב געלט, און דאַן ווערט ער אַ גייסטיקער קנעכט צוליב זיין שוואַכקייט בייצושטיין דעם נסיון; אָבער אין די טאָטאַליטאַרע לענדער מוז דער שרייבער קאָרומפּירט ווערן מאָראַליש צוליב דער אַלמעכטיקייט פון אַ פּאַרטיי, פון אַ רעגירונג.

היות ווי אין די דעמאָקראַטיעס קאָן אַ שרייבער קעמפן קעגן דעם נסיון צו שרייבן פאַר געלט, קומען אום גייסטיק די שוואַכע, — די שטאַרקע ווערן שטאַרקער אין קאַמף; אָבער היות אין די טאָטאַליטאַרע לענדער קאָן דער שרייבער נישט קעמפן, ער קאָן בלויז זיך עפנטלעך שלאָגן על־חטא דורך חרטה־בריוו און אָננעמען דעם גזר־דין, קומען אום גייסטיק אויך די שטאַרקע (אויב זיי קומען נישט אום פיזיש). אין דעמאָקראַטיעס לעבן איבער די שטאַרקסטע כאַראַקטערן; אין אַ טאָטאַליטאַר לאַנד — די שוואַכסטע כאַראַקטערן, וועמען עס איז לייכטער זיך אונטערצוגעבן, צו מאַכן קאָמפּראָמיסן.

דער קאַפּיטאַליזם ברעכט אַ סך שרייבער (און על פי רוב די גייסטיק שוואַכע, וועלכע האָבן קיין מוט נישט צו קעמפן און האָבן נישט פאַר וואָס צו קעמפן, ווייל זייער שרייבערישער

מוז איז אַ קלענער), אָבער דער טאָטאַליטאַרער רעזשים מוז ברעכן גייסטיק און מאָראַליש אַלע, ווייל דער טאָטאַליטאַריזם קאָן נישט פאַרטראָגן דאָס, וואָס עס איז דער עיקר, דער יסוד פון יעדן עכטן שרייבער — פרייהייט אויסצודריקן די אונטער־באַוווסטזיניקע אינספּיראַציע, קאָנטראָלירט דורך אַ פרייען באַוווסטזיין.

אין טאָטאַליטאַרע לענדער באַפרייט מען דעם שרייבער פון געלט־זאָרגן, פון וועלכע ער ליידט אין דעמאָקראַטיש־קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אָבער דערפאַר נעמט מען אים צו די פרייהייט פון שאַפן, וועלכע ער קאָן געניסן אין די דעמאָקראַטישע לענדער. ער ווערט טאַקע אַריינגעזעצט אין אַ גאָלדענער שטייג, אָבער ער מוז זיך פריער לאָזן אָפּשניידן די פליגל).

איך וויל דאָס אילוסטרירן דווקא נישט מיט קיין גרויסע, גוט באַקאַנטע פאַלן, נאָר דווקא מיט אַ קליינינקייט (ווי עס קאָן זיך דוכטן!), וואָס איז כמעט קיינעם נישט באַקאַנט.

אין 1940, נאָך דעם ווי די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען ווילנע, האָב איך אין ווילנער „עמעס" געלייענט אַ „תיקון־טעות" מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט (איך ציטיר פון זכרון, אָבער איך גאַראַנטיר פאַרן אינהאַלט ביז די קלענסטע ניואַנסן):

אין אונזער נעכטיקן אַרטיקל איז אַריינגעפאַלן אַ טעות, — האָט מען אין „עמעס" געשריבן, — אין פאָלגנדיקער שורה (און דאָ איז געקומען די שורה). דאָס איז אַ שורה פון אַ ליד, וווּ עס רעדט זיך וועגן אַ „פאַנאַטישן פאַסטוך פון אַל־טערטום".

וואָס איז דאָס פאַר אַ געהיימניספול ליד, וואָס מוז ציטירט ווערן אינקאָגניטאָ, מיט רמזים? און ווער איז דער דיכטער פונם ליד? און וואָס איז דאָס פאַר אַ „פאַנאַטישער פאַסטוך פון אַלטערטום"?

די שורה שטאַמט פון ביאַליקס באַרימט ליד „חוזה לך ברח" (געבויט אויפן פערז פון נביא עמוס). דער ווילנער יידישער זשורנאַליסט האָט דאָס, נאַטירלעך, גאַנץ גוט געוווּסט, אָבער ביאַליק איז דאָך נישט דער רוסישער רעאַקציאָנערער דיכטער טיוטשעוו, וועמען מען ציטירט אין ראַטן־פאַרבאַנד גאַנץ פריי, וועגן וועמען מען שרייבט אַ סך אין דער רוסישער

פּרעסע; און דער נביא עמוס איז נישט פעטער דער גרויסער און אויך נישט סוואָראָוו, וועגן וועמען מען שאַפט פילמען, — דעריבער שרעקט זיך דער „גייסטיק־באַפרייטער", מיט דער פליכט פון „זעלבסט־קריטיק" באַשאַנקענער יידישער זשור־נאַליסט צו דערמאָנען ביאַליקס און עמוסעס נעמען, און ער פּטרט עס אָפּ אגיל־ואשמחדיק: דאָס איז אַ שורה פון אַ ליד וועגן אַ „פאַנאַטישן פאַסטוך פון אַלטערטום".

און מען טאָר דאָס נישט אָפּפּטרן מיטן זאָג, אַז דאָס איז אַ קוריאָז, אַז פון נאַרישקייטן ברענגט מען נישט קיין ראיות.

דאָס איז טאַקע אַ קוריאָז, אָבער נישט קיין צופעליקער. וואָלט עס געווען אַנדערש, וואָלט דאָך דאָס גאַנצע יידיש־ליטעראַרישע רוסלאַנד געווען באַדאַרפט פּלאַצן פון געלעכטער פונם „פאַנאַטישן פאַסטוך פון אַלטערטום", פונם נישט האָבן קיין „מוט" אָנצורופן ביים נאָמען אַ ציטירטן דיכטער, פונם נישט האָבן קיין „מוט" אָנצורופן ביים נאָמען אַ נביא (איך רעד שוין נישט וועגן עמוס'עס כשרער סאָציאַליסטישקייט). אָבער די גאַנצע יידישע פּרעסע איז געבליבן טויט־ערנסט; פאַרן וועלן אויסלאַכן די „פּאַרזיכטיקייט" פונם יידישן זשורנאַליסט, וואָלט מען געווען מיאוס אָפּגעשניטן...

ניין, דאָס איז נישט קיין צופעליקער קוריאָז, — דאָס איז אַ כשר־פאַרקריפּלט קינד פון גאַנצן סיסטעם, פון דער אינער־לעכער צענזור.

פון וואַנען קאָן דער אָרימער, פּלוצלינג „באַפרייטער" יידישער זשורנאַליסט וויסן, אַז ער איז פריי צו דערמאָנען ביאַליקס נאָמען (ביאַליק שרייבט דאָך, — אָ, אַ שרעק! — אויף העברעאיש „נאַציאָנאַליסטישע" לידער), אַז ער מעג דערמאָנען דעם נאָמען פון „פאַנאַטישן פאַסטוך פון אַלטערטום" (אָ, ווונדערבאַרע דעפיניציע פאַרן וואָרט „נביא"!), פּונקט ווי מען מעג דערמאָנען דעם נאָמען פון סאָקראַטן, ווייל וואָס קאָן מען מאַכן מיט אַ פאַרדראָסיקן פאַקט פון אַ 2500 יאָר צוריק, אַ פאַקט, וואָס די יעווסעקציע אפילו קאָן נישט באַזייטיקן?

דער זשורנאַליסט, אין זיין טאָטאַלער שרעק, ווייסט איינס: מען דאַרף היטן די „באַפרייטע" ביינער, און אויב ער

היט זיך נאַריש, איז די נאַרישקייט נישט בלויז זיינע...

און עס קאָן זיין, אַז דאָס איז בכלל נישט קיין נאַריש־קייט; עס קאָן זיין, אַז ער האָט געטאָן ריכטיק: דאָס וואָס גאָרקי האָט געמעגט מיט יאָרן פריער (דערמאָנענדיק און ליבן ביאַליקן), טאָר נישט קיין ייד ביי דער יעווסעקציע מיט יאָרן שפּעטער...

און דער ווילנער זשורנאַליסט האָט אפשר גוט געטאָן, וואָס ער האָט מאַקסימאַל אָנגעווענדעט די פליכט פון „זעלבסט־קריטיק" און די כללים פון „שרעק שרייבט".

ס'איז ביטער צו זיין אַ בירגער אין אַ טאָטאַליטאַרן רעזשים, אָבער די גרעסטע טראַגעדיע איז צו זיין אין אַזאַ רעזשים אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, אָדער — אַ שרעק אַ טראַכט צו טאָן! — גאָר אַ שרייבער: די פרייהייט וואָס אַלע אַנדערע דאַרפן אויך האָבן אַלס לעבנס־געווינס, מוז ער דאָך האָבן אַלס לעבנס־באַדינג. און אַט דעם עלעמענטאַרסטן לעבנס־באַדינג פאַר אַ שרייבער — דאָס שאַפן אין פרייהייט! — האָט ער נישט אין דער קלענסטער מאָס אפילו. אדרבא: ער מוז נאָך שרייבן אין אומפרייהייט, אויב ער וויל נישט אריינ־פאַלן אין דער קאַטעגאָריע פון די שעדיקער...

גיט נאָר אדרבא אַ טראַכט, וואָס פאַר אַ גרויל עס ליגט אין די ווערטער: שרעק שרייבט!...

שרעק, אַנשטאָט אינספּיראַציע!

אַט די שרעק בינדט ביי דער ליטעראַטור די פליגלען, כדי זי זאָל פליען לויט דעם איינזען פון צענטראַל קאָמיטעטס רעזאָלוציעס. צי פאַרשטייט אָבער נישט די טאָטאַליטאַרע ביוראָקראַטיע אין איר טעמפּקייט, אַז ליטעראַטור אָן פרייע פליגלען קאָן נישט פליען, נאָר זי מוז קריכן? צי פאַרשטייט זי נישט, אַז ביי אַ פרייען פליען געלינגט אַמאָל איינעם אָדער אַ צווייטן אַרויפצופליען צו די ברייטסטע האָריזאָנטן און צו אַנטדעקן עפּעס פאַר אונז, די געפּענטעטע, מיט די שאַרניקעס אויף די אויגן, — אָבער צו וואָס און אויף וואָס קאָן טויגן אַ ליטעראַטור, וואָס קריכט?

און אפשר פאַרשטייט דאָס דער טאָטאַליטאַרער רעזשים גאַנץ גוט, נאָר ער וויל טאַקע נישט, אַז איינער אָדער אַ

צווייטער זאָל אין פריַיהייט זיך דערהויבן איבער זיינע טאָ־טאַליטאַרע גרענעצן און ער זאָל דערזען און ווייזן אַנדערע דאָס, וואָס מען דערזעט אויף די ברייטע האָריזאָנטן!

זיין גאַנצע ליטעראַטור־פּאָליטיק איז טאַקע געווענדט דערויף, אַז אַלע זאָלן קריכן; אַז אַלע זאָלן מוזן קריכן צוליבן מאַנגל אין פליגל...

4. דער קולט פאַר די טויטע...

לייענט מען די ראַטן־פאַרבאַנדישע פּרעסע, וואַרפט זיך אין די אויגן דער קולט פאַר די טויטע שרייבער. אַ גאַנצער שטאַב, ווייזט אויס, פון מזכיר־נשמהניקעס זוכט רק צו פּראַווען אַ יאָרצייטל. עס איז זיי שוין ווייניק די אָפיציעלע יובל־טאַבעלע: 5, 10, 25, 50 א. א. וו., מען קאָן טרעפן אויך אויסטערלישע יובל־דאַטעס: 6 יאָר, 26, 126 א. א. וו.

אָט די שוואַכקייט צו שרייבער־יאָרצייטן איז נישט קיין צופאַל, — מען וויל ווייזן ווי שטאַרק אָנגעלייגט עס איז אין ראַטן־פאַרבאַנד קולטור, ליטעראַטור.

איך האָב שוין אַמאָל געזען אַ זעלבסט־באַרימעריי אין אַ רוסישן ליטעראַרישן זשורנאַל: אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט מען געפּייערט אַ יאָרצייט פונם ענגלענדער טשאָסער מיט מער פּאָמפּע, ווי די ענגלענדער! נו, ווער האַלט טייער די קולטור?...

און באמת, עס איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט אין רוסלאַנד געפּייערט אָן אַ שיעור יובלים פון מערב־אייראָפּעאישע דיכטער (היינט איז דאָס נישט אין דער ליניע, און נישט איין אַרטיקל־ און בוך־שרייבער וועגן מערב־אייראָפּעאישע שרייבער האָבן אוודאי צו זינגען און צו זאָגן פאַר זייערע אַמאָליקע מערב־אייראָפּעאישע סימפּאַטיעס...).

ווען מען לייענט אָבער דעם ים אַרטיקלען צו טאָלסטאָיס אַ יאָרצייט, למשל, שטעלט זיך די פראַגע: ווי וואָלט אויסגעזען די באַציאונג צום זעלבן טאָלסטאָי, ווען ער וואָלט געווען געלעבט נאָך אַ פופצן־צוואַנציק יאָר? איצט שרייבט מען

מיט יראת הכבוד וועגן קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשאַפט, וואָס דער דאָזיקער געבוירענער קעמפער האָט געפירט; איצט ליגט מען אַרויף טאָלסטאָיס שווערע מאָראַלישע וואָג אויף דער איינגענער וואָגשאָל, — צי וואָלט אָבער טאָלסטאָי געוועזן געקאָנט אָנשרייבן זיין „איך קאָן נישט שווייגן!" אויך נאָך 1917? צי וואָלט אויך דאַן דער רעספּעקט פון דעם ראַטן־פאַרבאַנד פאַרן קעמפערישן גייסט פון טאָלסטאָיען געוועזן גענוג גרויס אויף צו לאָזן טעטיק זיין דעם דאָזיקן, הגם קעגנערישן, אָבער איידעלן און גרויסן גייסט?

עס איז דאָך קלאָר, אַז טאָלסטאָי וואָלט נישט געוועזן געקאָנט אַקצעפּטירן דעם באָלשעוויזם און ער וואָלט געוועזן געמוזט שווייגן; איז מיט וואָסער רעכט פראַוועט מען אַזויפיל יום־טובים לכבוד דעם מורדישן גייסט פון גרויסן יאַסנע־פּאָליאַנער זקן? זעט עס דען נישט אויס ווי אַ שענדונג פון טאָלסטאָיס אידייען? איז דען דזשענטלמעניש אויסצונוצן דעם געצוווּנגענעם שווייגן פון אַ טויטן (און פון די לעבעדיקע!), כדי צו גלאַנצן סנאָביש מיט דער ליבע צו די רייד פון אַ שרייבער, וועלכער וואָלט געווען געמוזט שווייגן ווען ער וואָלט געווען דערלעבט די הערשאַפט פון זיינע איצטיקע ליבזינגער?

אין זיין קריטיק האָט טאָלסטאָי געהאַט אַ סך באַרירונגס־פּונקטן מיט די באָלשעוויקעס, אָבער די קעגנזאַצן צווישן די דאָזיקע צוויי עקסטרעמען זענען אַ סך גרעסער, ווי די באַרי־רונגס־פּונקטן, און אויב מען האָט נישט דעם מוט צו רעדן (אָדער לאָזן אַנדערע רעדן) אויך וועגן זיי, דאַרף מען איינ־גאַנצן אַריבערגיין מיט שווייגן איבער אַזאַ יאָרצייט. דאָס איז ערלעכער, ריינער.

און עס איז אוודאי און אוודאי ציניש, ווען די ראַטן־פאַרבאַנדישע פּרעסע הויבט אָן אויפצווווייזן ווי שטאַרק טאָל־סטאָי איז געווען פאַרפאָלגט אין צאַרישן רוסלאַנד, ווי שטאַרק מען האָט פאַרקריפּלט זיינע ווערק, זיינע געדאַנקען; ווען די ראַטן־פאַרבאַנדישע פּרעסע נעמט אויפווייזן, אַז ערשט אין ראַטן־פאַרבאַנד קומט טאָלסטאָי צו זיין פולער שטים (דורך אַקאַדעמישע אויסגאַבעס פון זיינע ווערק).

ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין — לאָמיר האָבן מוט צו זאָגן דעם פולן גרויזאַמען אמת: אויב די ראַטן־פאַרבאַנדישע פרעסע האָט אַ מעגלעכקייט צו פייערן טאָלסטאָיען דעם מורד, איז דאָס אַ גוטע אַטעסטאַציע פאַרן דעספּאָטישן צאַריזם אין זיין פּראָצעס קעגן טאָטאַליטאַרן באָלשעוויזם.

מיר ווייסן וואָס פאַר אַ קאַמף טאָלסטאָיען איז אויסגעקו־מען צו פירן פאַר דעם, אַז זיין געשריי „איך קאָן נישט שווייגן!” (קעגן די צאַרישע תליות) זאָל דערגיין צום ברייטן עולם (און צום גאָר ברייטן עולם איז דער געשריי זיינער גאָר נישט דערגאַנגען), אָבער דער דעמב טאָלסטאָי איז אויסגע־וואַקסן אונטערן בלוטיקן צאַריזם; נישט אַלע זיינע צווייגן האָבן זיך געקאָנט באַבלעטערן אינם געדיכט־פינסטערן שאָטן פון צאַריזם, אָבער אויסגעוואָרצלט האָט מען אים נישט, פאַר־דאַרט געוואָרן איז ער נישט, — טאָלסטאָי איז געוואָרן טאָלסטאָי.

צי קאָן זיך דען עמיצער פאָרשטעלן, אַז אין ראַטן־פאַר־באַנד זאָל אויסוואַקסן אַזאַ פּראָטעסטאַנט, ווי טאָלסטאָי (אָדער כאָטש אַ טאָלסטאָיעלע)? ס'איז סיי לעכערלעך, סיי שרעקלעך אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם! ווער ווייסט וויפיל לעבעדיקער טאָלסטאָי־גייסט עס גייט פאַרלוירן אין ראַטן־פאַרבאַנד, בעת זיי פייערן — און שרייבן אַרויף אויף זייער קאָנטע — דעם טאָלסטאָי, וואָס איז אויסגעוואַקסן אונטערן צאַריזם?!

און טאָלסטאָי זאָל דאָס זיין אַן אונטערשטיצונג פאַר זיי, פאַר די באָלשעוויקעס, און אַ טויט־אורטייל פאַרן צאַריזם?!

פאַר אונז, די קעגנער פון דער באָלשעוויסטישער טיראַניע, איז טאָלסטאָי דער גרויסער באַקעמפער פון צאַריזם; פאַר אונז איז טאָלסטאָי אַ פאָרוואורף און אַ באַגרעבער פון צאַ־ריזם — אָבער נישט פאַר די טאָטאַליטאַרע באָלשעוויקעס. די, וועלכע וועלן נאָך זיך נישט איבערלאָזן קיין טאָלסטאָי, האָבן נישט קיין רעכט צו גרויסן זיך מיט אַ טאָלסטאָי, און נאָך מאַכן אַ פאָרוואורף אַנדערע, אַז זיי האָבן נישט גענוג געשאַ־נעוועט טאָלסטאָיען.

און וואָס מער איך לייען אין דער רוסישער פּרעסע יובל־אַרטיקלען לכבוד די גרויסע גייסטער פון דער רוסישער ליטע־

ראַטור און פון רוסישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, אַלץ מער ווער איך דערדריקט פון אַ קאַשמאַר־געדאַנק: אין ליכט פון דער היינטיקער רוסישערווירקלעכקייט קומט דאָך אויס, אַז דעם צאַריזם קומט אַ גאָלדענער מעדאַל פאַר דעם, וואָס אונטער אים זענען אויסגעוואַקסן אַ פּושקין און אַ לערמאָנ־טאָוו, אַ טשערנישעווסקי און אַ טאָלסטאָי, אַ נעקראַסאָוו און אַ שטשאַדרין, אַ גאָרקי און אַ דאָבראָליובאָוו, אַ פּיסאַרעוו און אַ טשעכאָוו.

צי וואָלט דען אַ נייער גאָרקי היינט געווען געקאָנט אָפּ־דרוקן „אַ ליד צום שטורעם־פויגל" („פּיעסן אָ בורעוועסט־ניקע")? פאַרן בלויזן אָנשרייבן דאָס וואָלט ער שוין געווען פאַרענדיקט זיין שריפטשטעלערישע קאַריערע!

צי וואָלט אַ נייער טורגעניעוו געווען געקאָנט היינט אָנ־שרייבן אַ נייעם בוך „נאָטיצן פון אַ יעגער" וועגן די נייע לייב־אייגענע?

דאָס איז דאָך אַן אוממעגלעכקייט! די ליטעראַטור איז דאָך געוואָרן אַ רעגירונגס־אַמט!

דערמאָנט זיך נאָר: פּיסאַרעוו שרייבט אָן אַ שאַרפן מאַניפעסט קעגן דער זעלבסטהערשאַפט; פּאָליציי געפינט ביי אים די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע און אַרעסטירט אים. אָבער זיצנדיק אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, באַקומט ער אַ דערלויבעניש צו שרייבן זיינע אַרטיקלען און פון דער פעסטונג ווערן זיי געשיקט — דורכגייענדיק די צענזור — אין דער פּעריאָדישער פּרעסע און זיי פירן ווייטער זייער רעוואָלוציאָ־נירנדיקע דערציאונגס־אַרבעט.

און דערמאָנט זיך ווידער: טשערנישעווסקי זיצט אין פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, אָבער דאָך באַקומט ער אַ דער־לויבעניש פאָרצוזעצן דאָרט זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט און דאָרט ווערט טאַקע פאַרפאַסט זיין באַרימטער ראָמאַן „וואָס־זשע זאָל מען טאָן?", און דער ראָמאַן ווערט אַרויסגע־לאָזן פון תּפיסה און אָפּגעדרוקט.

אמת, מען האָט דאָס צו פאַרדאַנקען אַ טעות פון דער צענזור; דער ראָמאַן איז שפּעטער קאָנפיסקירט געוואָרן; אָבער אויך שפּעטער איז ער אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט אין

מאַנוסקריפּטן און דערצווינגן אַ גאַנצן דור (און מען האָט נישט פאַרשיקט דערפאַר קיין סיביר טויזנטער מענטשן, ווי דאָס וואָלט היינט געווען געשען פאַר אַזאַ זאַך מיט צענער טויזנטער).

קאָן מען זיך דען פאָרשטעלן, אַז אַ קעגנער פון איצטיקן רעזשים אין ראַטן־פאַרבאַנד זאָל זיצן אין תפיסה פאַר אַ פּראָקלאַמאַציע קעגן סטאַלינען און ער זאָל באַקומען אַ דערלויבעניש צו שרייבן און דרוקן (סיידן אַ חרטה־בריוו)? קאָן מען זיך דען פאָרשטעלן, אַז אַ מאַריאַ ספּירידאָנאָווא זאָל באַקומען אַ דערלויבעניש צו שרייבן און דרוקן?

טאָ ווי אַזוי זאָלן אויסוואַקסן אין ראַטן־פאַרבאַנד אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי די טשערנישעווסקים און טאָלסטאָיס, ווי די פּיסאַרעווס און דאָבראָליובאָווס, מיט וועלכע די סאָוויעטישע פּרעסע אָנטציקט זיך און איז שטאָלץ מיט זיי? זיי זענען דאָך גאָר דער שטאָלץ פונם צאַריזם, זיין איינציקע פאַרענטפערונג פאַר דער געשיכטע: צווישן גאַנצן באַרג שמוץ — קאָן דער צאַריזם זאָגן פאַרן טריבונאַל פון דער געשיכטע — וואָס איך האָב איבערגעלאָזן נאָך זיך, געפינט זיך אויך דער אוצר פון רוסישן געדאַנק און פון דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס איך האָב פאַרפאָלגט, אָבער דאָך נישט אויסגעוואָרצלט. וואָלט דער באָלשעוויזם געווען געזיגט אין רוסלאַנד אין 1825, בעת דעם דעקאַבריסטן־אויפשטאַנד, וואָלט איר נישט געווען געהאַט נישט טאָלסטאָיען און נישט טשערנישעווסקין, און אויך נישט אַ סך אַנדערע, מיט וועמען די סאָוויעטישע פּרעסע איז פול אַזוי אָפט. זיי וואָלטן זיכער געווען געפעלט, ווי זיי וועלן פעלן אין די צוואַנציקער, דרייסיקער און פערציקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. וואָרום ווי אַזוי קאָנען זיי אויסוואַקסן, אויב מען שטעלט צום ווענטל עפּעס אַ קאַטאַיעווס אַ פּיעסע, ווו ער רירט אָן אַ פּיטשינק שטיקל קרום־שפּיגלדיקע ווירקלעכקייט? ווי אַזוי דערוועגט ער זיך דאָס צו קריטיקירן אַ גרוי ראַטן־פאַרבאַנדיש מענטשל, בעת דער סאָוויעטישער מענטש איז העראָאיש תמיד און אומעטום!

בלויז אין משך פון איין חודש פון 1940 האָב איך אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" געלייענט וועגן דריי עקזעקוציעס איבער דריי ווערק און דריי שרייבער, ווי אויך איבער דער

שרייבער־אָרגאַניזאַציע אַלס גאַנצער פאַר איר שוואַכער אַפּוט־רופּסות, — דריי עקזעקוציעס איבער מיטלמעסיקע ווערק פאַר ווייניקער ווי מיטלמעסיקער קריטיק פון גרויע שטיקלעך ראַטן־פאַרבאַנדישער ווירקלעכקייט (ווייל קיין אַנדער קריטיק וועט זיך דאָך נישט דורכגליטשן דורך דער צענזור־סיסטעם, וואָס הויבט זיך אָן אינעווייניק ביים שרייבער, פירט דורך דער שרייבער־אָרגאַניזאַציע און ענדיקט זיך ביים רעדאַקטאָר פון פאַרלאַג)! טאָ ווי זאָלן אין אַזאַ אַטמאָספער אויסוואַקסן בונ־טאַרן, צוקונפט־שרייבער?

און דער וואָס פאַרמערט נישט דעם לעבעדיקסטן אוצר — דעם מענטשלעכן גייסט, — יענער האָט נישט קיין רעכט צו באַטראַכטן אים, דעם גייסט, פאַר זיינעם. דער, וואָס לאָזט אים ליגן אומטעטיק, באַגראָבט אים.

זאָל דער ראַטן־פאַרבאַנד אויפהערן סנאָביש צו פייערן דעם אַמאָליקן גייסט, וואָס אַנדערע האָבן געלאָזט אויפוואַקסן; זאָל ער בעסער נישט דערשטיקן דעם היינטיקן גייסט, וואָס איז גרייט צו קנאָספּן ביי אים; זאָל ער אויפהערן צו פייערן דעם לעבעדיקן גייסט פון טויטע שרייבער, און זאָל ער בעסער לאָזן אויסלעבן זיך דעם לעבעדיקן גייסט פון לעבעדיקע שרייבער.

5. פאַרוואָס איז פאַרשטומט געוואָרן די יידישע ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד?

מען קאָן נישט שרייבן וועגן גורל פון דער ליטעראַטור אין טאָטאַליטאַרע לענדער, נישט דערמאָנענדיק דעם גורל פון דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין דאָזיקן טאָטאַליטאַרן מוסטער־לאַנד (נאָכן אונטערגאַנג פון נאַצי־דייטשלאַנד).

דער גורל פון יידישן שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד איז, נאַטירלעך, אַ צייט לאַנג געווען דער זעלבער ווי דער גורל פון שרייבער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

פלוצלינג איז פארשוואונדן דער אַלטיטשקער היסטאָריקער פון דער יידישער ליטעראַטור י. צינבערג — ער איז געשטאָרבן אין תפיסה. די האַק פון סאָוויעטישן גולם האָט געטראָפן אויך אים, ווי אַ סך אַנדערע.

עס איז פאַרשוואונדן אין די סאָוויעטישע דזשונגלם איינער פון די גרעסטע און איידלסטע יידישע דיכטער, משה קולבאַק, וועלכער האָט, אין זיין דיכטערישער נאַאיווקייט, אַנטקעגנגע־טראָגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד זיין ענטוזיאַזם און זיין גרויסן טאַלאַנט.

עס איז דאָרט אומגעקומען דער ערנסטער ליטעראַטור־קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער מאַקס עריק, וועלכער האָט זיין קאָמוניסטישן גלויבן געוואָלט אויסלעבן (גאָר נישט ווי די סאַלאָן־קאָמוניסטן פון אַלע לענדער) נישט אין קאַפּי־טאַליסטישן פּוילן, נאָר אין קאָמוניסטישן ראַטן־פאַרבאַנד.

און עס זענען אומגעקומען נאָך און נאָך, גוט באַקאַנטע, ווי איזי כאַריק, און ווייניקער באַקאַנטע.

און די ידיעות וועגן זייער אומקום און וועגן אופן פון זייער אומקום זענען דערגאַנגען צו אונז אומדירעקט, דורך נישט־אָפיציעלע וועגן, — דאָס מאַכט דעם אופן און די דירעקטע סיבות פון זייער אומקום סודותדיק, אָבער זייער אומקום איז זיכער. (אויב נישט אַלע פון זיי זענען שוין פיזיש טויט, זענען זיי אָבער זיכער גייסטיק טויט).

אָבער מיט אַ צוויי יאָר צוריק איז געשען מיט די יידישע שרייבער און מיט דער יידישער ליטעראַטור עפּעס אַזוינס, וואָס האָט קיין גלייכן נישט אפילו אין דער געשיכטע פון דער שרייבערישער מאַרטיראָלאָגיע אין ראַטן־פאַרבאַנד: אַלע יידישע שרייבער זענען פאַרשטומט געוואָרן, אַלע יידישע שרייבער און די גאַנצע יידישע ליטעראַטור זענען דאָרט ליקווידירט געוואָרן. טאָטאַלער גייסטיקער כרת!

די לעצטע יידישע צייטונגען זענען פאַרמאַכט געוואָרן; דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט איז געשלאָסן געוואָרן און אַ בית־הקברות־שטילקייט האָט זיך אויסגעלייגט איבער דער יידישע ליטעראַטור און די יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַר־באַנד.

עס דערגייען קלאַנגען וועגן אינדיווידועלן גורל פון איינצל־נע פון זיי, — דער זאָל האָבן דערשאָסן געוואָרן און יענער זאָל האָבן משוגע געוואָרן, — אָבער ווו קאָן מען זוכן דעם וואָרצל פון זייער קאָלעקטיוון גייסטיקן — און אפשר אויך פיזישן — כרת (וואָס וועגן אים קאָן קיין שום ספק נישט זיין)?

שוין פאַר דער מלחמה האָט זיך אין רוסלאַנד שטאַרק גע־מערקט דער וווקס פון רוסיש־נאַציאָנאַלן פּאַטריאָטיזם איבער דעם רוסיש־סאָוויעטישן.

וואָס מער היטלער האָט געזוכט נאַציאָנאַלע ענערגיע ביי וואָטאַנען, האָט רוסלאַנד גענומען זוכן אינערלעכן קעגן־כוח נישט ביים קאָמוניזם, נאָר ביי פּעטער דעם גרויסן און סוואָ־ראָוון (און אפילו ביי די אַדמיראַלן פון דערטרונקענעם רוסישן פלאָט ביי צוסימאַ).

די דאָזיקע טענדענץ איז באַשטימט געוואָרן בלויז פאַר דער מלחמה, ווען די מלחמה איז געוואָרן נישט קיין מלחמה פון קאָמוניזם קעגן קאַפּיטאַליזם (דאָס וואָלט צו ווייניק אַפּע־לירט צו די ברייטע רוסישע מאַסן), נאָר אַ פּאָטערלענדישע מלחמה.

די דאָזיקע טענדענץ איז באַשטימט געוואָרן בלויז פאַר רוסלאַנד (פאַרן ערשטן פאָלק צווישן די גלייכע ראַטן־פאַרבאַנ־דישע רעפּובליקן, ווי סטאַלין האָט דאָס פּראָקלאַמירט אין זיינער אַ רעדע נאָך דער מלחמה), אָבער בעת דער מלחמה האָט מען אויסגענוצט אויך דעם נאַציאָנאַלן פּאַטריאָטיזם פון די צווייט־ראַנגיקע ראַטן־פאַרבאַנדישע פעלקער.

אפילו די יידישע קאָמוניסטן, וועלכע זענען תמיד געווען פּויפּסטלעכער פאַרן פּויפּסט אין זייער קאַמף קעגן „בורזשואַזן" יידישן נאַציאָנאַליזם, האָבן געמוזט מיטשווימען מיטן מלחמה־שטראָם.

דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט האָט נישט נאָר גע־האַלטן רעדעס דורכן ראַדיאָ צו די „ברידער יידן" אין דער וועלט, באַזונדערס אין אַמעריקע, נאָר מען האָט אפילו געשיקט קיין אַמעריקע אַ דעלעגאַציע (פון פּראָפעסאָר מיכאָעלס און פּולקאָווניק איציק פעפער).

די יידישע שרייבער אין ראטן־פּאַרבאַנד האָבן גענומען נאַציאָנאַל אַביסל פרייער אָפּאָטעמען. בערגעלסאָן האָט אָנגע־שריבן אַ באמת־נאַציאָנאַלע דראַמע „דער פירשט ראובני", וואָס אין איר דערקענט מען זייער ווייניק איר געבורטס־אָרט. עס האָט זיך דרייסטער באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור בר־כוכבא. און אפילו איציק פעפער האָט אָנגעשריבן אַ ליד „איך בין אַ ייד", אַ זאַך וואָס פריער איז זיך דאָס שווער געווען פאָרצושטעלן.

נאָך דער מלחמה האָט זיך אין ראטן־פּאַרבאַנד אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן „בורזשואזן" נאַציאָנאַליזם פון די מינדערהייט־רעפּובליקן. מען האָט אָנגעהויבן צו ליקווידירן די פרייהייטן, וואָס זענען שווייגעוודיק געשאָנקען געוואָרן די פעלקער פון רוסלאַנד. צוזאַמען מיטן אַנטוויקלטן רוסיש־נאַציאָנאַלן פּאַט־ריאָטיזם האָט זיך אויך גענומען פאַרשטאַרקן דער רוסישער אימפּעריאַליזם (נישט נאָר אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק, נאָר אויך אין דער אינערלעכער).

עס איז גענוג צו באַטראַכטן אַביסל גענויער דעם אַזוי גערופענעם „קאַמף קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם" אין דער ליטעראַ־טור אין ראַטן־פּאַרבאַנד, כדי צו דערזען דעם וואָרצל פון דער טראַגעדיע פון דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטן־פּאַרבאַנד.

דער רוסישער שרייבער פאַדעיעוו שיצט אָפּ דעם רוסישן נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטיזם אינם זאַמלבוך „פּראָבלעמען פון סאָ־ציאַליסטישן רעאַליזם" („סאָוויעטסקי פּיסאַטעל", 1948), און ער נעגירט דעם נאַציאָנאַליזם־פּאַטריאָטיזם פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן פון ראַטן־פּאַרבאַנד.

דער קאַמף קעגן יעדן מין קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד האָט אָנגענומען אין ראַטן־פּאַרבאַנד אויך אַ ליטעראַרישע פאָרם. ער ווערט כמעט אָפּן געפירט אין נאָמען פון רוסישן פּאַטריאָ־טיזם און ער האָט אין זינען די אונטערדריקונג פון די באַזונ־דערע פּאַטריאָטיזמען פון די באַזונדערע סאָוויעטישע רעפּוב־ליקן (אַ חוץ דעם גרויס־רוסישן), וואָס קומען צום אויסדרוק אין זייערע ליטעראַטורן. הינטער דעם קאַמף קעגן דער מערב־אייראָפּעאישער ליטעראַטור און נישט־כשרע ליטעראַרישע

שטרעמונגען און דערשיינונגען (קאָסמאָפּאָליטיזם!) באַהאַלט זיך אויס דער סאָוויעטישער אימפּעריאַליזם.

דער סאָוויעטישער פּאַטריאָטיזם — זאָגט פאַדעיעוו — „האָט אַ ערנסטן שונא און קעגנער: די איבערבלייבענישן און אָבערגלויבנס פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם איז ביז גאָר ווײַכטיק אַוועקצופירן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אידעאַליזירן, אַרויסהויבן דאָס סאַמע אָפּגע־שטאַנענע און פאַרשטאַנענע, דאָס נאַציאָנאַליסטישע פון דעם וואָס איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט, כדי צו זאָגן, אַז די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייט איז געווען בעסער און אינטערעסאַנ־טער, ווי די קעגנוואַרט".

פאַדעיעוו האָט דעם מוט אָנצוקלאָגן דעם נאַציאָנאַליזם, די ליבע צו דער פאַרגאַנגענהייט פון די ליטעראַטורן פון די סאָוויעטישע רעפּובליקן, — די רעפּובליקן פון רוסלאַנדס נאַ־ציאָנאַלע מינדערהייטן, — ווײַל דאָס איז אין הסכם מיט דער ליניע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָבער ער האָט נישט קיין מוט צו פרעגן דעם רעזשים, פאַרוואָס איז שלעכט צו פאַרהערלעכן די נאַציאָנאַליסטישע (ד. ה. רעאַקציאָנערע) פאַר־גאַנגענהייט פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, בעת עס איז גוט צו פאַרהערלעכן סוואָראָוון, איוואַן דעם גרויזאַמען, פּעטער דעם גרויסן און די אַדמיראַלן פון דער ים־שלאַכט ביי צוסימאַ.

אָבער לאָמיר ווייטער נאָכגיין אָביסל פאַדעיעוון: „איר געדענקט, — פרעגט ער פּאַטערלעך די דיכטער און קריטיקער פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן,—דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט, אין זיין באַשלוס וועגן רעפּערטואַר פון אונזערע טעאַטערס, אָנגעוויזן אויף אייניקע פעלערן פון דער ליטעראַטור פון די פעלקער פונם ראַטן־פאַרבאַנד: דאָס אַוועקגיין אין דער געשיכ־טע, די אידעאַליזאַציע פון דער פאַרגאַנגענהייט".

און נאָך אַ גאַנצן סכאָלאַסטישן טראַקטאַט, קומט ער צום עיקר, צו אַ קאָנקרעטן ביישפּיל:

„מען האָט אונז פאָרגעלייגט אַרויסצוגעבן אין „סאָוו־יעטסקי פּיסאַטעל" אַ בוך פון יע. איסמאַאילאָוון, „די קאַ־זאַכסטאַנער סאָוויעטישע ליטעראַטור". זעט מען תיכף די פּרינציפּיעלע פעלערן פון דאָזיקן בוך... אין אים ווערט אידע־

אַליזירט דער פעאָדאַלער כאַנישער פּעריאָד פון דער געשיכטע פון קאַזאַכסטאַן. די כאַנען האָבן געקעמפט מיטן רוסישן צאַריזם, אָבער... די כאַנען — די פעאָדאַלן און גנבים — ווערן געשילדערט אַלס העלדן, און די כאַנישע שחיטה ווערט געשילדערט אַלס קאַמף פאַרן שאַפן די קאַזאַכסטאַנישע מלוכה. דער מחבר אידעאַליזירט די זינגער, וועלכע האָבן באַזונגען די העלדן פון די כאַנען, און גיט דאָס אָן אַלס „הערויאישן פּעריאָד פון דער קאַזאַכסטאַנער ליטעראַטור". די ליטעראַטור פון יענער צייט, ווען קאַזאַכסטאַן איז געוואָרן אַ טייל פון דער רוסישער אימפּעריע, באַצייכנט דער מחבר אַלס ליטעראַטור פון דער ,עפּאָכע פון טרויער'".

אַט־אָ־דאָס איז דער אונטערשיד צווישן אידעאַליזירן די צאַרן און זייערע גענעראַלן און אידעאַליזירן די קאַזאַכסטאַנישע כאַנען: דאָס ערשטע שטאַרקט דעם רוסישן פּאַטריאָטיזם און דאָס צווייטע קאָן נאָך אַמאָל שטאַרקן דעם קאַזאַכסטאַנער פּאַטריאָטיזם...

אָבער ווי אַזוי כשרט מען פאָרט דעם פאַרבאָט צו טרויערן אויף דער נאַציאָנאַלער פאַרשקלאַפונג דורכן צאַרישן אימפּעריאַליזם?

דערויף איז דאָ די סכאָלאַסטיק, די דיאַלעקטישע האָר־שפּאַלטעריי:

„דאָ, — זאָגט פּאַדעיעוו מיט אַ טיפזיניקן קנייטש אין שטערן, — איז אַ בולטער באַגריפן־פּלאָנטער. (דאָס מיינט ער נישט דעם ראַטן־פאַרבאַנדישן באַגריפן־פּלאָנטער — י. ר.). מען פאַרגעסט, אַז ביי אונז זענען געווען צוויי רוסלאַנדס — אַ רוסלאַנד אַ צאַרישע, און אַ רוסלאַנד פון די דעקאַבריסטן, פון ביעלינסקין, פון די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן, פון די פאָלקסטימלער (איצט זענען די דאָזיקע אַלע גוט אויף צו כשרן דאָס צווייטע, דאָס צאַרישע רוסלאַנד, אָבער ספּירידאָנאָוואַס גורל אין ראַטן־פאַרבאַנד איז באַקאַנט — י. ר.), פון די מאַרקסיסטן־לענינצעס, דאָס רוסלאַנד פון פּושקינען, פון טאָלסטאָיען, פון טשעכאָוון, פון גאָרקין. דאָס איז ערשטנס, און צווייטנס, אחוץ דער קאָלאָניזאַטארישער רוסלאַנד האָבן עקזיסטירט אַנדערע מלוכות־רויבער, וואָס האָבן באַדראָאָט די

קליינע פעלקער. מיר ווען נישט דערלויבן מען זאָל אידעאַליזירן די קאָלאָניזאַטאָרישע רוסלאַנד (און סוואָראָוו? און פעטער דער גרויסער? און די אַדמיראַלן פון צוסימאַ? — י. ר.), אָבער מיר ווילן מען זאָל זען די היסטאָרישע נויטווענדיקייט און די פּראָגרעסיווקייט פונם אריינגיין אין באַשטאַנד פון דער רוסישער מלוכה פאַר אַ גאַנצער ריי פעלקער: אַנישט וואָלטן זיי געוואָרן דערשטיקט דורך אַנדערע רויבער, וועלכע וואָלטן אַוועקגעפירט די דאָזיקע פעלקער פון יענעם גרויסן וועג, אויף וועלכן זיי האָבן געקאָנט אַרויפטרעטן אַ דאַנק דער עקזיסטענץ פון דעם אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער רוסלאַנד. פון רוסלאַנד — דער מוטער פון דער גרעסטער קולטור, פון רוסלאַנד פון די באָלשעוויקעס, פון דער אָקטאָבערשער רעוואָלוציע, פון רוסלאַנד, וואָס האָט די ערשטע דורכגעריסן דעם פראָנט פון אימפּעריאַליזם, פון סאָציאַליסטישן רוסלאַנד".

איך האָב דאָ נישט בדעה אויף דעם אָרט צו קאָמענטירן פאַדעיעווס אָפענע קאָרטן, דעם סאָוועטישן ביישפּיללאָזן ציניזם, אָבער אָט אין דעם קורס ליגט דער וואָרצל פון לעצטן אַקט פון דער טראַגעדיע פון דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד.

בעת דער מלחמה איז אָנגעקניפּט געוואָרן אַ געוויסער קאָנטאַקט צווישן דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד און אַמעריקע; די יידישע שרייבער זענען אין זייערע ווערק און אַרויסטרעטונגען געוואָרן מער יידיש־נאַציאָנאַל, מער געשיכטלעך־פאַרוואָרצלט; און מיטן גרינדן די יידישע מלוכה אין ישראל איז די בענקשאַפט פון די רוסישע יידן, די אַמיינסטן נאַציאָנאַל־פאַרמאָרעטע אין דער וועלט, געוואָרן אויפגעלעבט פון איר פאַרהלשטקייט, און זי האָט זיך ספּאָנטאַן אַרויסגעבאַפּט מיט אַ פלאַם ווען די סימבאָלישע פאַרקערפּערונג פונם ישראל־נס האָט זיך באַוויזן אויף די גאַסן פון מאָסקווע אין דער געשטאַלט פון דער ישראל־אַמבאַסאַדאָרין גאָלדע מייערסאָן; און היות אָט דאָס אַלץ איז געשען דאַן, ווען אין רוסלאַנד איז אויפגעהויבן געוואָרן אַ קאַמף קעגן דעם נאַציאָנאַליזם פון די מינדערהייטן, קעגן זייער ליטעראַרישן פאַרהערלעכן זייער געשיכטע, פון זייערע זעלבשטענדיקע פאַרגאַנגענהייטן,

טאָ ווי אַזוי האָט נישט געקאָנט קומען דער קלאַפּ אויפן סאָוויע־טישן שטייגער — אויסרייסן מיטן סאַמע וואָרצל?

דער קאַמף גייט קעגן אַלע ליטעראַטורן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אָבער קעגן די יידן, דער נישט־טעריטאָריאַלער מינדערהייט, איז לייכטער צו געבן אַ טויט־קלאַפּ. (מען דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז קיינמאָל אויף אַן אמת נישט פאַרשוווּנדן אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז בעת און נאָך דער מלחמה געוואָרן אָפענער, אַגרעסיווער, און די ראַטן־מאַכט האָט באַשלאָסן צו גיין מיטן וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד: נישט אויסוואָרצלען דעם אַנטיסעמי־טיזם, אָדער די אַנטיסעמיטן, נאָר די יידן).

בפרט אַז די יעווסעקציע האָט די יידישע ליטעראַטור און די יידישע קולטור אין משך פון אַ סך יאָרן רעדוצירט צו אַזאַ סימבאָלישן כזית (אפשר אויך געצוווּנגענערהייט), אַז עס איז לייכט געווען צו צעקוועטשן עס מיט דער האַנט ממש — דורך צודריקן זי אין אַ פויסט.

די יידישע ליטעראַטור און די יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען געפאַלן אַ קרבן פון אַלגעמיינעם קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם פון די ראַטן־פעלקער און פון געוויסע אָפיציעלע הנחות דעם אַנטיסעמיטיזם.

און זייער פאַרניכטונג דאַרף גלייכצייטיק דינען אַלס וואָרנונג פאַר אַנדערע...

דער צאַריזם פלעגט קעגן דער געפאַר פון „קראַמאָלע" מאַכן פיזישע פּאָגראָמען אויף יידן; דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט קעגן דער געפאַר פון קראַמאָלע געמאַכט אַ קולטור־פּאָגראָם אויף יידן. אַ פּאָגראָם וואָס דאַרף ענדגילטיק ליקווידירן אין ראַטן־פאַרבאַנד די יידן־פראַגע (צוזאַמען מיט די יידן)...

פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור — פּראָ און קאָנטראַ

וועגן דער פראַגע, צי איז „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור" אַ רעאַלער באַגריף אָדער בלויז אַ פּאָליטיש־דעמאַגאָגישער מיטל, — איז ביי אונז אַ סך גערעדט און געשריבן געוואָרן. צום

באדויערן האט דער גרעסטער טייל רייד און ארטיקלען נישט קלארער געמאכט די דאזיקע פארפלאנטערטע פראגע. ביים פארטונקלען זי האבן פארדינסטן נישט נאר די קעגנער פון פראלעטארישער ליטעראטור, נאר אויך די אנהענגער. די אנהענגער האבן אין דאזיקן באגריף ארייננגעבראכט צופיל אינהאלטלאזע דאגמאטיק, און די קעגנער האבן אין קאמף קעגן דער „דעמאגאגיע” פון דאזיקן באגריף ארייננגעבראכט אן א שיעור דעמאגאגישע ארגומענטאציע.

די ווייטערדיקע באמערקונגען וועגן דעם דאזיקן עניין האבן נישט פאר קיין ציל צו פונאנדערקלייבן זיך אין גאנצן בארג פרא- און קאנטרא-ארגומענטן, אויך נישט צו אנאליזירן די דאזיקע פראגע אין איר גאנצן פארנעם; זיי זענען אויסן בלויז אויסצוטיילן דעם ריכטיקן קערן פון די אומגערעכטע מעטאדן פון די אנהענגער און דעם פאלשן קערן פון די ריכטיקע טענות פון די קעגנער; זיי זענען אויסן אנצוצייכענען בלויז די נאטירלעכע גרענעצן פון דער דאזיקער פראגע, און אזוי ארום שאפן א קאנקרעטן באזיס פאר א זאכלעכער דיסקוסיע.

* * *

אויסגעפינען אן אמת, אנטדעקן א געוויסן געזעץ איז א סך לייכטער, ווי איינצורייען דעם דאזיקן אמת אין דער גאנצקייט פון לעבן, ער זאל נישט ווערן אויפן חשבון פון אנדערע אמתן. אן אנטדעקטער געזעץ, אן אויסגעפונענער אמת געפינט זיך שטענדיק אין אן איזאלירטער ריינער פארם, און די גרעסטע ארבעט באשטייט אין אויסגעפינען דעם ריכטיקן פלאץ, וועלכן דער דאזיקער אבסטראקטער אמת פארנעמט אין דער קאמפליצירטקייט פון לעבן, — וואס איז דאך אפט א פועל יוצא פון א סך קעגנזעצלעכע אמתן, וואס ווירקן איינער אויפן צווייטן. דער איזאלירטער אמת האט די טענדענץ — ווי אן אבסטראקציע — צו איבערשאצן זיין ווירקונג אין דער וועלט פון דערשיינונגען, ער איז עקסקלוזיוו געשטימט. עס איז א גרויסע געפאר פאר אים, בעת ער פארלאזט זיין לאבאראטאריש לעבן און נעמט פראקטיש באווירקן די ווירקלעכקייט. אין דאזיקן פובערטעט-פעריאד פונם ניי-אנטדעקטן אמת איז וויכטיק אים געבן צו פארשטיין, אז ער מוז זיך אביסל א רוק טאן און

לאָזן אָרט אויך פאַר אַנדערע לעבנס־אמתן, וואָס האָבן אויך עפּעס צו זאָגן אין גאַנג פון לעבן און זיינע דערשיינונגען, די צייט פון אַבסאָלוט־גילטיקן קינדישן „איך"־געפיל איז געענדיקט, — עס הויבט זיך אָן דער „איך"־„דו"־פּעריאָד.

די דאָזיקע אומבאַקוועמע אָבער לעבנס־באַפרוכפּערנדיקע צוזאַמענגיסונג מוז דורכמאַכן יעדער נייער אמת. דאָס איז גילטיק אפילו פאַר נייע אמתן אין געביט פון עקזאקטער וויסנשאַפט, בפרט אויפן געביט פון גייסטיקע, אַזוי־גערופענע הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן, ווו מיר האָבן נישט קיין פּרעציזע אַפּאַראַטן צו מעסטן די ווירקונג פון איין פיזישן געזעץ אָדער ביאָלאָגישן פּראָצעס אויפן צווייטן. ממילא מוזן מיר אָנווענדן אַ פאַרצענפאַכטע וואַכזאַמקייט פון אונזער גייסט, כדי נישט נאָכצוגעבן דעם עקסקלוזיווקייט־אולטימאַטום פון יעדן אמת אין זיין לאַבאָראַטאָרישן צושטאַנד.

מען וואָלט געקאָנט ברענגען אַ סך ביישפּילן פון דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער גייסטיקער אַנטוויקלונג, פון וועלכע עס איז צו זען, אַז דעם דאָזיקן שווערן פּעריאָד פון איינפּאסן זיך אין דער קאָמפּליצירטער סיסטעם פון לעבנס־אמתן מאַכט דורך יעדער ניי־אַנטדעקטער אמת. ס'איז גענוג דאָ צו דערמאָנען פרוידס פּסיכאָאַנאַליז. די פּסיכאָאַנאַליטישע לערע האָט אַנטדעקט אַ קאָמפּלעקס פּסיכאָלאָגישע אמתן פון אומגעהויערער וויכטיקייט. מען קאָן אָן אַ גוזמא זאָגן, אַז פרויד האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער וויסנשאַפט פון דער מענטשלעכער נשמה. זיינע אמתן זענען אַזוי בלענדנדיק־ניי, אַזוי איבערציייגנדיק, אַז עס איז נישט קיין וווּנדער וואָס סיי דער גרויסער לערער, סיי די קלענערע תּלמידים האָבן פאַרוואָרפן די פּסיכאָאַנאַליטישע נעץ אויף אַלע געביטן פון מענטש־לעכן גייסטיקן לעבן און זיי אַנעקסירט פאַר זייער זעלבסט־הערשערישער טעאָריע. סיי דאָס לעבן פון גרעסטן גאון, סיי די מיטאָלאָגיע פון די אַלטע פעלקער, סיי די מאַסן־באַוועגונגען פון די מאָדערנע, — אַלץ ווערט ארונטערגענומען אונטערן סווערענעם געזעץ פון פאַן־סעקסואַליזם מיט זיינע אויסוויר־קונגען, ווי: עדיפּוס־קאָמפּלעקס, פאַרדרענגונגס־נעווראָז, טאָ־טעם־קאָמפּלעקס א. א. וו. איר קאָנט געפינען אין דער פּסיכאָ־

אַנאַליטישער ליטעראַטור אַ גאַנץ בוך פון איינעם קאַן, וואָס באַלויכט דעם „כל־נדרי" פון אָרטאָדאָקסאַל־פּסיכאָאַנאַליטישן שטאַנדפּונקט.

געוויס, די פּסיכאָאַנאַליטישע אמתן קאָנען אָנגעווענדט ווערן סיי אויף דער דערציאונג, סיי ביים היילן נעוורײָזן, סיי ביי אויפקלערן געוויסע אייגנטימלעכקייטן אין דעם שאַפן פון גרויסע מענטשן, אין פאָלקסטימלעכן שאַפן פון די פעלקער, אין די מאָדערנע מאַסן־באַוועגונגען, — אָבער זיי טאָרן נישט ווערן זעלבסט־הערשעריש. זיי דאַרפן באַרייכערן די מעגלעכקייטן צו פאַרשטיין און לענקען די מענטשלעכע נשמה, אָבער מען טאָר נישט נאָכגעבן זייער יוגנטלעכן אימפּעט ארויסצוּוואַרפן איבערן ראַנד אַלע אַנדערע אמתן פון דער מענטשלעכער נשמה. און די רעאַקציע איז שוין טיילווייז געקומען פון די פּסיכאָאַנאַליטישע רייען גופא. אמת, אַדלער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם פּאַן־סעקסועלן סוווערען און ארויפגעזעצט אויפן טראָן אַ צווייטן, דעם סוווערען פון מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס. אָבער סיי פרוידס פּסיכאָאַנאַליז, סיי אַדלערס מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס וועלן ווערן מעכטיקע סטימולן אין דער דערקענטעניש און אויסבילדונג פון דער מענטשלעכער נשמה ערשט אַלס מיטגלידער פון אמת־קאָלעקטיוו אין געביט פון פּסיכאָלאָגיע.

דאָס זעלבע וואָלט מען געקאָנט אויפווייזן אויפן געביט פון פעלקער־פּסיכאָלאָגיע, פון שטרענגע פילאָזאָפישע סיסטעמען, וואָס אונטערדריקן יעדן אַנדערן אמת, כדי זייער איינהייטלעכע סיסטעם זאָל בלייבן וואָס גלאַטיקער. די דאָזיקע איינזייטיקייט איז ביי גרויסע גייסטער אינטערעסאַנט, באַלערנדיק און שיין אפילו ביי זייער גאַנצער מאַנגל־האַפּטיקייט; ביי זייערע קליינע עפּיגאָנען אָבער פאַרלירט די איינזייטיקייט איר קינסטלערישן און טיף־בויערנדיקן ווערט, און עס בלייבט די וווּלגאַריזאַציע פון אַן אמת, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט צוזאַמענגיסן מיט אַנדערע און געמוזט ממילא — דעגענערירן.

דאָס זעלבע איז געשען מיטן סאָציאָלאָגישן — אָדער ווי אַנדערע רופן אים: מאַרקסיסטישן — מעטאָד אין דער קונסט־ און ליטעראַטור־קריטיק.

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

עס איז אַ זיכערער אמת: די ליטעראַרישע שאַפונג איז נישט קיין פּראָדוקט פון אַן אַבסאָלוט־פרייען, איזאָלירטן שעפער. קיין אַבסאָלוט־פרייע מענטשן זענען נישטאָ — סיידן אין אַ וויסטער אַבסטראַקציע. יעדער מענטש איז נישט נאָר אָפּהענגיק פון זיין פיזיש־פּסיכישער ירושה — פון די עלטערן, פון זיין פאָלק, פון דער מענטשהייטס־אַנטוויקלונג, — נאָר ער ווערט אויך אין משך פון זיין גאַנצן לעבן באַווירקט פון זיין צייט, פון זיין דירעקטער סביבה, פון זיין קלאַס, פון זיינע לעבנס־באַדינגונגען און פון זיין לעבנס־גורל, וואָס ווערט גע־שמידט נישט נאָר דורך אים, דורך זיין סוווערענעם ווילן. און היות אַ קינסטלער איז אויך אַ מענטש (ליידער מוז מען באַטאָנען דעם דאָזיקן צוויי־מאָל־צוויי־אמת), — איז ער במילא אויך נישט פריי אין אַבסאָלוטן זין. ער איז אין זיין שאַפן אָפּ־הענגיק פון דער געזעלשאַפט, פּונקט ווי אין זיין לעבן, אָבער דעם דאָזיקן אמת טאָר מען נישט אָנווענדן מעכאַניש, ווייל דאָס איז בלויז איין אמת. דער דאָזיקער אמת ווערט טיילווייז מאָדיפיצירט אין ווירקלעכן לעבן דורך אַ צווייטן פאַקטאָר, — דורך דער רעלאַטיווער פרייהייט פון דער פּערזענלעכקייט, דורך דער אייגנאַרטיקער און פאַקטיש־עקזיסטירנדיקער דיאַלעקטיק פון געוויסן. די געזעלשאַפט, די אינטערעסן פון קינסטלערס קלאַס, די ענג־פּערזענלעכע אינטערעסן, ווירקן און באַשטימען די שאַפונגען פון קינסטלער, אָבער די פּערזענלעכקייט פון קינסטלער שטעלט אַ ווידערשטאַנד דעם דאָזיקן דרוק. נאָר דורך דעם דאָזיקן פאַקטאָר פון דער פּערזענלעכקייטס ווידער־שטאַנד קעגן דעם מעכאַנישן דרוק פון דער געזעלשאַפט, קאָן מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אַ גרויסער טייל בונטאַרן קעגן דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט קומט פון די העכערע קלאַסן, —הגם זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן פאָדערן דאָס פאַרקערטע. דאָס פּאַראַזיטישע, אומגערעכטע לעבן קאָן נישט האַרמאָנירן מיטן שכל און געוויסן פון די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס פאַרמאָגן אַ גרויסע דאָזע שעפערישע פרייהייט, אינדיווידועלע עטיק.

די פּערזענלעכקייט באַשטייט נישט נאָר פון אַן עגאָאיסטישן „איך", וואָס שטייט אונטערן געזעץ פון ענג־פּערזענלעכן אינטערעס, נאָר אויך פון אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן „איך", וואָס רייסט זיך אַרויס פון די פּערזענלעכע „איך"־גרענעצן. נישט אומזיסט דעקן צו דער הערשנדיקער קלאַס אָדער יעדער יחיד אַלע זייערע מעשים־תּעתועים מיט אידעאַלן: גאָטספּאָרכטיקייט, קאַמף פאַר ציוויליזאַציע, פאַר באַפרייאונג פון פעלקער — אַ וואָלף פאַרצוקט אָפּן, אַ מענטש מוז צודעקן זיין רויב מיט מאָראַל. דאָס איז נישט סתּם קיין צביעות, נאָר נויטווענדיקע צביעות. דורך דעם גופא, וואָס די מאָראַל ווערט עקספּלואַטירט דורך דער אוממאָראַלישקייט, אָנערקענט זי די העכערקייט פון מאָראַל, איר אומצווייפלהאַפטע ווירקלעכע עקזיסטענץ. און אָט־אָ די איבערפּערזענלעכע כּוחות, וואָס וואַרפן אויף אַזוי פיל אופנים אַ בריק צווישן דעם עגאָאיסטישן „איך" און דעם קאָלעקטיוויסטישן „דו", בילדן דעם צענטער פון ווידערשטאַנד, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דער מעכאַנישער באַווירקטקייט פונם מענטשן דורך דעם אַרום.

בילדלעך זיך אויסגעדריקט: די ערד דרייט זיך נישט נאָר אַרום דער זון, נאָר אויך אַרום איר אייגענער אַקס. די באַוועגונג אירע אַרום דער זון איז אַ מיטל־רעזולטאַט פון אָט־אָ די צוויי קעגנזעצלעכע און דאָך אומפאַרמיידלעך־איינהייטלעכע באַוועגונגען.

נעמט מען נישט אין באַטראַכט די זעלבשטענדיקע, מיטווירקנדיקע כּוחות פון דער שעפערישער פּערזענלעכקייט, באַקומט זיך פון דעם דאָזיקן אמת — אַז דער קינסטלער איז נישט קיין אַבסאָלוט־פרייער שעפער — אַ פעלשונג. דאָס לאָזט זיך צום בעסטן אויסדריקן ווידער דורך אַ פאַרגלייך: פאַראַן אַ קראַנקהייט, בעת וועלכער דער מענטש באַקומט אַ וואָליע אויפן האַלז; די ראַדיקאַלע היילונג דערפון איז אַן אָפּעראַציע. מען האָט אָבער אַ צייט לאַנג נישט געוווּסט, אַז אויפן דאָזיקן אָרט, ווו מען שניידט אויס די וואָליע, ליגט אַ וויכטיקער דריז, וואָס אָן אים ווערט דער מענטש אין אַ קורצער צייט — אַן אידיאָט. מען פלעגט אָפּערירן, די וואָליע פלעגט באַזייטיקט ווערן, אָבער דער מענטש פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן

אידיאָט. היינט ווייסן שוין די כירורגן: די אָפּעראַציע מוז געמאַכט ווערן, אָבער דער דריז, וואָס נערט די גייסטיקע כוחות אונזערע, טאָר נישט אויסגעשניטן ווערן. דאָס מוז גוט געדענקען דער סאָציאַליסטישער מעטאָד פון ליטעראַטור־קריטיק. די וואָליע פון כלומרשט אַבסאָלוטער פרייהייט, אויף וועלכער די קינסט־לער זענען קראַנק געווען אַזוי לאַנג, מוז אויסגעשניטן ווערן, אָבער דער דריז פון דער רעלאַטיווער פרייהייט מוז בלייבן, אויב מען וויל אָפּהיטן די קריטיק פון אידיאָטיזם. אוודאי, ווען דער איינזייטיקער מעטאָד ווערט אָנגעווענדט דורך אַזעלכע גייסטרייכע פּערזענלעכקייטן, ווי פּלעכאַנאָוו אָדער פריטשע, איז דאָס אינטערעסאַנט אפילו אין דער נישט־ריכטיקייט. אָבער ווען די עפּיגאָנען באַנוצן דעם דאָזיקן איינזייטיקן אמת, מוז קומען צו די לעכערלעכסטע עפּיזאָדן. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם געלעכטער, וועלכן ס'האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַזאַ מין איינזייטיקער קריטיקער מיט זיין באַמערקונג, אַז האָראָנטשיקס שפּראַך איז דערפאַר אַזוי אומבאַהאָלפן, ווייל ער שרייבט אין דער תקופה פון פּוילנדיקן אימפּעריאַליזם. דער דאָזיקער קריטיקער מוז אַלץ דערקלערן מיטן סאָציאָלאָגישן מעטאָד. ס'איז אָבער קלאָר פאַר יעדן קענער פון האָראָנטשיקס ווערק, אַז וואָס שייך דער שפּראַך, איז דאָס זיכער האָראָנטשיקס אַ ריין־פּערזענלעכער פעלער, אפילו אין פּעריאָד פון אויפבלי־ענדיקן אימפּעריאַליזם וואָלט ער קיין בעסערן יידיש נישט געשריבן . . .

* * *

פון אַלע, וואָס האָבן גערעדט און געשריבן קעגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, האָט צום בעסטן און זאַכלעכסטן גערעדט און געשריבן דער דיכטער איציק מאַנגער. מאַנגער פאַלט אָבער אריין אין אַ צווייטן עקסטרעם. כדי צו ראַטעווען דעם דריז פון פרייהייט, זאָגט ער זיך בכלל אָפּ פון דער אָפּעּ־ראַציע. דערביי מוז ער בכלל לייקענען אין דער עקזיסטענץ פון דער וואָליע. מאַנגער זאָגט: נישטאָ קיין בירגערלעכע און נישטאָ קיין פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. דער גרויסער קינסטלער שטייגט אַריבער די טענדענץ און דעם שטאָף (וואָס קאָנען זיין באַ־ווירקט דורך פּאָליטיק און פאַרשידענע צייט־חשבונות) און

איז טיף־מענטשלעך און פֿאָרם־פּולקאָמען. די קונסט איז אַלמענטשלעך, און נאָר דאָס אייביק־מענטשלעכע אין אַ פּולקאָמענער קינסטלערישער פֿאָרם איז קונסט, וואָס איז ווערט דעם דאָזיקן נאָמען. האַמלעט וואָלט אפשר היינט געטראָגן אַן אַרבעטער־בלוזע אָנשטאָט אַן אָפֿיצירן־אוניפֿאָרם, אָבער אין תוך וואָלט ער געבליבן דער זעלבער, ווייל די פֿיגור פֿון האַמלעט אין שעקספּירס פּולקאָמענער פֿאָרם איז אייביק־מענטשלעך, איז קונסט.

ביי זיין גאַנצער אויסערלעך־לאָגישער קאָנצעפּציע איז מאַנגער לחלוטין נישט גערעכט.

וואָס אייגנטלעך האָט זיך געביטן, ווען די מענטשן האָבן אויפֿגעהערט צו גלויבן אין דעם, אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד? די וועלט איז דאָך געבליבן די זעלבע; אונזער זעחוש נעמט נאָך אַלץ אויף דעם זון־פֿאַרגאַנג און מיר רעדן נאָך אַלץ וועגן זון־אויפֿגאַנג. און דאָך איז דאָס געווען אַ גראַנדיעזע איבערקערעניש. די גאַנצע באַציאונג צו דער וועלט האָט זיך געענדערט; עס האָט זיך געביטן דאָס וועלט־בילד, דאָס לעבנס־געפֿיל; עס איז געענדערט געוואָרן דער צענטער, אַרום וועלכן אַלץ דרייט זיך. אומגעפֿער אַזאַ איבערקערעניש איז פֿאָרגעקומען אויך אויפֿן געביט פֿון דער קונסט, פֿון דער ליטעראַטור. נישט די וועלט מיט אירע קליינלעכע און גרויסע דאגות, מיט אירע גרויסע קאַמפֿן, גרויסע געמיינקייטן און גרויסן העראָאיזם דרייט זיך אַרום דער זון פֿון סוווערענעם דיכטער, נאָר פֿאַרקערט: דער זוניקער דיכטער דרייט זיך אַרום דער זינדיקער ערד. דער שווער־פּונקט האָט זיך געענדערט. אַזוי איז מיטן קינסטלער און אַזוי מיט זיין שאַפּונג.

ווי יעדער אמת, איז ער נישט אַראָפּגעפֿאַלן פּאַרטיקערהייט פֿון הימל. מען האָט זיך ביסלעכווייז דערטאַפּט צו אים. אַ גרויסער עטאַפּ אויפֿן דאָזיקן וועג איז געווען די טעאָריע פֿון היפּאָליט טען, אַז יעדעס קונסט־ווערק איז אַ רעזולטאַט פֿון קלימאַט און פֿון דער סביבה אין וועלכער אַ קינסטלער וואַקסט אויף. נאָך דעם ווי די אַבסטראַקטע סאָציאָלאָגיע האָט אַנטדעקט די וויכטיקע עקאָנאָמישע סטימולן, די ראָל פֿון דער קלאַסן־צעגלידערונג און די קלאַסן־קאַמפֿן אין דער געשיכטע, — איז

טענס ריכטיקער געדאַנק און מעטאָד פאַרברייטערט און פאַר־טיפט געוואָרן. די פאַרשאַרפטע קלאַסן־קאַמפן פון אונזער צייט, די רוסישע רעוואָלוציע און די פאַשיסטישע קאָנטר־אָפענסיווע אויף דער גאַנצער וועלט האָבן געמוזט זיך אָפּרופן אויף דער ליטעראַטור און בולטער מאַכן דעם אמת וועגן דעם, אַז אַ קונסט־ווערק שטייט אין מיטן קאַמף פון קלאַסן און וועלט־אַנשויאונגען.

דאָס עכטע שאַפן, זאָגט מאַנגער, איז אַלגעמיין־מענטש־לעך. ריכטיק. אָבער מיט דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע איז פּונקט ווי מיט מאָראַל און יושר. מאָראַל און יושר זענען כמעט ווי איינגעבוירענע אייגנשאַפטן פון מענטשן, אָבער דער אָביעקט, אַזוי צו זאָגן, פון דאָזיקן יושר ענדערט זיך, דער אינהאַלט זיינער בייט זיך. האָבן אַן אומגעזעצלעך קינד איז אַמאָל געווען אַן אוממאָראַלישע זאַך כמעט אין אַלעמענס אויגן. ס׳איז שוין אָבער נישט ווייט די צייט, ווען אין אַלעמענס אויגן וועט זיין אומיושרדיק און אוממאָראַליש צו מאַכן אַן אונטערשיד צווישן אַ „געזעצלעך" און אומגעזעצלעך קינד. אַזוי איז אויך מיט דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע. דער אינהאַלט פון קונסט מוז זיין אַלגעמיין־מענטשלעך, אָבער אַרום וואָס דרייט זיך דאָס דאָזיקע אַלגעמיין־מענטשלעכע? אַרום די בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישע ווערטן, אָדער אַרום די פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישע? טראַ־גיזם און העלדישקייט זענען די טיפסטע עלעמענטן פון ליטע־ראַטור. אָבער די פראַגע באַשטייט אין דעם, אין וואָס מען זעט די העלדישקייט און דעם טראַגיזם: אין נאַפּאָלעאָנס רויב־צוג דורך אייראָפּע אָדער אין שטורעם פון דער באַסטיליע? ווער איז פאַר דער ליטעראַטור אַ טראַגישער העלד: נאַפּאָלעאָן אויפן אינזל סאַנקט־העלענע, וווּ ער קאָן נישט איינגעמען קיין לענדער און פאַרניכטן הונדערטער טויזנטער נישט־העלדן, אָדער די קוילן־גרעבער־פרוי, וואָס שיקט איר מאַן, איר שפּייזער, איר געליבטן, דעם טאַטן פון אירע קינדער, אין אַ קוילן־גרוב (ווו ס׳איז געשען און יעדע מינוט קאָן ווידער געשען אַ גאַזן־אויפ־רייס), כדי ער זאָל ראַטעווען די פאַרשאָטענע חברים? ווען מען לייענט ביי קראָפּאָטקינען („קעגנזייטיקע הילף") דעם דאָזיקן פאַקט, דערפילט מען דעם אָטעם פון העלדישקייט. האָט אָבער

אַמאָל אַ קינסטלער געקאָנט קומען אויפֿן זינען צו נעמען אַלס טראַגישע העלדין אַזאַ פֿרוי? איז דאָס דען נישט אַן אייביק־מענטשלעכע טעמע? איז דען דאָ אַ גרעסערער העראָאיזם פֿון דער דאָזיקער הייליקער סאָלידאַריטעט (אַוועקגעבן פֿרייוויליק דעם שפּייזער אין די הענט פֿון סכנה, איז פֿאַר אַן אַרבעטער־פֿרוי אַ גרעסערער מסירת־נפֿש ווי אָפּגעבן דאָס אייגן לעבן!)? טאָ פֿאַרוואָס האָט אים סאָפֿאָקלעס נישט געזען? און פֿאַרוואָס האָט אים נישט געזען שעקספּיר? ווייל עס איז נישטאָ קיין איין ליטעראַטור מיט איין אַלגעמיין־מענטשלעכן אינהאַלט! עס איז געווען אַ פֿעאָדאַלע ליטעראַטור, עס איז דאָ אַ בורזשואַזע ליטעראַטור און עס איז דאָ אַ פּראָלעטאַרישע. זינט זאָלאָס „זשערמינאַל”, זינט מעניעס סקולפּטורן און קעטע קאָלוויצעס צייכנונגען איז דאָ אַ פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, פֿאַר וועמען דער צענטער פֿון דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע, פֿון דאָס אייביק־מענטשלעכע, פֿון דאָס טראַגישע און העלדישע האָט זיך איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער קוואַרטאַל, אין אַן אַנדער קלאַס. מיטן וווּקס פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, מיטן וווּקס פֿון איר באַוווסטזיין, איז דאָס אַרבעטער־לעבן געוואָרן אַ צוציאונגס־צענטער פֿאַרן קינסטלער מיט אַ קלאָר־זעעוודיק אויג און מיט אַ וואַך געוויסן. דער שרייבער דרייט זיך נישט נאָר אַרום דער אייגענער אַקס, נאָר אויך אַרום לעבן, און דאָס לעבן ווירקט אויף אים.

אין גאָרקיס אויטאָביאָגראַפֿיע־טרילאָגיע איז דאָ אַ פֿיינער פּרט. דער קליינער גאָרקי איז באַפֿריינדעט מיטן קוכער אויף אַ דאַמפֿער. דער קוכער לייענט אַ סך איבערזעצונגען פֿון דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור. זאָגט ער איין מאָל צום קליינעם גאָרקי: ווען אַרבעטן די העלדן און פֿון וואָס לעבן זיי? אַ גאַנצן טאָג אָדער זיי עסן אָדער זיי ליבן זיך...

אָט אין דער דאָזיקער באַמערקונג פֿון גאָרקיס שכל־הישר־דיקן קוכער ליגט די פֿונאַנדערטיילונג אויף אַ פּראָלעטאַרישער און בורזשואַזער ליטעראַטור.

*   *   *

וואָס שייך מאַנגערס צווייטער טעזע וועגן פֿאָרם־פֿולקאָמענקייט, איז זי אין תוך גערעכט: קונסט אָן פֿאָרם־פֿולקאָמענ־

קייט איז קיין קונסט נישט, יעדנפאַלס נישט קיין גרויסע קונסט. אָבער דאָס איז בשום אופן קיין באַוויז נישט, אַז די פונאַנ־דערטיילונג אויף בורזשואַזער און פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז אַ דעמאַגאָגיש־ווילקירלעכע. געוויס, סתם סוזשעט און סתם־טענדענץ אָן גרויסער קונסט־דערגרייכונג קאָן קיין פּראָלעטאַ־רישע ליטעראַטור נישט אויפבויען. אָבער עכטע פאָרם־פולקאָ־מענקייט איז דאָך אויך נישט מעגלעך אָן אַן אינהאַלט. סיי אַן עפּל־בוים, סיי אַ דאָרן זענען פאָרם־פולקאָמען, יעדער אויף זיין אופן, אַנטשפּרעכנדיק זיין אינהאַלט, זיין וועזן — און דאָך איז אַן עפּל־בוים אַ גאַנץ אַנדער זאַך ווי אַ דאָרן. זייער ביידנס פאָרם־פולקאָמענקייט דערנענטערט זיי נישט, ברענגט זיי נישט ארונטער אונטער איין קאַטעגאָריע. די ריכטיקייט פון מאַנגערס פאָדערונג ליגט אויף אַ גאַנץ אַנדער פלאַך, פּונקט ווי די ריכ־טיקייט פון זיין דריטער טעזע וועגן אינערלעכער פרייהייט פארן קינסטלער. די דאָזיקע ריכטיקע פּאָדערונגען ווערן פאַלש, ווי נאָר מען וויל דורך זיי אויפווייזן די פאַלשקייט, די אוממעגלעכ־קייט פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. לאָמיר זען ווי אַזוי מאַנגער ווענדט פאַלש אָן זיינע ריכטיקע פּאָסטולאַטן.

מאַנגער שרייבט: „אָרגאַנישע און עכטע קונסט איז אידענ־טיש מיט פרייהייט, מיט פולסטער אינערלעכער פרייהייט. יעדע אומפרייהייט איז אַ פאַרראַט לגבי זיך אַליין, וואָס באַשטראָפט זיך מיט געבראָכענע פליגל פונם ווערק". מאַנגער איז דאָ אַבסאָלוט־גערעכט און ממילא איז ער אויך גערעכט, ווען ער זאָגט ווייטער: „די פון דרויסן אַרויפגעצוווּנגענע סאָציאַל־גע־זעלשאַפטלעכע טענדענצן, ווי אַן עיקר, דער סאַמע עיקר־אַטריבוט פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור, מוז און קאָן אַנדערש נישט ווערן, ווי אַ קאַטאַסטראָפע. די דאָזיקע דרויסנ־דיקע טענדענצן, פון וואַנען זיי זאָלן נישט קומען, מוזן דורך זייער דיקטאַטאָרישן כאַראַקטער קומען אין קאָנפליקט מיט די אינעווייניקסטע אַספּיראַציעס פון דעם קינסטלער. זיי ווערן אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט אין „שטיינער אויפן וועג" דעם קינסט־לערישן שאַפונגס־פּראָצעס".

זייער ריכטיק. עכטע קינסטלערישע שאַפונג איז אַ פּראָ־דוקט פון קינסטלערס אינערלעכער פאַרבינדונג מיטן באַאַר־

בעטן שטאָף, און לויט אַ דרויסנדיקן באַפעל קאָן נישט פאַרקור־מען קיין שעפערישע באַהעפטונג צווישן דעם קינסטלער און אַ געוויסן שטאָף. און ווען אַ דיכטער וואַרפט זיך אונטער דעם „דרויסנדיקן דיקטאַט" מוז דאָס זיך אָפּרופן אויף דעם ווערט פונם ווערק. אַזאַ קינסטלער איז אַ קריכער און אַ שעדלעכער עלעמענט. און אויב די אָנהענגער פון סאָציאַל־אָריענטירטער קונסט נעמען אויף אַזאַ קינסטלער מיט אָפענע אָרעמס, איז דאָס שענדונג פון סאָציאַלן מעטאָד אין דער קונסט, פון דער פראָלעטאַרישער קונסט.

אָבער מאַנגער איז גערעכט נאָר לגבי דעם דיקטאַטאָרישן מיסברויך מיט דער פאָדערונג נאָך פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, נאָך דעם קינסטלערס באַהעפטונג מיטן סאָציאַלן לעבן און קאַמף. אויב מען קומט פון לינקס און פון רעכטס און מען הענגט אַרויף אַ שילד אויפן פּאַרנאַס: „ווער עס שרייבט לויט אונזער רעצעפּט, זאָל אַריינגיין, און ווער נישט — זאָל גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר", — דאַן איז מאַנגער גערעכט. דאַן איז דאָ אַ גרויסע געפאַר, אַז די פּוסטע, די טאַלענטלאָזע, וועמען עס פעלט יעדער קינסטלערישער קאָנטאַקט מיט דער וועלט און לעבן, אַז גראָד זיי וועלן נעמען צושטעלן די געפּאָ־דערטע סחורה. זיי וועלן צושטעלן סאָציאַל־קינסטלערישן סוראָ־גאַט, בעת די עכטע קינסטלער, וועלכע קאָנען בלויז איבערגעבן די אָפּקלאַנגען פון זייער אינטימען קאָנטאַקט מיט דער וועלט — וועלן שווייגן אינערלעך־פאַרגוואַלדיקטע.

אָבער דאָס איז דאָך נאָר דער מיסברויך מיט דער פאָדע־רונג פון אַ סאָציאַל־אָריענטירטער קונסט. דעם עיקר פון דער דאָזיקער שיטה רירט עס אפילו נישט אָן. צי דען האָט מאַנגער אָפּגעפרעגט די מעגלעכקייט צו שאַפן אין קינסטלערישער פריי־הייט ווערק מיט אַ סאָציאַלער טענדענץ? צי איז דען קינסטלערי־שע פרייהייט מעגלעך נאָר אין געביטן, וואָס זענען ווייט פון סאָציאַלן לעבן? צי איז דען נישט מעגלעך אַ קונסט, וואָס שטייט נישט ווייט פון לעבן, נישט איבערן לעבן?

אויף דער דאָזיקער פראַגע מוז געגעבן ווערן דער ענט־פער: עס איז נישט נאָר מעגלעך, נאָר קונסט איז דאָס תמיד

געווען אין אַ גרויסער מאָס. אַ סך ווערק, וואָס ווערן היינט אַפילו פון ריינע עסטעטן באַטראַכט אַלס ריינע און עכטע קונסט־ווערק, זענען בשעתו געווען עכטע טענדענץ־ווערק, סאָציאַל־אָריענטירטע מיטן בולטן שטעמפּל פון זייער אַרומיקער צייט־ און סביבה־השפּעה. ס'איז גענוג צו דערמאָנען אַריסטאָפאַנעסעס קאָמעדיעס (פון גריכישן אַלטערטום), באָמאַרשעס „פיגאַראָ" פון אַכצנטן יאָרהונדערט. און איז דען היינריך היינעס „דייטשלאַנד, אַ ווינטער־מעשהלע" — דאָס דאָזיקע פּאָליטישע טענדענץ־ווערק, — נישט איינס פון זיינע געניאַלסטע שאַפונגען? די סאָציאַלע און אַפילו די פּאָליטישע טענדענץ איז גאָרנישט אַזוי שעדלעך פאַר דער קינסטלעריש־עסטעטישער זייט פונם ווערק. עס ווענדט זיך בלויז — ווער עס שרייבט עס. און אויב דער דיכטער האָט טאַלאַנט און אויב עס עקזיסטירט אַן אינערלעכער קאָנטאַקט צווישן דיכטער און דעם סאָציאַלן שטאָף — דאַן וועט עס דעם ווערק גאָרנישט שאַטן. אָבער דער דאָזיקער באַדינג איז דאָך פאַרפליכטנדיק אויך פאַר די „פרייע" קינסטלער אין דער ספערע פון דער ריינסטער עסטעטיק: אַ טאַלאַנט וועט דאָרט שאַפן ווערטפולע זאַכן, און אַ פאַרטאַטש — שלעכטע.

קונסט איז תמיד געווען אַ מיטל אין געזעלשאַפטלעכן קאַמף. זי האָט תמיד אָפּגעשפּיגלט די פאַרשידענע טענדענצן פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות. אין צייטן פון איבערברוך איז דאָס געקומען בולטער צום אויסדרוק. אין צייטן סטאַבילע, אין צייטן פון פעסטער הערשאַפט פון אַ באַשטימטן קלאַס, קומט דאָס ווייניקער צום אויסדרוק אין דער ליטעראַטור. זי שפּיגלט דאַן אָפּ דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעך־איינגעפונדעוועט פון ששת־ימי בראשית. אין אַזעלכע סטאַבילע צייטן זענען ממילא די קעגנערישע קלאַסן נאָך נישט רייף פאַר אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד; זייער פּראָטעסט איז נאָך נישט אָנגרייפעריש. די אונטערדריקטע קלאַסן דריקן אויס זייער „טענדענץ" אין פאָלקסטימלעכן שאַפן: אין שפּריכווערטער, אין פאָלקס־לידער און פאָלקס־מעשהלעך. ערשט ווען די דאָזיקע אונטערדריקטע שיכטן שטייגן אויף, דערוואַכן צום באַוווסטזיניקן פּראָטעסט, און זיי נעמען שעפעריש ברענגען צום

אויסדרוק זייער „טענדענץ״, — ערשט דאַן הויבט זיך אָן אַ געשריי קעגן טענדענציעזקייט. ס'איז אָבער אַ זיכערער פאַקט, אַז די דאָזיקע באַוועגונג קעגן „טענדענץ״ איז תמיד אַ באַוועגונג בלויז קעגן אַ באַשטימטער טענדענץ אָדער פאַר אַ נייטראַלער ריין־קונסטיקער זאַנע, כדי צו פאַרמיידן אַ באַשטימטע טענדענץ. די היינטיקע מיליטאַריסטישע מלוכות, למשל, וועלן קיינמאָל נישט אַרויסטרעטן קעגן דער טענדענץ צו פאַרהערלעכן דעם מיליטער־מאַן. זיי וועלן זיך טיף באַליידיקן, ווען מען וועט דאָס דערקלערן אַלס מיליטאַריסטישע טענדענץ. אָבער ווען רעמאַרק האָט געוויזן דאָס מיליטעריש־„העלדישע״ אַנדערש ווי די מיליטאַריסטן איז געווונטשן, איז עס פאַרשריען געוואָרן אַלס שעדלעך טענדענץ־ווערק, וואָס וויל פלאַנצן דעפעטיסטישע שטימונגען.

די גרינדונג פון ליטעראַרישע שולעס באַווייזט, אַז קינסטלער קאָנען זיך גרופּירן אַרום אַ געוויסער אידעע און אָרגאַניזירן זייער שאַפן לויט געוויסע פּרינציפּן און טענדענצן, מיט וועלכע זיי וואַקסן זיך צונויף אידעאיש־אינטים. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די גרויסע ראָמאַנטישע שולע אין דייטשלאַנד, אַזוי האָט אַרומגעכאַפּט די וועלט דער פלאַכערער נאַטוראַליזם. קיינער האָט דאַן נישט באַקלאָגט די צוגערויבטע פרייהייט ביי די קינסטלער, הגם זיי האָבן זייער קונסט געשטעלט אין דינסט פון געוויסע אידעען און שיטות. אדרבה, די דאָזיקע אידעען האָבן באַפרוכפּערט און באַפליגלט זייער שאַפן, צוגעגעבן אים זין און אימפּעט. דאָס זעלבע פאָדערט די טענדענץ־ריכטונג אין דער קונסט, וועלכע ווערט אָנגערופן מיט פאַרשידענע נעמען: פּראָלעטאַרישע קונסט, סאָציאַלע קונסט א. א. וו.

יעדעס באמת־שעפעריש בוך פון אַ געוויסער תקופה איז אַן אויסדרוק פון טיפסטן וועלט־און לעבנס־געפיל פון יענער תקופה. דאָס שעפערישע בוך איז אָדער אַ דערגרייכונג פון דאָס נייע אָדער עס שטייט אין טראַגישן קאַמף פאַר דאָס נייע. דאָס אינטימסטע און טיפסטע פון נייעם וועלט־געפיל פון אונזער צייט באַשטייט אין שטאַרקע שטראָמען מענטשן־ליבע און געמיינשאַפט־געפיל, אין אַ נייער מאָראַל און נייע פריידן, אין אַ נייעם ווילן און אַ נייעם צער. און דאָס געפינען מיר אין

טויזנטערליי געשטאַלטן אין די שעפערישסטע ווערק פון דער נייער ליטעראַטור: פון ראָמען ראָלאַנס „זשאַן קריסטאָף" ביז עפּטאָן סינקלערס „דזשימי היגינס", פון עמיל ווערהארנס לידער ביז דאָן פּאַסאָסעס ראָמאַנען. די שרייבער, וואָס זענען ווייט פון די דאָזיקע „טענדענצן", דריקן נישט אויס דאָס טיפסטע פון אונזער צייט. אָדער זיי זענען צו שוואַך צו געשטאַלטיקן דאָס דינאַמישע לעבן און מוזן דעריבער נאָכקאָפּירן — זאָל זיין אַז מיט גרויס קונסט — די אַלטע מוסטערן, די פאַרגליוווערטע שאַפונגס־פאָרמען; אָדער זיי טוען דאָס בכיוון צוליב פאַרבאָרגענע טענדענצן, ווייל זיי ווילן איינהאַלטן די צייט אין איר לויף. די פוילע תירוצים, אַז קונסט מוז האָבן צייט־פּערספּעקטיוו, האַלטן נישט אויס דעם מינדסטן באַריר מיט דער ליטעראַטור־געשיכטע. טורגעניעווס „פאָטערס און קינדער", אַ צייט־ראָמאַן (אָדער ווי אַנדערע זאָגן מיט פאַראַכטונג: אַ צייט־כראָניק) אין בעסטן זין פון דאָזיקן וואָרט, האָט איבערגעלעבט הונדערט דעמאָלטיקע „ריין־קונסטיקע" ראָמאַנען. באַרבים' „פייער" איז קינסטלעריש ריינער און אייביקער, ווי טויזנט ריין־עסטעטישע ראָמאַנען. עס גייט נאָר אין דעם, צי דער קינסטלער גייט צו צום שטאָף — צום „טענדענץ"־שטאָף — מיט אינערלעכער נאָענטקייט און איבערלעבונג אָדער לשם קאַריערע. אין ערשטן פאַל באַקומען מיר עכטע קונסט־ווערק — ווי פויכטוואַנגערס צייט־ראָמאַן „דערפאָלג", — אין צווייטן פאַל — נישטיקע מאַכערייקעס. און פונקט אַזוי קומט עס פאָר ביי „אייביקע טעמעס", ווי געוויסע שרייבער האָבן ליב אָנצורופן זייערע ווערק.

מיר ווילן, אַז די קינסטלער זאָלן צוגיין צום לעבן, צו דאָס טיפסטע אין היינטיקן לעבן מיט אינערלעכן ברען. און קינסטלער, וועלכע טוען דאָס, זענען אונז צום נאָענטסטן. זיי ווירקן אויף אונז צום קינסטלערישסטן, זיי דערשיטערן אונז צום טיפסטן. די אַנדערע קינסטלער דאַקעגן, וועלכע מיידן אויס, צוליב די אָדער אַנדערע טענדענצן אָדער אינערלעכע נייגונגען, דאָס לעבן, און שליסן זיך אָפּ אין ריין־עסטעטישע ווינקלען, לאָזן אונז על־פּי־רוב גלייכגילטיק, און אַמאָל פילן מיר זיי טאַקע אַלס שעדלעך.

* * *

עס זענען דאָ גרויסע קונסט־ווערק, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט קיין צייט־פראַגן און סאָציאַלע קאַמפּס־מאָמענטן. עס זענען דאָ מאָמענטן אין מענטשלעכן לעבן, וועלכע פאַרמאָגן אַ געוויסע דאָזע סוווערעניטעט פאַר אַלע צייטן און אַלע מענטשן, צו וועלכן לאַגער זיי זאָלן נישט געהערן. אמת, אפילו די דאָזיקע אייביקייטס־טעמעס גייען דורך דעם פילטער פון דער צייט. די ליבע צווישן „פיער און לוציע" (ראָמען ראָלאַנס) דערשיטערט מיך מער, ווי די ליבע צווישן „ראָמעאָ און יוליאַ" (שעקספּירס). די שטערונגען, וואָס שטייען צווישן ראָמעאָן און יוליאַן זענען אונז פרעמד, נישטיק פאַר אונזער געפיל, בעת די לאַסט, וואָס דריקט אויף דער ליבע פון פיער און לוציע, איז אונז נאָענט: מיר שפירן איר שווידער, איר גורלהאַפטיקייט. דער טויט פון עקזיפּערים פליער („דער פלי אין דער נאַכט") דערשיטערט און דערהויבט מער, ווי טאָמאַס מאַנס „דער טויט אין ווענעדיג". מען קאָן אויך אָנווייזן, אַז אַזאַ דערשיטערנדיק בוך ווי „ דער טויט פון איוואַן איליטש" איז אויך נישט סתם אַן אייביקייטס־טעמע (דער טויט!), נאָר דער אויסדרוק פון שווידער פאַרן מענטשלעכן טויט אין די ראַמען פון דער קליינבירגערלעכער פוסטקייט.

אָבער דאָך וואָלט געווען זינלאָז צו לייקענען, אַז עס זענען דאָ און עס קאָנען זיין ווערק פון גרויסער קראַפט, וואָס דערשיטערן און דערהויבן, הגם זיי געהערן נישט צו אונזער צייט־געפיל און צו אונזער צייט־קאַמף. אריינלייגן אין חרם אַזעלכע ווערק, ווי יעסענינס ריין־לירישע לידער, ווי קלאָדעלס דראַמען בלויז דערפאַר, ווייל עס אזוי נישטאָ אין זיי קיין סאָציאַלער קאַמפּס־מאָמענט, איז נישט נאָר האַרץ־טעמפּקייט, נאָר אויך נאַריש, פונקט ווי עס איז נאַריש און טעמפּ צו באַגייסטערן זיך מיט יעדן טאַלאַנטלאָזן קוואַטש, אַבי עס רעדט זיך דאָרט וועגן קאַמף און סאָציאַלן יושר.

אָבער די דאָזיקע טענה וועגן גראַפאָמאַניע, מיט וועלכער די קעגנער פון פראָלעטאַרישער קונסט אָפּערירן אַזוי גערן, רירט דאָך ווידער נישט אָן דעם עיקר. צי דען זענען אין דער „ריינער" קונסט נישטאָ קיין הונדערט נישטיקע נאָכמאַכונגען

אויף איין באמת־גרויס ווערק? פונדעסטוועגן זאָגט זיך קיינער ניט אָפּ פון אַ גוט ליבע־ליד צוליב טויזנט נארישע גראַפאָמאַנישע. פאַרוואָס־זשע ווילן די קעגנער פון דער סאָציאַל־אָריענטירטער ליטעראַטור אריינוואַרפן זי אין חרם צוליב דעם זעלבן חסרון: ווייל זי פאַרמאָגט טויזנט נארישע, טאַלענט־לאָזע נאָכלויפערס?

* * *

ווי מיר האָבן געזען, האַלטן נישט אויס קיין קריטיק אפילו די שטאַרקסטע טענות קעגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. סיי דער לאָזונג פון דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע, סיי דער לאָזונג פון קינסטלערס אינערלעכער פרייהייט, סיי דער לאָזונג פון פולקאָמענער פאָרם זענען ריכטיק, אָבער זיי פרעגן לחלוטין נישט אָפּ די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אַלס אַזעלכע, ווייל זי שטייט נישט צו זיי אין אַן אינערלעכער סתירה. די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור — אויב זי איז אמתע ליטעראַטור — קאָן אַנטשפּרעכן די דאָזיקע פאָדערונגען, פונקט (און אפשר נאָך מער!) ווי די בורזשואַזע ליטעראַטור אפילו אין איר גלאַנץ־פּעריאָד, פון איר היינטיקן ירידה־צושטאַנד שווין אָפּגערעדט. די דאָזיקע טענות קאָנען פאַרניכטן איינצלנע ווערק פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, אָבער נישט דעם דאָזיקן אָרט ליטעראַטור אַלס אַזעלכן.

איך רעזומיר: קונסט איז פאַרבונדן מיטן לעבן און זי שפּיגלט אָפּ די טיפסטע אַקצענטן פון לעבן. דער סאָציאַלער קאַמפּס־מאָמענט קאָן נישט נאָר אויסגעדריקט ווערן קינסטלעריש, נאָר עס איז אין אַ גרויסער מאָס דער עצם מהות פון דער קונסט. קונסט איז דער דראַנג צו פורימען און געבן דעם טיפסטן אויסדרוק דעם אָרום. אין דער היינטיקער עפּאָכע קאָן דאָס נאָר זיין סאָציאַלע קונסט, וואָס טראָגט אין זיך דעם אָטעם און סאָציאַליסטישן ווילן צו באַנייען דאָס לעבן פון די מענטשן.

אויב מיר האָבן פאַר זיך אַ ווערק, וואָס איז שטאַרק אין זיין קינסטלערישער ווירקונג, נעמען מיר עס אָן אויך אָן זיין בולטער באַציאונג צום פּאָליטיש־סאָציאַלן היינט. אַפּוואַרפן אַזאַ ווערק וואָלט געהייסן אָרעמער מאַכן די סקאַלע פון מענטשנס

אינערלעכער וועלט. פונקט אזוי טאָר מען נישט דערלאָזן, אַז יעדער ליטעראַרישער טויגעניכטס זאָל קאָנען פאַרנעמען דעם אויבן־אָן ווי באַלד ער טוט אָן אויף זיך אַ שילדל פון סאָציאַ־לער קונסט. מען דאַרף נישט אַרויסגיסן דאָס קינד צוזאַמען מיטן שמוציקן וואַסער; אָבער דאָס הייסט נישט, אַז צוליבן קינד דאַרף מען לאָזן דאָס שמוציקע וואַסער. מען מוז געפינען אַן עצה ווי אַזוי אַרויסצוגיסן דאָס שמוציקע וואַסער און דאָס קינד זאָל בלייבן.

„פריינע שריפטן".

זשאָנגליאָרן מיט ליטעראַרישע באַגריפן

(וועגן „סאָציאַליסטישן רעאַליזם")

אין 1948 איז אין פאַרלאַג „סאָוויעטסקי פּיסאַטעל" דער־שינען אַ זאַמלבוך אונטערן טיטל: „פּראָבלעמען פון סאָציאַ־ליסטישן רעאַליזם". דער דאָזיקער זאַמלבוך איז צוגעגרייט געוואָרן, לויט אַ באַמערקונג פון פאַרלאַג, דורך דער קאָמיסיע פאַר ליטעראַטור־טעאָריע און קריטיק ביים „פאַראיין פון די סאָוויעטישע שרייבער" און איז אַ „פּרווו טעאָרעטיש צו באַ־אַרבעטן די פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם".

די אַרטיקל־שרייבער פון זאַמלבוך זענען אָבער זייער פאָר־זיכטיק: זיי גרייטן צו פאַר זיך, אויף יעדן שריט און טריט, אַליבים, אין דער פאָרם פון ציטאַטן (פון לענין, סטאַלין, גאָרקי א. א. וו.): זיי זאָגן חס־ושלום נישט אַרויס קיין אייגענע גע־דאַנקען, — זיי גייען אין די פוס־טריט פון דער תורה מהר קרעמל... און נישט נאָר די שרייבער, — אויך די קאָמיסיע ביים ליט.־פאַראיין פאַרזיכערט זיך אויפן פאַל פון אַ קורס־ענדערונג: „נישט אַלע הנחות פון די אַרטיקלען, וואָס גייען אַריין אין דאָזיקן זאַמלבוך, זענען נישט־אָפּצופרעגן; אייניקע פון זיי טראָגן אַ דיסקוסיע־כאַראַקטער"...

זיין אַרטיקל וועגן „די אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור־טע־אָריע און קריטיק" הויבט אָן א. פאַדעיעוו, דער באַקאַנטער

סאָוויעטישער שרייבער, דאַן פאַרזיצער פון סאָוו. שרייבער־פאַראיין, בקולות וברקים: „די אויפגאַבן פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור־טעאָריע און קריטיק זענען, אין סאַמע עיקרדיקסטן און וויכטיקסטן, באַשטימט געוואָרן דורך די באַקאַנטע באַשלוסן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי בנוגע פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט, און דורך דעם רעפעראַט פון חבר זשדאַנאָוו וועגן די זשורנאַלן „זוויאַזדאַ" און „לענינגראַד".

„די קריטיק האָט פאַרגעסן, אַז גראַד זי דאַרף אין דער ערשטער ריי זיין די קעמפערין פאַר דער פּאַרטייאישקייט פון דער ליטעראַטור".

פאַרוואָס דאַרף זי דאָס זיין? ווייל דאָס איז דער גרויסער לענינשער פּרינציפּ, וואָס חבר זשדאַנאָוו האָט אים, אין זיין פאָרטראַג, באַצייכנט אַלס „לענינס וויכטיקסטן צושטייער צו דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט". די אויפגאַבן פון „דער סאָוויעטישער ליטעראַטור־טעאָריע און קריטיק" ווערן באַשטימט דורך זשדאַנאָוון, און זשדאַנאָווס באַשטימונגען ווערן דיקטירט דורך לענינען, וועמענס געניאַלע מיינונגען (ווי מיר וועלן ווייטער זען) ווערן געניאַל אויסגעטייטשט דורך סטאַלינען. ווי מען זעט האָט די סאָוויעטישע „ליטעראַטור־טעאָריע און קריטיק" אַ פּשוטע אויפגאַבע: זי דאַרף בלויז שטודירן די רעזאָלוציעס פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט (און מען ווייסט שוין פון וועלכער פּאַרטיי, ווייל קיין אַנדערע זענען נישטאָ...) און זיי איבערחזרן ווי די פּאַפּוגייען... און דאָס טוט זי טאַקע.

* * *

• די ליטעראַטור, הייסט עס, דאַרף זיין פּאַרטייאיש. אין דעם באַשטייט דער גרויסער לענינשער פּרינציפּ. און כדי מיר זאָלן אים נישט גלויבן אויפן וואָרט, ציטירט א. פאַדעיעוו לענינס „געניאַלע מיינונגען", ווי ער דריקט זיך אויס אין סאָוויעטישן סטיל: „די ליטעראַטור, — האָט געניאַל באַשטימט לענין, — דאַרף ווערן פּאַרטייאיש. אין קעגנזאַץ צו די בורזשואַזע מנהגים, אין קעגנזאַץ צו דער בורזשואַזער אונטערנעמערישער, קרעמערשער פּרעסע, אין קעגנזאַץ צום בורזשואַזן ליטעראַרישן קאַריעריזם און אינדיווידואַליזם, „פּריצישן אַנאַרכיזם" און

דעם געיעג נאָך ריווח, — דאַרף דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט אַרויסרוקן דעם פּרינציפּ פון פּאַרטייאישער ליטעראַטור, אַנטוויקלען דעם דאָזיקן פּרינציפּ און דורכפירן אים אין לעבן אין אַ וואָס מעגלעך פולערער און גאַנצערער פאָרם".

„אין וואָס־זשע באַשטייט דער דאָזיקער פּרינציפּ פון פּאַרטייאישער ליטעראַטור? נישט נאָר אין דעם, וואָס פאַרן סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט קאָן די ליטעראַטור נישט זיין קיין כלי־זין פון פאַרדינסט פאַר יחידים אָדער גרופּעס, זי קאָן בכלל נישט זיין קיין אינדיווידועלער ענין, אומאָפּהענגיק פון דער אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער זאַך. נידער מיט די אומפּאַרטייאישע ליטעראַטן! נידער מיט די ליטעראַטן־איבערמענטשן! די ליטעראַטור דאַרף ווערן אַ טייל פון דער אַלגעמיין־פּראָלעטאַרישער זאַך..."

איך זע אין לענינס דאָזיקע ווערטער — און פאַר יעדן וואָס האָט אַן אַנונג אין ליטעראַטור איז דאָס לייכט איינצוזען — בלויז עם־הארצות אין ליטעראַטור־ענינים, ווי אויך ציניזם.

צונויפפּאָרן דעם ליטעראַרישן קאַריעריזם מיטן ליטעראַרישן אינדיווידואַליזם קאָן בלויז אַ מענטש וואָס האָט נישט קיין שום אינטימע פאַרשטענדעניש פאַר ליטעראַטור. אָפּרייסן ליטעראַטור פון איר אינדיווידועלן וואָרצל, — הייסט אינגאַנצן אוממעגלעך מאַכן איר וווקס, איר נאָרמאַלע עקזיסטענץ. די ווערטפולסטע ליטעראַרישע דערשיינונגען זענען תמיד געווען פּרוכט פון אינדיווידואַליסטישן בונט קעגן דער אַפּוטרופּסות פון אַ סיסטעם, פון אַ פּאַרטיי, אַן אָנגענומענעם קאָדעקס.

נעמט צו ביי דער ליטעראַטור איר אינדיווידואַליסטישן וואָרצל, און איר מאַכט אַ תל נישט נאָר פון אירע עסטעטישע און עטישע ווערטן, נאָר אויך פון אירע קאָלעקטיוו־נאַציאָנאַלע ווערטן. נישט נאָר דאָס איז נישט געוווּנטשן, נאָר דאָס איז אוממעגלעך. די ליטעראַטור, וואָס ווערט אָפּגעריסן פון איר טיפן אינדיווידועל־פרייען וואָרצל, הערט אויף צו זיין דאָס וואָס זי איז און ווערט אַ שאָטן פון ליטעראַטור. נישט נאָר זי פאַרלירט איר דינאַמישע קראַפט, וואָס זי שעפּט פון אינדיווידועלער שפּאַנונג, נאָר ערשט דאַן ווען זי ווערט פּאַרטייאיש, ווערט זי ערשט רעכט קאַריעריסטיש און קרעמעריש.

דאַרף מען דען האָבן בעסערע ביישפּילן, ווי די וואָס קעסטלער און זשיד ברענגען?

אינם זאַמלבוך „דער באַנקראָטירטער גאָט" דערציילט אַרטור קעסטלער וועגן זיין רייזע קיין ראַטן־פאַרבאַנד: „דער עקז. קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט מיך פאַרזאָרגט מיט אַן אַזוי־גערופענעם „שטאַרקן" בריוו, בעטנדיק אַלע סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען צו העלפן מיר דערפילן מיין מיסיע „אַלס דעלעגאַט פון די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע שרייבערס פון דייטשלאַנד".

„אַ בריוו פון דאָזיקן מין האָט אין סאָוויעט־רוסלאַנד די קראַפט פון אַ דעקרעט. ער האָט מיר דערמעגלעכט אַרומצו־פאָרן אומגעשטערט איבערן גאַנצן לאַנד אַן אַ פּירער, צו באַ־קומען באַן־בילעטן אָן צו שטיין אין אַ ריי... ער האָט מיר דערמעגלעכט צו באַצאָלן פאַר מיינע רייזעס, איבערלאָזנדיק ביי מיר אַן עודף פון עטלעכע טויזנט רובל ביים סוף פון מיין באַזוך. די פּראָצעדור איז געווען פאָלגנדע: קומענדיק אין אַ פּראָווינציעלער הויפּט־שטאָט, לאָמיר זאָגן אין טיפליס, פלעג איך זיך מעלדן צום לאָקאַלן שרייבער־פאַרבאַנד, ווו איך פלעג פאָרלייגן מיין קאָמינטערן־בריוו. דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד פלעגט דאַן איינאָרדענען די געוויינלעכע באַנקעטן און פאַר־זאַמלונגען מיט די פּאָליטישע פירער און מיטגלידער פון דער שטאַט־אינטעליגענץ, ער פלעגט באַשטימען עמיצן צו זאָרגן פאַר מיר און מיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן רעדאַקטאָר פון לאָקאַלן ליטעראַרישן זשורנאַל, ווי אויך מיטן דירעקטאָר פון מלוכהשן פאַרלאַג־טרעסט (אין דאָזיקן פאַל מיטן טרעסט פון דער גרוזינישער סאָוויעטישער רעפּובליק)".

„דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל פלעגט דערקלערן, אַז שוין יאָרן און יאָרן ווי ער האָט דעם טיפסטן פאַרלאַנג צו פאַר־עפנטלעכן מיינע אַ דערציילונג. איך פלעג אים איבערגעבן אַן עקזעמפּלאַר פון אַ דערציילונג, וואָס איז שוין געהאַט דערשינען מיט אַ צייט צוריק אין דייטשלאַנד; און דעם זעלבן טאָג פלעגט מיר אריינגעשיקט ווערן אין מיין האָטעל אַ טשעק אויף צוויי אָדער דריי טויזנט רובל. דער דירעקטאָר פונם מלוכהשן פאַרלאַג פלעגט בעטן ביי מיר די טובה צו דערלויבן פאַרעפנטלעכן אַ

גרוזינישע איבערזעצונג פונם בוך, וואָס איך האָב בדעה צו שרייבן; איך פּלעג אונטערשרייבן אַ געדרוקטן אָפּמאַך־פאַר־מולאַר און באַקומען נאָך אַ טשעק אויף דריי אָדער פיר טויזנט רובל. (דער געהאַלט פון דורכשניטלעכן לוין־פאַרדינער איז דאַן געווען 130 רובל אַ חודש). אויף אַזאַ אופן האָב איך פאַרקויפט די זעלבע קליינע דערציילונג אין אַכט אָדער צען פאַרשידענע ליטעראַרישע זשורנאַלן פון לענינגראַד ביז טאַשקענט, און איך האָב פאַרקויפט די רוסישע, דייטשע, אוקראַינישע, גרוזינישע און אַרמענישע רעכט פון מיין נישט־געשריבן בוך פאַר אַוואַנסן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט אַ קליין פאַרמעגן. און היות איך האָב דאָס אַלץ געטאָן מיט אָפיציעלער דערמוטיקונג, און היות ווי אַנדערע שרייבער האָבן געטאָן דאָס זעלבע, האָב איך מיטן גאַנצן האַרצן געקאָנט באַשטעטיקן, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד איז דעם שרייבערס גן־עדן און אַז אין קיין שום אָרט אין דער וועלט ווערט נישט דער שעפערישער קינסטלער אַזוי גוט באַצאָלט אָדער מער געשעצט. היות די מענטשלעכע נאַטור איז דאָס וואָס זי איז, איז מיר קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז מיינע קאָנטראַקטן און מזומן־אַוואַנסן זענען געגעבן געוואָרן נישט מיין ליטעראַרישער רעפּוטאַציע, נאָר צוליב טעמים פון אַ גאַנץ אַנדערער נאַטור.

אין יענער צייט האָב איך נאָך נישט געהאַט פאַרעפנטלעכט קיין איינציק בוך; מיין נאָמען איז געווען פולשטענדיק אומבאַקאַנט פאַר יענע, וועלכע האָבן גערן געצאָלט אין מזומנים פאַר אַ דערציילונג, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט געלייענט, און פאַר אַ בוך, וואָס איז נאָך נישט אָנגעשריבן געוואָרן. זיי זענען געווען מלוכה־באַאַמטע, וועלכע האָבן געהאַנדלט לויט אינסטרוקציעס. אין אַ לאַנד, ווו אַלע אויסגאַבעס געהערן דער מלוכה, ווערן רעדאַקטאָרן, פאַרלעגער און ליטעראַטור־קריטיקער איפּסאָ פאַקטאָ אַ טייל פון אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט. זיי וועלן „מאַכן" אָדער צעברעכן אַ שרייבער אין הסכם מיט באַקומענע באַפעלן: דער פאַרלעגער — דורך דרוקן גרויסע אויפלאַגעס פון זיינעם אַ נייעם בוך אָדער דורך אריינגעבן אין שמעלץ אַלע זיינע פריערדיקע ביכער; און דער קריטיקער — דורך באַצייכענען אים אַלס נייעם טאָלסטאָי אָדער אַלס אַ דע־

געגערירטן קאָסמאָפּאָליטישן וואָרעם אָדער ביידעם צוזאַמען אין אַן אָפּשטאַנד פון בלויז עטלעכע חדשים...

„רוסלאַנד איז באמת דעם קינסטלערס גן־עדן, — אָבער, צום באַדויערן, אַ גן־עדן פון פאַרבאַטענע בוימער, וואָס ווערן געהיט דורך שפּיציק־באַהיטלטע מלאכים מיט פלאַמיקע שווערדן".

און דער פאַרשטאָרבענער אַנדרעי זשיד שרייבט אין זעלבן זאַמלבוך (אָדער ריכטיקער: אין דאָזיקן זאַמלבוך ווערט געגעבן אַ רעזיומע פון זיינע ביכער וועגן ראַטן־פאַרבאַנד):

„איך פּערזענלעך האָב געוויס נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן זיך אין משך פון מיין רייזע, נישט געקוקט אויף אַלע באַגאַווערנדיקע אויפקלערונגען, וואָס זענען צוגעטראַכט געוואָרן לאחר המעשה, כדי צו מאַכן ווערטלאָז מיין קריטיק, וואָס איז צו אָפט אויסגעטייטשט געוואָרן אַלס רעזולטאַט און אויסדרוק פון פּערזענלעכער גערייצטקייט און אַנטוישונג — וואָס דאָס איז די זינלאָזסטע פון אַלע „אויפקלערונגען". איך בין נאָך קיינמאָל נישט אַרומגעפאָרן אין גרעסערע אָדער מער לוקסוסדיקע באַקוועמלעכקייטן — איך האָב געהאַט די באַקוועמסטע אויטאָס און אומעטום — אַ פּריוואַטן וואַגאָן אויף דער באַן, די בעסטע צימערן און מאָלצייטן אין אַלע האָטעלן. תמיד איז מיר פאָרגעלייגט געוואָרן דאָס בעסטע, און סאַראַ אויפנאַמעס מען האָט מיר געמאַכט אומעטום! מען האָט מיר באַיובלט און באַנקעטעוועט. קיין שום זאַך איז נישט באַטראַכט געוואָרן צו גוט פאַר מיר. איך האָב געמוזט מיטנעמען מיט זיך וווּנדערלעכע זכרונות פונם קבלת פּנים וואָס איך האָב באַקומען, אָבער דאָך האָבן מיר די דאָזיקע אַלע חסדים דערמאָנט כסדר וועגן די פּריווילעגיעס און אונטערשיידן דאָרט, ווו איך האָב געהאָפט צו געפינען גלייכקייט. ווען איך פלעג אַנטלויפן פון די באַאַמטע און אַרומגיין צווישן די אַרבעטער, פלעג איך אַנטדעקן אַז די מערהייט פון זיי האָט געלעבט אין דער גרעסטער אָרימקייט, בעת מיר פלעגט מען יעדן אָוונט מאַכן אַ באַנקעט, אויף וועלכן די פאַרשידנאַרטיקייט, די רייכקייט און דער סכום צובייסעכצן אַליין איז געווען גענוג אָנצוזעטיקן דעם אַפּעטיט נאָך איידער דער הויפּט־מאָלצייט האָט

זיך אפילו אָנגעהויבן. — אַ מיטאָג פון זעקס געריכטן, וואָס פלעגט דויערן פיר שעה. היות ווי איך האָב קיינמאָל נישט געדאַרפט באַצאָלן אַ רעכענונג, כּל זמן איך האָב געוויילט אין רוסלאַנד, קאָן איך נישט האָבן קיין באַגריף וואָס אַזאַ סעודה קאָסט, אָבער איינער פון מיינע פריינט, וואָס ווייסט וועגן די פרייזן אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט מיר דערציילט, אַז אַזאַ באַנ־קעט דאַרף קאָסטן אַ צוויי־דריי הונדערט רובל פון פּערזאָן, און די אַרבעטער, וועלכע איך האָב געזען, האָבן פאַרדינט בלויז פינף רובל אַ טאָג און האָבן געמוזט זיין צופרידן מיט שוואַרץ ברויט און געפּרעגלטע פיש...".

„קולטור איז (אין רוסלאַנד,—י. ר.) געווענדט בלויז אויף איין ציל — דאָס גלאָריפיצירן דעם ראַטן־פאַרבאַנד".

„איך ווייס גאַנץ גוט, אַז זיי פאַראַדירן מיט דער זעלבסט־קריטיק, און צוערשט האָב איך געגלויבט אין דעם, און גע־האָפט אויף דעם, מיינענדיק, אַז דאָס קאָן פירן צו גרויסע רעזולטאַטן, אויב דאָס וועט אָנגעווענדט ווערן ערלעך, אָבער אינגיכן האָב איך זיך געכאַפּט, אַז די קריטיק באַשטייט בלויז אין אויספאָרשן צי אַזאַ אָדער אַן אַנדער ווערק איז אין הסכם מיט דער פּאַרטיי־ליניע. נישט די פּאַרטיי־ליניע ווערט דיסקו־טירט אָדער קריטיקירט, נאָר בלויז די פראַגע צי אַ געוויסע טעאָריע פּאַלט צונויף אָדער נישט מיט דער דאָזיקער הייליקער ליניע. קיין שום גייסטיקער צושטאַנד איז נישט געפּערלעכער פאַרן דאָזיקן, און קיין שום גייסטיקער צושטאַנד קאָן נישט אַזוי שאָדענען דער עכטער קולטור, ווי דער דאָזיקער".

„קולטור וועט תמיד זיין אין סכנה דאָרט, וווּ קריטיק קאָן נישט פּראַקטיצירט ווערן פריי. אַ ווערק וואָס איז נישט אין הסכם מיט דער פּאַרטיי־ליניע, איז אין רוסלאַנד פאַראור־טיילט... ווי גרויס עס זאָל נישט זיין דער טאַלאַנט פון אַ קינסטלער, — אויב ער גייט נישט אין די פוסטריט פון דער פּאַרטיי־ליניע, אַרבעט ער אין אומבאַקאַנטשאַפט און איז נישט אָנערקענט, — אויב מען דערלויבט אים בכלל אַרבעטן; אָבער אויב ער וואַרפט זיך אונטער, באַקומט ער זיין שכר און אָנערקענונג. דער געפּאָדערטער פּרייז איז — פולשטענדיק אָפּזאָגן זיך פון יעדער מין אָפּאָזיציע".

עס איז געוויס דאָ אַ גרויסער אמת אין דעם, אַז ליטעראַ־טור איז תמיד געווען פּאַרטייאיש. אָבער ערשטנס איז פּאַר־טייאישקייט צו פּאַרטייאישקייט נישט גלייך! פּאַרטייאיש איז יעדער איינער, וואָס שטעלט זיך אויף אַ געוויסן צד. אָבער די פּאַרטייאישקייט פון עכטער ליטעראַטור איז תמיד אַן אינדי־ווידועלע. און דעריבער קומט דער עכטער שרייבער אַזוי אָפט אין אַ קאָליזיע מיט זיין פּאַרטיי, אויב ער געהערט צו אַזאַ.

אָבער פּאַרטייאישקייט, וואָס ווערט אַרויפגעצוווּנגען אויף דעם שרייבער דורך אַ רעזאָלוציע פון אַ צענטראַל־קאָמיטעט, איז אַ פּאַרטייאישקייט, וואָס פאַרניכטעט די בעסטע אייגנשאַפטן פון ליטעראַטור און אַנטוויקלט אירע ערגסטע.

און נאָך עפּעס: אויב ליטעראַטור איז תמיד פּאַרטייאיש, טאָ וואָס האָט לענין צו שרייען: „נידער מיט די אומפּאַרטיי־אישע שרייבער!" אַזעלכע זענען דאָך גאָר נישטאָ!

געוויס, אויך אַ ליטעראַטור וואָס געפינט זיך נישט אונ־טערן שטיוול פון אַ דיקטאַטאָרישן צענטראַל־קאָמיטעט, קאָן זיין פאַרקויפט ביי אַ צייטונג פון אַ פּאַרטיי, ביי אַ פאַרלאַג, וואָס געהערט צו אַ פּאַרטיי אָדער — זי קאָן זיך פרייוויליק צופּאַסן צום הערשנדיקן רעזשים, צו דער הערשנדיקער סאָציאַ־לער אָרדענונג (אויסקוקנדיק אויף רווחים); אָבער דער אונ־טערשייד צווישן אַ ליטעראַטור אין אַ דיקטאַטור, וואָס פאָדערט פּאַרטייאישקייט (דאָס הייסט איר פּאַרטייאישקייט!) פון דער ליטעראַטור, און אַ ליטעראַטור אין אַ דעמאָקראַטיע, איז אַ גרויסער און אַ וויכטיקער. אין דער דעמאָקראַטיע קאָן זיך אַ שרייבער פאַרקויפן פאַר געלט, פאַר כבוד, בעת אין אַ דיקטאַ־טור מוז ער זיך פאַרקויפן פאַר כבוד און געלט.

אין אַ דעמאָקראַטיע קאָן זיך דער גאָר עכטער שרייבער אַנטקעגנשטעלן דעם נסיון און טאָן פריי זיין שליחות צוהונגער־ענדיק (און אַמאָל קאָן ער אויסקומען אויך אָן אָט דער גאַנץ אומבאַקוועמער באַגלייט־דערשיינונג), אָדער זיך באַגיין אָן כבוד; אָבער אין אַ דיקטאַטור מוז אַזאַ שרייבער אומקומען אָדער פיזיש אָדער גייסטיק.

מיט אַנדערע ווערטער: אין אַ דעמאָקראַטיע קאָן די ליטעראַטור מער אָדער ווייניקער פאַרקריפּלט ווערן, אָבער דאָך

קאָן זי אין אַ וואָסער נישט איז מאָס נאָרמאַל פונקציאָנירן און אויספירן איר בונטאַרישע, אָפּאָזיציאָנעלע אויפגאַבע; אין אַ דיקטאַטור הערט די ליטעראַטור בכלל אויף נאָרמאַל צו פונקציאָנירן.

אפילו ביים צאַריזם האָט די רוסישע ליטעראַטור דערפילט נאָרמאַל איר אויפגאַבע אין גאָר אַ גרויסער מאָס. אדרבא, גראָד אונטערן דרוק פון צאַריזם האָט זי געגעבן דאָס בעסטע און גרעסטע — אָרגאַניזירט דעם גייסטיקן רעוואָלט קעגן פינצטערניש און רעאַקציע. צי וועט די סאָוויעטישע ליטעראַטור געבן עפּעס ענלעכס?

גענוג צו שטעלן די דאָזיקע פראַגע, כדי צו וויסן דעם ענטפער...

פאָדערן, אַז די ליטעראַטור זאָל זיך צופּאַסן צו רעזאָלוציעס פון אַ צענטראַל־קאָמיטעט כלומרשט צוליב דעם, ווייל ליטעראַטור איז תמיד געווען פּאַרטייאיש, הייסט אַרויסווייזן עם־הארצות אויפן געביט פון ליטעראַטור־וויסנשאַפט (אָדער ריכטיקער: ליטעראַטור־קענטעניש אָדער פאַרשטענדעניש); און אויסשרייען: „נידער מיט דער אומפּאַרטייאישער ליטעראַטור!" איז דעריבער נישט קיין בייסיקע איראָניע, נאָר ציניזם! „נידער מיט די אומפּאַרטייאישע ליטעראַטן!" איז פּשוט אַ פאָדערונג פון אַ פּאַרטיי, וואָס וויל פראַווען דיקטאַטור איבערן מענטשלעכן גייסט: פאַר דער דיקטאַטור זענען אומפּאַרטייאישע שרייבער נישט געוווּנטשן, ווייל נישט באַקוועם!

און לענינס לאָזונג: „נידער מיט די שרייבער די אויבערמענטשן!" האָט געפירט בלויז צו דער פאַרגעטערונג פון פּאָליטיקאַנער־דעמאַגאָגן, ווייל אין שאָטן פון דער דיקטאַטור קאָן קיין סאָלטיקאָוו־שטשעדרין נישט אויסוואַקסן, — איר שאָטן איז געדיכטער און טויטנדיקער פאַרן שאָטן פון צאַריזם, וואָס האָט זיך פון סאָלטיקאָוו־שטשעדרינס סאַטירע־בייטשן נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן...

אָבער פאַדעיעוו, ווי יעדער איינער פון די סאָוויעטישע שרייבער, טאָר דאָס נישט זען און וויל דאָס נישט זען (קיינער וויל נישט קוקן גלייך אין די אויגן זיין טויט־אורטייל), און ער

ווײַל אָט דעם נאַקעטן אמת פֿאַרשרייען מיט קאָמוניסטישע פּסוקים.

ער ברענגט אַ ציטאַט פֿון לענינען: „לעבן אין דער געזעל־שאַפֿט און זײַן פֿרײַ פֿון דער געזעלשאַפֿט איז אוממעגלעך. די פֿרײַהייט פֿון בורזשואַזן שרײַבער, מאָלער, אַרטיסטקע איז בלויז אַ פֿאַרמאַסקירטע (אָדער צביעותדיק זיך־מאַסקירנדיקע) אָפּ־הענגיקייט פֿונם געלט־זאַק...״

צי האָט טאַקע לענין באמת געגלויבט, אַז טאָלסטאָי, שטשעדרין, נעקראַסאָוו, טשעכאָוו, גאָרקי און אַנדערע זענען אין זייער שאַפֿן נישט געווען אומאָפּהענגיק? און זיי אַלע האָבן דאָך געשאַפֿן נישט נאָר אין אַ בורזשואַזער געזעלשאַפֿט, נאָר אין אַ צאַריש־בורזשואַזער! און דאָך איז מעגלעך געווען אַזאַ באמת־פּראָגרעסיווער פּאַנאַנדערבלי פֿון דער רוסישער ליטע־ראַטור אונטערן צאַר, ווו אַ שווערע צענזור האָט געוואָלט דער־שטיקן דעם לעבעדיקן גייסט פֿון דער ליטעראַטור, אָבער נישט געקאָנט, ווײַל דער דרוק איז נישט געווען קיין טאָטאַליטאַרער, ווײַל די צענזור איז געשטאַנען פֿון דרויסן, ביים שרײַבערס טיר, אַזוי צו זאָגן, אָבער נישט ביים שרײַבערס שרײַב־טיש,— נאָך מער: אין שרײַבערס האַרץ און מח.

דאָס איז מעגלעך געווען דערפֿאַר, ווײַל דער בורזשואַזער רעזשים האָט געוואָלט אונטערקויפֿן דעם שרײַבער מיט געלט, און די עכטסטע שרײַבער (דאָס הייסט די, וועלכע קאָנען שרײַבן נאָר אין פֿרײַהייט, אין הסכם מיטן אייגענעם געפֿיל און באַ־וווסטזיין) האָבן אויסגעמיטן די סכנות, און אַמאָל טאַקע מיט דער הילף פֿון די פּראָגרעסיווע קרייזן פֿון דער געזעלשאַפֿט.

אָבער דער טאָטאַליטאַרער רעזשים גיט נישט דעם שרײַ־בער קיין אויסוואַל־מעגלעכקייט: ער נעמט אָן רעזאָלוציעס ווי אַזוי דער שרײַבער זאָל שרײַבן, און ער זאָגט צו אים: אָדער דו וועסט שרײַבן ווי איך וועל דיר דיקטירן, כדי איך זאָל זײַן צופֿרידן פֿון דיר, און דאַן וועסטו קעניגלעך באַלוינט ווערן, אָדער פֿאַרגעס וועגן שרײַבן בכלל אָדער וועגן לעבן בכלל...

עפּטאָן סינקלערס ריכטיקע באַשולדיקונג קעגן דער בור־זשואַזער ליטעראַטור: „געלט שרײַבט!״, איז אַ שיינקייטס־

פעלער אין פארגלייך מיט דעם אומגליק, אין וועלכן אַ טאָטאַ־ליטאַרער רעזשים וואַרפט אַריין די ליטעראַטור; אַן אומגליק, וואָס קאָן צום בעסטן אויסגעדריקט ווערן אויך אין צוויי ווער־טער: „שרעק שרייבט!״

דער שרייבער אין אַ בורזשואַזער געזעלשאַפט (אפילו פון צאַרישן טיפּ) קאָן האָבן עכטע פרייהייט פאַרן פרייז פון הונגער, אומפּאָפּולערקייט און דרוק־שוועריקייטן; אָבער אין אַ טאָטאַלי־טאַרן רעזשים קאָן ער בכלל קיין פרייהייט נישט האָבן. דאָ איז מעגלעך בלויז פולשטענדיקע קאַפּיטולאַציע אָדער גייסטי־קער כרת (אָפט באַגלייט אויך דורך אַ פיזישן, פאַר דער העזה צו וועלן „בוגד״ זיין אין רעזשים).

אין אַ בורזשואַזן רעזשים קאָן דער שרייבער־בונטאַר אַטאַקירן די געפאַר וואָס באַדראָט דעם שרייבער אין אַ בורזשו־אַזער געזעלשאַפט...

אין אַ טאָטאַליטאַרן רעזשים מוז דער שרייבער זינגען תהלות ותשבחות דעם רעזשים, וואָס טויט אים גייסטיק. ער מוז שרייבן ווי פאַדעיעוו:

„מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ ריזיקע מעגלעכ־קייטן און פּערספּעקטיוון עס זענען אָפן פאַר דער פרייער פּאַרטייאישער ראַטן־ליטעראַטור, אויב די אַלטע ליטעראַטור, אין די באַדינגונגען פון אַן עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפט, האָט געקאָנט שאַפן אומפאַרגעגנגלעכע וועלט־ווערטן!״

נישט נאָר מען קאַסטרירט גייסטיק דעם שרייבער, נאָר ער מוז זיך נאָך אַליין שענדן פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט: „וואָס פאַראַ ריזיקע מעגלעכקייטן און פּערספּעקטיוון עס זענען אָפן פאַר דער פרייער פּאַרטייאישער ראַטן־ליטעראַ־טור״...

דאָס אומנאַטירלעכסטע ווערטער־פּאָרל צעקלינגט זיך ווי גלעקעלעך פון אַ טראַגישן פּאַיאַץ, וועלכער מוז אַליין פּאַיאַציש שענדן זיין אומגליק...

אַ „פרייע״ ליטעראַטור, וואָס מוז ביים שרייבן יעדע מינוט אַריינקוקן אין די פּאַרטיי־רעזאָלוציעס, אין דער ליטע־

ראַטור־טעאָריע, וואָס די פּאַרטיי־באָסעס האָבן אויסגעאַר־בעט...

א „פרייע" ליטעראַטור, וואָס מוז ביי יעדן וואָרט קאָנט־ראָלירן, צי עס שטימט מיטן אות פון די סאַמע לעצטע רעזאָ־לוציעס, ווייל די שרעק פאַר אַן אָפּנויג, און במילא פאַר אַ „ריינוקונג", איז תמיד וואַך...

א „פרייע" ליטעראַטור, וואָס איז פריי צו טאָן בלויז דאָס, וואָס די פּאַרטיי־באָסעס ווילן...

א „פרייע" ליטעראַטור, וואָס מען האָט זי „באַפרייט" פון דער עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפט, כדי זי צו עקס־פּלואַטירן אויף אַ טאָטאַלן אופן...

* * *

די סאָוויעטישע ליטעראַטור, זאָגט פאַדעיעוו, האָט אַ מיסיע.

איז דאָך קלאָר, אַז אויב אַ מיסיע, מוז זי זיך געפינען אין סאָוויעטישן קאָראַן. און פאַדעיעוו ברענגט טאַקע אַ פּסוק פון זשדאַנאָוון, וואָס זאָגט בפירוש: דער סאָוויעטישער רעזשים, וואָס „שטעלט פאַר מיט זיך די פאַרקערפּערונג פון אַלץ וואָס איז דאָס בעסטע אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און קולטור, איז באַרופן צו שאַפן די פאָרגעשריטנסטע ליטעראַטור אין דער וועלט..."

אָט דאָס איז די מיסיע פון דער סאָוויעטישער ליטעראַ־טור.

עס איז זייער וויכטיק, — זאָגט פאַדעיעוו, — צו געפינען יענעם עיקרדיקן רינג אין ליטעראַרישן שאַפן, וואָס מיר, די אַרבעטער פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור, דאַרפן זיך אָנכאַפּן פאַר אים, כדי אויפצוהויבן די סאָוויעטישע ליטעראַ־טור אויף דער מדרגה פון איר אַלוועלטלעך־היסטאָרישער באַ־דייטונג".

און אין וואָס באַשטייט אָט דער עיקרדיקער רינג?

ער באַשטייט אין ווייזן „אין דער גאַנצער פולקייט און קראַפט אונזער סאָוויעטישן מענטשן און זיינע מאָראַלישע אייגנשאַפטן".

דער דועט צווישן זשדאַנאָוו און פאַדעיעוו איז האַרמאָ־ניש איינגעשפּילט: היות די סאָוויעטישע קולטור איז די העכ־סטע, דאַרף די סאָוויעטישע ליטעראַטור זיין די גרעסטע; און היות די סאָוויעטישע ליטעראַטור דאַרף זיין די העכסטע, דאַרף זי באַזינגען דעם סאָוויעטישן מענטשן, וואָס איז דער ריינסטער און שענסטער.

„אָפּקלייבנדיק די בעסטע געפילן און אייגנשאַפטן פון סאָוויעטישן מענטשן, — ציטירט פאַדעיעוו זשדאַנאָוון, — צעעפענענדיק פאַר אים זיין מאָרגנדיקן טאָג, דאַרפן מיר ווייזן גלייכצייטיק אונזערע מענטשן, ווי אַזוי זיי דאַרפן נישט זיין, מיר דאַרפן שאַרף קריטיקירן די איבערבלייבענישן פון נעכ־טיקן טאָג, די איבערבלייבענישן, וואָס שטערן די סאָוויעטי־שע מענטשן צו גיין פאָראויס".

„אין די דאָזיקע ווערטער פון חבר זשדאַנאָוו, — קאָ־מענטירט פאַדעיעוו דעם זשדאַנאָוו־ציטאַט, — איז אַנטוויקלט די גאַנצע פּראָגראַם פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וועגן וועלכן עס דאַרף זייער און זייער שטאַרק זיך פאַרטראַכטן אונזער קריטיק. מיר דאַרפן ווייזן אונזער מענטשן אמתדיק און ווייזן אים אַזוי, ווי ער דאַרף זיין, באַלויכטן זיין מאָרגנדיקן טאָג".

ווו אייגנטלעך איז דאָ דאָס נייע, וואָס איבעררשאַשט אַזוי פאַדעיעוון אין זשדאַנאָווס פּראָגראַם פאַר דער ליטעראַ־טור, און איבער וועלכן די רוסישע קריטיק דאַרף זיך פאַר־טראַכטן? (ווי קאָן זי זיך פאַרטראַכטן, ווען זי האָט מורא צו טראַכטן?)

האָט דאָך די ליטעראַטור תמיד געטאָן דאָס וואָס זשדאַ־נאָוו־פאַדעיעוו זענען מגלה פאַר דער רוסישער קריטיק: זי האָט תמיד געשטרעבט צו שילדערן דעם מענטשן אמתדיק, האָט זיך תמיד באַמיט צו דערגראָבן זיך צום שענסטן און צום בעסטן אין מענטשן, און קריטיקירט אין אים דאָס שלעכטע און נישטיקע.

איז אין וואָס באַשטייט דאָ דאָס נייע פונם סאָציאַליסטישן רעאַליזם?

דער אונטערשיד באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ביז איצט האָט דעם שרייבער דיקטירט — וואָס עס איז גוט און וואָס

עס איז שלעכט — זיין אייגענער געוויסן, זיין אייגן געפיל, זיין אייגענער געדאַנק; — און איצט דיקטירט אים וואָס ער זאָל ליבן און וואָס ער זאָל שילטן — די פּאַרטייאישע רעזאָלוציע.

דאָס וואָס פּאדעיעוו באמת זיך מליצהדיק פּאָרצושטעלן אַלס אייגנשאַפט און אַנטדעקונג פונם „סאָציאַליסטישן רעאַ־ליזם", איז אַן אייגנשאַפט פון דער ליטעראַטור פון קדמונים. יעדע גוטע און גרויסע ליטעראַטור האָט זיך תמיד אויסגע־צייכנט אָט מיט די צוויי אייגנשאַפטן: דאָס רעאַלע און דאָס אויסגעטרוימטע; קריטיק פונם קליינלעכן אין דער ווירקלעכ־קייט, און די באַגייסטערונג מיטן גרויסן, טרוימעריש־פּאָעטיש־אידעאַלן אין דער ווירקלעכקייט.

פּאדעיעוו אליין, אין זיין ליטעראַטור־קריטישן פּרווו צו כשרן דאָס מאָדנע ווערטער־פּאָרל „סאָציאַליסטישער רעאַ־ליזם", מוז מודה זיין, אַז די גרויסע רעאַליסטן זענען תמיד געווען אי רעאַליסטן, אי ראָמאַנטיקער, ד. ה. שילדערנדיק די באַדינגונגען און די מענטשן אַזוי ווי זיי האָבן זיי געזען, האָבן זיי זיי אויך געשילדערט אַזוי, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיי זאָלן זיין.

„מאַרק טווען, — זאָגט פּאדעיעוו, — איז, אָן ספק, אַ רעאַליסט, ווייל ער שילדערט און קריטיקירט אמתדיק די צביעות, די פאַלשקייט, די גיריקייט, די עם־הארצות פון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזער געזעלשאַפט; ווייל ער ווייזט אמת־דיק די סתירות פון עשירות און אָרימקייט. אָבער, גלייכצייַ־טיק, זענען סיי טאָם סאָיער, סיי העק פין, סיי די העלדן פון מיסיסיפּי — העלדן, וואָס פאַרמאָגן נישט ווייניק ראָמאַנטישע שטריכן; זיי טרעטן אַרויס אַלס טרעגער פון די פּאָזיטיווע עטישע אידעאַלן פון מאַרק טווען. און נישט אומזיסט לעבן די דאָזיקע ווערק אַזוי לאַנג, און זיי זענען די ליבסטע לעקטור פון קינדער".

אָבער וועלנדיק כשרן דעם „סאָציאַליסטישן רעאַליזם" דורך ביישפּילן פון דער ליטעראַטור־געשיכטע, רייסט ער אים גאָר אַראָפּ פאַר יעדן אויפמערקזאַמען לייענער, אויפדעקנדיק זיינע שוואַכע, נישט אמתדיקע זייטן.

סיי די פּאָזיטיווע אידעאַלן, סיי די נעגאַטיווע איינגשאַפטן, וואָס דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם וויקלט פּאַנאַנדער פאַרן לייענער, זענען נישט דעם שרייבערס, נאָר דער פּאַרטייס.

צי קאָן דען דער סאָוויעטישער שרייבער קריטיקירן די צביעות פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט? צי קאָן ער דען לויבן דאָס, וואָס באַגייסטערט אים? צי עקזיסטירט פאַרן סאָוויעטישן שרייבער אַן אַרבעטס־לאַגער אין רוסלאַנד? צי זעט ער די ליידן פון די, וועלכע די פּאַרטיי־פּאָליטיק צעטרעט? און דאָס אַלץ זענען דאָך זאַכן, וואָס אַ שרייבער דאַרף און מוז באַמערקן, אויב ער איז אַ שרייבער פון גאָטס גנאָד און נישט פון דער פּאַרטייס גנאָד!

מאַרק טווען, דיקענס און באַלזאַק האָבן געקאָנט פריי קריטיקירן די בורזשואַזע חסרונות און זיי אַנטקעגנשטעלן זייערע אידעאַלן, — אָבער אַ זאָשטשענקאָ קאָן נישט אומבאַשטראָפט קריטיקירן די סאָוויעטישע געזעלשאַפט, ווייל די פּאַרטיי־רעזאָלוציעס דערקלערן פּעסימיזם־שילדערונג אַלס שעדיקעריי, — דער סאָוויעטישער מענטש מוז זיין אָפּטימיסטיש, העראָאיש, מיט איין וואָרט — אַזוי ווי די פּאַרטיי־דערציער באַשטימען.

נישט דער שרייבער גופא זעט דאָס באַגייסטערנדיקע און דאָס אָפּשטויסנדיקע, — ער שעפּט זיין באַגייסטערונג און זיין קריטיק פון די פּאַרטיי־רעזאָלוציעס, און במילא זענען זיי ביידע שאַבלאָניש, נישט לעבעדיק און — במילא נישט ווירקזאַם.

די פּאַרטייאישקייט פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור וויל מען כשרן מיט דעם זאָג, אַז די ליטעראַטור איז תמיד געווען פּאַרטייאיש, פּאַרגעסנדיק אָדער פאַרשווייגנדיק ציניש, אַז אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט קאָן די ליטעראַטור זיין פּאַרטייאיש, אָבער זי קאָן אויך זיין נישט־פּאַרטייאיש; און די טענדענציעזקייט פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור וויל מען כשרן דערמיט, וואָס די גרויסע שרייבער פון דער בורזשואַזער עפּאָכע זענען כלומרשט אויך געווען טענדענציעז.

פּאַדעיעוו זאָגט וועגן דעם־אָ פּונקט: „עס איז זיך שווער פאַרצושטעלן מער טענדענציעזע קינסטלער, ווי די אָנגערופענע דורך מיר (באַלזאַק, דיקענס און טוועין — י.ר.), אין זין פון פאַרטיידיקן און פּראָפּאַגאַנדירן זייערע אידעאַלן. די דאָזיקע טענדענץ ווייזט זיך אַרויס ביי זיי סיי אין די פּערזענלעכע אַרויסזאָגונגען פונם קינסטלער, און סיי דורך די אַרויסזאָגונגען פון זיינע פּערסאָנאַזשן. עס איז גענוג צו דערמאָנען זיך די דעמאַסקירונגען פונם קאַפּיטאַליזם, וואָס באַלזאַק האָט אריינגעלייגט אין וואָטרענס מויל (אין „פּאָטער גאריא"—י.ר.); גענוג צו דערמאָנען זיך דיקענסעס צאָרנדיקע ווענדונג צום קעניג און די מיניסטאָרן נאָכן טויט פון פּאַרוואָרלאָזטן אינגל אין „קאַלטן הויז"; גענוג צו דערמאָנען זיך טוועינס געדאַנקען וועגן קנעכטשאַפט אין „די פּאַרלויפענישן פון העקילבערי פין". דאָס הייסט, אַז אין דאָזיקן פּעריאָד איז דער בורזשואַזער רעאַליזם צום מייסטן אידעאיש, פּאָליטיש באַפאַרבט, צום מייסטן טענדענציעז..."

מען וואָלט בכלל געוועןן געקאָנט פרעגן ווי אַזוי קאָן מען ברענגען אַ ראיה פון אַ ליטעראַטור, וואָס איז דיקטירט געוואָרן דורך דעם געלט־זאַק; אָבער לאָמיר דאָס לאָזן אין אַ זייט. עס וועט גענוג זיין צו זאָגן, אַז דאָס כשרן די פּאַרטייאישע טענדענציעזקייט פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור מיט דער טענדענציעזקייט פון אַ באַלזאַק אָדער דיקענס א. א. וו., איז ממש אַ זשאָנגליאָרישע שטיקל אַרבעט (אמת, פון אַ זשאַנגליאָר אַ פּאַרטאַטש).

באַלזאַקס וואָטרען קלאָגט אָן מעכטיק דעם קאַפּיטאַליזם — און באַלזאַקס בוך „פּאָטער גאריא" איז טאַקע במילא פּאָליטיש, ד. ה. טענדענציעז באַפאַרבט; אָבער קיינער האָט באַלזאַקן נישט דיקטירט דאָס, וואָס ער לייגט אריין אין וואָטרענס מויל. באַלזאַק האָט אַזוי געפילט און ער האָט עס אויסגעדריקט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טאַלאַנט. און אַזוי די אַנדערע.

אָבער די טענדענץ פון די סאָוויעטישע שרייבער איז דאָך אַ טענדענץ אָן אַרויפגעצוואונגענע, אַ מוז־זאַך!

צי וואָלט אויך אַ סאָוויעטישער שרייבער געוועז געקאָנט זיך ווענדן צו סטאַלינען און זיינע קאָמיסאַרן נישט נאָר מיט תהלות ותשבחות, נאָר אויך צאָרנדיק, ווען דער טויט פון אַ קולבאַק אָדער אַ טשערניכאָוו און אַ רייזין וואָלט אים געוועזן צעוואָרעמט דאָס האַרץ און צעפלאַקערט זיין צאָרן?

די טענדענץ פון די באַלזאַקס פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור איז דאָך קעגן דעם רעזשים, און די טענדענץ פון די סאָוויעטישע „באַלזאַקלעך" איז דאָך תמיד לטובת דעם רעזשים.

די באַלזאַקס האָבן דערפילט די אויפגאַבע פון די אמתע נביאים, און די סאָוויעטישע שרייבער דערפילן די אויפגאַבע פון די פאַלשע נביאים, די לאַקייען ביי די קעניגלעכע הויפן.

די גאַוואַהדיקע ווערטער, מיט וועלכע מען וויל כשרן אָט די סתירה (אַז עס איז נישטאָ קיין נעגאַטיוום אין סאָוויעטישן רעזשים!), זענען דאָך פּוסט. ווען דאָס וואָלט געווען ריכטיק, וואָלטן דאָך נישט נויטיק געווען קיין פּאָליטישע רעזאָלוציעס פאַרן ליטעראַרישן שאַפן, — די ווירקלעכקייט, וואָס איז פּעלערלאָז, וואָלט דאָך במילא געווען געצוווּנגען דעם שרייבער צו ענטפערן „אמן!" אויפן סאָוויעטישן לעבן...

עס וואָלטן דאָך נישט נויטיק געווען נישט קיין צוואַנג און נישט קיין פעלשונג...

* * *

אין דאָזיקן אויבנדערמאָנטן זאַמל־בוך קומט צום פולן אויסדרוק די טענדענץ פון סאָוויעטישן רעזשים צו קאָמפּענסירן דעם פאַרשקלאַפטן, אָפּט הונגעריקן און בכלל שלעכט־לעבנדיקן סאָוויעטישן מענטשן מיט נאַציאָנאַלער גאווה.

דאָס זשאַלעוועט מען אים נישט, — מען גיט אים דאָס איין אין גרויסע, ריזיקע דאָזעס! די רוסישע ליטעראַטור שטייט העכער פאַר אַלע אַנדערע! און ווי צו דעם וואָס האָט נאָך פאַר דער מלחמה נישט אַרויסגעשפּירט אין איר גאַנצער שאַרפקייט אָט־די דאָזיקע טענדענץ.

איינער פון די דאָזיקע אומגליקלעכע איז געווען י. נוסינאָוו (אַ סאָוויעטיש־יידישער קריטיקער, וואָס האָט געשריבן אויך רוסיש).

אין 1941 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך: „פּושקין און די וועלט־ליטעראַטור". און דאָס איז, לויט פאַדעיעווס גבית עדות, אַ „זייער שעדלעך בוך". עס „לאַקייעוועט" פאַר אויס־לאַנד.

און פאַדעיעוו נעמט זיך צום דאַזיקן בוך. ער פאַרניכ־טעט עם אין הייליקן קאַמף קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם: „נישט מאַרקס, נישט לענין שטעלן זיך פאָר קיין „אַנאַציאָנאַלע" אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט"; „סיי מאַרקס און ענגעלס, און באַזונדערס לענין און סטאַלין, האָבן אָפּגעגעבן נישט ווייניק מי אויף קלאָר צו מאַכן די באַזונדערקייטן פון יעדן פאָלקס אַנטוויקלונג... אין דעם איז נישטאָ קיין מאַרקסיזם". (אָבער די באַזונדערקייטן פון יידישן פאָלק האָט מען גראָד אין נאָמען פון מאַרקסיזם אויסגעריסן מיטן וואָרצל).

איז אַז מ'באַטראַכט פּושקינען, מוז מען אים באַטראַכטן ווי אַן אויסדרוק פון דער רוסישער אַנטוויקלונג, צום סוף איז גאָר דער גרונט־געדאַנק פון נוסינאָווס בוך, אַז „פּושקינס געניאַלקייט איז נישט קיין אויסדרוק פון די באַזונדערקייטן פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער נאַציע" (וואָס אַ מאַרקסיסט וואָלט דאָס געוווען באַדאַרפט ווייזן); „די גרויסקייט פון פּושקינען באַשטייט (לויט נוסינאָווס בוך — י. ר.) אין דעם, וואָס ער איז אַן „אייראָפּייער", וואָס אויף אַלע פראַגן, וועלכע מערב־אייראָפּע האָט געשטעלט, האָט ער, כלומרשט, געפונען זיינע אייגענע ענטפערס".

איך בין נישט קיין מאַרקסיסט און אויך נישט קיין בקי אין מאַרקסיזם, אָבער דאַך דאַכט זיך מיר, אַז די אויפגאַבע פון אַ מאַרקסיסט וואָלט געוווען באַדאַרפט באַשטיין צו באַווייזן, אַז פּושקין איז אַ רעזולטאַט פון דער פּראָדוקציע־שטופע, אויף וועלכער רוסלאַנד האָט זיך דאַן געפונען, אָדער וועלכע האָט זיך געהאַלטן אין ענדערן אונטער געוויסע באַדינגונגען, און במילא טאַקע אונטערן דרוק פון קאָנטאַקט מיט אייראָפּע. וואָרום די אייגנטימלעכקייטן פון דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער געשיכטע זענען דאָך אויך נישט מער ווי רעזולטאַטן פון דער פּראָדוקציע־אַנטוויקלונג...

אָבער נאָך דער לעצטער מלחמה איז דער מאַרקסיזם (שוין פריער אויך אַ גענוג צעקאַליעטשעטער דורך מאַרקסן, זיינע מערב־תּלמידים און דעם ראַטן־פאַרבאַנד) ממש צעריבן געוואָרן אויף שטויב אין די ווינט־מילן פון רוסישן נאַציאָנאַליזם; דער הויפּט־מאָמענט אין אַלץ איז דער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר. און פּושקין איז גאָר ביי נוסינאָוון — אַן „איי־ראָפּייער"...

איך ווייס נישט צוליב וואָס, נאָר פאַדעיעוו דערציילט פּלוצלינג דעם קאָנספּעקט פון גרויסן גריבאָיעדאָווס אַ נישט אָנגעשריבענער פּיעסע וועגן אַ לייב־אייגענעם, וועלכער מאַכט דורך „דעם קאַלכאָוויוז פון דער פּאַטערלענדישער מלחמה" (פון 1812—י.ר.), וועלכער „גייט דורך גאַנץ אייראָפּע און ווערט אַ מענטש". „אָבער די קעגנזאַצן פון רוסלאַנדס אַנט־וויקלונג באַשטייען אין דעם, וואָס דער דאָזיקער מענטש, ווען ער קערט זיך אום צו זיך אהיים, האָט געקאָנט אָפּגעשמיסן ווערן דורך דעם פּריץ אין דער פערד־שטאַל".

גריבאָיעדאָווס נישט אויסגענוצטע טעמע איז נאָך היינט אויך אַקטועל: אויך אין דער צווייטער פּאַטערלענדישער מלחמה האָט דער רוסישער פויער דורכגעמאַכט דעם גאַנצן מלחמה־גהנום (נאָך אַן ערגערן ווי דאַן), ער האָט אויך אַביסל אָנגעזען אַ וועלט און ווען ער איז געקומען אהיים, האָט מען אים נישט נאָר געקאָנט אָפּשמייסן, נאָר מען האָט אים אָפּגע־שמיסן. אפשר נישט דערפאַר, ווייל ער איז געוואָרן אַ מענטש, נאָר שוין בלויז צוליב דער מורא, טאָמער איז ער געוואָרן אַ מענטש. אמת, היינט האָט דעם אויסגעמענטשלטן רוסישן פויער געשמיסן נישט דער פּריץ, נאָר דער קאָמיסאַר; און נישט אין אַ פערד־שטאַל פון אַ דאָרף, נאָר אין ספּעציעלע לאַגערן...

און פאַר איינוועגס, כדי ענטגילטיק אַרויסצוטרייבן דעם געשפּענסט פון אייראָפּע, האָט מען שוין גענומען אָפּשמייסן אויך אויף צוריק, ווער עס האָט נאָר געלאָזט פאַלן אַמאָל אַ גוט וואָרט פאַר אייראָפּע... און נוסינאָוו איז אַריינגעפאַלן אין דער דאָזיקער צאָל.

איך גיי דאָ נישט פאַרטיידיקן נוסינאָווס בוך, פון וועלכן איך קען, אגב, בלויז די ציטאַטן וואָס פאַדעיעוו ברענגט. קאָן זיין, אַז נוסינאָוו פאַרשמעלערט פּושקינען, אַרויסהייבנדיק זיי־נע אייראָפּעאישע, אַלמענטשלעכע מאָטיוון, און פאַרנאַכלעסנ־דיק די נאַציאָנאַלע מאָטיוון זיינע, — אָבער דאָס איז דאָך מחייב דער טיטל פון בוך: „פּושקין און די אַלוועלטלעכע לי־טעראַטור". נוסינאָוו האָט גענומען פּושקינען, כדי אים צו געבן אונטער אַ געוויסן אַספּעקט. דאָס ווערט געטאָן מיט יעדן שרייבער.

אָבער אומעטום קריטיקירט מען אַזאַ בוך, ווי אַ ליטעראַ־רישע מיינונג, און פּטור אַן עסק; אין ראַטן־פאַרבאַנד עקט זיך די וועלט: דאָס איז אַ פּאָליטישע געשעעניש, — אַ פאַרשווע־רונג קעגן די ליטעראַרישע רעזאָלוציעס פון צענטראַל־קאָמי־טעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי! אַ נאַציאָנאַלער פאַר־ראַט! מען מוז זיך איילן צו דענונצירן, ווייל אַז נישט קאָן מען נאָך אָנגיין פאַר אַ מיטשולדיקן, פאַר אַ סאָבאָטאַזשניק, וואָס איז נישט געשטאַנען אויף דער וואַך...

נוסינאָוו זאָגט, אַז פּושקינען האָבן די אייראָפּייער באַ־טראַכט ווי אַ זייעריקן מער ווי טאָלסטאָיען און דאָסטאָיעוו־סקין, וועלכע האָבן פאַרלייקנט דעם מערב, „אַנטקעגנשטעלנדיק אים זייערע מזרחדיקע אידעאַלן, די אידעאַלן פון רוסלאַנד".

„אויף דער דאָזיקער קאָנצעפּציע, — גיט גיפטיק־מסירה־דיק צו פאַדעיעוו, — אַז דאָס ליכט קומט פון מערב, אָבער רוסלאַנד איז אַ לאַנד אַ „מזרחדיקס", באַזירט זיך דאָס גאַנצע בוך".

„פּושקין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַל־אַל־וועלטלעכן, אין אַן אַלאייראָפּעאישן, אין אַן אַלמענטשלעכן. פּונקט ווי מען קאָן זיין אַזאַ, אַרויסשפּרינגענדיק פון אַ היס־טאָריש־אויסגעפורעמטער נאַציע, צו וועלכער דו געהערסט, פּונקט ווי מען קאָן זיין אַלמענטשלעך מחוץ אַ נאַציע..."

מען וועט שוין באַלד מאַכן מאַרקסן און ענגעלסן פאַר רוסן, ווייל אַז נישט קאָן דאָס נאָך הייסן, אַז „דאָס ליכט קומט פון מערב..."

פּושקינען אָבער קאָן מען אָט־שווין ראַטעווען פון זיין אייראָפּעאיזם. וואָס הייסט „פּושקין האָט ממשיך געווען (ווי נוסינאָוו זאָגט — י. ר.) און האָט פאַרטיפט די מערב־קולטור", בעת אַלע רוסן ווייסן היינט (אָדער דאַרפן וויסן), אַז דער מערב האָט בכלל קיין קולטור נישט; וואָס הייסט פאַר פּוש־קינען איז די צוקונפט פון רוסישן פאָלק געווען (ווי נוסינאָוו זאָגט) „אומפאַרשטעלבאַר מחוץ די וועגן פון מערב", בעת פאַר דער לעצטער פּאַרטיי־ליניע איז די צוקונפט פון רוסלאַנד אומפאַרשטעלבאַר אויף די וועגן פון מערב?

מילא, פּושקינען קאָן מען נישט איבערמאַכן (און אפשר?), אָבער נוסינאָוון קאָן מען דערלאַנגען אין די ציין, אויב ער ווייסט נישט אויף וואָס אָנצושטעלן דעם רעפלעקטאָר, אויב ער האָט אין 1941 געשריבן אַן אַ ווייטן קוק אין דער צוקונפט...

און כדי צו באַקרעפטיקן זיין מיינונג וועגן אַזאַ נוסינאָוו, ברענגט פאַדעיעוו אַ פּסוק פון בעלינסקין, וואָס הגם ער איז געווען בלויז אַ „רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט", און נישט קיין באָלשעוויק, האָט ער דאָך געשריבן:

„איך בין זיך מודה, נישטיק און אומאָנגענעם זענען פאַר מיר די רואיקע סקעפּטיקער, די אַבסטראַקטע מענטשן, די „נפּאַטשפּאָרטיקע בראָדיאַגעס אין דער מענטשהייט".

אמת, בעלינסקי, וועלכער האָט זיכער געפילט די רוסישע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט, איז געווען אויך אַן אייראָפּעער, און מען קאָן געפינען ביי אים „אומאָנגענעמע נוסינאָווישע מאָטיוון, ווען ער לאַכט אויס די צו־נאַציאָנאַלע קריטיקער, וועלכער רעדן וועגן פּושקינען, וועלכער האָט נאָכגעמאַכט שעקספּירן, נישט אַנדערש ווי וועגן דעם „רוסישן שעקספּיר", און וועגן לערמאָנטאָוון, אָט דעם געניאַלן יינגלינג, ווי וועגן דעם „רוסישן בייראָן" (וועמען לערמאָנטאָוו האָט נאָכגעמאַכט); אָבער פאַדעיעוו איז נישט מחויב אַלזייטיק צו ציטירן בעלינסקין, — ער נעמט אַרויס בלויז דעם באַרימט גע־וואָרענעם זאַץ וועגן די „בעזפּאַטשפּאָרטניע בראָדיאַגי", וואָס איז געוואָרן דער קאַמף־לאָזונג קעגן די קאָסמאָפּאָליטן, — אַ קאַמף־לאָזונג, וואָס האָט איינגעשלונגען די לעצטע רעשטלעך

פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד, צוזאַמען מיט זייערע שעפער...

נוסינאָווס מעגלעכע ליטעראַרישע פעלערן זענען שוין נישט מער קיין ליטעראַרישע אָנגעלעגנהייט, נאָר אַן אַפּי־קורסות קעגן דער מלוכה־רעליגיע, קעגן דעם איינציקן ריכ־טיקן און רעטנדיקן גלויבן.

פּאַדעיעוו פילט זיך נישט סתם אַלס קריטיקער, נאָר אַלס פאַרטרעטער פונם גרויס־אינקוויזיטאָר:

— „„אויפן שייטערהויפן! אויפן שייטערהויפן!...״

אַט דעם לייט־מאָטיוו הערט מען אַרויס פון גאַנצן זאַמל־בוך, וואָס איז מער אַ פּאָליטישער קרייץ־צוג אין נאָמען פון די הייליקע פּאַרטיי־רעזאָלוציעס, ווי אָפּהאַנדלונגען וועגן לי־טעראַרישע פּראָבלעמען.

* * *

ווער עס וויל אָפן, מיטן נאַקעטן אויג, זען ווי אַזוי מען עקספּלואַטירט די ליטעראַרישע באַגריפן און בכלל ליטעראַטור פאַר פּאָליטישע צוועקן, דאַרף אַ קוק טאָן ווי אַזוי פּאַדעיעוו שיצט דעם רוסישן נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטיזם און ווי אַזוי ער נעגירט דעם נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטיזם פון די נאַציאָנאַלע רע־פּובליקן פון ראַטן־פאַרבאַנד.

און ווען מען קוקט זיך גוט צו צום דאָזיקן עקלדיקן בילד פון צביעות און באַגריפן־זשאָנגליאָריי, דערזעט מען אויך דעם וואָרצל פון דער לעצטער יידישער טראַגעדיע אין ראַטן־פאַר־באַנד.

לאָמיר זשע זען ווי אַזוי „די אויפגאַבע פון דער ליטע־ראַטור־טעאָריע און קריטיק״ פאַרנעמט זיך מיטן רוסישן פּאַט־ריאָטיזם און אימפּעריאַליזם אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער קאַמף קעגן יעדן מין קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד האָט אָנגענומען אין ראַטן־פאַרבאַנד אויך אַ ליטעראַרישע פאָרם; אָבער אויך אין דער דאָזיקער פאָרם איז ער אַ בולט פּאָליטישער. ער ווערט געפירט אין נאָמען פון רוסישן פּאַטריאָטיזם און האָט אין זינען די אונטערדריקונג פון די באַזונדערע פּאַטריאָטיזמען פון די באַזונדערע סאָוועט־רעפּובליקן. הינטער דעם קאַמף קעגן נישט כשרע ליטעראַרישע שטרעמונגען און דערשיי־

נונגען באַהאַלט זיך אוים דער סאָוויעטישער אימפּעריאַליזם.

דער סאָוויעטישער פּאַטריאָטיזם, — זאָגט פאַדעיעוו, — „האָט אַן ערנסטן שונא און קעגנער: די איבערבלייבענישן, די אָבערגלויבנס פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם איז ביז גאַר וויכטיק אוועקצופירן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אידעאַליזירן, אַרויסהויבן דאָס סאַמע אָפּגעשטאַנענע און פאַרשטאַנענע, דאָס נאַציאָנאַליסטישע פון דעם, וואָס איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט, כדי צו זאָגן, אַז די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייט איז געווען בעסער און אינטערעסאַנטער פאַר דער קעגנוואַרט".

לויט מיין מיינונג איז שרייבן אַזוינס עכטע קאָנטר־רעוואָלוציע, ווייל דאָס איז אַ שיפר־שפּראַך פאַרן פּשוטן געדאַנק, אַז דאָס לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד איז נישט אַזוי גוט און אינטערעסאַנט, ווי די קאָמוניסטן גיבן אָן. ווען עס איז גוט און אינטערעסאַנט, זוכט מען נישט קיין טרייסט אין עבר...

לאָמיר אָבער ווייטער לייענען פאַדעיעוון: „...די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן אידעאַליזירן די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייט נישט אין די אינטערעסן פון דער אַנטוויקלונג פון אונזערע רעפּובליקן. אַלע וויסן שוין, אַז די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן זענען שוין פון לאַנג אַגענטן פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל און זיי באַמיען זיך אין די אינטערעסן פון זייערע באַלעבאַטים. וואָס דערנערט זיי? עס דערנערן זיי, ערשטנס, די איינצלנע רעשטלעך פון דאָזיקן נאַציאָנאַליזם, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן ביי אונז, ווי אויך די סתם קאַפּיטאַליסטישע איבערבלייבענישן אינם באַוווסטזיין פון די מענטשן. און דאָ איז נאָך נויטיק אַן אמתער ערנסטער קאַמף".

אָט צו וועלכע ליטעראַרישע „הויכן" די פּאַרטייאישקייט פון דער ליטעראַטור האָט דערפירט די סאָוויעטישע שרייבער! די וואָרט־שעפער באַנוצן זיך מיטן וואולגאַרסטן, ביליקסטן פּראָפּאַגאַנדע־לשון.

פאַדעיעוו האָט דעם מוט אָנצוקלאָגן דעם נאַציאָנאַליזם, די ליבע צו דער פאַרגאַנגענהייט פון די סאָוויעטישע סובלאָקאַטאָרן, די רעפּובליקן פון רוסלאַנדס נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ווייל דאָס איז אין הסכם מיט דער ליניע פון דער פּאַר־

טיי, פון דעם רעזשים. ער האָט אָבער נישט קיין מוט צו פרעגן דעם רעזשים, פאַרוואָס איז שלעכט צו פאַרהערלעכן די נאַציאָנאַליסטישע (ד. ה. רעאַקציאָנערע) פאַרגאַנגענהייט פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, בעת עס איז גוט צו פאַרהערלעכן סוואָראָוון, איוואַן דעם גרויזאַמען, פּיאָטר דעם ערשטן און כמעלניצקין? (אגב, פּיאָטר דער גרויסער האָט דאָך געהאַלטן פון אַלץ וואָס איז אייראָפּעאיש; צי איז דאָס שלעכט נאָר ביי אַ ליטעראַטור־קריטיקער, אָבער נישט ביי אַ רוסישן צאַר?) פאַרוואָס מעגן רוסישע דיכטער שווערן נקמה צו נעמען פאַר די דערטרונקענע צאַרישע אַדמיראַלן ביי צוסימאַ, און די דיכטער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן טאָרן נישט באַזינגען זייערע העלדן, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן רוסיש־צאַרישן אַגרעסאָר?

און מען טאָר דאָס נישט! פאַדעיעוו זאָגט עס בפירוש און ער שטיצט זיך אויפן קאָמוניסטישן קאָראַן:

„איר געדענקט (פרעגט ער פּאָטערלעך די דיכטער און קריטיקער פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן — י. ר.), דער צענט־ראַל־קאָמיטעט האָט, אין זיין באַשלוס וועגן רעפּערטואַר פון אונזערע טעאַטערס, אָנגעוויזן אויף אייניקע פעלערן פון דער ליטעראַטור פון די פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד: דער אַוועקגיין אין דער געשיכטע, דאָס אידעאַליזירן די פאַרגאַנגענהייט".

אַזעלכע האָר־שפּאַלטער, אַזעלכע סכאָלאַסטיקער ווי עס פאַרמאָגט די באָלשעוויסטישע קירכע, האָט שוין לאַנג די וועלט נישט געזען. זייער אידעאַליזאַציע פון איוואַן דעם גרויזאַמען, פון סוואָראָוון איז פּראָגרעסיוו, — ווייל די פּאַרטיי מיינט, אַז אָט די אידעאַליזאַציע איז איר נויטיק (זי גיט דערמיט אַ פּסיכאָלאָגישן לעקעכל דעם רוסישן פאָלק, דעם וויכטיקסטן צווישן די גלייכע פעלקער פון דער ראַטן־מאַכט), אָבער די אַנדערע פעלקער טאָרן זייערע סוואָראָוווס נישט אידעאַלי־זירן, ווייל... אָבער הערט בעסער פאַדעיעוון אַליין:

„אינם שילדערן דעם עבר איז דאָ אַ פּאָזיטיווער יסוד: מענטשן ווילן באַזינגען זייער געשיכטע, דאָס האָט נישט קיין קליינע באַדייטונג ביים הייבן דעם נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַ־וווסטזיין". איז דאָך גוט! אָבער ניין: „עס איז אָבער דאָ אַן

„אוועקגיין" אין דער פאַרגאַנגענהייט, — דאָרט, ווו עס ווערן נישט ביזן סוף דעמאַסקירט די נאַציאָנאַליסטישע השפּעות, אָבערגלויבנס און איבערבלייבענישן. אין אַ ריי רעפּובליקן זענען דאָ ווערק אין געביט פון דער געשיכטע פון דער היימישער ליטעראַטור, וואָס גיבן איינגאַנצן אַן אומריכטיקע באַלויכטונג דער געשיכטע פון געגעבענעם פאָלק". למשל? אַט דאָ קומען מיר טאַקע צום עיקר:

„מען האָט אונז פאַרגעלייגט אַרויסצוגעבן אין „סאָוויעטישן שרייבער" אַ בוך פון יע. איסמאַאילאָוו „די קאַזאַכסטאַנער סאָוויעטישע ליטעראַטור". זעט מען תיכּף די פּרינציפּיעלע פעלערן פון דאָזיקן בוך, פעלערן, וואָס האָבן טיפע וואָרצלען. אין אים ווערט אידעאַליזירט דער פעאָדאַלישער כאַנישער פעריאָד פון דער געשיכטע פון קאַזאַכסטאַן. די כאַנען האָבן געקעמפט מיטן רוסישן צאַריזם, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי געקעמפט אויך מיט די אוזבעקישע, קירגיזישע כאַנען. די כאַנען — די פעאָדאַלן און גנבים — ווערן געשילדערט אַלס העלדן, און די כאַנישע שחיטה ווערט געשילדערט אַלס קאַמף פאַרן שאַפן די קאַזאַכסטאַנישע מלוכה. דער מחבר אידעאַליזירט די זינגער, וועלכע האָבן באַזונגען די העלדן פון די כאַנען, און גיט דאָס אָן אַלס „העראָאישן פעריאָד פון דער קאַזאַכסטאַנישער ליטעראַטור". די ליטעראַטור פון יענער צייט, ווען קאַזאַכסטאַן איז געוואָרן אַ טייל פון דער רוסישער אימפּעריע, באַצייכנט דער מחבר אַלס ליטעראַטור פון דער „עפּאָכע פון טרויער".

איצט פאַרשטייט איר שוין דעם אונטערשיד צווישן אידעאַליזירן די צאַרן און זייערע גענעראַלן און אַדמיראַלן און אידעאַליזירן די קאַזאַכסטאַנישע כאַנען? דאָס ערשטע שטאַרקט דעם רוסישן פּאַטריאָטיזם און דאָס צווייטע קאָן נאָך שטאַרקן דעם קאַזאַכסטאַנער פּאַטריאָטיזם...

טאָמער נעמען זיך די קאַזאַכסטאַנער אַראָפּ אַ ביישפּיל פון זייערע אַמאָליקע כאַנען? אַז די רוסן ווילן זיך אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל פון סוואָראָוון, וועלכער האָט איינגענומען לענדער פאַר דער צאַרישער אימפּעריע, איז גוט, דאָס טויג צום געשעפט; אָבער אַז די קאַזאַכסטאַנער ווילן זיך אַראָפּנעמען אַ

ביישפּיל פון זייערע קעמפער קעגן צארישן אימפּעריאַליזם, איז שלעכט, דאָס טויג נישט צום געשעפט פון באָלשעוויסטישן אימפּעריאַליזם.

אָבער ווי אַזוי כשרט מען פּאָרט דעם פּאַרבאָט צו טרויערן אויף דער נאַציאָנאַלער פאַרשקלאַפונג דורכן צארישן אימפּעריאַליזם?

דערויף איז דאָ די סכאָלאַסטיק, די „דיאַלעקטישע" האָרשפּאַלטעריי:

„דאָ, — זאָגט פאַדעיעוו מיט אַ טיפּזיניקן קנייטש אין שטערן, — איז אַ בולטער באַגריפן־פּלאָנטער. (דאָס מיינט ער נישט, צום באַדויערן, דעם סטאַלינשן באַגריפן־פּלאָנטער... —י. ר.) מען פאַרגעסט, אַז ביי אונז זענען געווען צוויי רוסלאַנדס — אַ רוסלאַנד אַ צאַרישע, און אַ רוסלאַנד פון די דעקאַבריסטן, פון בעלינסקין, פון די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן, פון די פּאָלקסטימלער (איצט זענען די דאָזיקע כשר, — אָבער ספּירידאָנאָוואַס גורל אין ראַטן־פאַרבאַנד איז באַקאַנט — י. ר.), פון די מאַרקסיסטן־לענינצעס, דאָס רוסלאַנד פון פּושקינען, פון טאָלסטאָיען, פון טשעכאָוון, פון גאָרקין. דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, אחוץ דער קאָלאָניזאַטאָרישער רוסלאַנד, האָבן עקזיסטירט אַנדערע מלוכות־רויבער, וואָס האָבן באַדראָט די קליינע פעלקער. מיר וועלן נישט דערלויבן, מען זאָל אידעאַליזירן די קאָלאָניזאַטאָרישע רוסלאַנד (און סוואָראָוו, און פּיאָטר דער גרויסער? און די אַדמיראַלן פון צוסימאַ? — י. ר.), אָבער מיר ווילן, מען זאָל זען די היסטאָרישע נויטווענדיקייט און די פּראָגרעסיווקייט פונם אריינגיין אין באַשטאַנד פון דער רוסישער מלוכה פּאַר אַ גאַנצער ריי פעלקער; אַז נישט וואָלטן זיי געווען געוואָרן דערשטיקט דורך אַנדערע רויבער, וועלכע וואָלטן געווען אָוועקגעפירט די דאָזיקע פעלקער פון יענעם גרויסן וועג, אויף וועלכן זיי האָבן געקאָנט אַרויפטרעטן אַ דאַנק דער עקזיסטענץ פון דעם אוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטישער רוסלאַנד. פון רוסלאַנד דער מוטער פון דער גרעסטער קולטור, פון רוסלאַנד פון די באָלשעוויקעס, פון דער אָקטאָבערשער רעוואָ־

לוציע, פון רוסלאַנד, וואָס האָט די ערשטע דורכגעריסן דעם פראָנט פון אימפּעריאַליזם, פון סאָציאַליסטישן רוסלאַנד".

אָט דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צו דער רעהאַבילי־טאַציע פון אַלץ וואָס רוסלאַנד האָט געטאָן; און דער זעלבער וועג פירט צו דער פאַראַורטיילונג פון אַלץ, וואָס האָט גע־קעמפט קעגן רוסלאַנד אַפילו מיט יאָרהונדערטער צוריק.

דער אופן, אויף וועלכן דאָס טוט פּאַדעיעוו, איז אַזוי אָפן ציניש, ברוטאַל־ציניש, אַז מען בלייבט געפּלעפט. דאָס איז שוין צו פיל אַפילו פאַר באָלשעוויקעס...

אָבער הערט ווייטער: „ביים שילדערן די היסטאָרישעווירקלעכקייט, דאַרף מען נישט נאָר ווייזן די קאָלאָניזאַטאָרי־שע ראָל פונם צאַריזם. מען דאַרף ווייזן יענע מענטשן אין דער פאַרגאַנגענהייט פון אייגענעם פאָלק, וועלכע האָבן באַ־גריפן, אַז זייער פאָלקס וועג איז צו גיין געמיינזאַם מיט דער רוסישער קולטור, און האָבן פאַרשטאַנען אַז די באַפרייאונג פון קאַזאַכסטאַן קאָן נישט פאָרקומען מחוץ דער רעוואָלו־ציאָנער־דעמאָקראַטישער רוסלאַנד".

און ער רופט אָן אַזעלכע מענטשן און ער ציטירט זיי.

אַזעלכע מענטשן אין אינדאָנעזיע, אין מאַלאַיע און אין אַנדערע ערטער זענען, לויט די באָלשעוויקעס, קוויסלינגס, אָבער לגבי רוסלאַנד זענען זיי דאָס נישט געווען. די פאַרגאַנ־גענע רוסישע פאַרגוואַלטיקונג כשרט מען מיט דעם, וואָס אַ דאַנק זיי האָט מען געראַטעוועט די פאַרגוואַלטיקטע פעל־קער פון פאַרניכטונג דורך אַנדערע אימפּעריאַליסטן, און אַזוי אַרום זיי אויפגעהיט פאַר דער איצטיקער ישועה, און די איצ־טיקע פאַרגוואַלטיקונגען כשרט מען מיט דעם, וואָס דאָס וועט זיי צוגרייטן פאַרן צוקונפטיקן גן־עדן...

ביי אַנדערע וואָלט מען דאָס גערופן „אומפאַרשעמטער, צינישער פּלפּול", אָבער ביי זיך רופט מען דאָס „דיאַלעק־טיק"...

מען כשרט די צאַרישע קאָלאָבאָראַטאָרן אָדער, אין בעסטן פאַל, די נאַאיווע אידעאַליסטן... איינער פון זיי, וואָס פּאַדעיעוו ציטירט אים שטאַרק, איז דער טאָטער טוקאַי. עס

זעט אוים — לויט די ציטאַטן (איך נעם אָן אַז זיי זענען ריכטי־קע... — י. ר.), — אַז ער איז געווען אַן אמתער אידעאַליסט.

אין 1905, בעת דער רעאַקציע, האָט מען די טאַטערן אַגי־טירט זיי זאָלן זיך אַריבערקלייבן קיין טערקיי. דאַן האָט טוקאַי געענטפערט צווישן אַנדערן, אַז מען דאַרף בלייבן אין רוס־לאַנד און וואַרטן אויף אַ פריי רוסלאַנד. צווישן אַנדערן האָט ער אָנגעגעבן אַלס מאָטיוו, אַז אין טערקיי האָבן די טערקישע פּאָעטן אַ גאַנץ לעבן געריכט די סולטאַנען און זייערע שקלאַפן, אָבער אין רוסלאַנד זענען דאָ פּושקינס, לערמאָנטאָווס, טאָלסטאָיס. „אונזער נאַציע... נויטיקט זיך אין מענטשן, וואָס זענען פעאיק צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די פאַר־טיילטע, הילפלאָזע פאָלקסמענטשן... אונזער נאַציע זענען נויטיק עכטע שרייבער... וועלכע זאָלן צוהעלפן... דעם פּראָגרעס".

איך ווייס נישט צי טוקאַי לעבט נאָך צי נישט; אָבער זיין פאָלק האָט זיך דערוואַרט, אין זיין טרייקייט צום „פּראָג־רעסיוון" רוסלאַנד, נישט אויף קיין לערמאָנטאָווס און טאָל־סטאָיס, נאָר אויף אַזעלכע שרייבער ווי פאַדעיעוו, ד. ה. ווי אין טערקיי, וווּ זיי לויבן בלויז די סולטאַנען און זייערע שקלאַפן... און טוקאַיס פאָלק, וואָס ער האָט עס אָפּגערעדט פון עמיגרירן קיין טערקיי, איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר... „פון שטאַנדפּונקט פון פאַרשטיין די היינטיקע אויפגאַבן פון פאַרשטאַרקן די פריינטשאַפט פון די פעלקער און פון אַנט־וויקלען דעם סאָוויעטישן פּאַטריאָטיזם, דאַרפן מיר, ווענדנדיק זיך צו דער פאַרגאַנגענהייט פון אונזערע פעלקער, אַרויסהויבן די אַוואַנגאַרדנע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן".

אין רוסלאַנד דאַרף מען אַרויסהויבן סוואָראָוון, אין אוקראַינע — כמעלניצקין, כדי צו הייבן דעם נאַציאָנאַליסטישן פּאַטריאָטיזם פון רוסלאַנדס גרעסטצאָליקע פעלקער; אָבער די אַנדערע, די קלענערע פעלקער, דאַרפן אַרויסהייבן זייערע טו־קאַיס, וועלכע האָבן געהאָפט און געוואַרט אויף דער רוסישער דעמאָקראַטיע...

און נאָך אַ געניער לעקציע — געשטיצט אויף סטאַלינען — וואָס די ליטעראַרישע קריטיק דאַרף טאָן אין געביט פון

דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, זאָגט פאַדעיעוו, דורך אגב, איי־נעם פון די גרעסטע אמתן וואָס שייך דער ראַטן־פאַרבאַנדי־שער ליטעראַטור: „דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער שטייט נישט אויף אַן אָרט, ער אַנטוויקלט זיך. אין דער עפּאָכע פון דער סאָציאַליסטישער קולטור — איז דאָס שוין אַן אַנדער כאַ־ראַקטער".

יאָ, אינגאַנצן אַן אַנדערער, — אַ כאַראַקטערלאָזער כאַ־ראַקטער...

און די טאָלסטאָיס, אויף וועלכע די אַמאָליקע טוקאַיס האָבן געוואַרט און מיט וועמעס צוויבער מען וויל איינשלעפּערן די היינטיקע טוקאַיס, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַדע־יעווס...

* * *

די טאָלסטאָיס האָבן אַוועקגעשטעלט די רוסישע ליטע־ראַטור אין צענטער פון דער וועלט־אויפמערקזאַמקייט; און אַלע האָבן פרייוויליק אָנערקענט איר גרויסקייט און זיך גע־לערנט ביי איר.

די פאַדעיעווס קאָנען דאָס אין דער ווירקלעכקייט נישט באַווייזן, באַרימען זיי זיך אַז זיי זענען די שעפער פון אַ נייער ליטעראַטור, אָ נאָך נישט געוועזענער לויט איר וועלט־געשיכט־לעכער באַדייטונג.

ווען פאַדעיעווס באַרימעריי וואָלט נישט געווען אַזוי טרוי־עריק, וואָלט זי געווען לעכערלעך אין דער העכסטער מאָס.

מיט דער באַרימעריי גופא וועלן מיר זיך נישט פאַרנע־מען, — בלויז מיט דער ליטעראַטור־טעאָריע און דער קריטיק, וואָס זענען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער באַרימעריי.

פאַדעיעוו גיט אַ גלעט איבערן בעקל דער רוסישער ליטע־ראַטור, דעם אַלטן רוסישן רעאַליזם, אָבער יענער האָט געהאַט שוואַכקייטן; און „די גרעסטע שוואַכקייט זיינע אָדער, ריכטי־קער, זיין גרעסטער אומגליק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויך ער האָט נישט געקאָנט שילדערן יענעם פּאָזיטיוון העלד, וואָס אין דער רעאַלער היסטאָרישער ווירקלעכקייט איז ער איר מאָרגנדיקער העלד".

אָבער די סאָוויעטישע ליטעראַטור האָט נישט קיין שוואַכקייטן, ווייל אין דער סאָוויעטישער, סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט „עקזיסטירט רעאַל דער נייער, סאָוויעטישער מענטש, דער טרעגער פון דער פּאָרגעשריטנסטער, אַלמענטשלעכער מאָראַל! צום ערשטן מאָל איז פון אונטער דער פעדער פון א קינסטלער אַנטשטאַנען א העלד פון (?) דער ליטעראַטור, וואָס איז דער אמתער העלד פון לעבן, דער שעפער און בויער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט".

„אַט טאַקע צוליב דעם שטעלט פאַר מיט זיך אונזער סאָציאַליסטישער רעאַליזם א פולן אָרגאַנישן סינטעז פון רעאַליזם מיט רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק. דאָס איז לחלוטין א נייער רעאַליזם. ער עפנט אויף א ניי קאַפּיטל אין דער קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט". פון דער דאָזיקער גאַנצער ביליק־באַרימערישער, פּוסט־ווערטערדיקער באַגריפן־זשאָנגליאַריי איז קלאָר — און ריכטיק — בלויז איינס: די סאָוויעטישע ליטעראַטור האָט געשאַפן באמת א נייעם רעאַליזם.

דער פריערדיקער רעאַליזם פלעגט אָפּזוכן אין דער ווירקלעכקייט — וואָס ער פלעגט שילדערן — די טרוים־עלעמענטן פון דער מענטשהייט, — טרוים־עלעמענטן, וואָס געפינען זיך אין דער העסלעכסטער ווירקלעכקייט; און אָט די רעאַלע טרוים־עלעמענטן פלעגן זיין דער גרעסטער טרייסט פון יעדן מענטשן, פון יעדן, וואָס האָט געבענקט נאָך אַן אויסגעטרוימטער גרויס־מענטשלעכער ווירקלעכקייט. אַזאַ מענטש פלעגט טראַכטן, איינגאַנצן א באַטויטער דורך דעם גרויסן רעאַליזם (וואָס זעט דאָס לעבן אין זיין רעאַלן שמוץ און אין זיין רעאַלער גרויסקייט): אויב אין אַזאַ גרויען אָדער אפילו העסלעכן לעבן זענען דאָ ווירקלעכע טרוים־עלעמענטן — איז דאָ א טרייסט, איז דאָ א האָפענונג: פון שיינע ווירקלעכקייט־קערנער קאָנען אויסוואַקסן ווירקלעכע שיינקייט־בוימער.

אָבער דער סאָוויעטישער רעאַליזם האָט דאָס אַלץ געענדערט: ער איגנאָרירט די ווירקלעכקייט און זוכט באַגייסטערונג אויף צו שאַפן טרוים־עלעמענטן אין די פּאַרטיי־רעזאָלוציעס.

די סאָוויעטישע ליטעראַטור, וואָס האַלט זיך נישט אָן די פּאַרטיי־רעזאָלוציעס, ווערט שאַרף קריטיקירט. מען קריטי־קירט סיי די ווערק ווו דער סאָוויעטישער מענטש „ווערט גע־וויזן אַלס געמיין, וואולגאַר" און מען קריטיקירט אַלץ ווו עס קריכן אַרויס פערזעלעך (אויף רוסיש: „סטישקי", פּאַראַכטנ־דיקע פאַרקלענערונגס־פאָרם — י. ר.), פון אינדיווידואַליסטישן מין, מיט פּעסימיזם, מיט קלאָגעניש".

ווי אַזוי קאָן דער סאָוויעטישער מענטש זיין געמיין און וואולגאַר, אויב זשדאַנאָוו האָט געזאָגט אַז דער סאָוויעטישער מענטש פאַרמאָגט די העכסטע אייגנשאַפטן? און ווי אַזוי מעג די סאָוויעטישע ליטעראַטור פאַרמאָגן פּעסימיזם, אויב פּעסימיזם איז אַ כאַראַקטער־שטריך פון אַן אונטערגייענדיקן קלאַס, ווי דאָס ווייסט יעדער מאַרקסיסטישער לערן־ייִנגל?

וואָס זאָל אָבער טאָן אַ סאָוויעטישער שרייבער, וואָס פאַרמאָגט די געפערלעכע אייגנשאַפט פון זען נישט נאָר די פּאַרטיי־רעזאָלוציע, נאָר אויך די —ווירקלעכקייט? וואָס זאָלן טאָן די זאָשטשענקאָס, וועלכע זעען דאָס געמיינע, דאָס ניש־טיקע, דאָס וואולגאַר־קליינבירגערלעכע אויך אין סאָוויעטישן לעבן? און דעריבער מוזן זיי „קריטיקירן דעם סאָוויעטישן מענטשן, די סאָוויעטישע געזעלשאַפט?"

וואָס זאָלן זיי טאָן? פאַדעיעוו גיט זיי אַן עצה: „אויפהערן נאָכצוקריכן די פעלערן, נישט קריטיקירן דעם סאָוויעטישן מענטשן אָדער די סאָוויעטישע געזעלשאַפט פון הינטן, אַזוי צו זאָגן". וואָרום „וואָס קאָן ער דערזען פון אַזאַ פּאָזיציע? גוטע מענטשן זענען ביי אים (דאָס מאָל רעדט זיך וועגן דעם אַזער־באַידזשאַנישן שרייבער סולעימאַן ראַגימאָוו — י. ר.) ווייניק, זיי ווערן גענעבן סכעמאַטיש, און מיט דער גרעסטער שילדע־רונגס־בולטקייט זענען באַשאַנקען שוחד־נעמער, רכילותניצעס, אויסוואורפן און געמיינע יונגען".

יעדער קריטיקער פון דער אַלטער שולע וואָלט פון דעם געוועזן נעמאַכט אַן אויספיר, אַז ראַגימאָוו זעט אַרום זיך אַ סך שוחד־נעמער א. א. וו., און במילא שפּיגלט זיך דאָס אָפּ אין זיין שאַפן, אין זיינע ווערק. און טענות דאַרף מען האָבן צום לעבן... דאָס וואָלט אָבער געוועזן דער צוגאַנג פון דער אַל־

טער רעאַליסטישער שולע, אָבער נישט פון דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם. דער דאָזיקער לעצטער זעט אין אַזאַ ראָמאַן נישט קיין רעאַליסטישן באַאָבאַכטער, נאָר אַ קעגנער פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור, אַ קעגנער פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. ווי אַזוי? גאַנץ פּשוט: דער שרייבער דאַרף נישט נאָכגיין דעם לעבן פון הינטן, נאָר מאַרשירן פאָראויס פון לעבן, — טראָגנדיק פאַר זיך — כּדי צו האָבן אויף וואָס צו קוקן, — די פּאַרטיי־רעזאָלוציעס און זשדאַנאָווס בעדעקער.

לאָמיר דאָס אילוסטרירן מיטן באַקאַנטן פאַל מיטן רוסישן שרייבער וסעוואָלאָד איוואַנאָוו.

איוואַנאָוו האָט געשריבן אַ ראָמאַן פונם לעבן אין דער גרויסער אויטאָ־פאַבריק אין גאָרקי, און כדי זיך בעסער צו באַקענען מיט זיין טעמע, מיט זיין מאַטעריאַל, איז ער געפאָרן לעבן אַ שטיקל צייט אין דער פאַבריק.

איינמאָל האָט ער פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון פאַבריק־אַרבעטער פאָרגעלייענט טיילן פון זיין מאַנוסקריפּט. ער האָט געלייענט וועגן די שוועריקייטן, וואָס די אַרבעטער האָבן ביים פאָרן גרויסע שטרעקעס אין שלעכטע אויטאָבוסן אויף שלעכטע וועגן. נאָכן פאָרלעזן לייענען האָט אים אַ קאָמוניסטישער אַרבעטער געשטעלט אַ פראַגע: „ווי לאַנג וועט דויערן ביז איר וועט פאַרענדיקן דעם ראָמאַן?”

איוואַנאָוו האָט געענטפערט, אַז אַ זעקס חדשים.

האָט דער קאָמוניסט אים געמאַכט פאָלגנדיקן חשבון: „דעם ראָמאַן וועט איר נאָך שרייבן אַ האַלב יאָר; די צענזור וועט אויך דויערן אַ פּאָר חדשים, און דאָס דרוקן — נאָך אַ פּאָר חדשים. וועט אייער בוך נישט דערשיינען פריער ווי אין אַ יאָר אַרום, און אין משך פון אַ יאָר וועלן מיר האָבן גוטע שאָסייען און נייע אויטאָבוסן, און נייע הייזער צום וווינען, נאָענט פון דער פאַבריק. טאָ פאַרוואָס זאָלט איר נישט באַשרייבן די דאָזיקע וועגן, אויטאָבוסן און הייזער ווי זיי וואָלטן שוין געווען ווירקלעכקייט?”

צו־וואָס קוקן אויף דער ווירקלעכקייט ווי זי איז, אויב דער סאָציאַליזם וועט זי דאָך סיי ווי ענדערן (און דאַן וועט אַזאַ ליטעראַטור זיין פאַרעלטערט); איז דען נישט גלייכער צו שיל-

דערן דאָס לעבן אַזוי ווי דער סאָציאַליזם וועט עס איבערבויען?
און ווי אַזוי דאָס לעבן און דער סאָוויעטישער מענטש וועלן
דאַן אויסזען, וועט שוין דעם קינסטלער וויזן זשדאַנאָוו...

אָט דאָס איז די ריכטיקע פאַרטייטשונג פונם זינלאָזן ווער־טער־פּאָרל „סאָציאַליסטישער רעאַליזם": נישט זען די ווירקלעכ־קייט ווי זי איז, נאָר ווי זי וועט זיין, אָדער ווי מען וויל זי זאָל זיין, אָדער ווי מען וויל דאָס פאָלק זאָל גלויבן אַז זי איז אָדער אַז זי וועט זיין...

און דעריבער דאַרף דער שרייבער נישט נאָכגיין דעם לעבן, — ווייל דאָס לעבן פאַרשטעלט פאַר אים די פּאַטאַ־מאָרגאַנאַ, וואָס קאָן אויפקומען נאָר אויף אַ ברייטן פרייען וויסטן האָרי־זאָנט...

דערפאַר איז פּלוצלינג כשר געוואָרן דער טרוים־עלעמענט אין ליטעראַטור, דער ראָמאַנטישער עלעמענט, וואָס איז נאָך גאָר נישט לאַנג געווען אַזוי טריף... דעריבער איז נויטיק געוואָרן דער אומנאַטירלעכער באַגריף „סאָציאַליסטישער רע־אַליזם", וואָס דאַרף „אָפּקלייבן דאָס נייע, דאָס אַוואַנגאַרדישע, דאָס בעסטע אין לעבן, וויזן די נייע מאָראַלישע אייגנשאַפטן פון די סאָוויעטישע מענטשן און ווי מיט אַ פּראָזשעקטאָר באַ־לייכטן זיי דעם וועג פאָראויס".

אָבער דאָס איז דאָך תמיד געווען די אויפגאַבע און די פּראַקטיק פון די גרעסטע רעאַליסטן: זען אין דער פינצטערניש די פונקען ליכט, ציען אויף זיי די אויפמערקזאַמקייט, טרייסטן מיט זיי, אָנצינדן דורך זיי די גרויסע האָפענונג אויף אַ ליכ־טיקן מאָרגן...

אָבער דער דאָזיקער גרויסער רעאַליזם האָט אויך געוויזן נאָר דעם קאַזיאָנעם טרוים, נאָר די אין קאַנצעלאַריעס פאַרגע־שריבענע פונקען ליכט, — ער וויל קאַסטרירן דעם גרויסן רעאַליזם.

אמת, זשדאַנאָוו דערלויבט אויך צו קריטיקירן, אָבער ווי־דער לויט דעם פּאַרטיי־שאַבלאָן: אויב עס איז דאָ וואָס צו קרי־טיקירן, מוז דאָס פאַרגעשטעלט ווערן אַלס איבערבלייבעכץ פון אַמאָל, אַלס אייגנשאַפטן פון די אויסלענדישע אַגענטן, פון שעדיקער... אַזוי אַרום געהער אויך די קריטיק צום מעטאָד

פון „לאַקירן דיווירקלעכקייט": אַלץ אין סאָוויעטישן לעבן איז גוט... אויב עס איז דאָ עפּעס שלעכטס — איז עס נישט סאָוויעטיש, נאָר אַנטי־סאָוויעטיש... דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז אַ פּאַרטיי־ליטעראַטור, און אויך אין איר קריטיק מוז זי זיין אין הסכם מיט דער פּאַרטיי...

דער „סאָציאַליסטישער רעאַליזם" איז אַ פאָרמולע נישט נאָר אָן אַן אינהאַלט, נאָר זי האָט פאַר אַן אויפגאַבע דירעקט צו פאַרפירן דעם עולם: וועלנדיק אומברענגען דעם רעאַליזם, וואָס זעט עפּעס פון דער ווירקלעכער ווירקלעכקייט, האָט מען אים פאַרבונדן די אויגן מיט דעם שילד „סאָציאַליסטישער"...

פּונקט ווי די סאָוויעטישע ליטעראַטור איז כלומרשט די „פרייסטע", דווקא דערפאַר ווייל זי איז די פּאַרטייאישסטע, דאָס הייסט ווייל זי האָט נישט קיין באַוועגונגס־פרייהייט; פּונקט ווי די סאָוויעטישע געזעלשאַפט „באַפרייט" פון „קנעכטשאַפט די קינסטלערישע אינדיווידואַליטעטן" מיט דעם וואָס זי לאָזט נישט איבער קיין שום פרייען רוים דער אינדיווידואַליטעט, — אַזוי איז די העכסטע פאָרם פון רעאַליזם דער „סאָציאַליסטישער רעאַליזם", וואָס לאָזט נישט איבער קיין שום אָרט פאַרן רעאַליזם...

די סאָוויעטישע „באָסעס" האָבן געשאַפן אַ מין אייזער־נעם פאָרהאַנג אין לאַנד גופא, — דאָס איז אַן אייזערנער פאָר־האַנג פאַר דער ליטעראַטור. און אויב אַ שרייבער כאַפּט אַמאָל אַ קוק אויפן סאָוויעטישן לעבן דורך אַ שפּעלטעלע, נעמט זיך צו אים די קריטיק, וועלכע דאַרף קאָנען זיין דער „באַלעבאָס" פון ליטעראַרישן פּראָצעס און אָנפירן מיט אים.

ליידער, באַקלאָגט זיך פּאָדרעיעוו, זענען נאָך דאָ „פּרינציפּ־לאָזע קריטיקער, וועלכער... פירן נישט אויס זייער דירעקטע פּאַרטייאישע פליכט..." דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז פּשוט נאָך אַ מין וואָרט־זשאָנגליאַריי, וואָס דאַרף פאַרטומלען דאָס פאָלק אויפן ליטעראַרישן געביט, ווייל אויך אויפן דאָזיקן געביט איז דאָס פאָלק נישט צופרידן.

מען קאָן דאָס זען טאַקע פון פּאָדרעיעווס אַרטיקל, ווו ער פּאָלעמיזירט מיט די פיינט (אַן אַנדערש־דענקענדיקער איז אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ שונא נישט נאָר אויפן פּאָליטישן געביט,

נאָר אויך אויפן ליטעראַרישן). וואָס־זשע זאָגן אָט די „פיינט"?

„איר ווילט זיך אָפּרייסן פון דער ווירקלעכקייט, פון אירע שוועריקייטן און חסרונות; „די סאָוויעטישע ליטעראַטור איז איינטאָניק"; און אָט די „פיינט" געפעלן אַמאָל געוויסע דער־שיינונגען אין דער ליטעראַטור פון מערב־אייראָפּע...

יאָ, די טעאָריע פון „סאָציאַליסטישן רעאַליזם" איז גע־שאַפן געוואָרן, כדי אָפּצורייסן די רוסישע ליטעראַטור פון דער ווירקלעכקייט; און במילא איז זי איינטאָניק ווי הונדערט פאַר־טיי־רעזאָלוציעס; און דעריבער אַפּעלירט צו די רוסישע שרייבער די מערב־אייראָפּעאישע ליטעראַטור, אפילו אין איר היינטיקן בולטן אָפּפאַלוס־צושטאַנד, ווייל ווי נידעריק די אייראָפּעאישע ליטעראַטור זאָל היינט נישט שטיין, האָט נאָך דאָרט פאָרט דער שרייבער דעם גרעסטן שאַנס זיינעם, — די מעגלעכקייט צו זען מיט די אייגענע אויגן, און די מעגלעכקייט צו בונטעווען זיך...

צוויי לעבנס־נויטווענדיקייטן פאַר אַ ליטעראַטור, וואָס זשדאַנאָווס פאַרטיי־רעזאָלוציעס גיבן נישט דער ראַטן־פאַרבאַנ־דישער ליטעראַטור...

היסטאָרישע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור

מיט היסטאָרישע שטאָפן האָבן זיך דיכטער תמיד באַנוצט. דער קערן, פון וועלכן עס וואַקסט־אויס אַ קינסטלעריש ווערק, איז תמיד אַ געשעעניש אין לעבן פון קינסטלער אָדער אין לעבן אַרום אים; די דאָזיקע געשעעניש גיט דעם קינסטלער אַ מעג־לעכקייט צו שטעלן אָדער צו לייזן אַ פּראָבלעם. די געשיכטע איז אָבער אַ זאַמלונג, אַן אומאויסשעפּלעכע זאַמלונג פון אויסקריסטאַליזירטע געשעענישן, וועלכע גיבן אַ מעגלעכקייט דעם דיכטער צו שטעלן אָדער צו לייזן פּראָבלעמען מיט דער גרעסטער פּרעציזקייט און בולטקייט. ווייל אַ דאַנק דער געשיכט־לעכער פּערספּעקטיוו איז פון זיי פאַרשוווּנדן יעדער איבעריקער עלעמענט, און עס איז געבליבן דער ריינער קערן פון דער גע־

שעעניש, די ריינע גייסטיקע פּראָבלעם. דעריבער האָט דער גע־שיכטלעכער שטאָף (און דער פֿעלקער־מיטאָס) תמיד געצויגן די קינסטלער פֿון אַלע דורות און פֿעלקער.

אין געשיכטלעכן אוצר איז דאָ גענוג שטאָף סיי פֿאַר די דיכטער וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט געשטאַלטיקן די אינטימע וועלט פֿון מענטשן (די אינערלעכע ווירקלעכקייט), סיי פֿאַר דיכ־טער, וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט געשטאַלטן די געזעלשאַפֿטלעכע וועלט פֿון מענטשן (די סאָציאַלע ווירקלעכקייט). דער גרויסער דראַמאַטורג שעקספּיר האָט אָן אַ שיעור געשעפּט פֿון היסטאָ־רישן אוצר, כדי צו געשטאַלטיקן די וועלט פֿון מענטשלעכע ליידנשאַפֿטן; איבסען, איינער פֿון די גרעסטע ניי־צייטיקע דראַ־מאַטורגן, דער מייסטער צו געשטאַלטיקן מאָדערנע סאָציאַלע פּראָבלעמען אין רעאַליסטישע שטאָפֿן, האָט זיך אויך באַנוצט מיטן היסטאָרישן שטאָף, כדי צו געשטאַלטיקן דעם קאַמף פֿון צוויי פֿיינטלעכע וועלט־אָנשויאונגען, אין זיין מעכטיקער דראַ־מע „דער קייסער און דער גאַליליייער".

עס וואָלט אונז אָבער צו־ווייט פֿאַרפֿירט איך זאָל וועלן אויסרעכענען אפֿילו בלויז די וויכטיקסטע ווערק פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, אין וועלכע די דיכטער האָבן באַנוצט די געשיכטע אָדער די מיטאָלאָגיע (וואָס געהערט אייגנטלעך אויך צו דער געשיכטע, צו דער גייסטיקער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט), כדי אַרויסצוברענגען וואָס בולטער אַ געוויסע פּראָבלעם אָדער אַ געוויסע מענטשלעכע ליידנשאַפֿט. איך וויל נאָר דאָ דערמאָנען, אַז נישט איין דיכטער האָט באַנוצט די מיטאָס־געשטאַלט פֿון פּראָמעטעי, כדי צו געשטאַלטיקן דעם פֿרייהייטס־קאַמף פֿון דער מענטשהייט. צווישן אַנדערע האָט זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער געשטאַלט אויך שעלי, דער גרויסער ענגלישער פֿריי־הייטס־דיכטער.

מיט איין וואָרט: באַנוצנדיק געשיכטלעכע שטאָפֿן, טוען די דיכטער דאָס זעלבע, וואָס עס טוען בינען, ווען זיי האָבן ווו צו גנבענען פֿאַרטיקן זיסן סיראָפּ אָדער צוקער: זיי הערן אויף אויסצוזויגן די לעבעדיקע בלומען און באַנוצן זיך מיטן פֿאַרטיקן, דורך אַנדערע אויסגעאַרבעטן זאַפֿט און קריסטאַלי־זירטער זיסקייט.

* * *

יעדער רעאַליסטישער לעבנס־שטאָף קאָן באַארבעט ווערן אויף צווייערליי אופנים: דער דיכטער קאָן אים באַשרייבן בלויז אויסערלעך, פאָטאָגראַפירן אים, און ער קאָן אים געשטאַלטיקן טיפער, אַרויסברענגען זיינע טיפערע פּראָבלעמאַטישע מעגלעכ־קייטן.

דאָס זעלבע איז אויך מיטן געשיכטלעכן שטאָף: דער דיכ־טער קאָן אים שילדערן אין זיינע איינמאָל פאַר אַלעמאָל פיק־סירטע ליניעס, ד. ה. געבן אונז אַ דעקאָראַטיוו ווערק און ער קאָן אַרויסברענגען פאַר אונז די סימבאָלישע קראַפט, וואָס ליגט אין דאָזיקן שטאָף, די פּראָבלעמאַטישע טיפענישן זיינע, ד. ה. שעפעריש מאַכן דעם אַלטן שטאָף אויף אַזוי ווייט, ער זאָל קאָנען געבוירן נייע פּראָבלעם־לייזונגען.

די היסטאָרישע טראַגעדיע צווישן קעניג הורדוס און קעניגין מרים, למשל, קאָן מען דעקאָראַטיוו אָנקליידן אין גוטער פּראָזע אָדער גוטע פערזן נאָכגייענדיק טריט ביי טריט די אויסערלעכע קאָנטורן פון איבערגעליפערטן היסטאָרישן פאַקט, אָדער מען קאָן אויסנוצן דעם דאָזיקן שטאָף, כדי אויפצודעקן איינעם פון די תהומות פון מענטשלעכע כאַראַקטערן און ליידנשאַפטן.

די געשטאַלט פון שבתי צבי קאָן מען צייכענען געטריי צו דער געשיכטלעכער מסורה און מען קאָן דורך איר אויך באַלויכטן מאָדערנע באַפרייאונגס־באַוועגונגען.

וואָס טיפער עס איז אַ דיכטער, אַלץ ווייטער וועט זיך זיינס אַ היסטאָריש ווערק דערווייטערן פון דער דעקאָראַטיווער קונסט; וואָס פלאַכער און אומשעפערישער עס איז אַ דיכטער, אַלץ מער וועט ער זיך האַלטן אין די אויסערלעכע קאָנטורן פון געשיכטלעכן שטאָף.

צו וועלכער קאַטעגאָריע פון היסטאָרישן שאַפן געהערט די גאַנץ היבשלעכע היסטאָרישע ליטעראַטור פון אונזערע שריי־בער און דיכטער: צו דער טיף־שעפערישער אָדער פלאַך־דעקאָ־ראַטיווער?

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

לעצטנס איז אין גאַנץ אייראָפּע און אויך ביי אונז יידן א הויך־סעזאָן אויף היסטאָרישע ווערק. פון אויבן־געזאָגטן איז קלאָר, אַז דער דאָזיקער מאַרש צו דער געשיכטע קאָן האָבן צוויי סטימולן: אָדער דער דיכטער איז אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט מיט זוכן אַ געשטאַלטיקונג פאַר דער ווירקלעכקייט, דער אינטי־מער ווי דער סאָציאַלער, אַז ער זוכט אין דער געשיכטע מוס־טערן, סימבאָלן פאַרן היינט; אָדער דער דיכטער איז אַזוי הילפ־לאָז פאַר דער שפע פון ווירקלעכן לעבן, אַז ער אַנטלויפט פון איר כאָאָס (וועלכן ער איז שוואַך צו באַוועלטיקן), און נעמט זיך נאָכבילדן די פאַרטיקע געשיכטלעכע פאַבולעס.

די יידישע געשיכטלעכע ווערק געהערן על־פּי־רוב צו דער צווייטער קאַטעגאָריע: צו דער דעקאָראַטיווער.

דער פאַקט, וואָס די היסטאָרישע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור זענען על־פּי־רוב פּונקט אַזוי קינסטלעריש שוואַך, ווי אידעאיש פּוסט, קאָן מען אפשר דערקלערן (מיט גאָר אַ גרויסער דאָזע ריכטיקייט) דערמיט, וואָס שוואַכע קינסטלער זענען אָרעם אין אידייען; מען קאָן זיין רייך אין אידייען און נישט זיין קיין קינסטלער אָדער נישט קיין גרויסער קינסטלער, אָבער זיין אַ גרויסער קינסטלער און נישט זיין אידייאיש רייך — דאָס איז נישט מעגלעך. מען טרעפט אָפט ביי גרויסע קינסטלער שוואַכע ווערק. און אינטערעסאַנט: תמיד זענען דאָס ווערק גייסטיק אָרעמע. אָן די פליגלען פון אַ גרויסער אידייע, פאַלט די קונסט צו דער ערד.

אָבער דאָס — אגב אורחא. דער עיקר גייט מיר דאָ אין אָנווייזן אויף דעם דעקאָראַטיוון כאַראַקטער פונם רוב היסטאָ־רישע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור.

אַן אָפן דעקאָראַטיוון כאַראַקטער טראָגן שלום אַש׳ס היס־טאָרישע ווערק. פון זיין דראַמע „שבתי צבי" ביז זיין „קדוש השם" זענען זיינע אַלע היסטאָרישע ווערק, סיי עפּישע, סיי דראַמאַטישע, ריין דעקאָראַטיווע קאָנסטרוקציעס: זיי דערציילן איבער געשיכטלעכע געשעענישן טריי צו דער מסורה, מיטן איינציקן פאַרלאַנג פּאָעטיש צו אילוסטרירן אַ היסטאָרישע גע־שטאַלט אָדער אַ היסטאָרישע געשעעניש, נישט אינטערפּרע־

טירנדיק זי, נישט באַלויכטנדיק זי מיט אַ ניי ליכט, נישט אַריינלייגנדיק אין זיי אַ נייעם אינהאַלט און נישט אַרויסדרינגענדיק פון זיי קיין מוסר־השכל פאַר אונז.

כדי צו פאַרשטיין ווי געהעריק, וואָס איך מיין מיטן אויבן־געזאָגטן, איז גענוג איבערצולייענען איינע נאָך דער צווייטער שלום אַש'ס „שבתי צבי" און זשולאַווסקיס „משיחס סוף". שלום אַש דערציילט איבער מיט אַ „פּאָעטישער" שפּראַך די שבתי־ צבי־מעשה אַזוי ווי זי שטייט און גייט, און זשולאַווסקי באַלויכט זי פּסיכאָלאָגיש און ער מאַכט אונז נאָענט די דאָזיקע ווייטע געשטאַלט.

די באַליבטסטע פאָרם פון אונזערע שרייבער ביים באַאַרבעטן היסטאָרישע שטאָפן, איז די דראַמאַטישע. כמעט אַלע היסטאָרישע ווערק אין אונזער ליטעראַטור פאַר די לעצטע 15 יאָר זענען דראַמעס. דערביי ווייזן אונזערע שרייבער אַרויס אַ קנאַפּע זעלבשטענדיקייט נישט נאָר ביים באַאַרבעטן היסטאָרישע שטאָפן, נאָר אויך ביים אויסוויילן זיי. אַנשטאָט שטודירן געשיכטע און ווערן אָנגעצונדן פון אַ היסטאָרישער געשעעניש אָדער פון אַ היסטאָרישער פּערזאָן, נעמען זיי פון גרייטן, פון אויבנאויפיקן, אָדער — איינער ביים צווייטן. דעריבער האָבן מיר טאַקע גאַנצע סעריעס היסטאָרישע דראַמעס וועגן איין פּערזאָן. למשל: וועגן דער אינטערעסאַנטער געשטאַלט פון אַפּיקורסישן ר' בער ליאָווער, האָבן מיר גאַנצע דריי דראַמעס (מ. ב. שטיין, באַטאַשאַנסקי, מיכל דאַווידזאָן); וועגן שבתי צבי בלויז צוויי (שלום אַש און דוד פּינסקי); וועגן יעקב פראַנק — צוויי (אהרן צייטלין און מ. קולבאַק); וועגן שלמה מולכו — צוויי (א. לעיעלעס און דוד פּינסקי); וועגן הורדוס און מרים צוויי (פ. האַלפּערין און קאַציזנע). דערביי איז אינטערעסאַנט: מען נעמט נישט אויף די באַאַרבעטע טעמע נאָכאַמאָל, ווייל מען וויל די זעלבע געשטאַלט שטעלן אין אַן אַנדער ליכט, לייזן דורך איר אַ נישט געלייזט אָדער נישט אָנגערירט פּראָבלעם, נאָר מען וויל פּשוט אַביסל אַנדערש דעקאָרירן. בלויז אין זעלטענע פאַלן (ווי, למשל, אין קאַציזנעס „הורדוס און מרים") מאַכט דער מחבר אַ שטיקל פּרווו צו זען אַנדערש די געשיכטלעכע געשטאַלט, אָבער דאָס איז בלויז אַן אוממעכטיקער פאַרלאַנג, וואָס ווערט

אליין דעגראַדירט, צוליב זיין נעבעכדיקייט, צו אַ שטיקל גראָ־טעסקער דעקאָראַציע.

און דערמיט דערקלערט זיך אפשר די שפּע היסטאָרישע דראַמעס: די שווערסטע פאָרם אויף צו שאַפן, איז די דראַמאַ־טישע פאָרם די לייכטסטע — אויף צו דעקאָרירן. ווי ווייניק מען זאָל נישט געבן אין דער עפּישער פאָרם, מוז מען שילדערן די עפּאָכע, די אינערלעכע און אויסערלעכע אַנטוויקלונג פון די פּערזאָנען און געשעענישן. אָבער אין אַ דראַמע, ווו די פּער־זאָנען און די געשעענישן זענען באַקאַנט פון דער געשיכטע, קאָן מען זיי אויסשטעלן און לאָזן רעדן צווישן זיך אויפן שפּוע פון דער פאַרגעבענער טעמע. אַזוי, למשל, איז זייער שווער צו שפּילן גוט, שעפעריש שאַך, אָבער עס איז זייער לייכט צו שפּילן שאַך פּאַרטאַטשיש. מען דאַרף בלויז קאָנען די אויסערלעכע כללים. מען גייט אַ גאַנג אָן שום אינערלעכער אויסרעכענונג, און היות עס איז דאָ אַ פּאַרטנער — אויך אַ פּאַרטאַטש — קומט ער אַנטקעגן אויך מיט אַ זינלאָזן קעגנגאַנג. אמת, דער־ביי ווערט ביי יעדן גאַנג מאַט די גאַנצע שפּיל, אָבער דאָס באַמערקן די פּאַרטאַטשעס פּונקט אַזוי ווייניק, ווי אונזערע היסטאָרישע דראַמע־שרייבער. אַז איין אויסגעשטעלטע פּערזאָן זאָגט עפּעס, ענטפערט אים די צווייטע אויסגעשטעלטע פּערזאָן, הגם דער דיאַלאָג פליסט נישט צום ציל, נאָר שלעפּט זיך ווי אַ הינקענדיקע הון.

ווי געזאָגט, באַמערקט מען אין איניקע היסטאָרישע דראַ־מעס אונזערע, אַ פּרווו אריינצוברענגען עפּעס שעפערישעס אין דער היסטאָרישער דעקאָראַציע. צווישן די דאָזיקע פּרווון זענען דאָ פאָלשטענדיקע דורכפאַלן, ווי א. לעיעלעסעס „שלמה מולכו" און קאַציזנעס „הורדוס און מרים". עס זענען דאָ אָבער אויך אויסנאַמען צום גוטן. דער בעסטער אויסנאַם פון דאָזיקן שלעכטן כלל איז א. לעיעלעסעס „אשר לעמלען". דאָ האָבן מיר אי אַ זעלבשטענדיקן אָפּקלויב פונם היסטאָרישן שטאָף (אַ זייטיקע פּערזאָן, אַ קליינינקער לאָקאַלער משיח. אגב אורחא: די גרעסטע טייל היסטאָרישע דראַמעס זענען משיח־דראַמעס אָדער רביאישע דראַמעס, ווי עס פּאַסט פאַרן משיח־פאָלק), אי אַ זעלבשטענדיקע באַאַרבעטונג פון דאָזיקן שטאָף. לעיעלעס

דעקאָרירט דאָ נישט, — נאָר שאַפט. אין היסטאָרישן געשיכט־לעבן פאַקט לייגט ער אריין אַ מאָדערנעם אינהאַלט.

לויט מיין געפיל און אויפפאַסונג איז „אשר לעמלען" די אינטערעסאַנטסטע, געלונגענסטע דראַמע אין אונזער גאַנצן היסטאָריש־דראַמאַטישן רעפּערטואַר. דאָס, וואָס זי איז נאָך ביז איצט נישט געשפּילט געוואָרן דורך אונזערע טעאַטערן — פאַרשטאַרקט מיך אין מיין מיינונג (ווען איך וואָלט דאָס געקאָנט באַטראַכטן אַלס וויץ, ווי אַנדערע וועלן דאָס טאָן, וואָלט איך געהאַט אַ בעסערע מיינונג וועגן אונזער יידישן טעאַטער).

*   *   *

עס איז, נאַטירלעך, אוממעגלעך געווען אין דאָזיקן אַלגעמיינעם אַרטיקל, אָפּצושטעלן זיך געגנוי אויף אַלע דראַמעס וועלכע איך האָב געבראַכט אַלס אילוסטראַציעס צו מיינע געדאַנקען וועגן היסטאָרישע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור. איך האָב דאָ בלויז געוואָלט אָנצייכענען די גרונט־ליניעס פון דאָזיקן ליטעראַרישן צווייג בכלל און ביי אונז בפרט.

דער היסטאָרישער ראָמאַן ווי אַווירקלעכקייט־ראָמאַן

אייגנטלעך איז נישטאָ קיין ליטעראַטור, וואָס זאָל זיך נישט פאַרנעמען מיט דער ווירקלעכקייט. עס ווענדט זיך בלויז מיט וואָסער ווירקלעכקייט. דאָס לעבן פון די העברעע צען טויזנט איז אויך ווירקלעכקייט, און אַ ווירקלעכקייט, וואָס האָט צוויי פּנימער: פון איין זייט זייער אָפּגעשלאָסן קאַסטע־לעבן, און פון דער צווייטער — זייער לעבן, וואָס איז פאַרבונדן מיט די פאָלקס־מאַסן, ווי די רויב־חיה איז פאַרבונדן מיט איר רויב.

עס איז אויך נישטאָ כמעט קיין ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין אַסאָציאַל. אויב ליטעראַטור שילדערט ווירקלעכקייטן, איז זי במילא סאָציאַל, ווייל עס איז נישטאָ קיין ווירקלעכקייט, וואָס זאָל זיך געפינען מחוץ דעם געזעלשאַפטלעכן רוים. אונזער גאַנץ מענטשלעך לעבן איז איינגעפּאַסט אין די ראַמען פון דער געזעלשאַפט. אפילו די טרוימען פון אַ יחיד האָבן אַ שייכות מיטן סאָ־

ציאַלן לעבן: אי זיי ווערן באַווירקט דורך אים, איז זיי ווירקן דערנאָך אויף אים.

דער אונטערשייד באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס איין טייל ליטעראַטור איז סאָציאַל־פּראָגרעסיוו און דער צווייטער — סאָציאַל־קאָנסערוואַטיוו, אָדער אָנגרייפעריש אין זיין אַנטי־פּראָגרעסיווקייט.

ווען מען זאָגט דעריבער „אַ סאָציאַלער ראָמאַן, אַ סאָציאַל ווערק", איז, אייגנטלעך, נישט קלאָר, פּאַרוואָס מיר נעמען אָן, אַז דאָס איז אַ פּראָגרעסיוו ווערק, אַ סאָציאַליסטיש ווערק. היינץ עווערסעס ווערק „רייטער אין דער דייטשער נאַכט", אַ ראָמאַן וועגן די געהיימע דייטשע מיליטער־אָרגאַניזאַציעס, וועגן זייערע קאַמפן אין אויבערשלעזיע, אין רור־געביט, איז אויך אַ סאָציאַלער ראָמאַן (אַ פּראָ־היטלעריסטישער), נישט ווייניקער ווי די אַנטי־היטלעריסטישע ראָמאַנען פון היינץ ליפּמאַן.

יעדעס ליטעראַריש ווערק פאַרנעמט זיך מיט דער ווירקלעכקייט, אָבער אין דער צייט, וואָס אין רואיקע תקופות פאַרנעמט זיך די ליטעראַטור מער מיט דער אינטימער ווירקלעכקייט, מיטן אינערלעכן סאָציאַלן לעבן (אויב עס איז דערלויבט אַזוי זיך אויסצודריקן), פאַרנעמט זיך די ליטעראַטור פון שטורמישע תקופות מער מיט דער אויסערלעכער סאָציאַלער ווירקלעכקייט.

די דריי גרעסטער סאָציאַלע שטורעמס פון אונזער צייט: דער וועלט־קריג, די רוסישע רעוואָלוציע און דער קאַמף מיטן אָנגרייפנדיקן פאַשיזם, — האָבן אַרויסגערופן אַ גאַנצע ליטעראַטור. די לעצטע צייט איז די מלחמה־ליטעראַטור און די רעוואָלוציע־ליטעראַטור שטיל געוואָרן: די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט — און פון די פּראָגרעסיווע שרייבער — איז געווענדעט אויפן געוואַלדיקן, וועלט־געשיכטלעכן געראַנגל צווישן פאַשיזם און אַנטי־פאַשיזם, צווישן פאַשיזם און סאָציאַליזם.

די אַנטי־פאַשיסטישע סאָציאַלע ליטעראַטור באַשטייט פון צוויי טיילן: איין טייל פאָרמירט אין האַלב־בעלעטריסטישע און בעלעטריסטישע ווערק די אוממיטלבאַרע ווירקלעכקייט פון דאָזיקן געראַנגל (צום דאָזיקן טייל געהערן אַזעלכע ווערק ווי

פויכטוואַנגערס: „משפּחה אָפּענהיים״; רענס „פּאַר גרויסע ענ־דערונגען״; איגנאַציאָ סילאָנעס: „ברויט און ווייַן״ און אָן אַ שיעור אַנדערע); דער צווייטער טייל באַשטייט פון היסטאָרישע ראָמאַנען, וואָס אָדער זיי וואַרפן אַ ליכט אויף דער היינטיקער צייט מיט דער הילף פון ענלעכע היסטאָרישע סיטואַציעס אָדער זיי וועבן אריין היינטיקע געשעענישן אין אַ היסטאָריש פאַרגאַנגענער עפּאָכע, כדי צו שאַפן קינסטלעך די דאָזיקע היסטאָרישע באַלויכטונג.

אין היינטיקן אַרטיקל וועל איך זיך קורץ אָפּשטעלן אויף אייניקע ווערק פון דאָזיקן צווייטן טייל פון דער אַנטי־פאַשיסטישער ליטעראַטור.

* * *

מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז דערשינען אַ נייער ראָמאַן פון ליאָן פויכטוואַנגער — „דער פאַלשער נעראָן״.

פויכטוואַנגער איז ביים היינטיקן טאָג איינער פון די גרעסטע היסטאָרישע ראָמאַניסטן. דער היסטאָרישער ראָמאַן איז לעצטנס בכלל זייער שטאַרק מאָדערן. אָבער פויכטוואַנגער האָט זיך ספּעציאַליזירט אויפן דאָזיקן געביט. אחוץ דער „משפּחה אָפּענהיים״ און זיין גרויס ווערק „דערפּאָלג״ (דאָס גרעסטע און בעסטע ווערק וועגן דער היטלעריסטישער באַוועגונג, דערשינען נאָך פאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט), וואָס איז אַ צייט־ראָמאַן אין בעסטן זין פון דאָזיקן וואָרט, האָט פויכטוואַנגער געשריבן בלויז היסטאָרישע ראָמאַנען. ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט האָט פויכטוואַנגער געאַרבעט אויף אַ היסטאָרישן ראָמאַן וועגן יאָזעפוס פלאַוויוס, דעם יידישן היסטאָריקער פון יידיש־רוימישן קריג, אין וועלכן ער האָט אָנטיילגענומען, וועלכן ער האָט פאַרראַטן און דערנאָך באַשריבן מיט גרויס קונסט. די נאַצים, דערצאָרנט פון פויכטוואַנגערס בייסיקער סאַטירע ״דערפּאָלג״, האָבן גלייך נאָכן קומען צו דער מאַכט פאַרניכטעט פויכטוואַנגערס הויז און צעריסן אַלע מאַנוסקריפּטן, אַלע געזאַמלטע מאַטעריאַלן. די 4 יאָר פון דער היטלער־הערשאַפט איז טאַקע פויכטוואַנגער פאַרנומען מיט רעסטאַווירן זיין פאַרברענטן ווערק. 2 טיילן פון דאָזיקן היסטאָרישן ראָמאַן („דער יידישער קריג״ און „די זין״) זענען שוין דערשינען. איצט

האָט פויכטוואַנגער אַרויסגעגעבן אַ היסטאָרישן ראָמאַן „דער פאַלשער נעראָן". ער נוצט־אויס זיין קענטעניש פון דער טי־טוס־עפּאָכע (ער האָט זי גרינטלעך אויסגעשטודירט צוליב זיין יאָזעפוס פלאַוויוס־טרילאָגיע) און די אומקלאָרע באַמערקונגען פון עטלעכע אַלטערטום־היסטאָריקער וועגן אַ פאַלשן נעראָן, כדי צו שילדערן אין דער כלומרשטער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו אַ שטיק נאַציסטישע ווירקלעכקייט.

* * *

אין 13טן יאָר נאָך נעראָנס טויט האָט זיך אין דער רוימי־שער פּראָווינץ סיריע באַוויזן אַ מענטש, וואָס האָט דערקלערט, אַז ער איז דער קייסער נעראָן. אַ טיפּ פון אַן אַקטיאָר, אַ קרענק־לעך־אַמביציעזער, אַ מענטש וואָס באַרוישט זיך פון אייגענע רייד אַזוי ווייט, אַז ער הויבט אָן גלויבן אין זיי. דער טרוים פון דאָזיקן מענטש, וואָס איז ענלעך צו נעראָנען (און די דאָזיקע ענלעכקייט האָט דער עכטער נעראָן אַמאָל אויסגענוצט, כדי צו מאַכן אַ שפּאַס מיט זיין סענאַט: ער האָט אים פאַרקליידט ווי אַ קייסער און ער האָט פאַרגעלייענט אָנשטאָט נעראָנען נע־ראָנס אַ דעקרעט), ווערט אונטערגעכאַפּט דורך פּאָליטיקער וואָס ווילן צוריק אויפלעבן נעראָנס פּאָליטיק, און זיי מאַכן אים פאַר אַ קייסער.

פויכטוואַנגער באַקומט אַ דאַנקבאַרע מעגלעכקייט צו ווייזן, ווי אַזוי אַזאַ זאַך ווערט געמאַכט, ווי אַזוי דער געמאַכטער קיי־סער הויבט אָן צו שפּילן זיין ראָל אויף אַן אמת און ווי אַזוי עס קלעפּן זיך צו צו אים די פּאַסיקע פּערזאָנען.

די פּאָליטיקער, וואָס האָבן געמאַכט דעם גולם, ווערן אָפּגע־רוקט אין אַ זייט: דער גולם נעמט זיך אַליין באַוועגן, ווייל אויב דער המון גלויבט אין אים, איז עס דאָך מסתמא נישט אומזיסט.

פויכטוואַנגער שילדערט ווי אַזוי מען העלפט פאַרפעסטיקן די לעגענדע וועגן נעראָנען און ווי אַזוי מען האַלט אונטער זיין מאַכט.

קודם כל רייסט מען אויף אַ טאַמע אויפן טייך פּרת און מען פאַרטרינקט אַ שטאָט. מען גרייט־צו עדות, אַז אָנהענגער פון דער קריסטן־סעקטע האָבן דאָס געטאָן צוליב זייער כעס אויף נעראָנען, פּונקט ווי זיי האָבן אַמאָל אונטערגעצונדן רוים...

אזוי אַרום העצט מען אויף די באַפעלקערונג קעגן די קריסטן, וואָס אַרבעטן אין אויפטראַג פון טיטוסעס רוים און גלייכצייטיק דערשיינט דער צוריקגעקערטער נעראָ אַלס רעטער...

אויפן זעלבן אופן ברענגט פויכטוואַנגער אריין אין זיין היסטאָרישן ראָמאַן נישט נאָר די רייכסטאַג־שרפה, נאָר אויך די נאַכט פון 30טן יוני.

ער האָט גענומען די געשעענישן און די פּערזאָנען פון דער היינטצייטיקער ווירקלעכקייט און זיי אַריבערגעפירט אין דער רוימישער אימפּעריע. דער היסטאָרישער ראָמאַן ווירקט דאָ ווי אַ משל, ווו מען דערציילט אַ מעשה וועגן הינער און מען מיינט די מענטשן.

דער פאַלשער נעראָ מיט זיינע מקורבים קומען־אום מיט אַ שרעקלעכן טויט. דער שווינדל פּלאַצט. די שווינדלער באַקומען אַ שווערע אָבער פאַרדינטע שטראָף.

הגם קינסטלעריש שטייט „דערפאָלג" אַ סך העכער פאַרן „פאַלשן נעראָן" (יעדנפאַלס פאַר אַ סך פון זיינע טיילן), פאַרמאָגן אָבער געוויסע טיילן פון דאָזיקן בוך אַן אייגנאַרטיקן צויבער: הגם מען ווייסט, אַז פויכטוואַנגער מאַסקירט דעם היינט דורך אַנטיקע קאָסטיומען, פונדעסטוועגן פאַלן מיר אַרונטער אונטער פויכטוואַנגערס סוגערירנדיקער שילדערונגס־קראַפט און די וויכטיקסטע טיילן פון בוך נעמען מיר עמאָציאָנעל אויף ווי היסטאָרישע געשעענישן און מיר טרייסטן זיך: אויב די געשעענישן חזרן זיך איבער, וועט זיך איבערהזרן אויך דער סוף.

נאָך אַ זאַך איז אינטערעסאַנט: צוויי מאָל האָט פויכטוואַנגער געשילדערט די נאַציסטישע ווירקלעכקייט: אין „דערפאָלג" און אין „משפּחה אָפּענהיים", אָבער דער היסטאָרישער ראָמאַניסט אין אים האָט נישט גערוט ביז ער האָט די ווירקלעכקייט נישט פאַרוואַנדלט אין היסטאָרישער ליטעראַטור. און ערשט אין דער דאָזיקער פאַרוואַנדלונג לעבן מיר צום שטאַרקסטן איבער די ווירקלעכקייט.

* * *

אַ צווייטער היסטאָרישער ראָמאַן, וואָס שפּיגלט שוין אָפּ אין היסטאָרישער ווירקלעכקייט דעם היינט, איז היינריך מאַנס גרויס בוך „די יוגנט פון קעניג היינריך דעם פערטן".

היינריך מאַן, וואָס האָט אפילו אין דער רואיקער תקופה פון פאַר 1914 געשריבן נישט נאָר אינטים־עסטעטישע ראָמאַנען, נאָר אויך פּראָגרעסיווע סאָציאַל־קעמפערישע, וואָס האָבן אים פאַרשאַפט שנאה פון די מאַכט־האָבער און ליבע פון די אונטער־דריקטע („דער אונטערטאַן", „די אָרימע", — דער דאָזיקער לעצטער איז דאָ אין יידיש, אין דער איבערזעצונג פון פּסח קאַפּלאַן), — האָט איצט גלייכצייטיק מיט דער קעמפערישער פּובליציסטיק אָנגעשריבן דעם אויבנדערמאָנטן היסטאָרישן ראָמאַן, וואָס איז ביי זיין גאַנצער קינסטלערישקייט אַ שאַרפע פייל קעגן פאַשיזם.

די הויפּט־אַקס פון דאָזיקן ווערק איז דער קאַמף צווישן דער פּראָטעסטאַנטישער באַוועגונג (הוגענאָטן) און דער קאַטוי־לישער ליגע, וואָס וויל נישט צולאָזן קיין מינדעסטע פאַרמינע־רונג פון דער שטאָק־פינצטערניש אויף דער וועלט. אין צענטר פון דאָזיקן קאַמף שטייט די היסטאָריש־באַרימטע באַרטאָלאָ־מעוס־נאַכט.

דער קאַמף צווישן אַ נייער אידייע און דער אַלטער טי־ראַניע, און די קאַמפּס־מעטאָדן פון דאָס אַלטע קעגן נייעם פילן אונז אָן ביי דער גאַנצער געשיכטלעכקייט זייערער מיט היינט־צייטיקן צאָפּל. די סימבאָל־קראַפט פון עכטן קינסטלערישן בילד האַלט אונז כסדר אויף דער גרענעץ פון ביידע וועלטן: פונם אַמאָל און פונם היינט. דער אַמאָל איז היינטיקע ווירקלעכקייט און די היינטיקע ווירקלעכקייט איז דער אַמאָל, נישט אָפּצו־טיילן: מיר געניסן דאָס נישט ווי אַ משל מיט אַן אָנגעצווינגענעם מוסר־השכל, נאָר דער משל און דער נמשל איז איינס.

* * *

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז די קונסט האָט פיל וועגן אויף צוצוקומען צו איר הויפּט־אויפגאַבע: אָפּשפּיגלען די ווירקלעכ־קייט, שילדערן און בילדלעך־אויסטייטשן די קעגנוואַרט: פון דער קינסטלעריש־נאַקעטער רעפּאָרטאַזש־פאָרם פון אַ שענשטעדט („דערשאָסן ביים אַנטלויפן") ביז אַ הויך־קינסטלערישן היסטאָ־רישן ראָמאַן („די יוגנט פון קעניג היינריך דעם פערטן"), וואָס איז אַמאָל, ווי דער „פאַלשער נעראָן", בלויז אַ קינסטלעריש־מאַסקירטער רעפּאָרטאַזש.

דער נייער ראָמאַן

די נביאות אויפן געביט פון דער ליטעראַטור זענען פונקט אַזוי צאָלרייך און פונקט אַזוי טעותדיק, ווי אויפן סאָציאַל־פּאָליטישן געביט.

וויפיל מאָל האָט מען שוין אָפּגעזאָגט דאָס לעבן אַ גע־ווּיסן צווייג פון דער ליטעראַטור! מען האָט שוין געמאַכט הספדים נאָך דער פּאָעזיע, דער עיקר נאָך דער ליריק. די ליריק, האָבן די הספד־מאַכער געטענהט, איז געשטאָרבן צוזאַמען מיטן דאָרף, צוזאַמען מיט דער ראָמאַנטישער תקופה, צוזאַמען מיט דער יוגנט־תקופה פון די אייראָפּעאישע פעלקער. זינט די שטאָט האָט באַזיגט דאָס דאָרף, דער מענלעכער רעאַליזם האָט אָפּ־געביטן די יוגנטלעכע ראָמאַנטיק, איז די פּאָעזיע — באַזונ־דערס די ליריק — פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. מען האָט אפילו געגנוי אָנגעוויזן די דאַטע פון דאָזיקן עכטן פּאָעטישן טויט — מיט היינריך היינען איז געשטאָרבן אויך די דיכטונג. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט דער דיכטונג אויפצושטיין תחית המתים (און נישט איינמאָל!) אַ באַנייטע, פול מיט קראַפט און שיינקייט. וויפיל גרויסע דיכטער אַלע אייראָפּעאישע פעלקער האָבן ארויסגעבראַכט נאָך היינען! און צווישן זיי ערשטקלאַסיקע ליריקער ווי בלאָק און יעסענין אין רוסלאַנד, רילקע, דעהמעל און קאָנראַד פערדינאַנד מייער אין דייטש־לאַנד און אין דער שווייץ, ווערלען און ווערהאַרן אין פראַנקרייך און בעלגיע, און די דאָזיקע צאָל גרויסע דיכטער וואָלט לייכט געקאָנט פאַרגרעסערט ווערן. געוויס, די דיכטונג איז געוואָרן אַנדערש, סיי אין פאָרם, סיי אין אינהאַלט, אָבער דאָס טאַקע באַווייזט איר לעבעדיקייט. די אייביקע דיכטונג נעמט אָן פאַר־שידענע געשטאַלטן, זי אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיטן טרעגער פון דער דיכטונג — דעם מענטשן.

צווישן די ליטעראַרישע פאָרמען, וועלכע מען האָט שוין געהאַט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, געפינט זיך אויך דער ראָמאַן.

זיין יורשטע האָט געזאָלט זיין די קליינע נאָוועלע, וועלכע איז דערפירט געוואָרן צו שלימות דורך אַזעלכע מייסטער ווי מאָ־פּאַסאַן און טשעכאָוו. די טעאָרעטיקער האָבן מספּיד געווען דעם ראָמאַן און געפונען די סיבה פון זיין טויט: דער היינטי־קער מענטש, דער גרויס־שטעטישער, דער נערוועזער, איז נישט בכוח צו לייענען קיין גרויסע ראָמאַנען; דעריבער קומט אויף די קליינע נאָוועלע, וועלכע איז צוגעפּאַסט צו אונזער צייט און דעם היינטיקן מענטשן, און איר געהערט די צוקונפט.

אין דאָזיקן דיאַגנאָז איז ווידער אַמאָל שולדיק די מענטש־לעכע קורצזיכטיקייט: דעם צייטווייליקן קריזיס פון אייראָפּע־אישן ראָמאַן, אַ קריזיס פון וואַקסן און פאַרוואַנדלונג, האָט מען אָנגענומען פאַר אַ סימפּטאָם פון אָפּשטאַרבונג און טויט. אָבער קיין וווּנדער איז נישט דער דאָזיקער טעות. סוף 19טן און אין ערשטן יאָרצענדליק פון 20טן יאָרהונדערט איז דער ראָמאַן געוואָרן אַזוי שאַבלאָנמעסיק, אַז מען האָט באמת גע־קאָנט קומען צו זייער פּעסימיסטישע געדאַנקען. נאָך די גרויסע קלאַסיקער פון אייראָפּעאישן ראָמאַן אין 19טן יאָרהונדערט, נאָך באַלזאַקן, פלאָבערן, טורגעניעוון, טאָלסטאָיען, האָט דער ראָמאַן באַקומען די העגעמאָניע אין ליטעראַרישן לעבן אין אייראָפּע. ער האָט געהאַט אָנצווייזן אויף אָן אַ שיעור מייס־טערס. אָבער דער ראָמאַן האָט אַלץ מער און מער אָנגעהויבן צו ווערן עפּיגאָניש, ער האָט אָנגעהויבן צו ווערן אויסגעהוילטע פאָרם־מייסטערשאַפט, פאַבריקאַציע לויט אַ באַשטימטן מאָדעל. ער איז געוואָרן קאָנסערוואַטיוו: אָנשטאָט נאָכצוגיין דעם לעבן אויף זיינע פאָדערשטע פּאָזיציעס, איז ער פאַרבליבן אויף זיינע הינטער־הויפן; אָנשטאָט שעפעריש אָנטיילצונעמען אין גע־שטאַלטיקן דאָס לעבן, איז ער געבליבן זיצן אין זיין מושב־זקנים. דאָס איז אָבער נישט געווען דער טויט־סימפּטאָם פון ראָמאַן אַלס אַזעלכן, נאָר פון אַ באַשטימטער פאָרם פון איי־ראָפּעאיש־בורזשואַזן ראָמאַן. דער שעפעריש־רעוואָלוציאָנערער ראָמאַן פון דער ערשטער צייט פון אויפבלי פון דער ביר־גערלעך־ליבעראַלער תקופה איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט דער ירידה פון דער ליבעראַל־בורזשואַזער תקופה; דער ראָמאַן האָט געמוזט אַראָפּוואַרפן די אָפּגעלעבטע פאָרם (דעם אָפּגעלעבטן

אינהאַלט, ווייל עכטע פאָרם און אינהאַלט זענען ענג פאַרבונדן: אַ פּאַפּקע, וועלכע פאַרוואַנדלט זיך אין אַ באַבעלע, פאַרלירט גלייכצייטיק איר פריערדיקע פאָרם און איר פריערדיקן וועזן) און באַקומען אַ נייע.

און דער אייראָפּעאישער ראָמאַן מאַכט טאַקע שעפעריש דורך די דאָזיקע מעטאַמאָרפאָזע. דער ראָמאַן, וועמען מען האָט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן צוליב זיין גרויסן פאַרנעם (דאָס היינטיקע לעבן איז קורץ־אָטעמדיק; דער היינטיקער מענטש איז צו נער־וועז פאַר אַ בוך פון 300־400 זייטן), האָט ווידער אויפגעלעבט און הויבט ווידער אָן צו פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט אין דער ליטעראַטור. און דערביי האָט ער אָפט ריזיקע דימענזיעס (ריין־קוואַנטיטאַטיווע), וועלכע שרעקן אָבער קיינעם נישט אָפּ, הגם די מענטשן און אונזער תקופה זענען די נערוועזסטע פון אַלע, וואָס זענען באַקאַנט אין די לעצטע יאָרהונדערטער. דער מאָ־דערנער, צו אַ ניי לעבן אויפגעוואַכטער ראָמאַן, הויבט אָן צו ווערן די ערשטע ליטעראַרישע פאָרם, וואָס שפּיגלט אָפּ באמת דאָס נייע לעבן און שאַפט פאַר אים נייע אויסדרוק־מעגלעכ־קייטן. די דאָזיקע דערשיינונג איז נאָרמאַל: ווער, אויב נישט די עפּישע פאָרם, זאָל שילדערן די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אונזער מאַטעריעלער און גייסטיקער וועלט? און ווי נאָר דער ראָמאַן האָט זיך גענומען צו זיין אויפגאַבע, ווי נאָר ער האָט באַגריפן זיין אויפגאַבע, איז פאַרשוווּנדן זיין טויטע אומשעפערישקייט, און וואָס מער ער ראַנגלט זיך מיט די נייע לעבנס־פאָרמען און נייע לעבנס־פּראָבלעמען, אַלץ מער קראַפט באַקומט, אַלץ אייגנאַרטיקער ווערט ער, אַלץ לעבנס־פעאיקער.

די אַנטוויקלונג פון נייעם ראָמאַן קומט נישט פאָר גראַד־ליניק, פונקט ווי עס קומט נישט פאָר גראַדליניק די אַנט־וויקלונג פון לעבן, סיי דאָס ביאָלאָגישע לעבן, סיי דאָס סאָציאַלע. זייט ביי זייט מיט די נייסטע מוסטערן וועגע־טירן נאָך די אַלטע (און אַמאָל, ווי אַן אויסנאַם, אין פראַכט־פולע עקזעמפּלאַרן). אָבער דאָס נייע וואַקסט, מאַכט דערגרייכונגען אין די בלאָנדזשענישן, האַקט טעמפּע ווענט און שלאָגט דורך וועגן צום ראָמאַן פון דער צוקונפט.

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

צום מאָדערנעם ראָמאַן געהערן נישט נאָר די־יעניקע מוסטערן, וואָס געפינען זיך אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף, די אַזוי־גערופענע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. צום מאָדערנעם ראָמאַן געהערן אויך די אַלע נייע ווערק, וואָס האָבן אויפגעריסן די ענגע פאָרמען פון אַלטן ראָמאַן, וואָס האָבן פאַרברייטערט זיין האָריזאָנט, וואָס האָבן אים פּאַרטיפט, מאָדערניזירט אפילו בלויז פּסיכאָלאָגיש. צו די דאָזיקע צווישנפאָרמען, וועלכע האָבן געבראָכן די אַלטע, אָבער נאָך נישט געשאַפן קיין נייע — געהערן אַזעלכע ראָמאַניסטן, ווי מארסעל פּרוסט און דזשעמס דזשאָיס. זיי האָבן פאַרטיפט דעם פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן, זיי האָבן אים דערהויבן צו דער נייער פּסיכאָלאָגיע פון אַ פרויד און אַ בערגסאָן. מארסעל פּרוסטס ראָמאַן „אין זוכעניש נאָך דער פאַרלוירענער צייט", איז ווי אַ גרויסארטיקע אילוסטראַציע צו בערגסאָנס בילד פון אומאויפהערלעכן באַוווסטזיין־שטראָם, וואָס קאָן זיך אויף קיין מאָמענט נישט אָפּשטעלן, וואָס קוועלט אָן אין זיין ווייטערדיקן לויף מיטן גאַנצן אינהאַלט פון דאָס פריערדיקע. אַ כסדרדיקער זעלבסטפאַנאַנדערוואקסן. דער ראָמאַן האָט כמעט נישט קיין אויסערלעכע פאָרמען, קיין געשעען, ער זויגט אונז אַריין אין זיין כסדרדיקן אינערלעכן פלוס און מיר באַוועגן זיך צוזאַמען מיט אים.

ביי דזשאָיסן פילט מען דעם הויך פון דער נייער פּסיכאָלאָגישער לערע פון אונטערבאַוווסטזיין. זיינע העלדן האַנדלען שוין נישט לויט דער גוטער אַלטער פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז אַזוי לאָגיש אין אירע רעאַקציעס און סטימולן, נאָר מיר ווערן אריינגעצויגן דורך זיי אין די טיפענישן פון פרוידיאַנישער טיף־פּסיכאָלאָגיע. דערביי איז נישט וויכטיק, צי דזשאָיס קאָן פרוידן און האַלט פון אים, צי נישט; גראָד שטאַרקע אָנהענגער פון פרוידן זענען דורכגעפאַלן ביים אָנווענדן פרוידס מעטאָד אין דער קונסט: למשל, פראַנץ ווערפל אין זיין „נישט דער מערדער — דער דערמאָרדעטער איז שולדיק". וויכטיק איז, אַז די נייע דערקענטענישן אויפן געביט פון דער מענטשלעכער נשמה האָבן געפונען אַ באַוווסטזיניקן אָדער אומבאַוווסטזיניקן

אויסדרוק אין מאָדערנעם ראָמאַן, וואָס איז מיטגעוואַקסן מיט דער נייער צייט און נישט געשטאָרבן אויף איר שוועל פון עלטער־שוואַכקייט.

עס איז גענוג צו לייענען עטלעכע זייטלעך ביי פּרוסטן און דזשאָיסן, כדי צו שפּירן, אַז מיר האָבן פאַר זיך עפּעס נייעס. און דאָס דאָזיקע נייע ווערט אונז געגעבן שוין באַלד אין אָנ־הויב אין ווערק נישט נאָר פון גרויסן איכות, נאָר אויך פון ריזיקן כמות. דאָ האָבן מיר פאַר זיך נישט קיין קליינטשיקע עקספּערימענטן, נאָר דורכבראָכן פון שטאַרקע קוואַלן.

דער דאָזיקער דורכבראָך פון די פאַרעלטערטע אָפּגעלעבטע און אויסגעוועפּטע פאָרמען און דער מער ווי גליקלעכער פּרווו צו שאַפן עפּעס נייעס, האָט געעפנט ברייטע האָריזאָנטן פאַרן נייעם ראָמאַן, האָט אים געגעבן האָפענונג און מוט. דער נייער ראָמאַן האָט גענומען אריינדרינגען און אריינציען אין זיך די גאַנצע פאַרשידנאַרטיקעווירקלעכקייט, סיי די זאַכלעכע, סיי די גייס־טיקע. דער ראָמאַן איז אַראָפּ פון די אויסגעפורעמטע, געפּלאָס־טערטע וועגן און גענומען אליין דורכלייגן וועגן פאַר זיך אינם אורוואַלד פון מענטשלעכן שאַפן.

* * *

דער נייער ראָמאַן איז נאָך יונג. פונדעסטוועגן האָט ער שוין אויפגעוויזן אַן עקספּאַנסיע (און אָפטמאָל אַ גאַנץ גע־לונגענע עקספּאַנסיע) אין פאַרשידענע ריכטונגען. איך וועל זיך דאָ קורץ אָפּשטעלן אויף צוויי בולטערע, מער אייגנאַרטיקע און באַזונדערס געלונגענע פּרווון.

(דעריבער שטעל איך זיך נישט אָפּ אין דאָזיקן אַלגעמיי־נעם, סכעמאַטישן אַרטיקל אויף דער נייער סאָוועטישער ליטע־ראַטור, ווייל נישט געקוקט אויף איר נייעם אינהאַלט און גע־וויסע נייע פאָרם־זוכענישן, האָט זי דאָך קיין בולטע נייעסן אויפן געביט פון ראָמאַן נישט געשאַפן).

אויפן ערשטן אָרט געפינט זיך דער נייער ראָמאַן, וואָס קאָן באַצייכנט ווערן אַלס אוניווערסאַלער ראָמאַן, וואָס שטרעבט אַרומצוכאַפּן אין זיינע ראַמען די אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פון יחידים און געזעלשאַפטן, וואָס וויל אויסטראָגן דעם קאַמף

פון די וויכטיקסטע צייט־פּראָבלעמען פון יאָרהונדערט און פון דער מענטשהייט בכלל.

דער דאָזיקער ראָמאַן האָט געשאַפן צוויי בולטע מוס־טערן, וואָס וויכן אפילו אָפּ צווישן זיך אין דער פאָרם, אָבער דאָך בויען זיי צוזאַמען דעם אוניווערסאַלן ראָמאַן (ווי מיר וועלן אים אָנרופן). דאָס זענען „זשאַן קריסטאָף" פון ראָמען ראָלאַן און „די מענטשן פון גוטן ווילן" פון זשיל ראָמען.

ראָלאַן גיט אונז די אַנטוויקלונג פון אַ גרויסער פּערזענ־לעכקייט. דורך דעם דאָזיקן יחידם באַציאונגען קומען מיר אין באַרירונג מיט פעלקער און קלאַסן, מיט לענדער און פּראָבלע־מען: די אוניווערסאַלע פּערזענלעכקייט ברענגט אונז אין קאָנ־טאַקט מיט אוניווערסאַלע פּראָבלעמען.

זשיל ראָמען, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע קלענערע ראָמאַנען, וואָס זייערע העלדן זענען געווען — די נשמה פון אַ קאָלעקטיוו, פון אַ שטאָט, האָט לעצטנס פּרובירט געבן אַ ראָמאַן, וווּ דער הויפּט־העלד איז די געזעלשאַפט, אונ־זער צייט אין איר פיזישער, מאַטעריעלער און גייסטיקער פיל־געשטאַלטיקייט. נישט די געשיכטע פון אוניווערסאַלן יחיד פירט אונז צו דער וועלט, נאָר די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט פירט אונז צו די מענטשן. ראָמען ראָלאַנס אוניווערסאַלער ראָ־מאַן איז געבונדן אין אַ געוויסער פּערזענלעכקייט, וואָס ברייי־טערט זיך אמת אויס ביז אומענדלעכקייט, בעת זשיל ראָמען איז פריי פון דער דאָזיקער געבונדנקייט. ער קאָן צו יעדער מינוט זיך באַפרייען פון זיינע העלדן און אָנקניפּן אין אַן אַנדער אָרט און מיט אַנדערע פּערזאָנען, וואָס זענען לחלוטין נישט געבונדן מיט די פריערדיקע.

צום זעלבן מין, הגם אין אַ באַשיידענערן כמותדיקן פאַר־נעם, געהערן די ראָמאַנען פון אַמעריקאַנער דזשאָן דאָס פּאַסאָס.

דער צווייטער אייגנאַרטיקער מין פון מאָדערנעם ראָמאַן איז דער אינדוסטריעלער ראָמאַן. אויך דער דאָזיקער מין האָט צוויי רעפּרעזענטאַנטן, וועלכע אונטערשיידן זיך שטאַרק איינער פון צווייטן. עפּטאָן סינקלער שילדערט זיינע אינדוסטרי־ראָמאַ־נען („נאַפט", „קוילן", „זומפּ") מיטן ציל צו ווייזן, ווי גרויזאַם דער קאַפּיטאַל עקספּלואַטירט די אַרבעטער. די אינדוסטרי איז

דאָ נאָר דער פֿאָן, די רעאַלע סביבה, וווּ עס קומט פֿאָר דער קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, וווּ עס קומט פֿאָר די טאָג־טעגלעכע קיין־ און הבל־געשיכטע אומצאָליק פֿאַרפֿילפֿאַכט, פּראָפּאָרציאָנעל צו דער פֿאַרגרעסערטער צאָל מענטשן אויף דער וועלט. ביים פֿראַנצויז פּיער האַמפּ דאַקעגן איז די אינדוסטרי דער הויפּט־העלד פֿון זיינע ראָמאַנען. אויך ביי אים זעען מיר דעם מענטשן, וואָס ווערט עקספּלואַטירט, אָבער דער מענטש דינט ביי אים אַלס פֿאָן, אַלס רעאַלע סביבה פֿאַר דעם אינדוסטרי־הויפּט־העלד. האַמפּס ראָמאַנען־סעריע „די מאַטערנישן פֿון מענטשן“ זענען הימנען, דיכטונגען פֿאַר דער מענטשלעכער אַרבעט. דער הויפּט־העלד איז ביי אים אין יעדן ראָמאַן דער אַרבעטס־פּראָצעס פֿון יעדן אינדוסטרי־צווייג באַזונדער. זיין ראָמאַן „ליין“ הויבט זיך אָן אויף די פֿעלדער פֿון פֿלאַנדערן, וווּ עס וואַקסט דער ליין, וווּ ער ווייקט זיך אין די וואַסערן; מיר גייען נאָך דעם ליין אויף זיין גאַנצן פּראָדוקציע־וועג ביז דער נייטאָרין, וואָס נייט אין פּאַריז פֿיינע וועש פֿאַר דעם אויסשטייער פֿון פֿאַבריקאַנטס טאָכטער. האַמפּ ווייזט אונז די עקספּלואַטאַציע פֿון מענטשן, די מאַטערנישן פֿון מענטשן, אָבער אויך די אַרבעט פֿון מענטשן (דער נאָמען איז טאַקע אַ צווייִדייטיקער, *Les Peines des Hommes* די מאַטערנישן פֿון מענטשן“, „די אַרבעטן פֿון מענטשן“). די מאַטערנישן וועלן פֿאַרגיין, אָבער די עפּאָפּייע פֿון מענטשלעכער אַרבעט וועט בלייבן. האַמפּ האָט ליב אַלץ, וואָס מענטשלעכע הענט שאַפֿן. אין איינעם פֿון זיינע לעצטע ראָמאַנען, וועגן דער פּראָדוקציע פֿון דאַמען־שטאָפֿן, באַשרייבט ער אין די פּייערלעכסטע פּאָעטישע טענער די וווּנדערבאַרע שפּיל פֿון פֿאַרבן אויף די שטאָפֿן אין אַ מאָדע־געשעפֿט. דערווייל זענען די דאָזיקע מאָדע־אינדוסטריען אַ סימבאָל פֿון אונזער לײדיקגייערישער העכערער געזעלשאַפֿט, אָבער די פֿאָרמע פֿון פֿאַרבן און אוזאָרן וועט בלייבן אויך אין דער נייער געזעלשאַפֿט, וועלכע וועט ערשט קאָנען אָפּשאַצן די קראַפֿט פֿון אַ דיכטער, וואָס האָט אין אונזערע באַדינגונגען אַזוי געקאָנט ליב האָבן די אַרבעט, וואָס האָט געקאָנט אָפּטיילן דעם געזונטן יאָדער פֿון דער פֿוילער שאָל.

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

דער נייער ראָמאַן געפינט זיך נאָך, נישט געקוקט אויף די אויבן־אויסגערעכנטע גרויסע דערגרייכונגען, אין די וויקעלעך. אָבער ער ווייזט שוין אַרויס די טענדענץ צוצוגיין צום לעבן אַן פּאַרטיקע מאָסן און פורעמס און לאָזן באַווירקן זיין פאָרם פון לעבעדיקן לעבן און זיין גאַנצער פילגעשטאַלטיקייט און זיין גאַנצער זידנדיקער דינאַמישקייט. די דאָזיקע טענדענץ אַליין איז שוין אַ באַוויז פאַר דער לעבעדיקייט פון ראָמאַן און אַ גאַראַנטיע פאַר זיין לעבנס־פעאיקייט און לעבנס־דערפאָלג.

דער פאָלקסטימלעכער און דער נאַציאָנאַלער באַזיסן פון דער יידישער ליטעראַטור

דער וועג, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט אַלע אייראָפּעאישע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, איז כמעט איין און דער זעלבער. די קולטור־שפּיצן זייערע האָבן אין משך פון אַ לאַנגער צייט געשטעקט אין אינטערנאַציאָנאַלע הימלען: פּעטראַרקאַ האָט שטאָלצירט נישט מיט זיינע איטאַליענישע סאָנעטן, וואָס האָבן זיין נאָמען געמאַכט אומשטערבלעך, נאָר מיט זיינע לאַטייניש דיכטערישע ווערק, פאַר וועלכע מען האָט אים גע־קרוינט אויפן קאַפּיטאָל.

עראַזמוז האָט געשריבן זיין „אַ לויב דער נאַרישקייט" אין לאַטיין. און דעקאַרט, און שפּינאָזאַ, און אַ סך אַנדערע האָבן אָנערקענט בלויז די דאָזיקע אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך פאַר זייער העכסטער שעפערישער טעטיקייט.

דאָס פאָלקסטימלעכע שאַפן האָט נישט געשוועבט אין די הימלען: עס איז אַרויסגעוואַקסן ווי צניעותדיקע בלימעלעך פונם פאָלקס־באָדן — אַלס פאָלקסלידער, פאָלקס־מעשהלעך און ראָ־מאַנען אויף די „ווולגאַרע" שפּראַכן פון די פעלקער (אַזוי האָט מען גערופן די דאָזיקע שפּראַכן, אַזוי ווי אונזער יידישע שפּראַך — „זשאַרגאָן"). דאָס איז נישט געווען קיין באַוווסט־

זיניק נאַציאָנאַל שאַפן, ווייל קיין נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, ווי מיר פאַרשטייען עס היינט, האָבן די אייראָפּעאישע פעלקער דאַן נישט פאַרמאָגט, — דאָס איז געווען אַ פאָלקסטימלעך שאַפן, אַן אוממיטלבאַר שאַפן, ווי אוממיטלבאַר עס איז געווען די געבורט גופא פון די דאָזיקע אַלע שפּראַכן, פון וועלכע עס איז געוואקסן דאָס פאָלקס־שאַפן.

ווען ביי די אייראָפּעאישע פעלקער האָט זיך אַנטוויקלט דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין, און די פאָלקס־שפּראַכן זענען געוואָרן נאַציאָנאַלע שפּראַכן; ווען די דאָזיקע נאַציאָנאַלע שפּראַכן זענען געוואָרן די שפּראַכן פונם שאַפן פון די פאָלקס־טימלעך־נאַציאָנאַלע זשעניען; ווען דאַנטע האָט אָנגעשריבן זיין „געטלעכע קאָמעדיע” אויף איטאַליעניש און קאַנט האָט זיך באַנוצט פאַר זיין פילאָזאָפיע נישט מיט לאַטיין, נאָר מיט דייטש — דאַן איז געקומען דער מאָמענט, ווען די אייראָפּעאישע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן האָבן גענומען זוכן זייערע פאָלקסטימ־לעכע וואָרצלען. אַ קלאַסישער ביישפּיל פאַר דער דאָזיקער באַ־וועגונג איז דער דייטשישער ראָמאַנטיזם, אָבער עס וואָלט געווען זיין נישט ריכטיק צו מיינען, אַז נאָר ער אַליין האָט זיך אָפּגע־טובלט אינם קוואַל פונם פאָלקסליד, אַז נאָר ער אַליין האָט זיך פאַרשיכורט מיט פאָלקס־מעשהלעך. אַלע אייראָפּעאישע לי־טעראַטורן האָבן גענומען עולה־רגל זיין צו די אורקוואַלן פון זייערע פאָלקס־קולטורן, צו די אוממיטלבאַרע דיכטערישע אויס־דרוקן פון זייער פאָלקס „איך”, פון זייער נאַציאָנאַלן „איך”, אין זיין אונטערבאַוווסטזיניקן צושטאַנד.

דער גרויסער עסייאיסט מאָנטען האָט דער ערשטער אָנ־געוויזן אין איינעם פון זיינע עסייען אויף דער קינסטלערישער שיינקייט פון די פאָלקסלידער. דער בישאָף פּערסי האָט דער ערשטער צונויפגענומען אין אַ זאַמל־בוך די שאָטלענדישע באַלאַדעס. און דער געניאַלער הערדער האָט מחיה מתים געווען דאָס אַלוועלטלעכע פאָלקסליד.

די ליטעראַטור, ווי דער יחיד, לעבט איבער דריי פאַזיסן: צוערשט לעבט זי אינסטינקטיוו, אימפּולסיוו, אומבאַוווסטזיניק; דערנאָך נעמט זי לעבן באַוווסטזיניק, אָפּרייסנדיק זיך לגמרי פון איר אומבאַוווסטזיניקן פּעריאָד, נישט געדענקענדיק אין אים,

— דער אומבאַוווסטזיניקער מאָמענט ווערט דערטרונקען אינם באַוווסטזיניקן; און צום סוף, ווען דער באַוווסטזיניקער פּעריאָד ווערט אָנגעזעטיקט ביז גאָר מיט זיין באַוווסטזיין און דער טשאַד פון באַוווסטזיין נעמט זיך אויסוועפּן, אַנטשטייט דער וויכטיקסטער און געפערלעכסטער מאָמענט פון רייף ווערן: דער באַוווסטזיין פילט, אַז ער דאַרף זיך פאַראייניקן מיט זיין מוטער — דעם אונטערבאַוווסטזיין, אַז ער טאָר נישט איגנאָרירן זיין אורשפּרינגלעכן אונטערבאַוווסטזיניקן סטימול, זיין שעפערישן אורקוואַל, און ער זוכט אַ קאָנטאַקט מיט דער דאָזיקער אור־קראַפט, ער וויל זיך באַלעבן אין זיינע לעבן־ברענגענדיקע קוואַליעס.

אָבער דאָ טאַקע באַווייזט זיך אויף דער סצענע אַ גרויסע געפאַר: די געפאַר, אַז דער באַוווסטזיין זאָל נישט פאַרזינקען אינם אונטערבאַוווסטזיין, ער זאָל מיטן לעצטן אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט, נישט פאַרלירנדיק דערביי זיין זעלבשטענדיקייט. דאָ מוז מען פאַראייניקן צוויי קעגנזאַצן אין אַ שעפערישער אָנשטרענגונג. דאָס איז אַן אויפגאַבע, וואָס איז ענלעך צו דער, וועגן וועלכער רעדיאַרד קיפּלינג האָט אויסגעשמידט זיין ווילן פערז: „אויב איר קענט טרוימען — נישט מאַכנדיק פון די טרוימען אייער האַר".

("If you can dream—and not make dreams your master").

ווי גוט עס איז פאַר אַלעמען און פאַר אַלץ — און צווישן דעם אויך פאַר דער ליטעראַטור, — אויב מען קאָן טרוימען און נישט ארונטערפאַלן אונטער דער מאַכט פון דער פאַרטרוימטקייט אין אַזאַ מאָס—ביז צו פאַרלירן דעם ווילן און די קראַפט צו טאָט. גוט איז אַ ליטעראַטור, וואָס שעפּט כוח פונם קוואַל פון אונטערבאַוווסטזיין, בלייבנדיק גלייכצייטיק אויף איר העכסטן שטאַפּל פון באַוווסטזיניקייט.

*　　*　　*

אויך די יידישע ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט אַזאַ מעטאַמאָרפאָזע.

די יידישע ליטעראַטור איז אַ לאַנגע צייט געווען אַן אומבאַוווסטזיניקע שאַפונג. די באַוווסטזיניקע יידישע ליטעראַטור האָט געשוועבט אין די וואָלקנס פון רעליגיע און פילאָזאָפיע

און געשאַפן אויף העברעאיש, וואָס איז געווען צוטריטלעך בלויז די קולטור־שפיצן פון פאָלק. אין דער טיפעניש פונם פאָלקסמאַסיוו, אונטערן צודעק פון גלייכגילט און פאַראַכטונג, האָבן באַשיידן געבליט דאָס יידישע פאָלקסליד, דאָס יידישע פאָלקסמעשהלע, „בבא"־מעשיות פאַר דינסטמיידלעך און רעליגיעזע ביכער אויף „עברי־טייטש" פאַר חשובע, אָבער אומוויסנדע ווייבער.

מיטן נאַציאָנאַלן צופלום אין יידישן לעבן האָט זיך אונזער ליטעראַטור אָפגעריסן פונם רעליגיעזן וואָרצל און איז געוואָרן וועלטלעך, נאַציאָנאַל. דאָס אומבאַוווסטזיניקע שאַפן אויף יידיש איז געוואָרן באַוווסטזיניק. און נישט נאָר באַוווסטזיניק אין משכילישן זין, ווי דאָס איז נאָך קענטיק אפילו אין פרץ'עס פראָגראַם־אַרטיקל צו זיין באַרימטער „יידישער ביבליאָטעק": „...ווער עס וויל דאָס פאָלק קענען, און ווער עס וויל דאָס פאָלק לערנען — דער מוז קאָנען רעדן און שרייבן זשאַרגאָן". דער דאָזיקער משכילישער צוגאַנג צו אונזער ליטעראַטור און איר שפּראַך איז, אין תוך, ענלעך אויפן צוגאַנג פון אונזער אַלטער רעליגיעזער ליטעראַטור אויף „עברי־טייטש" — אַ ליטעראַטור פאַר עם־הארצים, אַ ליטעראַטור, וואָס איז באַוווסטזיניק אין דעם זין, וואָס זי באַציט זיך באַוווסטזיניק נעגאַטיוו צו די אונטערבאַוווסטזיניקע כוחות פון דער דאָזיקער שפּראַך און צו דער ליטעראַטור, וואָס שפּראָצט אַרויס פון איר.

אָט די באַציאונג ענדערט זיך איינגיכן: די נעגאַטיווע באַוווסטזיניקייט ווערט פאַרביטן דורך אַ פאָזיטיווער. בעל מהשבות שרייבט אין זיין אַרטיקל „דער זשאַרגאָן": „די זשאַרגאָן־ליטעראַטור איז היינט נישט נאָר אַ מיטל צו בילדן דאָס פאָלק, נאָר אויך אַ טייערער מיטל צו בילדן אונזער אינטעליגענץ, די דאָזיקע קלאַסן ביי יידן, וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון פראָסטן יידישן לעבן און האָבן עס אויפגעהערט צו פאַרשטיין".

דאָס מערקט זיך שוין אויך אין פרץ'עס אויבן־ציטירטן פאָרוואָרט:

„מיר גלויבן נישט אין וואָלאַפיק, נישט אין עספּעראַנטאָ; מיר האָפן אויך אויף דער אַלגעמיינער מענטשהייט, נאָר נישט

אויף דעם וועג וועלן מיר קומען צו איר. קיין איינציקע שפּראַך גייט שוין נישט פאַרלוירן, קיין איינציק פאָלק דאַרף נישט פאַר־ניכטעט ווערן".

דער נאָמען בלייבט דער זעלבער („זשאַרגאָן", „זשאַרגאָנישע ליטעראַטור"), אָבער די באַציאונג בייט זיך: פון אַ הילפס־מיטל צו אַ זעלבסטצוועק, פון אַ באַוווסטזיניק־נעגאַטיוון צו־גאַנג צו אַ באַוווסטזיניק־פּאָזיטיוון. די דאָזיקע ליטעראַטור נעמט באַוווסטזיניק באַטראַכט ווערן אַלס נאַציאָנאַליזירנדיקער פאַקטאָר.

איז, דעריבער, קיין וווּנדער נישט וואָס דער דאָזיקער באַ־וווּסטזיניקער פּעריאָד פון אונזער ליטעראַטור האָט איינגיכן — לויט די אינערלעכע געזעצן פון יעדער ליטעראַטור אין פּעריאָד פון איר רייפקייט — גענומען זוכן אירע וואָרצלען, איר אונטערבאַוווסטזיניקן באַזיס. אונזער ליטעראַטור, דורכ־מאַכנדיק די מדרגות פון טעזיס און אַנטי־טעזיס, האָט זיך געגרייט צום סינטעז: אָפּטובלען דעם באַוווסטזיין אין שטראָם פון אונטערבאַוווסטזיין, נישט פאַרלעשנדיק דאָס באַוווסטזיניקע ליכט, אָבער צוגיסנדיק אין אים ריינעם ברען־בוימל.

אונזער ליטעראַטור האָט גענומען זוכן אירע פאָלקס־וואָרצלען אין פאָלקלאָר, אינם פאָלקסליד, אין דער פאָלקס־ליטעראַטור אויף יידיש. אונזער נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע לי־טעראַטור וויל שאַפן פאַר זיך אַ נאַציאָנאַלע באַזע, אָדער בעסער: זי וויל אָפּגראָבן אָט די נאַציאָנאַלע באַזע, ווי דאָס האָבן געטאָן אַלע אייראָפּעאישע ליטעראַטורן: די דייטשישע האָט אָפּגעגראָבן „דאָס ניבעלונגען ליד", „דעם וווּנדערלעכן האָרן פון יונגן בחור" און די מעשהלעך פון די ברידער גרים; די ענגלישע האָט אָפּגעגראָבן די אַלטע שאָטלענדישע באַלאַדעס און דעם עפּאָס „בעאָוואָלף"; די פינישע ליטעראַטור האָט אָפּגעגראָבן און אליין אויסגעפורעמט פאַר זיך די פּרעכטיקע „קאַלעוואַלאַ"; אַלע האָבן עפּעס אָפּגעגראָבן — ווער מער, ווער ווייניקער, ווייל קיין איינע פון זיי איז נישט געקומען אויף דער וועלט ווי „האָמונקולוס", אין דער רעטאָרטע פון אַ געלערנטן, יעדע איינע פון זיי איז אַ קינד פון אַ לעבעדיקן פאָלקס־גייסט. אויב נישט אַלע האָבן אָפּגעגראָבן גרויסע פאָלקס־עפּאָסן, האָבן

אָבער אַלע אָפּגעגראָבן פאָלקס־ווערטלעך, פאָלקסלידער און פאָלקס־מעשהלעך.

און אויך מיר האָבן אָפּגעגראָבן און מיר האַלטן נאָך אין אָפּגראָבן די פאָלקסוואָרצלען פון אונזער ליטעראַטור: דעם פאָלקלאָר און די קנאָספּן פון דער פאָלקסלידער־ליטעראַטור אויף יידיש, די שפּראָצלעך אָדער רעשטלעך פון אַ פאָלקס־עפּאָס („שמואל־בוך”).

אָבער דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ קאַרדינאַלער פראַגע: צי דען קאָנען מיר שאַפן אַ נאַציאָנאַלע באַזע פאַר אונזער ליטעראַטור, זיך אָנשפּאַרנדיק אויפן פאָלקלאָר און אויף דער פאָלקס־ליטעראַטור אויף יידיש? צי זענען מיר נישט אויך אין דאָזיקן געביט אומגליקלעכע גבירים? מיר, וועלכע פאַר־מאָגן צוויי שפּראַכן, צוויי ליטעראַטורן, אַן אַלטע און אַ נייע, פאַרמאָגן אויך צוויי באַזיסן פאַר דער יידישער ליטעראַטור: איינעם אַ פאָלקסטימלעכן, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון די וואָרצלען פון אונזער ליטעראַטור אויף יידיש; און דעם צווייטן — אַ נאַציאָנאַלן, וואָס זיינע וואָרצלען געפינען זיך אַ סך טי־פער, ווייל די ליטעראַטור אויף יידיש איז בלויז איין צווייגעלע, דאָס יינגסטע, אויפן אַלטן בוים פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

די פאָרשער פון די אור־קוואַלן פון דער ליטעראַטור אויף יידיש קאָנען אויפווייזן, אַז די דאָזיקע ליטעראַטור איז שוין גאָרנישט אַזוי יונג, אַז זי האָט הינטער זיך אַ געשיכטע פון אַ שיינע פאַר יאָרהונדערט. דאָס איז דאָך אָבער נאָר די גע־שיכטע פון די פאָלקסטימלעכע וואָרצלען פון אונזער ליטעראַ־טור, און נישט איר נאַציאָנאַלע געשיכטע. אויב ביי דער מערהייט פעלקער (נישט ביי אַלע) איז די פאָלקסטימלעכע באַזע פון זייערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן גלייכצייטיק זייער נאַציאָ־נאַל־אונטערבאַוווסטזיניקע באַזע, פעלט אָבער אונזער ליטעראַ־טור די דאָזיקע איינהייט.

דער וועג פון אונזער יידישער ליטעראַטור איז ענלעך אויף דעם וועג פון אַנדערע ליטעראַטורן, אָבער ער איז נישט אידענ־טיש מיט זיי. אייראָפּעאישע ליטעראַטורן האָבן זיך אָפּגעריסן פון הערשנדיקן לאַטיין און ווען זיי זענען באַוווסטזיניק קרעפ־

טיק געוואָרן, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צו זייערע אונטער־באַוווסטזיניקע אור־קוואַלן. און אויך די יידישע האָט זיך אָפּגעריסן פון העברעאיש, און ווען איר באַוווסטזיין איז קרעפטיק געוואָרן, האָט זי זיך גענומען קוקן הינטער זיך, זוכנ־דיק איר אויסגאַנג־פּונקט.

אין פלוג, דאַכט זיך, איינס און דאָס זעלבע; און דאָך ווייט נישט אידענטיש! לאַטיין איז געווען אַ פרעמדער אָנוווקס אויפן נאַציאָנאַלן קערפּער פון איטאַליענישן און אַנדערע פעל־קער (הגם לאַטיין איז די אור־מוטער פון זייערע שפּראַכן), אָבער העברעאיש איז פאַר אונז אַן אייגענע, אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, און אין קולטורעלן זין — איז זי תּמיד אפילו אַ לעבעדיקע. און ווען זיי קומען צו צו די ווייטסטע גרענעצן פון יידישן פאָלקסטימלעכן שאַפן, בלייבן אונזער באַוווסטזיין און אונזער געפיל נישט שטיין (באַפרידיקטע): די דאָזיקע ווייטסטע גרענעצן פון דער יידישער ליטעראַטור זענען בלויז עטלעכע טריט אויף אונזער דורכגעגאַנגענעם היסטאָריש־קול־טורעלן וועג.

די דאָזיקע אויסגעפאָרשטע אור־קוואַלן פון דער ליטעראַ־טור אויף יידיש זענען נישט קיין נאַציאָנאַלער באַזיס פאַר אונ־זער ליטעראַטור, נאָר בלויז אַ באַזיס פאַר איר פאָלקסטימלעכ־קייט, ווייל די דאָזיקע ליטעראַטור, אַלס אויסדרוק פון נאַציאָ־נאַלן גייסט, פאַרמאָגט אַ טיפערע און ברייטערע באַזע ווי די דאָזיקע פאָלקסטימלעכקייט פון דער יידישער ליטעראַטור.

די פאָלקסטימלעכע באַזע פון דער יידישער ליטעראַטור שפּאַרט זיך אָן אויפן יידישן פאָלקלאָר, אויף די יידישע שפּריכ־ווערטער און פאָלקסלידער; אָבער די נאַציאָנאַלע באַזע פון אונ־זער ליטעראַטור שפּאַרט זיך אָן אויפן פאָלקלאָר פון תנ״ך, פון תלמוד, פון די מדרשים, אויפן עפּאָס פון שמשון הגבור, אויפן עפּאָסדיקן ליד פון דבורה הנביאה, אויפן עפּאָס פון דוד און יהונתנ׳ס ליבע און אויף די אומאויסשעפּלעכע לעגענדעס פון תלמוד.

נישט אומזיסט גייט אָן אין אונזער ליטעראַטור אַ פיבער־האַפטע אַרבעט צונויפצוזאַמלען אונזער נאַציאָנאַלן פאָלקלאָר (ביאַליק, בערדיטשעווסקי, בובער און אַ סך אַנדערע), און די

דאָזיקע אַרבעט איז אַ נויטוועגדיקייט ניט נאָר פאַר אונזער נייַ־נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אויף העברעאיש, נאָר אויך פאַר אונ־זער נייַ־נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אויף יידיש.

און דעריבער איז זיך נישט מעגלעך פאָרצושטעלן אַזאַ „פאַר עקסעלאַנס" נאַציאָנאַלן שרייבער ווי פּרץ אָן דער דאָזי־קער נאַציאָנאַלער פאָלקלאָר־באַזע, פון וועלכער דער שרייבער גופא איז ארויסגעוואקסן און אין וועלכער ער וואַקסט ווידער אריין מיט זיין שאַפן.

די פילאָלאָגישע פאָלקלאָר־אַרבעט, וואָס ווערט איצט געפירט מיט אַזאַ התמדה אין אונזער ליטעראַטור (לכל הפחות האָט זי זיך געפירט ביז דער מלחמה) איז זייער וויכטיק, ווייל די דאָזיקע אַרבעט באַווייזט, אַז אונזער יידישע ליטעראַטור איז נישט קיין קאַפּריז פון איינצלנע פּערזאָנען אָדער פון געוויסע פּאַרטייען, נאָר אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון דער פאָלקס־נשמה, וואָס האָט געזוכט פאַר זיך אַן אויסדרוק אין דער טונקלקייט פון אונטערבאַוווסטזיין, ביז זי האָט זיך נישט אַרויס־געריסן אויף דער קלאָרער אויבערפלאַך פון באַוווסטזיין. אָבער די דאָזיקע מעטריקע פון איר פאָלקסטימלעכקייט איז נאָך נישט קיין גענוגנדיקע לעגיטימאַציע פאַר איר נאַציאָנאַלקייט. די פאָלקסטימלעכע באַזע פון אונזער ליטעראַטור פאַלט, צום באַדויערן, נישט צונויף מיט איר נאַציאָנאַלער באַזע.

מיר, יידן, זענען נישט די איינציקע אין דאָזיקן פּרט. אַזאַ פּראָבלעם שטייט אויך פאַר די גריכן, ביי וועלכע די נייַ־גריכישע שפּראַך און די נייַ־גריכישע ליטעראַטור, ווי אויך די פאָלקס־טימלעכע באַזע פון דער דאָזיקער נייַ־גריכישער ליטעראַטור פאַלן נישט צונויף מיט זייער ברייטערער נאַציאָנאַלער באַזע.

אַזאַ פּראָבלעם שטייט אויך פאַרן הינדוסישן פאָלק, וועל־כעס פאַרמאָגט אַ נייע שפּראַך (אָדער נייע שפּראַכן) און אַן אַלטע קולטור אויף סאַנסקריט, און די וואָרצלען פון אַזאַ שריי־בער, ווי טאַגאָר, גרייכן נישט ביז דער פאָלקסטימלעכער באַזע פון דער בענגאַלישער ליטעראַטור, נאָר ביז דער נאַציאָנאַלער — דער סאַנסקריטישער.

יאָ, מיר זענען אין דאָזיקן פּרט נישט קיין איין „זכר אין מאָסקווע" צווישן די פעלקער, אָבער אונזערע ספּעציפישע צו־

גאָב־באַדינגונגען פון א פאָלק אָן א באָדן אונטער די פיס און מיט דער פילקעפיקער הידרע פון דער אַסימילאַציע אויפן האַלז, פאַרשאַרפן פאַר אונז די דאָזיקע פּראָבלעם.

און זי שטייט פאַר דער יידישער ליטעראַטור אויפן שאַרף פון מעסער. און דער נאָמען פון דער דאָזיקער פּראָבלעם: „דער פאָלקסטימלעכער און נאַציאָנאַלער באַזיס פון אונזער ליטעראַטור" לייענט זיך אויך אַנדערש:

„די פּראָבלעם פון אונזער קולטור־ירושה".

די ראָל פון אַש'ס שטעטל אין אונזער ליטעראַטור און לעבן

די יידישע ליטעראַטור איז א שטעטל־ליטעראַטור. אַלע שרייבער־גרונטלייגער פון דער יידישער ליטעראַטור זענען געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין די יידישע שטעטלעך, אין וועלכע די יידישע מאַסן פון דער רוסישער אימפּעריע האָבן על־פּי־רוב געוווינט ביזן סוף 19טן יאָרהונדערט. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די יידישע שרייבער, שילדערנדיק דאָס לעבן פון די יידישע מאַסן, קריסטאַליזירנדיק אין שעפערישע געשטאַלטן זייער לעבנס־דערפאַרונג און זייער סביבה, זענען געוואָרן דיכטער און שילדערער פון שטעטל.

די יידישע ליטעראַטור איז אַרויסגעוואַקסן פונם שטעטל און זי שעפּט איר אינספּיראַציע פונם שטעטל. דאָס שטעטל הערשט אויף אַזוי ווייט אין דער יידישער ליטעראַטור, אַז אפילו אין די לעצטע יאָר־צענדליקער, ווען די יידישע מאַסן אין די נייע אימיגראַציע־צענטרען, ווי אויך אין די אַלטע ישובים, פילן אָן די שטעט (און די פאַרבליבענע אין די שטעטלעך לעבן אין די שטעט גייסטיק, רייסן זיך צו זיי און שעפּן פון זיי זייער גייסטיקע יניקה), — אפילו אין די לעצטע יאָר־צענדליקער*) איז אונזער ליטעראַטור בדרך כלל געווען א קליין־

*) געשריבן אין 1942, אין שאַנכיי.

שטעטלדיקע: שרייבער, וועלכע האָבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל נאָך אין זייער פריער קינדהייט, קערן זיך אום, כמעט אַטאַוויסטיש, צו דער קליינשטעטלדיקער טעמאַטיק.

אָט די בולטע קליינשטעטלדיקייט פון אונזער ליטעראַטור האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אפילו אין איר פּראָבלעמאַטיק: אין דער פּראָבלעם פון „שטעטל און שטאָט". מיט אַנדערע ווערטער, עס איז אַנטשטאַנען די פראַגע: אויב דאָס לעבעדיקע האַרץ פון יידישן לעבן געפינט זיך היינט אין די שטעט, טאָ פאַרוואָס איז די יידישע ליטעראַטור פול מיטן שטעטל, מיט זיינע טיפּן און פּראָבלעמען? פאַרוואָס געפינט נישט אין אונזער ליטעראַטור דאָס יידישע שטאָט־לעבן אַזאַ קינסטלעריש־פולבלוטיקע אָפּשפּיגלונג, ווי דאָס שטעטל?

די דאָזיקע פּראָבלעם איז נישט ניי, — זי איז שוין געשטאַנען פאַר דער יידישער ליטעראַטור מיט פערציק יאָר צוריק און ביים דערשיינען פון אַש'ס „שטעטל" האָט זי באַקומען אַ קלאַסישן אויסדרוק ביים קלאַסיקער פון דער יידישער קינסטלערישער קריטיק, בעל־מחשבות.

אין זיין אַרטיקל „דער זיידע און דער אייניקל" („אבראַמאָוויטש און אַש") שטעלט און לייזט בעל־מחשבות מיט דער קלאָרקייט פון גענאַנק, וואָס איז אים אייגן, די פראַגע, פאַרוואָס די יידישע ליטעראַטור איז עולה רגל אין שטעטל אריין.

„דאָס וואָס אַ יונגער טאַלאַנטפולער פּאָעט ווערט אינגאַנצן פאַרזונקען אין אַ האַלב־טויטן עבר (געמיינט שלום אַש'ס „שטעטל"), קאָן ווערן טאָפּלט אויסגעטייטשט: אָדער דאָס באַווייזט, דאָס דער עבר איז נאָך נישט אַזוי טויט, ווי מאַנכע משכילים מיינען, אָדער אַז עס איז נישטאָ קיין קעגנוואַרט, קיין קלאָרע צוקונפט, וואָס זאָל קאָנען דינען אַלס אַ קוואַל פאַר פּאָעזיע... עס איז אַ גרויסער געפערלעכער טעות צו מיינען, אַז אבראַמאָוויטשעס און אַש'ס וועלט איז שוין אינגאַנצן אויסגעשטאָרבן. נאָך עד היום דרוקט האלמנה והאחים ראָם מער תחינות פון שרה בת טובים, ווי מאַנכע פאַרטייען פּראָקלאַמאַציעס און ביכלעך. נאָך עד היום קאָן זיך קיין פאַרטיי נישט רימען צו האָבן אַזוי פיל איבערגעגעבענע אָנהענגער, ווי געוויסע חסידישע רביים אין אַ פּוילן אָדער אין אַ וואָלין...

„דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן אין פּוילן און אינגאַנצן, גע־פינט זיך נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט. און דער פּאָעט, וואָס וויל שעפּן פון פּוילן און פון גאַנצן, גייט צו דעם עבר, מוז גיין צו דעם עבר...

„...רופט אָן די ליבשאַפט פון אונזערע היינטיקע יונגע טאַלאַנטן צום עבר ראָמאַנטיק, חלומות, לבנה־פּאָעזיע א. א. וו. — דאָס עכטע טאַלאַנט קאָן נישט לעבן אָן אַ גרונט אונטער די פיס, און ווען דאָס לעבן גיט קיין קעגנוואַרט, שפּינט מען זיך צונויף מיט אַ פאַרגאַנגענהייט.

„לאַכט פון ראָמאַנטיק, פאַרגעסט אָבער נישט, אַז נאָר אַ דאַנק דער היינטיקער ראָמאַנטיק הערן מיר זיך אויף צו פילן אַלס ציגיינער אָן אַ פאַרגאַנגענהייט, אָן אַ גזע..."

בעל־מחשבות פלעגט אויפנעמען ליטעראַטור נישט נאָר עסטעטיש, נאָר אַ סך ברייטער — ער פלעגט זי אויפנעמען דורך דער פּריזמע פון דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעמאַטיק פון אונזער לעבן. און דעריבער האָט בעל־מחשבות אַזוי טיף און ריכטיק באַגריפן אש'ס „שטעטל". די דאָזיקע „פּאָעמע פון יידישן לעבן" (פון אַלט־פּרעגקישן יידישן לעבן) האָט נישט נאָר אַ פּאָעטישן ווערט, נישט נאָר אַ ליטעראַטור־עסטעטישע באַדייטונג, — זי דערקלערט און באַלויכט אויך אונזער היינטצייטיקייט. דאָס, וואָס אַ דיכטער איז עולה רגל פון שטאָט אין שטעטל אריין, דאָס וואָס שוין צוויי דורות ווי מען האָט הנאה פון דער דאָזיקער פּאָעמע, האָט וואָרצלען אין דער היינטצייטיקייט. אונ־זער היינטיק לעבן האָט, פון איין זייט, פאַרלוירן זיין אינער־לעכע גלייכגעוויכט, און פון דער צווייטער — געוואָרן פאָרמלאָז. און אונזער לעבן בענקט נאָך גאַנצקייט, נאָך אַ לעבנס־סטיל, נאָך אינערלעכער און אויסערלעכער אויסגעפורעמטקייט. און אָט די דאָזיקע בענקשאַפט פון די דורות פון גרויסן פאַנאַנ־דערפאַל, פון די דורות פונם איבערגאַנגס־דור, האָט זיך פאַר־קערפּערט אין אש'ס פּאָעמע. און דעריבער האָט זי אַזוי באַ־צויבערט און דעריבער פאַרצויבערט זי אַזוי. זי באַפרידיקט נישט נאָר ליטעראַר־עסטעטישע באַדערפעניש, נאָר זי באַרו־איקט אויך דעם זעלישן אומרו פון די יידן, וועלכע האָבן פאַר־לוירן זייער גייסטיק־נאַציאָנאַלע שטאַנדהאַפטיקייט. מיר שפּאַרן

זיך אָן אין אש׳ם „שטעטל״, מיר אָטעמען אריין דעם ריח פון זיין גאַנצקייט, מיר האָבן הנאה פון די פעסטגעגרונטעוועטע ליניעס פון דאָזיקן אַלטן לעבן און — מיר רוען זיך אָפּ, נעמען זיך אָן מיט כוחות. מיר פילן, — ווי דאָס האָט פרעכטיק אויסגעדריקט בעל־מחשבות, — אַז מיר זענען נישט קיין ציגיינער, נישט קיין מענטשן אָן אַן אָפּשטאַמונג, און דאָס איז אַ גוטער קעגן־גיפט קעגן ציניזם, וואָס באַגלייט געוויינלעך דעם פאַרלוסט פון גייסטיקער גלייכגעוויכט, וואָס קומט אין רעזולטאַט פון גייסטיקער אויסגעוואָרצלטקייט.

מיט אַנדערע ווערטער: אַש׳ס „שטעטל״ איז נישט סתם אַזוי זיך אַ ליטעראַרישע עקסקורסיע, נאָר אַן אַקט פון געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרטיידיקונג. אַש׳ס „שטעטל״ וועקט אויף אין אונז די געזונטע קנאה צו אונזערע אבות, וועלכע האָבן פאַרמאָגט סיי אַ גייסטיקן, סיי אַ פשוט פיזישן באָדן, אין וועלכן זיי האָבן געלאָזט טיפע וואָרצלען. די דאָזיקע קנאה רופט אַרויס, ווי יעדע קנאה, אומרו; מיר טרייסלען אָפּ פון זיך די זינלאָזע נאַציאָנאַלע זאָרגלאָזיקייט און מיר פאָדערן ביי זיך גופא אַ דין־וחשבון, אַ נאַציאָנאַלן דין־וחשבון.

ווי יעדע געזונטע ראָמאַנטיק, דינט אויך די ראָמאַנטיק פונם „שטעטל״ דעם רעאַלן לעבן, נישט אַפּריסנדיק עס פון דער באַוועגונג פאָראויס, נאָר דערמאָנענדיק וועגן דעם, וואָס עס פעלט אין אים. נישט צו די פאָרמען פונם אַלט־קליינשטעטלדיקן לעבן רופט אונז אַש׳ס „שטעטל״, נאָר צו זיין גאַנצקייט, צו זיין פולקייט מיט גייסטיק־נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, צו זיין לעבנס־פולקייט, נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען, נישט געקוקט אויף אַלץ וואָס שטערט זיין פּראָגרעס.

* * *

די יידישע ליטעראַטור, ווי איך האָב געזאָגט אויבן, איז אַ קליינשטעטלדיקע ליטעראַטור. מען קאָן אפילו דרייסט אויסברייטערן דעם דאָזיקן באַגריף און זאָגן, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַ ליטעראַטור פון קליינע שטעטלעך: פון מענדעלעס שטעטל, פון שלום־עליכם׳ס שטעטל, פון ווייסענבערגס שטעטל, פון בערגעלסאָנס שטעטל א. א. וו., א. א. וו.; אָבער אַש׳ס שטעטל פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט אין דער גאַלעריע פון

אונזערע ליטעראַרישע שטעטלעך. דאָס איז אַ שטעטל — אַ סימבאָל, אַ שטעטל — אַ טרוים.

אַלע האָבן געמאָלן דאָס שטעטל מיט ברייט־אויפגעריסענע, שאַרפע אויגן, דורכנעמענדיק עס דורך און דורך רעאַל, און בלויז אַש האָט געשריבן זיין „שטעטל" מיט צוגעמאַכטע אויגן, פאַרזונקען אינם דראַאינערונגס־טרוים. און דער דאָזיקער טרוים איז אַרויסגערופן געוואָרן נישט בלויז דורך אַש'ס אינדיווידועלער באַדערפעניש, נאָר דורך דער באַדערפעניש פון זיין דור, וואָס האָט פאַרלוירן דעם וועג נאָך זיין אַרויסגיין פונם שטעטל.

אָט די דאָזיקע שטימונג האָט באַזונדערס גוט אויסגעדריקט נאָמבערג, דער שילדערער פון יידישן אינטעליגענט, וועלכער האָט זיך געפילט פאַרלוירן אין דער פרעמדער שטאָט. דער העלד פון „אין אַ חסידיש הויז" פילט זיך „אין אַ פרעמדער שטאָט, צווישן פרעמדע מענטשן און אַ פרעמד לעבן". אָט דאָס איז דאָס געפיל פון אַ גאַנצן דור. און אָט, פאַרלוירן גייסטיק־נאַציאָנאַל אין פרעמדע שטעט, האָט אַש'ס דאָזיקער דור פאַרמאַכט די אויגן און איז מיט אַ באַגליקטן שמייכל פאַרזונקען אינם טרוים וועגן זיין שטעטל, וווּ עס איז געווען אַזאַ גלייכער וועג, וווּ עס איז אַזוי לייכט געווען איינצוהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט.

עס איז גוט, ווען דער פאַרבלאָנדזשעטער פאַרטרוימט זיך אַביסל וועגן דער היים, — פון דעם דראַאינערונגס־טרוים שעפּט ער זיכערקייט אין זיך, האָפענונג און — ווער ווייסט!? — אפשר די וויזיע פון וויטערדיקן וועג.

וועגן בעלעטריסטיק און גרוים־בעלעטריסטיק

וואָס איז בעלעטריסטיק?

פּובליציסטיק איז אַבסטראַקט; דער פּובליציסט גיט נאַקעטע אידעען, וואָס האָבן נישט קיין אינדיווידועלן לבוש; בעלעטריסטיק אָבער איז קאָנקרעט־אינדיווידועל.

לאָמיר נעמען אַ קלאַסישן ביישפּיל — דער ערשטער וואָס פאַלט מיר איין — „קהלת" איז וווּנדערבאַרע פּובליציסטיק, עסייאיסטיק, נשמה אָן אַ קערפּערלעכן לבוש; איוב איז קאָנקרעט־אינדיווידועלע בעלעטריסטיק; קהלת ליידט — פאַר זיין גורל און דער מענטשהייטס — פילאָזאָפיש בלויז אינטעלעקטועל; איוב ליידט — פאַר זיין גורל און דער מענטשהייטס — קאָנקרעט־אינדיווידועל, מיט זיין גאַנצער נשמה, מיט זיין גאַנצן וועזן, נישט נאָר מיטן פאַרשטאַנד.

וואָס־זשע איז די אַזוי גערופענע גרויסע בעלעטריסטיק?

ווען דורך די איבערלעבענישן פונם קאָנקרעט־אינדיווידועלן מענטשן ווערט געזען דאָס אַלגעמיינע, דאָס קאָלעקטיווע, ד. ה. ווען דאָס קאָנקרעט־אינדיווידועלע איז טאַקע קאָנקרעט־אינדיווידועל, אָבער גלייכצייטיק איז דאָס אויך אַ סימבאָל פאַר דאָס כללישע.

לאָמיר נעמען קודם־כל שלום עליכמ'ס רב ר' יוזיפּל אין דער דערציילונג „זיך פאַרבענקט אהיים".

ווען מען גיט דעם רב צו באַטראַכטן די אַקציע פון יידישן קאָלאָניאַל־באַנק, טוט ער אָן די ברילן, און „געקוקט, געקוקט, פאַוואָלינקע באַטראַכט פון אַלע זייטן די יידישע אַקציע פון אונזער אייגענער באַנק", און דערזען יידישע אותיות, געדרוקט אויף לשון הקודש, האָט ער אָנגעטאָן דאָס שבתדיקע היטל, געמאַכט אַ ברכה „שהחיינו", און ווידער אַמאָל געקוקט... און דאָס פּנים האָט אים אָנגעהויבן ווערן עפּעס ווי מרה־שחורה־דיק, און מען וואָלט געמעגט שווערן, אַז עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן".

דער עולם זאָגט צו אים: — „רבי! וואָס זאָרגט איר זיך?... מען באַדאַרף זיך פרייען, טאַנצן באַדאַרף מען גיין, צום סוף... ווי קומט דאָס צו אייך?..."

אָבער ר' יוזיפּל דער רב האָט נישט באַלד געענטפערט. ער האָט אַרויסבאַקומען ערגעץ פון אַ קעשענע, וואָס הינטן אין דער קאַפּאָטע, אַ משונה־מאָדנע פאַטשיילע, האָט אויסגעשנייצט כלומרשט די נאָז, נאָר אין אמתן מיין איך אַז ער האָט אַ וויש געטאָן די אויגן, און אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ און מיט זייער, זייער אַן אָנגעבראָכן קול:

„— כ'האָב מיך פאַרבענקט אַהיים"...

איר זעט ר' יוזיפּילען מיט אַלע זײַנע תּנועות, ער איז אַ קאָנקרעטער יחיד, און זײַן טרער איז נישט קיין אַבסטראַקטע, נאָר אַ יחידישע, וואָס האָט טאַקע פּיכט געמאַכט אַ מענטש־לעך אויג פון אַ קאָנקרעט־אינדיווידועלער פּערזאָן, וואָס איז ר' יוזיפּיל דער רב, אָבער גלײַכצײַטיק דערשפּירט איר אַז די דאָזיקע יחידישע טרער איז נישט קיין יחידישע, נאָר אַ טרער פון אַ פאָלק. דער רב ר' יוזיפּיל האָט זיך פאַרבענקט אַהיים, אָבער זײַן יחידישע בענקשאַפט איז די בענקשאַפט פון אַ כּלל, פון אַ פאָלק, און איר פילט דאָס, איר זעט דאָס דורך דער פּריזמע פון איין יחיד, וועלכער טראָגט אין זיך די בענק־שאַפטן פונם כּלל...

און דערפאַר איז דער קלימאַקס פון שלום עליכמ'ס דער־ציילונג אַ גרויס־בעלעטריסטישער.

און ווען איר זעט זיידלען פון שלום עליכמ'ס דערציילונג „דרייפוס אין כּסריליעווקע", זעט איר פאַר זיך אַן אינדיווידועלן טיפּ, און די וואָס שפּאַרן זיך מיט אים, די ייִדן וועלכע שרײַען (ווען מען פאַרמשפּט דרייפוסן: „סע קאָן נישט זײַן אין דער וועלט אַזאַ משפּט! הימל און ערד האָבן געשוואָרן, אַז דער אמת מוז אַרויף, ווי בוימל אויפן וואַסער. וואָס ווערסטו אונז דערציילן מעשׂיות")‏, זענען אויך ייִדן יחידים, וועלכע מיר האָבן אַלע געקענט מיט אַלע זייערע תּנועות, אָבער גלײַכ־צײַטיק שרײַט דורך די אינדיווידועלע ייִדן דאָס טיפּ ייִדישע, דאָס שרײַט אַ פאָלק, וואָס זעט כּסדר אַז דאָס אומרעכט זיגט און דאָך גלייבט עס — עס וויל נישט גלייבן אַנדערש! — אַז די גערעכטיקייט מוז זיגן.

דאָס געפינט איר אויך ביי אַנדערע ייִדישע שרײַבער און דאָרט ווו איר געפינט עס, האָט איר גרויסע בעלעטריס־טיק, גרויסע קונסט.

נעמט, ווי נאָך אַ בײַשפּיל, אַפּאַטאָשוס „אליהו בחור". ער אַרבעט אין וואַטיקאַן, אין דער ביבליאָטעק פון אַ קאַר־דינאַל, זײַן פרײַנד און מעצענאַט. און פּלוצלונג ווערט ער אַ פּאַרציטערטער — די גלאָקן האָבן זיך צעקלונגען. איר זעט אַ קאָנקרעטן יחיד אין זײַן צעטומלטקייט, אין זײַן פּאַ־

נישער שרעק, אָבער גלייכצייטיק פילט איר, אַז דאָס ציטערן אין אליהו בחור דורות יידן, פאַר וועלכע די קלויסטער־גלאָקן האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער אויסגעקלונגען טויט און פאַרשקלאַפונג. (עפּעס ענלעכס גיט איבער ישעיה שפּיגל אין איינער פון זיינע געטאָ־דערציילונגען, אין וועלכער געטאָ־יידן אַרבעטן אין אַ קלויסטער אַלס צוואַנג־אַרבעטער און די גלאָקן צעקלינגען זיך פּלוצלינג).

אַזוי געפינט איר דאָס אויך ביי י. י. זינגער, אין זיין דערציילונג וועגן אַ דאָרפס־ייד, וועלכער לעבט גוט מיט די פּויערים, אָבער דער פרעמדער אין אים קריכט אַרויס, ווען ער דאַרף צוזאַמען מיט זיי גיין לינטשן אַ פערד־גנב.

איר זעט דעם קאָנקרעטן יחיד, אָבער דורך אים רעאַגירט דער כלל, מיט וועמען ער האָט זיך אינערלעך־אומבאַוווסטזיניק צונויפגעוואַקסן דורך אַ קייט פון דורות.

יאָ, בעלעטריסטיק האָט צו טאָן מיטן יחיד; גרויסע בעלעטריסטיק — מיטן יחיד, וואָס פאַרקערפּערט דורך זיך סימבאָליש דעם כלל, וואָס זיינע אינדיווידועלע האַנדלונגען זענען גלייכצייטיק סימבאָלישע האַנדלונגען פון אַ כלל.

וועגן בעלעטריסטישן אמת

א. דערציילונגען פון גיהנום

ירחמיאל בריקס איז אַ יונגער מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט לאָדזשער געטאָ און אוישוויץ, איז אַרויס גאַנץ פון קאַלך־אויוון, געפינט זיך אין אַמעריקע און איז ממשיך דעם וועג פון אַ יידישן דיכטער און שרייבער, — אַ וועג, אויף וועלכן ער איז אַרויפגעטראָטן האַרט פאַר דער מלחמה: אין יוני 1939 איז אין לאָדזש דערשינען זיין ערשט ביכל לידער — „יונג־גרין־מאַי".

ער איז ממשיך דעם וועג פון יידישער וואָרט־שעפערישקייט, אָבער די ריכטונג פון זיין דאָזיקן וועג האָט זיך שטאַרק געענדערט זייט 1939; און צוזאַמען מיט דער ריכטונג האָבן זיך

געענדערט די האָריזאָנטן, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר דעם יונגן שרייבער.

צווישן זיין ערשט ביכל (אין 1939) און זיין צווייטן (אין 1952) ליגן געטאָ און אוישוויץ, און דער „יונג־גרין־מאַי" האָט אָפּגעבליט, ווי גאָרנישט געווען, און עס האָט זיך צעבליט דער אימהדיקסטער אומגליק אין דער יידישער געשיכטע — דער היטלער־קאַשמאַר; אָבער אויך זיין באַגלייט־דערשיינונג — דאָס געפיל פון אַ פאָלקס גיין צו דער עקידה, „אויף קידוש השם", — אַ ביכל מיט דריי דערציילונגען פון געטאָ און אוישוויץ. (ירחמיאל בריקס: „אויף קידוש השם" און אַנדערע דערציילונגען, מיט אַ הקדמה פון דר. א. מוקדוני, אַרויסגעגעבן פון ירחמיאל בריקס בוך־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1952, 144 ז"ז).

* * *

עס איז זייער שווער צוצוגיין צו אַזאַ בוך, ווי צו ליטעראַטור.

מען קאָן נאָך לייכט צוגיין ווי צו ליטעראַטור צו דעם טייל פון דער חורבן־ליטעראַטור, וואָס די מחברים אירע זענען דאָרט נישט געווען, וואָס די מחברים אירע כאַפּן אייליק ברעקלעך פון חורבן, מיט דער איינציקער כוונה צו מאַכן פון דעם ליטעראַטור, כדי נישט אָפּצושטיין פון דער „מאָדע", כדי ליטעראַריש צו פּראָפּיטירן פונם אומגליק — נישקשה, דער שאָטן פון דער טראַגעדיע וועט שוין פאַרשטעלן זייער ליטעראַרישע נאַקעטקייט (שוואַכע שרייבער כאַפּן זיך תמיד צו שטאַרקע טעמעס, זיי, די טעמעס, זאָלן אויסטראָגן אויף זיך זייער ליטעראַרישן נישט־קאָנען).

אויך אין מעלבורן האָבן מיר שוין געהאַט אַזעלכע מוסטערן פון ליטעראַרישער חורבן־שענדונג.

ירחמיאל בריקס אָבער געהערט צו יענער גרופּע חורבן־שרייבער, וואָס זענען דאָרט יאָ געווען, וואָס מוזן און דאַרפן שרייבן פונם דאָרט; איז טאַקע שווער צוצוגיין צו אַזעלכע ביכער ווי צו ליטעראַטור. הינטער אָט דער ליטעראַטור שטייט דאָך דער מענטש און יענעווירקלעכקייט, וואָס ער רעפּרעזענ־

טירט מיט זיך. הינטער דעם שוואכסטן זייטל זייערן שטייט יענע ווירקלעכקייט, און ווען אפילו נישט ליטעראריש אָנגעקליידט ווי געהעריק, זעען מיר זי אין איר גרויליקער אמתדיקייט. און עס איז שווער צוצוגיין צו אַזאַ ווערק ווי צו ליטעראַטור.

אָבער מען געוווינט זיך צו אויך דערצו.

* * *

די גרעסטע דערציילונג פון די דריי איז די ערשטע — „אויף קידוש השם", וועגן לעבן אין לאָדזשער געטאָ און אין אוישוויץ; וועגן גרויסן אומקום אין לאָדזשער געטאָ און אין אוישוויץ.

אָט די דערציילונג איז אַ געמיש פון געטאָ־ און אוישוויץ־רעפּאָרטאַזש פּליוס בעלעטריסטיק.

דאָרט ווו די בעלעטריסטיק באַפאַרבט בלויז דעם רעפּאָר־טאַזש, ווירקט די דערציילונג זייער שטאַרק מיט איר געפּרעסט־קייט און פּשטות. אָבער דאָרט ווו די בעלעטריסטיק נעמט די אויבערהאַנט און ווערט דער עיקר, איז זי זייער שוואַך, נישט איבערצייגנדיק.

דבורה־לאה'ס גיין אויף קידוש השם דערפאַר, ווייל זי דערמאָנט זיך אינם קידוש השם פון איר טאַטן; און איר קליין מיידעלעס, רבקה'לעס, גיין אויף קידוש השם דערפאַר, ווייל זי דערמאָנט זיך אינם קידוש השם פון איר מאַמען, איז שטאַרק קינסטלעך.

דאָס איז נישט קיין פראַגע פון רעאַליסטישער וואַרשיינ־לעכקייט; דער דאָזיקער דורך דורות געקייטלטער קידוש השם וואָלט געמעגט בלייבן סימבאָליש און דאָך דערגרייכן זיין ציל, ווען ער וואָלט געווען קינסטלעריש איבערצייגנדיק. די צרה איז, וואָס אָנשטאָט קינסטלערישן סימבאָל זעען מיר די נאַקעטע כוונה, וואָס דער מחבר איז אומפּעאיק געווען זי צו פאַרקער־פּערן קינסטלעריש.

אין דער דערציילונג זענען דאָ נאָך קינסטלעכע געשטאַלטן — דער וואַמפּיר פון אוישוויץ, אירמאַ גרייזער, איז צווישן די קינסטלעכסטע.

און סיי דער בעלעטריסטיש שלעכט־געפירעמטער קידוש־השם־מאָמענט, סיי דער בעלעטריסטיש שלעכט־געפירעמטער סאַ־

דיזם פון אַן אירמאַ גרייזער, זענען לחלוטין איבעריק געווען. צו וואָס קינסטלעך שאַפן בעלעטריסטישע שפּאַנונגס־מאָמענטן ביי אַ שטאָף, וואָס דורך זיין עצם אמתדיקייט שאַפט ער די גרעסטע טראַגישע שפּאַנונג אין דער געשיכטע?

ווען די דערציילונג וואָלט געווען דערפירט געוואָרן ביזן סוף אין זעלבן געדעמפטן, בעלעטריסטיש קוים־באַפּאַרבטן רע־פּאָרטאַזש־טאָן, ווי זי ווערט אָנגעהויבן, וואָלט זי געווען נישט דער ערך בעסער.

דער קידוש־השם־מאָמענט פון דער דערציילונג איז אַ סך שטאַרקער דאָרט, וווּ ער ווערט נישט בעלעטריסטיש אויסגע־טיילט און שרייאיק אויסגעאַרבעט.

די צווייטע דערציילונג פונם ביכל, „אַ קאַץ אין געטאָ", איז פון די דריי דערציילונגען אין בוך די איינציקע עכט־בעלעט־ריסטישע זאַך. דאָס איז אַ ריכטיקע הומאָרעסקע. און גוט גע־שריבן. ס'שטערט איר אויך נישט דאָס, וואָס עס ווערט אין איר אריינגעפלאָכטן אַ שטיק געטאָ־רעפּאָרטאַזש; אדרבא, אָט די דיגרעסיע העלפט אויסברייטערן דעם טראַגישן פּאָן, אויף וועלכן עס שפּילט זיך אָפּ די הומאָרעסקע, אָדער ריכטיקער — די טראַגי־קאָמעדיע פון „אַ קאַץ אין געטאָ".

עס איז קלאָר, אַז אויפן פּאָן פון געטאָ דאַרף מען זיך נישט אָנשטרענגען צו שאַפן אַ טראַגי־קאָמעדיע. עס איז גענוג צו פירן די הומאָריסטישע ליניע פון דער דערציילונג, כדי זי זאָל ווירקן טראַגי־קאָמיש.

אין געטאָ, וווּ מען טאָר נישט האַלטן קיין הויז־חיות (אַזוי האָבן געוואָלט די אַרישע קאַניבאַלן), און מען נויטיקט זיך אין קעץ, כאַפּט אַ פרוי אַ קאַץ. זי גיט זי איבער אין די הענט פון איר פון פריער אָפּגערעדטן שותף, און דעם גאַנצן לעבל ברויט, וואָס מען קריגט ביי דער יידישער געטאָ־מאַכט פאַר אַ קאַץ, וועט מען טיילן אויף צווייען.

ווער עס זעט די קאַץ, וויל ווערן אַ שותף צו איר, צום לעבל ברויט, וואָס מען קריגט פאַר איר, ווייל אַ שטיקל מער ברויט באַדייט אין געטאָ—לעבן. אַלע זענען מקנא דעם קאַץ־באַזיצער, — ער האָט אַן אוצר. היינט די האָפענונגען, וואָס ער

פאַרבינדט מיט דער בשותפותדיקער קאַץ (און נישט נאָר ער — אויך זיין פרוי און אַלע, וואָס ווילן ווערן שותפים)!

אָבער אַנשטאָט צו באַקומען ברויט פאַר דער קאַץ, עסט די קאַץ אויף זיין פּאַרציע פערד־ווורשט; און ווען מען רייסט אויף זיין טיר און מען גנבעט אָפּ זיין אוצר — די בשותפותדיקע קאַץ! — מוז ער נאָך באַצאָלן מיט ברויט פאַר אַ נייעם שלאָס אויף דער טיר.

און דער סוף? מען גלויבט אים נישט, אַז אין דער אַפּראָ־וויזאַציע־אָפּטיילונג האָט מען פאַר דער קאַץ נישט געוואָלט צאָלן מיט ברויט; מען גלויבט אים נישט, אַז מען האָט די קאַץ אַרויסגעגנבעט, אַז ער האָט נאָך צוגעלייגט צו איר זיין ווורשט און זיין ברויט פון דער אָרעמער געטאָ־פּאָרציע. און דער גליק־לעכער קאַץ־באַזיצער, וואָס האָט אויפגערודערט אַ גאַס מיט שכנים, שיער נישט אַ האַלבע געטאָ מיט זיין גליק, זיצט און וויינט.

עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס דער סוף פאַרנעמט זיך מיט דער פּריוואַטער טראַגעדיע פונם קאַץ־באַזיצער, בעת די דערציילונג האָט באַדאַרפט זיך פאַרענדיקן נישט מיטן נישט גלויבן זאַבלו־דאָוויטשן, אַז מען האָט אים אָפּגעגנבעט די קאַץ, נאָר אדרבא מיט גלויבן אים און במילא מיט אַלעמענס דערפילן זייער גע־מיינזאַמע טראַגעדיע, וואָס שפּיגלט זיך טראַגי־קאָמיש אָפּ, ווי צום בולטסטן, אין דער פאַנטאַסטישער געשיכטע מיט דער קאַץ, וואָס אַזוינס קאָן זיך אָפּשפּילן נאָר אין געטאָ, — אפילו נישט אין דער קראַנקער פאַנטאַזיע פון אַ משוגענעם.

געוויס, די קאָלעקטיווע טראַגעדיע איז דאָ אויך אינם סוף פון דער דערציילונג, פּונקט ווי אויף איר גאַנצן שטח, אָבער זי איז דאָרט דאָ אינטעלעקטועל, אינם באַוווסטזיין פונם גוטן לייענער, — בעלעטריסטיש איז זי נישטאָ אינם סוף, ד. ה. זי פעלט דאָרט, ווו זי דאַרף זיין צום מיינסטן, אינם קלימאַקס.

דער קלימאַקס פון אָט דער שטאַרקער דערציילונג וואָלט אומבאַדינגט בעלעטריסטיש געוועז באַדאַרפט זיין אינגאַנצן אַן אַנדערער.

אין אַ בריוו צו ירחמיאל בריקס שרייבט דער דיכטער מאַני לייב וועגן „אַ קאַץ אין געטאָ".

„,אַ קאַץ אין געטאָ׳ בעט זיך ממש דראַמאַטיזירט צו ווערן און אויפגעפירט צו ווערן אויף דער בינע. און איך ראָט אייך דאָס צו טאָן.... ווען איר וועט דראַמאַטיזירן די זאַך, קאָן עס ווערן אַ גרויסע טראַגי־קאָמעדיע, וואָס וועט סימבאָליזירן אונ־זער אומגליק אויף אַזאַ אופן, וואָס די גאַנצע דאָקומענטאַלע ליטעראַטור אַרום אונזער חורבן האָט עס נישט געקאָנט דער־גרייכן".

אין מאַני לייבס ווערטער איז דאָ אַ גרויסער אמת. אין די הענט פון אַ דראַמאַטורג קאָן די דאָזיקע גוטע דערציילונג ווערן אַ גרויסע טראַגי־קאָמעדיע. אָבער מיט איין תנאי: דער סוף זאָל נישט זיין ווי פון אַ ביליקער הומאָרעסקע, נאָר ווי פון אַ נאַציאָנאַלער טראַגי־קאָמעדיע: אַלע אָנטיילנעמער פון דער טראַגי־קאָמעדיע דערזעען זיך, ביים דערוואַכן פון די האַ־פּענונגען אויף דער קאַץ, אין דער געהעריקער ליכט.

„בערעלע אין געטאָ" איז אַ שטיק געטאָ־ווירקלעכקייט; אַ רעפּאָרטאַזש וועגן געטאָ, וועגן גורל פון איין געראַטעוועטן געטאָ־קינד; און די געשיכטע פון אַ שטרייק, וואָס בערעלע פירט אין אַ געטאָ־וואַרשטאַט.

און אָט דאָס לעצטע מאַכט אַ תּל פון אַ גוטער רעפּאָר־טאַזש־דערציילונג.

„בערעלעס עלטערן זענען געווען סאָציאַליסטן, דערפאַר האָט ער (בערעלע — י. ר.) געוווסט ווי אַזוי אָנצופירן אַ שטרייק", — דערקלערט אונז ירחמיאל בריקס.

בערעלע איז 9—10 יאָר אַלט בעתן פירן דעם שטרייק, וואָס קומט פאָר אין 1942 אָדער 1943. זייט 1939 האָבן זיינע עלטערן זיכער נישט געפירט קיין שטרייקן אין לאָדזש, — האָט זיך דער זעקס־זיבניאָריקער בערעלע אויסגעלערנט ביי זיי צו פירן שטרייקן דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען סאָציאַליסטן?

אָט דער איבערגעבראַכטער זאַץ וואָלט זיך אפשר געפּאַסט (ווי אַנדערע זאַצן פון דעם סוף פון דער דערציילונג) פאַר אַ דערציילונג פאַר קינדער, אָבער נישט פאַר דערוואַקסענע...

* * *

ירחמיאל בריקס׳ בוך איז זיין ערשטער פּראָזע־פּרווו. און אַלס אַזאַ איז ער גאַנץ געלונגען (באַזונדערס מיט אַזאַ פּאָזיציע

ווי „אַ קאַץ אין געטאָ"). אָבער אַ יונגער שרייבער נויטיקט זיך נישט נאָר אין אַ וואָרט פון דערמונטערונג, נאָר אויך אין אַ וואָרט פון וואָרנונג.

בריקס מוז וויסן די פעלערן, וואָס ער האָט געמאַכט אין זיינע דערציילונגען, כדי זיי נאָכאַמאָל נישט צו מאַכן, כדי צו באַמיען זיך זיי אויסצומיידן.

אויב עמיצער וועט אים איינרעדן, אַז זיין בוך איז פּערפעקט, זאָל ער וויסן, אַז ער האָט פאַר זיך אַ שונא נומער איינס פון יונגע שרייבער.

דעם אָגולנעם רימער קאָסט עס גאָרנישט; דער גערימטער באַצאָלט אָפּט זייער אַ סך פאַר דעם וואָס מען שלעפּערט אים איין מיט לויב־כלאָראָפאָרם, וואָס מען וועקט נישט זיין קריטישע וואַכזאַמקייט, — איינע פון די נויטווענדיקסטע איינגשאַפטן פאַר אַ שרייבער.

איך מיין, אַז אַ סך טאַלענטירטע שרייבער ביי אונז האָבן זיך נישט אַנטוויקלט צוליב אונזער קריטיק.

ב. וואָס איז בעלעטריסטישעם אמת?

אין מיין רעצענזיע וועגן ירחמיאל בריקס „אויף קידוש־השם" („יידישע פּאָסט פון 19טן יוני 1953) האָב איך געשריבן:

„דאָרט ווו די בעלעטריסטיק נעמט די אויבערהאַנט (איבערן רעפּאָרטאַזש, י. ר.) און ווערט דער עיקר, איז זי זייער שוואַך, נישט איבערציינגנדיק...

„און סיי דער בעלעטריסטיש שלעכט־געפורעמטער קידוש־השם־מאָמענט, סיי דער בעלעטריסטיש שלעכט־געפורעמטער סאַדיזם פון אַן אירמאַ גרייזער, זענען לחלוטין איבעריק געווען. צו וואָס קינסטלעך שאַפן בעלעטריסטישע שפּאַנונגס־מאָמענטן

ביי אַ שטאָף, וואָס דורך זיין עצם אמתדיקייט שאַפט ער די גרעסטע טראַגישע שפּאַנונג אין דער געשיכטע?"

אָט די שטעלן אין מיין רעצענזיע האָבן אַרויסגערופן אַ פּריינטלעכן בריוו־אויסטויש צווישן מיר און דעם מחבר.

היות די פראַגע, וואָס ווערט באַרירט אין דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ, האָט אַן אַלגעמיין־ליטעראַרישן אינטערעס, האָב איך באַשלאָסן צו באַרירן זי אין מיין „טאָג־בוך פון אַ קריטיקער". איך האָב אויך באַקומען די דערלויבעניש פון פריינד ירחמיאל בריקס צו ציטירן זיין בריוו.

* * *

אָט וואָס ירחמיאל בריקס האָט געשריבן וועגן מיין אויבן־ציטירטער באַמערקונג וועגן אירמאַ גרייזער:

„איך וועל אייך אַרויסנעמען פון אַ טעות: אירמאַ גרייזער איז אַן אויטענטישער נאָמען פון אוישוויץ... אין דער דערציילונג „אויף קידוש־השם" זענען נישטאָ קיין צוגעטראַכטע פאַקטן! ניין! היטלער האָט געזאָגט: „מיר דאַרפן טאָן אַזעלכע זאַכן, אַז עס זאָל גאָרנישט גלויבלעך זיין, אַז דאָס קאָן מען האָבן געטאָן... אַלץ איז מעגלעך געווען ביי די נאַציס..."

איך האָב קיינמאָל נישט געספקט אַז די פאַקטן, וועגן וועלכע ירחמיאל בריקס דערציילט אין זיינע דערציילונגען, זענען ריכטיקע. איך ווייס פון דאָקומענטן און זכרונות, אַז נישט נאָר די פאַקטן וואָס בריקס דערציילט זענען ריכטיקע, נאָר אַז זיי זענען נישט פון די שרעקלעכסטע, — אויך ערגערס איז געשען. איך האָב געזאָגט און געמיינט עפּעס גאַנץ אַנדערש. איך האָב בלויז געוואָרפן אַ ספק אין דער בעלעטריסטישער וואַרשיינלעכקייט פון די פאַקטן, ווי אַזוי בריקס גיט זיי, ד. ה. אין זייער בעלעטריסטישער ריכטיקייט.

וואָרום אַ ריכטיקער פאַקט אין אַ כראָניק, קאָן זיין פאַלש אין בעלעטריסטיק, אויב זי באַנוצט אים שלעכט; און פאַרקערט: בעלעטריסטישע פיקציע קאָן זיין אמתדיקער, וואָרהאַפּטיקער פאַר אַ כראָניק־פאַקט, אויב זי איז בעלעטריסטיש גוט.

ווען מען דערציילט אין אַ כראָניק וואָס אירמאַ גרייזער האָט אָפּגעטאָן, איז גענוג אַ באַגלויבטער עדות וואָס באַשטע־

טיקט דאָס, אַז דאָס דערציילטע זאָל רעגיסטרירט ווערן אין אונזער זכרון אַלס פאַקטן, אַלס אמתע פּאַסירונגען; אָבער ווען מען וויל צוגעבן אירמאַ גרייזער מיט אירע מעשים אַ בעלעט־ריסטישע פאָרם און דעם שרייבער געלינגט נישט אויסצופּו־רעמען בעלעטריסטיש די געשטאַלט אַזוי, זי זאָל ווירקן אויף אונזער כח הדמיון און אריינדרינגען אין אונזער געמיט, מעגן די געשטאַלט און די דערציילטע מעשים זיין כולו אמת, ווערן זיי פאַלש און דאָס געמיט אונזערס גלויבט נישט אין זיי, ווייל די געשטאַלט איז בעלעטריסטיש נישט וואַרהאַפטיק.

דאָס בעלעטריסטישע אָדער דאָס קינסטלערישע באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס אַבסטראַקטע, דאָס אַבסטראַקט־פאַקטישע ווערט קאָנקרעט־אינדיווידועל. און אָפט מוז אַן עכטער בעלעטריסט צומישן צו די פאַקטן פיקציע, כדי דאָס פאַקטישע זאָל באַקומען קראַפט אָפּצושטעמפּלען אין מענטשנס געמיט איר — דער פאַקטישקייטס — אמת.

ווען אַ בעלעטריסט וויל איבערגעבן דעם אמת פון אַ דער־שיינונג אין לעבן פון אַ יחיד אָדער פון אַ קאָלעקטיוו, מוז ער זיך דורכדרינגען מיט די פאַקטן, זיי פאַרדייען אינערלעך, אָבער נישט זיין צוגעשמידט צו זיי אויסערלעך. ער דאַרף זיך דורכ־דרינגען מיט זיי, אָבער בלייבן פריי פון זיי אין זיין וויזיע, אין זיין פאַנטאַזיע, כדי צו פאַרקערפּערן דעם פאַרדייעטן קאָנ־קרעטן אמת אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם, וואָס זאָל מאַכן גלויבלעך דאָס אומגלויבלעכע נישט נאָר פאַרן אינטעלעקט, נאָר אויך פאַרן כה הדמיון דורך אינדיווידואַליזירן דאָס אַב־סטראַקטע, דורך איבערגעבן דעם גייסט פון די געשעענישן אין אַ צוגעפּאַסטער פאָרם; מיט איין וואָרט, ער דאַרף קאָנען פאַר־וואַנדלען דעם פאַקטישן אמת אין אַ בעלעטריסטישן.

און דאָס איז נישט אַזוי לייכט. דאָ דאַרף מען אָפט קאָנען אָפּרייסן זיך פון פאַקטישע דעטאַלן, כדי נישט צו טויטן דאָס גאַנצע, דעם אינערלעכן אמת, וואָס ליגט אין זיי.

די וויכטיקייט פון דאָזיקן פּראָצעס באַשטייט דערין, וואָס דער פאַקטישער אמת רעדט אָפט בלויז צום פאַרשטאַנד, בעת דער בעלעטריסטישער אמת רעדט צום געמיט, צום כה הדמיון, וואָס קאָן טיפער אויפרודערן דעם מענטשן, ווי דער פאַרשטאַנד.

דער פּאַקטישער אמת דערציילט וועגן איין קאָנקרעטן אמתן פּאַל, בעת דער בעלעטריסטישער אמת גיט איבער דעם עיקר־דיקן אמת פון מיליאָנען פּאַלן.

די „קאַץ אין געטאָ" (אַ צווייטע דערציילונג פון ירחמיאל בריקס אין זעלבן בוך) איז זיכער נישט קיין פּאַקטישער אמת אין אַלע פּרטים, און אפשר בלויז אין אַ קליינטשיקער מאָס; און דאָך גיט אָט די דערציילונג איבער דעם אמת פון געטאָ אַ סך מער ווי אַ סך כראָניק־ביכער. זי גיט איבער דעם אינער־לעכן אמת נישט נאָר פון לאָדזשער געטאָ, נאָר פון אַלע געטאָס בימי היטלער. זי גיט נישט איבער דעם אמת פון איין פּאַקט, אָבער זי איז דער אמת פון טויזנטער, מיליאָנען פּאַקטן, וואָס ווערן אינגאַנצן נישט דערציילט, אָבער זייער אמת ווערט פּאַרקערפּערט, פּאַראייביקט דורך בעלעטריסטישער וואַרהאַפּטי־קייט, דורך בעלעטריסטישן סימבאָל.

אירמאַ גרייזערס פּאַקטישע מעשים אין דער דערציילונג „אויף קידוש־השם" ווערן נישט פּאַרקערפּערט בעלעטריסטיש דורך איבערגעבן זייער פּאַקטישן אמת: די געשטאַלט פון דער קאָנקרעטער אירמאַ גרייזער איז צו פעסט געבונדן צו די קאָנ־קרעטע מעשים אירע און דאָס שטערט אַרויסצוברענגען דעם אמת פון די פילע אירמאַ גרייזערס (ווי דאָס טוט מיט דער־פּאָלג רעמאַרק אין זיין בוך „אַ פונק פון לעבן", הגם דאָס איז פיקציע, געבויט אויף אַ בעלעטריסטיש־קאָנדענסירטן, סינטע־טיזירטן אמת).

אין בעלעטריסטיק איז אָפט (און אפשר שטענדיק) וויכ־טיק, אַז דער פּרט־אמת זאָל אומקומען, כדי דער כלל־אמת זאָל זיך צעבליען אין אַ פיקטיווער אינדיווידועלער פאָרם; פּונקט ווי נאָר דאַן, ווען דער ווייץ־קערנדל קומט אום, צעבליט זיך דער זאַנג, אָנגעפילט מיט קערנער.

ווער איז ער, דער גראַפאָמאַן?

גראַפאָמאַן! גראַפאָמאַניע! נישטאָ קיין גרעסער זידל־וואָרט אין דער ממשלה פון דיכטונג.

דיכטער קוקן אויף גראַפאָמאַניע און אויף אירע טרעגער ווי אויף גאָטס אַ שטראָף: זיי קאָמפּראָמיטירן דעם פאַך!

לעזער קוקן אויף גראַפאָמאַניע ווי אויף אַ ווילד אָנשיקעניש: ווער דאַרף דאָס האָבן?!

און אַלע פאָדערן, מען זאָל עס אויסראָטן, ווי מען ראָט אויס אומפּלייט, להבדיל.

אָבער ווען מען גייט־צו צו דער פּראָבלעם „גראַפאָמאַניע״ טעאָרעטיש, קאָן מען זיך נישט באַגנוגענען מיט אונזער געפילס־רעאַקציע. אַ פיש־עסער קאָן טאַקע האָבן דאָס געפיל, אַז דיביינער אין פיש זענען אַן איבעריקע אָנשיקעניש, אָבער אַ זאָאָלאָג מוז אַנדערש קוקן אויף דעם. פאַרן פיש־עסער זענען זיי אַן אָנשיקעניש, מען מוז זיך פאָרען מיט זיי און אַרויסוואַרפן — און כאַפּט מען אריין אַ ביינדל אין האַלדז, איז אוודאַי נישט גוט! — אָבער פאַרן זאָאָלאָג זענען די ביינער נישט קיין אָנשיקעניש, נאָר אַ נאַטירלעך־אַנאַטאָמישער באַשטאַנד־טייל פונם פיש.

די פּראָבלעם וועגן גראַפאָמאַניע שטייט פאַרן ליטעראַטור־פאָרשער פּונקט אַזוי ערנסט, ווי יעדע אַנדערע ליטעראַטור־פּראָבלעם: צי איז גראַפאָמאַניע נישט מער ווי אַ קאַפּריז־קראַנקהייט פון לײדיק גייערס, אָדער זי איז אַ נאַטירלעכע באַגלייט־דערשיינונג פונם דיכטערישן פּראָצעס, אַלס אַזעלכן? און אפשר איז גראַפאָמאַניע נאָך עפּעס מער ווי אַ נאַטירלעכע באַגלייט־דערשיינונג פון דיכטונג, — אפשר דער זעלבער פּסיכישער פּראָצעס, נאָר אויף אַ נידעריקערער אַנטוויקלונגס־מדרגה — אַ מין צווילינג־שוועסטער, נאָר מיט ווייניקער מזל און אַ מיאוסע דערצו?

*   *   *

וואָס איז דער טייטש פון גראַפאָמאַניע? אַ מאַניע צום שרייבן, אַ לײדנשאַפטלעכער דראַנג צו שרייבן.

פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט וואָלטן מיר באַדאַרפט באַצייכענען אַלס גראַפאָמאַן אַזאַ שרייבער ווי באַלזאַק, וואָס איז, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, פאַרצערט געוואָרן פונם אומווידערשטייליכן דראַנג צו שרייבן: פּונקט ווי אַנדערע מענטשן פאַרשפּילן זייער לעבן, האָט ער, באַלזאַק, עס פאַרשריבן; פון

דאָזיקן שטאַנדפּונקט וואָלטן מיר אויך באַדאַרפט דערקלערן אַלס גראַפאָמאַן געטען, וועלכער פלעגט אָנגרייטן ביינאַכט אַ גריפל מיט אַ וואַקס־טאָוול, כדי אין מיטן דער נאַכט קאָנען פאַרצייכענען אַ געדאַנק, אַ גוט געפורעמטן זאַץ; און אוודאי און אוודאי וואָלטן מיר פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט באַדאַרפט שטעמפּלען אַלס גראַפאָמאַן קָנוּט האַמסוּן אַ העלד, אַ דיכטער, וועלכער פלעגט אפילו שרייבן אויף זיינע מאַנזשעטן, אַבי צו שרייבן.

אָבער איך רעכן, אַז קיינער וועט נישט מאַכן דעם קאָנ־סעקווענט־פאַלשן טריט צו באַצייכענען אַ באַלזאַק אָדער אַ געטע אַלס גראַפאָמאַנען. נישט די ליידנשאַפט צו שרייבן, הייסט עס, מאַכט דעם גראַפאָמאַן פאַר אַ גראַפאָמאַן, נאָר די אומ־פעאיקייט צו דערגרייכן איר ציל — שאַפן דיכטערישע ווערק.

וואָס זשע פאַר אַ טעאָרעטישן אויספיר קאָנען מיר מאַכן פון דער ערשטער פעסטשטעלונג אונזערער? אַז דער שרייבער און גראַפאָמאַן האָבן אַ געמיינזאַמען אויסגאַנג־פּונקט, — זייער ליידנשאַפט צו שרייבן, צו וועלן קומען צום אויסדרוק, און די דאָזיקע דערשיינונג, פאַר זיך גופא, איז נישט נאָר נישט קיין שענדלעכע און נישט קיין שעדלעכע—נאָר אַ נאַטירלעכע, ווייל אָן איר וואָלטן מיר טאָקע נישט געהאַט דעם גראַפאָמאַן, אָבער אויך נישט דעם גרויסן דיכטער.

כל־זמן מען האָט געקוקט אויף דיכטונג ווי אויף אַ גליק־געפינס, ווי אויף אַ געשאַנק פון די געטלעכע מוזעס, האָט מען נישט געקאָנט ווי געהעריק אויספאָרשן דעם מהות פון דיכטונג. ערשט ווען מען הויבט אָן צו קוקן אויף דיכטונג ווי אויף אַ ביאָלאָגיש־פּסיכישער דערשיינונג, קאָן מען נעמען אריינדרינגען אין אירע סודות.

אויך מיט גראַפאָמאַניע איז דאָס זעלבע: כל־זמן מען קוקט אויף גראַפאָמאַניע ווי אויף אַ קאַפּריז פון ליידיק גייער, ווי אויף אַן אינדיווידועלער קראַנקהייט, קאָן מען נישט פעסטשטעלן איר אמתן מהות, איר אָרגאַנישע שייכות מיט דיכטונג. ערשט ווען מען שטעלט פעסט דעם נאַטירלעכן ביאָלאָגיש־פּסיכישן כאַראַקטער פון גראַפאָמאַניע, — ערשט דאַן קאָן מען נעמען אריינדרינגען אין די סודות פון גראַפאָמאַניע.

און היות גראַפאָמאַניע וואַקסט אויס פון זעלבן וואָרצל ווי דיכטונג, קאָן מען אפשר דורך אַ ריכטיקן אַנאַליז פון גראַפאָמאַניע גיכער צוקומען צו דער אור־טרייב־קראַפט פון דיכטונג, ווי דורך דיכטונג גופא, ווייל וואָס די דערשיינונג איז איינפאַכער, פּרימיטיווער, אַלץ אָפענער ליגט איר קערן.

לאָמיר־זשע פּרוּוון אַנכאַפּן דעם אור־קערן פון גראַפאָמאַניע.

* * *

אין גראַפאָמאַניע, זאָגט מען, איז שולדיק די מאָדערנע טעכניק: די ראָטאַציע־מאַשין. ביכער זענען אַזוי צוטריטלעך סיי צום לייענען, סיי צום דרוקן, אַז זיי פאַרשפּרייטן אַ מגיפה, וואָס פריערע צייטן האָבן נישט געוווּסט פון איר.

צי איז טאַקע די דאָזיקע מיינונג ריכטיק?

פאַראַן פאַרשער פון דיכטונג, וועלכע דערקלערן, אויפן סמך פון אַ ריזיקן מאַטעריאַל, אַז אין אַמאָליקע צייטן איז די פעאיקייט צו דיכטן געווען אַ סך פאַרשפּרייטער, ווי היינט, — כמעט יעדער איינער האָט געקאָנט דיכטן.

מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז צווישן יענע צאָלרייכע דיכטער איז די מערהייט געווען דאָס, וואָס מיר באַצייכענען אַלס גאַנצע, האַלבע אָדער דריי־פערטלדיקע גראַפאָמאַנען, און בלויז געציילטע זענען געווען דאָס, וואָס מיר באַצייכענען היינט אַלס דיכטער פון גאָטס גענאָד.

ווי מיר זעען, האָט זיך אין תוך גאָרנישט געביטן — ס'האָט זיך נאָר געביטן דער לבוש: אַמאָל איז געווען אַ דיכטונג שבעל־פה און אַ גראַפאָמאַניע שבעל־פה, און היינט איז אַ דיכטונג שבכתב און אַ גראַפאָמאַניע שבכתב.

יעדער איינער פלעגט אַמאָל קאָנען מאַכן אַ גרעסער אָדער קלענער לידל, אָבער צום גרעסטן טייל, ווי די פאָרשער אליין זענען מודה, האָבן זיי אָפּעריִרט מיט פאַרטיקע — אין בעסטן פאַל מיט האַלב־פאַרטיקע — אויסדרוקן, געשאַפענע דורך דיכטער.

היינט קאָן יעדער איינער נאָכמאַכן אַ געשריבענעם מוסטער. דאָס הייסט אָבער נישט, ווי מיר זעען, אַז אין דער פאַרשפּרייטער גראַפאָמאַניע שבכתב איז שולדיק די בוך־דרוקעריי,

די ראַטאַציע־מאַשין. די קאָך־קונסט האָט שטאַרק געענדערט די מענטשלעכע דערנערונג, אָבער דעם עצם דערנערונגס־פּראָצעס האָט זי נישט דערפונדן.

אויב נישט די ראַטאַציע־מאַשין, — טאָ וועד רופט אַרויס צום לעבן די פאַרשפּרייטע דערשיינונג פון גראַפאָמאַניע?

— דער זעלבער דראַנג, וואָס רופט אַרויס די דיכטונג, — דער דראַנג זיך אויסצורעדן, דער דראַנג פון דער פסיכיק אויס־צובאַלאַנסירן זיך, צו קאָמפּענסירן זיך פאַרן מאַנגל פון געוויסע געוואונשענע זאַכן, און אַנדערע פּסיכישע נויט־באַדערפעניש.

רעדנדיק וועגן די נעוראָטישע קראַנקהייטן ווייזט זיגמונד פרויד אויף, אַז יעדעס קינד מוז דורכמאַכן, ביים אַריינוואַקסן אין דער וועלט פון קולטור, אַ נעוראָטישע קראַנקהייט; אָבער די מערהייט קומען אַרויס פון דאָזיקן נאָרמאַלן קראַנקהייט־צו־שטאַנד געזונט, זיי זענען אַליין גובר די קראַנקהייט, — בלויז אַ קליינער טייל האָט נישט גענוג כחות גובר צו זיין די קראַנק־הייט (און אַמאָל זענען פאַראַן דערצו געוויסע ספּעציפישע סי־בות) און זיי ווערן נעוראָטיש קראַנק.

אויך דער דראַנג צו דיכטונג (קומען צום אויסדרוק) איז אַ נאָרמאַלע קינדער־קראַנקהייט, וואָס יעדער יוגנטלעכער מוז דורכמאַכן ביים אַריינוואַקסן אין דער וועלט. יעדער יוגנטלעכער אַנטפּלעקט, אין אַ געוויסן מאָמענט, די וועלט פון דרויסן און די וועלט אין זיך. דאָס איז אַ געוואַלדיקע איבערלעבונג. יעדן איינעם דאַכט זיך, אַז ער איז דער ערשטער, וואָס אַנטפּלעקט די דאָזיקע צוויי וועלטן, ביז אים זענען אַלע פאַרבייגעגאַנגען די דאָזיקע צוויי וועלטן בלינדערהייט. דער איינדרוק זיינער מאָנט אַן אויסדרוק — דער פּרימיטיווער מענטש האָט גערימטעט, גע־זונגען בעל־פּה (אויך נאָך היינט), דער מאָדערנער מענטש — שרייבט. (דער קעגנזאַץ איז, נאַטירלעך, נישט אַזוי אויס־באַלאַנסירט: פאַראַן אויך היינט פּרימיטיווע מענטשן, וועלכע באַנוגענען זיך מיט טרוימען אויף דער וואָר, מיט זינגען פאָלקס־לידער, וואָס דריקן אויס זייערע איבערלעבונגען, און אפילו די קולטור־מענטשן שרייבן נישט אַלע — אַנדערע ווילן שרייבן אָבער באַנוגענען זיך מיט לייענען. אָבער איך שטעל זיך אָפּ אויף די סימפּטאָמאַטישע עקסטרעמען.)

ביי אַ גרויסן טייל גייט די דאָזיקע שרייב־ניוראָזע איבער פון זיך אַליין — זיי נעמען באַפרידיקן זייער אויסדרוק־באַדערפעניש דורך... לייענען דיכטונג — דאָס הייסט, די דיכטונג נעמט דערפילן לגבי זיי איר באַפרייערישע, געזונט־מאַכנדיקע פונקציע — ווי דאָס פאָלק באַפרידיקט זי דורך זינגען פאָלקס־לידער, דורך הערן מעשיות און לעגענדעס. בלויז אַ קליינער טייל בלייבט קראַנק — און פון דאָזיקן קליינעם טייל זענען געציילטע — דיכטער, די מערהייט — גראַפאָמאַנען.

גראַפאָמאַניע איז אַזוי אַרום נישט קיין אָנשיקעניש, נאָר אַ פאַראומגליקטער עטאַפּ פון אַ נאָרמאַלן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. דער יחוס־אבות איז ביי גראַפאָמאַניע דער זעלבער, ווי ביי דיכטונג, נאָר דער יחוס־עצמו איז שוין גאָר אַן אַנדערער.

* * *

טאַפּט מען אָן דעם איידעלן וואָרצל פון גראַפאָמאַניע, קאָן מען זיך שוין נישט באַציען צו דער דאָזיקער דערשיינונג מיט אַזאַ ביטול און לייכטזיניקייט, ווי מען איז דאָס געוווינט צו טאָן. די גרענעץ צווישן דיכטונג און גראַפאָמאַניע מוז טאַקע ביז גאָר שאַרף אָפּגעטיילט און געהיט ווערן, אָבער דער גראַפאָמאַן איז ווערט אַן אַנדער באַציאונג, ווי די טראַדיציאָנעלע חוזק־באַציאונג: אונטער דער ליטעראַרישער אומבאַהאָלפנקייט צאַפּלט זיך אָפּט אַן אויסדרוק־פאַרלאַנג פון אַזאַ ריינעם און געהויבענעם אָפּשטאַם, אַז עס איז אַן עוולה אים צו באַגיסן מיט חוזק און ביטול — מיר דאַרפן פאַר אים אַליין אויפדעקן זיין געהויבענעם יחוס, אים אויפווייזן ווי נישט פּאַסיק עס איז צו וועלן מזווג זיין אַזאַ אויסדרוק־פאַרלאַנג און אַזאַ אויסדרוק־פאַרקערפּערונג, אים אויפווייזן אויפן קוואַל פון דיכטונג, ווו ער קאָן פולווערטיק באַפרידיקן זיין אויסדרוק־פאַרלאַנג.

אויף אַזעלכע אויסגעהיילטע גראַפאָמאַנען (איך באַנוץ דאָ נישט דאָס וואָרט אין זיין געוויינלעכן בלינדן זידל־באַדייט, נאָר אין זין פון מיין טעאָרעטישן אַנאַליז) וואַרט די דיכטונג מיט אומגעדולד: זי איז פאַר זיי ווי געשאַפן געוואָרן, קיינעם לייזט זי נישט אויס אַזוי שטאַרק ווי די דאָזיקע פּאָטענציעלע דיכטער.

י. ראַפּאָפּאָרט

דאָס טיפּישע און אינדיווידועלע אין אונזער ליטעראַטור

אין גרויסן פאָרוואָרט צו מענדעלעס אויטאָביאָגראַפיע „שלמה ר' חיים'ס", פירט שלמה א לאַנגן וויכוח מיט די פריינד זיינע, וועלכע בעטן אים, ער זאָל באַשרייבן זיין לעבן. איינער פון זיינע אַרגומענטן באַשטייט אין דעם, אַז זיין לעבן האָט נישט קיין שום אינדיווידועלן אינטערעס, ווייל עס איז טיפּיש. ער זאָגט:

„איז דען דאָ נאָך אַן אומה אויף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער שטייגער לעבן פון איטלעכן באַזונדער זאָל זיך ציען פונם געבוירן ווערן ביז דעם שטאַרבן אויף איין נוסח, ווי ביי אונז, יידישע קינדער? די דערציאונג, דאָס לערנען, דאָס דאַווענען, און דער ניגון צו יעדער תפילה, צו יעדן פזמון, צו יעדן שטיקל פיוט, צו יעדער סליחה האָט זיין געשטעלטן געוויסן נוסח. אפילו עסן און טרינקען האָבן אויך איין נוסח. איז עס דען ווו געהערט געוואָרן, אַז אין א געוויסער שעה, פרייטיק צו נאַכטס, א שטייגער, זאָל א פאָלק יידן עסן פיש, לאָקשן און צימעס? שבת אין דער פרי — רעטעך און פּעטשאַ, לעבער און ציבעלעס מיט אייער, און אויסגעפּרייטע קאַשע מיט א גרויסן מאַרך־ביין דערינען; אין דעם און דעם טאָג זאָל מען עסן קרעפּלעך, אין יענעם טאָג — המן־טאַשן און אין דעם טאָג — א געלן קוילעטש מיט זאַפראַן. הויבט איינער אָן זאָגן „כל מקדש" אָדער שרייען „חי וקיים" אין בערדיטשעוו, הערט זיך דער אייגענער ניגון און דאָס אייגענע קול אויך אין אַרגענטינע, וואָס איז אין עק וועלט.

מיר זענען אַן עדה פון מילבן, וואָס ווי איינע, אַזוי די אַנדערע — אַלע גלייך".

די וויסנשאַפט פון זאָאָלאָגיע, פאַרענדיקט שלמה ר' חיים־מענדעלע, פאַרנעמט זיך נישט מיט אַן איינצלנעם מילב, נאָר מיטן מין מילבן.

מענדעלע באַווייזט מיט די דאָזיקע ווערטער, אַז ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון וועגן די אייגנשאַפטן פון זיין שאַפן: ער איז אַ שטייגער־שילדערער פון אַ מילבן־נעסט, פאַר וועלכן עס עקזיסטירט נישט קיין יחיד, נישט מיט זיין אינדיווידועלן גורל, נישט מיט זיין אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע. יעדע פּערזאָן אין זיינע ווערק איז אַ פאָרשטייער פון גאַנצן פאָלק אָדער פון אַ גאַנצער שיכט פון דאָזיקן פאָלק; און די פּסיכאָלאָגיע פון זיין יעדן העלד איז די פאָלקס־אָדער די קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע.

און מענדעלע איז באמת אַ פאָלקס־שילדערער, אַ פאָלקס־פּסיכאָלאָג.

דאָס זעלבע איז — שלום עליכם.

אמת, אין שלום עליכמ׳ס צייטן, און אפילו אין מענדעלעס צייטן (פאַר שלום עליכמ׳ען), האָט דאָס ראָד פון דער געשיכטע, וואָס איז אַריבערגעפאָרן איבער אונזער מילבן־נעסט, זי שטאַרק צערודערט: די מילבן האָבן זיך גענומען באַוועגן, דענערווירן, בונטעווען, זיך צעלויפן אין אַלע זייטן. אָבער די דאָזיקע דער־שיינונגען זענען געווען ווי שפּאַלטן אין אַ דיקער וואַנט — ביז די וואַנט וועט צוליב זיי איינפאַלן, וועט נאָך פאַרגיין נישט ווייניק צייט, און ביז דאַן זענען די שפּאַלטן בלויז באַארומ־רואיקנדיקע סימפּטאָמען אויף דער וואַנט און דעם זעפעלד פאַר־נעמט די וואַנט.

און נישט נאָר אַזעלכע אויסגעשפּראָכן־קאָלעקטיווע שריי־בער, ווי מענדעלע און שלום־עליכם — אפילו אַזאַ אינדיווידו־אַליסט, ווי פּרץ, וועלכער האָט גוט געזען די שפּאַלטן (און אליין זיך באַמיט זיי צו פאַרגרעסערן) האָט אויך כמעט נישט געגעבן קיין אינדיווידועלס, נאָר עפּעס קאָלעקטיווס. אויב ער האָט נישט געגעבן קיין געשטאַלט פון אַ קאָלעקטיוו אין זיין וואָכן־לעבן, האָט ער אָבער געגעבן דעם קאָלעקטיוו אין זיין טרוימערישן לעבן, אין זיין נשמה־לעבן.

זיינע חסידים און צדיקים זענען פּונקט אַזוי קאָלעקטיוו, ווי מענדעלעס און שלום עליכמ׳ס העלדן.

ביי אַש׳ן נעמט דער יחיד זיך אויסשיילן פון דער גע־פּלאַצטער קאָלעקטיווער שאָל. אפילו אין אַזאַ קאָלעקטיוון ווערק,

ווי „ר' שלמה נגיד", הויבט זיך אָן אַדורכצושלאָגן אַן אינדי־ווידועלע איבערלעבונג, מיט איר אינדיווידועלער רעאַקציע אויף דער דאָזיקער איבערלעבונג, מיט אַן אינדיווידועלן אינערלעכן קאַמף.

אָבער אין אַלגעמיין — און אין עיקרדיקן — איז אויך אַש אַ דיכטער פונם קאָלעקטיוון, פונם טיפּישן אין אונזער לעבן.

* * *

די ליטעראַטור וואַקסט תמיד אַרויס פון קאָלעקטיוון באָדן: זי ווערט געשאַפן אָדער דורכן קאָלעקטיוו אומבאַוווסט־זיניק, אָדער דורכן באַוווסטזיין פון קאָלעקטיוויקייט. דער אינ־דיווידועלער פּעריאָד פון דער ליטעראַטור הויבט זיך אָן אַ סך שפּעטער.

דער ליטעראַטור אונזערער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער אַטמאָספער פון דיסטילירטער, שאַרפער קאָלעקטיוויקייט, איז זייער שווער אַרויסצווואַקסן פון דער סטאַדיע פון טיפּיזאַציע און אַריינוואַקסן אין דער סטאַדיע פון אינדיווידואַליזאַציע.

די ערשטע שרייבער, וועלכע האָבן זיך באַמיט אויסצו־מאָלן די אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגיע פון אַ יידן, האָבן געליטן איין מפּלה נאָך דער צווייטער. אַש איז תמיד שטאַרקער ביים טיפּיזירן, ווי ביים אינדיווידואַליזירן.

אין אונזער ליטעראַטור קאָן מען ביז אויפן היינטיקן טאָג רעדן וועגן אַן אינערלעכן דערפאָלגלאָזן קאַמף קעגן טיפּיזירן און וועגן מפּלות ביים אינדיווידואַליזירן. און דאָס איז אַ רע־זולטאַט נישט נאָר פון דעם, וואָס טיפּיזירן איז תמיד לייכטער ווי אינדיווידואַליזירן (זיין אַ טיפּ איז לייכטער, ווי זיין אַן אינ־דיווידואַליטעט, סיי אין לעבן, סיי אויף דער סצענע, סיי אין דער ליטעראַטור), נאָר אויך דערפאַר, ווייל דער עלעמענט פון מילבן־נעסט, אָדער די אַטמאָספער פון מילבן־נעסט איז נאָך אַלץ אין אונזער לעבן שטאַרקער, ווי די אַטמאָספער פון דער אינדיווידועלער לעבנס־סטיכיע. די קאָלעקטיוויטעט פון אונזער לעבן האָט שטאַרק געליטן, אָבער אויף וויפיל זי עקזיסטירט, איז זי שטאַרקער פאַר אירע קעגנערישע שטרעמונגען. זי איז שטאַרק מיט איר אינערציע.

פייערלעך אין נעפל

אין זיין אַרטיקל „דער זיידע און דער אייניקל („ש. י. אַבראַמאָוויטש און שלום אש״), שרייבט בעל־מחשבות:

„דאָס, וואָס אַ יונגער טאַלאַנטפולער פּאָעט ווערט אינ־גאַנצן פאַרזונקען אין אַ האַלב־טויטן עבר (געמיינט אש׳ס „שטעטל״), קאָן ווערן טאָפּלט אויסגעטייטשט: אָדער דאָס באַווייזט, אַז דער עבר איז נאָך נישט אַזוי טויט, ווי מאַנכע משכילים מיינען, אָדער אַז עס איז נישטאָ קיין קעגנוואַרט, קיין קלאָרע צוקונפט, וואָס זאָל קאָנען דינען אַלס אַ קוואַל פאַר פּאָעזיע...

„עס איז אַ גרויסער געפערלעכער טעות צו מיינען, אַז אַבראַמאָוויטש׳ס און אַש׳ס וועלט איז שוין אינגאַנצן אויס־געשטאָרבן. נאָך עד היום דרוקט האלמנה והאחים ראָם מער תחינות פון שרה בת טובים, ווי מאַנכע פאַרטייען — פּראָק־לאַמאַציעס און ביכלעך. נאָך עד היום קאָן זיך קיין פאַרטיי נישט רימען צו האָבן אַזוי פיל איבערגעגעבענע אָנהענגער, ווי געוויסע חסידישע רביים אין אַ פוילן אָדער אין אַ וואָלין.

„צוגלייך אָבער שיינט פאַר אונז די קעגנוואַרט דורך אַ וואָלקן פון פילערליי טונקעלע שטרעמונגען און נאָך אין אַ גרעסערן וואָלקן איז איינגעהילט אונזער יידישע צוקונפט.

„דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן אין פולן און אינגאַנצן, גע־פינט זיך נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט. און דער פּאָעט, וואָס וויל שעפּן פון פולן און פון גאַנצן, גייט צו דעם עבר, מוז גיין צו דעם עבר...

„די פאַרצייטיקע וועלט האָט נאָך איר ווידוי נישט אָפּ־געזאָגט. צו אַבראַמאָוויטשעס צייטן איז זי געווען די איינציקע, צו אַש׳ס — די איינציקע גאַנצע צווישן פילע אַנדערע צע־שטיקלטע יידישע וועלטעלעך״... „רופט אָן די ליבשאַפט פון אונזערע היינטיקע יונגע טאַלאַנטן צום עבר ראָמאַנטיק, חלומות, לבנה־פּאָעזיע א. א. וו. — דער עכטער טאַלאַנט קאָן נישט לעבן אָן אַ גרונט אונטער די פיס, און ווען דאָס לעבן גיט קיין קעגנוואַרט, שפּינט מען זיך צונויף מיט אַ פאַרגאַנגענהייט.

„לאַכט פון ראָמאַנטיק, פאַרגעסט אָבער נישט, אַז נאָר אַ דאַנק דער היינטיקער ראָמאַנטיק הערן מיר זיך אויף צו פילן אַלס ציגיינער אָן אַ פאַרגאַנגענהייט, אָן אַ גזע״.

ווי גוט דאָס האָט פאַרשטאַנען בעל־מחשבות.

די דאָזיקע ווערטער זענען געשריבן געוואָרן לכל הפּחות מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק, אָבער זיי זענען אַקטועל נאָך אויך היינט. אַן ענדערונג איז דאָ, אָבער אַן אומבאַדייטנדיקע.

און דעריבער איז זיך נישטאָ וואָס צו וווּנדערן, וואָס אין אונזער ליטעראַטור זענען נאָך אַלץ דאָ אַזוי ווייניק אינדיווידועלע געשטאַלטן און אַזוי פּיל טיפּן. פאַרקערט, מען דאַרף באַוווּנדערן דעם טאַלאַנט פון די קינסטלער, וועלכע האָבן געשאַפן אין אונזער לעבנס־כאַאָס אַ געוויסע צאָל אינדיווידועלע געשטאַלטן פון גרויסער לעבנס־קראַפט.

דער ערשטער גרויסער מייסטער פון אינדיווידועלע פּערזענלעכקייטן אין אונזער ליטעראַטור איז דוד בערגעלסאָן. זיין מירעלע פון „נאָך אַלעמען" איז אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג אין אונזער ליטעראַטור. דאָ האָט אַ גרויסער קינסטלער צום ערשטן מאָל גובר געווען אין זיך די ירושה־נייגונג פון אונזער ליטעראַטור צו טיפּיזירן און האָט זיך דערהויבן איבער די ברעקלעך אינדיווידואַליטעט ביי פּינסקין און וויסענבערגן צו אַן אינדיווידועלער פּערזענלעכקייט, וואָס שפּיגלט אָפּ נישט נאָר אַ קליין שטיקל פון אייגענעם לעבן, נאָר וואָס גיט דורך איר אינדיווידואַליטעט אַן אויסדרוק אויף די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון אונזער לעבן, וואָס האַלט אין בייטן זיך.

בערגעלסאָן איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט מיט אַ מייסטערלעכער האַנט אויסגעקנאָטן פונם כאַאָס נייע אינדיווידועלע געשטאַלטן.

צום באַדויערן פאַרמאָגן מיר נישט קיין סך בערגעלסאָנס. די בעסטע און די דענקנדיקסטע פון דער פּלעיאַדע פּראָזאַאיקער, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן אויף דער אַרענע פון אונזער ליטעראַטור גלייכצייטיק מיט בערגעלסאָנען מיט עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען געבליבן ווייט הינטער אים אין זין פון קינסטלערישע דערגרייכונגען.

דוד איגנאַטאָוו באַמיט זיך צו געבן אינדיווידועלע געשטאַלטן, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען און דערקלערן אונזער ניי

לעבן, אָבער זיי פאַרמאָגן מער אומקלאָרן געדאַנק, ווי קלאָרע געשטאַלטונג און לעבעדיקע אינדיווידואַליטעט.

י. אָפּאַטאָשו האָט דער ערשטער אריינגעבראַכט אין אונזער ליטעראַטור די אינדיווידועלע געשטאַלט פונם קאַצקער צדיק (דער קאָצקער), וועלכן מיר באַגעגנען אויך אין אַש׳ס „תהלים־ייד״. דאָס איז אַ גרויסער טריט פאָראויס אינם פּראָצעס פון אינדיווידואַליזירן אונזער ליטעראַטור, אָבער אין אַלגעמיין האָט ער נאָך נישט געגעבן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיך קאָנען גלייכן מיט בערגעלסאָנס דערגרייכונגען אין ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן („נאָך אַלעמען״, „אַרום וואָקזאַל״, און אַנדערע קלענערע און גרעסערע זאַכן).

אויב אָבער דער פּראָצעס פון אינדיווידואַליזאַציע אין אונזער ליטעראַטור קאָן אפילו נישט אָנווייזן אויף גרויסע דערגרייכונגען, וואָס זאָלן זיך קאָנען גלייכן מיט מענדעלעס, שלום עליכמ׳ס, פּרצ׳עס און אַש׳ס דערגרייכונגען אין געביט פון טיפּיזאַציע, דאָך געהערט דער דאָזיקער פּראָצעס צו די עיקרדיקע פּראָבלעמען פון אונזער ליטעראַטור. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט נאָך נישט געשאַפן עפּעס גראַנדיעזעס, דאָך האָט ער שוין באַוויזן צו דעגענערירן און צו ברענגען אַ סך שאָדן.

אַרויסגעריסן זיך פון אונטערן יאָך פון כּלליותקייט, פאַרשכורט מיטן באַגליקנדיקן געפיל און מיטן באַוווסטזיין פון פרייהייט, האָבן אונזערע יונגע שרייבער אַ וואָרף געטאָן זיך צו די אינדיווידועלע פּרטים פון לעבן. געוויס, אַלע דערשיינונגען פון לעבן זענען אין אַ געוויסן זין און אין אַ געוויסער מאָס טיפּיש. חוץ דעם, גיט יעדע קונסט דאָס טיפּישע אָדער, ריכטיקער נאָך, זי שאַפט, מאַכט בולט דאָס טיפּישע. עס איז אָבער דאָ אַן אונטערשיד צווישן דעם טיפּישן, וואָס די אַרומיקע סביבה צווינגט אַרויף אויפן שרייבער און דעם טיפּישן, וואָס ער אַליין קלייבט אויס און געשטאַלטיקט, העלפט זי מאַכן פאַר טיפּיש דורך זיין שאַפן. און חוץ דעם — ביי אַזאַ שרייבער ווי מענדעלע איז אפילו דאָס אינדיווידועלע טיפּיש, בעת ביי שרייבער פונם בערגעלסאָן־טיפּ איז אפילו דאָס טיפּישע — אינדיווידועל.

יחזקאל גאָמבינער פון שלום אַש׳ס „שטעטל״, איז טיפּיש אין זיינע אינדיווידועלסטע מאָמענטן; מירעלע פון „נאָך אַלע־

מען" איז אינדיווידועל אין די סאַמע טיפּישע דערשיינונגען פון א לעצטן צארטן שפּראָצל פון א פאַנאַנדערפאַלנדיקער פּאַטרי־ארכאַלער יידישער פאַמיליע, אינם זיך פאַנאַנדערפאַלנדיקן פּאַט־ריאַרכאַלן יידישן לעבן.

דער וועג צו אינדיווידואַליזאַציע איז א גרויסער טריט פאָראויס אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס באַדייט, אַז אין יידישן לעבן שאַפן זיך נייע, אייגנאַרטיקע פאָרמען. אָבער די דאָזיקע יחידישקייט דאַרף נישט זיין קיין אַנאַרכיע, נאָר א וועג צו א נייער פאָרם פון כללישקייט: נישט קיין מילביש־אומבאַ־וווסטזיניקע, נאָר א באַוווסטזיניקע, אַן אינדיווידועל־באַטאָנטע.

אָט־אָ די אינדיווידועלקייט איז נאָך נישטאָ אין דער יידי־שער ליטעראַטור. אויב פריער איז דער יחיד געווען דערדריקט דורך דעם כלל, דערדריקט איצט ביי אונז דער יחיד דאָס נאַצ־יאָנאַל־קאָלעקטיווע. אויב פריער האָט מען צוליבן קאָלעקטיוון אונטערגרונט נישט געקאָנט ארויסזען קיין אינדיווידועלע דע־טאַלן, האָט מען איצט צוליב די אינדיווידועלע דעטאַלן אויפ־געהערט ארויסצוזען דעם קאָלעקטיוון פּאָן.

א טיפּישער שרייבער פון דער דאָזיקער ריכטונג איז י. י. זינגער. אין זיינע בעסטע דערציילונגען איזאָלירט ער זיינע העלדן, אינדיווידואַליזירט זיי ביזן לעצטן גרענעץ. דער העלד פון זיין „אַלטשטאָט", פּונקט ווי דער העלד פון זיינע „פּערל", זענען די לעבעדיקסטע כאַראַקטערן אין אונזער ליטעראַטור, זיי זענען אָבער איזאָלירט פון זייער ברייטער סביבה (באַזונ־דערס דער העלד פון „אַלט־שטאָט"). די יידישע שרייבער איז ענג געוואָרן אין די גרענעצן סיי פון דער קאָלעקטיווער פּסי־כאָלאָגיע, סיי פון דער יידישלעך־קאָלעקטיווער פּסיכאָפּאַטאָ־לאָגיע, — און די יונגע האָבן זיך א וואָרף געטאָן מיט היץ אינם בתולהדיקן געביט פון פּסיכאָלאָגיש־אינדיווידועלע יידן און אפילו אין געביט פון זייער אינדיווידועלער פּסיכאָפּאַטאָ־לאָגיע.

וויסנבערג שרייבט זיין דערציילונג „די משוגענע אין דאָרף", ווו ער באַרירט אַן אַלטע טעמע — די צעטראָטענע ליבע פון א יידיש מיידל. די דאָזיקע טעמע האָט באַהאַנדלט

אויך פרץ אין זיין „חתונה געהאַט”, אָבער דער חילוק ביים באַהאַנדלען די טעמע איז שוין זייער גרויס: פרץ שילדערט די דאָזיקע טראַגעדיע אין איר טיפּישער אַטמאָספער, און ווייסנבערג — אין דער אינדיווידועלער אַטמאָספער פון בונט: דאָס מיידל רעאַגירט מיט אַ פּאַסיוון בונט, זיך ראַטעווענדיק אין דער ממשלה פון משוגעת, און איר פריערדיקער חתן, דער בעל־עגלה, רעאַגירט מיט שנאה, מיט אַ בונט פאַר דער געשעענער עוולה, נישט נאָר קעגן אים און זיין געליבט מיידל, נאָר קעגן ליבע און לעבן בכלל. ער, דער דאָזיקער פשוטער בעל־עגלה, פאָרמולירט דאָס נאָך נישט אַזוי באַוווסטזיניק, אָבער זיינע ווערטער און האַנדלונגען זענען אָנגעלאָדן מיטן דאָזיקן געפיל פון אינדיווידועלן בונט.

נאָמבערג שילדערט די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון די יידישע אינדיווידואַליסטן־אינטעליגענטן, וואָס זענען אַוועק פון שטעטל, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דער קאָלעקטיווער מילבן־נעסט און באַמיען זיך צו שאַפן פאַר זיך אַ נייע וועלט, טאַקע אַן אינדיווידועלע, אָבער גלייכצייטיק אויך אַ קאָלעקטיווע, הגם אויף אַ העכערער שטופע פון אַנטוויקלונג, ווו דאָס אינדיווידועלע ווערט נישט אָפּגעריסן פונם קאָלעקטיוו, אָבער אויך דער קאָלעקטיוו צעטרעט נישט דעם יחיד.

די געשטאַלט פון אָט־אָ די פּיאָנערן, די נאַציאָנאַלע יחידים, וויל שילדערן נאָמבערג. זיי זענען אַזוי הילפלאָז אין דער אַטמאָספער פון שטאָטישן, פאַר זיי אומבאַקאַנטן לעבן (וואָס איז פרעמד פאַר זייער דורך לאַנגע יאָרהונדערטער אויסגעפורעמטער פּסיכיק), ווי הילפלאָז עס זענען מילבן, ווען מען רייסט זיי אָפּ פון זייער מילבן־נעסט. זיי זענען הילפלאָז ביז פּאַטאָלאָגישקייט. אָבער די דאָזיקע גאַנצע אינדיווידועלע פּאַטאָלאָגיע האָט פונדעסטוועגן אַ נאָענטע שייכות צו אונזער לעבן, — זי איז אַ טראַגי־קאָמישער עטאַפּ אויף אונזער נאַציאָנאַלן וועג.

אָבער די יידישע שרייבער זענען נישט געבליבן שטיין דערביי. זיי זענען געגאַנגען ווייטער אויפן וועג פון אינדיווידואַליזירן און דערגאַנגען דערצו, אַז זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין געדיכטן וואַלד פון דער אינדיווידועלער פּסיכיק, דער נאַרמאַלער ווי דער פּאַטאָלאָגישער, און האָבן פאַרגעסן, האָבן אויפ־

געהערט צו זען דעם בונד צווישן דעם אינדיווידועלן פּרט און דעם אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן, דעם כּלל.

די מער טאַלאַנטירטע, ווי אָפּאַטאָשו, האָבן זיך אָפּגעוואָרפן פון תהום. אין „די פוילישע וועלדער", אין „דער טענצערין" זוכט ער אַ סינטעטישן וועג צוריק, אָבער דערוויל נישט מיט קיין גרויסן דערפאָלג.

* * *

פון פויגל־פלי געזען, באַמערקן זיך אין אונזער ליטעראַטור דריי שטרעמונגען. איינע איז אַן עפּיגאָנישע, זי פּליסט מיטן בעט פון אונזער אַלטער קאָלעקטיוו־קליינשטעטלדיקער קלאַסישער ליטעראַטור. אַט די עפּיגאָנען קייען כּסדר איבער, אויף אַלערליי אופנים, די אַלטע קאָלעקטיווע מאָטיוון, זיי פּאַראַזיטעווען אויף דער אַלטער טיפּיזאַציע.

די פאָרשטייער פון דער צווייטער שטרעמונג געניסן די פרייהייט, וואָס איז פאַר זיי אויסגעקעמפט געוואָרן דורך דער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה שטאַרקער געוואָרענער ליטעראַטור, און זיי יאָגן זיך אַרום איבער דער אויבערפלאַך פון לעבן נאָך ברעקלעך פון אינדיווידועלע טראַגעדיעס און פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע איבערלעבונגען. די שרייבער פון דער דאָזיקער שטרעמונג זענען אַ רעאַקציע אויפן לאַנגן מילבן־לעבן, — זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן די לאַסט פון דער יידישער קראַנקער כּלליִשקייט, וואָס האָט געדריקט און דערדריקט יעדע פּערזענלעכקייט.

און די שרייבער פון דער דריטער שטרעמונג באַמיען זיך, אין חבלי לידה, צו ברענגען אין אונזער ליטעראַטור דעם נויטיקן סינטעז פון יעדער ערנסטער ליטעראַטור.

דורך דעם אינדיווידועלן סימבאָליש באַלייכטן דאָס קאָלעקטיווע; נישט לאָזן דער פּערזענלעכקייט אומקומען אונטער די חורבות פון דער כּלליִשקייט, אָבער אויך נישט לאָזן דער קאָלעקטיווקייט דערשטיקט ווערן אינם טעמפּן ווינקל פון דער יחידישקייט. זיי ווילן דערגרייכן יענע יחידישע טיפקייטן, פון וואַנען עס וואַקסן אויס די וואָרצלען פון אַ נייער אינדיווידועל־קאָלעקטיווער קולטור.

פ י י ע ר ל ע ך א י ן. נ ע פ ל

צי דערפילט די יידישע ליטעראַטור איר אויפגאַבע? *)

א.

וואָס איז ליטעראַטור?

ליטעראַטור איז עפּעס מער ווי ביכער, און אוודאי מער ווי ציינטפּאַרטרייב, צוגעטראַכט דורכן מענטשן, ווי קאָרטן, להבדיל; ליטעראַטור איז אַ ביאָלאָגישע פונקציע, אַ ביאָלאָגישע נויטווענדיקייט, וואָס רעגולירט דאָס פּסיכישע לעבן פונם מענטשן.

ליטעראַטור, דיכטונג איז אַ ביאָלאָגישע נויטווענדיקייט אָפּצורעאַגירן אַ פּסיכישע שפּאַנונג, אַ פּסיכישן דרוק. סיי אינם פּרימיטיוונסטן פאָלקסליד, סיי אין דער גרעסטער ליטעראַרישער דערשיינונג איז דער פּראָצעס דער זעלבער: אויסדרוק (אָדער באַפרייאונג) פון אַ פּסיכישן דרוק.

דער תנ״ך, דער מדרש, די שפּעטערדיקע אַלטע יידישע ליטעראַטור איז דורכגעדרונגען מיט קאַמף פאַר עקזיסטענץ, — פאַר פיזישער און גייסטיקער.

געוויס, מען טאָר דאָס נישט נעמען ווערטלעך, אָדער ריכטיקער נאָך — מעכאַניש: איוב, למשל, באַשעפטיקט זיך נישט, ווי די נביאים און גרויסע טיילן פון דער תורה, מיט קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. אָבער די ליטעראַרישע פונקציע דערפילט „איוב״ פונקט אַזוי ווי דער ספר „ירמיה״, ווייל אויפן מענטשן דריקט אויך די פּראָבלעם פון „צדיק ורע לו״ און פונם רשעם ווילזיין, מיט אַנדערע ווערטער — די פּראָבלעם פון וו־איז־גאָט־אַבסאָלוטע־גערעכטיקייט, און אויך אָט די פּראָבלעם, וואָס דריקט פּסיכיש אויפן מענטשן, פאָדערט אַן אַנטשפּאַנונג, און „איוב״ איז איינער פון די גרעסטע פּרוון דיכטעריש צו לייזן (יעדנפאַלס אויסצודריקן) אָט די געוואַלדיקע פּראָבלעם.

---

*) קיצור פון אַ רעפעראַט, געהאַלטן אין סידנעי, אין יידישן „פאָלקס־צענטער״, אין מאַי 1947.

די אַלטע יידישע ליטעראַטור גיט אַן אויסדרוק אַ סך פּראָבלעמען פונם מענטשן, אָבער היות דעם יידישן פאָלק איז אויסגעקומען צו פירן כסדר אַ שווערן קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, איז זיין ליטעראַטור דער עיקר פאַרנומען מיט אָט־דער פּראָבלעם.

אין דער נייער צייט האָט די השכלה־ליטעראַטור אויך נאָר־מאַל פונקציאָנירט — זי האָט זיך געדרייט אַרום פּראָבלעמען, וואָס זענען געשטאַנען אויפן סדר־היום פון דעמאָלטיקן יידישן לעבן, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ געפערלעכן פּרשת דרכים: זי האָט אונטערמינירט דעם אַלטן לעבנס־שטייגער, פּראָקלאַמירט אַ נייעם, ווי די משכילים האָבן אים פאַרשטאַנען.

די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אויסגעפּיקט פון דער השכלה, איז נאָך צוערשט פאַרטאָן געווען על־פּי־רוב מיט אָפּשפּיגלען דאָס פאָלקס־לעבן, מיט שפּיגלען זיך אין אייגענעם ליטעראַרישן אינסטרומענט. די בעסטע ווערק פון מענדעלע און שלום עליכם זענען קינסטלערישע אינווענטאַריזירונג פון אויסערלעכן און פונם אינערלעכן לעבנסשטייגער פון די יידישע מאַסן. אָבער די בעסערע ווערק פון ווייסנבערגן און פון אָפּאַטאָשום ערשטן שאַפונגס־פּעריאָד זענען ליטעראַריש־קינסטלערישע אויסלעבונג, אויסדרוק פונם אויפנעמען יחידיש־פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען און דערשיינונגען פון לעבן.

אָבער אינגיכן איז געקומען דער איבערברוך־מאָמענט: די ליטעראַטור הויבט אָן צו דערפילן איר פונקציע נישט אומדירעקט, ווי ביי מענדעלען און שלום עליכמ׳ען (אויך אין זייערע אָפּשפּיגלונגס־ווערק קומט צום אויסדרוק סיי אין דער קריטיק, סיי אין דעם יראת הכבוד פאַרן עבר און הוה — זאָרג פאַר דער צוקונפט), נאָר דירעקט: אין פייערבערגן, פּרצ׳ן, ביאַליקן, ברענערן, אחד העמ׳ען, בערדיטשעווסקין קומט בולט צום אויסדרוק דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס דאָס פאָלק (אין זיין גייסטיק־שטייגערישן קריזיס) נעמט אים שטאַרק פילן און — פירן.

מענדעלע און שלום עליכם (טיילווייז אויך פּרץ) האָבן געשילדערט דעם אָנהויב־פּעריאָד פונם גרויסן נאַציאָנאַלן על־פּרשת־דרכים; זיי האָבן נאָך געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצע געזעלשאַפט, אַ גאַנצע קולטור־אַטמאָספער, וואָס הויבט זיך ערשט אָן

צו ברעכן, צו פיבערן מיט קריזיס; פייערבערג, ביאַליק און ברענער (און טיילווייז פּרץ, דער רייפערער פּרץ) זענען שוין געשטאַנען אין רעכטן פּאַנאַנערפאַל פון יידישן לעבנסשטייגער, פון דער יידישער אייגהייטלעכער קולטור־אַטמאָספער, און זיי האָבן געגעבן אויסדרוק שוין נישט דעם אָנהויב־פּעריאָד פון גרויסן נאַציאָנאַלן על־פרשת־דרכים, נאָר דעם רעכטן מיטן פון גרויסן פּאַנאַנדערפאַל און פון דער גרויסער אָנשטרענגונג צו שאַפן אַ נייעם לעבנסשטייגער, אַ נייע איינהייטלעכע קולטור־אַטמאָספער.

אָט די אויבן־אויסגערעכנטע שרייבער, דער קערן פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, האָבן טריי אויסגעפירט די ליטעראַטור־פונקציע, וואָס באַשטייט אין קאָנצענטרירן זיך אויף דעם עיקרדיקן פּסיכישן דרוק ביי אַ יחיד, ביי אַ געזעל־שאַפט, ביי אַ פאָלק.

אָבער ברענערס אַ העלד, פון זיין דראַמע „פון יענער זייט גרעניץ", יוחנן, דערפילט שוין די אָפּשוואַכונג פון דער ליטע־ראַטור־פונקציע ביי אונז. און ער וואַרפט פאָר אונזער ליטעראַ־טור, פאַרוואָס מען געפינט נישט אין איר דעם גרויסן געשריי, וואָס אונזער לעבן מוז אַרויסרופן ביי די, וועלכע באַגרייפן זיין טראַגיזם. „מען וואָלט דאָך באַדאַרפט, — שרייט יוחנן אויס, — אויסשרייען בלויז דעם דאָזיקן געשריי, דעם דאָזיקן גרויסן, ביטערן, איין־און־איינציקן געשריי! צי איז דען מעגלעך, צי איז דען מעגלעך, אַז מענטשן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט קליי־ניקייטן, בעת אָט דאָס אַלץ עקזיסטירט?"

אויך פּרץ, דער רייפער פּרץ, האָט דאָס דערפילט און מיט דער מאַקסימאַלסטער קלאָרקייט דאָס אויסגעדריקט אין זיין עסיי „וואָס פעלט אונזער ליטעראַטור" (זיבעטער באַנד, ז"ז 270 און ווייטער): „ווו איז דער יידישער געדאַנק? די שכינה? איז פאַראַן אַ פאָלק, וואָס טוישט זיינע שפּראַכן, אַ וואַנדער־פאָלק אָן געשטיצטע גרענעצן,... און דאָס פאָלק לעבט, ליידט און גייט נישט אונטער; שוואַך און ווערט באַקעמפט פון די מעכטיקסטע און שטאַרקסטע און גיט זיך נישט אונטער, — מוז אַזאַ פאָלק אַנדערש זען, אַנדערש פילן, אַן אַנדער וועלט־אָנשויאונג האָבן, אַן אַנדער פאַרשטעלונג וועגן דער צוקונפט

פון וועלט, לעבן און מענטש, — שפּיגלט זיך עס אָפּ אין אונזער ליטעראַטור?

„זעט ווער מיט יידישע אויגן, פילט ווער מיט אַ יידיש האַרץ, קלינגט ערגעץ־ווו דאָס יידישע נשמה־וואָרט?"

די הויפּט־סיבה פאַרוואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אויפגעהערט צו דערפילן ווי געהעריק איר פונקציע (ד. ה. זיך קאָנצענטרירן אויף דעם עיקר־העיקרים פון אונזער לעבן: אויף דעם פּראָבלעם פון קיום האומה), ליגט אין דעם, וואָס די ליטעראַטור אונזערע איז אריינגעפאַלן אין אַ גרויסער אי־לוזיע*): עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז אַ נאָרמאַלע ליטעראַטור פון אַ נאָרמאַל פאָלק.

פייערבערג האָט געפילט די אומנאָרמאַלקייט פון אונזער לעבן ביז משוגעת. ער האָט זיך געריסן פון געטאָ און ס'האָט אים געצויגן צום געטאָ, און אויף קיין איין מאָמענט האָט ער נישט געהאַט די קלענסטע אילוזיע, אַז ער איז אַ נאָרמאַלער מיטגליד פון אַ נאָרמאַל פאָלק. און דאָס פילט מען אין יעדער שורה פון זיינע ווערק.

ביי די מאָדערנע שרייבער אָבער (ווי דער העלד פון ברע־נערס דראַמע, יוחנן, האָט דאָס ריכטיק דערפילט) איז אָפּגע־טעמפּט געוואָרן אָט די געטאָ־באַוווסטזיניקייט; אונזער ליטע־ראַטור האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז זי האָט זיך, — צוזאַמען מיט אונזער לעבן, — ארויסגעריסן פון געטאָ. זי האָט זיך

*) אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע פּראָבלעם מוז איך דאָ לאָזן אין אַ זייט: די ליטעראַטור, וואָס האָט זיך יאָ פאַרנומען מיט דאָזיקן עיקר־העיקרים, איז געשאַפן געוואָרן כמעט אויסשליסלעך אויף העברעאיש. די ליטעראַטור אויף יידיש איז על־פּי־רוב ארונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון דער אילוזיע. און עס קאָן זיך שטעלן די פראַגע: צי נעמט זיך דאָס נישט דערפון, וואָס די שרייבער, וועלכע האָבן געווייטיקט מיטן קיום־האומה־פּראָבלעם האָבן זיך מערסטנס געווענדעט צו העברעאיש, און די שרייבער, וועלכע האָבן דאָס ווייניקער גע־פילט, האָבן זיך מערסטנס געווענדעט צו יידיש?

געשטעלט (אָדער זיך געוואָלט שטעלן) מיטן פּנים צו די פּראָב־לעמען פונם מענטשן בכלל, פון לעבן בכלל.

די אילוזיע פון אונזער ליטעראַטור איז פאַרשטענדלעך: דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון על־פּרשת־דרכים: זי איז גע־גאַנגען מיט איינעם פון די וועגן, וועלכע האָבן געמאַניעט דאָס פאָלק, און אַ טייל פון פאָלק איז אַוועק מיט אים, — מיטן וועג פון די האָפענונגען פונם אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט, מיטן וועג פון די האָפענונגען פונם פאַרפירערישן באַגינען נאָך דער נאַכט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דאָס זענען געווען אָביעקטיווע סיבות; עס זענען אָבער אויך געווען סוביעקטיווע סיבות (וואָס שפּילן אויך אַ ראָל אין דער ליטעראַטור, און טאַקע אַ גרויסע ראָל, אפשר די גרעסטע): מען איז מיד געוואָרן צו זיין אַ זעלנער, אַן אייביקער זעלנער אויף דער וואַך, ווי דאָס פאָדערט פון פייערבערגס נחמן (פון „לאָן?") זיין פאָטער, דער אַלטער רב, אין דער באַרימטער שטע־לע, אין וועלכער ער רעדט וועגן יעדן יידן ווי וועגן אַ זעלנער אויף דער וואַך בעת אַ מלחמה.

אָבער אָט די סוביעקטיווע סיבה פון מיד ווערן איז סוב־יעקטיוו נאָר פון איין זייט; פון דער צווייטער ווערט זי ווידער פאַרוואַנדלט אין אַן אָביעקטיווער סיבה: זי איז אַ רעזולטאַט פון דער אָפּגעשוואַכטער נאַציאָנאַלער וויטאַלקייט ביים כלל (און במילא אויך ביי די יידישע יחידים). עס איז דאָ אָפט זייער שווער אונטערצושיידן, וווּ עס הויבט זיך אָן דאָס סוב־יעקטיוו־פּערזענלעכע און ווּען — דאָס אָביעקטיוו־קאָלעקטיווע.

די יידישע געזעלשאַפט האָט אויפגעהערט שאַרף צו שפּירן די יידישע לאַגע — האָט דער שרייבער אויך אויפגעהערט זי צו שפּירן; האָט די ליטעראַטור אויפגעהערט ריכטיק צו פונק־ציאָנירן, ווי די טעטיקייט פון הארצן ווערט שוואַכער ביי אַן אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג (הגם עס קאָן אויך געשען, אַז אַ דאַנק אַן אָפּגעשוואַכט האַרץ, קומט צו אַן אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג.).

די יידישע געזעלשאַפט פיבערט נישט מיט דער עיקרדיקער נאַציאָנאַלער פראַגע, פילט אויך נישט דער שרייבער שאַרף אַזוי אָט די פראַגע און במילא איז די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם נישט די אַקס פון זיין שאַפן.

דאָס, וואָס ברענערס העלד פון זיין „פון יענער זייט גרענעץ" ווארפט פאַר אונזער ליטעראַטור (אַז דאָס איז איר שולד), איז אפשר גאָר די שולד פון יידישן לעבן, די שולד פון אָפּגעשוואַכטן יידישן זעלבסטבאַוווסטזיין.

די גאָר גרויסע שרייבער רייסן זיך אַמאָל אַרויס פון דאָזיקן פאַרכשופטן קרייז, און נישט געקוקט אויף דעם אָפּגעשוואַכטן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין (און אפשר טאַקע אַ דאַנק אים), רייסן זיי זיך אַרויס פון דער אָביעקטיווער קאַוזאַליטעט און זיי פּרוּוון מיט זייער שטורעם־ענערגיע צו צעוויגן די פאַרשטאַנענע נאַציאָנאַלע בלוטן.

אָט די דאָזיקע זענען די גרויסע נאַציאָנאַלע דיכטער; זיי זענען אין אַ געוויסן זין אַ סיבה ראשונה; אָבער די ליטעראַטור בכלל פונקציאָנירט אין הסכם מיטן לעבן: אַ שוואַכער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין אין לעבן האָט אַלס רעזולטאַט אַ נאַציאָנאַל־אָנעמישע ליטעראַטור.

אַמאָל, ווי געזאָגט, ווערקט איינער אַ גרויסער אויף דאָס לעבן דורך דער ליטעראַטור (אַ ביאַליק אָדער אַ פּרץ, למשל), אָבער געוויינלעך איז קאַפּויער.

*   *   *

דער לעצטער שאָק — דער חורבן, דער באַוווסטזיין פון חורבן — איז נישט אַזוי שטאַרק, ווי מען האָט זיך געקאָנט ריכטן. ער האָט נישט דערגרייכט נישט אין דער ברייט און נישט אין דער טיף פון פאָלק.

אָבער דאָך איז דאָס פאָלק אַביסל אויפגעטרייסלט געוואָרן, באַזונדערס די נאַציאָנאַל־אַוואַנגאַרדישע עלעמענטן. און אָט די שוואַכלעכע — אין פאַרגלייך מיט דער סיבה — אויפלעבונג פונם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, ווערט טאַקע באַגלייט מיט אַ נאַציאָנאַלן אָפּקלאַנג אין אונזער ליטעראַטור, זי האָט געענטפערט אויף אונזער שוואַכן נאַציאָנאַלן שאָק מיט אַ שוואַכן פונקציאָנעל־ריכטיקן אָפּרוף.

און דאָ גייט נישט אין דעם צי יענעם שרייבער, — די ליטעראַטור אַלס אַזעלכע איז — אָנהויבנדיק מיט די מיטן 30ער יאָרן — געוואָרן מער נאַציאָנאַל באַוווסטזיניק, נאַציאָנאַל־שפּירבאַר.

די יידישע דיכטונג — דער שטאַרקסטער צווייג אין אונ־זער היינטיקער ליטעראַטור — דרינגט דורך צו די טיפסטע סימבאָלן פון דער יידישער נשמה, פון יידישן גורל, פון יידישן ווילן צום לעבן און צו דערהאַלטן זיך.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס דער משה־סימבאָל קומט אָפּט אויף אין דער יידישער דיכטונג. דאָס ליד „אין אַ ליטוויש דערפל" (פון דער דיכטערין חנה חייטין), וועגן אַ קינד, וואָס אַ יידישע מאַמע לאָזט עס איבער ביי קריסטן, כדי עס אַזוי אַרום צו ראַטעווען, פאַרענדיקט זיך מיט פאָלגנדע טיף־נאַ־ציאָנאַלע שורות:

„צו משהיס מאַמע איז זי גלייך:
„אַזוי ווי משה אויפן טייך,
„עלנט, איינזאַם אויפן ווינט
„האָט זי געלאָזט איר איינציק קינד".

און דער זעלבער סימבאָל קומט אויף ביי א. סוצקעווערן, אינם ליד „פרילינג", אין וועלכן אַ יידישע מאַמע לאָזט שווימען אויף אַ קריע אין דער וויליע איר עופּהלע. אויך דאָ קומט דער משה־סימבאָל צום סוף אַלס אַפּשלוס־אַקאָרד:

„ווי ווייט איז די ווילִיע פון דעם נילוס? — — —
„די קריע טראָגט דעם פרילינג אַ מתנה —
„אַ דרעמל־קינד אין פרירנדיקע טרערן.
„און איך באַגלייט עס ביז צו דער לבנה
„און טראַכט: אַ נייער משה זאָלסטו ווערן".

און נישט נאָר משה. אליהו הנביא, דוד המלך, יעקב'ס ראַנגלען זיך מיטן מלאך, די נביאים, איוב, — דער גאַנצער אור־אַלטער יידיש־נאַציאָנאַלער מיטאָס און פאָלקלאָר, די גאַנ־צע פאָלקלאָר־געוואָרענע אור־אַלטע יידישע געשיכטע און ליטע־ראַטור מיט זייערע דורות־אַלטע סימבאָלן, וואָס רעדן נישט נאָר צום יידישן באַוווסטזיין, נאָר אויך צום יידישן אונטערבאַוווסט־זיין, — זיי אַלע ציען מאַגנעטיש צו דעם יידישן שרייבערס כח־הדמיון.

דער יידישער גוף האָט זיך נאַציאָנאַל געגעבן אַ צאַפּל — ביים פרווו אים אויסצורייסן מיטן לעצטן וואָרצל, — און די

פּסיכיק פון פאָלק האָט גענומען ווי געהעריק פונקציאָנירן אין זיין ליטעראַטור.

* * *

די פונקציע פון דער ליטעראַטור איז אויפצולעבן די הער־צער; אָבער ווען די הערצער ווערן אויפגעלעבט — לעבט אויך אויף די ליטעראַטור.

דאָס איז אַ קאָמפּליצירטע קעגנזייטיקע באַציאונג און באַ־ווירקונג, וואָס בילדלעך קאָן מען דאָס דעפינירן אין דורכזיכ־טיקע קאָנטורן; אָבער ווען מען וויל דאָס אויסדריקן בלויז אין ווערטער, גליטשט זיך דער אינהאַלט אַרויס...

ב.

אין די לעצטע יאָרן האָט די יידישע פּרעסע אָפּגעגעבן אַ סך אָרט די „פּראָבלעמאַטישע" פראַגן פון ערשט־ראַנגיקער וויכטיקייט: די נאַציאָנאַל־קולטורעלע פּראָבלעמען פון יידנטום זענען באַהאַנדלט געוואָרן מיט באַזונדערער טיפקייט, מיט טראַ־גישער צוגעשפּיצטקייט. אין דער אויבערפלעכלעכער, קורצזיכ־טיק־זעלבסט־זיכערער יידישער פּובליציסטיק פון די 20טער און 30ער יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט האָבן גענומען אָפּקלינגען פאַרגעסענע טענער: צי קאָן דאָס יידנטום נאַציאָנאַל בלייבן לעבן גייענדיק אין די קולטור־טריט פון אייראָפּע? און אויב עס קאָן דאָס באַווייזן, צי לוינט זיך עס?

צי איז דען נישט בעסער, קליגער און קולטור־ריווחדיקער אומצוקערן זיך צום קוואַל פון דער פיל־טויזנט־יאָריקער יידי־שער קולטור, פאַר וועלכער אונזער פאָלק האָט אַזוי פיל געליטן און פאַר וועלכער עס וואָלט נאָך אויך איצט געווען געלוינט צו לײַדן?

און דאָס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג: אין די דאָ־זיקע יאָרן, ווען די פראַגע וועגן דער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק איז געשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום מיט בלוטיקע אותיות, האָט די נאַכלעסיקע באַציאונג צו די עיקרדיקע פראַגן פון אונזער לעבן פאַרלוירן איר זעלבסטזיכערע חוצפּה, זי איז

אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייט און ס'איז צוגעלאָזן געוואָרן צום וואָרט דער פּרעסנדיקער אומרו פאַרן גורל פון פאָלק, — אַן אומרו, וואָס איז לאַנג פאַרטויבט געוואָרן דורך ביליקע „הורא"־געשרייען.

אין אויבנדערמאָנטן שטראָם אַרטיקלען און ביכער, אין דער לעבעדיקער פּאָלעמיק וועגן דעם, צי דאַרף מען און צי ס'איז נויטיק דער צוריקקער אין פאַרלוירענעם גן־עדן פון דער יידיש־רעליגיעזער קולטור־טראַדיציע, האָט מען אָפּגעגעבן נישט ווייניק אָרט אויך דער יידישער ליטעראַטור, אין וועלכער, — לויט די ווערטער פון איינעם פון די ליידנשאַפטלעכסטע „צו־ריקקערער", — מען קאָן נישט געפינען קיין אַקטיווע אחריות פאַר דער צוקונפט און וועלכע דערפילט נישט איר אויפגאַבע.

עס וואָלט אָבער בעסער געווען צו רעדן נישט וועגן דער אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור, נאָר וועגן איר פונקציע. צי דען האָט דאָס האַרץ אַן אויפגאַבע צו שלאָגן און צו רעגולירן דעם בלוט־קרייז לויף? נאַטירלעך, אַז נישט: דאָס איז די פונק־ציע פונם האַרצן, אָבער נישט זיין אויפגאַבע. אַן אויפגאַבע קאָן מען אויספירן, אָבער אַ פונקציע מוז מען אויספירן. אויב דאָס האַרץ הערט אויף צו שלאָגן אָדער עס אַרבעט שוואַך, איז אַ באַווייז, אַז עפּעס שטערט אים אויסצופירן זיין פונקציע. און פונקט אַזוי איז מיט דער ליטעראַטור. אויב מיר באַמערקן, אַז זי אַרבעט שוואַך, האָט קיין זין נישט איר פאַרצוואַרפן אין נישט דערפילן איר פליכט, איר אויפגאַבע, — מען דאַרף זוכן טיפער די סיבה פון איר שלעכטן פונקציאָנירן, מען דאַרף זוכן די גרונט־סיבה פון איר נישט געוויסנהאַפטיקייט.

אָבער אין וואָס באַשטייט די פונקציע פון ליטעראַטור בכלל און אין וואָס דאַרף באַשטיין די פונקציע פון דער יידי־שער ליטעראַטור בפרט?

* * *

די פונקציע פון ליטעראַטור באַשטייט אין אַרויסברענגען אויף דרויסן די אינערלעכע לעבנס־שפּאַנונג פונם יחיד און פון דער געזעלשאַפט. דער מענטש — סיי אַלס אינדיווידועל, סיי אַלס געזעלשאַפטלעך וועזן — זעט אין דער ליטעראַטור, ווי אין

א כישוף־שפּיגל, אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין דער טיפענעש פון דער נשמה. די ליטעראַטור איז נישט קיין פּשוטער שפּיגל, וואָס שפּיגלט אָפּ מעכאַניש; ליטעראַטור איז אַ מאַגישער שפּיגל, וואָס ווייזט דעם מענטשן דאָס, וואָס איז נאָך פאַרגראָבן טיף־טיף אין זיין נשמה און באַוווסטזיין, דאָס, וואָס קיינער האָט דאָס אַזוי טיף, קלאָר און לעבעדיק נישט איבערגעלעבט און באַזינט, ווי די ליטעראַטור, וואָס הגם זי דערנערט זיך דורך אונזערע חושים, איז זי גופא פונדעסטוועגן אונזער זעקסטער חוש. די ליטעראַטור שפּיגלט, אַזוי אַרום, אָפּ נישט נאָר דאָס, וואָס עס געפינט זיך אויפן אויבערפלאַך פון לעבן, נאָר אויך דאָס, וואָס עס געפינט זיך נאָך אין לעבן אין אַן עמבריאָ־צו־שטאַנד. און דווקא דאָס מאַכט זי פאַר אַזאַ ווערטפולן אינסטרו־מענט אינם פּראָצעס פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. זי גיט דעם לעבן מער ווי זי נעמט פון אים, זי קערט אים אום זיינע מתנות כפל־כפלים, און דאַן, ווען די ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ די אינערלעכע לעבנס־פולקייט און געפינט זיך אויף די סאַמע פאָדערשטע פּאָזיציעס פון לעבן, דערפילט זי איר „אויפ־גאַבע”, ד. ה. זי פונקציאָנירט נאָרמאַל. דאַן אָבער, ווען די לי־טעראַטור נישט נאָר וואָס זי באַרייכערט נישט דאָס לעבן, נאָר זי איז אָרעמער פאַרן לעבן, ווען זי געפינט זיך אין די רייען פון זיין אָפּגעשטאַנענסטן אַריערגאַרד, דאַן הערט די ליטעראַ־טור אויף צו דערפילן איר „אויפגאַבע”, ד. ה., זי פונקציאָנירט אומנאָרמאַל.

ווי־זשע האַלט עס מיט דער יידישער ליטעראַטור פון אונ־זער צייט?

* * *

אונזער נאַציאָנאַל־אָרעם לעבן איז פונדעסטוועגן רייך מיט באַזינטע און נאָך מער מיט פּאָטענציעלע טראַגעדיעס. און ווען מען פאַרגלייכט די אינערלעכע רייכקייט פון אונזער לעבן מיט דער פאַרבליפנדיקער אָרעמקייט פון אונזער ליטעראַטור פון לעצטן פערטל יאָרהונדערט, כאַפּט פּשוט אָן אַ שרעק פאַרן תהום, וואָס צעעפנט זיך פאַר אונז.

קיין שום פאָלק פאַרמאָגט נישט אַזאַ שפּראַכן־פּראָבלעם, ווי מיר יידן; ווו־זשע איז אין אונזער ליטעראַטור דער אָפּקלאַנג

פון דאָזיקן נישט נאָר פּאַרטייאישן, נאָר אינערלעך־נאַציאָנאַלן קאַמף, וואָס קאָסט אונזער פאָלק אַזוי פיל מי און אַזוי פיל אומ־זיסט פאַרשווענדעטע קולטור־כוחות?

פאַר קיין שום פאָלק שטייט נישט מיט אַזאַ אימהדיקער ממשות די פּראָבלעם פון אַ באָדן אונטער די פיס, די פּראָבלעם פון אַן אָנשפּאַר־פּונקט אין פּשוטסטן זין פון דאָזיקן וואָרט; אָבער וווּ איז אין אונזער ליטעראַטור די אָפּשפּיגלונג פון אידעאָלאָגישן קאַמף צווישן די „גלותניקעס" מיט די ציוניסטן אָדער טעריטאָריאַליסטן? דאָס איז דאָך די אַקס פון אונזער פּאָליטישן לעבן!!

היינט די פּראָבלעם פון אונזער נאַציאָנאַלער דערציאונג? גאָט מיינער! אין וואָס פאַרא פּראָבלעמען־געדיכטעניש עס פירט אונז אריין בלויז דאָס צורירן זיך צו דער דאָזיקער פראַגע: אויף וואָסער שפּראַך דאַרף זיך באַזירן אונזער שולע? וואָסער אָרט דאַרפן אין איר פאַרנעמען די עלעמענטן פון טראַדיציע? היינט די באַציאונג צו דער רעליגיע, וואָס שפּילט נאָך אָפט אַ ריזיקע ראָל אין די קינדערס היימען! און די דאָזיקע פראַגן זענען נישט קיין אַקאַדעמישע, נאָר אָנגעווייטיקטע לעבנס־פראַגן, און זייער אָרט איז נישט נאָר אין דער פּובליציסטיק, נאָר אויך אין דער ליטעראַטור און אין דער דיכטונג. דאָס איז אָבער נישט אַזוי, — עס זעט אויס, ווי די דאָזיקע פראַגן און פּראָבלעמען זאָלן עקזיסטירן בלויז אין אונזערע קעפּ, אָבער נישט אין אונזערע הערצער, נישט אין אונזערע געפילן; זיי געפינען זיך נישט דאָרט, וווּ אַ פּראָבלעם נעמט זיך אָן מיט כוחות, כדי פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ קאָנקרעטן לעבעדיקן ענטפער, כדי פאַרקערפּערט צו ווערן אין סובסטאַנץ פון לעבעדיקן לעבן.

מען וואָלט געוועז געקאָנט ממשיך זיין די דאָזיקע טרויעריקע רשימה פון פּראָבלעמען פון אונזער לעבן, וואָס די ליטעראַטור האָט זיי נישט נאָר נישט אַרויסגעפילט, נאָר אויך נישט אונטערגעכאַפּט, נישט באַפרוכפּערט, נישט באַזינגט און נישט דורכגעאַרבעט אַלס שפּייז פאַר אונזער געמיט. אָבער פאַר אונזער באַגרענעצטן ציל וועלן גענוגן די אויבן־געבראַכטע ביישפּילן.

אָבער פאַרוואָס־זשע איז אונזער ליטעראַטור אַזוי אָפּגע־ריסן פון אונזער לעבן, פאַרוואָס איז זי אַזוי אומנאָרמאַל און ווייטיקט כמעט נישט מיט אונזערע נאַציאָנאַלע קראַנקהייטן?

אָט די אַנאָמאַליע פון אונזער ליטעראַטור האָט נאָך אַמאָל באַמערקט י. ל. פּרץ. ער האָט פאַרגעוואָרפן אונזער ליטעראַטור, אַז זי גיט נישט דעם יידישן פאָלק דאָס וויכטיקסטע — אַ נשמה. די ליטעראַטור אונזערע איז נשמהלאָז, האָט זיך געקלאָגט דער גרויסער פּרץ, און דעריבער, האָט ער געזאָגט, איז זי אַזוי פרעמד דעם פאָלק, און דאָס פאָלק פאַרפרעמדט זיך פון איר.

און זייט דאַן איז די לאַגע נאָך ערגער געוואָרן: עס איז פאַרשטומט געוואָרן ברענערס אומאויפהערלעכער געשריי; עס איז שטיל געוואָרן ביאַליקס צאָרן; עס איז פאַרשטומט געוואָרן פּרץ'עס נאַציאָנאַל־סינטעטיש שאַפן. נישט נאָר מען הערט נישט קיין געשריי, נאָר אונזער ליטעראַטור פּלאַפּלט אָפט וועגן אַזעל־כע קליינינקייטן, וועגן אַזאַ טאָג־טעגלעכקייט, וועגן אַזעלכע באַ־נאַליטעטן, אַז נישט ווילנדיק שטעלט מען זיך די פראַגע: נישט שוין־זשע איז אין אונזער קעניגרייך אַלץ אַזוי אין אָרדענונג, אַז אונזער ליטעראַטור קאָן זיך פאַרגינען דעם לוקסוס צו פּלאַפּלען זאָרגלאָז ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען? נישט שוין־זשע האָבן מיר נישט קיין וויכטיקערע זאַכן ווי די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע ברעקלעך־קלייבעריי פון אונזערע דערציילער, פון די דאָזיקע בלאַסע פאָטאָגראַפיעס פון אונזער נשמהלאָזער טאָג־טעגלעכקייט?

אין נאָרמאַלע צייטן באַוועגט זיך פריי דעם מענטשנס אויפמערקזאַמקייט איבערן גאַנצן ברייטן פלאַך פון לעבן; זי קאָן זיך פאַרגינען דעם פאַרגעניגן פון זיין צעטיילט, פון אַלץ אויפנעמען, ווי אַ רואיקער טייך שפּיגלט אָפּ דאָס גאַנצע לעבן פון ברעג. אָבער ווען דער מענטש געפינט זיך אין אַן אומ־גליק, ווערט זיין אויפמערקזאַמקייט באַגרעניצט: זי איז אינ־גאַנצן געווענדט אויף זוכן אַ תרופה פאַרן אומגליק, אויף זוכן אַן אויסוועג. דאַן רעדן מיר וועגן אַ קאָמפּלעקס, וועגן אַ קרענק־לעכער דערשיינונג, וועגן אַן אומנאָרמאַלקייט פון שטאַנדפּונקט פון טעאָרעטיש־געזונטן צושטאַנד, הגם די דערמאָנטע אומנאָר־

מאַלקייט איז אויף אַן אמת לגמרי נאָרמאַל פון שטאַנדפּונקט פון דער פּאַקטישער קראַנקהייט.

דאָס יידישע פאָלק איז קראַנק. און עס וואָלט געווען זיין נאָרמאַל ביי זיין אומנאָרמאַלן צושטאַנד, אז די ליטעראַטור, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס אינערלעכע לעבן פון יחידים און פעלקער, זאָל ארויפברענגען צום באַוווסטזיין אונזער פאַרשמעלטע אויפמערקזאַמקייט, אונזער איינציקע זאָרג וועגן עיקר, וועגן אונזער נאַציאָנאַלן קיום. צום סוף, אָבער, באַרעכטיקט נישט אונזער ליטעראַטור די דאָזיקע דערוואַרטונג.

ווו־זשע ליגט דאָ די סיבה? ווי אַזוי זאָל מען דאָס דערקלערן?

* * *

אין דער גאַנצער אייראָפּעאישער ליטעראַטור קלאָגט מען זיך די לעצטע יאָר־צענדליקער אויף אַ ריס צווישן דער ליטעראַטור און דעם לעבן. די דערקלערונג פאַר דער דאָזיקער דערשיינונג זוכט מען אין דעם אינטעררעגנים־פּעריאָד, וואָס הערשט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, — אַן אינטעררעגניום (שעת חירום), וואָס דער ענגלישער דיכטער אַרנאָלד האָט אים טרעפלעך כאַראַקטעריזירט אין די פאָלגנדיקע שורות:

„וואַנדערנדיק צווישן צוויי וועלטן, — איינע אַ טויטע, און די צווייטע אָן כוח געבוירן צו ווערן".

אין אַזעלכע עפּאָכעס, ווי אונזערע, זאָגט עליזאַבעט דריו אין איר שיינעם, סטימולירנדיקן בוך „שטרעמונגען אין דער היינטצייטיקער דיכטונג", „פאַרמאָגט נישט די דיכטונג קיין קאָנגעניאַלע סביבה, פון וועלכער זי זאָל קאָנען ציען יניקה אָדער וועלכע זי וואָלט געווען געקאָנט דערנערן".

אין אַזעלכע עפּאָכעס רייסט זיך איבער די פאַרבינדונג צווישן פאָלק און זיין ליטעראַטור. עס הויבט זיך אָן די צייט פון קולטורעלן פאַנאַנדערפאַל.

די דאָזיקע אַלגעמיינע סיבה ווירקט, נאַטירלעך, אויך אין דער יידישער ליטעראַטור, און דערביי נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ווי אין יעדער אַנדערער. די אָפּשוואַכונג פון דער טראַדיציאָנעלער רעליגיעזער קולטור האָט ביי אונז געמוזט שאַפן נאָך אַ גרעסערן ריס צווישן דער ליטעראַטור און דעם לעבן,

ווייל דער דאָזיקער קריזיס מוז נאַטירלעכערהייט זיין פּראָ־פּאָרציאָנעל צו דער אומפאַרגלייכלעכער צונויפגעגאָסנקייט פון יידישן לעבן מיט דער רעליגיעזער טראַדיציע פון אָט נעכטן, — אַ צוזאַמענגעגאָסנקייט, וואָס אייראָפּע האָט דאָס שוין לאַנג־לאַנג פאַרלאָרן. און נאָך איינס: אונזער וועלטלעכע ליטעראַ־טור שטעלט דאָך נאָך אירע ערשטע טריט, און זי האָט נישט קיין טיף־איינגעוואָרצלטע אייגענע טראַדיציע, צוליב איר אָפּגע־ריסנקייט פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור סיי לויט דער שפּראַך, סיי לויט דער פאָרם, סיי לויטן אינהאַלט.

אָבער הגם דאָס אויבן־געזאָגטע האָט אַ סאָלידן גרונט אונטער זיך, קאָן מען דאָך נישט דערקלערן דערמיט אינגאַנצן דעם צושטאַנד פון אונזער ליטעראַטור. אין אַזעלכע צייטן פילן זיך די דיכטער און שרייבער פון יעדן פאָלק פאַראייניזאַמט, שפּירן אין זיך אַ פּוסטקייט, וואָס אויך זייער פאָלק פילט זי, אָבער אַזאַ כמעט אבסאלוטן ריס צווישן לעבן און ליטעראַטור, ווי ביי אונז, איז אין ערגעץ נישטאָ. איז דאָך אין אונזער איצטיקער ליטעראַטור נישטאָ אפילו קיין בענקשאַפט נאָך דער פעלנדיקער פאַרבינדונג מיטן פאָלק; אונזער ליטעראַטור האָט דאָך כמעט אינגאַנצן אפילו אויפגעהערט צו פילן, אַז עס פעלט איר אָט־די לעבנס־פולקייט.

מיט וואָס־זשע זאָל מען דאָס דערקלערן?

דער אַמעריקאַנער מאָדערנער דיכטער עזרא פּאַונד*) האָט אַמאָל טרעפלעך געשריבן: „אויב עס איז עפּעס נישט אין אָרדענונג מיט דער קונסט, איז נישט אין אָרדענונג נישט נאָר אין דער קונסט". און דאָס איז פאַרשטענדלעך: אויב די ליטע־ראַטור איז אַ פונקציע פון לעבן, דאַרף מען זוכן די סיבה פון איר שלעכטן פונקציאָנירן אין לעבן.

אויב מיר זעען דעם נידעריקן צושטאַנד פון אונזער לי־טעראַטור, דאַרפן מיר זוכן די סיבה דערפון אין דעם נידעריקן צושטאַנד פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן, אין דער אָפּשוואַכונג פון די לעבנס־כוחות אין אונזער פאָלקס־קאָלעקטיוו. די יידן

---

*) לעצטנס האָט ער זיך שוין אַרויסגעוויזן פאַר צו מאָ־דערן, — ער איז געוואָרן אַ היטלעריסט.

זענען גוט באַקאַנט מיט זייער לעבנספּעאיקייט, וואָס זיי האָבן זי אַרויסגעוויזן אין משך פון יאָרטויזנטער. אָבער אָט־דעם ריזיקן פאָנד פון לעבנספּעאיקייט האָבן אין דער היינטיקער עפּאָכע עקספּראָפּריאירט פאַרן אויסשליסלעכן פּערזענלעכן לעבנסגע־ברויך די יידישע יחידים, — פאַר דער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט, פאַרן יידישן פאָלקס לעבן איז פון אים קנאַפּ וואָס געבליבן. מיר האָבן אַ סך פּראָבלעמען (שוין צופיל), מיר זעען זיי, אָבער נאָר מיטן סאַמע ברעג מוח, — זיי טרייסלען אונז נישט אויף ביז די נשמה־טיפענישן, זיי פלאַקערן נישט אויף מיטן פייערדיקן „מנא, מנא תקל ופרסין" אין אונזער כוח־הדמיון.

די טויטקייט פון אונזער ליטעראַטור איז אַ רעזולטאַט פונם מוראדיקן זינקען פון אונזער נאַציאָנאַלער לעבנספּעאי־קייט. אַ ליטעראַטור וואָס וואַקסט אויף אויף אַזאַ אויסגע־טריקנטן באָדן, וועט אומפאַרמיידלעך זיין אַנעמיש.

אויף ווי ווייט אונזער פאָלקס־לעבן איז אָפּגעשוואַכט, קאָן מען זען נישט אַזוי פון דער אַנעמישקייט פון אונזער ליטעראַ־טור, ווי פון דער אינדיפערענטער באַציאונג צו איר (דער אַנעמישקייט): קיינער איז גאָרנישט אַלאַרמירט פון איר צו־שטאַנד, קיינעם שאָקירט גאָרנישט איר קליינלעכער צוגאַנג צו די שווערסטע פּראָבלעמען פון אונזער לעבן (אויב זי רירט זיך שוין יאָ צו צו זיי אַמאָל אין אַ שמיטה).

און דעריבער דאַרף מען האָבן טענות נישט צו אונזער לי־טעראַטור, נאָר צו אונזער לעבן, — דאָרט געפינט זיך דער וואָרצל פון דאָזיקן שלעכטס. מיר לעבן איבער אונזער פאָלקס־גורל כמעט אינדיפערענט, בלויז מיטן ברעג פון אונזער מאַרך, און נישט מיט אונזער גאַנצן וועזן, און דעריבער איז אונזער ליטעראַטור אָפּגעריסן פון לעבן, ווייל אַ ליטעראַטור דערנערט זיך מיטן גאַנצן וועזן, און נישט מיטן קאַנט פון מוח.

* * *

פון אויבן געזאָגטן קאָן מען, דאַכט זיך, מאַכן נאָר איין אויספיר: הגם די שולד איז נישט אין דער ליטעראַטור, דאָך דערפילט זי נישט איר פונקציע. אָבער דאָך דאַכט זיך אונז דאָס נאָר. די פונקציע פון דער ליטעראַטור איז אויף אַזוי ווייט אַ

נאַטירלעכע דערשיינונג, אַז אפילו דאַן, ווען זי פונקציאָנירט נישט נאָרמאַל (איר טעמפּעראַטור איז צו נאָרמאַל ביי אונזער שווערער פאָלקס־קראַנקהייט, און אפילו נאָך אונטער דעם נאָר־מאַלן פּונקט, צוליב דער בייזוויליקער אַנעמיע), דערפילט זי דאָך איר אויפגאַבע. נאַטירלעך, נישט דירעקט, נאָר אומדי־רעקט. מיט איר אומנאָרמאַלקייט שטרייכט אונזער ליטעראַטור אומדירעקט אונטער די אומנאָרמאַלע גלייכגילטיקייט אונזערע צום אייגענעם גורל. און אַזוי אַרום וואָרנט זי פאַר אַ געפער־לעכן אָפּטימיזם — מיט איר אויפמערקזאַמקייט צו קליינִיקייטן, מיט איר פּוסטקייט, מיט איר נישט קאָנצענטרירן זיך אויפן סאַמע עיקר, אויפן נויטיקסטן.

די ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ, — אפילו דאַן, ווען עס איז נישטאָ וואָס אָפּצושפּיגלען.

מען זאָגט: ווען אַ מענטש קוקט אין שפּיגל און זעט נישט אין אים זיין געשטאַלט, באַדייט דאָס, אַז ער געהערט שוין דעם מלאך־המוות.

אין אונזער ליטעראַטור געפינען מיר נישט אונזער עכט פּנים. און אַזוי אַרום שפּיגלט זי אָפּ אונזער לאַגע. זי אַלאַר־מירט מיט איר פאַרחלשטער רואיקייט.

שאַנכיי, 1942.

II

פון דער ייִדישער ליטעראַטור

פ י י ע ר ל ע ך א י ן נ ע פ ל

דוד איגנאַטאָוו — דער ראָמאַנטיקער

1. איגנאַטאָווס פאָלקסטימלעכע ווערק

עס טרעפט: אַ שרייבער שטרענגט זיך אָן אַ גאַנץ לעבן אַרויסצוברענגען אין געשטאַלטן דאָס טיפסטע וואָס אין אים, זיין אינטימסטן געפיל פון דער וועלט, פון לעבן, — און עס גיט זיך אים נית איין. עפּעס ליגט אויף אַלץ דער נעפּל פון פאָרמלאָזיקייט, פון נישט־דערלייטערטקייט. זיינע געדאַנקען און געפילן דרימלען אין זיינע געשטאַלטן נישט דערוועקטע צום פולן לעבן, נישט דערוועקטע צום פולן באַוווסטזיין. מען פילט: דער דאָזיקער שרייבער רעדט נישט אויף פוסט. זיינע אומקלאָרע רייד און פאַרנעפּלטע ווזיעס האָבן טיפע וואָרצלען, וועלכע דער שרייבער נערט מיטן בעסטן אין אים, אָבער אויפן וועג פון די וואָרצלען צו די צווייגן, צו די בליטן און צו די פרוכט, ווערן די זאַפטן ווי אויסגעוועפּט, פאַרלירן זייער קראַפט, און די פרוכט זענען איילִיק, נישט דערריפּט.

און מיטאַמאָל, ווי בהיסח הדעת, קוועלט אַרויס פון דאָ־זיקן טראַגישן קינסטלער אַ ווערק, וואָס איז ווי געבוירן געוואָרן אָן געבורטס־ווייען, וואָס טראָגט נישט אויף זיך קיין סימן פון פאַרביסענער אָנשטרענגונג, און דאָך פאַרמאָגט עס אין זיך דאָס רייפסטע, דאָס טיפסטע פון דאָזיקן מענטשן, פון דאָזיקן קינסטלער. די אַלע אָנשטרענגונגען, ווייזט זיך אַרויס, זענען דאָך נישט געווען אינגאַנצן פרוכטלאָז. זיי האָבן טאַקע כסדר נעגראָבן דערלעבן, אָבער נישט־ווילנדיק האָבן זיי פריי געמאַכט דעם וועג פאַרן פאַרבאָרגענעם לויטערן קוואַל, וואָס האָט אַזוי אַרום באַקומען אַ מעגלעכקייט אומגעריכט, אָן אָנשטרענגונג,

אַרויסצושפּרודלען. אַזוי טרעפט אַמאָל: אַ דערפינדער מאַטערט זיך צו לייזן די שווערע פּראָבלעמען פון זיין געפּלאַנטער דערפינדונג. ער טאַפּט אין אַלע ריכטונגען, ער זוכט אויף אַלע וועגן און דער רעזולטאַט איז — אַ דורכפאַל. און מיטאַמאָל — כמעט בהיסח הדעת — בליצט אויף צווישן די טויזנט ביימעגלעכקייטן די איינציקע מעגלעכקייט, און זי איז אַזוי פּשוט, אַזוי לייכט, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך. אָבער דער דאָזיקער איין מאָמענט פון געפינען איז דער רעזולטאַט פון די חדשים־לאַנגע בלאָנדזשענישן. זיי האָבן געשטויסן דעם גייסט אין דער איינציק־מעגלעכער ריכטונג, ווייל זיי האָבן אים אָפּגעשטויסן פון די אוממעגלעכע דורך די דערפאַרונגען־מפּלות.

דאָס דאָזיקע געפיל האָב איך געהאַט ביים איבערלייענען ד. איגנאַטאָווס „וואונדער־מעשיות פון אַלטן פּראָג". אין דאָזיקן ווערק האָבן זיך נישט נאָר שעפעריש־פריי פאַנאַנדערגעשפּילט ד. איגנאַטאָווס בעסטע קינסטלערישע אייגנשאַפטן, נאָר עס האָט אין אים אויך געפונען אַ תיקון איגנאַטאָווס עקשנות־דיקער דראַנג צו פּאַרוועבן זיך מיט דער טיפסטער יידישער פאָלקסטימלעכקייט, אויסצולעבן זיך אין איר, אויסצולעבן זי פון זיך, באַפרייען זיך, דורך אויסלעבונג, פון עפּעס, וואָס איז געבליבן פון אַמאָל, פון דער אייגענער קינדהייט, פון די פאַרגאַנגענע דורות, נישט אויסגעלעבטס. עפּעס לעבט אין איגנאַטאָוון — און דורך אים אין אַלע זיינע הויפּט־העלדן — אַ געפיל פון מוזן צוריק צונויפבינדן דעם איבערגעריסענעם, דעם צו־פרי, צי צו־האַסטיק איבערגעריסענעם פאָדים פון אַלטן יידישן לעבנס־געפיל, פון דער אַלטער יידישער לעבנס־אַטמאָספער, און זיי פרעדיקן דעם צוריקקער צום אַלטן, זיי פאָדערן אָפּצוגראָבן די פאַרשאָטענע קוואַלן, זיי טויכן אונטער אין די אַלטע טיפענישן נאָך היינטצייטיקן זין, און דעם היינטצייטיקן זין ווילן זיי אומבאַדינגט צוגעבן דעם טעם און דעם אויסזען פון דאָס אַלטע (ברוך און בערמאַן, איגנאַטאָווס צוויי הויפּט־העלדן, וואָס האָבן, ווייזט אויס, אין זיך אַ סך אויטאָביאָגראַפישעם פון איגנאַטאָווס גייסטיקן מהות), — און דער רעזולטאַט איז אַ נעפּל, אין וועלכן עס שווימען אויף פון צייט צו צייט גאַנץ פיינע געדאַנקען און בילדלעך־צווינגנדע אַסאָציאַציעס, אָבער צו

עפעס קלאָרס קומט עס נישט. און מיטאַמאָל דערשיינט בערל פּראַגער און מיט זיין אייגנטימלעכער פּשטות און זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט פירט ער אַרויס איגנאַטאָוון פון זיין פּלאָנטער, פון זיין טראַגישן נעפּל.

אין קיין איין בוך איגנאַטאָווס פילט מען נישט אַזאַ האַרמאָנישע גאַנצקייט פון שרייבער, אַזאַ פריי אָפּאָטעמען פון געדאַנק און געפיל, ווי אין דאָזיקן בוך וועגן בערל פּראַגער. דאָ טאַפּט נישט איגנאַטאָוו נאָך קיין אויסוועג, נאָר ער האָט אים; דאָ זוכט נישט איגנאַטאָוו קיין תיקון, נאָר ער באַקומט אים. און דאָס איז נישט קיין צופעליקייט: בלויז דורך בערל פּראַגערס וווּנדער־מעשיות האָט זיך געקאָנט פריי אויסלעבן איגנאַטאָווס דראַנג צו דאָס יידישלעך־פאָלקסטימלעכע, האָט זיך איגנאַטאָווס נשמה געקאָנט אָנקניפּן אינם ליכט פון אַלטן יידישן לעבן. מען קאָן שטאַרק ספקן צי איגנאַטאָווס פאָרמולירונג, אַז „עס איז די גאַנצע וועלט אַ מעשה, וואָס האָט זיך נאָך אינ־גאַנצן נישט דערציילט”, איז אַ גליקלעכע, אָבער אַז דער וועג פון דער מעשה — זאָל זיין מיט אַ מוסר־השכל — איז דער איינציקער אויף אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דאָס אַלט־אָפּגע־לעבטע, מיט דאָס האַלב־גאַנץ־צו־דרייפערטל־פאַרלאָרענע — דע־רין איז קיין שום ספק נישטאָ. און צווישן די אומרייפע, אייליקע פרוכט פון איגנאַטאָווס אָנגעשטרענגטע זוכענישן נאָך אַ תיקון פאַר זיין בענקשאַפט נאָכן אַלטן אוצר, האָט זיך כמעט בהיסח הדעת פאַנאַנדערגעבליט די רייפע פרוכט פון בערל פּראַגערס געשטאַלט און זיינע וווּנדערלעכע מעשיות.

* * *

עס איז דאָ אַ טיפער אונטערשיד צווישן פּרצ׳עס „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן” און איגנאַטאָווס „וווּנדער־מעשיות פון אַלטן פּראַג”. ביי פּרצ׳ן איז דער עיקר דאָס דידאַקטישע, דער עקסטראַקט פון דער נשמה, פון גייסטיקן ווערט. ער שיילט זיי אַרויס פון אַלע קליידער פון דער פאָלקס־פאַנטאַסטיק און שטעלט אָן אויף זיי דעם רעפלעקטאָר פון זיין הויכן מוסר־השכל. ביי איגנאַטאָוון אָבער (גראָד ביי אים, וואָס האָט זיך אַזוי געמיט צו זוכן דעם ווערט, בלויז דעם דידאַקטישן ווערט פון אַלטן יידנטום פאַרן סאָציאַליזם, פאַר אַ נייעם גלויבן פון אַ היינט־

ציטיקן מענטשן) שיינט דאָ אַרויס דער זין, דער הויכער מוסר־השכל מיט אַ נאַטירלעכן ליכט, ווי ביי אַ גוט־אויסגעשליפענעם בריליאַנט. ער לאָזט זיך פֿאַנאַנדערשפּילן זיינע פּראַגער־מעשיות אין אַלע זייערע נאַטירלעכע פֿאַרבן: דאָס ריין־פֿאַנטאַסטישע, דער מעשהלע־עלעמענט שפּילט דאָ אַ זעלבשטענדיקע ראָל. נאָך מער: זיינע מעשהלעך זענען אפילו נישט תמיד יידישלעך־פֿאָלקסטימלעך אין געוויינטלעכן זין פֿון דאָזיקן וואָרט; די מעשה מיט דער גרויער מויז איז אַביסל פֿרעמד. אָבער על־פּי־רוב זענען זיי אַן אוצר פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט, פֿון שעפֿעריש־באַאַרבעטער, און אַמאָל טאַקע פֿון גרויסן פֿאַרנעם. ס'איז געגאַנגען צו דערמאָנען בערל פּראַגערס קאַמף מיט די ריזן; זיין טויט.

אייגנטלעך איז בערל פּראַגער אַ מין באַראָן מיונכהאַוזען — אָבער אַ טיף־יידישער. זיינע גבורות האָט ער נישט צו פֿאַרדאַנקען זיינע אייגענע כחות און מעלות, נאָר ער באַקומט זיי פֿון הויבן, אַלס שליח מצווה. זיין כח שטעקט אין זיין אומאונטערבראָכענעם קאָנטאַקט מיטן פּראַגער רב און אין זיין אומגעבראָכענעם בטחון. די שטעלע, ווי בערל פּראַגער פֿאָרט אויפֿן שיף און גיט אַוועק זיין גאַנצן פֿאַרמעגן פֿאַר קאָנען אָפּגיסן נעגל־וואַסער, און וויל נישט נעמען צוריק זיין געלט, ווייל דאָס אָפּגעבן זיין פֿאַרמעגן פֿאַר דער מצווה איז אים בילכער, — די דאָזיקע שטעלע איז אומפֿאַרגלייכלעך לויט איר פּשטות און קינסטלערישקייט. ווי ווייט עס איז נישט פֿון אונז דער זין פֿון זיין קאָנקרעטער טאַט, אַזוי נאָנט ווערט ער אונז מיט זיין איבערמענטשלעכן בטחון און טרייקייט צו זיין גלויבן. און אַ מאָדנע זאַך: איגנאָטאָוו מאַכט אונז גלויבן אין דער רעאַלקייט פֿון בערל פּראַגער, מיר טיילן דעם יראת הכבוד, וועלכן עס פֿילן צו אים די שיפֿסלייט, ווען זיי ווילן אים אָפּגעבן צוריק זיין פֿאַרמעגן, פֿאַסצינירט פֿון אַזאַ אַבסאָלוטן גלויבן. די עפּישע פּשטותדיקייט פֿון די דאָזיקע סצענעס דערנעענטערט זיך לויט איר פֿרומער נאַאיווקייט צו יונה בן־אמתיס רייזע און שמועס אויף דער שיף. עס איז נישט קיין בלויזע נאָכקאָפּירונג, נאָר אַן איבערדיכטונג.

אין דאָזיקן וווּנדערבאַרן מעשהלעך־בוך שפּירט מען אָפּט דעם גאַנצן טעם פֿון עכטן אַלטן יידנטום אין זיין פֿאַרגייסטיק־

טער, אידעאַליזירטער געשטאַלט. „אַוודאי האָט ער געפילט, אַז דאָס איז אַ זאַך וואָס איז נישט פאַר זיינע כחות, און דערצו האָט ער זיך נאָך געפילט אָפּגעשוואַכט פון אַלע זיינע וואַנדערונגען. אָבער אַ ייד איז דאָך פאָרט אַ ייד”. „צו וואָס דאַרף אַ ייד האָבן אַזאַ שרעקלעכן פערד און פאַנצער און אַזאַ שפּיז און אַזאַ שווערד? כדי צו שרעקן מענטשן אין גאַס? איך, בערל פּראַגער, זאָל דאָס זיין ווי אַ בער פון וואַלד?!”

וויפיל יידישער חן עס איז דאָ אין די דאָזיקע רייד פון בערל פּראַגער און אין זיינע מעשים. וויפיל חן איז פאַנאַנדערגעגאָסן אין גאַנצן בוך. בלויז זעלטן, ווען איגנאַטאָוו נעמט באַשרייבן די ליכטיקייט פון דער מלכה שבת און פון די פּאַלאַצן, ווערט דער פּרעכטיקער סטיל פון דאָזיקן בוך אַביסל איינטאָניק, צו סטיליזירט, צו רעטאָריש. אָבער דאָס איז שוין איגנאַטאָווס אַן אומהיילבאַרער פעלער: קומט ער צום וואָרט „ליכט”, ווערט ער ווי היפּנאָטיזירט און קאָן זיך נישט אָפּרייסן דערפון. ער חזרט אָן אויפהער: ליכט, ליכט, ליכט, — ביז דעם לעזער ווערט אַביסל פינסטער אין די אויגן.

*   *   *

די „וווּנדער־מעשיות פון אַלטן פּראָג” זענען זיכער איגנאַטאָווס בעסט בוך. עס האָבן זיך דאָ האַרמאָניש פאַראייניקט סיי איגנאַטאָוו דער מעשהלעך־שרייבער (פאַרמאָגן דאָך אויך זיינע „רעאַליסטישע” ווערק אָן אַ שיעור מעשהלעך־עלעמענטן, פאַבוליר־פיבער), און איגנאַטאָוו דער פאַרליבטער אינם יידישלעך־פאָלקסטימלעכן פּרימיטיוו. אויך „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט” (געשריבן פריער פאַר די „פּראַגער מעשיות”) פאַרמאָגט אַ סך פונם צויבער פון די פּראַגער מעשיות, אָבער עס איז נישט אַזוי האַרמאָניש און פולקאָמען, ווי יענץ ווערק. דער בלינדער בעטלער איז נישט אַזוי לעבעדיק און פּלאַסטיש, ווי בערל פּראַגער; ער איז נישט קיין אוממיטלבאַרער אויסדרוק פון איגנאַטאָווס שאַפונגס־קראַפט, נאָר אַ טאָפּלטע סכעמע: ערשטנס, אַלס קאָפּיע פון נחמן בראַסלאַווערס סימבאָליק, און צווייטנס — אַלס מעדיום פאַר איגנאַטאָווס אידעען.

איגנאַטאָוו גיט צו אַן אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג זיין דאָזיקן ווערק. אין פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע שטעלט

ער עס נישט נאָר העכער פֿאַר אַלע זיינע ווערק, נאָר ער פּראָקלאַמירט „דאָס פֿאַרבאָרגענע ליכט" אַלס אַנטפּלעקטע ליכט פֿאַר דער מענטשהייט.

איך האַלט פֿאַר נישט איבעריק צו ציטירן גאַנצע שטיקער פֿון דאָזיקן ביז גאָר כאַראַקטעריסטישן פֿאָרוואָרט (כאַראַקטעריסטיש לויט דער גרענעצלאָזער עקסטאַטיק און דעם מיסטישן נעפּל, אין וועלכן עס איז איינגעהילט).

„איך האָב זיך עטלעכע יאָר אַרומגעטראָגן מיט דער אידעע פֿון אַזאַ בוך. איך בין איבערצייגט געוואָרן, אַז מיט ריין־פּערזענלעכן מאַטעריאַל וועל איך מיין צוועק נישט דערגרייכן, וואָרום דאָס ריין־פּערזענלעכע איז אָפּט איפּערזיכטיק, עקשנותדיק, האַרט און פֿירט אויף גאַנץ אַנדערע וועגן. מיין פֿאַרלאַנג איז געווען אַ שווידערלעך גרויסער, אַ שרעק גאָר פֿאַרן מויל צו ברענגען". „און ווען איך האָב זיך אַזוי איינמאָל, שוין כמעט גאָרנישט זוכנדיק, אָנגעשלאָגן אויף רב נחמן בראַסלאַווערס מעשיות, האָב איך פֿון אָנפֿאַנג אַליין נישט געוואָלט גלויבן, אַז אָט האָב איך געפֿונען וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געזוכט. און נאָך דעם איז אויף מיר ווי אַ פֿיבער געקומען אַ גלויבן, אַז אָט די מעשיות האָבן דאָס אויף מיר געוואַרט, אַז איך האָב לכתחילה גענומען טראַכטן און זוכן אַזאַ מאַטעריאַל, ווייל עס איז געקומען די צייט פֿאַר דעם מאַטעריאַל צו דינען זיין צוועק".

„איך האָב זיך גענומען ווערן... קעגן דעם צונויפֿמישן זיך מיט עמיצן אַנדערש, אַזוי אַז עס זאָל... זיין שווער אָפּצוטיילן ווו בין איך און ווו איז דער מאַטעריאַל מיט וועלכן איך באַנוץ זיך. איך האָב אויך שטאַרק געליטן פֿון דעם, וואָס... איך וועל אָפּט דאַרפֿן פֿאַרגוואַלטיקן דעם מאַטעריאַל אַזוי שטאַרק, אַז ער וועט דערציילן פּונקט דאָס פֿאַרקערטע פֿון דעם, וואָס ער האָט לכתחילה געזאָלט דערציילן". „פֿונדעסטוועגן האָב איך פֿאָרט אָנגעשטרענגט מיינע בעסטע כחות און האָב מיט פֿיינען געשריבן דאָס בוך. דורך די פֿיינען האָב איך אָבער נאָך לויטערער געזען מיין גלויבן און די אומענדלעכע מעגלעכקייטן, וואָס איך ברענג מיט דעם ווערק"... (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.).

„דאָס איז אַ בוך, וואָס איז נישט געשריבן געוואָרן, נאָר געפונען געוואָרן". „אַזאַ בוך האָט אויף זיך נישט געטאָרט טראָגן דעם נאָמען פון קיין שרייבער... און מיט וויפיל גליקלעכער איך וואָלט געווען ווען דאָס איז אַ בוך פון אַ ווילד פרעמדן, איך וואָלט דעמאָלט געוואָרן דער אַפּאָסטאָל פון אָט דעם וווּנדערבאַרן בוך"... (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.).

דאָס איז ביי איגנאַטאָוון נישט קיין מאָמענט־קאַפּריז. אין „אַף ווייטע וועגן", אין דער טרילאָגיע, וואָס איז דערווייל איגנאַטאָווס ברייטסט ווערק, פאַראַרבעט ער כמעט אינגאַנצן דעם דאָזיקן פאָרוואָרט. בערמאַן, איגנאַטאָווס ליבלינג־העלד, דער טרעגער פון איגנאַטאָווס גלויבן, באַארבעט רב נחמן בראַסלאַווערס מעשיות אין אַ בוך אונטערן נאָמען „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט". אויך בערמאַן איז איבערצייגט, אַז דאָס ביכל האָט געוואַרט אויף אָט דער מינוט, ווען ער, בערמאַן, וועט עס באַארבעטן און אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט. אויך דעם בראַסלאַווערס משל וועגן הארץ פון דער וועלט און דעם קוואַל פון דער וועלט ברענגט איגנאַטאָוו אריין אין זיין דאָזיקן בוך.

איך קאָן אָבער בשום אופן נישט מסכים זיין מיט איגנאַטאָווס איבערגעטריבענער מיינונג וועגן ווערט פון דאָזיקן בוך. „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט" איז אַן אמתער קוואַל פאַר קריטיקער־מפרשים על־פי־דרש און על־פי־סוד. ווי אַן אַלעגאָריע איז עס געאייגנט אויף כלערליי אריינטייטשונגען און אויסטייטשונגען, בפרט אַז אין דאָזיקן פאַרנעפּלטן בוך, ווו דאָס ליכט, וואָס עס דאַרף אַנטפּלעקן, בלייבט טאַקע שטאַרק פאַרבאָרגן, געפינען זיך שטעלן, ווו עס קומען בולט צום אויסדרוק איגנאַטאָווס ליבלינגס־געדאַנקען. אויף ז. 12, למשל, זאָגט דער מלך צום בוים: „מיין קאָפּ איז פול מיט חכמה און מיין הארץ איז וויסט..." אַן אומצווייפלדייטיקער רמז, אַז די אינטואיציע איז וויכטיקער פאַרן שכל, אַז מיטן געפיל קאָן מען בעסער אויפנעמען די וועלט און זעטיקן די מענטשלעכע בענקשאַפט נאָכן אַבסאָלוטן, ווי דורכן קאַלטן פאַרשטאַנד...

קלאָר איז אויך באַרירט דער קעגנזאַץ צווישן יידנטום און אַ צווייטער רעליגיע, איינס פון איגנאַטאָווס ליבלינגס־אידעען. דער מלך זאָגט צום בלינדן בעטלער: „בעטלער, פון אייביק אַן

בענקט דאָך דער מענטש צום הימל..." — „נישט פון אייביק, — האָט אים דער בעטלער געענטפערט, — נאָר פון זינט עס איז געקומען די לערע, וואָס איז געגליכן צו דער פרוי, וואָס האָט נישט קיין אייגענע מילך אין אירע בריסטן... איינער וואָס קוקט שטענדיק אַרויף איז געגליכן צו אַ בלינדן. ער קאָן לייכט געשטרויכלט ווערן און פאַלן. אַ מענטש דאַרף פריער פון אַלץ קוקן פאַר זיך".

די דאָזיקע פּראָבלעמען, ווי אויך אַנדערע, זענען קלאָר געשטעלט, אָבער דאָס איבעריקע איז גאָלע אַלעגאָריע אין שלעכטן זין פון וואָרט. וואָס וועט טאָן דער קריטיקער, וואָס וויל אַרויסאַרבעטן דאָס ליכט פון דאָזיקן בוך, מיט די איבעריקע שיינע סענטענצן, וואָס זענען שוין אָבער גאָרנישט אַזוי קלאָר, וואָס זענען אַזוי מאַט און חומרדיק־גראָב, אַז דאָס פאַרבאָר־גענע ליכט בלייבט אין זיי פאַרבאָרגן? וואָס וועט ער טאָן מיט אַזעלכע סטיליסטיש־גוטע זאַצן: „עס איז די גאַנצע וועלט אַ מעשה, וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן נישט דערציילט"; „דאָס זענען מעשיות, וואָס וויקלען זיך אַרום דער ליכט פון דער וועלט"; ווייל דאָס ליכט פון דער וועלט, איז די מעשה פון דער וועלט"; „וואָס איז אַזוינס די מעשה? — די מעשה דאָס איז דאָס ליכט פון דער וועלט"; „דער מלך פון דער מעשה איז דער אמתער מלך פון דער וועלט"?

אַזאַ בוך ווי „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט", קאָן האָבן אַ ווערט אין צוויי פאַלן: אָדער ווען עס איז אַ קינסטלעריש־דערציילטע מעשהלע, ווו די אינערלעכע לאָגיק פון דעם מעשה־האפטן איז דער עיקר, ווו עס געפינט שפּייז אונזער געפיל פאַר האַרמאָניזירטן פאָלקס־פּרימיטיוו, פאַר סטיליזירטער פאַנ־טאַסטיק; אָדער ווען עס ווערט אין אים קלאָר אויסגעדריקט דורך אַלעגאָרישע פיגורן און געשעענישן אַ געוויסער געדאַנק.

„דאָס פאַרבאָרגענע ליכט" אַנטשפּרעכט נישט אין אַ פולער מאָס קיין איינע פון די צוויי פאָדערונגען. אַלס סטילי־זירטע מעשהלע, אַלס פאַבולירנדיק קונסט־ווערק — איז עס צו סכעמאַטיש, צו מאַנאָטאָן און צו כאַאָטיש. דער בן־מלך דרייט זיך כסדר אַרום אין וואַלד מיט די זעלבע שטימונגען; דער

בעטלער דערציילט זיינע מעשיות צו מאַנאַטאָן; דעם סטיל פֿעלט די נאַטירלעכע לייכטקייט און שימערירנדיקייט פֿון די „פּראַגער מעשיות”. אַ גוטע אַלעגאָריע ווידער דאַרף פֿון זיך אַרויסגעבן נאַטירלעכערהייט איר אינערלעכע שטראַליקייט, זי דאַרף זיך נישט נויטיקן אין אַ באַלויכטונג פֿון אויסן. די אַלעגאָריע פֿון „פֿאַרבאָרגענעם ליכט” איז נישט נאָר נישט דורכזיכטיק אין לעצטן סך־הכל, נאָר אפֿילו אָפֿט אין פּרטים בולט־כאַאָטיש געדאַנקלעך. לאָמיר נעמען איינע פֿון די שטעלן, וווּ די פּראָבלעם איז שוין יאָ קלאָר געשטעלט. דער בעטלער רעדט וועגן קעגנזאַץ צווישן יידנטום און קריסטנטום. יידנטום קוקט אויף דער ערד, עס איז אַ סיסטעם פֿון לעבן; קריסטנטום קוקט בלויז אין הימל און ווערט געשטרויכלט, און ער פֿאַרגלייכט די דאָזיקע לערע צו אַ בלינדן, וואָס קאָן לייכט געשטרויכלט ווערן און פֿאַלן. אָבער דער בעטלער איז בלינד און זיין בלינדקייט ווערט אונטערגעשטראָכן אויף כלערליי אופֿנים, מוז דאָך די בלינדקייט זיין אַ וויכטיקער פּרט, און נישט צום נעגאַטיוון, נאָר צום פּאָזיטיוון, ווייל דער דאָזיקער בעטלער זעט אַלץ. טאָ ווי שיקט זיך עס, אַז דער בלינדער בעטלער זאָל ברענגען אַלס נעגאַטיוון ביישפּיל די בלינדקייט? און דאָס איז דאָך נישט דער איינציקער פֿאַל, הגם ער איז פֿון די בולטסטע.

פֿאַרגלייכט מען נחמן בראַסלאַווערס מעשהלעך מיט איגנאַטאָווס באַאַרבעטונג, טרעט בולט אַרויס דער עיקרדיקער חסרון פֿון „פֿאַרבאָרגענעם ליכט”.

נחמן בראַסלאַווערס יעדע מעשהלע האָט אַ געוויסן מוסר־השכל, וואָס צו אים שטרעבט די דערציילונג. און דער דאָזיקער מוסר־השכל טרעט בולט אַרויס אָדער גלייך ביים אָנהויב אָדער צום סוף. אין לויף פֿון דער מעשה טרעפֿט, אַז געוויסע פּרטים אירע פֿאַרמאָגן אויטאָנאָמע בולטע מוסר־השכלס, אָבער זיי שטערן נישט דער פֿאַנאַנדערוויקלונג פֿונם עיקרדיקן מוסר־השכל. „אַ מעשה מיט אַ חכם און אַ תם”, למשל, דאַרף באַווייזן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט; פֿאַראַן אויך מעשיות, ווי די „מעשה פֿון אַ מלך מיט אַ חכם”, וואָס איז בלויז פּאָבוליר־קונסט. (נישט פֿאַר בראַסלאַווער חסידים, נאַטירלעך, נאָר פֿאַר אונז). אָבער אפֿילו דער ערשטער מין איז

נישט קיין קאַרג־אויסגעמאָסטענער לבוש פאַרן מוסר־השׂכל, — ער באַקומט אָפּט אַ זעלבשטענדיק לעבן אַ דאַנק דעם בראַסלאַווער פּאַבולירונגס־דראַנג. און אַזוי אַרום לעבן זיך אויס די דאָזיקע מעשׂהלעך נאָרמאַל אין זייערע ביידע דימענזיעס: אי מיר געניסן פון אוממיטלבאַרן דערציילונגס־פּלוס, אי מיר נעמען אויף אוממיטלבאַר דעם נאַטירלעך־אַרויסשטראַלנדיקן מוסר־השׂכל.

ווען איגנאַטאָוו וואָלט באַאַרבעט יעדע מעשׂהלע באַזונדער, ווי דאָס האָט געטאָן מאַרטין בובער מיט 6 מעשׂהלעך פונעם בראַסלאַווער, וואָלטן זיי אָפּט געווען בעסער ווי אין אָריגינעלן נוסח. אמת, עס וואָלט פאַרלוירנגעגאַנגען דער אייגנאַרטיקער חן פון פאָרם־אומבאַהאָלפנקייט, וואָס צייכנט אויס בראַסלאַווערס מעשׂהלעך; עס וואָלט פאַרלוירנגעגאַנגען די איינציקאַרטיקע נאַאיווקייט זייערע, — אָבער זיי וואָלטן געוווּנען אין קינסטלערישן סטיל, זיי וואָלטן געוווּנען אין דער קאָמפּאָזיציע. למשל: די „מעשׂה מיט אַ פאַרלוירענער בת־מלכּה" פאַרענדיקט איגנאַטאָוו גאָרנישט שלעכט. ער פירט ווייטער די ריכטיקע איבערגעריסענע ליניע פון דער דערציילונג. אין דער דערציילונג מיטן פאַרביטענעם בן־מלך האָט איגנאַטאָוו געענדערט דעם פּרט מיט דער כּלי, וואָס רופט אַרויס דעם וווּנדערבאַרן ניגון פון יעדן עכטן לעבעדיקן וועזן, און ער האָט עס געענדערט אַזוי מייסטערהאַפט, אַז די גאַנצע דערציילונג באַקומט אַ לאָגישערן און קינסטלעריש־אָפּגערונדיקטערן שלוס. זי געווינט זייער אַ סך סיי פונעם געענדערטן פּרט מיט דער כּלי, סיי דורך אויסנלאָזן דעם אורשפּרינגלעכן סוף. און דאָס טרעפט נישט זעלטן. (מען מוז אָבער אויך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אַמאָל מאַכט איגנאַטאָוו ערגער די קינסטלערישע פאָרם פון דער מעשׂה. ווי אַזוי דער פאַרביטענער בן־מלך ווערט פאַרפירט דורך די אָקסן, וועלכע מען דינגט אים צו טרייבן, איז נישט דער ערך קינסטלערישער און נאַטירלעכער, ווי דורך איגנאַטאָווס שאַף). אָבער איגנאַטאָוו האָט זיך נישט געוואָלט באַגנוגענען מיט איבערדיכטן נחמן בראַסלאַווערס מעשׂהלעך. ער האָט געוואָלט אויפבויען פון זיי עפּעס גאַנצעס, איינהייטלעכעס. און נישט נאָר אין זין פון אַ געקייטלטער דערציילונג, נאָר אויך אין

זין פון אַ געקייטלטן מוסר־השכל, פון אַ גאַנצער סיסטעם, פון אַ פאַרבאָרגענעם ליכט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דעם איינהייט־לעכן מוסר־השכל פון די אומצאָליקע מוסר־השכלס פון די פּרטים. אַלע דערציילונגען זענען פאַרבונדן צווישן זיך מיט דער געשטאַלט פונם בן־מלך, וואָס ביי בראַסלאַווערן ווערט ער אַן אפּיקורס און ביי איגנאַטאָוון פאַרבייט ער די יידישע ערד אויפן קריסטלעכן הימל; מיט דער געשטאַלט פונם בלינדן בעט־לער; אַלע מעשיות קומען פאָר אינם לאַנד, וואָס איז דער עיקר און וואָס איז כולל אין זיך אַלע לענדער; אַלע מעשיות דרייען זיך אַרום מלך וואָס זיצט הינטער די פאָרהאַנגען. דורך דער דאָזיקער פאַראיינהייטלעכונג האָבן אָבער נישט געפונען קיין תיקון קיין איינע פון די צוויי דימענזיעס פון בראַסלאַ־ווערס דערציילונגען. קינסטלעריש איז די פאַראיינהייטלעכונג אַ מעכאַנישע: דער זעלבער בלינדער בעטלער דערציילט זיי דעם זעלבן בן־מלך; און מוסר־השכלדיק איז אַרויסגעקומען אַ טונקע־לער פּלאָנטער. אין דער „מעשה מיטן פאַרביטענעם בן־מלך און אַ פאַרביטענעם בן־שפחה" ברענגט נחמן בראַסלאַווער אַרויס דעם קלאָרן געדאַנק, אַז נישט יעדער וואָס זיצט אויפן טראָן איז אַ מלך, און נישט יעדער וואָס איז אַ קנעכט מיטן גוף, איז טאַקע אויך אַ קנעכט מיט דער נשמה. אָבער איגנאַטאָוו פירט אַריין אין איר דעם מלך, וואָס זיצט הינטער די פאָרהאַנגען, און נישט נאָר ער פאַרברייטערט דעם אַלעגאָרישן פּלאַן, נאָר ער פאַרפּלאָנטערט אים.

איגנאַטאָוו האָט זיכער געהאַט אַ קאָנקרעטן ציל ביים פאַר־גרעסערן דעם אַלעגאָרישן פּלאַן. ער האָט גענומען (און אויך געענדערט און צוגעגעבן) בלויז אַזעלכע טיילן, וואָס האָבן פאַר אים אויסגעדריקט זיין געדאַנק, זיין מיסטיש־באַטאָנטע וועלט־אַנשויאונג. אָבער די מעשהלעך זענען נישט געווען צוגעגרייט אויף אַרויסצושטראַלן אַזוי פיל (ר' נחמן בראַסלאַווער האָט אפילו פאַרזיכערט זיינע תּלמידים, אַז אין די מעשהלעך שטעקן די גרעסטע סודות, אָבער צי ער האָט דאָס געטאָן אַלס רבי, צי אַלס קרענקלעך־עקזאַלטירטער מענטש — פאַר אונז איז עס בלויז אַ פּרט פאַר דעם שטודיום פון דער פּסיכאָלאָגישער דער־שיינונג: בראַסלאַווער), במילא זענען זיי אידעאָלאָגיש איבער־

געשטאָפּט געוואָרן און אויפגעהערט צייטנווייז אַרויסצושטראַלן אויך דאָס, וואָס האָט פריער יאָ אַרויסגעשטראַלט.

געוויס, איגנאַטאָוואס בוך גיט גאָר ברייטע מעגלעכקייטן פאַר אויסטייטשונגען. אָבער ביי די שענסטע אויסטייטשונגען וועלן די אַלעגאָריעס בלייבן מאַט, נישט געשליפן. אָפטמאָל זע־נען דעם בעטלערס רייד רעזאָנירונגען פון ערגסטן מין: אומ־פרוכטבאַרע, פּסוידאָ־טיפע. איך קאָן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף אַ גענויעם קריטישן פאַרגלייך צווישן דעם אורשפּרינגלעכן טעקסט און איגנאַטאָווס באַאַרבעטונג (איך האָב געלאָזן אין וואַרשע אַ גענויערן פאַרגלייך צווישן בראַסלאַווערס מעשהלעך און די באַאַרבעטונגען זייערע דורך מאַרטין בובער און איגנאַ־טאָוו), אָבער איך וויל פאַרענדיקן מיט איינער פון די דאָזיקע אומפרוכטבאַר־רעטאָרישע שטעלן:

— „בעטלער, וואָס איז טויט?״ — „טויט, דאָס איז די מינוט, ווען דער מענטש גייט איבער צו דעם גרויסן ליכט פון דער וועלט״.—„פאַרוואָס־זשע וויל דער מענטש נישט שטאַרבן? פאַרוואָס ראַנגלט זיך אַזוי דער מענטש מיטן טויט?״ — „דאָס ראַנגלט זיך אַזוי דאָס שטויביקע אין דעם מענטשן, וואָס קאָן זיך צום ליכט נישט דערהויבן״. — „טאָ פאַרוואָס־זשע וויינען מענטשן אַזוי ביטער איבער אַ טויטן?״ — „יאָ, מענטשן וויינען ביטער איבער אַ טויטן... זיי וויינען ביטער און עס איז זיי שווער צו פאַרשטיין אַז... זיי וויינען אויף זיך. דאָס וויינט אין זיי דאָס קליינע, וואָס דערפילט און דערזעט ווי אָט האָט איינער פון צווישן זיי זוכה געווען צו דערזען דאָס גאַנצע גרויסע ליכט, אָט האָט זיך איינער פאַר זייערע אייגענע אויגן אויפגעהויבן העכער פון צייט און אָרט און זיי זענען דאָ איבער־געבליבן אָרטיקע, צייטיקע, מיט אַזוי פיל נישטיקייט אויף זייערע אַקסלען. דער וואָס איז געשטאָרבן ווערט פאַר זייערע אויגן אַ העלער, אַ ליכטיקער און זיי שטייען פאַר אים שוואַרצע, פינס־טערע, און זיי שרייען און קלאָגן פון זייער פינסטערניש, און זיי ווייסן אפילו נישט, אַז דאָס קלאָגן זיי אַזוי אויף זיך אליין... און אין דער מינוט ווען אין זיי ציטערט אויף דאָס געפיל, אַז נישט דעם טויטן באַקלאָגן זיי, אַז דער טויטער האָט מיט זייער קלאָגן נישט צו טאָן, אין דער מינוט, ווען זיי דערפילן, אַז עפּעס

אַנדערש איז די סיבה פון זייער קלאָגן, נאָר זיי ווייסן נאָך אַליין ניט וואָס... דעמאָלט ווערט זייער טרויער קוויטשענדיק און גרילצנדיק, ווייל ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אָפּענעם ליגן". — „וואָלט דען געווען רעכט מען זאָל לערנען די מענטשן, אַז זיי זאָלן שטאַרבן צוליב דעם מעשה פון דער וועלט, צוליב דעם ליכט פון דער וועלט?!" — „ניין, אַ יונגער יינגלינג! — זאָלן דיר מער אַזוינע רייד אין מויל נישט קומען! וואָרום, ווי מיר וואָלטן פאַרמידן די ערד פון צו געבן פרוכט, ווען מיר וואָלטן זי פאַרדאַרבן, אַזוי וואָלט דאָך פאַרמידן געוואָרן די מעשה פון דער וועלט — דאָס ליכט פון דער וועלט, ווען די מענטשן זאָלן שטאַרבן. און ווייס, — די איינציקע אמתע טרייסט פון די מענטשן, וואָס לעבן אין לייד און אין פרייד — איז דאָס, וואָס זיי לעבן כדי פון זיי זאָל וואַקסן און געדייען די מעשה פון דער וועלט, דאָס ליכט פון דער וועלט, דאָס גרויסע ליכט"...

ניין, מען קאָן בשום אופן נישט זאָגן, אַז אַזעלכע שטעלן מאַכן די מעשיות קינסטלערישער און געדאַנקלעך — קלאָרער...

2. איגנאַטאָוום רעאַליסטישע ווערק

א. „אין קעסל־גרוב"

איגנאַטאָווס שטאַרקע נייגונג צום סימבאָלישן, פאַנטאַסטישן און מוסר־השכלדיק־דידאַקטישן, האָט געלייגט אַ שטאַרקן שטעמפּל אויף זיינע צוויי גרויסע רעאַליסטישע ווערק: „אין קעסל־גרוב" און „אויף ווייטע וועגן". און נישט לטובת די ווערק. איך מיין דאָ נישט די מעשהלעך און די וואָר־און־שלאָף־חלומות און פאַנטאַזיעס פון זיינע הויפּט־העלדן. דאָס וואָלט מען געקאָנט דערקלערן מיט איגנאַטאָווס אומצווייפלהאַפטן שטיין אונטער האַמסונס השפּעה. ברוך פון „קעסל־גרוב" איז אָן ספק אַ יידישלעכער נאַגעל, און חנה מיט ביילקען — נישט־געלונגענע קאָפּיעס פון האַמסונישע פרויען. די דאָזיקע מעשהלעך און פאַנטאַזיעס זענען דאָך פּאָרט עפּעס זייטיקס, און אפילו

ווען זיי זענען נישט איבערצייגנדיק, קאָנען זיי דעם ווערק גופא נישט שטערן. ערגער איז פאַר די רעאַליסטישע ווערק דאָס, וואָס איגנאַטאָוו דער מעשהלעך־שרייבער האָט ארייגעבראַכט די דאָזיקע אייגנשאַפט נישט אין טיילן פון ווערק, נאָר אין די ווערק אַלס גאַנצעס, אין זייער אויפבוי, אין דעם כאַראַקטער און אין די האַנדלונגען פון דעם ווערק און פון די העלדן. די רעאַלע וועלט איז פאַר איגנאַטאָוון „אַ מעשהלע, וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן נישט דערציילט", און ביי יעדער פּאַסיקער און נישט־פּאַסיקער געלעגנהייט נעמט ער זי ווידער און ווידער שפּינען. די מענטשן זיינע האָבן נישט קיין חוש פאַר ווירקלעכקייט; צייט און רוים, דאַכט זיך, האָבן קיין שליטה נישט אויף זיי, ווי זיי וואָלטן געווען בערל פּראַגערס. זיינע העלדן גייען אַרום ווי אין חלום און מיר זענען קיינמאָל נישט זיכער מיט זיי: אָט נעמען זיי און ווערן פאַרוואַנדלט אויף אונזערע אויגן...

* * *

„אין קעסל־גרוב" איז, לויט דער פאַרטראַכטונג, אַ רעאַליסטישער ראָמאַן אין בעסטן זין פון וואָרט: ער וויל געבן אַ ברייט בילד פון יידישן לעבן אין ניו־יאָרק, וווּ דער דראַנג צו נאַציאָנאַלער און ריין־מענטשלעכער ווידערגעבורט (ברוך) קעמפט מיטן וועגעטאַטיוון צושטאַנד פון נאַציאָנאַלער און פּערזענלעכער דעגענעראַציע. דאָס הייסט, אַז איגנאַטאָוו האָט מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק געוואָלט געבן אַ ווערק, וואָס די יידישע ליטעראַטור וואַרט נאָך אויף דעם אומזיסט אויך היינט. פאַנאַנדערוויקלען אין אַ ברייטן פּראָזע־ווערק אַ געוויסן קאָמפּלעקס נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע און עטישע פּראָבלעמען — הייסט איבעררייסן מיטן פיקסירן און קאַטאַלאָגיזירן אונזער רייכן שטייגער־אינווענטאַר און מיטן קלייבן פּסיכאָלאָגישע ברעקלעך פון אויבנאויפיקן ברייטן לעבנס־פלאַך, און אריינפירן דעם געזעלשאַפטלעכן ראָמאַן, דעם טיפן און ציל־באַוווסטן.

איגנאַטאָוו איז דערצו באַרופן געווען אַ דאַנק זיין ערנסט צום לעבן, אַ דאַנק זיין עטיש־באַפאַרבטער נאַטור, אַ דאַנק זיין אינטעלעקטועלער נייגונג. אויב איגנאַטאָוו האָט די דאָזיקע אויפגאַבע נישט דערפילט באַפרידיקנדיק, זענען דערין שולדיק

געוויסע אייגנשאַפטן זיינע, וואָס האָבן אויף גוטע דריי־פערטל צונישט געמאַכט זיין גוטן ווילן: איגנאַטאָוו פאַרמאָגט נישט די אייגנשאַפט פון אַן עכטן רעאַליסט צו זען קלאָר דאָס לעבן; און פונקט ווי דאָס רעאַלע לעבן ווערט פאַר אים פאַרנעפּלט אין אַ שלייער פון מעשההאַפטעס און פאַנטאַסטישעס, אַזוי ווערן ביי אים די געשטעלטע פּראָבלעמען פאַרנעפּלט דורך זיין נייגונג צו מיסטיק, צו טונקעלער רעטאָרישער מיסטיק. איגנאַטאָווס טאַלענט ליגט אויף אַ גאַנץ אַנדער געביט און זיינע רעאַליסטישע ראָמאַנען האָבן געמוזט ליידן אַ דורכפאַל נישט געקוקט אויף דעם ריזיקן סכום ערנסט, אַרבעט און טאַלאַנט, וואָס ער האָט פאַרוועגדט אויף זיי.

*   *   *

ברוך, דער העלד פון „קעסל־גרוב”, וויל אריינברענגען אַ רעוואָלוציע אין יידישן לעבן. די דאָזיקע רעוואָלוציע איז גלייכצייטיק אַ נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע. ער וויל אַרויספירן די יידן פון די שטעט, ווו דאָס לעבן ווערט אַזוי שטאַרק דעגענערירט. ברוך זעט די שטאָט ווי אַ ווערק פון טייוול: „ערגעץ דאָרט, ווו די לאַנגע גאַס לאָזט זיך אַראָפּ צום ים, שטייט דער גרויסער ריז געפּאַנצערט אין שטאָל און אייזן, ווייט אויסגעוואַקסן איבער אַלעמענס קעפּ און האַלט אין זיינע גרויסע, אייזערנע הענט די לייצעס פון אָט די אַלע מענטשן און טרייבט און שרייט: מיינע פערד! מיינע פערד! אומגליקלעכע! אין גאָט, וואָס קאָן זיין גוט ווי אַ גאָט און בייז ווי אַ גאָט, האָט איר זיך שוין באַלד פאַרגעסן. אי איר, אי די בעלי־בתים אייערע, איז ביי וועמען וועט איר מאָנען אייערע אַלע טענות? ביי אָט דעם ריז פון שטאָל און אייזן? אומגליקלעכע, פאַרשאָלטענע!... ווער וועט היילן אייערע ווונדן?” און אין די דאָזיקע טייוולאָנישע שטעט ווערן די יידן דעגענעריר׳ט טאָפּלט: אַלס יידן און מענטשן. און ברוך קומט מיטן רוף צו ערד, צו די ברייטע פרייע פרעריעס, צו אַ נאַציאָנאַל־געזונט לעבן (ז. 17 און 18). ער וויל איינוואָרצלען די יידן אין דער ברייטער פּרעריע נישט נאָר לטובת זייער פיזיש־גייסטיקער רעגענעראַציע, נאָר כדי זיי נענטער צו ברענגען צום אידעאַל פון יידנטום, וואָס איז אויך זיין, ברוכ׳ס אידעאַל: זיין פאַרוואָרצלט אין דער ערד (ווייל

אָן ערד איז נישטאָ קיין לעבן, און אָן לעבן איז נישטאָ קיין שום אמת) און דורך דער יידישער ערדישער תורה צונויפגעבונדן זיין מיט „רוים און ווייטקייט", איינס פון איגנאַטאָווס סימבאָלישע אויסדרוקן פאַר דאָס אבסאָלוטע, — אַ וועלט־אַנשויאונג, וואָס בליט זיך שפּעטער הונדערטפאַך פאַנאַנדער (הגם נישט קיין סך קאָנקרעטער) אין דער טרילאָגיע.

אָבער ברוכ׳ס טעטיקייט, זיין קאַמף פאַר זיינע אידעען זעען מיר נישט. מיר הערן בלויז, אַז ער טוט עפּעס, רופט עפּעס מיטינגען, קעמפט. זען זעען מיר אים בלויז ביים רעדן, אָבער נאָר אַ קליינער חלק פון די רייד זיינע באַשעפטיקן זיך מיט זיינע אידעען, דער עיקר איז ער פאַרנומען מיט האַמסונישער ליבע (נישט קיין ניינציקער, נאָר פערציקער...) און נאָך האַפּט־לאָזערע זאַכן. ער רעדט אָפט וועגן „רוים און ווייטקייט" (אַ סימבאָל־באַגריף פאַר אייביקייט, פאַר דאָס אבסאָלוטע), אָבער אין דער אמתן איז ער מער פאַרנומען מיט ביליקן מאָראַליזירן.

ברוך איז בכלל אַ פּאַפּירענער, זיינע ווערטער און מעשים האָבן קיין האַפט נישט. אויב זיין „רוים און ווייטקייט" האָט נאָך אַ געוויסן אַבסטראַקטן ווערט (אבסטראַקט דערפאַר, ווייל דער דאָזיקער געדאַנק ווערט נישט פאַרקערפּערט, — אפילו נישט אויסגעדריקט ווי געהעריק, — אינם ווערק), איז זיין צווייטע צוואַנגס־פאַרשטעלונג וועגן פייער אינגאַנצן פּוסט. פּונקט ווי די טרילאָגיע איז אָנגעפּיקעוועט מיטן וואָרט „ליכט", אַזוי איז דער „קעסל־גרוב" פול מיט „פייער". דער ראָמאַן הויבט זיך אָן מיט פייער, ענדיקט זיך מיט פייער, איז אינמיטן פול מיט פייער, וואָס נישט ער וואַרעמט, נישט ער באַלויכט, נישט ער ברענט און נישט ער רייניקט פון פּסלת. אַ פּאַפּירע־נער איז דעם העלדס גאָט און פּאַפּירן איז אויך זיין מאָראַל, זיין פּרעדיקן צניעות די יידישע טעכטער.

* * *

ברוכ׳ס שנאה צו דער שטאָט, צו אירע ווירקלעכע חסרונות אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אין דער תקופה פון לוין־שקלאַפעריי און פּראָפיט־געטשנדינסט, איז אַ בלינדע, אַן אויבערפלעכלעכע. זי האַלט נישט אויס די מינדסטע ערנסטע קריטיק. ברוך לייגט אַרויף אויף דער שטאָט די אחריות פאַר

אַ געוויסער סיסטעם, וואָס פירט אויך אין דאָרף צו דעגענע־ראַציע מיליאָנען פויערים, און ער זעט נישט די מעלות אירע. ווען ער וואָלט געזען די מעלות פון דער שטאָט, וואָלט ער נישט געשטעלט די פּאַטעטישע אָבער נאַאיווע (און טאַקע אויך קלעריקאַלע) פראַגע: „ביי וועמען וועט איר מאָנען אייערע אַלע טענות? ווער וועט היילן אייערע ווונדן?" ער וואָלט געוווסט דעם ענטפער פון דער שטאָט: דו, מענטש, אַליין וועסט היילן דיינע ווונדן.

ברוכס שנאה צום קריסטנטום און צו קריסטן איז בלינד. צוליבן איבערגעלעבטן פּאָגראָם אין דער אַלטער היים, איז ער גרייט אַריינצוּוואַרפן די גאַנצע קריסטלעכע וועלט אין איין טאָפּ, נישט אונטערשיידנדיק די העצער און די געהעצטע, די אויס־גערעכנטע מאָטיוון פון די ערשטע און די בלינדע איבערצייגט־קייט פון די לעצטע.

און אויך ברוכ׳ס מאָראַל איז טרוקן, שולחן־ערוכדיק. בינם, די פּערזאָניפיצירונג פון ברוכ׳ס צווייטן „איך", מיט וועלכן ער פירט דיאַלאָגן אין אַלע וויכטיקע מאָמענטן, איז אפילו פונקט אַזאַ נישט־איבערצייגנדיקער „טייוול", ווי ברוך אַ „היי־ליקער", פונדעסטוועגן דריקט ער זייער גוט אויס ברוכ׳ס שוואַכקייטן, און ער זאָגט ריכטיק ווען ברוכ׳ס מאָראַליזירן: „דיינע אויגן קוקן דאָך אויף זיי, ווי די אויגן פון אַ צערייצטער און הונגעריקער חיה, דו וואָלסט זיי, דאַכט זיך, מיט די ציין געגעסן", אָבער ער רייצט זיך און די פרויען אומזיסט, ווייל נישט נאָר די געשלעכטלעכע נאָענטקייט אָן ליבע, — אויך די געשלעכטלעכע נאָענטקייט פון ליבע אָן אַ חופּה און קדושין באַטראַכט ער פאַר אַ זינד. בינם דריקט דאָס אויסגעצייכנט אויס: „קו־הישר־פילאָזאָפיע". זיין עמפּערונג קעגן דער אויסגע־לאַסנקייט נעמט אָן די פאָרמען פון געשלעכטלעכן פּוריטאַניזם פון ערגסטן מין. אין דאָזיקן געביט קומען פאָר אין בוך אומ־צאָליקע קוריאָזע דיאַלאָגן. איינעם וויל איך ברענגען אַלס מוסטער.

צו ברוכ׳ן קומט צוגיין אַ לייכטזיניק מיידל, וואָס קריגט אים שטאַרק ליב. אַ דאַנק איר ליבע צו ברוכ׳ן ווערט זי ווי איבערגעבוירן: „...איך האָב זיך געוואַשן, געטובלט, מיין גאַנ־

צער לייב שמעקט איצט. איך וויל זיין אייער כלה. איך וויל זיין א כשרה״... און נאָך דער דאָזיקער איבערצייגנדיקער, „סימ־פּאַטישער״, שיר־השירימדיקער הקדמה רייסט זיך ביי איר ארויס אַ מליצה פון צווייטן עקסטרעם: „איך וואָלט זיך געלאָזן פון אייך אויפעסן״. און ברוך שעמט זיך נישט צו ענטפערן איר: „פילט איר כאָטש איצט, אַז גאָט איז מיט אייך?... דער יידישער גאָט... קער זיך איצט אום צו אים און ער וועט דיר מוחל זיין״ און א. וו. ער דערציילט איר מעשהלעך מיט מאָראַל, פון וועלכע ס'איז קלאָר, אַז מען טאָר נישט זינדיקן אין געוויינלעכן שולחן־ערוכדיקן זין פון וואָרט...

* * *

ברוך איז אין „קעסל־גרוב״ ארומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל. צום שטאַרקסטן קומט עס צום אויסדרוק אין פאָלגנדיקע ווער־טער: „— דאָס איז אַ גרויסער באַרג און מיר אַלע זענען שטיק־לעך שטיינער, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרט אָפּגעריסן פון אים, וואַלגערן זיך איצט ביי זיינע פיס״, אָבער דער לייענער קאָן בשום אופן נישט מסכים זיין דערמיט. זעלטן, זעלטן הויבט ער אָן צו ווערן אַן עפּעס (צו אַ „גרויסן באַרג״ איז נאָך דאַן אויך ווייט...); מערסטנטייל רעדט ער אויב נישט דירעקט נאַריש — איז אומפאַרשטענדלעך, פּאַזיאַריש. איין ביישפּיל פאַר אַ סך: חנה גייט מיט ברוכ'ן — דער לייב מיט דער לייבכע פון ראָמאַן שמועסן. „— וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרטיפט? וועגן וואָס טראַכט איר עס?״ ברוך ענטפערט: „הם! איך טראַכט? יאָ — ווי מיינט איר אַ שטייגער — אַזאַ פּלאַן — אָרגאַניזירן אַ פאַראיין פון גליטשער, ס'הייסט ארויסרייסן עטלעכע חברה פון אָט די „וועלט־פאַרזאָרגער״: ... געגנוג שוין, קינדער, קומט לופ־טערט זיך דורך אביסל! — האַ?״...

— מערקווירדיק! ווי עס ווערן ביי אייך געבוירן די פּלע־נער!... — מאָרגן, קאָן זיין, זאָל אייך נאָך איינפאַלן צו פאַר־ווירקלעכן אָט דעם נייעם פּלאַן״... „נו, יאָ״. — „אָבער, וועגן וואָס האָט איר געטראַכט אָט די גאַנצע צייט?...

„...געטראַכט האָב איך וועגן דעם, ווי איר וועט זיך מאָרגן פאַרשלאָפן און זיך אויפכאַפּן מיט אַמאָל, ווי פון אַ פּלוצלונגען פייער, — ווי עמיצער, אַ פאַררויכערטער, מיט צעפּאַטלטע

האָר און מיט אויסגעשטשירעטע געלע ציין וואָלט זיך אָנגעבויגן איבער אייער בעט מיט אַ פּלוצלונגען אויסגעשריי: פייער! פייער! — צום טייפל, חנה, ווי דאָס ברענט! פייער, פייער! ווי אַ קאַלטער גיפט וואָלט זיך אריינגעגאָסן אין די ביינער און צינדט זיך אָן און ברענט: „פייער, פייער!" — „דעמאָן!"

פאַר אַזאַ פּלוידעריי איז אַ צו גרויסער כבוד אָנצורופן „דעמאָן". בינם איז שוין אַ סך גערעכטער: „דו, וואָס דרייסט זיך שטענדיק צווישן אונז אָן אָנגעבלאָזענער, ווי דו וואָלסט ארומגעגאַנגען צווישן אַ נישט־ווירדיקן דור, ביזט דאָך נאָך אַלעמען אַ צעטומלטער און בלינדער נאַר. און דיינע אַלע פּלע־נער זענען דאָך נאָר דאָן־קיכאָטישע שפּעקולאַציעס..."

בינם זאָגט ווייטער טראַגישע אמתן, אמתערע און בולטער אויסגעדריקטע ווי ברוכ׳ס, הגם דער הויפּט־העלד בלייבט ברוך. און נישט נאָר דער הויפּט־העלד, נאָר דער גערעכטער לויטן מחברס סימפּאַטיעס, הגם בלויז אין בינמ׳ס טראַגישע אמתן קאָן מען געפינען אַ מילדערנדן אומשטאַנד פאַר ברוכ׳ן. ווען ברוך וואָלט געווען אַ נעגאַטיווע געשטאַלט, ווי בינם (ברוכ׳ס צווייטער „איך") זאָגט אים אַמאָל, וואָלט ער אויך נישט געווען קיין געלונגענער טיפּ, אָבער אַביסל פאַרשטענדלעך וואָלט ער געווען אַלס קאָמישע, צערודערטע, אויסגעשפּילט־פּרעטענציעזע פיגור. אָבער דאָס לאָזט זיך נישט זאָגן. אפילו דאָרט, וווּ עס דאַכט זיך שוין, אַז ברוך ווערט פאַראורטיילט, ווערט ער תיכף רעהאַביליטירט. למשל: אויף ז. 215 שרייט חנה אויס צו ברוכ׳ן: „מען דאַרף קאָנען נישט מורא האָבן פאַרן לעבן. מען דאַרף קאָנען נישט זיין קיין פייגלינג". און אין דאָזיקן פאַר־וווּרף ליגט די קווינטעסענץ פון ברוכ׳ס אַלע חסרונות. אָבער דער מחבר קערט אום דעם פּעלץ און לאָזט טריאומפירן ברוכ׳ן מיט אַ פּוסטער מליצה: — „יאָ, חנ׳קע! ביזט גערעכט, מען דאַרף קאָנען נישט זיין קיין פייגלינג, מען דאַרף קאָנען זיין אַליין — מען דאַרף נאָר קאָנען אָן מורא קוקן דער אייביקייט גלייך אין פּנים אריין. דאַן הערט מען אויף צו זיין איר קנעכט, דאַן ווערט מען איר גלייכן".

ער דעזערטירט פון ווירקלעכן לעבן אין דער מליצה פון אייביקייט (ווי במשך פון גאַנצן ראָמאַן) און בלייבט דער כלו־

מרשטער זיגער. ווייל אין דאָזיקן ווערטערדיק־פּאַפּירענעם ראָ־
מאַן מוז בלייבן דער זיגער יענער, ווער עס באַנוצט מער
אויפגעבלאָזענע ווערטער.

* * *

די פאָרם פון ראָמאַן איז פּונקט אַזוי אומגעלונגען ווי דער
אינהאַלט, די ווערטערדיק־מליצהדיקע געדאַנקען אַנטשפּרעכן
אַ ווערטערדיק־מליצהדיקן סטיל, ווערטערדיק־זינלאָזע מעשׂים.

דער איינפאַל צו לאָזן ברוכ׳ן איינגעבן חנ׳קען די פּילן,
וואָס טויטן איר קינד, איז מאָנסטרועז־זינלאָז בכלל, בפרט
ביי ברוכ׳ן. און אַזעלכע צוגעטראַכטע, דערווידערדיק־אומאי־
בערצייגנדיקע איינפאַלן פעלן נישט אין בוך.

אויך דער סטיל איז זייער שלעכט: „מיר דאַכט,... איר
וואָלט מיך איצט אויפגעגעסן?... — „יאָ, ענטפערט ער מיט אַ
בלוטיקן פייער־גלי״. „דאָס האַרץ ווערט דערביי געגעסן פון אַ
בלוטיקן פייער״. דאָס זענען רעפּרעזענטאַטיווע זאַצן פון דאָ־
זיקן בוך. אַ געוויסע אַבסטראַקט־פיגורעלע אויסדרוק־פאָרם,
וואָס איז חנעוודיק און פּאַסיק פאַר פאַנטאַסטישע מעשהלעך,
פּרעסט אויף דעם געוועב פון אַ רעאַליסטיש ווערק.

ב. „אָף ווייטע וועגן״

די טרילאָגיע „אָף ווייטע וועגן״ איז מער ווי אין איין
פּרט אַ פאַרברייטערטע און פאַרטיפטע אויפלאַגע פון „אין קעסל־
גרוב״. בערמאַן איז ברוכ׳ס אַן עלטערער ברודער, אַ רייפערער
אין האַנדלען און אפילו אין זיינע מיסטישע אומקלאָרקייטן;
אויך אין „אָף ווייטע וועגן״ טרוימען די העלדן וועגן דערנענ־
טערונג צו דער ערד; אויך די אידעע פון יידנטום, פון דער ער־
דישקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט קאָנקרעטן נאָענטן הימל (ווייל
אַראָפּגעצויגן אויף דער ערד) ווערט דאָ אַ סך ברייטער און
טאַקע אויך אינטערעסאַנטער באַהאַנדלט. מען וואָלט געקאָנט
פירן אַ סך פּאַראַלעלן צווישן ביידע ווערק, סיי בנוגע דער
זעלביקייט פון די אידעען, סיי בנוגע דער קרובהשאַפט פון די
פּערזאָנען און פון די קינסטלערישע מיטלען, — אָבער עס גייט

מיר דאָ נישט אין פּרטים. איך וויל פעסטשטעלן, אַז הגם איגנאַטאָוו איז שטאַרק אויסגעוואַקסן — לויטן פּאַרנעם — אין דער טרילאָגיע, דאָך איז ער אין תוך געבליבן דער זעלבער אין אַלע זיינע מעלות און חסרונות. די מענטשן פון „אַף ווייטע וועגן" זענען פּונקט אַזוי ווייניק רעאַל, ווי „אין קעסל־גרוב": אָדער זיי זענען סכעמעס (ווי גאַבריעל און שליאַפּניקאָוו, למשל) אָדער זיי זענען העלדן פון פאַנטאַסטישע מעשהלעך (ווי גער־טרוד). אויך אין פּרט פון אידעען איז איגנאַטאָוו געבליבן דער זעלבער אין דאַזיקן ווערק. איגנאַטאָוו קאָן דענקען, און ער דענקט טיף. אָבער פּונקט ווי זיין ברוכ׳ס צניעות ווערט קו־הישרדיק שטייף און קליינלעך, אַזוי ווערן אויך זיינע, בער־מאַנס, טיפּסטע געדאַנקען עפּעס אַזוי שטייף, אָן לעבן אויס־געדריקט, אַז ווען מיר כאַפּן שוין אפילו דעם מיין, וואָס ליגט דערין, ווירקט ער נישט אויף אונז צוליב זיין מאָדנער געליימ־טער אומגעלומפּערטקייט. למשל: זיין געדאַנק וועגן סוכות, אַז דאָס וואָלט געדאַרפט ווערן אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער וועלט, כדי די מענטשהייט זאָל זיך אַרויסרייסן אַביסל פון איר זעלבסט־צופרידענער, טעמפּ־מאַכנדיקער איינגעוואָרצלטקייט. דאָס איז אַ גראַנדיעזער געדאַנק, אַ גראַנדיעזער סימבאָל! אָבער סיי זיין אָנהויב (בערמאַנס „געדאַנק" וועגן נישט וווינען אין הייזער), סיי זיין גערייפטע פאָרם (וועגן זין פונם יום־טוב סוכות) זענען צו שווער־לייביק, חומרדיק־טונקל, כדי זיך איינצוואָרצלען אין אונז. און דאָס איז דער גורל פון איגנאַטאָווס גאַנצער טרי־לאָגיע. די טראַגעדיע פון איגנאַטאָווס געדאַנקען, וואָס באַקומען נישט קיין קינסטלערישן, סוגערירנדיק־שעפערישן תקון, איז אייגנטלעך די טראַגעדיע פון איגנאַטאָוו דעם פּאָטענציעל־גרויסן שרייבער, וואָס האָט נישט געפונען זיין פאָרם, און וואַנדערט און בלאָנדזשעט אויף וועגן, וואָס זענען פאַר אים נישט אָפן.

* * *

דער פאַרנעם פון „אַף ווייטע וועגן" איז גראַנדיעז: איג־נאַטאָוו וויל שילדערן די אַנטשטייאונג פון דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. ער וויל שילדערן דעם פּראָצעס, ווי אַזוי די אויסגעוואָרצלטע רעוואָלוציאָנערן פון רוסלאַנד פּרווון שלאָגן וואָרצלען אויפן נייעם באָדן, ווי אַזוי די „אָפּגע־

ריסענע בלעטער" באַמיען זיך צו נעמען ווידער גרינען. איגנאַטאָוו שילדערט די געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, דעם קאַמף פון צוויי דורות אין דער דאָזיקער באַוועגונג.

די סכעמע פון ראָמאַן איז — אין קורצן — פאָלגנדע: אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן פון רוסלאַנד (מערסטנס יידן) טוליען זיך אויפן פּרעמדן באָדן איינער צום צווייטן. זייער הויפּט־באַשעפטיקונג זענען טעאָרעטישע רעוואָלוציאָנערע מליצות און פּראַקטישע פרייע ליבע, אָדער ריכטיקער: עקלהאַפטע אויסגעלאַסנקייט. דער גרעסטער, צינישסטער נואף אין דער דאָזיקער סביבה, גאַבריעל, איז דער אָפּגאָט פון דער געזעלשאַפט. די בעסערע עלעמענטן פון די דאָזיקע „אָפּגעריסענע בלעטער" — דער רעפּרעזענטאַנט זייערער איז פרענקל, דער ערלעכער, פאַרנעפּלטער פרענקל, — באַמיען זיך צו באַשאַפן אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. עס קומט אַ גייסטיקער צוזאַמענשטויס צווישן די דאָזיקע אַלטע און בערמאַנען, דעם פאָרשטייער פון צווייטן דור אַריבערגעקומענע רוסישע רעוואָלוציאָנערן (פון יענער ליכטיקער יוגנט, וועגן וועלכער פרענקל דעקלאַמירט) און גלייכצייטיק פון בעסערן נאָכוווקס פון ערשטן דור. אין דאָזיקן בערמאַן און אין זיינע אידעען דאַרף קומען צום אויסדרוק דער זין פונם גאַנצן ווערק — בערמאַן גייט אַף ווייטע וועגן (און די בעסטע פאָרשטייער פון די אַלטע זעען אין אים זייער אייגענעם „איך", אַ געלייטערטן, אין אַ ריינערער פאָרם), וואָס פירן פון אַלטן יידנטום צו אַ געלייטערטער מיסטישער סאָציאַליסטישער רעליגיע. בערמאַן איז די בריק, וואָס איבער איר קומט אַריבער די ווערטפולע ירושה פון עבר צו די ווערטפולע טרעגער פון דער צוקונפט. אָדער לויט איגנאַטאָווס פאַרנעפּלטער טערמינאָלאָגיע: בערמאַן איז די גייענדיקע נעסט, ווו עס פליען אַריין די געדאַנקען־פויגל פון עבר, וואָס זענען געקומען פאַר דער צייט און ערשט איצט זענען זיי רייף געוואָרן צו באַווייזן זיך אויף דער וועלט.

בערמאַן דאַרף זיין דער זין פון ווערק — ער ווערט עס אָבער נישט. דער גייסטיקער צוזאַמענשטויס צווישן בערמאַנען און דעם אַלטן דור איז נישט קלאָר. אַמאָל קומט צום אויס־

דרוק עפּעס אַ צוזאַמענשטויסעלע צווישן נאַציאָנאַלן געדאַנק און וויסטן אַסימילאַטאָרישן ראַדיקאַליזם; דאָ ווידער — אַ צו־זאַמענשטויס צווישן אַ מיסטישן משיח־סאָציאַליזם מיטן סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישן פון איין זייט און דעם אָרטאָדאָקסישן משיח־גלויבן פון דער צווייטער.

ווי ווייט אומקלאָר עס איז דער קאַמף, באַווייזט דער צוזאַמענטרעף בעת זינאַס געבורטס־טאָג. מען פרעגט בערמאַ־נען: — „וואָס, למשל, דענקט איר, בערמאַן, ברענגט צוריק אַ מאָדערנעם מענטשן, אַן אויסגעפּרווטן רעוואָלוציאָנער, ווי איך פאַרשטיי, צוריק צו די פאַרשימלטע, אַלטע ספרים? איז דאָס משוגעת צי אַ שוואַכקייט פון כאַראַקטער?" און בערמאַן האָט... אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין אַרויסגערעדט און מיט אַביסל אַ צו הויך קול, פשוט דערפאַר, כדי ער זאָל זיי דאָ אַלעמען אויפרעגן:

— „אין די אַלטע פאַרשימלטע ספרים ליגן דאָך פאָרט דערפאַרונגען פון דורות, דערפאַרונגען... פון מענטשלעכן רייסן זיך צו ווייטער, צו טיפער, צו העכער"...

אין דאָזיקן שמועס זאָגט בערמאַן גראַד אַרויס אַ ריכ־טיקן געדאַנק, אָבער ער שפּרינגט ביי אים אַרויס אומגעריכט פאַר אים אַליין, ער אַליין איז נישט זיכער אין אים. דער פּסי־כאָלאָגישער פּראָצעס איז גראַד אַ ריכטיקער, אָבער ער טויג נישט פאַר פירן אַן עפנטלעכן קאַמף. און דערפאַר, ווען מען שטעלט אים די פראַגע וועגן סוכה, זעט ער אויס אַזוי: „בער־מאַנס אויגן זענען געבליבן שטיין אָנגעשטעלט, ווי ביי אַ יינגל, וואָס איז געלאָפן, געלאָפן, זיך געמיינט אַרויסדרייען און איז דאָך געכאַפּט געוואָרן. ער האָט נאָך פאַר אַן אויגנבליק אַ טראַכט געטאָן: אפשר וועט נאָך קומען צו הילף אַן אַנדער גע־דאַנק. זאָל זיין וואָס נישט איז, אַבי נישט רעדן פון אָט דער מאָדנער הייזער־אידעע" (וואָס איז אים אַמאָל געקומען אויפן געדאַנק אין אַ מאָמענט פון צעטומלונג, כדי צו פאַרשטאָפּן די פּוסטקייט). און בלויז צוליב עקשנות ענטפערט ער: „און פאַר מיר, זעט איר, איז נאָך גאָרנישט אַזוי זיכער, אַז מענטשן דאַרפן דווקא הייזער און נישט סוכות". דער דאָזיקער געדאַנק איז בכלל נאַריש אין זיין אויסדרוק (די סוכה אַלס סימבאָל אין אַ

יום־טוב קאָן טראַגן אין זיך אַ גרויסן געפילס־אמת, אָבער נישט דאַרפן קיין הייזער?...), בפרט אין דאָזיקן שמועס. און בערמאַן קריכט ווייטער אין בלאָטע. ער דערציילט אַ מדרש וועגן דער וויכטיקייט פון סוכה, וועגן דער שווערקייט פון דער דאָזיקער גאָר־וויכטיקער מצווה, ווייל ער האָפט, אַז דאָס „דערציילן די לעגענדע מיט אַן אָפּלאַכנדיקן טאָן... וועט מאַכן גרינגער אַביסל זיין לאַגע. געענדיקט אָבער האָט ער מיט אַ געפיל, אַז ער דערציילט דאָ אַ זאַך, פון וועלכער ער האָט פריער נישט געטראַכט און אַז ארויסגעקומען איז דאָס ביי אים מיט אָט־יענעם פלוצלונגדיקן שיין פון זאַכן, וואָס קומען און לייגן זיך באַהערשנדיק אַוועק אויף אים, זיכער אָבער איז ער נישט געווען. (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.). אַ געפיל איז... געווען אין אים אַזאַ, אַז ביי אים אליין רייסט זיך איצט אפשר אַ געדאַנק אַזאַ, וואָס ער קאָן נישט פאַרדייען. און צו וואָס איז ער דאָ געבליבן?... כדי צו זיצן און פלוידערן און פלאָנטערן און זיין זייער נאַר?"

איך האָב זיך אַביסל לענגער אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיקן שמועס, ווייל דאָס איז אַ צענטראַלער צוזאַמענשטוים אין ווערק, אויף וועלכן עס וואַרטן סיי די איבעריקע העלדן, סיי די לעזער. צום סוף ווייזט זיך אַרויס, אַז בערמאַן פאַרלאָזט זיך אויף זיין אינטואיציע און עקשנות, און דאָך גייט ער אַרויס פון שמועס נישט מיט קיין כבוד. איבערקערן אַ טיש, הייסט נאָך נישט זיגן...

דער דאָזיקער וועג פון אינטואיטיוון אָנטאַפּן דעם אמת איז גוט, איז גענוג פאַר אַ צימער־העלד, פאַר אַן אינדיווידועל־פסיכאָלאָגישן העלד, פאַר אַ מענטשן, וואָס גייט נאָך זיין וועג ביחידות; אָבער פאַר אַ העלד פון אַ געזעלשאַפטלעכן ראָמאַן איז דאָס ווייניק. דאָ דאַרף פאָרקומען אַ שלאַכט צווישן צוויי פעסט־געצייכנטע וועלט־אנשויאונגען; דאָ קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזן דערויף, אַז דער אמת זאָל אַרויספלאַצן פון בערמאַנען כמעט קעגן זיין ווילן, אינסטינקטיוו. אפילו ביי שליאַפּניקאָוון אויף דער פאַרם, ווו בערמאַן קומט שוין אַ רייפער און זיכערער, ווו ער רעדט שוין וועגן סוכה־געדאַנק קלאָר און טיף — אויך דאָ טויג ער זיך נישט פאַר אַ העלד פון אַזאַ ראָמאַן.

ער איז צו פאַרנעפּלט, צו מיסטיש־אָפּגעשלאָסן אין זיך. און ער ווייסט נאָך אויך דאַן נישט זיין וועג. ער מוז נאָך ווידער דורכגיין דורך די טויערן פון נחמן בראַסלאַווערס מעשהלעך און דאַן ערשט נעמען דעם מער ווי מאָדנעם וועג צום פּויק, צו דער פּרעדיק אויפן גאַס און צום זינלאָזן טויט. בערמאַן האָט געקעמפּט ביז ער איז געקומען צו זיין יידישלעך־באַפאַרב־טער וועלט־אַנשויאונג, אָבער קומענדיק צו זיין אמת — שטאַרבט ער אָן אמתן קאַמף פאַר זיין אידעע, — ער זוכט וואָס שנעלער דעם טויט, ווייל אים אליין איז נישט קלאָר — וואָס ער דאַרף טאָן.

* * *

קינסטלעריש איז דאָס בוך כאַאָטיש און נישט־געלונגען. לאָמיר נעמען, למשל, די טייל פון דער פרייער ליבע. אַלס מעשהלעך־שרייבער איז איגנאַטאָוו גענייגט צו היפּערבאַלעס און צו היפּערבאַליזירן. ער פאַרלירט דערביי יעדע מאָס פון רעאַ־אַלקייט און פון פּסיכאָלאָגישער וואַרשיינלעכקייט. איך האָב ווייניק אָרט, כדי צו קאָנען גענוי באַשרייבן און באַקרעפטיקן מיט ביישפּילן די כאַאָטיש־אומגלויבלעכע שילדערונגען כאָטש בלויז פון די פרייע־ליבע־אָרגיעס. זיי זענען מער לעכערלעך ווי עקלהאַפט, ווייל כדי צו פילן אַן עקל צו עפּעס, דאַרף מען שפּירן די עקזיסטענץ פונם דאָזיקן עפּעס. דאָ שפּירן מיר עס נישט. עס דאַכט זיך אונז אַמאָל, אַז איגנאַטאָוו באַרעדט אומזיסט־אומנישט די דאָזיקע אַלע מענטשן: אין דערווירקלעכקייט זענען זיי גאָרנישט אַזוי טייוולאָניש־תאוהדיק און שמוציק; די דאָזיקע מענטשן זענען אין זייערע אָרגיעס שוין צו געשלעכטלאָז און נישט־מענטשלעך טאָלעראַנט צו די אַבסטראַקטע אידעען פון פרייער ליבע.

כדי איינצושפּאָרן אָרט, וויל איך ברענגען איינעם פון די זינלאָזסטע ביישפּילן אין דאָזיקן טייל בוך.

דער גרעסטער גואף איז גאַבריעל. אויב איגנאַטאָוו איבער־צייגט אונז אין עפּעס בנוגע דעם דאָזיקן פאַרשוין, איז אין זיין נישטיקייט. עס העלפט נישט, וואָס אַלע באַצייכענען אים אַלס גנבֿלעך. און אָט דער גאַבריעל פאָרט אַוועק קיין בערלין און קומט צוריק אַלס באַרימטער אָפּערן־אַרטיסט (מיר מוזן

דאָס גלויבן אויפן וואָרט, ווייל גאבריעל האָט זיך מיט גאָרנישט נישט געענדערט. און די גאַנצע אַכצן יאָר פון זיין אָפּוועזנהייט זעען מיר אים נישט). „גאבריעל — דערציילט איגנאַטאָוו, — האָט געפּרעדיקט און אַלע האָבן געגלויבט, אַז אַלע אמתן אויף דער וועלט זענען אידיאָטיש און ליגנעריש, אויסער דעם איין־און־איינציקן אמת — געשלעכט. אַלץ, וואָס מען דאַרף טאָן כּדי צו באַפרייען די אומגליקלעכע מענטשהייט, איז צו באַפרייען זי פון די געשלעכטס־צאַמען".

ווי אַזוי סאָציאַליסטן — אפילו „אָפּגעריסענע בלעטער" — קאָנען גלויבן, אַז אַלע אמתן זענען אידיאָטיש, ווייס איך נישט, אָבער גאבריעל האַנדלט אין גאַנצן בוך טריי צו זיין פילאָזאָפיע.

ווען גאבריעל קומט צוריק פון בערלין, טרעפט ער אַ חוץ די מאַמעס, — וועלכע זענען פאַר זיין אוועקפאָרן געווען אַלע זיינע, — אויך דערוואַקסענע טעכטער, און ער נעמט זיך צו די יונגע, נישט פאַרנאַכלעסנדיק דערביי אויך די עלטערע. טרעפט אַמאָל, אַז גאבריעל געפינט זיך אין שטוב פון זיינער אַן אַמאָליקער און איצטיקער געליבטער, פאַניאַ פיינמאַן; דאָרט איז אויך דאָ נאָך אַ געליבטע זיינע, פון די אַמאָליקע, און אַ טאָכטער פון איינער פון די אַמאָליקע געליבטע זיינע, אַ יונג מיידל, וואָס שוואַנגערט פון אים. און מיטאַמאָל קומט אריין אין שטוב אַ בחור, גאבריעלס אַ זון, וועלכן ער האָט געלאָזן, ביי זיין אָפּפאָרן קיין בערלין, נאָך אין דער פאַרפירטער מאַמעס בויך.

דער בחור זאָגט: „פּאַפּאַ, די מאַמע האָט מיך געשיקט צו דיר... די מאַמע..." גאבריעל ענטפערט דערויף: „אַרויס, דו פאַרדאַמטער שורקע! און גלייך! צוריק צו דיין מאַמען דער... — און גאבריעל האָט דאָ אַרויסגערעדט אַ זייער באַליידיקנדיק וואָרט אויף דעם אַדרעס פון דער מוטער". און ווען דער בחור פרעגט מיט צאָרן: „וואָס האָסטו געזאָגט וועגן מיין מאַמען?!" ענטפערט ווידער גאבריעל: „אַז זי איז אַ..." און ווען דער בחור כאַפּט אים ביי די לאַצן, שרייט גאבריעל צו די פרויען: — „רופט גלייך אָפּ די פּאָליציי!" און די דריי פרויען זענען באַפאַלן דעם בחור: „אין אַ פרעמד הויז! וואָס איז דאָס? שעמט

זיך! איך רוף גלייך די פּאָליציי״. און ווען דער בחור איז שוין נישטאָ, נעמט אים די יונגע, שוואַנגערע פרוי אַרום: „פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי אויפגערעגט, טייערינקער?... ער איז דאָך אַ נאַרישער יינגל״. און איינע פון די עלטערע ווייבער פּאַטשט בראַוואָ: — „אָט דאָס הייסט געהאַנדלט ווי אַ מאַן! אַרויס צו דער מאַמען, דער... דו ביסט ווי אַ גאָט, גאַבריעל, ווי אַ גאָט. איך קני פאַר דיר״... און פאַניא האָט מיט איר שטאָלצן שמייכל אויך צוגעגעבן, אַז אַזאַ שטאַרקייט איז טאַקע באמת צו באַוואונדערן״. דאָס זאָגט די זעלבע פאַניא, וועלכע אַלע העלדן און איגנאַטאָוו אַליין באַצייכענען אַלס שטאָלצע, וואָס עס גייט אויף פון איר אַזאַ וואונדערבאַר ליכט. אַ טאַטע זאָגט צו זיין קינד אויף זיין מוטער אַ שענדלעך וואָרט און אַ קומענדיקע מוטער און צוויי געליבטע קניען פאַר אים ווי פאַר אַ גאָט.

גערויס, איגנאַטאָוו וויל שילדערן גאַבריעלן אַלס נעגאַטיוון טיפּ; אויך די פרייע־ליבע־פרויען וויל ער אַזוי שילדערן. אָבער אַ פּראָזאַאיקער אַ רעאַליסט טאָר נישט אויף אַזאַ אופן דערגרייכן זיין ציל. ער מאַכט דאָך סיי גאַבריעלן, סיי די פרויען פאַר אידיאָטן, ערגער ווי קריפּלם. ווען דער בחור זאָגט צום העלד פיינמאַן, אַרויסגייענדיק פון שטוב, אַז זיין טאַטע „וווינט דאָ אין דעם הויז מיט זיינע קורוועס״, באַליידיקט ער דערמיט די ערגסטע קורוועס, וואָס וואָלטן קיינמאָל נישט געענטפערט אויף אַזאַ זינלאָזער אידיאָטישער באַליידיקונג מיטן וואָרט „געטלעך״.

און דאָס אַלץ איז אין אַ גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון איגנאַטאָווס איינגשאַפט פון אַ מעשהלעך־שרייבער צו היפּערבאַליזירן.

דאָס געשעט נישט נאָר מיטן געשילדערטן שלעכטס, נאָר אויך מיטן געשילדערטן גוטס. זיינע פרייע־ליבע־מענטשן זענען געשלעכטלאָזע, ליידנשאַפטסלאָזע בעל־תאווהניקעס, און זיינע ריינע מענטשן זענען נישט קיין קלענערע אַבסטראַקציעס. די זעלבע ראָל, וואָס עס האָט אין „קעסל־גרוב״ דאָס וואָרט „פייער״, האָט אין „אויף ווייטע וועגן״ דאָס וואָרט „ליכט״. אומצאָליקע מאָל ווערט עס איבערגעחזרט אין אַלערליי וואַריאַציעס.

אָבער די גרעסטע מיסברויכן ווערן געטריבן מיטן דאָזיקן באַגריף אין שייכות מיט גערטרודן, דער הימליש־ריינער טאָכטער פון דער פּראָסטיטואירטער פאַניאַ פּיינמאַן. גאַבריעל איז געטלעך אין זיין שמוציקייט און גערטרוד — אין איר ריינקייט. זי סימבאָליזירט מיט זיך דעם קעגנזאַץ צו דער אַרומיקער אויסגעלאַסנקייט. בלויז זי איינע שטעלט אַ ווידערשטאַנד גאַבריעלן. און זי ציט זיך, נאַטירלעך, צו בערמאַנען. און פאַרשטייט זיך, אַז אויך די דאָזיקע ליבע ווערט נישט געשילדערט מיט רעאַלע מיטלען, נאָר מיט היפּערבאַליש־מעשהלעהאַפטע.

נאָכנייענדיק טריט ביי טריט דער דאָזיקער ליבע, וואָלט מען גלעך געוועזן בולט צו מאַכן, ווי ווייט איגנאַטאָוו איז דאָ פאַרפירט געוואָרן אויף קרומע וועגן דורך זיין ראָמאַנטישער איינגעשאַפט. ער האָט נישט דורכגעלאָזן קיין איין אקסעסואַר פון שאַבלאָנער הימלישער ליבע נישט קיין אויסגענוצטן אויף צוויי הונדערט פּראָצענט. איך וועל אויך דאָ, ווי פריער ביי אַלע טיילן פון בוך (און פון איגנאַטאָווס אַלע ווערק), ברענגען בלויז עטלעכע רעפּרעזענטאַבעלע פּרטים.

וועגן גערטרודן רעדט זיך בלויז אין טאָן פון אַדאָראַציע. זי איז געטלעך, הימליש, אַ קוואַל פון ליכט. „מענטשן האָבן זיך געבראָכן אין פּיינען ביז זיי האָבן אַרויסגעבראַכט אַזאַ ריין־געריייניקטן מענטשן, ווי זי. אין איר ליכטיקייט האָבן זייערע פּיינען אַ תיקון געפונען". איר געליבטער מוז זיין אַ לאָענגרין, אַ ריינער לאָענגרין. און זייער ערשטע באַגעגעניש ביי בערמאַנען אין צימער ווערט געשילדערט אין די העכסטע עקזאַלטאַציע־טענער: „גערטרוד, דו ביסט מיינע, מיינע! פאַר אָט דעם מזבח אונזערן, פאַר אָט די ליכט און פאַר אָט די בלומען!" — „נעם מיך אַרום, באַהאַלט מיך! דו ביסט מיין לאָענגרין און איך בין דיינע, דיינע!!!"

אָבער ווען בערמאַן קומט אויף זינאַס געבורטסטאָג מיט אַ קאַמפּס־חברטע און נאָך דעם ווי זי, גערטרוד, שטעלט אים פאַר גאַבריעלן, שטעלט בערמאַן איר פאָר זיין חברטע, — גיט די געטין אַ טראַכט: „ער האָט, הייסט דאָס, אויך מיט זיך געבראַכט עמיצן, וואָס ער דאַרף פאָרשטעלן!!..." „גערטרוד האָט דאָס נישט דערוואַרט... דאָס איז פאַר איר געוועזן אַ שרעקלעכע

באַליידיקונג"... און די ליכטיקע, די „ריין־געריינקטע" גערטרוד שרייט צו אים דערפאַר, ווען איר לאָעגנרין וויל זי אָנרירן: — „דו זאָלסט דאָס נישט וואַגן!... דו ביסט אַ פּראָסטער אַרבעטער, ביסט אַ נידעריקער מענטש, ביסט אַ פּויער, אַ פּויער!... דו ביסט אַ מוזשיק, אַ כאַם!" און ווען בערמאַן וואַרפט איר פאָר, פאַרוואָס איז זי געקומען מיט אַ פּראַנט, ענטפערט זי: „ער איז אַ גרויסער קינסטלער, אַ מוזיקער. ער זינגט ווי אַ גאָט. ער וויל מיך נעמען אויף אַ רייזע קיין אייראָפּע, מירן ביידע אויפטרעטן, און דו ביסט גראָב און טעמפּ, ווי אַ פּויער".

און נאָך דער דאָזיקער „עלעגאַנטער" און „זינפולער" אייפערזוכט־סצענע צווישן צוויי דערהויבענע מענטשן, געפינט איגנאַטאָוו פאַר מעגלעך צוצוגעבן: „...כאָטש זי האָט אים טאַקע געמיינט באַליידיקן מיט די ווערטער „גראָבער אַרבעטער", „טעמפּער פּויער", איז עס אָבער פאַר איר אויך געווען ווי זי וואָלט אויף אים געלייגט איר באַהאַלטנסטן, איר הייליקסטן זיגל, ווייל אין אירע אײדלסטע חלומות האָט זי זיך שטענדיק געזען אַלס די איבערגעגעבנסטע ווייב פון אַ גראָבן אַרבעטער, פון אַ פּויער..."

אָן שום ספק: איגנאַטאָוו פעלט לחלוטין דאָס געפיל פאַר הומאָר, פאַר קאָמיזם...

פּונקט ווי ער פירט מאָדנע צונויף גערטרודן און בערמאַנען, צעשיידט ער זיי מאָדנע, כדי נאָך מאָדנער צונויפצופירן זיי פאַר זייער טויט.

ווען בערמאַן טרעפט זיך מיט גערטרודן דעם נאָענטסטן מאָל נאָך דער אייפערזוכט־סצענע, ליגט גאַבריעלס האַנט צופעליק, איין מינוט, אויף גערטרודס טאַליע. בערמאַן גייט אַוועק פון איר, הגם ער האָט אַזוי געוואַרט אויף דער באַגעגעניש. אַזוי זענען שוין איגנאַטאָווס דאָזיקע פאַנטאַסטיש־פּילבאַרע העלדן. גערטרוד רופט אים „פּויער", ווייל „אויב ער האָט עמיצן אַפילו פריער, אפילו ווען נישט איז, אפילו נאָר אַביסל ליב געהאַט, וויל זי פון אים נישט וויסן, ער איז שמוציק. זי וויל אַ ריינעם, אַ ריינעם". — און ער גייט אַוועק פון איר צוליב דער האַנט אויף איר טאַליע, הגם גייענדיק אויפן וועג האָט ער „געזען ווי אַ זייל לבנה־ליכט גייט לעבן אים און אין דעם זייל

גייט גערטרוד". אַט דאָס ווערט ווען מען שרייבט רעאַליסטישע ראָמאַנען מיט דער מענטאַליטעט פון אַ מעשהלעך־שרייבער: אַ צופעליקע האַנט אויף אַ טאַליע, אויף איין מאָמענט, מאַכט שמוציק. און אויך ריין־ווערן קאָן מען מיט מעשהלעך־מיטלען. גערטרוד שניידט איין איר הויט אויף איר טאַליע, און די שמוציקע באַרירונג פאַלט אַראָפּ פון איר. זי ווערט אָבער פיזיש קראַנק און דאָס איז טאַקע גויטיק, ווייל זי גייט אין שפּיטאָל, כדי צו טרעפן בערמאַנען, ווען מען פאַנאַטישע יידן האָבן צע־הרגעט פאַר פּרעדיקן זיי זיין נייע רעליגיע, דעם ליכט פון דער וועלט. זיי שטאַרבן ביידע. ווי זייער לעבן, איז אויך זייער טויט אַרומגעוויקלט מיט מליצה...

* * *

איגנאַטאָוו איז אַ מין געשטרויכלטער מיסטישער רעאַ־ליסט, אויב מען זאָל דווקא וועלן באַצייכענען מיט אַ שלאָג־וואָרט איגנאַטאָווס גערדאַנקענגאַנג, וואָס קומט צום בולטסטן אויסדרוק (אויף וויפיל ער איז בכלל בולט) אין דער טרילאָגיע. אין איגנאַטאָווס היפּערטראָפירט מליצהדיקער שפּראַך הייסט עס „שניידן... שטיקער באָדן און פּאַסן קאָסמאָס און פלאַסטערן מיט זיי אונזער וועג דורך דער וועלט". אָדער אביסל ווייניקער מליצהדיק: „אַ געביידע דאַרף געבויט ווערן אויף רעאַלן באָדן, אויף דעם רעאַלסטן באָדן, וואָס מיר האָבן, אויף דער מיס־טעריע".

דאָס דאָזיקע וואָרט מיסטעריע ווערט זייער אָפט איבער־געחזרט דורך בערמאַנען נאָך זיין זעעוודיק־ווערן. און איך וועל דעריבער ברענגען נאָך אַ ציטאַט, וווּ עס קומט צום קלאָרסטן אויסדרוק איגנאַטאָווס מיסטישער גלויבן אָדער ריכטיקער: זיין גלויבן אין דער מיסטעריע:

„אַ מענטש, וואָס פאָרט אויף אַ שיף, איז פריי צו טאָן אויף דער שיף וואָס ער וויל: עסן, טרינקען, שלאָפן, קוקן אויפן הימל, אויפן וואַסער... איין זאַך אָבער איז פאַראַן אויף דער שיף, וואָס ער קאָן נישט, און דאָס איז: אַ קער טאָן די שיף. נישט צו רעכטס און נישט צו לינקס. די הערשאַפט פון דער שיף איז אין די הענט פון אַ קאַפּיטאַן, וואָס פירט דורך אַ פאָראויס־באַשטימטן ווילן, און נישט אין דער האַנט פונם

רייזנדן אויף דער שיף. מיר אַלע — יעדער פֿון אונז — איז אויף אַ שיף אַזאַ און די מיסטעריע איז אונזער קאַפּיטאַן".

מיסטעריע איז אַ פֿיין וואָרט און אויך — אַ ריכטיק וואָרט. עס ווענדט זיך נאָר ווי מען ווענדט עס אָן און וואָס מען לייגט אַריין דערין. מען קאָן יעדע רעאַלע זאַך דערקלערן אַלס מיסטעריע און עס איז אַן אמת: דאָס זען פֿון דעם מענטשלעכן אויג איז אַ מיסטעריע; מען קאָן אָבער אויך אַן אַבסטראַקט־אויסגעטרוימטע מיסטעריע דערקלערן אַלס רעאַל, און דאָס איז שוין אַ געפֿערלעכערע זאַך. דאָס רעאַלע לעבן איז מיסטעריעז, אָבער נישט אַלדאָס מיסטעריעזע איז רעאַל. דאָס לעבן איז נישט אַזוי פּלאַך־רעאַל, ווי דער ביליקער מאַטעריאַליסט מיינט, אָבער די מיסטעריע, וועלכע פֿירט אָן מיט דער שיף פֿון אונזער לעבן, ווי בערמאַן־איגנאַטאָוו וויל האָבן, איז נאָך נישט קיין רעאַלער פֿאַקטאָר, וועלכן מען קאָן אָנגעבן אַלס פּעסטע פּאָזיציע אין אונזער לעבנס־חשבון. און אָט דערין פֿאַרגעסט איגנאַטאָוו זייער אָפֿט און ער ווערט געשטרויכלט אויף זיין וועג פֿון זיין געזונטן אויסגאַנגס־פּונקט.

בערמאַנס הויפּט־אידעען, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין זיין לעצטער פּרעדיק, זענען אין גרונט גענומען זייער פּראָגרעסיוו, און יעדער סאָציאַליסט קאָן מסכים זיין מיט זיי. נאָך מער: זיי זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי דער אני־מאמין פֿון די בעסטע מוחות פֿון דער מענטשהייט, פֿון די נביאים ביז אַ גוסטאַוו לאַנדויער, און במילא זענען זיי די קווינט־עסענץ פֿון סאָציאַליסטישן גלויבן אין זיין ריינסטער פֿאָרם. אָבער צוויי זאַכן מאַכן פֿאַר אונז בערמאַנס דאָזיקן גלויבן פֿרעמד, און רופֿן אַרויס ביי אונז קעגנערישקייט נישט צום גלויבן גופֿא, נאָר צו זיין איגנאַטאָווישן אויסדרוק. די ערשטע זאַך איז די, וואָס ער איז אַזוי פֿאַרליבט אין יידנטום, אין דער יידישער תורה, אַז ער באַפֿאַרבט די נייע רעוואָלוציאָנערע אידעען מיט די אַלטע פֿאָרמען ביז מגידות. דאָס לייגט אַרויף אויף איגנאַטאָוו־בערמאַנס אידעען נישט נאָר דעם שטעמפּל פֿון קאָנסערוואַטיזם, נאָר עס פֿירט אים אויך ביז ביליקן שאָוויניזם און קליינלעכן אתה־בחרתנו־נאַציאָנאַליזם. ווען בערמאַן ברענגט דעם ווונדערבאַרן מדרש מיט נחשון־בן־עמינדב, הייסט דאָס אַריינטראָגן אין דעם

אַלטן פּרעכטיקן מדרש אַ רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט (וואָס ער אַנטהאַלט, אגב, סיי־ווי־סיי, אָבער מען דאַרף אים אַקטואַליזירן), אָבער ווען בערמאַן האַלט זיין פּרעדיק, איז עס אַן אמתע דרשה, אַ פאַרטונקעלונג פון רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט צוליב דער טויטער אָפּגעלעבטער טערמינאָלאָגיע און דער קאָנסערוואַטיווער פאָרם. און צוזאַמען מיט דער אַלטער קאָנסערוואַטיווער פאָרם, כאַפּט זיך טאַקע תמיד אריין אַ שטיקל רעאַקציאָנערער אינהאַלט, ווייל פאָרם איז פאַרבונדן מיט אינהאַלט נישט אָפּצושיידן. בערמאַן זאָגט:

„יעדער ייד איז וויכטיק. שוין דערמיט אַליין, וואָס ער טראָגט מיט זיך דעם מין ייד אויף דער וועלט, איז ער וויכטיק. אָט שוין מיט דעם, וואָס אַלס פאָלק לייקענען זיי, מיט זייער זיין, די נויטיקייט פון גרעניצן אויף דער וועלט. אַ ייד איז וויכטיק אפילו, ווען ער ווייסט אַליין נישט, אַז ער איז אַ ייד... איך האָב נישט פאַרדינט, אַז זייערע הענט זאָלן פאַלן אויף מיר".

מעג דער רום שליאַפּניקאָוו טויזנט מאָל זאָגן צו בערמאַנען: „אין אייך ווערט פונדאַסניי געבוירן דער אַלטער ביבלישער טיפ", — איז עס פאַר אונז אַ נייע אויפלאַגע פון דער באַרימטער מיסיע־אידעע, פון אָרטאָדאָקסיש־אַסימילאַטאָרישן אתה־בחרתנו. און דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון איגנאַטאָווס ליבע צו מיסטעריע און מיסטעריעזער יידישקייט.

די זעלבע נייגונג צו מיסטעריע ברענגט אים צום פאַטאַליזם.

בערמאַן גלויבט נישט, אַז מענטשן שאַפן אידעען, אָדער אַז אָביעקטיווע באַדינגונגען רופן אַרויס ביי מענטשן געוויסע אידעען. בערמאַן גלויבט אין דער מיסטעריעזער געבורט פון אידעען. אידעען און אידעאַלן? זיי „ווערן געבוירן ווען ער קומט די צייט פאַר אידעאַלן צו געבוירן ווערן, און דאָס געשעט אָפּט איידער די צייט איז רייף זיי אויפצונעמען". עס איז אפילו נישט לאָגיש: אויב די אידעע באַשטימט אַליין די צייט, ווען זי דאַרף געבוירן ווערן, קאָן זי דאָך זען, אַז זי זאָל געבוירן ווערן אין דער ריכטיקער צייט, ווען מען קאָן זי אויפנעמען, — אָבער אַ מיסטעריע איז דאָך דערויף אַ מיסטעריע, מען זאָל

זי נישט פאַרשטיין לאָגיש. אַט ווי בערמאַן קלערט אויף די געבורט פון אַן אידעע: „אַן אידעען־טרעגער איז אַ מעדיום אַזאַ, וואָס טראָגט אין זיך די פעאיקייט אויפצונעמען אַ געוויסע אידעע, ווי אַ געוויסע נעסט איז מסוגל אויפצונעמען אַ געוויסן באַשטימטן פויגל. (די פויגל בויען דאָך אַליין אוים זייערע נעסטן, — י. ר.) די אידעע זוכט אים אויף און באַהעפט זיך מיט אים. ווי עס זוכט אַ פויגל אויף זיין נעסט. און עס קומט אַ גאַנצע פילאָזאָפיע וועגן מענטשן אַלס גייענדיקע נעסטן (נישקשה פון אַ בילד!) אין וועלכע עס פאַרקלייבן זיך געהעריקע מיסטעריעס.

ריכטיק באַמערקט זינאַ, אַז די דאָזיקע אידעע איז געפערלעך, ווייל „אויב די מיסטעריע טוט שוין אַלץ, מעג דאָך דער מענטש צונויפלייגן די הענט און גאָרנישט טאָן". און איגנאַטאָוו ווייזט אונז טאַקע, אַז בערמאַנס אַלע אידעען האָבן שוין געקרייזט אַרום פרענקלען, אפילו זיך גערעגט אין אים („ער האָט זיי אין זיך געטראָגן", זאָגט איגנאַטאָוו, הגם ער איז נישט געווען די ריכטיקע נעסט זייערע), אָבער עס איז נאָך נישט געהאַט געקומען זייער צייט, האָט אים גאָרנישט געהאָלפן, זיין גאַנצע אַרבעט איז געווען אומזיסט און צו בערמאַנען זענען זיי אַריינגעפלויגן אין קאָפּ אָן שום מי. די אידעען די דאָזיקע רייסן זיך דורך אים איבערגעוואַלט, קעגן זיין ווילן: „מיר קאָנען אַמאָל טראַכטן גאַנץ אַנדערש פון דעם, וואָס מיר טוען, אָפט טוען מיר גאַנץ אַנדערש פון אונזער טראַכטן. מיר קאָנען זיך דערבייַ אפילו ווונדערן אויף זיך. מיר קאָנען אפילו ליידן פון דעם און דאָך זיך נישט קאָנען העלפן. ווייל מיר זענען מעדיומס פון געוויסע אידעען".

דעם ריכטיקן פסיכאָלאָגישן פאַקט פון אָפטן האַנדלען לויט אַ באַפעל פון אונזער אונטערבאַוווסטזיין, פון אונזערע אינסטינקטיווע כוחות, שפּאַנט איגנאַטאָוו־בערמאַן איין אינם רייט־וואָגן פון זיין מיסטעריע־נייגונג. די פּלאַטאָנישע אידעע זוכט פּאַסיקע צוויי־פיסיקע נעסטן פאַר זיך.

אין בערמאַנס געדאַנקען, באַזונדערס בעתן שמועס אין שליאַפּניקאָווס שטוב, זענען דאָ פּאָטענציעלע אמתן; ער קאָן אויפנעמען אַ דיסקוסיע מיט אַ געוויסן מין סאָציאַל־דעמאָקראַ־

טישן סאָציאַליזם און פירן אַ דערפאַלגרייכן שמועס (און אפילו קאַמף) מיט אים, — אָבער די יידישלעכע מגידות, דער מיס־טעריע־נעפּל, אין וועלכע די דאָזיקע פּאָטענציעלע אמתן זענען אומנויטיק איינגעוויקלט, און דער פּאַטאַליסטישער טאָן מאַכן צו נישט זיינע פּאָטענציעלע אמתן. אַ נישט־פּרעציזער אמת און אַזאַ, וואָס איז נישט פריי פון פּסלת, קאָן זיין נישט ווייניקער שעדלעך (און אַמאָל אפילו מער) ווי אַ בפירוש־פאַלשער געדאַנק.

אינגנאַטאָוו דענקט שטענדיק ערנסט און אַמאָל טאַקע טיף, אָבער זיינע געדאַנקען קומען צו אונז על־פּי־רוב אין אַ פּסלת־דיקער פאָרם. און אויב זיי זענען שוין יאָ פיין אין זייער אויס־דרוק, זענען דאָס תמיד איינצל־געדאַנקען, נישט קיין געשלאָ־סענע אין אַ וועלט־אָנשויאונג. די דאָזיקע לעצטע בלייבט פאַר־נעפּלט, דורכגעמישט מיט פּסלת.

אינגנאַטאָווס טרילאָגיע איז אַ ווערק אָן אַ גייסטיקן און קינסטלערישן גלייכגעוויכט. סיי אידעאיש און סיי קינסטלעריש וואַרפט ער זיך ווי אין קדחת צווישן גראָבסטן נאַטוראַליזם, הימלישסטער ראָמאַנטיק און אבסטראַקטער מיסטיק. די טרי־לאָגיע, וואָס פּרעטענדירט צו שילדערן אַ שטיק ווירקלעכקייט פון צוויי דורות, ענדיקט זיך מיט דער רוסישער פעברואַר־רעוואָ־לוציע, און דערמאָנט נישט דערביי מיט קיין וואָרט אפילו די וועלט־מלחמה. זיינע העלדן האָבן זי אינגאַנצן פאַרשלאָפן.

* * *

איך וויל פאַרענדיקן מיט אייניקע ביישפּילן פון אינגנאַ־טאָווס סטיל.

מיר האָבן אין דער טרילאָגיע זייטלעך און שטעלן, וואָס ווייזן, אַז אינגנאַטאָוו קאָן שילדערן רעאַליסטיש; אַז אינגנאַטאָוו קאָן אויסדריקן פּלאַסטיש און סטיליסטיש־פּולקאָמען אַ געדאַנק און אַ סיטואַציע. למשל: „דער וועג ציט זיך אַלץ פאַר דיינע אויגן. ציט זיך, ווי אַ פאַנאַנדערגעקאַטשעטער(?!) לייוונט, וואָס האַלט זיך נאָך אַלץ אין קאַטשען. גיסטו דאָ אַ טראָט מיטן פוס, גיט זיך דאָרט אַלץ ווייטער אַ קאַטשע דער וועג אַהין אין דער בלויקייט, וואָס טרעט אַלץ אָפּ מיט יעדן טראָט, וואָס בערמאַן מאַכט. די בלויקייט טרעט אָפּ פאַר דיר פון פאָרנט

און גייט נאָך דיר נאָך פון הינטן". ז. 173 פון „דער וואָס
קומט", איז נישט קיין שלעכט פּראָזע זייטל. אין זעלבן באַנד,
אויף ז. 260, איז דאָ בערמאַנס אַ געדאַנק וועגן אַן אבעליסק,
איז עס פּרעכטיק אויסגעדריקט. דאָס קאַפּיטל 31 פון „אַנטלאָ־
פענע" איז גוט. ווען איגנאַטאָוו שרייבט: „פאַראַנען מענטשן,
וואָס קאָנען זיצן מיט זיך אליין און טראַכטן טיף און ערנסט
און דאָך ווייסן זיי אליין נישט קלאָר פון וואָס זיי טראַכטן;
און אָט דאָס אומבאַוווסטע טראַכטן באַשטימט פונדעסטוועגן
פאַר זיי זייערע האַנדלונגען און לייגט זיין שטעמפּל אויף זייערע
באַוועגונגען און אפילו אויך אויף דעם קלאַנג פון זייערע שטי־
מען", איז עס טיף און גוט אויסגעדריקט. עס וואָלט געווען
אַן עוולה לגבי איגנאַטאָוון צו מיינען, אַז די געבראַכטע ביי־
שפּילן זענען פאַראיינצלט. אָבער עס וואָלט געווען אַן עוולה
לגבי דעם אמת נישט צו זאָגן, אַז נישט די דאָזיקע שטעלן
באַשטימען דעם סטיליסטישן כאַראַקטער פונם בוך.

איגנאַטאָוו רעדט צופיל, און זיין שפּראַך ליידט אָפּט נישט
נאָר פון דייטשמעריזמען („איינגאַמע", „קלעגלעכע" און צענד־
ליקער אַנדערע), נאָר אויך פון פאָרמלאָזיקייט.

„דערזעט צו איר פינסטערן שרעק" איז אַ ביליקער אויס־
דרוק; „די נעגל אירע לויכטן, זענען ווי אייזן און ווי פייער
און ווי צוגעשניטענע שטיקלעך שטערן"; „מיט אירע גרויסע
גערטרוד־אויגן" איז אַ גאָרנישט־זאָגנדיקער קאָמישער זאַץ: מען
פילט אין אים די אָנשטרענגונג צו זאָגן עפּעס אויסערגעוויינ־
לעכעס און ער זאָגט גאָרנישט, — און די דיספּראָפּאָרץ רופט
אַרויס קאָמיזם; „דאָס לאַנד, האָט בערמאַן געטראַכט, האָט אַ
מין שטילע אָפּגעדעקטע טראָציקייט. אַ מין שאַרפע בלוט־
אָרעמקייט; נאָר דאָס איז אַ בלוט־אָרעמקייט, וואָס שטראַלט מיט
פאַרוואָרפענע, מיט ליכטיקע ווייטן, ווייטן טרוקענע, נאָר אָפענע,
נאָר ליכטיקע". וואָס זאָגט אַזאַ זאַץ? „מענטשן זענען ליכטיקע
ליכט־נעסטן און טונקעלע ליכט־נעסטן"; „אַ יונגע און בלו־
טיקע פרוי"; „ווען אָבער זינע איז געקומען צו בראַווערמאַנען
און האָט אים נישט געטראָפן אין דער היים, האָט זי זיך דער־
פילט ווי אַן אָפּגעשמיסענע"; „צו איר אויסגעווילדיקט, וואַלד־
מיידלשן פנים", — איז ווילדע מליצה; „ווי שיין זי איז דעמאָלט

געוועז, ווי טויזנט זונען וואָלטן פון איר אַרויסגעשטראַלט", — ווען מען באַשרייבט אַזוי די „מלכּה שבת" איז דאָס פאַר־שטענדלעך, אָבער גערטרודן אַזוי באַשרייבן, איז באַנאַל; „עס קאָן זיין, האָט בערמאַן פאַר זיך ווידער געטראַכט, אַז אפילו די היגע גרויסע וועלדער אליין פעלט אפשר אָט דער שווערער ערדישער ערנסט. אפשר דערפאַר, וואָס די היגע גרויסע וועל־דער אליין ווייסן פון אָט די פילע שקאָצעוואַטע וועלדלעך, שמייכלען די וועלדער אליין מיט מיט זיי און קאָנען צו ערנסט נישט ווערן", — איז אומפּרוכטבאַרע ליטעראַרישקייט; אָבער עס טרעפט נאָך ערגער: „איינמאָל האָט בערמאַן אַזוי צוגע־קוקט און געזען ווי אַ מענטש נעמט אַ שוועבעלע און צינדט דאָס אָן מיט אַ רייב אָן דער זויל פון זיין אייגענעם שוך, איז אים דערביי איינגעפאַלן, אַז אַ מענטש טראָגט זיך אליין, אָדער ווערט געטראָגן, כּדי אָנרייבן זיך אָן אַ נויטיקן קעגנשטאַנד, און אַז אָפט טראָגט אַ מענטש אונטער כּמעט זיין אייגענעם קאָפּ צו דעם אייגענעם שוך, כּדי אויפצוברענען, כּדי אויפצו־לייכטן, אָט, כּמעט פּונקט אַזוי ווי דער מענטש טראָגט אַ שווע־בעלע און רייבט דאָס אָן אָן דעם זויל פון זיין שוך פאַר דעם צוועק". בערמאַנען איז זייער שלעכט איינגעפאַלן: דער משל איז קיין משל נישט און דער נמשל איז אוודאי און אוודאי קיין נמשל נישט. נאָכצוגיין אַזוי שקלאַפיש אַ בילד ביזן זאָגן „טראָגט אַ מענטש אונטער כּמעט זיין אייגענעם קאָפּ צו דעם אייגענעם שוך", איז סטיליסטיש אַן אמתע באַרבאַריי.

ווי מיר זעען, איז אויך שפּראַכלעך די טרילאָגיע (און „אין קעסל־גרוב") אַ כּאַאָטיש ווערק. דער, וואָס קען די „וווּנדער־מעשׂיות פון אַלטן פּראָג" מיט זייער פּרעכטיקן סטיל, וועט איינזען, אַז איגנאַטאָווס זעלבע פעלערן, וואָס האָבן פאַרדאָרבן אידעאָלאָגיש און קינסטלעריש זיינע צוויי ביז־איצטיקע רעאַ־ליסטישע ווערק, האָבן אויך פאַרדאָרבן זייער שפּראַך.

1936.

א. לעיעלעסעס „שלמה מולכו" און „אשר לעמלען" *)

די געבורט פון רעליגיעס, די משיחישע באוועגונגען גע־הערן צו די אינטערעסאנטסטע און סטיכישסטע דערשיינונגען אין דער געשיכטע. די כוחות, וואס טרייבן אט די דערשיינונגען צו פארקערפערונג, זענען אזוי ווייט פון דער נארמאלער טאג־טעגלעכקייט, אז עס גלויבט זיך קוים אין דער היסטארישער רעאלקייט פון אזעלכע באוועגונגען און געשטאלטן ווי פון שבתי צבי, פון שלמה מולכו.

עס גלויבט זיך קוים. און ווייניקער אין זייער יחידישן, ווי אין זייער מאסן־מאמענט. מיר קאנען זיך נאך פארשטעלן די אימפולסן פון דער מאסע, וואס שטויסן זי מיטגעריסן צו ווערן נאכן משיח, אבער אונז איז לחלוטין שווער זיך פארצושטעלן יענע געשלענגלטע וועגן פון דעם יחידס נשמה, וואס רייסט מיט זיך מיט די מאסע. נאכגיין איז לייכטער, ווי פירן, גלויבן אין יענעם איז נישט אן ערך לייכטער, ווי אין זיך.

ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס שילדערן, ד. ה. אויפלעבן אין א בעלעטריסטיש ווערק א משיחישע באוועגונג, א רעאל־פארקערפערט שטיק מיטאס, געהערט צו די שווערסטע אויפגאבעס פאר א קינסטלער.

*   *   *

שלמה מולכו איז אפשר דער געהיימנישפולסטער משיח פון אלע. און כדי לעבעדיק צו מאכן פאר אונז זיין געשטאלט,

---

*) א קאפיטל פון א גרעסערער ארבעט: „היסטארישע משיח־דראמעס אין דער יידישער ליטעראטור".

דאס דאזיקע קאפיטל איז געדרוקט געווען אין דר. י. נ. שטיינבערגס „פרייע שריפטן" און דער איבעריקער מאנוסקריפט איז פארבליבן אין ווארשע און איז אומגעקומען צוזאמען מיט א סך אנדערע. י. ר.

כדי אריינצוגעבן אַן איבערצייגנדיקן זינען אין זיינע געשיכט־לעך־פעסטגעשטעלטע מעשים, כדי מיר זאָלן פילן די אינערלעכע אומפּאַרמיידלעכקייט פון דעם וועג, וואָס פירט פון פּאַרטוגאַלער הויף־לעבן צום שייטערהויפן ווי אַ יידישער משיח, — איז נוי־טיק אַ געוואַלטיקע שעפּערישע קראַפט, נאָך מער ווי ביים שבתי־צבי־שטאָף. א. לעיעלעס האָט די דאָזיקע קראַפט נישט פאַר־מאָגט.

לעיעלעסעס דראַמאַטיש ווערק גייט (כמעט אומעטום) גע־טריי אין די שפּורן פון דער געשיכטע. חוץ אין לעצטן אַקט (וועגן וועלכן מיר וועלן נאָך רעדן באַזונדער), באַמיט ער זיך גאָרנישט איבערצוקנעטן מולוכ'ן, אַלס היסטאָרישן שטאָף, אין פורעם פון זיין דיכטערישער פאַנטאַזיע. און אַזוי ווי גע־שיכטלעך איז שלמה מולכו זייער אַ פאַרנעפּלטע געשטאַלט, וואָס האָט ווינציקער ווי אַ וועלכער נישט איז אַנדערער יידישער משיח געהאַט, אַזוי צו זאָגן, אַ קלאָרע פּראָגראַם, איז שוין במילא לעיעלעסעס דראַמאַטיש ווערק פון פאָראויס פאַרמשפּט — צוליב ירושה־קרובהשאַפט — אויף פאַרנעפּלטקייט. און נישט אומזיסט שרייען צו מולכו'ן די מאַסן, פאַר וועלכע ער פּרעדיקט: „און דער באַשייד? וואָס מיינט די זעאונג דיינע?" „וואָס ווילסטו מיט דיינע שרעקענישן?" „זאָג דעם באַשייד!!" און מולכו גיט זיי נישט דעם באַשייד, ווייל מיר האָבן נישט פאַר זיך קיין אויפגעבויט דראַמאַטיש ווערק מיט אַ קלאָרן ציל פון זיין הויפּט־פּערזאָן, נאָר — ווי ביי שלום אַש'ס „שבתי צבי" — אינסצעניזירטע קאַפּיטלעך געשיכטע, ריכטיקער — גע־שיכטלעכע פאַקטן.

ביי אַזאַ צוגאַנג צום ווערק האָט לעיעלעס געהאַט בלויז איין מעגלעכקייט נענטער צו מאַכן פאַר אונזער געפיל די דאָזיקע אויסטערלישע, פאַרנעפּלטע געשטאַלט, און די דאָזיקע מעגלעכקייט איז: דיכטונג. ס'קאָן זיין, אַז דאָס האָט לעיעלעסעס דיכטערישער חוש אים טאַקע אונטערגעזאָגט אָנצושרייבן אויפן שער־בלאַט פונם ווערק „דראַמאַטישע פּאָעמע" און נישט „דראַ־מע" אָדער „טראַגעדיע". אָבער לעיעלעס האָט שוואַך אויסגע־פירט אויך די דאָזיקע דיכטערישע אויפגאַבע. ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס לעיעלעס גיט צו אָפט פון זיך, וואָס די העלדן

שפירן. למשל: „כמורעט זיך אביסל אָן, קענטיק, אַז ער איז גע־לאַנגווייליקט און ס׳פאַרדריסט אים, וואָס ער מוז שפילן דעם קלאַוויר”; „דאנא פיליפאָ, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אָן אַ זייט און בלויז זיך צוגעהערט צום געשפּרעך — האַלב פאַר־אינטערעסירט, האַלב פאַראַכטלעך־פאַרליבט, קענטיק, אין דיא־גאָן (אין מולכון י. ר.) ערנסטער, ווי אירע קאָלעגינען, ווענדט זיך צו אים”; „דיאגא פירעס ווערט פאַראינטערעסירט, פיליפּא געפעלט אים. זיין פאַרבאָרגן־סעקסועלע נאַטור ברעכט זיך דורך, ווען ער זאָגט”; די לעצטע פּאָר ווערטער זענען שוין נישט ריכטיק, ווייל ווען ער נעמט רעדן, שפּירן מיר גאָרנישט פון דעם, וואָס לעיעלעס זאָגט אונז. אָבער נישט נאָר בנוגע די לעצטע ווערטער איז דאָס ריכטיק — אויך בנוגע די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע באַמערקונגען פון לעיעלעסן. אַלע רייד (און רייד פעלן דאָ נישט), סיי די, וואָס דאַרפן רעדן צום געפיל, סיי די, וואָס דאַרפן רעדן צום מוח, זענען עפּעס אָנגעלאָדן מיט אַן אינערלעכער שוואַכקייט און זענען נישט דורכזיכטיק. דאָס רופט זיך אפילו אָפּ אויפן ווייסן פערז און אויף דער שפּראַך: זיי רייבן זיך — איין פערז אָן צווייטן און די פערזן אין דער שפּראַך — ווי אויף טרוקן אַרבעטנדיקע מיל־שטיינער, וואָס גיבן אָנשטאָט ווייס מעל — דענערווירנדיקן רעש. זעלט־זעלטן בליצט אויף אין דאָזיקן געפילס־און גדאַנקלעכן מדבר אַ בילד, וואָס רעדט אוממיטלבאַר צום געפיל, אָן דער אָנגעשטרענגטער פאַרמיטלונג פון אויפקלערנדיקן מוח, און נאָך זעלטענער בליצט אויף אַ גדאַנק, וואָס דרינגט אוממיטלבאַר און נאַ־טירלעך אריין אינם — דורכן מאָנאָטאָנעם רעש האַלב־איינגע־שלעפערטן — מוח. מען שפירט, אַז לעיעלעסן האָבן זיך זייער שווער געגעבן די דאָזיקע דראַמאַטישע בילדער, ס׳איז אים — אָן אַ געניויעם שעפערישן פּלאַן — אויסגעקומען צו שטעלן אַ טריט נאָך אַ טריט אין בלינדן אָפּגעשלאָסענעם רוים פון יעדן געשיכטלעכן פאַקט באַזונדער. לעיעלעס, וואָס באַהערשט בכלל גוט די שפּראַך, פאַלט דאָ דעריבער אריין אין שפּראַכלעכע נאַנ־סענסן: „ס׳גייט אונטער, אונטער פּאָרטוגאַל”. „און וואָס מיר קאָנען לעבן דאָ מיט אייגענער פאַרדינטער אַרבעט” און אַזוי גאָר גאָר אַ סך מאָל. אַ שפּראַך, און בפרט נאָך די געפּרעסטע

דיכטערישע שפּראַך פון ווייסן פערז, איז זיך נוקם, ווען מען קנעט זי אויף פּוסט, אָן גוטן גערדאַנקלעכן הייוון.

בלויז אין דער לעצטער סצענע — ווען שלמה מולכו קומט מיט דוד הראובני צום קעניג קאַרל — ווייכט לעיעלעס אָפּ פון דער געשיכטע. ביז איצט איז אַלץ געווען ווי אין דער געשיכטע: דיאגא פּירעס־מולכו מיט ראובני׳ן אין פּאָרטוגאַל; שלמה מולכו אין צפת צווישן די מקובלים; אפילו די שיינע ראָמאַנטישע לעגענדע וועגן דעם, אַז שלמה מולכו קומט יעדן שבת — שוין נאָכן פאַרברענט ווערן — צו זיין כלה אין צפת, איז דאָ ארייגעפלאָכטן, הגם צום ווערק גופא האָט עס נישט קיין שייכות; שלמה מולכו אין רוים, זיין פּרעדיקן, זיין שטרייט מיטן פירער פון דער יידישער קהלה יעקב מאַנטינאַ; מולכו — דער געראַטעוועטער פון שייטערהויפן — ביים פּויפּסט; שלמה מולכו און דוד ראובני אין ווענעדיק; מולכו און ראובני גייען קיין רעגנסבורג צו קאַרלען. ביז איצט איז אַלץ די ריכטיקע געשיכטלעכע ליניע: מולכו ווערט עקזאַלטירט דורך דעם אָנקום פון דוד ראובני, דעם יידישן פירשט; דוד ראובני שטויסט אים אָפּ צוליב פּאָליטישע מאָטיוון, צוליב פּאָליטישער מורא; מולכו נעמט דאָס אָן ווי אַן אומצוטרוי צו זיין נישט געיידישקייט — און ער פירט אליין דורך אויף זיך די אָפּעראַציע פון יידישונג; ראובני ווערט פּאָליטיש דערציטערט — זיין גאַנצער פּאָליטישער בנין קאָן אונטערגעגראָבן ווערן דורך דעם — און ער שיקט אים אָפּ קיין צפת; מולכו פּרעדיקט אין משיחישן טאָן, מולכו ווערט אָנערקענט ווי אַ משיח, ער זאָגט פאָראויס נאַטור־קאַטאַסטראָפעס און ווערט באַליבט ביים פּויפּסט; די אינקוויזיציע וויל אים פאַרברענען — דער פּויפּסט ראַטעוועט אים; מולכו גייט צו קארלען און לעיעלעס פאַרלאָזט אויף איין מאָמענט דעם געשיכטלעכן שטעג; אין דער געשיכטע כאַפּט מען מולוכ׳ן און מען פאַרברענט אים נאָך איידער ער קומט צו צו קארלען, — ביי לעיעלעסן ווערט ער צוגעלאָזן צו קארלען און ערשט נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט אים ווערט ער פאַרברענט.

ס׳איז אינטערעסאַנט, וואָס גראַד דאָ, ווו לעיעלעס פאַרלאָזט אויף איין מאָמענט די געשיכטע, שאַפט ער די שעפערישסטע שטעלע פון גאַנצן ווערק. שוין די שפּראַך אליין ווערט גערדאַנק־

לעך קלאָרער, געפילס־סוגעסטירנדיקער און שענער, דער פּערז ווערט פּליסיקער, ער קנאַקט שוין נישט אונטער די ציין, ווי מיט זאַמד געמישטער קאָרן־ברויט.

ווען מיר האָבן פאַר זיך אין דער געשיכטע אַ פּאַרנעפּלטע פּערזאָן — בלייבן מיר שטיין פאַר איר ווי פאַר אַ רעטעניש, פאַר אַן אומדערקלערלעכן אָדער שווער דערקלערלעכן פאַקט. אָבער ס׳איז אַ פאַקט און דעריבער וועקט עס ביי אונז תמיד אינטערעס. גאַנץ אַנדערש אָבער איז אין אַ קינסטלעריש ווערק. אפילו דאַן, ווען עס גיט אַ פּאַרנעפּלטע פּערזאָן, אַן אומדער־קלערלעכע דערשיינונג — מוז דאָס אויך זיין אין אַ געוויסן זינען קלאָר אין די ראַמען פון דער פּאַרנעפּלטקייט. זי, די דאָזי־קע פּאַרנעפּלטקייט גופא, מוז זיין אַ געשלאָסענע, גוט דורכגעטראַכטע סיסטעם, אַ זינפולע פּאַרנעפּלטקייט, אַ פאַר־שטענדלעכע, געפילספאַרשטענדלעכע - אומפאַרשטענדלעכ־קייט. אַנדערש איז דאָס נישט קיין געלונגען קונסט־ווערק. און איך האַלט טאַקע, אַז לעיעלעסעס ווערק איז אין אַלע הינזיכטן נישט געלונגען. אפילו די פּאַרנעפּלטקייט פון שלמה מולכו׳ן איז ביי אים נישט קיין גאַנצע, נישט קיין אָפּ־געשלאָסענע, זי ווערט פון צייט צו צייט דורכגעריסן פון קלאָרע און בולטע געדאַנקען, וועלכע זענען נישט נאָר סותר די גאַנצע פּאַרנעפּלטקייט זיינע, נאָר אויך איינער איז סותר דעם צווייטן. דאָ גייט אים בלויז אין „געפינען זין פאַר מיינע (זיינע) אייגענע פאַרווירטע זינען", אין גיין אויף קדוש השם, „און אויב מיין גורל איז קדוש השם — — — ס׳וועט זיין מיין ליכטיקסטע גע־גאַרטסטע שעה". דאָ איז לעיעלעס געטריי דער געשיכטע, אָבער אביסל ווייטער איז זיין ציל נישט אויסצולייזן זיך אליין, אפילו נישט זיין פאָלק („אַ לאַנד ווי אַלע פעלקער, און גאָרנישט מער? וואָס נאָך?" — זאָגט ער צו ראובני׳ן), נאָר — „זיין גורל (פון יידישן פאָלק) איז גאולה נישט נאָר פאַר זיך אליין — פאַר גאָרער וועלט". אויפן דאָזיקן קעגנזאַץ צווישן ראובני׳ן און מולכו׳ן וואָלט מעגלעך געווען צו בויען די גאַנצע דראַמאַטישע האַנדלונג, אָבער לעיעלעס האָט דאָס נישט אויסגענוצט. דאָ, אין דער איין סצענע, האָט ער צופעליק אַ טראָט געטאָן אויפן ריכטיקן קנאָפּ און ס׳איז ליכטיק געוואָרן דער האָריזאָנט פון אַ

דראַמאַטישער האַנדלונג, מיט בולטע גערדאַנקען און קלאָרע קאָנפליקטן; אָבער לעיעלעס פאַרלירט תיכף ווי־דער דעם קאָנטאַקט, און אַפילו דער סוף פון גוטן זעקסטן בילד איז אַזוי שוואַך קינסטלעריש, ווי אַ שמועס צווישן צוויי אינטע־רעסאַנטע בטלנים הינטערן אויוון, אָבער נישט ווי פון צוויי מעכטיקע פערזענלעכקייטן, וואָס שטרייטן פאַר דער טאַט און פאַר אַ וועלט־אָנשויאונג. און ווי קאָן דען זיין אַנדערש? איז דאָך דאָס אַן אומפאַרבינדלעכער שמועס, אַ מין קלאָרע אינ־טערמעצאָ אין אַן אומקלאָרן נעפּל. צום דאָזיקן געפּיל פון בטלנות גיט צו אַ סך דער ר׳: „ניין, ניין, נישט דאָס, ר׳ דוד, נישט דאָס אַליין״. און דער ענטפער: „דאָ גייען מיר פאַנאַנדער זיך, ר׳ שלמה״. אין דאָזיקן „ר׳״ שפּירט זיך אַ גרויסער אי־נערלעכער דיכטערישער פאַלש. ער שלעפּט די דיאַלאָגן צו דער ערד. צי דען קאָן מען נישט פירן קיין שמועס — און נאָך אַזאַ דערצו: אַ קאַמף פון צוויי וועלט־אָנשויאונגען! — נישט אָנרופנדיק דעם צווייטן ביי יעדער וואָרט מיטן נאָמען, נאָך מיטן גאַנצן יידישלעך־בית־מדרשדיקן טיטול? און ווער שמועסט דאָ? ראובני! און מולכו!

און אָט קומט די לעצטע סצענע. אין איר פילט זיך גע־שפּאַנטקייט, וואָס דאָס פעלט אין די פריערדיקע. מיר פילן מיט, ווי ס׳וואַקסט קאַרלס פאַראינטערעסירטקייט מיט מולכו׳ס ווערטער, ווי ס׳וואַקסט זיין אומרו, זיין אַרונטערפאַלן אונטער מולכו׳ס צויבער. און מולכו רעדט דאָ נישט פאַרנעפּלט, נאָר קלאָר, נישט מיטן „ר׳ דוד״־טאָן, נאָר שטאַרק, מיטרייסנדיק. אָבער דאָ אַפילו, אין לעצטן מאָמענט, גיט זיך לעיעלעסן נישט איין צו פאַרענדיקן גוט דאָס ווערק. ער הויבט דאָ אָן צו שאַפן אַן אייגענעם מולכו, מיט אַ קלאָרן ציל און מיט קראַפט דעם דאָזיקן ציל אויסצודריקן און צו פאַרטיידיקן; אָבער אויך דער דאָזיקער מולכו איז צעשפּאַלטן — און נישט אין רעזול־טאַט פון דער גאַנצער פריערדיקער פאַרקניפּונג, נאָר אין רע־זולטאַט פון לעיעלעסעס כאַאָטישער בלינדער באַוועגונג. דאָ פאָדערט מולכו פון קאַרלען צוריק דאָס יידישע לאַנד, דאָס הייסט: דאָס זעלבע, וואָס ראובני פאָדערט, און קענען וואָס מולכו האָט אין זעקסטן בילד געקעמפּט — ער זאָגט צו קאַר־

לען: „איר האָט גענומען — גיט צוריק". ווייטער אביסל קניפּט מולכו ווידער אָן אין זיינע אמאָליקע ווערטער: „אַ לאַנד, ווי אַלע פעלקער?" און פרעדיקט מיטרייסנדיק, מיט עכטן פּאַטאָס און וואָרט־שיינקייט, אַז קאַרל זאָל פאַנאַנדערלאָזן די אימ־פּעריע, ווייל מען דאַרף נישט „קיין לענדער, גרענעצן, קיין הערשער און באַהערשטע"; דאָ עפענען זיך אויף גראַנדיעזע מעגלעכקייטן פאַר אַ דראַמע צווישן דוד הראובני'ס טרוים פון דער אַלטער וועלט („אַ לאַנד, ווי אַלע פעלקער") און מולכו'ס היינטוועלטיקער אידעע פון דער גרעסטער טאַט: אַליין פאַנאַנ־דערלאָזן די אימפעריע, געבן פרייהייט זיך און דער וועלט. און ס'איז כאַראַקטעריסטיש, ווי גראַד דאָ, ווען די דראַמע באַקומט אַ צענטראַלן געדאַנק, ווערט זי קינסטלעריש און שפּאַנענדיק. די שפּראַך אַפילו ווערט אויפגעלעבט. זי מאָלט נישט אויף פּוסט — עס שיט זיך דאָס קלאָרע מעל פון געדאַנק און געפיל. אָבער וואָס איז די פעולה, אַז אַפילו קאַרל דער פינפטער האָט באַ־מערקט לעיעלעסעם חסרון און ער זאָגט צו מולכו'ן: „וואָס מער איר רעדט, אַלץ ווייטער לויפט אוועק דער אָנהויב פון אייערע רייד... כ'האָב געהערט פון אייך... די דרייסטע פאָדערונג, אַז דאָס באַגערטסטע לאַנד פון קריסטנטום... זאָל אייער פאָלק געגעבן ווערן, ווי אַ גוט פאַרדינטער חוב. און איצט, איצט רעדט איר... ווענן קעניגרייך פון גאָט דאָ אויף דער ערד, אָן גרענעצן, אָן שנאה און אָן קנאה. כ'פאַרשטיי אייך נישט". און ס'העלפט נישט, וואָס מולכו ענטפערט אים אויף דעם: „גאָטס וועגן זענען אומפאַרשטענדלעך, ביז רער, וואָס וויל פאַרשטיין, איז גרייט, אַז ס'זאָל גאָטס ווילן פירן אים", ווייל גאָטס ווילן קאָן זיך זיין אומפאַרשטענדלעך, אָבער דעם קינסטלערס מוז זיין פאַרשטענדלעך. און נאָך אַ סתירה איז דאָ אַפילו אין דאַזיקן לעצטן אַקט, וואָס פאַרמאָגט סיי געדאַנקלעכן, סיי דראַמאַטישן אינהאַלט, — אַ סתירה שוין נישט קיין געדאַנקלעכע, נאָר אַ פּסיכאָלאָגישע. מולכו קומט צו קאַרלען קריגעריש געשטימט, ווי גאָטס שליח, ער קעמפט פאַר אַן אידעע און דאָך ברעכט זיך פּלוצלינג דורך זיין אייניציקער — היסטאָרישער — פאַר־לאַנג: קדוש השם, און אַפילו נישט פאַר די אַנדערע וועגן, נאָר פאַר זיך גופא, פאַר זיין אייגענער גאולה. אַזוי אַרום איז דאָ

שלמה מולכו אַלץ מיטאַמאָל: ראובני׳ס אָן אָנהענגער, זיין אנטיפאד, און אַ מקדש השם. און אַלץ צוליב דעם, ווייל לעיעלעם האָט נישט געוווסט, וואָס ער וויל מאַכן פון אים, פאַר וועלכער אידעע ער זאָל לאָזן מולכו׳ן קעמפן, וואָס פאַר אַ קאָנפליקט ער זאָל אויסטראָגן ווי אַ דראַמאַטישע פערזאָן.

נאָך די אַלע סתירות און נאָכן דאָזיקן גאַנצן כאַאָס איז שוין קיין וווּנדער נישט, וואָס נאָך דעם, ווי קארל „קוקט אויף מולכו׳ן מיט באַוווּנדערונג, מיט ליבע”, נאָך דעם, ווי ער איז דערשיטערט פון זיינע רייד, אין וועלכע ער הערט „די שטים פון מיינע (קארלס) אייגענע מחשבות, עס רעדט מיין אייגן הארץ דורך אים”, נאָך דעם אַלעם זאָגט ער, — אָן דעם מינדסטן פּסיכאָלאָגישן איבערגאַנג — „די וואַך! פאַררוף די וואַך אַהער”. און לעיעלעם גיט צו, אַז „דאָס איז דאָס אומפאַרמיידלעכע”.

פאַרוואָס אָבער דאָס אומפאַרמיידלעכע? קאָן דען אַ דיכטער נישט אויסגעפינען קיין אַנדער אמת, ווי די אַלטעגלעכע אומפאַרמיידלעכקייט? דער תירוץ איז, אַז לעיעלעם האָט זיך אויף איין מאָמענט באַפרייט פון דעם געשיכטלעכן טייטל און נישט ווויסנדיק וואָס צו טאָן מיט דער פרייהייט — זי איז דאָך פאַר אים, ווי פאַר אונז, געקומען אומגעריכט, — ווידער אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין מאַכט: שלמה מולכו מוז פאַרברענט ווערן נישט צוליב דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דער דראַמע (די דאָזיקע אומפאַרמיידלעכקייט זעען מיר נישט), נאָר צוליב דער געשיכטע. אָט זעען מיר דאָך, אַז די סצענע צווישן מולכו׳ן און דעם פּויפּסט (פון די בעסטע סצענעס; דער פּויפּסט איז איינע פון די געלונגנסטע געשטאַלטן אין דער דראַמע) ענדיקט זיך גאָר נישט „אומפאַרמיידלעך” אין געוויינלעכן טאָגטעגלעכן זינען, ווייל דאָס אומפאַרמיידלעכע וואָלט געווען ווען דער פּויפּסט זאָל אים לאָזן פאַרברענען אָדער ריכטיקער — אים גאָר נישט ראַטעווען. אָבער ביים פּויפּסט איז די ווירקלעכקייט גופא געווען נישט „אומפאַרמיידלעך”, און דאָ ביי קארלען איז די געשיכטע „אומפאַרמיידלעך”.

*　　*　　*

אין מאַקס בראָדס אינטערעסאַנטן היסטאָרישן ראָמאַן „ראובני, דער יידישער פירשט”, שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל

שלמה מולכו. וועגן אַ פאַרגלייך צווישן בראדם און לעיעלעסעם שלמה מולכו אין דעם זינען ווי כ'האָב דאָס געמאַכט צווישן שלום אַש'ס און זשולאַווסקיס שבתי צבי קאָן דאָ קיין רייד נישט זיין שוין צוליב דעם אַליין, וואָס בראדס מולכו איז איינגעפאַסט אין די ראַמען פון אַ ראָמאַן, און די דאָזיקע פיגור ליגט אויף אַ גאַנץ אַנדער קינסטלערישער פלאַך, ווי לעיעלעסעם, וועלכע שפּילט די צענטראַלע ראָל אין אַ דראַמע. דאָך לאָזט זיך ציען אַ געוויסער פאַראַלעל צווישן די ביידע מולכו'ס, אַ פאַראַלעל, וואָס פאַרמאָגט באַלערנדיקס און אינטערעסאַנטס.

בראדס מולכו איז אויך געטריי דער געשיכטע, נאָך געטרייער פאַר לעיעלעסעם, ווייל דער סוף איז אפילו דורך און דורך געשיכטלעך. ביי בראדן איז דאָס אָבער נישט קיין גרויסער פעלער, ווייל ערשטנס איז מולכו געגעבן נישט ווי אַ זעלבשטענדיקע פערזאָן, נאָר ער איז איינגעפאַסט אין ראובני'ס לעבן, און, צווייטנס, איז מולכו'ס פאַרנעפּלטע פערזענלעכקייט, מולכו'ס געשיכטלעכע ציללאָזיקייט שעפעריש אויסגענוצט פאַר דעם צוועק פון ראָמאַן. מולכו פיגורירט אין ראָמאַן נישט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געשיכטלעך פאַרבונדן מיט ראובני'ס נאָמען, נאָר ווייל בראד דאַרף אים האָבן ווי אַ קאָנטראַסט צו ראובני'ן. די שעפערישע באַאַרבעטונג פון געשיכטלעכן שטאָף איז אָנגעווענדט אויף דער הויפּט־פיגור — אויף ראובני'ן, און אין דאָזיקן שעפערישן פלאַן האָט זיך אויסגעצייכנט איינגעפאַסט שלמה מולכו'ס געשיכטלעכע פערזאָן. אַזוי אַרום איז אויך שלמה מולכו'ס געשיכטלעכער פאַקט שעפעריש אויסגענוצט, הגם נישט דירעקט, נאָר אומדירעקט.

אין די צוויי געשטאַלטן פון דוד הראובני און שלמה מולכו האָט בראד ווידער באַרירט די טעמע פון זיין באַרימט ווערק „טיקא בראהעם וועג צו גאָט", *) ווו דער זעלבער קאָנטראַסט ווערט דורכגעפירט אויף די ביידע אסטראנאמען־טיקא

*) דאָ אין יידיש אין אַן עקלהאַפטער, צייטנווייז לעכערלעכער איבערזעצונג (קעפלער ווערט טיטולירט „ר' קעפלער". אָט דאָס הייסט פאַריידישן!), הגם דר. שיפער האָט זי געהאַלטן פאַר אַ שעדעווער פון איבערזעצונגס־קונסט.

בראהע און קעפּלער: דער קאָנטראַסט צווישן אייביקער אומרו־איקייט, אייביקן אויסחשבונען דעם זיג, צו וועלכן מען שטרעבט, און דעם שטענדיקן לײַדן מפּלות, און דער אייביקער תמימות־דיקער רו, וואָס חשבונט נישט און האַלט אָפּ בהיסח הדעת נצחונות.

דוד הראובני חשבונט אויס יעדן שריט זײַנעם, זײַן גאַנץ לעבן איז אויסגעפּילט מיט ליגנס און שמוץ, וואָס דאַרפן אים, לויט אַלע אויסרעכענונגען, פירן צום נצחון — און זיי ברענגען אים גאָר מפּלות. און שלמה מולכו חשבונט נישט, ער האָט אַפילו קיין ציל נישט. ראובני גופא דריקט אויס דעם דאָזיקן קאָנטראַסט: „איך האָב פאַרביסן געשטרעבט צו מײַן ציל, צו וועלכן איך האָב אונטערטעניק געמאַכט יעדן טריט מײַנעם — און דערפון נעמען זיך די מפּלות, די לײַדן, דאָס אומגליק". אָבער מולכו? „ער קאָן נישט לײַדן קיין מפּלות. צי האָט ער דען אַ וועלכן נישט איז ציל?" „ער שטרעבט דאָך נישט צו קיין שום אַנדער זאַך, ווי שטאַרבן. ער האָט אַליין געזאָגט, אַז דאָס איז זײַן העכסטער פאַרלאַנג". און זיצנדיק בײַם בעט פון קראַנקן מולכו (ער האָט מיט דער אייגענער האַנט זיך גע־יידישט), נעמט אים אַרום אַ טיפע קנאה צום דאָזיקן רואיקן, זיכערן מענטשן. עס ווילט זיך אים אַ קוש טאָן די דאָזיקע ריינע ליפּן. „אָ, ווען ער זאָל קאָנען נעמען בײַ זיי מיט אַ קוש כאָטש אַ טייל פון זייער אומענדלעכער רואיקייט".

מולכו איז קיינמאָל נישט פאַרטון מיט קאַלקולירן, ער ווייסט, אַז ער מוז טאָן דאָס, וואָס דער הימל הייסט אים. און דאָ ליגט דער מקור פון ראובני'ס קנאה: „ווי לײַכט עס איז דעם דאָזיקן יונגנמאַן. אונטערן שוץ פון אַזאַ זיכערקייט קאָן ער, אײַנגעטלעך, נישט לײַדן קיין מפּלה". אָט דאַרף ראובני אונטערקויפן דעם מאַראַן, בײַ וועמען אין שטוב מולכו האָט דורכגעפירט די אָפּעראַציע, ווײַל מולכו האָט זיך גאָרנישט פאַרטראַכט, צי קאָן מען אים געטרויען. און ראובני הויבט אָן צו רעוואָלטירן: „תמיד מוז איך מיך פאַרנעמען מיט אַזעל־כע עקלדיקע זאַכן. אָט שלאָפט ער זיך (ער — מולכו — י. ר.) אין זײַן ריינקייט, און אַזוי וועט ער אָפּשלאָפן ביזן טויט, נישט זאָרגנדיק זיך וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אַרום אים. אויס־

גיסן דאָס לעבן אין אַ גרויסן עקסטאַז, ברענגען זיך אליין אַלס קרבן, — צי דען קאָן מען טאָן עפּעס מער! און צי דען איז דאָס נישט העכער, ווי אַלע ליידן, די גאַנצע שמוץ, פון וועלכער איך האָב נישט קיין אויסוועג?"

און פריער נאָך: „געוויס, ער האָט וועגן גאָרנישט נישט געטראַכט. בלויז אויף מיר ליגט פון לאַנג־לאַנג די דריקנדיקע לאַסט פון טראַכטן. און ער האָט וועגן גאָרנישט געטראַכט, און פונדעסטוועגן דאַכט זיך מיר, אַז שולדיק איז נישט ער, נאָר איך. יאָ, נישט ער: אין זיין אײדעלער האַרציקער תמימות קאָן ער קיינמאָל נישט זיין שולדיק!"

דאָס איז דער טראַגישער קאָנטראַסט צווישן דעם מאַן פון טאַט און דעם הייליקן; צווישן דעם וואָס וויל ענדערן דעם אַרום מיט אַלע מיטלען, און דעם, וואָס וויל רייניקן זיך אליין; צווישן דעם, וואָס ברענגט זיך אַלס קרבן טאָג־טעגלעך אין טויזנט קלייניקייטן, דורך פאַרשמוצן דאָס אייגענע געוויסן און דאָס אייגענע האַרץ, און דעם, וואָס ברענגט זיך אַלס קרבן איין מאָל, אין לייטערנדיקן פלאַם פון שייטערהויפן; צווישן דעם, וואָס שאַפט מיט דער אָנשטרענגונג פון פילוועגיקן ווילן, און דעם געבוירענעם שעפער פון איינוועגיקן, פשוטן אינ־סטינקט. דאָס איז דער קאָנטראַסט פון דוד הראובני, וואָס טראָגט אינערלעך אַ באַגייסטערטע אידעע — (באַפרייען ארץ־ישראל), — „אָבער אויף דער דאָזיקער באַגייסטערונג האָט זיך אָנגעקליבן אַ גאַנצער באַרג ליגנס און זינד", און דעם עקסטאַז פון שלמה מולכו, וואָס „ברענט מיט דער זעלבער העלקייט אינעווייניק און פון אויסן".

אָט דעם קאָנטראַסט שילדערט בראָד. ער שילדערט דעם פאַרצווייפלטן קאַמף פון דוד הראובני קעגן מולכו'ס נישט־ווילנדיקע, בהיסח־הדעתדיקע נצחונות, ער שילדערט, ווי מולכו וואַרפט זיך מיטן גאַנצן ווילן אונטער דוד הראובני'ן, פירט אויס אַלע זיינע באַפעלן, איז גליקלעך זיי אויסצופירן און — האַלט דאָך אָפּ איבער זיין לערער איין נצחון נאָכן צווייטן. דער גאַנצער, נישט געשפּאָלטענער מענטש איז שטאַרקער פאַרן גע־שפּאָלטענעם, דעם צעצווייטן. ביז מולכו האַלט אָפּ דעם לעצטן

זיג: דוד הראובני הערט אויף צו חשבונען, ער גיט זיך אונ־טער דער אומפּאַרמײדלעכקייט פון מולכו'ס אויבער־האַנט. ער זאָגט זיך אָפּ פון כלומרשטדיקן פּירן און גיט זיך איבער אין מולכו'ס רשות. און אַרבּ מולכו'ס וועג פּירט אים בלויז צום שייטערהויפן — (אַפילו דאָס איז דוד הראובני'ן נישט באַ־שערט), — דערפילט ער דאָך זיין טיפסטן פאַרלאַנג, ער פילט אוים זיין איינציקע אויפגאַבע: זיך פאַראייניקן מיט גאָט דורך מקריב זיין זיך.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז אין די ענגע היסטאָרישע ראַמען פון שלמה מולכו האָט בראַד ארייגעהויכט — און מיט גרוי־סער דיכטערישער קראַפט! — אַ שעפערישע אידעע. און אין די גרענעצן פון דער דאָזיקער אידעע איז אַלץ איבערצייגנדיק צוועקמעסיק. אמת, עס פעלט אונז גאַנץ שטאַרק דער לעצטער קרעפטיקער אַקאָרד פון מולכו'ס און דוד'ס באַגעגעניש מיט קאַרל דעם 5טן, אָבער קיין דורכפאַל פאַרן גאַנצן ווערק איז דאָס נישט; בעת ביי לעיעלעסן איז דער שוואַכער סוף פון דער שטאַרקער לעצטער סצענע אַ דורכפאַל אויפן גאַנצן פראָנט. נאָך מער: אַפילו אַ שטאַרקער סוף וואָלט דאָס ווערק אַלס גאַנצעס שוין נישט געראַטעוועט, ווייל עס וואָלט געקומען אומגעריכט, נישט ווי אַ רעזולטאַט פונם גאַנצן, נאָר קעגן דאָס גאַנצע; בעת בראָדס שוואַכער סוף איז אַ רעזולטאַט פון גאַנצן, פון דער געשטעלטער אויפגאַבע: אַ פולשטענדיקער זיג פון תלמיד מולכו'ן איבער זיין פירער ראובני.

לעיעלעסעס שלמה מולכו האָט געהאַט שאַנסן — צוליב די אויבן־אָנגעוויזענע אריינגעטריפטע מאָטיוון — צו ווערן אַ גראַנדיעז ווערק; מולכו'ס געשטאַלט האָט געהאַט אַ געלעגנהייט ביי אים ניי געבוירן צו ווערן אין אַ געשטאַלט, וואָס איז נאָענט פאַר אונזער דור — אַ זאַך וואָס איז דאָס העכסטע פאַר אַ קינסטלערישער באַאַרבעטונג פון אַ היסטאָרישער געשטאַלט. אין פאַרגלייך מיט די דאָזיקע האָריזאָנטן, איז בראָדס קאָנ־צעפּציע פון שלמה מולכו אָרעם, אָבער אין זיינע באַשיידענע ראַמען איז בראָדס מולכו אַ גאַנצע, איבערצייגנדיקע גע־שטאַלט.

* * *

אויב מולכו איז דער געהיימנישפולסטער, ראָמאַנטישסטער משיח, איז אשר לעמלען דער טונקלסטער, דער אומבאַדייטנדיקסטער. ער געהערט צו די קליינע משיחים, צו די לאָקאַלע, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, וואָס האָבן נישט געלאָזן קיין גרויסע קרייזן אויפן וואַסער פון יידישן לעבן, אפילו זיין סוף איז נישט באַדייטנדיק און אומקלאָר: ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

ווען מען זאָל וועלן באַהאַנדלען אשר לעמלען לויטן זעלבן שטייגער, ווי שלמה מולכו'ן, ד. ה. נאָכגיין פּוסטריט דער געשיכטע, וואָלט קיין סך נישט געווען וואָס צו טאָן: בלויז נאָכגיין אַ געשיכטלעכן שאָטן.

און דאָס איז געווען לעיעלעסעס ישועה. אויב שלמה מולכו האָט דערדריקט לעיעלעסעס קינסטלערישע זעלבשטענדיקייט דורך זיין ראָמאַנטישער רייכקייט, האָט אשר לעמלען זי אויפגעמונטערט, געצווּנגען צו מעשים דורך זיין אויסערלעכער אָרעמקייט. ער האָט נישט געהאַט נאָך וואָס נאָכצוגיין, האָט ער געמוזט אַליין אויסטרעטן אַ וועג. און איך מוז גלייך פון אָנהויב זאָגן, אַז נאָך דער כאַאָטישער, זינלאָזער, פאַרשטויבטער רייכקייט פון שלמה מולכו, איז די געסדרטע, זינפולע אָרעמקייט פון „אשר לעמלען" אַן אמתער נחת רוח. פון „שלמה מולכו'ס" רייכן טיש גייען מיר אַוועק הונגעריק, פון „אשר לעמלענס" אָרעמען טיש גייען מיר אַוועק זאַט. און דער עיקר: ביי „שלמה מולכו" האָבן מיר דאָס געפיל, אַז לעיעלעס האָט אונז פאַרבעטן צו אַ פרעמדן טיש, ווו ער גופא פילט זיך נישט גאָר באַקוועם, אָבער אין „אשר לעמלען" פילן מיר, אַז דאָ איז ער באַלעבאָס, און דאָס רופט זיך גוט אָפּ אויף אונז. מיט איין וואָרט, סיי לויט דער אויסערלעכער און אינערלעכער דראַמאַטישער קאָנסטרוקציע, סיי לויט דער אויספירונג איז

„אשר לעמלען" אַ באַשיידענער שעדעווער (מיט איין גרויסן פעלער — דעם סוף).

*　*　*

ווען מען זאָל וועלן כאַראַקטעריזירן די דאָזיקע דראַמע אין אַ פּאָר ווערטער, וואָס זאָלן קאָנדענסירן איר הויפּט־טאָן, וואָלט מען זי באַדאַרפט באַצייכענען ווי אַ פּאָלקסטימלעך משיח־שפּיל. אַלץ אין דאָזיקן שפּיל איז פּאָלקסטימלעך־זאַפטיק: די שפּראַך, אַלע טעטיקע פּערזאָנען, פונם באַלעבאַטיש קליין־שטעטלדיקן, אמת־יידישלעכן משיח ביזן שטעטלשן נאַר זלמן, אשר לעמלענס ווייב און פישל דעם קרעמער און — אַלע, אַלע. און דערמיט דערקלערט זיך אפילו אַזאַ כאַראַקטעריסטישע קליי־ניקייט, וואָס אין די דיאַלאָגן דענערווירט דאָ נישט דער ר׳ אשר, דער ר׳ פישל, ווי ס׳איז אין „שלמה מולכו". דאָרט האָט דער „ר׳" אריינגעבראַכט א דיסאנאנס אין דעם ווייסן פערז, אין דעם גרויס־וועלטישן, פּאַטאָסדיקן בוי פון דער פּיעסע. דאָ אָבער פּאַסט זיך דאָס צום סטיל, און דאָס איז נישט קיין מעכאַניש באַרעכנט קעגנאיבערשטעלן די דאָזיקע ביידע „רעב׳ס", נאָר פונקט ווי אין „שלמה מולכו" שטערט אייך דער „ר׳" נאָך איידער מען ווייסט פאַרוואָס, אַזוי וואַרפט זיך ביי „אשר לעמ־לען" אין די אויגן די צוגעפּאַסטקייט פונם „ר׳" נאָך איידער איר טראַכט וועגן דעם. די פּאָלקסטימלעכקייט איז אַזוי שטאַרק פאַרטראָטן אין דאָזיקן איינגנאַרטיקסטן משיח־שטיק, אַז עס גרענעצט אָפּט מיט קאָמעדיע; אָבער די דאָזיקע גרענעץ ווערט קיינמאָל נישט אַריבערגעטראָטן, אפילו דורך זלמן נאַר נישט, — עס באַהויכט בלויז די פּיעסע מיט אַ מין מילדקייט, וואָס דריקט אַראָפּ אַביסל דעם הויכן פיבער פון די דראַמאַטישע און אויסטערלישע געשעענישן צו דער ליניע פון נאָרמאַלער טעמפּעראַטור, און וואָס לאָזט אונז פאָראויסזען די מעלאַנכאָ־ליש־טרויעריקע איראָניע פונם פּראָפעסיאָנעלן וויצלינג זלמן נאַר ביים סאַמע סוף פון דער דראַמע:

„וואָס זאָל דאָס ווינען, בענטשן, פלוכן?
„מען דאַרף ווידער גיין פרנסה זוכן".

מען דאַרף נאָר אַביסל אויסרייבן די אויגן פונם משיחישן האַלב־חלום, ווייל דער זין פאַר דער ווירקלעכקייט איז אינגאַנצן אויף קיין איין מאָמענט נישט אויסגעריסן געוואָרן אין דאָזיקן משיח־שפּיל. יאָ, משיח־שפּיל, ווייל אין גרויסע טיילן פון דער דראַמע הויבט זיך אונז אוים צו דאַכטן, אַז פון גרויס בענקשאַפט און פון נאָך גרעסערע צרות האָבן קליינשטעטלדיקע יידן באַשלאָסן צו שפּילן אויף דער וואָר אַ מעלאַנכאָליש־פאַר־צויבערנדיק משיח־שפּיל... גרויסע קינדער, ווי יצחק דער קצב, פאַרקויפן די יאַטקע, ווייל זיי ווערן מיטגעריסן מיט דעם שפּיל און נעמען עס אָן אַלס אמת: „אַזוי?" — זאָגט יצחק, ווען גיטל, אשר׳ס ווייב, דערציילט איר חלום, אין וועלכן זי האָט געזען, אַז איר אשר איז משיח — „געזען אשר׳ן אויפן הימל? איז עס דאָך אמת, איז עס דאָך אמת! געוואַלד, יידן, וואָס מיר האָבן זיך דערלעבט. וואָס פאַראַ זכיה מיר האָבן! ר׳ אברהם, פישל, וואָס זאָגט איר דערצו?" אָבער פּראַקטישערע מענטשן, ווי פישל קרעמער, ענטפערן: „כ׳מיין... אַלץ בעסער, ווי צו צאָלן צינזן און זיין ביי די גוים אין די הענט..." אָבער די קראָם זיינע פאַרקויפט ער נישט: ער ווייסט, נאָכן שפּיל וועט מען דאַרפן גיין לייזן אויף שבת... *)

---

*) איך וויל דאָ איבערגעבן איינעם פון די דאָזיקע האַלב־טרוימען, האַלב־וואָר־מאָמענטן, וואָס זענען אַזוי נאַטירלעך־האַרמאָניש אויסגעמישט אין דער דאָזיקער דראַמע. גיטל האָט שוין זייט לאַנגע יאָרן אַ חלום, אין וועלכן זי זעט איר מאַן, אשרין, ווי אַ משיח. זי דערציילט אים דאָס נישט, זי וויל ער זאָל אליין דערגיין דערצו. און אָט קומט אָן דער פרימאָרגן, ווען אשר רעדט זיך דורך גאַנץ יידישלעך מיט גאָט: „אפשר איך, רבונו של עולם?" און ווען אשר גייט אַוועק אין שול אריין אויסצוחשבונען דעם קץ און פאַסטן, גיסט זי אויס פאַר גאָט אַ האַרציקע תפלה, אַז ער זאָל דערהויבן „בעלי היקר, אשר בן־גענענדל, מיט אַ גרויס דערהויבעניש, ער זאָל זיין אַ בענטשונג פאַר זיין גרויסן נאָמען, און אַ היילונג פאַר דעם גאַנצן הויז ישראל און אַן אויסלייזונג פאַר אַלע געפאַלענע און פאַר אַלע פאַרשעמטע און פאַר אַלע געמיינע לייט". אָבער מיט

איך ספק צי עמיץ וועט שפּירן דעם דאָזיקן האַלב וואַכעדיקן און האַלב טרוימערישן טאָן פון „אשר לעמלען" אַלס פּעלער, ווייל דער דאָזיקער טאָן איז דער אייגנאַרטיקסטער ווערט פון דער דאָזיקער דראַמע, ער שאַפט איר נאָגנדיקע לייכטקייט.

* * *

יידן לעבט זיך זייער שלעכט. אַלע וועגן זענען פול מיט די פאַרטריבענע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. מוסרים־משומדים גיבן איבער צום פאַרברענען די הייליקע ספרים אין דער שטאָט אולמסבורג, און אשר לעמלען, אַ טליתים־וועבער, איז שטאַרק באַטריבט דערפון און ער האַלט — שוין נישט פון איצט! — אַז ס'וואָלט שוין געווען צייט משיח זאָל קומען. און עס עגבערט אים אַלץ מער און מער דער געדאַנק: „אפשר איך? האַ? רבונו של עולם, אפשר איך?" און אָט פאַסט ער דריי טעג, איז פאַרטאָן אין חשבונען דעם קץ און „עפּעס ווערט מיר אַזוי לייכט — דערציילט אשר פאַר זיין ווייב און באַקאַנטע שטאָט־לייט — גלייך ליכט וואָלט איבער מיר אויפגעגאַנגען און איך דערזע, אַז דער קץ איז זייער נאָענט. ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. טאַקע ביים סוף פון דעם יאָר". און ווער וועט זיין משיח? „איך, איך, איך — אשר בן גענענדל!"

ווער ווייסט, צי מען וואָלט אשר בן גענענדלען געגלויבט, ווען נישט זיין ווייב גיטל, וועלכע שרייט אויס: „ס'איז אמת, יידן! איך ווייס. איך האָב עס געזען אין חלום". איצט גלויבן שוין אַלע. און נישט נאָר אין די זייטיקע פעסטיקט גיטלס חלום אשר'ס משיחישע מיסיע, נאָר אין אשר'ן גופא.

און אשר ווערט משיח. דער משיח פון די געמיינע לייט. „ווי אַן אָרעמאַן צווישן אָרעמע לייט וועט ער קומען, — זאָגט אשר, — ווי דער נידעריקסטער וועט ער זיך טאָן באַווייזן. וואָס דען, ער וועט קומען, ווי עפּעס אַ גרויסער שרדה, ווי אַ

אַ רגע פריער האָט איר אַן אָרעמע פויערטע געבראַכט וואָל צום פאַרקויפן און זי פאַרגעסט אירע משיח־טרוימען, און הגם זי האָט געלט ביי זיך, זאָגט זי צו דער פויערטע: „אפשר וואָלסטו געקאָנט קומען אַן אַנדערש מאָל נאָכן געלט? מיר זענען זייער פאַרענגט".

גראף? — זאָגט גיטל. — משיח וועט אויך קומען, ווי אַ פּראָס־טער מענטש, ווער נאָך ווי דאָס געמיינע פאָלק דאַרף אַזוי אויסגעלייזט ווערן?״ אפילו די צדיקים אין הימל האָבן אין גיטלס חלום געזונגען „אין עברי טייטש, אין דעם לשון פון דעם פּראָסטן פאָלק״. און דאָס איז יצחק דעם קצב שטאַרק צום האַרצן, דאָס נעמט אים געפאַנגען, דאָס פלאַקערט אויף זיין גלויבן: „איר, אשר, רב אשר! פאַרוואָס נישט? משיח דאַרף זיין אַ פּשוטער מענטש, ווי איך, ווי מיר אַלע... וואָס דען — אַ שררה? איינער פון אונז! פון פּראָסטן פאָלק, וואָס, ניין, גיטל?״ און יצחק דער קצב לויפט אַנזאָגן דעם פּשוטן המון, ווייל ער ווייסט שוין פאָראויס: „אוי, וועט עס זיך ירוחם טיש־לער פרייען״.

און דעם דאָזיקן, נאָך משיחן אויסגעבענקטן פּראָסטן פאָלק, הייסט ר' אשר וואַרטן. וואַרטן ביזן סוף יאָר, „זיך גרייטן, לייטערן זיך״, און טאָן, וואָס אשר וועט הייסן.

אָבער נישט נאָר יידן פאַרמאָגן אַ פּראָסט פאָלק, וואָס ליידט צרות, בענקט נאָך משיחן און זעט זעאונגען. אויך ביי די קריסטן איז דאָ אַ פּראָסט פאָלק, וואָס ליידט און זעט זעאונ־גען. און צו האַנס פייפערליין, אַן אַלטן פּאַסטוך, באַווייזט זיך גאָטס מוטער און הייסט אים גיין צו די „גייסטלעכע און בי־שאָפן און צו די ריטער און מאַרקגראַפן און דערציילן זיי, אַז זיי זינדיקן דערמיט, וואָס זיי האָבן אַלץ גענומען פאַר זיך און דאָס געמיינע פאָלק געמאַכט פאַר קנעכט״. ער דערציילט דאָס די פּויערים און עס בילדן זיך אויס ביי זיי צוויי פּאַרטייען: איינע האַלט, אַז מען דאַרף פאָלגן גאָטס מוטער און גיין רעדן צום האַרצן פון די גרויסע און מעכטיקע; און די צווייטע פּאַרטיי האַלט, אַז דער פּויער האָט נישט געדאַרפט וואַרטן אויף האַנס פייפערליין, כדי זיך צו דערוויסן, אַז דעם געמיינעם מאַן איז ביים האַר ערגער, ווי זיין (דעם האַרס) יאַגד הונט״. וואָרום „אַלץ איז זייערס, קיין שום זאַך נישט אונזערס״, אפילו פון בריק אין וואַסער טאָר מען זיך נישט וואַרפן, ס'איז פאַר־באָטן! „דאָס וואַסער געהערט צום מאַרקגראַף״. די דאָזיקע פּאַרטיי האַלט, אַז „מיט גוטן וועט מען אונז (זיי, די פּויערים) בלויז אויסשעכטן״. די ערשטע פּאַרטיי האַלט אָבער, אַז פריער

מיט גוטן, „און אויב מיט גוטן וועט נישט גיין, וועט מוזן גיין מיט שלעכטן".

די פּויערים־מאַסע ווערט באַהערשט דורכן פּאָלקס־פּריינט־לעכן גלח דיטריך הובער, וועלכער האַלט, אַז אַלע פּויערים פון דעם לאַנד דאַרפן זיך „צוזאַמענגעמען און ווייזן די האַרן, וואָס עס הייסן די הייליקע שריפטן". ווייל איבערן גאַנצן לאַנד איז אומרואיק דער געמיינער מאַן, דער פּויער דאַרשט נאָך וואַר־הייט און גערעכטיקייט. „עס קומט אויף אונז די גנאַד פון הימל". „עס איז גאָטס צייט אַצינד. איך האָב געהערט, אַז אויך די יידן האָבן אויסגערעכנט, אַז אין דעם יאָר דאַרפן זיין גרויסע געשעענישן, גרויסע איבערקערענישן".

און עס ווערט באַשלאָסן, „מען זאָל פאָרן קיין אולמסבורג און אויסגעפינען, אויב עס קאָן אונז דערפון וואָס גוטס אַרויס־קומען?" ווייל „צווישן יידן זענען דאָ גאָר פיל הייליקע לייט. גאָטס וועגן זענען אונז נישט באַוווּסט".

און אָט קומט די קריסטלעכע דעלעגאַציע צו אשר לעמלען, כדי צו דערוויסן זיך, צי ער איז טאַקע „דערוויילט געוואָרן, ווי גאָטס געשיקטער, אָנצוקינדיקן די נייע גוטע צייט פאַר דעם געמיינעם מאַן", ווייל „יידן זענען אַ מערקווירדיק פאָלק, גאָט קלויבט זיי אָפּט אויס צו פאַרקינדיקן זיין הייליקן ווילן", און „אויב גאָטס וואָרט איז צו אייך ווידער געקומען, וועלן מיר נאָך פעסטער זיין אין אונזער גלויבן, נאָך זיכערער אין אונזער זיג, און מעגלעך... מעגלעך, מיר וועלן זיך דאַן פאַראייניקן".

דאָ שפּרינגט אַרויס פישל, דער יידישער קרעמער, מיט זיין איינגעוואָרצלטן, היסטאָריש־באַרעכטיקטן אומצוטרוי צו די גויים, און ס'אַנטוויקלט זיך אַ דיאַלאָג, וואָס דריקט אויס איינעם פון די הויפּט־געדאַנקען פון דער דראַמע: „יידן און קריסטן זאָלן גיין פאַראייניקט קעגן די שטאַרקע און מעכטיקע? פון דעם קאָן יעדערער געווינען, נישט דער ייד!" „פאַרוואָס נישט?" „ווייל איר זענט אייגענע, מיר זענען פרעמדע דאָ". „און אַז מיר זענען אייגענע, דריקט מען נישט פון אונז דאָס לעבן אַרויס?" „הערסט" — שרייט אויס ירוחם טישלער, — דאָס האָב איך דאָך נישט איינמאָל געטראַכט!" „נאָך וואָס דאַרפט איר אונז, יידן, אין אייערע מחלוקת מיט די פּריצים, מיטן

מלכות?״ „מיר דאַרפן אַלע, וואָס זענען אַנגעגאַרטלט מיט גלויבן. מיר ווילן, אַז אייער הייליקער מאַן, וואָס זעט זעאונ־גען און זאָגט אָן אַ גליקלעכע צייט פאַרן געמיינעם פאָלק, זאָל אויך אונז העלפן.״ „אַלע אונטערדריקטע, יידן און קריסטן, זאָלן ווערן פריי און לעבן צופרידן״.

און אשר געפינט קוים די ווערטער: „גאָטס ווילן איז אַלץ. ווי איך האָב מיט אַ טאָג פריער נישט געוווּסט, אַז זיין רוף וועט זיין געווענדעט צו מיר, האָב איך היינט נישט גע־קאָנט קלערן, אַז אויך פרעמדע וועלן קומען צו מיר און בעטן מיין הילף, אָבער דאָס איז גאָטס ווילן, און איך בין גרייט״. ער באַגייסטערט זיך אַלץ מער: „דאָס געמיינע פאָלק ליידט, איז קראַנק און שלאָף פון נויט און יאָך. גיב אונז אַ היילער! — בעטן די קראַנקע. שיק די רפואה! — רופן די שקלאַפן. האָט דען גאָט אַזאַ וועלט באַשאַפן? איז דען זיין כוונה: שטאַרקע — שוואַכע, זאַטע — הונגעריקע, באַשאַנקענע — באַליידיקטע? און דאָס איז דאָס יאָר פון היילונג, פאַרוואָר! און איך, דער שלאָפער פון צווישן די שלאָפע, האָב פאַרנומען, דערשפּירט גאָטס האַנט אויף מיין קאָפּ. גייט, הער פריסטאַר, גייט, און זאָגט אָן די בשורה, אַז אשר לעמלען איז געקומען צו העלפן דעם געמיינעם מאַן, דעם ליידנדיקן אָבער נישט פאַרגעסענעם. גאָט פאַרגעסט נישט. גאָט זאַמלט, זאַמלט, ביז עס קומט דער טאָג. און דער טאָג, פאַרוואָר, ער איז נאָענט, און עס וועט זיין דער טאָג פאַר אַלע פעלקער. גערעכטיקייט און אמת זענען פאַר אַלע געטראָטענע, גייט, גרייט זיך, און וואַרט אויף מיין וואָרט״.

אָבער וואַרטן האָט נישט קיין צייט און קיין כוח נישט דער יידישער געמיינער מאַן און נישט דער קריסטלעכער. די יידן ווילן, אַז אשר זאָל זיי תיכף פירן קיין ארץ ישראל, און די קריסטן האָבן מיט זיין נאָמען אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד. נישט אומזיסט האָט פישל פאַרענדיקט די פאַרברידערונגס־סצענע פון די פעלקער מיט זיינע ספקנישע ווערטער: „אַ מאָדנע געשיכטע. עפּעס געפעלט עס מיר נישט. לאָמיר גיין״. זיכער אָפּהיטן די קראָם. איצט, ווען מען קוילעט אויך יידן, קאָן ער זאָגן: „אַז איך האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך מיט די

גויים נישט אָנהויבן. וואָס האָבן מיר מיט זיי צו טאָן?" אָבער די יונגע יידן טענהן אַנדערש. וואַרטן קאָן מען טאַקע נישט, ס'איז ביטער, „אָבער די גויים זענען דווקא גערעכט. זיי האָבן זיך געגנוג אָנגעליטן. עס קומט אַ צייט פאַר נקמה אויך. אלא וואָס דען? מיר דאַרפן וויסן, ווו מיר האַלטן". און זיין געדאַנק פאַרענדיקט אַ קצב־יונג: „ביי וועמען קאָן זיין אַ שאלה מיט וועמען מיר האַלטן? מיר דאַרפן זיין מיט די, וואָס זענען די שונאים פון אונזערע שונאים, טאַקע מיטן גאיעס (גויים), וואָס שטייט אויף אַנטקעגן די שררות, די מאַגנאַטן און די גלחים. מיטן געמיינעם פאָלק וועלן מיר האַלטן". די יידישע יוגנט בונטעוועט זיך. דער משיח־גלויבן האָט אויפגעמונטערט דאָס בלוט. „און עס זענען דאָך עפּעס משיחס צייטן אויך! מעג אַ ייד נישט זיין אַזאַ נכנע, נישט אַזוי ציטערן". אָבער אשר הייסט וואַרטן אויף אַ ווונדער, און דער טרייער ירוחם, אַט דער, וואָס האָט זיך דערפרייט מיטן דערשינענעם משיח, „רעדט אַזוי, ווי דאָס וואָרט וואָלט זיך געמאַטערט דורכצוברעכן דעם טומאַן געפילן און געדאַנקען: וואָס הייסט אייגנטלעך ווונדער? איז דאָס אויפשטיין פון דעם געמיינעם פאָלק אַנטקעגן די האַרן נישט קיין ווונדער, נישט קיין נס פון משיחס צייטן? הונדערטער יאָרן געווען ווי אָקסן אין יאָך, און מיטאַמאָל — מיר ווילן נישט מער!" און ווען אשר פרעגט אים, צי ער וויל פּרוּוון גאָט? ענטפערט אים ירוחם: „אפשר טוט איצט גאָט פּרוּוון אונז? אפשר וויל גאָט זען, צי מיר זענען ראוי צו ווערן פריי, צי מיר קאָנען אַראָפּוואַרפן פון זיך די חרפה און די הכנעה פון גלות און טאָן, ווי יידן האָבן אַמאָל געטאָן... אפשר איז אָט דאָס דאָס ווונדער, אַז יידן זאָלן פון זיך אַראָפּוואַרפן די מורא"? אָבער אשר, וואָס האָט נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק געזאָגט, אַז „גלויבן איז כוח, אמונה מאַכט שטאַרק", דער זעלבער אשר וויל איצט וואַרטן אויף גאָטס סימנים, „און אים אַליין וועל איך פאָלגן".

אשר לעמלען האָט דערפילט גאָטס רוף, אָבער ווען זיין רוף האָט געבראַכט צו מעשים, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיי, ער וויל וואַרטן אויף סימנים פון אויבן, הגם ער פילט מיט שרעק, אַז „די ירוחמ'ס הויבן זיך אָן צו וואַקלען, אָפּצוקערן,

און מיין שטיץ בלייבן די פֿישלס", וועלכע האָבן אויף יעדנפֿאַל איבערגעלאָזן די קרעמלעך. אומזיסט שרייט צו אים גיטל, אַז „די וועלט ברויך פֿירער, אַלע ווילן דיך. גאָט האָט דיך געשיקט, זיי רופֿן דיך אַצינד", אשר קאָן אָן צייכנס גאָרנישט טאָן. אָבער גאָט האָט זיך באַהאַלטן. און עס הויבט זיך אָן אשר'ס טראַגישער קאָנפֿליקט, דער איינציקער מאָמענט אין דער דראַמע, ווען אשר הויבט זיך אויף איבערן סאָציאַלן פּאָן (דער דאָמינירנדיקער טאָן פֿון דער דראַמע, איר איינציקער אמתער העלד) אַלס יחידישע טראַגישע פּערזענלעכקייט, און דאָ פֿאַרלירט ער שוין זיין געוויינלעכע היימישע פֿאָלקסטימלעכקייט און ווערט אַ טראַגישער העלד. און זיין מאָנאָלאָג פֿון זעקסטן בילד איז שיין און טראַגיש־דערשיטערנדיק. „גאָט, מיין גאָט, ווו ביסטו? וואָס באַהאַלטסטו דיין פּנים פֿון מיר? האָסטו זיך איינמאָל פֿאַר מיר אַנטפּלעקט, כדי איך זאָל דיך איצט נאָך ווייניקער קאָנען געפֿינען? האָסטו געשיקט מענטשן צו מיר, זיי זאָלן מיך אַרומרינגלען מיט אמונה און איך זאָל די דאָרשט פֿון זייער בטחון נישט קאָנען שטילן? גאָט, גאָט, — פֿאַרלאָז מיך נישט... לאָז מיך זען דיין האַנט... זאָל זי מיך פֿירן. זאָל זי מיר ווייזן דעם אמתן וועג. וואָרום גרויס איז מיין צעטומלעניש — אַצינד, און אַ גרויס פֿאַרלוירעניש הויערט אויף מיין נשמה, גאָט, מיין גאָט"... און זיין פֿאַרלוירעניש נעמט זיך נישט נאָר דערפֿון, וואָס גאָט גיט אים נישט קיין ווייטערדיקע צייכנס, נאָר אויך דערפֿון, וואָס זיין וואָרט איז צעביטן געוואָרן אויף פּערזענלעכע צוועק־האַפּענונגען, וואָס די וועלט, אויפֿגערודערט דורך זיין וואָרט וואָס האָט געזאָגט: היילונג, גוטסקייט, שלום, וויל ברענגען „יושר דורך רציחה, גוטסקייט — דורך נקמה, גאולה — דורך בלוט...." און דאָ פֿלאַקערט אין אים אויף דער רעוואָלט, ווי פֿריער ביי ירוחם'ען, אָבער אין אַן אַנדער ריכטונג: „און אפשר — שרייט ער אויס צו גאָט — איז דאָס דיין ווילן? אפשר ווילסטו, אַז ליכט זאָל קומען דורך חושך, גערעכטיקייט — מיט געוואַלט?... און איך — זאָל איך זיי פֿירן דורכן בלוטיקן ים?... איך קאָן נישט! און אויב דאָס איז דיין רצון, וויל איך אים נישט! וועל איך זיך אָפּקערן פֿון אים, וועל איך אַנטלויפֿן פֿון דיר!" אָבער ער קאָן נישט צולאָזן דעם דאָזיקן גע־

דאַנק: „ניין, דאָס איז נישט זיין רצון, דאָס איז נישט זיין וועג, נייערט בלויז דעם מענטשנס, וואָס איז פאַרבלענדט און פאַרבלאָנדזשעט!"

אשר האָט פאַרלאָרן זיין זיכערקייט אין זיך, די אמונה, און צוזאַמען מיט איר דעם כוח, און זיין ווילן און געדאַנק וואַקלען זיך אין שטורעם, וועלכן ער האָט אַרויסגערופן. איינס פילט ער אויף זיכער: ער קאָן נישט זיין קיין פירער אין דאָזיקן צושטאַנד, און ער וויל אַנטלויפן, וואָס ער טוט טאַקע לויט דער געשיכטע. אָבער לעיעלעס לאָזט אים נישט אַנטלויפן. לעיעלעס ברענגט צו אים די קריסטלעכע אַרמיי פאַר איר אַנטשיידענער שלאַכט מיט די פּריצים. זיי ווילן, אַז אשר לעמלען זאָל זיי בענטשן, זאָל זיין זייער פירער, ווייל אין זיין נאָמען און לויט זיין וואָרט האָבן זיי זיך אויפגעהויבן צו טאָן דאָס לאַנג געגאַרטע. אָבער אשר ענטפערט זיי, אַז זיין נאָמען האָבן זיי דאָך שוין און אים דאַרפן זיי נישט האָבן, ווייל זיי האָבן נישט געטאָן דאָס, וואָס ער האָט געהייסן. ער האָט „נישט געמיינט, אַז עס זאָל זיין אַזוי... איך האָב קיינעם נישט געהייסן מורד זיין. איך האָב געהייסן וואַרטן אויף גאָטס וואָרט". און ווען דיטריך הובער, דער גלח דער אָנפירער, זאָגט צו אים: „אָט דאָס איז גאָטס וואָרט. ווען איר האָט דאָ מיט עטלעכע וואָכן צוריק גערעדט וועגן דעם געמיינעם מאַנס נויט און וועגן דעם, אַז דער געמיינער מאַן מוז קריגן גערעכטיקייט אויף דער ערד, האָט גאָט גערעדט דורך אייערע ליפּן", האָט אשר איין בלאָסן, גאַרנישט־זאָגנדיקן ענטפער: „זיי האָבן געדאַרפט וואַרטן".

אשר לעמלען איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דורך דעם סאָציאַלן פּאַטאָס אויף דער אויבערפלאַך, אין אים איז געלעגן זיין קראַפט. ווי נאָר ער האָט פאַרלאָרן זיין קאָנטאַקט מיט דער סאָציאַלער סטיכיע, האָט ער פאַרלאָרן זיין קראַפט און זיין צויבערוואָרט. שיין און טיף איז ער נאָך, ווען ער רעדט וועגן דעם, אַז „איך אַליין וועל ווידער זיין בלויז אַ מענטש צווישן מענטשן, און מיט זיי וועל איך זיך אויסמישן, ווי עס איז צעמישט אָט דאָס ליים אונטער די פיס".

אשר זאָגט זיך אָפּ אָנצופירן מיט דער מרידה, ער דערקלערט זיך פאַר אַ געוויינלעכן מענטשן, און פישל גייט צוריק

צו זיין קראַם, און ירוחם מיטן יונגוואַרג רייסן די געלע לאַטעס פון די פּלייצעס, וואָס ווערט אַ מין „באַפרייאונגס־ריטואַל", און גייען מיט די, וואָס „קאָנען נישט וואַרטן".

* * *

אַשר לעמלען איז אַ משיחישע דראַמע אויף אַ סאָציאַלן פאָן, אָדער ריכטיקער אויסגעדריקט — אַ סאָציאַלע דראַמע מיט אַ משיחישן גרונט. לעיעלעס האָט שעפעריש אויסגענוצט דעם וווּנק פון דער געשיכטע, אַז אויך קריסטן האָבן געגלייבט אין אַשר לעמלען, און פאַרפלעכטנדיק די יידישע משיח־בענקעניש מיט דער קריסטלעכער האָט ער אויפגעוויקלט די גאַנצע מאָדערנע פּראָבלעם פון יידישן באַפרייאונגס־קאַמף. אָבער אויב לעיעלעס האָט אין דעם פּרט אויסגענוצט די געשיכטע, האָט ער אָבער אין אַלעם אַנדערן אַליין געשאַפן זיינע געשטאַלטן און זיין דראַמע־קאָנסטרוקציע. אַ שאָד נאָר, וואָס אויך ביים לעצטן אַקאָרד האָט ער נישט געפאָלגט דעם וווּנק פון דער געשיכטע, לויט וועלכער אַשר לעמלען ווערט פאַרשווונדן. אויב זיין משיחיש וואָרט הויבט אויף אַ ריזיקע סאָציאַלע כוואַליע, אויף וועלכער ער קאָן נישט שווימען, איז גאַנץ נאַטירלעך, ער זאָל דורך איר אָפּגעשווענקט ווערן... ער זאָל פאַרזינקען אין דער מהומה. וואָרום זיין העכסטן און איינציקן טראַגישן מאָמענט האָט ער שוין איבערגעלעבט אין זעקסטן בילד, אין זיין פּרעכטיקן מאָנאָלאָג, און אויב ער זאָגט נאָך אין אַכטן בילד אַ פּאָר שיינע ווערטער וועגן פאַרשווינדן צווישן מענטשן, ווי אָט דאָס ליים, האָט ער זיי געקאָנט און געדאַרפט זאָגן דאָרטן, אין זעקסטן בילד, און טאַקע פאַרשווינדן, ווי ער פּילט, אַז דאָס איז דער איינציקער אויסוועג. ווען די מחנה קומט נאָך זיין ברכה, דאַרף זי אים שוין נישט געפינען. דער סוף וואָלט געווען שענער און אויך די געשטאַלט פון משיחן וואָלט זיך פאַרענדיקט גאַנצער, שטאַרקער. און דאָס וואָלט נויטיק געווען, ווייל ביזן סוף שפּילט ער דאָך איינגנטלעך נישט קיין פּערזענלעכע ראָלע, נאָר ער איז איינער פון דעם גאַנצן פאָלקסטימלעכן אַנסאַמבל.

אָבער אויב לעיעלעסעס סוף איז טאַקע אַ פעלער, וואָס שאַדט אַביסל דעם ווערק דראַמאַטיש און פּסיכאָלאָגיש, איז ער אָבער

נישט אויף אַזוי פיל גרויס, ער זאָל שאָדן ברענגען דעם ווערק אלס גאַנצעס, פּונקט ווי עס ברענגען אים נישט קיין שאָדן די איינצלנע פאַלשע טענער, וועלכע דאָס אויער כאַפּט אויף אין פּאַרשידענע סצענעס, אין די שמועסן צווישן די פאַרשידענע פּערסאָנאַזשן. „אשר לעמלען" איז אַ קונסט־ווערק מיט אַ שטאַרקן רוקן־ביין. אַזאַ ווערק קאָן האָבן פעלערן, אָבער עס ווערט נישט חרוב דורך זיי, פּונקט ווי שיינקייטן און מעלות וועלן נישט אויפריכטן אַזאַ חוט־השדרהלאָז ווערק, ווי „שלמה מולכו".

היסטאָרישע געשטאַלטן אין דער יידישער דראַמע

(יעקב פראַנק ביי משה קולבאַק און אהרן צייטלין)

א

די לעצטע פּאָר יאָר איז ביי אונז אַ גערעטעניש אויף היסטאָרישע דראַמעס, בפרט אויף משיחישע. יעקב פראַנק האָט זוכה געווען אַזש צו צוויי מיטאַמאָל: משה קולבאַקס און אהרן צייטלינס.

כדי אונז נאָענט צו מאַכן די דאָזיקע אינטערעסאַנטע היס־טאָרישע געשטאַלט, איבערציינגן אונז אין איר אינערלעכער אויפריכטיקייט און איר אויסערלעכן דערפאָלג, איז נויטיק אַ גרויסע קינסטלערישע קראַפט, וואָס זאָל אויסמיידן די שטרויכ־לונגען פון פאַרבנרייכן שטאָף. אָדער מען דאַרף דעם געשיכט־לעכן אמת גאַלוואַניזירן דורך אַ שטראָם אינטואיציע, אָדער איבערגיסן די געשיכטלעכע געשטאַלט אין אַן אייגענעם פורעם.

קולבאַק איז געגאַנגען מיטן צווייטן וועג. ער האָט אַרויס־געכאַפּט פון דער געשיכטע עטלעכע פּערזאָנען, עטלעכע פאַקטן און געוואָלט אימפּראָוויזירן אַ היסטאָרישע געשטאַלט אונטער אַ ניי ליכט. געוואָלט — אָבער נישט געקאָנט. אויף וויפיל די דראַמע מאַכט אַן איינדרוק פון אַן אימפּראָוויזאַציע, פון אַ ריי סקיצן צו אַ דראַמע, האָט זי אַ סך מעלות, אויב נישט

קיין דראַמאַטישע, איז — דיכטערישע. די שפּראַך איז וווּנ־
דערבאַר, עכט־פאָלקסטימלעך, פול מיט הומאָר, אָבער דאָס
זענען מעלות פאַר זיך גופא, נישט פאַר דער דראַמע. אָפּטמאָל
פּאַסט זיך גאָרנישט די דאָזיקע פאָלקסטימלעכע שפּראַך צו די
פּערזאָנען, צו דער סיטואַציע.

דער דיכטער צווימט נישט איין זיין אייגענע רעדנסאַרט
צוליב דעם כאַראַקטער פון זיינע העלדן און פון דער אַקציע.
נאָר מיט דעם קאָנען מיר דערקלערן, וואָס אַלע אין דער דראַמע
רעדן מיט יידישע שפּריכווערטלעך.

אָט, למשל, זלמנ׳קע. ער וואָלט געקאָנט זיין אַ גוטע פּער־
זאָן אין דער דראַמע, בפרט אַז ער איז פאַרבונדן מיט חווה׳לען,
פראַנקס טאָכטער, — וועלכע איז די אומהיסטאָרישסטע גע־
שטאַלט אין דער דראַמע און גלייכצייטיק די צאַרטסטע, די
לירישסטע, — אָבער פאַרוואָס מוז זלמנ׳קע דווקא רעדן מיטן
זעלבן לשון און מיט די זעלבע שפּריכווערטלעך, ווי אַלע? אָט
זאָגט צו אים יעקב פראַנק: „ברוך שפּינאָזע מיינער" און ער
ענטפערט אים אויף דעם: „איר פאַרשטייט אַזוי פון רמב"ם
ווי די ראַבע קאַץ, אַז איר האָט אַ גראָבן קאָפּ!"

בכלל האָט די דראַמע אַ נייגונג צום גראָטעסק. די פּער־
זאָנען, וועלכע רינגלען אַרום יעקב פראַנקן זענען קאָמישע,
לעכערלעכע ברואים. אמת, דאָס לאָזט זיך נאָך מיט געוואָלט
אויסטייטשן: קולבאַק וויל בכיוון מאָלן יעקב פראַנקס סביבה
אין גראָטעסקע פאַרבן, כדי צו באַרעכטיקן יעקב פראַנקס אויס־
רוף: „שלעפּער, פאַרוואָס בין איך געבוירן געוואָרן צווישן
אייך?"

אָבער די דאָזיקע אויסטייטשונג ראַטעוועט נישט די דראַ־
מע אַלס גאַנצע, ווייל קולבאַק האָט נישט איינגעהיט די גרענעץ
צווישן די דאָזיקע בטלנים פון דער סביבה און צווישן זיין
טראַגישן העלד יעקב פראַנק. יעקב פראַנק גופא נידערט־אַראָפּ
צו די בטלנים נישט נאָר דורך זיינע בטלנישע חכמהלעך און
דער געמיינזאַמער יידישלעכער שפּראַך, נאָר אויך דורך זיינע
מעשים. אָט די זעלבע בטלנים, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אונ־
טער די טישן און אונטער די פּעקלעך סיי פאַר קלאַנגען וועגן
אַ פּאָגראָם, סיי פאַר זייערע ווייבער, וואָס קומען זיי זוכן, —

די דאָזיקע מלמדים באַשטימט ער פאַר זיינע דראַגונער און פון די דאָזיקע שלעפּערס און שנאָרערס פאָדערט ער פאַר זיך מלכימשן כבוד: „שנאָרער, ציט זיך אויס אַלע אויף דער ערד און קושט מיר די פיס! איך בין אייער מלך! געשיקט געוואָרן פון גאָט איך זאָל קיניגן אויף יידן! ציט זיך אויס אויף דער ערד!! כאַ, כאַ, כאַ!!!"

ס'איז נישט קיין וואונדער דעריבער, וואָס דער דאָזיקער מלך פון שנאָרער מאַכט נישט קיין איינדרוק פון אַ טראַגישער פּערזאָן, נאָר פון אַ פּורים־שפּילער און אַ סך סצענעס — פון אַ פּורים־שפּיל, פון אַ היסטאָרישער פּאַראָדיע. ס'קאָן דאָך אָבער נישט זיין, אַז קולבאַק זאָל דאָס האָבן געוואָלט. דער דאָזיקער מאָטיוו איז פּאַר זיך גופא זייער אַ דראַמאַטישער און אין זיין לעבערלעבער, קאָמישער עפּיזאָדן־פאָרם איז ער אין דער דראַמע דורכגעפירט געוואָרן זייער גוט, אָבער אַלס גאַנצע לייַדט זי פון דער דאָזיקער סתירה.

און דאָ ליגט דער הויפּט־דורכפאַל פונם ווערק: פראַנק דאַרף זיין אַ טראַגישע פיגור לויט קולבאַקס הויפּט־אידעע און ער איז אָדער אַ פּורים־שפּילער אָדער אַ גראָבער יונג (נישט נאָר ווייל ער קאָן נישט לערנען...) אָדער אַ מענטש מיט אַ מויל אויף שרויפן: ער רעדט אַ סך און מיר פאַרשטייען ווינציק און אויף וויפיל מיר פאַרשטייען איז אָדער מיר גלויבן נישט (ווי גיך די טונעיאַדעוועקער שלעפּער צלמען זיך און זאָגן אַרויס די ווערטער: „אויצאַ אי סינאַ אי דוכאַ שוויענטעגאָ אַמען!") אָדער מיר שפּירן סתירות.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז די הויפּט פּערזאָנען, — אַ חוץ די קאָמישע — האָבן זיך קולבאַקן נישט איינגעגעבן. ער איז אפילו נישט צוגעטראָטן מיט דעם נויטיקן ערנסט צו אַזאַ קאָמפּליצירטער געשטאַלט ווי יעקב פראַנק. אויך דער געבוי פון דער דראַמע איז גאָרנישט אויסגעפירט. מיר זעען נישט קיין אָנוואַקסנדיקן קאָנפליקט און זיין טראַגישע לייזונג. מיר זענען צוערשט ביי פראַנקן אין שטוב, ווו סיי ער סיי די אַנדערע פּערזאָנען רייצן און קאָמפּראָמיטירן זיך און די דראַמע; דערנאָך קומט דער רב ר' לייב מעדזשיבאזשער און וויל אים עוקר מן השורש זיין; פראַנק נעמט זיך צו הילף דעם בישאָף און אַז

אַלטער מקובל גייט צום בישאָף אים אויפווייזן, אַז די פראַנ־קיסטן גלויבן אין דער דרייאייניקייט; ס׳געשעט אַ נס — דער בישאָף שטאַרבט און די יידן מיט ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער פאַרטרייבן פראַנקן מיט בעזימער און קאָטשערעס. און פראַנק איז אין יאוש; ווען זיי וואָלטן כאָטש געגאַנגען קעגן אים מיט שווערדן, וואָלט ער געוויזן וווּנדער, אָבער קעגן בעזי־מער קאָן ער נישט קעמפן.

אין דער דאָזיקער מאָגערער האַנדלונג וועבט זיך אריין דער שאָטן פון ר׳ לייב מעדזשיבאָזשערס טאָכטער, וואָס אַנט־לויפט פון טאָטן נישט וויסנדיק פאַרוואָס און וויל קומען צוריק אויך נישט וויסנדיק פאַרוואָס, און די געשטאַלט פון חווה, פראַנקס טאָכטער, וואָס אַנטלויפט פון טאַטן, ווייל פראַנקס שטוב איז אין אירע אויגן „די מיאוסטע אין דער וועלט". אויך דער בעש"ט דרייט זיך אַרום איבער פראַנקס שטוב (פראַנק רופט אים צוליב קולבאַקס פאָלקסטימלעכער קאַלאַריטקייט — ישראל׳ציק) און רעדט תמעוואַטע רייד.

אָט דאָס איז די קאַנווע און די אויסנייעכץ פון דער דראַ־מע. וואָס איז איר גערדאַנקלעכער אינהאַלט און אויף וויפיל האָט ער זיך איינגעגעבן (די לעצטע קאָרט פון דער דראַמע)?

קולבאַק וואַרפט אָפּ פראַנקס גאַנצע מיסטיק, זיין גאַנצע סעקטאַנטישע פאַרפלאָנטערטקייט. זיין יעקב פראַנק איז אַן עם־הארץ, וואָס פרעגט זיך אוים פריער ביי ר׳ אלישע מקובל וועגן דעם „וואָס רעדט זיך דאָרטן אין דעם זוהר הקדוש מכוח די „דריי"? איידער ער שיקט צום בישאָף זאָגן, אַז זיי גלויבן אין דער דרייאייניקייט. קולבאַק מאַכט פראַנקן פאַר אַ מורד קעגן רבנישן יאָך. ער וויל אַראָפּוואַרפן פון די יידן די פאַר־טריקנטע שאָלעכטס פון דער תורה און אָנהויבן אַלץ פון אָנהויב. מיט איין וואָרט, יידן זאָלן זיך אומקערן צום נאַר־מאַלן געזונטן לעבן פון אַלע פעלקער — צום וואַרעמען ווייב און צום בלאַנקנדיקן שווערד. און ער וויל גאַרנישט זיין קיין משיח, נאָר אַ מלך. „ווער האָט עס געזאָגט, אַז איך בין משיח? — כ׳האָב זיי געגעבן ברויט צום עסן, האָבן זיי מיך אָנגערופן דערפאַר — משיח... אָבער איך בין נישט געקומען צו אייך תורה זאָגן. יעקב פראַנק איז אַ מלך! ער טראָגט דעם כתר אויפן

קאָפּ!... נאָר ער איז געבוירן געוואָרן ביי אַ פֿאָלק וואָס האָט פֿאַרגעסן, ווי עס זעט אויס אַ מלוכה"...

פֿראַנקס דאָזיקער געדאַנק, זיין רעזאָן דיעטר, איז נישט גאָר טיף און געוויס נישט ניי און ווען מען מאָלט אַ היס־טאָרישע געשטאַלט — מעג מען זיך פֿאַרגינען צו פֿרעדיקן דורך איר טיפֿערע און נייערע געדאַנקען. דאָך איז עס אַ געדאַנק, וואָס איז פֿעאיק אויסצופֿילן די טעטיקייט פֿון אַ דראַ־מאַטישער פּערזאָן; אָבער דער געדאַנק דאַרף דאָך פֿאַרקערפּערט ווערן דורך מעשים, דורך איבערצייגנדיקע קאָנפֿליקטן. און דאָס גיט אונז נישט קולבאַק. ווען יעקב פֿראַנק שרייט „נקמה! יידן ווילן נעמען נקמה! די ביינער פֿון באַגראָבענע דורות שרייען פֿון דער ערד: רבנים האָבן פֿאַרגאָסן אונזער בלוט, צוגענומען ביי אונז די וועלט און געגעבן אנשטאָט דעם די תורה. יידן קומען אָן פֿון אַלע מדינות, זיי האָבן קיין אָרט נישט אויף דער ערד... העלף אונז! — שרייען זיי צו מיר — דו קאָנסט אומגיין מיט אַ שווערד אין האַנט, פֿאַרטרייב די רבנים פֿון אונזער לעבן און נעם אונז איין צוריק די וועלט", — ווען יעקב פֿראַנק שרייט אַזוי פֿילן מיר, אַז ס'איז שקר, ווייל די וואָס קומען צו אים זענען דאָך נאָר פֿעאיק לעבערלעך צו מאַכן סיי דעם פֿירער, סיי די באַוועגונג, ס'איז דאָך אַ פּאַראָדיע אויפֿן פֿראַנקיזם, טאָ ווי זאָלן מיר נעמען ערנסט, אָדער גאָר טראַגיש, זיין געדאַנקענגאַנג?

בפֿרט, אַז פֿראַנקס אַנטיפּאָד, קעגן וועלכן ער טרעט אַרויס, איז נישט נאָר פֿאַקטיש שטאַרקער פֿון אים (דאָס וואָלט גע־קאָנט זיין אַ סטימול פֿאַר פֿראַנקס טראַגיזם), נאָר אויך אי־נערלעך שענער, גאַנצער, דערהויבענער. ווען לייב מעדזשיבאָ־זשער קומט צו יעקב פֿראַנקן און דער לעצטער וואַרפֿט אים פֿאָר דאָס, וואָס זיין טאָכטער איז געקומען צו אים, אין פֿראַנקס „בית־זונות", ענטפֿערט אים ר' לייב מעדזשיבאָזשער מיט טראַגישער דערהויבנקייט: „איך בין נישט געקומען צו דיר וועגן מיין טאָכטער!!! כלל ישראל שטייט אין סכנה... מיר האָבן גע־שאַפֿן אַ לאַנד, אויפֿגעשטעלט אַ בית־המקדש, — יידן זאָלן האָבן וווּ דעם קאָפּ אַוועקצולייגן... און דו... פֿירסט בלינדער־הייט יידן צום אונטערגאַנג". יעקב פֿראַנק קוקט אויס אין משך

פון דאָזיקן גאַנצן וויכוח ווי אַ יינגל לגבי אַ דערוואַקסענעם מענטשן. ר' לייב מעדזשיבאָזשער איז די סימפּאַטישסטע גע־שטאַלט אין דער דראַמע און אויך די מעכטיקסטע. נישט נאָר ער קומט נישט רעדן וועגן זיין טאַכטער, נאָר אין קאַמף מיט יעקב פראַנקן טרעט ער אַריבער איבער דעם גוף פון זיין טאָכ־טער. נישטאָ פאַר אים קיין פּערזענלעכע טראַגעדיע, ווייל ער ווייסט קלאָר, וואָס ער וויל: ראַטעווען דאָס פאָלק.

נישט פראַנק איז די טראַגישע פיגור אין דעם איין איינ־ציקן רעאַלן קאָנפליקט פון דער דראַמע — נאָר ר' לייב מעדזשי־באָזשער, און איך מיין, אַז נישט דערפאַר, ווייל קולבאַק האָט דאָס טאַקע אַזוי געוואָלט, נאָר פשוט ווייל אים האָט זיך נישט איינגעגעבן צו באַהערשן די טעמע אפילו פון דער געדאַנק־לעכער זייט. גליטשענדיק זיך אויפן שפע פון פאָלקסטימלעכ־קייט, איז קולבאַק ממילא אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון ר' לייב מעדזשיבאָזשער, ווייל די דאָזיקע פּערזאָן מיט איר קלאָ־רער וועלט־אַנשויאונג שטייט גרייט און פאַרטיק, ווי אַ געפליגלט פאָלקס־ווערטל, בעת פראַנקס געדאַנקענגאַנג פאָדערט נאָך געפורעמט צו ווערן.

אַז דאָס איז נישט נאָר קיין השערה, באַווייזט דער בעש"ט, וועלכער בילדעט, ריכטיקער, דאַרף בילדן — דעם געדאַנקלעכן דריי־עק פון דער דראַמע. וואָס קולבאַק האָט געוויס געוואָלט מיטן בעש"ט'ס אַנוועזנהייט אין דער דראַמע — איז שווער צו זאָגן, ווייל ס'איז שווער צו טרעפן דעם וועג דאָרט, וווּ ס'איז נישטאָ קיין קלאָרער אויסגאַנגס־פּונקט און קיין קלאָרער ציל. מעגלעך, אַז קולבאַק וויל אונז געבן דעם געשיכטלעכן רמז: נישט פראַנק וועט גובר זיין דעם מעדזשיבאָזשער, נאָר דער בעש"ט, אָדער פאַרקערט: נישט דער מעדזשיבאָזשער וועט גובר זיין פראַנקן, נאָר דער בעש"ט.

ס'איז שווער צו גלויבן, אַז קולבאַק, וואָס קימערט זיך נישט וועגן דער געשיכטע, זאָל ישראל'ציקן לאָזן אַרומגיין אין פראַנקס שטוב אין זכות פון דער געשיכטע. אָבער פּאַק־טיש איז דאָס אַזוי אַרויסגעקומען. דער בעש"ט דרייט זיך אַרום אין פראַנקס שטוב און ליגט אויפן אויוון פון אָנהויב דראַמע און צום סוף זיצט ער ווי אַ שאָטן אויף דעם גאַניק און

קוקט זיך צו צום קאַמף. ער לאָזט די געשיכטע אַרבעטן פֿאַר זיך. דאָס איינציקע מאָל וואָס ער האַנדלט איז — זיין געשריי צו פֿראַנקן: „נואַף! דו האָסט אומגעבראַכט טויזנטער יידן!... וועסט פֿאַרטריבן ווערן פֿון כּלל ישׂראל און דיין נאָמען וועט בלייבן צו שאַנד לדורי־דורות. איך רעד עס צו דיר, איך — ישׂראל בעל־שם־טובֿ!... וויי, וואָס האָב איך געטאָן!!!"

דאָס שרייט ער צו פֿראַנקן נאָך דעם, ווי יענער פֿרעגט אים: „און וואָס ווילסטו, ישׂראל'ציק?"

און שוין. ישׂראל בעל־שם־טובֿ ווערט נתגלה און ער פֿאַר־לאָזט פֿראַנקס שטוב.

דאָס איז דאָס איינציקע מאָל, ווען ישׂראל'ציק רעדט דבורים, אָבער נישט קיין קלאָרע, וואָרום זיין שטיקל וויכוח מיט ר' לייב מעדזשיבאָזשער, אַז ווען אַ פֿויגל זינגט, איז עס אויך גאָט, איז טאַקע זייער שיין, אָבער צו דער דראַמע האָט עס אַ קנאַפּע שייכות.

אגבֿ איז כאַראַקטעריסטיש אָט וואָס: ישׂראל'ציק רופֿט זיך אַליין אָן ישׂראל בעל־שם־טובֿ און שרייט אויס: „וויי, וואָס האָב איך געטאָן!!!" ד. ה. ער איז נתגלה געוואָרן פֿאַר דער צייט. טאָ וואָסערע קאָנסעקווענצן האָט עס פֿאַר דער דראַמע? אָט צוליב דעם האָט ער געדאַרפֿט די גאַנצע צייט ליגן אויפֿן אויוון ביי פֿראַנקן?

הכּלל, פֿון גאַנצן געדאַנקלעכן דריי־עק, איז קלאָר בלויז איין ר' לייב מעדזשיבאָזשער, די איבעריקע זענען העלערע און געדיכטערע שאָטנס.

מען מוז דעריבער קאָנסטאַטירן, אַז די ערשטע דראַמע פֿון איינעם פֿון אונזערע גרעסטע און אָריגינעלסטע דיכטער איז נישט געלונגען אין אירע אַלע דריי דימענסיעס, נישט גע־קוקט אויף אירע עפּיזאָדישע מעלות און שיינקייטן.

* * *

ווי שלעכט קולבאַקס פֿראַנק זאָל נישט זיין, איז אָבער ציטלינס נאָך ערגער. ערשטנס שוין צוליב דעם אַליין — וויל קולבאַק האָט נישט אַזעלכע פּרעטענזיעס ווי ציטלין; צווייטנס איז ביי ציטלינען שווער צו געפֿינען אפֿילו די באַשיידענע מעלות, וועלכע קולבאַקס דראַמע פֿאַרמאָגט.

ב

אויב קולבאַק האָט דעם היסטאָרישן פראַנק געוואָלט אינ־טערפּרעטירן, האָט אים צייטלין פאַנאַנדערגעלייגט אויף טע־לערלעך און געמאַכט פון אים אַלערליי געריכטן, פאַרבראָקט מיטן גאַנצן ראַמש היסטאָרישע פאַנטאַסטישע געווירצן, וועלכע ער האָט נאָר ווו נישט איז געפונען. ס'איז נישט קיין וואונדער דעריבער, וואָס אַנגעלאָדן מיט אַזאַ משא רוחות, שדים, נישט־גוטע, בעלי־קבין, רואה ואינה נראהס, פלאַי־פלאָים און כאַס־דעם, איז אַזאַ שוואַך דראַמאַטיש שיפל, ווי צייטלינס „יעקב פראַנק״, פאַרזונקען געוואָרן אין די טיפע, מוטנע וואַסערן פון פוסטער גערעדעריי און איבעריקער געטועריי. וואָס קאָן מען פאָדערן פון אַ דראַמע, וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע מוסטער־לעך פון דראַמאַטישער האַנדלונג, ווי: דער בעש״ט קלייבט זיך לעבעדיק מאַכן אַ גולם, איז אָט ווי צייטלין באַשרייבט עס אונז (בכלל פאַרנעמען צייטלינס רעמאַרקן דעם גרעסטן טייל פון דער דראַמע): „מאַכט (דער בעש״ט, י. ר.) איבערן גולם השבעות. מען זעט ווי ער איז ממשיך המשכות — ציט־אַראָפּ כוחות אויבערשטע — מיט דער בייטש״ (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.). אָט מיט אַזעלכע זינלאָזע זאַצן און זאַכן וואָס וועקן ביי אונז גאָרנישט און גיבן דער דראַמע גאָרנישט, איז אויסגעפילט דער גרעסטער טייל ווערק.

צייטלין האָט פּשוט גענומען דעם רוב געשיכטלעכע פאַקטן, צוגעטשעפּעט צו זיי אַלץ, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין פאַנטאַסטיש, עס צענומען אין אַ גרויסער דאָזע לאַקריץ־זיסער, פאַלש־פּאַטאַסדיקער שפּראַך („אוואַטשאַן טראָגנדיק, אויף אוואַטשאַן בליקנדיק״) און דאָס היסטאָרישע געקעכץ איז פאַרטיק.

אין זיין קורצער הקדמה זאָגט אפילו צייטלין יאָ, וואָס ער האָט געוואָלט מיט זיין דראַמע: „דער בעש״ט און פראַנק טרעפן זיך אין געראַנגל. עס איז נישט נאָר דער היסטאָריש־יידישער צוזאַמענטרעף און צוזאַמענשטויס צווישן חסידות און פראַנקיזם — ס'איז אויך דער אַלגעמיין־מענטשלעכער צוזאַ־מענשטויס צווישן דעם אייביקן גאָט־זוכער (פראַנק) און דעם אייביקן גאָט־געפינער (בעש״ט), צווישן דעם וואָס זוכט צו

דער געהיימניש הינטערוועגן, און דעם וואָס האַלט אין זיין
פּשטות די געהיימניש צווישן דיִ פינגער". אָבער אָט אין דעם
ליגט טאַקע צייטלינס צרה: אינטעלעקטועל, אין דער פאָררעדע
ווייסט ער וואָס ער וויל געבן, און ער שטעלט זיך גאָר גרויסע
צילן, אָבער ווען עס קומט צום פאַרקערפּערן דעם גרויסן ווילן
— פאָרט ער זיך צונויף מיט פונקט אַזאַ גרויסן נישט קאָנען.
נישט נאָר מיר האָבן דאָ נישט דעם „אַלגעמיין־מענטשלעכן
צוזאַמענשטויס צווישן דעם אייביקן גאָט־זוכער און דעם איי־
ביקן גאָט־געפינער" (ווי מיר האָבן דאָס למשל אין בראדם דוד
ראובני און שלמה מולכו), נאָר אפילו דער היסטאָריש־יידישער
צוזאַמענטרעף און צוזאַמענשטויס צווישן חסידות און פראַנ־
קיזם איז דעגראַדירט געוואָרן פון אַ היסטאָרישן אידעען־קאַמף,
פון אַ דראַמאַטיש־אַנטוויקלטן קאָנפליקט צו אַן אויגן־בלענדריי
פון אַ פאַרביקער (שטאַרק־אָפּבליאַקירטער) פּאַרטיקער לעגענ־
דען־שפּיל. בעש"ט האָט קפיצת הדרך, ער רופט אַרויס מתים,
ער מאַכט כשוף און וווּנדער, מיר זעען, ווי ער שלעפּט אַראָפּ
מיט דער בייטש רוחות אויבערשטע און דער ליץ זאָגט: „דער
שטורעם איז אַריבער, דאָס ליכטל פאַרלאָשן, דער מענטש ליגט
— און גאָט איז געקומען". נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די
דאָזיקע ווערטער זענען די לעצטע אין דער דראַמע, און דערצו
זענען זיי נאָך אונטערגעשטראָכן—דאָס הייסט, אַז אין זיי ליגט,
דאַרף ליגן דער געדאַנקלעכער קווינטעסענץ אירער, זענען זיי,
פונדעסטוועגן, נישט מער ווי אַ הוילע פראַזע, וועלכע מיר
פילן נישט; וועלכע רעזומירט בשום אופן נישט די האַנדלונג
פון דער דראַמע.

פראַנק קעמפט נישט מיטן בעש"ט, — צייטלין שפּילט
זיך אין דער אויסגעטריקנטער קאָריטע פון געשיכטלעכן פראַנ־
קיזם־חסידיזם־טייך מיט די איבערגעבליבענע פאַרביקע לעגענדע־
שטיינדלעך. אָט נעמט צום סוף דעם קורצן שמועס צווישן
בעש"ט מיט פראַנקן: בעש"ט: אין פּאָדאָליע איז איצט ליכטיק.
פראַנק: ליכטיק? דער נסתר (ווייזט אויפן בעש"ט): אָט דער
האָט ליכטיק געמאַכט. פראַנק: וואָס וויל ער? וואָס ווילט איר?
בעש"ט: גאָרנישט. א יישר־כוח. פראַנק: וואָס דאַנקסטו?
בעש"ט: ווען דו מאַכסט נישט אַזוי פינסטער — וואָלט איך

נישט געקאָנט מאַכן ליכטיק". דאָס הייסט דאָך אָבער פשוט קאָנסטאַטירן אַ היסטאָרישן פאַקט אָבער נישט פאַרקערפערן אַ צוזאַמענשטויס. אָט די סצענע איז דאָך נישט קיין אָפשלום פון קאמף — זי קאָן דאָך קומען אַלס היסטאָרישע אלוזיע אָן בעש"ט'ס פריערדיקע דערשיינונגען. אדרבא, זי וואָלט נאָך אַ סך געוווּנען פון דעם. אַ וויזיע, וואָס חזרט זיך איבער ווי אַ גראַמאפאָן־ניגון, הויבט דיך אָן צו נודיען.

ניין, נישט דער צוזאַמענשטויס צווישן בעש"ט און פראַנק, צווישן דעם גאָט־געפינער און דעם גאָט־זוכער, איז די אַקס פון דער דראַמע, פון פראַנקס קאָנפליקט. און נישט נאָר דערפאַר, ווייל פראַנק איז נישט קיין געלונגען פאַרקערפערטער גאָט־זוכער, נאָר ווייל דעם קאָנטראַסט צווישן זיי צווינגט אונז אַרויף דער היסטאָרישער זכרון אין דעם פאַרשווומענעם, שלעכט־רעטושירטן צייטלינישן נעגאַטיוו.

די גאַנצע האַנדלונג פון דער דראַמע (איך באַנוץ די דאָזיקע צוויי ווערטער „האַנדלונג" און „דראַמע" צוליב אַ ריין־טעכנישער נויטווענדיקייט...) גייט גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג: אין אַרויסאַרבעטן פראַנקס געדאַנקענגאַנג, דראַמאַטיש זיך אויסגעדריקט: פראַנקס געשטאַלט. ווי זשע פאסט א. צייטלין אויף פראַנקן און ווי פאַרקערפערט ער די דאָזיקע אויפפאַסונג?

פון פראַנקס אַלע מיסטיש־איינגעפעפערטע פלאַפלערייען שיילט זיך אויס פאָלגנדיקס: ער וויל, „אַז אַלץ, וואָס גוט, זאָל ווערן שלעכט — כדי צו ווערן בעסער"... ער וויל אַראָפּברענגען די גאולה דורך כולו חייב.

דערצו פירט ער איין אַ קולט פון זינד. דאָס הייסט, צייטלין מאַכט אפילו דעם מינדעסטן פרוו נישט אָפצוווייכן פון דער געשיכטע, ער באַמיט זיך אפילו נישט אריינצודרינגען טיף אין דער נשמה פון זיין פראַנק און אונז ווייזן די איבערצייגטקייט פון דאָזיקן משיח פון אינעווייניק. ער באַנוגנט זיך בלויז מיט פראַזן, און מיר שטייען טאַקע פאַר פראַנקן די גאַנצע צייט פון אויסן, דאָס הייסט נישט פאַר קיין גאָט־זוכער — זאָל זיין אויף די משונהדיקסטע וועגן — נאָר פאַר אַ פלאַפלער. און איינמאָל גיט אים טאַקע צייטלין אויס. ביים סוף כאַפט זיך

פראַנק אַרויס מיט אַן אומפּאַרזיכטיק וואָרט (אַז מען רעדט אַ סך קומט קיין גוטס נישט אַרויס): „דער גרויסער ברודער... די גרויסע שוועסטער... איינעם אַ יששכר האָט זיך אויסגע־דאַכט: ער זעט זיי.. מ'האָט מיך אויסגעלאַכט... אָפּגענאַרט"... אָט דאָס איז דאָס אהרן צייטלינס העלד, וואָס קוקט אויס „האַלב הערשער, האַלב דערלייזער": ווען ס'קומט די צייט צו צאָלן, צו אַ דין־וחשבון, וואַרפט ער אַלץ אַרויף אויף עפּעס אַ יששכר... מ'האָט אים אָפּגענאַרט, נעבעך... נישט אומזיסט האָבן מיר אים די גאַנצע צייט נישט געגלויבט. — מיר האָבן די גאַנצע צייט געשפּירט אַז ער רעדט נאָר מיטן מויל, אַז עמיץ רעדט אַרויס פון אים, אמת, נישט יששכר, נאָר די קאַשע, וואָס האָט זיך ביי צייטלינען געשאַפן פון דער מיסטיק און קבלה, מיט וועל־כער ער האָט זיך אָנגעשלונגען און וועלכע ער קאָן נישט פאַרדייען...

דער קולט פון זינד פאַרבינדט זיך מיט נאָך אַ קולט: אַלע דאַרפן זיין זינדיק, בלויז זיין טאָכטער אוואַטשאַ דאַרף זיין ריין, ווייל „פאַר אַ גוף, ווי אוואַטשאַס, צו אייערן נישט ענ־לעך, איז אויך אַן אַנדער אויסלייז באַרייט. אַ שׂרפה וועט זי אָנצינדן אין אַ דערהויבענעם מאַן פון אדום — וועט דער מאַן פון איר ברונעם שעפּן, די שׂרפה אין זיין בלוט צו לעשן. ברונעם וועט שׂרפה לעשן, שׂרפה וועט צו ברונעם גיין — און אויסגעלייזט וועט ווערן די ערד!" דאָס הייסט, פון דער ריי־נער אוואַטשאַ מיט דעם דערהויבענעם מאַן פון אדום וועט געשאַפן ווערן דער נייער מענטש. כדי דאָס זאָל אייך זיין קלאָרער, וועל איך ציטירן נאָך אַ מוסטער פון יעקב פראַנקס סטיל: „אדום! דם! אדם! ניי בלוט! נייער מענטש! אַלץ רויט! יעקב, צו אדום'ען מיט די שטיוול! און פון אדום'ען — אדם! נעשה אדם בצלמנו — אַ מענטש וועלן מיר מאַכן אין אונזער פורעם!"

איך ווייס נישט צי דער דאָזיקער צווייטער עלעמענט פון פראַנקס „געדאַנקענגאַנג" איז געשיכטלעך, אָדער ער איז דער־מיט אויסן געווען צו „דערגאַנצן" — ווי צייטלין דריקט זיך אויס אין דער הקדמה — „צוליב ריין קינסטלערישע" „פראַנקס האַלב־כאַאָטישע לערע", — יעדנפאַלס איז דאָס פאַר

מיין געפיל אַ סתירה פאַר דעם „ריין־קינסטלערישן ציל" פון דער דראַמע. ס'איז שווער צו פאַרבינדן דעם כולו חייב מיט דעם אויסטערלישן זאָרגן — פאַר אוואַטשאַס ריינקייט.

און נאָך עפּעס. די ריינקייט פון אוואַטשאַן איז דער פונ־דאַמענט פון צייטלינס יעקב פראַנק. אָן איר פאַלט ער אום. און ווען מען געפינט אוואַטשאַן ליגנדיק אין גראָז (נאָך דעם, ווי מאַליוודאַ וויל זי אַוועקרויבן), קערן זיך וועלטן: פראַנק און די זייניקע מיינען, אַז זי איז שוין פאַראומריייניקט געוואָרן. אגב אורחא, קומט דאָ פאָר איינע פון די זינלאָזסטע און געשמאַק־לאָזסטע סצענעס: פראַנק זאָגט עפּעס אלישען, דעם אַלטן בעל־מקובל, אויפן אויער, און אלישע גיט אַ קאָמאַנדעווע: „הויבט אויף די בתולה און זאָל זי אַרויסגיין מיט מיר!" און פראַנק זאָגט „פּייערלעך": „דער אַלטער אלישע וועט אַרויסקומען און זאָגן: ריין אָדער אומריין. אים איז רשות געגעבן צו זען, אים איז רשות געגעבן צו זאָגן... איצט וואַקלען זיך די וואָגשאָלן דער וועלטס — דעם אָטעם איינהאַלטן — וואַרטן". אָבער די זעלבע ריינע אוואַטשאַ, וואָס צוליב איר ריינקייט אָדער אומ־ריינקייט „וואַקלט זיך דאָס באַשאַף", וואָס דאַרף ברענגען דעם גואל, די נייע מענטשהייט, — די דאָזיקע אוואַטשאַ וויל ער צונויפּפאָרן מיטן ערשטן בעסטן געקרוינטן גאַרנישט אָדער נואף — און אָט פון דער פאַראייניקונג דאַרף דאָס אַרויסקו־מען דער גואל. הייסט דאָס דען נישט פאַרוואַנדלען פראַנקס האַלב־כאַאָטישע לערע אין אַ דראַמאַטישן גאַנצן כאַאָס?

ווי אַזוי צייטלין גייט צו צו אַ היסטאָרישער דראַמע, און ווי אַזוי ער שאַפט דיכטערישע ווערק גיט אַ גאָר גוטן באַגריף איינע פון די סך איבעריקע געשטאַלטן אין דער דראַמע — מאַליוודאַ.

ווער איז מאַליוודאַ? — אויף דעם ענטפערט צייטלין אין זיין פאָררעדע: „מאַליוודאַ קאָסאַקאָווסקי — אַ טונקעלע, אָבער היסטאָריש פעסטגעשטעלטע פיגור, האָט געשפּילט אינם פראַנ־קיזם אַ צווייטיטיקע ראָלע". וואָסער ראָל שפּילט ער אָבער אין דער דראַמע? — אויף דעם גיט אָן ענטפער די דראַמע גופא.

ווי קומט מאַליוודאַ צו יעקב פראַנקן? מאַליוודאַ איז גע־ווען אַ הערשער איבער אַן אינזל מיט נאַקעטע מענטשן, וואָס

„האָבן פאַרלאָזן די וועלט פון געקליידעטע"... פאַרוואָס זיי זענען אַנטלאָפן איז צו לאַנגווייליק איבער־צודערציילן, כ'שיק אָפּ דעם נייגעריקן לייענער צו ז. 36 פון צייטלינס דראַמע. און אָט קומט יעקב פראַנק מיט זיין וווּנדער־שיינער ווייב חנה אויפן אינזל (ווי אַזוי, זאָלט איר נישט פרעגן: אַז מאָליוודא האָט געקאָנט — קאָן פראַנק אויך).

מאָליוודא האָט די „צוויי באַקליידעטע צווישן נאַקעטע" געהייסן זיך אויסטון און „זי, די אויסגעטוענע חנה איז געווען דער אָנהויב פון מאָליוודאס אָנטון זיך.

(די לעצטע פאָר ווערטער זענען אונטערגעשטראָכן. אומעטום, ווו די רייד צייכענען זיך אויס מיט באַזונדערער פּוסטקייט — ווי אין דאָזיקן פאַל — שפּאַצירט ער די ווערטער, צייטלין. אפשר וועט דער לייענער אַריינפאַלן דורך די בלויזן...)

מאָליוודא פאַרליבט זיך אין חנה'ן. ער וואָלט געקאָנט פראַנקן אַראָפּלאָזן אין ים און חנה'ן צונעמען פאַר זיך, אָבער — „רשע"! — שרייט אויס מאָליוודא — וואָלסט געבילט (!) צו מיר פון ים אַרויס! ווען כ'וואָלט מיך געפרייט מיט חנה'ן דיינער אין דער שטילקייט פון די נעכט — צי וואָלסטו נישט אַרויס פון אָפּגרונט, ווי אַ משוגענער ים־הונט און צי וואָלסטו נישט געשטעלט זיך צווישן מיר און איר? האָב איך געזאָגט: הינטן־אַרום לאָמיך קריגן חנה'ן. מירן זיך טיילן מיט אים אויף גלייך: זאָל ער (פראַנק) זי האָבן — נאָר לאָמיר זי אויך האָבן. וואָס דאַרף ער דען וויסן? (טויטערהייט, הייסט עס, וואָלט ער געוווסט — אַ קשיא אויף אַ ים־הונט — אָבער לעבעדיקערהייט נישט... — י. ר.).

פראַנק לאָזט אים נישט צו צו חנה'ן. ווערט ער אים זיין שונא, ער פאַרשפּאַרט אים אין טשענסטאָכאָווער תפיסה — און איצט געפינט מאָליוודא אַוואַטשאַן, וועלכע איז ווי אויסגעגאָסן — חנה און ער האָט זי ליב, ווייל זי קוקט אויף אים „מיט חנה'סביידע אויגן!" (ביידע האָב נישט איך אונטערגעשטראָכן, נאָר דער מחבר. דערפאַר, מסתמא, כדי מיר זאָלן גיכער דערזען די נאַרישקייט פון דאָזיקן „ביידע".).

ס'וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט, ווען מען זאָל וועלן איבערדערציילן בקיצור די פלוידערייען, וואָס זענען פאַרבונדן אפילו

נאָר מיט דער דאָזיקער „היסטאָריש־באַלעבטער" פּערזאָן, דאָך וויל איך אָנווייזן אויף נאָך עפּעס: נאָך אַזאַ גאַלימאַטיע וואָלט צייטלין כאָטש געדאַרפט זען, צוליב דראַמאַטישער אָנשטענ־דיקייט, אַז מאַליוודא זאָל אָפּצאָלן פראַנקן, דעם רשע, פאַר זיין שלעכט האַרץ (יענער קאָן אים דערטרינקען — נישט ווי צייטלין אין ווערטער — נאָר אין אַן אמתן ים, און פונדעסט־וועגן וויל ער זיך מיט אים טיילן מיט חנה'ן, און ער, פראַנק, וויל נאָך נישט...) און פאַר צעברעכן אוואַטשאַס ריינקייט, איז ניין: טוט עס גאָר דער דערהויבענער פון אדום, און מאַליוודא באַגנוגנט זיך מיט צונעמען די שוין־פאַראומרייניקטע אוואַטשאַ און מיט דערציילן ווען מען דאַרף און ווען מען דאַרף נישט — וועגן זיין אינזל פון די נאַקעטע. און ער איז אַזאַ איינגע־שפּאַרטער, אַז ער נעמט צו דאָס רעשט ביסל פראַנקיסטן און גייט מיט זיי ווידער שאַפן אַן אינזל פון די נאַקעטע.

צייטלינס דראַמע געהערט אָן שום ספק (אין אַלע היננ־זיכטן) צו די ערגסטע היסטאָרישע (און נישט היסטאָרישע) דראַמעס פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. די געשטאַלט פון פראַנקן איז אומברחמנותדיק פאַרקריפּלט, דער טאָן פון דער שפּראַך און סטיל — פאַלש. (פראַנק שרייט: „דעם קאָפּ וועל איך אים אַראָפּנעמען! אַרויפלייגן וועל איך דעם קאָפּ אויף דער דאָזיקער זון, וואָס איבער אייך אין הימל גייט, און זאָל דאָס בלוט פון קאָפּ זיינעם אַראָפּטריפן אויף אייך!" און דאָס איז נישט קיין אויסנאַם).

מען ווערט דערטרונקען אין אומזיניקע רייד און אומ־נויטיקע פּערזאָנען און אַלדע צרות פון „קו־הישר".

אהרן צייטלינס „יעקב פראַנק" קאָן דינען אַלס מוסטער, ווי אַזוי מען דאַרף נישט און מען טאָר נישט שרייבן קיין היסטאָ־רישע דראַמע.

וואַרשע, 1935.

י. ראַפּאָפּאָרט

פּנחס גאָלדהאַר — דער שילדערער פון אויסגעוואָרצלטקייט

א.) די געשטאַלט פּנחס גאָלדהאַר

אָט נאָר־וואָס האָט ער מיך באַגריסט צו מיין קומען; און אָט בין איך אים שוין מספּיד צו זיין אַוועקגיין.

ווי קורץ עס איז געווען אונזער קאָנטשאַפט, — און ווי טיף־אינטים עס איז מיין ווייטיק, וואָס זי איז איבערגעריסן געוואָרן.

איך האָב אים געזען אינגאַנצן אַ מאָל צען און גערעדט מיט אים — האַרץ צו האַרץ — נאָך ווייניקער, אָבער יעדער שמועס האָט אונז דערנענטערט מיט ריזן־שריט.

דער יידישער קיבוץ אין אויסטראַליע האָט מיט זיין טויט געליטן אַ פאַרלוסט פון אַ שעפערישן כוח; אָבער זיינע פריינט האָבן פאַרלאָרן אין אים אי אַ שרייבער, אי אַ מענטשן.

און פּנחס גאָלדהאַר איז געווען מיין פריינט.

*   *   *

שוין אין שאַנכיי האָב איך וועגן אים געהערט. עטלעכע יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן באַוויזן צו לייענען — נאָך פאַר מיין אָפּפאָר — פּנחס גאָלדהאַרס „דער־ציילונגען פון אויסטראַליע", האָבן מיר שטאַרק פאַרלויבט זיין בוך.

און אין האָנג־קאָנג האָט מיר נ. ס. פאָראויסגעזאָגט, אַז אין גאָלדהאַרן וועל איך געפינען נישט נאָר אַ קאָלעגע, נאָר אַ מענטשן און אַ פריינט.

ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז גאָלדהאַר געהערט צו די שווייגערס. אָבער דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער געהערט צו יענעם סאָרט מענטש, וואָס קאָן רעדן נאָר אונטער פיר אויגן.

ער האָט מיר צוויי אָדער דריי מאָל באַזוכט אין די אָונטן, ווען די שטוב, וואָס איז געוואָרן מיין ערשטע היים אין אויסטראַליע, איז פול געווען מיט מענטשן ,און ער האָט כמעט ווי געשוויגן. אָבער אומגעריכט האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט בייטאָג, ווען קיינער איז נישט געווען, און זיין פרוי, פול מיט אומרו פון זיין לאַנגן אָפּזיין, איז אים אַרומגעלאָפן זוכן.

זיין בייטאָגיקער קומען איז נישט געווען קיין צופאַל: ער האָט דאָס עטלעכע מאָל איבערגעחזרט.

אונטער פיר אויגן פלעגט ער רעדן און כ׳פלעג אים גערן לאָזן רעדן: אי ער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן און אי ער האָט געוווּסט ווי דאָס צו זאָגן.

איך האָב זיך געכאַפּט דערויף, אַז ווען ער פלעגט רעדן, פלעג איך ליב האָבן צו קוקן נישט נאָר אין זיינע אויגן, נאָר אויך אויף זיין מויל. געוויינלעך ווערן רייד אָפּגעשטעמפלט מיטן שטעמפל פון אמת דורך די אויגן און דורך דער שטימע. ביי אים פלעגט דאָס וואָרט ווי קאָנטראָלירט ווערן — פאַרן אַרויסלאָזן עס אין עולם השקר — דורך די ליפּן. דאָס וואָרט, וואָס האָט שוין געטראָגן דעם טאָפּלטן אמת־שטעמפל פון די אויגן און דער שטימע, פלעגט נאָך פאַרהאַלטן ווערן דורך די ליפּן, ווי אויף אַ קאָנטראָל, און דאַן פלעגט עס ערשט אַנט־גילטיק אָפּגעלאָזן ווערן, באַגלייט מיט אַ האַנט־באַוועגונג, ווי נאָך אַ געגעבענער ברכה.

ער האָט גערעדט ווי אַ געבוירענער בעלעטריסט: זיין גע־דאַנק איז געווען פריש געפורעמט, ווי אַלט ער זאָל נישט זיין. פריש געפורעמט, ווייל פערזענלעך־אינטים איבערגעלעבט און דורכגעליטן. אָבער זיין געדאַנק פלעגט אָפּט אויך זיין ניי, ווייל ער פלעגט זען זאַכן פון אַן אומגעריכטער פערספּעקטיוו.

* * *

פנחס גאָלדהאַר האָט טיף באַגריפן די טראַגעדיע פונם הייַנטיקן יידן, וואָס האָט שוין כמעט אינגאַנצן פאַרלאָרן זיין גייסטיקן באָדן, אויף וועלכן ער איז ביז נישט לאַנג צוריק פעסט געשטאַנען, און האָט נאָך נישט געפונען קיין פיזישן באָדן, אויף וועלכן צו שטיין.

ער האָט די דאָזיקע טראַגעדיע גוט פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט זי פּערזענלעך־טיף איבערגעלעבט.

אַלס יונגער מענטש, וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט געווען אינם יידישלעכן לאָדזש; אַלס זשורנאַליסט, וואָס האָט ווייט אַריבערגעשטיגן די טעכניש־פּראָפעסיאָנעלע ראַמען פון זשור־נאַליזם און געזוכט אַ וועג צו וואָרט־שאַפונג, איז ער פאַר־וואָגלט געוואָרן אין ווייטן, געאָגראַפיש־ און גייסטיק־פרעמדן אויסטראַליע, ווייט פון זיין לעבנס־סביבה, צו וועלכער ער איז געווען געוווינט און צוגעפּאַסט, אין וועלכער ער האָט געהאַט אַ באָדן — זאָל זיין אַ מאָגערן! — צו וואַקסן גייסטיק.

זיינע יונגע וואָרצלען האָבן געזוכט אַ באָדן פאַר זיך; ער האָט געשאַפן אַ ציייטונג, וואָס זאָל אים העלפן שאַפן די סביבה פאַר זיך, וואָס זאָל אים העלפן אויסצולעבן זיך. אָבער אַרום און אַרום זענען געווען פּונקט אַזעלכע אויסגעוואָרצלטע, ווי ער, הגם נישט אַלע האָבן געהאַט אַזעלכע שפּירבאַרע וואָרצ־לען, ווי ער.

— וואָס ווייסט איר וועגן איינזאַמקייט, — האָט ער געזאָגט צו מיר, און יעדעס וואָרט, אָפּגעשטעמפּלט אויף כשר דורך די אויגן און דורך דער שטימע, איז נאָך פאַרהאַלטן גע־וואָרן אויף קאָנטראָל דורכן מויל; — קאָנט איר דען פאַר־שטיין ווי איך האָב זיך געפילט אין אויסטראַליע מיט 20 יאָר צוריק? איך פלעג אַרויסגיין אויף אַ גאַס אין קאַרלטאָן און זען, ווי אַן אויסטראַליער שטייט אויף אַ ראָג גאַס און קאָן אַזוי אָפּשטיין רואיק אַ שעה צוויי, און מיר פלעגט זיך נעמען דאַכטן, אַז ער איז משוגע, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ לאַנד פון משוגעים.

איך פלעג אַרומגיין איבער די גאַסן שעהן־לאַנג און וויינען, וויינען...

און איך האָב דערפילט, אַז הגם די אויגן זענען טרוקן ביי אים, וויינט נאָך אַלץ אין אים די נשמה. איך האָב זיך בולט פאָרגעשטעלט, ווי ער גייט און וויינט, און איך האָב גוט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אַלץ, אַלץ אַרום אים האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי משוגע, — ווי האָט אים אַלץ געקאָנט פאַרקו־מען אַנדערש אין זיין פאַרצווייפלטער איינזאַמקייט, אין זיין

פייניקנדיקן אומרו? אונטער אים האָט זיך געוואַקלט די וועלט, די עלעמענטאַרסטע יסודות אירע, און דאָ שטייען מענטשן פעסט און רואיק און קאָנען קוקן אויפן הימל, אויף דער גאָס שעהנווייז, שעהנווייז, זענען זיי נישט משוגע?

און אַז זיין ווונד איז נישט פאַרהיילט געוואָרן אין משך פון די יאָרן, האָבן עדות געזאָגט אַ סך זאַכן. אָבער באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז געווען זיין פלוצלינג זאָגן צו מיר, ווען איך האָב אים באַגלייט צום טראַמוויי פון מיין וווין־אָרט.

— איר ווייסט, איך האָב געקאָנט אויסקלייבן צווישן אויסטראַליע און ארץ־ישראל, איך האָב דאַן געהאַט אַ סערטיפיקאַט... איך האָב דאַן געמאַכט דעם גרעסטן פעלער אין מיין לעבן...

— נו, אפשר וועט איר אים נאָך אויסבעסערן?

— איצט? איך בין שוין אַ געבראָכענער מענטש...

פאַר דער צייט פון אונזער קורצער באַקאַנטשאַפט, האָט מיר פנחס גאָלדהאַר נישט איינמאָל געזאָגט, אַז ער איז געווען נאָענט צום פועלי־ציוניזם און אַז ער האָט נאָך סימפּאַטיעס צו אים אויך היינט. אָבער איך בין זיכער, אַז איך וועל טריי אויסטייטשן זיינע געפילן, ווען איך וועל זאָגן, אַז נאָך מער ווי ער האָט חרטה געהאַט אויפן נישט פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט ער חרטה געהאַט אויף זיין פאָרן קיין אויסטראַליע.

ער פלעגט רעדן מיט ליבע און פאַרשטענדעניש וועגן דער אויסטראַלישער ליטעראַטור (אַן עדות איז זיין אויסגעצייכנטער עסיי אינעם „צושטייער": „די אויסטראַלישע ליטעראַטור"); בעת איינעם פון די לעצטע שמועסן אונזערע וועגן שאַפן אַ יידישן פאַרלאַג אין אויסטראַליע, האָבן מיר גערעדט וועגן אַרויסגעבן זיין „אַנטאָלאָגיע פון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור", איבער וועלכער ער אַרבעט און וועלכע איז שוין אויף דריי פערטל פאַרטיק, — אָבער וואָס איז דאָ אויסטראַליע שולדיק? ער האָט דאָ אָפּגעלעבט זיין גאַנצן באַוווסטזיניקן לעבן אָן אַ גייסטיקן באָדן, אָן אַ סביבה צו שאַפן און ווירקן. און ער האָט זיך נישט געקאָנט שענקען פאַר זיין פאַרוויאַנעט לעבן.

צוויי טעמעס האָבן מיר געהאַט: וועגן דער שטייענדיקער טראַגעדיע פונם יידישן מענטשן און וועגן ליטעראַטור.

ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז זיינע קינדער האָבן נישט ליב, ווען ער רופט זיי — אין זיין קריסטלעכער שכונה — מיט די יידישע נעמען, האָב איך דערפילט געווי — ווי בעתן דערציילן וועגן זיין אַרומגיין אין גאַס און וויינען, — וואָס עס האָט אים געבראָכן דאָס האַרץ.

דאָס זעלבע האָב איך געפילט בעתן לייענען זיינע דער־ציילונגען, באַזונדערס די פון זיי, וואָס די יידישע טראַגעדיע קומט אין זיי בולט צום אויסדרוק: „אויף אַ פאַרם", „דער ברית", „דער לעצטער מנין".

— איך וויים נישט צי זיי זענען די בעסטע לויט דער פאָרם, — האָב איך אים געזאָגט, — אָבער זיי זענען דאָס בעס־טע און דאָס וויכטיקסטע לויט דער טעמאַטיק. איר גיט אין זיי די יידישע טראַגיק, וועלכע איר פילט אַזוי שטאַרק. אָבער פאַרוואָס זאָלט איר נישט געבן אין אַ דערציילונג די טראַגיק פון יידישן שרייבער אין גלות? די גאַנצע יידישע טראַגעדיע נעמט דאָך ביי אים אָן — יעדנפאַלס דאַרף זי ביי אים אָננעמען — די שאַרפסטע פאָרם. און ווער פאַרשטייט דאָס נאָך אַזוי גוט, ווי איר, מיט אייערע איבערלעבונגען?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, געוואָלט עפּעס ענט־פערן, גענומען, דאַכט זיך, עפּעס ענטפערן, און נישט געקאָנט.

איך האָב חרטה געהאַט וואָס איך האָב באַרירט די דאָזיקע טעמע. איך האָב צו־גוט דערשפּירט אין יענעם מאָמענט, וואָס עס האָט געבראָכן זיין האַרץ.

* * *

ערשט די לעצטע 7־8 יאָר, מיטן אָנקום און מיטן צווווקס פון עטלעכע יידישע שרייבער, האָט ער זיך אַביסל ״אָנגעוואַר־רעמט. ער האָט געשריבן און געדרוקט און נאָך מער גערעדט וועגן שרייבן.

אַלץ האָט אים אינטערעסירט: וואָס איך שרייב און ווי איך שרייב. צי שרייב איך איבער ״פאַרן דרוקן, צי טראָג איך לאַנג אויס דעם געדאַנק. דאָס זענען געווען קליניקייטן, וואָס שפּיגלען אָפּ אַ גרויסע ליבע.

אז ער איז אַרויפגעקומען צו מיר און מיר געטראָפן שרייבנדיק, האָב איך אים געמוזט פאַרלייענען אפילו נישט קיין פאַרענדיקטע זאַך. און איך האָב דאָס גערן געטאָן, — אַט די אַטמאָספער פון אַרבעטס־געמיינזאַמקייט האָט אים אַזוי לאַנג געפעלט, אַז וואָס מער ער האָט זי באַקומען, אַלץ מער האָט זיך עפּעס צעשטראַלט אין אים.

דאָס לעצטע מאָל, ווען איך בין אומגעריכט געקומען צו אים, האָב איך אים געטראָפן פאַר זיין שטוב. ער האָט שפּאַצירט אַהין און צוריק.

ער האָט מיר גלייך דערקלערט די סיבה פון זיין אומרו: ער שרייבט אַ דערציילונג און ער איז פּלוצלינג געבליבן שטיין אינמיטן — ער קאָן נישט ווייטער. ער האָט פאַרלאָרן די זיכערקייט.

ער איז געווען אויפגערעגט. מיר זענען געשטאַנען אויפן הויף ביי אַ שעה און גערעדט וועגן און אַרום ליטעראַטור. ער האָט מיר געפרעגט, צי כ'האָב געלייענט באַטאַשאַנסקיס רע־צענזיע וועגן „צושטייער", — ער האָט אים אינגאַנצן אַראָפּ־געריסן.

גאָלדהאַר, וואָס האָט תמיד געהאַט גוטע ווערטער (אונטער די אויגן!) פאַר זיינע קאָלעגן, האָט פּרובירט אפילו פאַרטיידיקן זיין אַראָפּרייסער: וואָס האָט צו אים באַטאַשאַנסקי? איך בין ממש געווען גערירט פון דער דאָזיקער תמימות: אפשר איז ער פאָרט גערעכט, באַטאַשאַנסקי?

ער האָט אָן שום פאַרביטערטקייט גערעדט וועגן דער רעצענזיע, וואָס האָט אים, וואַרשיינלעך, פאַרשאַפט נישט ווייניק צער, און ער האָט געבעטן איך זאָל אומבאַדינגט לייענען זיין דערציילונג אינם „צושטייער".

פאַר מיר איז געווען גענוג דאָס, וואָס איך האָב געלייענט זיין עסיי וועגן דער אויסטראַלישער ליטעראַטור, וועלכן באַטאַשאַנסקי האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

ס'האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן, — כ'האָב געמוזט צוזאָגן גאָלדהאַרן אַז כ'וועל איבערלייענען זיין דערציילונג אין „צושטייער".

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

איז װעל איך שױן נישט קאָנען זאָגן מײַן מײנונג װעגן זײַן דערצײלונג; אָבער איך בין צופרידן, װאָס אַ דאַנק דעם שמועס װעגן באַטאַשאַנסקיס רעצענזיע האָב איך איז געקאָנט זאָגן מײַן מײנונג װעגן זײַן עסײ.

װי יעדער עכטער שרײַבער, האָט אױך גאָלדהאַר זײַן גרעסטן גליק געשעפּט אינם פּראָצעס פֿון שרײַבן. אָבער װי נױטיק עס איז פֿאַר אַ שרײַבער, װאָס איז פֿאַרװאָגלט געװאָרן אין סאַמע געדיכטעניש פֿון גלות, אַ גוט װאָרט, אַן אױפֿמונטערנדיקער אָפּרוף אױף זײַן צורות, האָב איך מיט גרעסנעצלאָזן טרױער אײַנגעזען אין אױסטראַליע, אױף גאָלדהאַרס בײַשפּיל, — איך האָב דאָס דאָ דערפֿילט נישט דער ערך שטאַרקער, װי אין פּױלן.

* * *

ער איז געװען דער ערשטער, װאָס האָט דאָ, אױפֿן פֿרעמדן שטײניקן באָדן, געפֿלאַנצט דאָס יידישע װאָרט. און װען עס האָט זיך אַביסל אָנגענומען און עס איז מעגלעך געװאָרן צו אַרבעטן נישט נאָר פֿאַרן שופֿלאָד, נאָר אַביסעלע אױך פֿאַרן לעזער, איז ער קראַנק געװאָרן. און איצט, װען דאָס יונגע יידישע שעפֿערישע װאָרט אין אױסטראַליע גרײט זיך צו אַ שפּרונג פֿאָראױס, איז ער אװעק.

צו־פֿרי, צו־פֿרי...

עס װילט זיך נישט נוצן קײן מליצות, װען מען רעדט װעגן דעם תמימותדיקן גאָלדהאַר. אָבער זינט פֿאַריקן שבת, זינט איך האָב זיך דערװוסט װעגן זײַן טױט, קלינגט מיר פֿאָרט אין האַרצן, אין מײַן בלוט, אין מײַן גאַנצן װעזן דוד׳ס קלאָג־ליד אױף זײַן פֿרײַנט: „צר לי עליך, אחי יהונתן...״

די דאָזיקע שורה איז שױן לאַנג געװאָרן אַ רעקװיזיט פֿון מליצה, אָבער אַמאָל איז זי דאָך געװען אַזױ פּשוט און דורכזיכטיק, װי אַ טרער, אַזױ פּשוט און דורכזיכטיק, װי זי איז איצט געװאָרן בײַ מיר.

עס קלעמט מיר מײַן האַרץ אױף דיר, גאָלדהאַר מײַן ברודער.

מעלבורן, 31.1.47.

ב. פנחס גאָלדהאָרס שאַפן

ווײַל מען ווי געהעריק פאַרשטיין פנחס גאָלדהאָרס „אויס־טראַלישע דערציילונגען", מוז מען אַ קוק טאָן אויף זײַן שריפט־שטעלערישן אָנהויב, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין לאָדזש, אין פּוילן.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן געווען אַ שטאַרקע אויפלעבונג. עס האָבן זיך געמערט נישט נאָר שרייבער, נאָר אויך ליטעראַרישע גרופּעס, מיט פּראָגראַמען, וואָס האָבן גע־זאָלט רעוואָלוציאָניזירן די ליטעראַטור, אַרײַנברענגען אין איר נײַע אינהאַלטן, אָנקליידן זי אין נײַע פאָרמען.

אונטערן רויש פון רעוואָלוציעס און נײַע דעמאָקראַטישע לאָזונגען, האָט זיך אויך דער יידישער ליטעראַטור געדאַכט, אַז עס זענען געקומען משיחס צײַטן, און יעדער יונגער שריי־בער האָט געפילט, ווי פליגלען וואַקסן אים אויס פאַר די סופּלאָזע האָריזאָנטן און מעגלעכקייטן, וואָס אַנטפּלעקן זיך אָט־אָט נישט נאָר אין זײַן שטימונג, נאָר אויך אין דער ווירקלעכקייט.

גאָלדהאָר איז געווען אָט איינער פון יענע יונגע שריי־בער, וועלכע זענען געקומען דעראָבערן די יידישע ליטעראַטור און זי פאַרוואַנדלען, שאַפן פאַר איר, — אין דעם נביאס ווערטער, — אַ נײַע ערד און נײַע הימלען.

אָט די יונגע האָבן געהאַט, על־פּי־רוב, מער ענטוזיאַזם ווי טאַלאַנט, מער ווילן ווי שאַפונגס־מעגלעכקייטן, אָבער דער רויש פון לעבן און שאַפונגס־דראַנג האָט זיי אויסגעפילט אין יענער שטורמישסטער — הגם ווײַט נישט שעפערישסטער — צײַט אין דער יידישער ליטעראַטור.

גאָלדהאָרס ערשטע פעדער־פּראָבעס זענען באַרעדעוודיקע אילוסטראַציעס צום אויבן געזאָגטן. סײַ זײַנע לידער, סײַ זײַן פּראָזע (באַזונדערס די פּראָזע) זענען קינדער פון רויש; נישט נאָר אָן וואָרצלען אין רעאַלן לעבן, נאָר אפילו אָן שטאַרקער איבערלעבונג. אפילו איינס פון זײַנע גרעסטע און בעסטע

י. ראַפּאָפּאָרט

לידער, „דער לעצטער פּאַלאַנעז", איז סימבאָליש־טונקל, פול מיט צילאָזן אימפּעט, שטאַרק באַאיינפלוסט פון גייסט פון דער צייט בכלל און פון אַלעקסאַנדער בלאָקס באַרימטער רע־וואָלוציע־פּאָעמע „די צוועלף" בפרט.

די באַאיינפלוסונג איז אַזוי שטאַרק סיי אין ריטם, סיי אפילו אין דעם בוי פון סוזשעט, סיי אין גאַנצע זאַצן, אַז דער וואָס קען בלאָקס „צוועלף", וועט דאָס איינזען ביים לייענען גאַנצע שטיקער פון גאָלדהאַרס ליד, אפילו נישט אַריינקוקנדיק דערביי אין בלאָקס פּאָעמע.

אָט זענען עטלעכע אַזעלכע שוין גאָר בולטע שטעלן:

„אוי, דער צער, דער פינצטערער,
ביטערער פאַר גאַל,
בויגט דעם נאַקן צו דער ערד,
קלעמט דאָס האַרץ!"

אָדער:

„כאַפּט זיך אַנטעק צו דער כוסה —
נאַכט איז שוואַרץ און נאַכט איז בייז...
— היינט אין שול־גאַס ערשט געזען זי, אַלטע יידן
זי געפירט.

עך, איר פנים, אירע אויגן,
ווי די מאַטקאַ באָסקאַ ליב...
אומגעקוקט זיך נישט אפילו!...
העי, מיין ביטער האַרץ...
וועסטו, ערד, פאַרציטערט ווערן,
קורוואַ מאַטקאַ! אַנטעק וויינט!
אַנטעק וויינט און שאַרפט די נעגל —
נאַכט איז שוואַרץ און נאַכט איז בייז...
העי, אסתריקע, היט זיך, קליפּה,
וועט זיך גיסן יידיש בלוט!"

אָדער:

„האָבן זיך די צוויי חברים
אָנגענומען פאַר די הענט:
אוי, האָט סיהערצל איר געצאַפּלט
אויפן ברענענדיקן מעסער

פ י י ע ר ל ע ך א י ן נ ע פ ל

און אין איר פאַרקאַכט דאָס בלוט!
איינס גיס אַן נאָד!...
וועט מען זינגען, וועט מען שעכטן,
וועט מען הורן פוילן־לאַנד!..."

און אזוי נאָך און נאָך שטעלן, כמעט דאָס גאַנצע גרויסע ליד.

עס איז דאָ אימפּעט, עפּעס טונקעלע געפילן יוירן און זוכן אַן אויסדרוק, אָבער זיי קליידן זיך אָן אין פּאַרטיקע פרעמדע פאָרמען: עס פעלט כוח צו שטיין און גיין אויף אייגענע פיס. און עס איז דאָ אויך וואָרט־ און אויסדרוק־הפקרות...

אָבער די אָנפאַנג־פּראָזע פון קומענדיקן גוטן פּראָזאאי־קער איז נאָך ערגער פאַר זיין דיכטונג. די פאַרנעפּלטע מיסטיק פון די לידער זיינע איז כמעט ווי רעאַליסטיש אין פאַרגלייך מיט דער פאַלשער צוגעטראַכטער „דעמאָנישער" דערציילונג „אין שפּיגל", אין זשורנאַל „שוועלן".

וואָס איז דאָרט אַלץ נישטאָ! אָפּיום, פּאַלאַצן, אַ דעמאָ־נישע געליבטע — אַ וואַלקיריע, און ענלעכעס. און דאָס אַלץ ווערט פאַרקנאָטן מיט אַ גרילצנדיק־פאַלשן טאָן, אין וועלכן עס איז נישטאָ קיין איין נאָטע פון גאָלדהאַרס שפּעטערדיקן סטיל מיט זיינע אַלע מעלות.

פאַרגלייכט מען די דערציילונג „אין שפּיגל" מיט זיינע שפּעטערדיקע דערציילונגען פון אויסטראַלישן פּעריאָד, דאַכט זיך אונז, אַז פון זיינע ערשטע דערציילונגען רעדט אַרויס נישט גאָלדהאַרס שטימע, נאָר אַ דיבוק...

אָט זענען עטלעכע קליינע מוסטערן פון זיין דערציילונג:

„אַ נעגער־קינד, קלינגענדיק מיט די מעטאַלענע אַמולעטן און מעדאַליאָנען, מיט וועלכע ער איז כמעט אינגאַנצן געווען באַהאָנגען, און בלענדנדיק מיט זיין פּורפּור־מלבוש, האָט אונז צוגעטראָגן צוויי פּריש־פאַררויכערטע לולקעס. אַ האַלב־שיכורער פון דער הייסער, געדעמפּטער טונקלקייט, האָב איך זיך באַקוועמער אַריינגערוקט אין דעם ווייכן מאַטראַץ און זיך טיף פאַרצויגן".

און דאַן גייט אַוועק אַ פּאַפּורי פון „נישט באַוווינטע ציַ־מערן פון אונזער פּאַלאַץ", „פּלאַמען פון שיכורער לײַדנשאַפֿט", „די דאָזיקע בלאַסע וואַלקיריע", „תהום־טיפֿער גלאַנץ פון אירע לאַנגע עגיפּטישע אויגן" און ענלעכע פּראַזעס.

און עס שטעלט זיך די פֿראַגע: ווו האָט עס גאָלדהאַר געזען, און, דער עיקר, איבערגעלעבט אין לאָדזש? ווו האָט ער דאָרט געהאַט אַפּיום־דרויכערער? און ווו האָט ער דאָרט געזען וואַלקיריעס? און ווי קומט ער צו אַזעלכע דעמאָנישע פּאַלאַצן?

און אָט קומט אַ ריס אין גאָלדהאַרס לעבן: ער פֿאָרט אַוועק אין אַ פֿרעמד לאַנד, ווייט פון דער געוווינטער דרויסנ־דיקער מיליע און אוודאי ווייט פונם היימיש־אינטימען לעבן.

זײַן אָנהויב־שאַפֿן ווערט איבערגעריסן; צווישן דעם אָנ־הויב־שאַפֿן און דעם שפּעטער־שאַפֿן ציט זיך אַ פּײַנפולע וואַנדערונג דורך אַ מדבר פון אויסגעוואָרצלטקייט; און ווען גאָלדהאַר געפינט ענדלעך ווידער אַביסל גלײַכגעוויכט און ער הויבט אָן שאַפֿן, איז דאָס לגמרי אַן אַנדערער גאָלדהאַר, — אַ רעאַליסט אין בעסטן זין פון וואָרט, מיט טיפֿע וואָרצלען, קלאָר ווי טאָג־ליכט, דורך און דורך זעלבשטענדיק.

* * *

ווי אַזוי איז דאָס אָבער געשען, וואָס אין לאָדזש, ווו אַלץ איז געווען נאָענטע ווירקלעכקייט, רעאַל, פול מיט לעבן, איז זײַן שאַפֿן געווען אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט, פול מיט פֿרעמדע געשפּענסטער, און גראַד אין ווײַטן אויסטראַליע, ווו אַלץ איז פֿאַר אים געווען נישט ווירקלעך, פֿאַנטאַסטיש, ווי אין אַ משוגענער וועלט, — גראַד דאָ איז זײַן שאַפֿן געוואָרן דורכאויס רעאַליסטיש?

די דערקלערונג ליגט אפשר דערין, וואָס אין לאָדזש, אין דער פֿאַרוואָרצלטקייט, האָט ער זיך געקאָנט דערלויבן דעם לוק־סוס צו פֿאַרזינקען אין אומנאַטירלעכע אָפּיום־חלומות, — ער האָט אינסטינקטיוו געפֿילט, אַז ער איז סײַ־ווי פֿאַרוואָרצלט, אַז ער קאָן יעדע מינוט אָפּטרייסלען פון זיך דעם בייזן חלום; אָבער דאָ, אין אויסטראַליע, אין דער אויסגעוואָרצלטקייט, וואָס ער האָט זי אַזוי גרויזאַם געשפּירט אין זיך און אַרום זיך, האָט

ער נישט געהאַט קיין געמיט פאַר פּוסטע, וויסטע פאַנטאַזיעס.
אַזוי, שטעל איך זיך פאָר, איז מיט אַ בוים אויך: ווען ער איז פאַרוואָרצלט, קאָנען זיינע צווייגן זיך רייסן אין דער וועלט פון הימל־חלומות, זיי דאַרפן נישט טראָגן אויפן קאָפּ דעם וואָרצלדיקן אין־דערנידער, — שפּירט דאָך יעדעס בלע־טעלע, וואָס וויגט זיך און פלאַטערט, ווי טיף עס איז זיין וואָרצל; אָבער ווען דער בוים איז אויסגעוואָרצלט, מוז ער, דאַכט זיך מיר, מיט אַלע אָדערן זיך רייסן צום באָדן, צום וואָרצלדיקן קיום, — נישטאָ קיין ווייטע טרוימען, אַ חוץ דעם טרוים פון פאַרוואָרצלטקייט.
גאָלדהאַר האָט מער נישט געקאָנט אויסחלומען קיין נישט רעאַלע טראַגעדיעס וועגן וואַלקיריעס און אָפּיום, — דער רע־אַלער אָפּגרונט פון זיין לעבן איז געווען צו שפּירבאַר אויף דער וואָר און אין חלום. דער קיינמאָל אינגאַנצן נישט פאַרצויגע־נער רים פון זיין לעבן האָט תמיד געשמערצט, זיך געאייטערט, נישט געלאָזט צורו, געמאָנט אַ תיקון כאָטש אין אַ שטיקל ווירקלעכקייט, האָט זיך געריסן צו פאַרוואָרצלען זיך, — זאָל זיין אין זאַמדיקסטן באָדן.
גאָלדהאַר האָט געליטן אין אויסטראַליע פון אַ טאָפּלטער אויסגעוואָרצלטקייט: אַלס יידיש־אַקטיוון מענטש האָט אים גע־פעלט אַ יידיש־אַקטיווע סביבה; און אַלס יידישן שרייבער האָט אים געפעלט אַ ליטעראַרישע סביבה, אַ ליטעראַריש לעבן, אַ לעזער. עס האָבן אין אים געטריקנטביידע קוואַלן — פונם ייד און פון שרייבער. און ווען ער האָט, נאָך לאַנגע מאַטער־נישן, באַקומען די אינערלעכע מעגלעכקייט אַ האַריטשקע זיך אָפּצוגעבן מיט זיין באַרופונג (צו וועלכער דער אויסטראַלישער יידישער קיבוץ האָט אים לאַנג נישט צוגעלאָזן צוליב זיין שוואַכן יידישקייט־אָטעם, צוליב אינדיפערענטקייט צום יידישן לעבן, און במילא צום יידישן שאַפן), זענען אין דאָזיקן שאַפן געקומען בולט צום אויסדרוק טיף־איבערגעלעבטע ווירקלעכ־קייטן — זיין טראַגעדיע אַלס ייד, זיין טראַגעדיע אַלס שריי־בער, און די טראַגעדיע פון זיין נייער יידישער סביבה, — אַ טראַגעדיע, וואָס ער האָט זי אי איבערגעלעבט אַלס אייגענע און אי זי געזען פון דער זייט — מיט אַן אויג פון אַ שרייבער.

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

גאָלדהאַר איז אַ רעאַליסט, אָבער נישט קיין פלאַכער קאָפּירער פון לעבנס־אויסערלעכקייטן, פונם לעבנס־אויבנאויף; ער איז אַ רעאַליסט מיט וויזיע, מיט אַ טיפן אריינבליק אין דער ווירקלעכקייט.

אַ רעאַליסט, וואָס זעט נאָר די אויסערלעכקייט, פאַרעט זיך נאָר ארום גוף פונם לעבן; ער פאַרמאָגט בלויז די נידעריקערע פעאיקייט פון קאָפּירן, וואָס אַ שרייבער דאַרף זי אויך פאַרמאָגן, כדי צו זיין אַ שרייבער; אים פעלט אָבער די העכערע פעאיקייט — צו פילן, צו זען די נשמה פון דעם ווירקלעכקייטס־גוף, עס פעלט אים די וויזיע, וואָס העלפט אַנטפּלעקן אין די אויסערלעכע פאָרמען — דעם אינערלעכן נשמה־קערן.

די וויזיע איז דער עיקר פאַר אַ שרייבער.

און גאָלדהאַר האָט זי געהאַט. זיין וויזיע איז געווען — די פיין פון יידישן מענטשן, וואָס פון איין זייט קאָן ער נישט אויסלעבן זיך אַלס ייד, ווייל ער לעבט אין אַ יידיש־לופטלאָזן רוים; און פון דער צווייטער זייט דערמאָנט מען אים כסדר, אַז ער איז אַ ייד.

זיין וויזיע האָט אים געלאָזט זען אין די אויסערלעכע צאַפּלעניש און נישטיקייטן פון דעם יחידישן אימיגראַנטיש־אויסגעוואָרצלטן לעבן — די צאַפּלענישן פון יידישן פאָלק.

זיין רעאַליזם איז — ווי יעדער טיפער וויזיאָנערער רעאַליזם — אַ סימבאָלישער: הינטער דעם יחיד זעט ער דעם כלל, הינטער דער יחידיש־אויסגעוואָרצלטער טראַגעדיע אָדער טראַגי־קאָמעדיע — די טראַגעדיע אָדער טראַגי־קאָמעדיע פון יידישער אויסגעוואָרצלטקייט בכלל.

זיינע „דערציילונגען פון אויסטראַליע” שפּיגלען טאַקע אָפּ אויף אַ פּאַרטיפטן אופן די יידישע אויסגעוואָרצלטקייט אין אַלע אירע געשטאַלטן — פון די פּרימיטיווערע ביז די העכסטע.

* * *

די „אַלטע פּריינט”, די דאָזיקע עכט־נאַטוראַליסטישע דערציילונג, וואָס רופט אַרויס ממש אַ פיזישן עקל צו די הויפּט־פּערסאָנאַזשן און דער גאַנצער סביבה, איז זייער שטאַרק געשריבן. אָבער אויך דער דאָזיקער ברוטאַלער נאַטוראַליזם דער־

הויבט זיך צו שטימונגס־סימבאָליק: די דריקנדיקע סוביעקטיווע שטימונג פונם שרייבער באַקומט אַן אויסדרוק אין אָביעקטיווע העסלעכע בילדער. דזשאָ בענדזשאַמין און אייזעק גרין זענען נישט סתם שטיקלעך פּאַרעיפּושטע ווירקלעכקייט, וואָס דערפוילן אין אַ פּאַרשפּינוועבטער סביבה, — אין זייערע האָפענונגסלאָזע געשטאַלטן אָביעקטיוויזירט זיך די האָפענונגלאָזע, שווערע שטימונג פון יידישן שרייבער אָן אַ סביבה, אָן וואָרצלען, אָן אַ האָפענונג. דעם שרייבערס אויפמערקזאַמקייט האָבן צוגעצויגן די דאָזיקע קאָשמאַר־געשטאַלטן דערפאַר, ווייל זיי האָבן געגעבן אַ בעלעטריסטישן אויסדרוק זיין שטימונג, דעם קאָשמאַר פון זיין לעבן.

און די דאָזיקע ווירקלעכקייט, וואָס האָט אים צוגעצויגן, האָט ער קינסטלעריש קאָנדענסירט. דאָס איז נישט פאָטאָגראַפיע, נאָר קונסט.

די דאָזיקע שטאַרקע, דערדריקנדיקע דערציילונג איז אַן אַקט פון זעלבסט־פּייניקונג, אַן אַקט פון זעלבסט־האַס, וואָס קומט פון הילפלאָזיקייט. ווי גאָלדהאַר וואָלט געוועזן געזאָגט צו זיך: אָט איז דיין סביבה, אין וועלכער דו לעבסט, אין וועלכער דו פוילסט, אין וועלכער דו וועסט אומקומען; און אויב דו ווילסט שאַפן, איז נאַ — אָט האָסטו דיינע העלדן, זייער „גייסטיקע" וועלט און זייער ערדישע ליבע. נאַ. קוויק דיך! וועסט נאָך אפשר אויך ווערן אַ טייל פון זיי...

„אַ לוויה", איינע פון גאָלדהאַרס בעסטע, טיפסטע און פיינסטע דערציילונגען, געהער אויך, אין אַ געוויסער הינזיכט, צום זעלבן מין דערציילונגען, ווי „אַלטע פריינט". זי דריקט אויס גאָלדהאַרס אַ טיפע שטימונג, אָבער שוין נישט קיין אינדיווידועלע — די קאָשמאַר־שטימונג פון אַ שרייבער וואָס פוילט לעבעדיקערהייט, נאָר די קאָלעקטיווע שטימונג פון אויסגעוואָרצלטקייט, פון מענטשלעך־יידישער אויסגעוואָרצלטקייט, וועלכע גאָלדהאַר האָט געשפּירט צוזאַמען מיט אָן אַ שיעור אַנדערע יידישע אימיגראַנטן.

דער טויט ווירקט כמעט תמיד אומהיימלעך. הגם ער איז אַזוי אַלט ווי דער מענטשלעכער מין (ווי דאָס לעבן בכלל), דאָך קאָן זיך דער מענטש צו אים נישט צוגעוווינען. אָבער

אַט די אומהיימלעכקייט, וואָס דער טויט ברענגט אריין אין אַ קרייז מענטשן, ביי די לוויה־אָנטיילנעמער, נעמט נישט אָן, ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען, אַזעלכע דערדריקנדיקע פאָרמען, ווי אין גאָלדהאַרס „אַ לוויה", וואָס קומט פאָר ביי אומנאָרמאַלע באַדינגונגען.

די שטימונג פון דער דערציילונג איז אַזאַ, ווי דער טויט וואָלט זיך באַוויזן פאַר אַ גרופּע מענטשן צום ערשטן מאָל.

ביי אַן איינגעוואָרצלט, היימיש לעבן, איז דער טויט אפילו אויך היימישער, נענטער, נישט אַזוי שרעקלעך; ער איז איינגעפונדעוועט, וואָלט איך געזאָגט, מיט וואָרצלען...

אָבער דאָ, אין גאָלדהאַרס נייער סביבה, ווו די מענטשן, די גרינע אימיגראַנטן, וויסן נישט ווי צו לעבן, צעטומלט זיי שוין דער טויט אינגאַנצן. נישט נאָר דאָס לעבן איז מאָדנע, אָן דעם געוווינטן טעם, נאָר אויך דער טויט. אדרבא: אָט דער מאָדנער טעם פון דער פרעמדער לוויה מאַכט פאַר זיי אומדערטרעגלעך שפּירבאַר דעם פרעמדן טעם פון זייער לעבן, אָדער ריכטיקער: זיין טעמלאָזיקייט, זיין אַמאָל משונהדיקע פרעמדקייט און זיין אַמאָל אומדערטרעגלעכע ביטערקייט.

אין דעם פרעמדן אופן ווי מען באַגראָבט דעם אימיגראַנט, דערזעען זיי, דערשפּירן זיי, ביז ברענענדיקן ווייטיק ,די פרעמד־קייט פון זייער לעבן.

די דערציילונג „אַ לוויה" איז איינע פון גאָלדהאַרס בעסטע. זי איז געשריבן מיט קראַפט, די טיפן לעבן ממש אויסערלעך און אינערלעך, אָבער צום מייסטערהאַפטסטן איז איבערגעגעבן די שטימונג פון עולם, וואָס שפּירט — אומבאַוווסטזיניק — אינעם גורל פון טויטן, דעם גורל פון זייערע לעבנס. פּונקט ווי מען באַגראָבט אים טויטערהייט אויף אַ נישט־געוווינטן, קאַלטן אופן, אַזוי פילן זיי זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

און די קאַלטקייט און פרעמדקייט פון דער „לוויה" זענען געשילדערט דורך אַ מייסטער.

גאָלדהאַר, שפּירט מען, האָט דאָ געשעפּט סיי פון דער פולקייט פון זיין אויסערלעכער דערפאַרונג, סיי פון דער פולקייט פון זיין אינערלעכער דערפאַרונג, פון זיין אייגענער שטימונג.

אין דער דערציילונג „רעסטאָראַטאָר מאַנדעל" הויבט שוין גאָלדהאַר אָן צו אָביעקטיוויזירן נישט נאָר זיינע אַ פּערזענלעכע שטימונג, און נישט אפילו אַ קאָלעקטיווע, — נאָר אַ נאַציאָנאַלע.

די טעמע קאָן אינטעלעקטועל־אַבסטראַקט אויסגעדריקט ווערן אין געציילטע ווערטער: דער ייד וויל אַנטלויפן פון זיך, און ער שטויסט זיך כסדר אָן אויף זיך גופא, — נישטאָ קיין אויסוועג...

מאַנדעל, רעסטאָראַטאָר מאַנדעל, אַנטלויפט קיין אויסטראַליע נישט נאָר פון דעם האָקנקרייץ, נאָר אויך פון זיין יידישן רעסטאָראַן אויף דער יידישער גרענאַדיר־שטראַסע, וואָס אַלץ איז דאָרט געווען אַזוי זיכער, ביז — מען האָט געמוזט אַנטלויפן!

דאָ, אין אויסטראַליע, וויל ער בויען אָן אויסטראַלישן רעסטאָראַן, מיט אַלע פּיטשעווקעס, אָבער עס גייט נישט: אויף די שויבן פון זיין אויסטראַלישן רעסטאָראַן באַווייזן זיך אויפשריפטן מיט אַ האָקנקרייץ, און אומזיסט מעקט ער זיי כסדר אָפּ; זיי וואַקסן ווידער אויס נאָך יעדן מאָל אָפּמעקן. און אין זיין רעסטאָראַן באַווייזן זיך אַלץ מער יידן, און די עסנס ווערן יידיש און די פּירעכץ ווערט יידישלעך...

„ס'הויבט זיך שוין ווידער אָן", — אָט דער ביטערער זיפץ פונם רעסטאָראַטאָר מאַנדעל באַציט זיך נישט נאָר אויף דעם וואָרט „דזשו" — אויפגעשריבן מיט קרייד אויף דער טיר — און נישט נאָר אויפן האָקנקרייץ, עס באַציט זיך אויך צו דער גאַנצער יידישקייט, וואָס האָט זיך ווידער אריינגעכאַפּט אין זיין רעסטאָראַן...

„...ווען ס'איז אריינגעקומען דער ערשטער קריסט, אַ הויכער, אַ לאַנג־פּנימדיקער אויסטראַליער, אין אַ שטייפן קאָלנער אָן אַ קראַוואַט, איז מאַנדעלס גדולה געווען אין לשער: ר'האָט, הייסט עס, געכאַפּט דעם אויסטראַלישן שניט! ער וועט זיך דאָ איינאַרבעטן אַ סאָליד געשעפט, נישט האָבן מער די גרענאַדיר־שטראַסע..."

אָבער עס איז נישט באַשערט געווען. און ווען מאַנדעל צעקאָכט זיך אַמאָל:

„איי, ווען איך קריג אַ דייטש אין די הענט אריין! פֿאַר־סעם וואָלט איך פֿון אים געשניטן...", שרייט פֿון אים אַרויס נישט נאָר דער יידישער ווייטיק, נאָר אויך זיין פּריוואַטע באַ־לײדיקונג, וואָס דער דייטש יאָגט אים נאָך מיטן האַקנקרייץ אויך דאָ, אין אויסטראַליע, און לאָזט אים נישט אַנטרינען פֿון דער גרענאַדיר־שטראַסע...

„רעסטאָראַטאָר מאַנדעל" איז אַ סך שוואַכער געשריבן, ווי די „אַלטע פריינט" און ווי אַנדערע דערציילונגען גאָלדהאַרס.

אין דער דאָזיקער דערציילונג איז אויך מאָדנע (אַביסל קינסטלעך) דער סוף: ווען רעסטאָראַטאָר מאַנדעל פאַרכלינירעט זיך מיט זיין נקמה־טרוים, רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ גע־לעכטערל, וואָס „איז געווען אַ שפּיציקס, אַ צעהירזשעטס, אַקו־ראַט ווי ביי הולקען..."

און הולקע איז, דאַרפט איר וויסן, געווען אַ דייטש, פּונקט אַזאַ קליין מענטשעלע, ווי מאַנדעל, אַ שטילס און נעבעכדיקס, אָבער מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט איז ער געוואָרן אַ כוליגאַן און געלאַכט מיט „אַ שפּיציק, צעהירזשעט געלעכ־טערל", ווי... מאַנדעל איצט, ביים נקמה־טרוים.

צי איז דאָ טאַקע דאָס פּאַסיקע אָרט צו מאַכן אַזאַ בעע־לעטריסטישן (עס שמעקט צו בולט מיט בעלעטריסטיק!) פאַר־גלייך צווישן די צוויי קליינע מענטשעלעך, וואָס מען קאָן זיי מאַכן בלוט־דורשטיק? זענען זיי טאַקע „גלייך"?

דאָ שמעקט אַביסל מיט „אידעאָלאָגיע", נישט מיט אומ־מיטלבאַרער שעפערישער וויזיע, און די שוואַכלעך געשריבענע דערציילונג בלייבט מיט אַ טעמפּן, אָפּגעבראָכענעם שפּיץ...

אָבער איר מעלה איז, וואָס זי נעמט זיך בעלעטריסטיש ראַנגלען (בעלעטריסטיש איז דאָ געמיינט אין גוטן זין, דורך געשטאַלטן) מיט דער יידישער וויזיע, וואָס פאַרנעמט אַזאַ וויכטיקן אָרט אין גאָלדהאַרס כמותדיק־קליינעם, פּריי־איבערגע־ריסענעם שאַפן, און וואָס גיט צו זיין בוך אַ באַדייטנדיקן ווערט.

אָט די יידישע וויזיע באַקומט דעם בולטסטן און פאַר־טיפסטן נאַציאָנאַלן אויסדרוק אין די דערציילונגען: „דער ברית", „דער לעצטער מנין" און „אויף אַ פאַרם".

* * *

„דער ברית" איז אַ קורצע, אָבער פּרעכטיק געשריבענע און טיף־פּאַרטראַכטע דערציילונג וועגן אַ געמישט פּאָר־פּאָלק: ער — אַ ייד, זי — אַ קריסטין. עס ווערט געבוירן אַ זון. אַזוי איז דער טאַטע, ווי מען קאָן זיך פּאָרשטעלן, נישט אַזאַ הייסער ייד, אָבער דער „ברית", דער „ברית" — דער אונטערבאַוווסטזיין, וואָס איז שטאַרק אָבערגלויבעריש און קאָנסערוואַטיוו, און געוווינט זיך זייער לאַנגזאַם צו צו „פּראָגרעסיווע" אידעען, נעמט אים עגבערן.

און ער פּועלט ביי זיין פרוי מען זאָל זייער זון „יידישן".

די שטימונג פון דער פרוי, וואָס ליגט אין קימפּעט, באַרויבט פון איר זון דורך אַ פרעמדער רעליגיע, איז דין געשילדערט, ווי די גאַנצע דערציילונג. אָבער אָט דערהערט זיך אַ געוויין פון קינד — מען האָט אים שוין „שלעכטס" געטאָן...

דאָס, וואָס רופט אַרויס אַזאַ פריידיקן „מזל־טוב" און אַ געמיטלעכע שטימונג ביים מאַן און זיינע געסט, רופט אַרויס ביי איר אַ שאַרפן אויפפלאַם פון אומהיימלעכער שרעק, און ווען מען טראָגט איר אריין דאָס נאָך שרייענדיקע קינד, צלמט זי עם אינסטינקטיוו איבער.

דאָס איז אַ נאַטירלעכער זשעסט פון אַ קריסטלעכער מוטער, וואָס מען האָט איר קינד ווי געטאָן אויף אַן אומהיימלעכן, פרעמד־שטאַמיקן אופן; אָבער אָט דער רעאַליסטישער זשעסט, מיט וועלכן די קורצע דערציילונג ענדיקט זיך, האָט אַ טיפערע באַדייטונג — אַ מין טיף־דימענזיע.

הגם דער מחבר גיט מיט קיין וואָרט נישט אָנצוהערן וועגן איר, איז זי דאָך דאָ אָט די צווייטע, טיפערע באַדייטונג פון דער דערציילונגס פּוענטע: דער טאַטע האָט געוואונען די „ערשטע רונדע" אין קאַמף פאַרן ברית, אָבער דאָס קינד קערט זיך אום צו דער מוטער, ביי וועלכער ער וועט בלייבן אונטערן צייכן פון קרייץ...

דער שטומער סוף פון אָט דער דערציילונג רעדט אַזוי פיל! ער באַלייכט, ווי אַ בליץ, דעם גאַנצן גרויסן שטח פון דער קליינער דערציילונג. ער דערמאָנט די שטימונג פון די פאָלקס־מעשהלעך וועגן געבוירענע יידישע קינדער און וועגן בייזע

כישוף־מאַכערס, וועלכע ווילן די קינדער אַרויסרייסן פונם ברית של אברהם אבינו.

און אַט זיצט אַ מנין ייִדן און טוט אַלץ, וואָס דער רבי האָט פאַרזאָגט, כדי אַרויסצוגיין אַלס זיגער פון דאָזיקן קאַמף מיט דער סטרא אחרא.

אָבער עפּעס אַ קליינער פאַרזען — און דער לויערנדער מכשף רייסט זיך דורך דורך דעם עיגול, וואָס דער רבי האָט גע־הייסן מאַכן און היטן מיט דער קראַפט פון דער תורה, און ער כאַפּט צו דאָס קינד אַ נאַכט פאַרן ברית...

דער קאַמף איז פאַרשפּילט.

גאָלדהאַרס טאַטע האָט געקעמפט פאַר זיין זון נישט מיט קיין מכשף, נאָר מיט דער אויסגעוואָרצלטקייט. ער האָט מיט טריאומף געמאַכט דעם עיגול, אָבער אין רעכטן מיטן פון זיין טריאומף דערמאָנט אים זיין סביבה, אַז דאָס קינד געפינט זיך אַ גאַנץ לעבן מחוצן עיגול — דער שטענדיקער צייכן פון קרייז איבערן געמלטן קינד איז שטאַרקער פאַרן איינמאָליקן „ייִדישן"...

דער מאַמעס מילך און די לופט פון אַרום וועלן דורכרייסן דעם סימבאָלישן עיגול, וועלכן דער טריאומפירנדיקער טאַטע וועט נישט נאָר נישט קאָנען אָפּהיטן, נאָר ער וועט אים גאָר־נישט פּרוּוון אָפּהיטן, באַפרידיקט בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט באַרואיקט זיין אומבאַוווסטזיניק־לעבעדיקן אָבערגלויבן...

„דער לעצטער מנין" און „אויף אַ פאַרם" זענען דערציי־לונגען, וואָס דערהויבן נאָך אויף אַ שטאַפּל העכער גאָלדהאַרס שאַפן, — אויב נישט קינסטלעריש, איז אידעאיש.

אויך זיי באַשעפטיקן זיך מיט דער ייִדישער טראַגעדיע פון אויסגעוואָרצלטקייט, פון נאַציאָנאַלן אומקום־געשפּענסט, אָבער דאָס איז שוין נישט קיין פּאַסיווע שילדערונג אָדער פעסט־שטעלונג, נאָר אַ פּרוּוו פון אַקטיוו זיך קעגנשטעלן דעם גורל.

די ייִדישע טראַגעדיע ווערט דאָ דערהויבן אויף אַ העכערן פּלאַן, — נישט נאָר פון באַוווסטזיין, נאָר פון קאַמף.

די „אַלטע פריינט" באַגרייפן נאָך גאָרנישט, וואָס עס קומט פאָר מיט זיי אַלס ייִדן, זיי פילן אומבאַוווסטזיניק. בלויז

אַנדערע ווערן אויפגעוועקט אין גרויל דורך די ריחות, וואָס זייער פוילן פאַרשפּרייט אַרום זיי.

אין „אַ לוויה" שפּירט שוין יעדער איינער אין דער מאַסע, אַז ער האָט קיין וואָרצלען נישט, אָבער זיי פילן בלויז אַ פּאַסיווע פאַרצווייפלונג, אַ ליימענדיקע האָפענונגסלאָזיקייט.

אין „לעצטן מנין" אָבער און אין „אויף אַ פאַרם" ווערט דעם גורל געשטעלט אַ ווידערשטאַנד.

ראַביי קאָהען וויל אויפהאַלטן יידישקייט אין אַן אויסטראַליש גאָלד־שטעטל וואָטלהיל. אָבער עס איז שוין דאָרט נישטאָ אפילו קיין געדונגענער מנין. און דער ראַביי, וואָס וויל זיך נישט אונטערגעבן, דאַוונט ביחידות — ער וועט זיין פּאָזיציע נישט פאַרלאָזן. ער טוט אַלץ, וואָס ער קאָן כדי אויסצובויען אַ שול און אויפהאַלטן יידישקייט, אָבער ווען ער בלייבט אַליין אין דער ליידיקער, פאַרלאָזענער שול, וועט ער זי נישט פאַרלאָזן.

דאָס איז אַ מין פּאַסיווע אַקטיוויקייט, אָבער דאָך אַן אַקטיוויקייט, צו וועלכער עס איז אויך נויטיק אַ גבורה: מען דאַרף האָבן נישט נאָר טעמפּע עקשנות, נאָר טאַקע אויך גייסטיקע גבורה, כדי צו דאַוונען אין אַזאַ שול, כדי צו בלייבן אויף אַזאַ האָפענונגסלאָז־פאַרלאָזענער פּאָזיציע, וואָס קיינער קוקט זיך אפילו נישט אום אויף זיין טרייקייט און אויף זיין גבורה, מען קוקט דערויף (אויב מען באַמערקט דאָס בכלל) ווי אויף אַ נאַרישקייט...

אין אָט דער דערציילונג, וווּ ס'איז דאָ אַ סך אויסטראַליש־יידישע שטייגער־שילדערונג און כאַראַקטער־צייכענונג, איז דאָ סיי די פּיין פון גאָלדהאַר דעם שרייבער, סיי די פּיין פון גאָלדהאַר דעם ייד. דאָס יידישע לעבן צאַנקט, ווערט פאַרלאָזן, עס איז שוין באַלד נישטאָ קיין געדונגענער מנין נישט נאָר צום דאַוונען, נאָר צו קיין שום יידישער זאַך, און דער יידישער מענטש פון גייסט — אין דעם פאַל דער שרייבער — פאַרלאָזט נישט די פּאָזיציע, ער בלייבט טריי.

אין ראַביי קאָהענס עקשנות איז דאָ אינטים־באַקאַנטס פאַר יעדן יידישן שרייבער, פאַר יעדן יידן, וואָס טוט יידישע אַרבעט.

און הגם גאָלדהאַר האָט מיטן זעלבן רעכט געקאָנט שיל־דערן אַ יידישן שרייבער (און טאַקע זיך) אָנשטאָט דעם ראַבאַי קאָהען, איז דאָך גוט, וואָס ער האָט זיינע אויטאָביאָגראַפישע שטימונגען געליען דעם ראַבאַי קאָהען, און אָנשטאָט צו ווייזן ווי ער שרייבט פאַר זיך אליין, אָן אַ מנין, האָט ער געוויזן ווי ראַבאַי קאָהען דאַוונט פאַר זיך אליין, — אפילו דינגען אַ מנין קאָן ער שוין נישט...

און גוט איז עס דערפאַר, ווייל קונסט דאַרף רעדן צום געמיט, כדי צו רירן, צו ווירקן; קונסט דאַרף פריער גרייכן צום אונטערבאַוווסטזיין, איידער עס נעמט דערגיין צום באַוווסטזיין, — און אַ רב, אפילו אין דער פאָרם פון אַ ראַבאַי, איז נאָך אַלץ נענטער דעם פאָלקס־געמיט און דעם אונטערבאַוווסטזיין פון פאָלק, ווי אַ יידישער שרייבער.

די טראַגעדיע פון אַ יידישע שרייבער אָן אַ לעזער וואָלט גיכער געבליבן אַבסטראַקט פאַרן לייענער, ווי די טראַגעדיע פון אַ ראַבאַי אָן אַ מנין; אַ פאַריתומטע שול — אפילו אַ רעפאָרמירטע — שניידט זיך נאָך אַלץ טיפער איין אין דער פאָרשטעלונגס־קראַפט פון אַן אפיקורס אפילו, ווי אַ פאַריתומ־טער שרייב־טיש פון אַ יידישן שרייבער. די פאַרן פאָלקס־זכרון גוט־באַקאַנטע, אינטימע בילדער פון אַ פאַרוואָרלאָזטער שול, פון אַן איינזאַמען, ביחידות־דאַווענענדיקן רב זענען מער פעאיק אויפצורודערן דאָס געמיט פון יידישן לייענער, ווי די געשטאַלט פון אַן איינזאַמען, לעזערלאָזן שרייבער.

און במילא זענען די געשטאַלטן פון גאָלדהאַרס דערציילונג מער פעאיק צו ווירקן און צו דערגרייכן דעם ציל, ווי דאָס, וואָס עס באַהאַלט זיך אויס פאַר גאָלדהאַרן הינטער די גע־שטאַלטן.

ראַבאַי קאָהען איז אַ סימבאָל פאַר דער פאַרלאָזענער יידישקייט בכלל, און פאַר זיינע טראַגישע טרעגער בפרט, אָבער אַ סימבאָל איז צום ווירקזאַמסטן ווען ער איז פאָלקסטימלעך פאַראַנקערט אינם אונטערבאַוווסטזיין פון די, צו וועלכע ער וויל אַפּעלירן, אויף וועלכע ער וויל ווירקן.

און די דערציילונג ווירקט (נישט געקוקט אויף איר שוואַכסטן פּונקט, אויף איר אַביסל קינסטלעך־צוגעשפּיצטן סוף): די איבערגעלעבטע אַטמאָספער פון דער טראַגישער שול מיט איר ראַביי טראָגט אונז אָן אָנשטרענגונג, כמעט נאַטיר־לעך, אַריבער אין דער טראַגישער אַטמאָספער פון יידישן לעבן בכלל, מיט אירע טראַגישע לעצטע, טרייע מאָהיקאַנער...

*   *   *

„אויף אַ פאַרם" איז נישט קיין שלעכטע דערציילונג פון ריין־שריפטשטעלערישן שטאַנדפּונקט, און ערטערווייז אפילו אַ סך בעסער, ווי „נישט־שלעכט", אָבער איר גרעסטע מעלה באַשטייט אין דעם, וואָס אין איר האָט גאָלדהאַרם יידישע וויזיע גענומען קלעטערן צו אירע העכסטע הויכן — צו זין־געבנדיקער אַקטיווקייט.

ראַבאַי קאָהענס אַקטיווקייט קאָנט איר נאָך אָנרופן אין בעסטן פאַל טרייקייט, און אין ערגסטן — עקשנות (הגם אויך אַזאַ עקשנות איז ווערטפול און טראַגיש־שיין), אָבער סעם ראָטמאַן („אויף אַ פאַרם") איז אַ שעפערישער העלד (הגם אויך אַ טראַגישער): ער וויל אַקטיוו אויפלעבן די שול פון יידישקייט און צונויפשמידן אַ לעבעדיקן, נישט קיין געדונגענעם מנין.

סעם ראָטמאַן וויל שאַפן אַ יידישן ישוב. טאַקע נישט בלויז אַ ישוב פון יידן, נאָר אַ יידישן ישוב. און זיך גופא פאַרזייט ער אַלס וואָרצל אין אַ ווייטן ווינקל, אין איינזאַמקייט און שווערער האָרעוואַניע. בלויז איין וויזיע באַלויכט זיין שווער לעבן: ער וועט שלאָגן וואָרצלען און אַרום אים וועלן זיך נעמען זאַמלען יידישע ישובניקעס, ס'וועט אויסוואַקסן אַ יידישער ישוב, אַ דאָרף יידישע פאַרמערס.

זיין שכן, דער אירלענדער סענדי אָ'ברייען, דריקט אויס סעמס אָנשטרענגונג זייער גוט:

„מאָדנע מענטשן זענט איר, יידן! אומרואיקע, שטענדיק פאַרזאָרגטע, ערנסטע. פאַרוואָס נעמט איר נישט דאָס לעבן פּשוט, אַזוי ווי עס איז? צו וואָס פאַרלאַנגען פון זאַכן מער וויפיל זיי קאָנען געבן? אָט איר אַליין: איר זייט געוואָרן אַ פאַרמער, דאָס איז אָלרייט, זייט אַ פאַרמער. איר מאַכט אָבער

פון אייערע פּאָר אַקער לאַנד אַ גאַנצע פּאָליטיק. און דאָס ערגסטע, וואָס די פּאָליטיק איז ביי אייך דער עיקר, און די פּאַרם גופא צוזאַמען מיט אייער גאַנצער אַרבעט נאָר אַ נעבן־זאַך..."

דער אירלענדער קאָן זען סעם ראָטמאַנס האַנדלונגען נאָר פון דרויסן, די טרייב־קראַפט זייערע קאָן ער דאָך נישט זען, און ער קאָן דאָך דאָס גאָרנישט פאַרשטיין (און וויפיל יידן אפילו קאָנען דאָס פאַרשטיין?).

וואָס ווייסט דער אירלענדער וועגן דער טרייב־קראַפט וואָס הינטער סעם ראָטמאַנס האַנדלונגען? וואָס קאָן ער וויסן און באַגרייפן וועגן די מאָטיוון, וואָס טרייבן סעמען צו אַ פּאַרם מיט פּאָליטיק, וואָס טרייבן סעמען פון זיין, סענדי אָ'ברייענס, טאָכטער, דזשין (וועלכע האָט סעמען ליב און וועלכע סעם האָט אויך ליב), צו ראָזע זעלמאַן, דער מיאוסער מיידל פון נאָענטן „סעטלמענט", בלויז דערפאַר ווייל זי איז אַ יידישע, ווייל:

„אַ פּאַרם מוז ביי אים זיין אַן אמת יידישע, מיט אַ יידיש הויז־געזינט, נישט אַנדערש, האָט ער צו זיך גערעדט אין געדאַנק. אַזיסט דאַרף ער דאָס גאַנצע עסק אויף כפּרות. צי דען האָט ער זיך פאַרקליבן דאָ אַהער אין דעם וויסטן העק, כדי צו כאַפּן אַ שיקסל? מער פעלט אים נישט... שטאַרק מוז ער ביי זיך זיין, קעמפן מיט זיך, פונקט אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרנומען צו קעמפן מיט דער ווילדער אויסטראַלישער סטיכיע, און דאָס זייניקע מוז ער אויספירן: אַ פּאַרם און דווקא אַ יידישע..."

און ער גייט צו ראָזע זעלמאַן.

„דזשין און ראָזע! — פּרוווט ער זיך טרייסטן. — מער ווי אירע שיקסעדיקע פאַרפירערישע חנדלעך, פון וועלכע ער לאָזט זיך פאַרדרייען אַ קאָפּ, האָט דען דזשין? ראָזע איז טאַקע נישט קיין שיינע, אָבער אַ יידישע טאָכטער איז זי. מיט איר וואָלט ער געקאָנט אויפבויען אַן אמתדיק יידישע פּאַרם, האָבן יידי־שע קינדער, און זיין אַרבעט וואָלט טאַקע געקאָנט האָבן עפּעס אַ ממשות, וואָלט באמת געלוינט".

אָבער ווען ער קומט צו ראָזען, קלייבט זי זיך מיט איר משפּחה אין שטאָט אריין: דער טאַטע האָט באַקומען אַ שטעלע פון אַ שמש, אין אַ שול ביי די יאַהודים.

די שמחה ביי די זעלמאַנס, און די קנאה פון די אַנדערע „סעטלמענט"־מענטשן צום „גליק", וואָס האָט זעלמאַנען גע־טראָפן, איז אַן עכט־טראַגישער הינטערגרונט צו סעמס נאַציאָ־נאַלן אידעאַל, צו זיינע געדאַנקען אויפן וועג צו די זעלמאַנס...

אָט אויף אַזאַ זומפּיקן באָדן בויט ער... איז דען אַ וווּנדער אַז עס האַלט זיך נישט?

און איז דען אַ וווּנדער, וואָס ווען ער קומט צוריק און ער טרעפט אין דער פינצטער דזשינען, מיט איר ליבע, איז ער „נענטער צוגעטראָטן צו איר און קענען זיין אייגענעם ווילן זי אָנגענומען פאַר דער האַנט. ער האָט געפילט, ווי זי ציטערט אויף פון דער באַרירונג מיט איר גאַנצן לייב, און עס האָט אים מיט אַמאָל ווי פאַרגאָסן מיט אַ זודיקער כוואַליע. עס האָט אים פאַרפּעלט אָטעם. דאָס האַרץ האָט אין אים געהאַמערט...

„פון דער ווייטנס האָבן זיך דערהערט אַ'ברייענס טריט, וואָס האָבן ווייך געפּאַטשט אויף דער דורכגעווייקטער ערד. דזשין האָט זיך אָפּגערוקט פון סעמען און געוואָלט אַרויסנע־מען די האַנט פון זיינער. ער האָט זי אָבער נישט אָפּגעלאָזט און נענטער זי צוגעצויגן צו זיך".

סעם האָט געליטן אַ מפּלה, אָבער ער איז געווען ביי גאָלד־האַרן אַ פּרווו צו געבן אַן אַקטיוון העלד; ער איז געווען דער ערשטער פּרווו גאָלדהאַרס צו געבן דעם טראַגישן יידן אין זיי־נער אַן אַקטיווער געשטאַלט...

אין גאָלדהאַרס קליינער גאַלעריע יידישע פּערסאָנאַזשן פאַרנעמט סעם ראָטמאַן דעם אויבנאָן לויט זיינע גוטע כוונות און די הערנאַישע פּרווון זיי צו פאַרווירקלעכן...

* * *

אויפן שוועל פון אַ גרעסערן פּרווו פון דאָזיקן מין (פון אַקטיוון ראַנגלען זיך פאַר יידישקייט אויף אַ פאַרצווייפלט־איינזאַמער פּאָזיציע) איז גאָלדהאַר יונג געשטאָרבן.

ער האָט פאַרטראַכט אַ ראָמאַן, ווו אויפן פאָן פון ברייט־גע־שילדערטן אויסטראַליער לעבן, זאָל זיך באַזונדערס בולט אויס־

טיילן דער גורל פון אַ פאַראייינזאַמטער יידישער משפּחה, דער קאַמף פאַר איבערגעבן די ירושה כאָטש אויף אַ סימבאָלישן אופן.

די צוויי פראַגמענטן פון דאָזיקן ראָמאַן, אָפּגעדרוקט אין פנחס גאָלדהארס „געקליבענע שריפטן״ (אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור״) ווייזן אונז, וואָס די יידישע ליטעראַטור אין אויסטראַליע האָט אין גאָלד-האַרן פאַרלוירן. אָט די פראַגמענטן באַווייזן נאָך בולטער, ווי זיינע בעסטע דערציילונגען, אַז גאָלדהאַר איז אין דער פּאָטענץ געווען אַ גרויסער שרייבער, וואָס די טרייסטלאָזע באַדינגונגען פאַרן יידישן שאַפן אין אויסטראַליע האָבן זיין טאַלאַנט נישט געלאָזט וואַקסן.

ווי פיין ער שילדערט אין די דאָזיקע פראַגמענטן, מיט קנאַפּע ווערטער, די אויסטראַלישע נאַטור, די אויסטראַלישע סביבה, די אויסטראַליער מענטשן. אַלץ שניידט זיך שאַרף איין אין אונזער געמיט, אין אונזער פאַרשטעלונגס-קראַפט.

דער ערשטער ראָמאַן-פראַגמענט האַלט קוים אַ פערצן זייטלעך און מיר נעמען מיט פון זיי בולטע, מיט זיכערקייט געצייכנטע קאָנטורן פון אַ גאַנצער וועלט.

און דער צווייטער פראַגמענט, דער יידישער, האַלט קוים צען זייטן, אָבער איר גייט אַוועק פון זיי מיטן גאַנצן טעם פון דער יידישער טראַגעדיע.

אין רויש פון האַנדל פאַרגעסן נישט טאַטע-מאַמע די בת-יחידה זייערע, וואָס האָט אַ סך מער שייכות צו דער וועלט פון אַרום, ווי צו זייער פּינטעלע יידישקייט.

„הערשל, גיב נאָר אַ קוק! וואָס וויל ער דער שייגעץ? וואָס וויל ער פון קינד האָבן? ביסט בלינד, הערשל, צי וואָס?״

דאָס שרייט די מאַמע צום מאַן, וועלכער איז פאַרטאָן אין מסחר, און „דזשינדזשער״, וואָס „וויל עפּעס פון קינד״, איז אַ גוטער קונה.

„אַ יידענע, מאַלע וואָס זי רעדט...״

אָבער דאָס איז נאָר בייטאָג; „אין דער שטילקייט פון דער נאַכט״ האָט אים דער ווייבס קול געעגבערט אין מוח. „אפשר איז זי טאַקע גערעכט?״

גאָר שלעכט ווערט אים זונטיק, ווען עס איז נישטאָ קיין מסחר (מיט וואָס זיך צו באַרוישן): ער דערפילט זיין גאַנצע איינזאַמקייט און איבעריקייט.

און נישט נאָר ביים אָרום — אויך ביי דער אייגענער טאָכטער...

און אָט, דאַווענענדיק אַ זונטיק פרי, גייט ער צו צו דער טיר פון סוזים (זיין טאָכטערס) צימער, וואָס „איז געשטאַנען אַ פאַרמאַכטע, ווי זי וואָלט פון אינעווייניק געווען פאַרקלאַפּט אויף שווערע שלעסער, שטום און ברוגזדיק אויף אים געקוקט".

„ער האָט צוגעלייגט דאָס אויער צו דער טיר ,אַריינגע־האָרכט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, געוואָלט אויפכאַפּן עפּעס אַ שאָרך", אָבער ער קאָן נישט, ער האָט שוין ווי פאַר־לוירן דעם גאַנצן לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט זיין טאָכטער...

און דער פראַגמענט ענדיקט זיך מיט אַ בילד, וואָס איר דערפילט אים אַלס סימבאָל (אין זיין פשוטער רעאַלקייט), ראוי פאַר דער פען פון אַ גרויסן שרייבער:

„מיסטער פלינקער האָט יאושדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, נישט באַמערקט ווי דער טלית האָט זיך פון איין זייט אַראָפּגע־גליטשט פון אַקסל און די ציצית ליגן ווי צעדריוולטער פאָדים אויפן דיל און פּלאָנטערן זיך אים צווישן די פיס..."

אָט דאָס בילד פון אַ ייד, וואָס שטייט פאַר דער פאַרמאַכ־טער טיר פון זיין טאָכטערס צימער (נישט וויסנדיק אפילו צי זי איז נאָך דאָרטן דאָ, זיין טאָכטער, צי נישט) און ער פילט נישט ווי ער פאַרלירט זיין טלית, וואָס שלעפּט זיך אים נאָך אויף דער ערד, — אָט דאָס בילד באַלייכט פאַר אונז, ווי דורך אַ בלענדנדיקן בליץ, דעם גאַנצן פאַרנעם פון ראָמאַן אין דער טיף, אין זיין אידעע, אין זיין יידישער דימענסיע.

און מיר גייען אַוועק פון די פראַגמענטן מיט אמתן באַ־דויערן, מיט אַ טיפן געפיל פון פאַרלוסט, וואָס מיר לעבן תמיד איבער, ווען אַ צוזאַגנדיק לעבן ווערט איבערגעריסן אין מיטן, פאַר דער צייט...

III

געקליבענע עסייען

די הערצל־געשטאַלט

א.) דער אויסגאַנג פון אַ טעמפּן ווינקל

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, הערצלס ערשטע, גרעסטע און אפשר אויך איינציקע לעבנספּעאיקע טאַט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם, איז געווען דער ערשטער טריט צום ארויסגאַנג פונם טעמפּן ווינקל, אין וועלכן דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געפונען סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט.

די עפּאָכע פון פאַרן ציוניזם קאָן באַצייכנט ווערן מיטן נאָמען, מיט וועלכן אחד העם האָט באַטיטלט זיין לעבנסווערק — „על פרשת דרכים” („אויפן שייד־וועג”).

אַ פאָלק האָט זיך געפונען אויפן שיידוועג, און — האָט עס שאַרף געפילט!

אין זיינע זכרונות, דערציילט א. ליעסין אַ ביז גאָר אינ־טערעסאַנטן פּרט פון זיין קינדהייט.

ער איז געווען מיט זיין פאָטער, אַ פרומען מינסקער ייד, ביי זיינעם אַ פעטער. דאָרט האָט מען גערעדט און דיסקוטירט וועגן חבת ציון, וועגן די פּאָגראָמען פון די 80ער יאָרן און וועגן אַנדערע יידישע ענינים.

אויפן וועג צוריק, גייענדיק מיטן קליינעם זון זיינעם אין דער פינסטערער נאַכט אויף אַ פינסטערער מינסקער צעגריבל־טער גאַס, איז דער מינסקער פרומער ייד פּלוצלינג שטיין גע־בליבן און געזאָגט צום זון, אַז אים און זיין דור איז לייכט געווען צו זיין יידן, גוטע יידן, ווייל דער יידישער וועג איז געווען אַ גלייכער; אָבער דעם זון און דעם זונס דור וועט שווער זיין צו זיין גוטע יידן, ווייל דער וועג פון אַ יידן וועט זיין פון איצט אָן פול מיט גריבער און שטרויכלונגען.

ווען ליעסינס פאָטער האָט אין דער פינסטערער מינסקער נאַכט איינגערוימט דעם זון דעם פיינלעכן סוד פון וואַקסנדיקן דור, — אַז עס וועט ווערן שווער צו בלייבן אַ גוטער ייד (ווייל

ווי שווער עס איז נישט געווען דער וועג פונם פרומען ייד, איז ער אָבער גייסטיק געווען גלאַט; בעת איצט איז ער אויך גייסטיק געוואָרן פול מיט שטרויכלונגען), האָט שוין געלעבט מ. ז. פייערבערג, וועמען עס איז באַשערט געווען אי צו דערפילן פער־זענלעך מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אָט דעם שרעקלעכן אמת, און אי צו פאַרקערפּערן אָט דעם על־פּרשת־דרכים פון אַ דור אין אַ ליידנשאַפלעך ליטעראַריש ווערק, אין זיין „לאן?״ („וווהין?)

פייערבערג האָט מיט זיין שאַרפן אינטעלעקט און מיט זיין נאָך שאַרפערער אינטואיציע אַרויסגעפילט דעם סאַמע עיקר פון דער „אויפן שיידוועג״־לאַגע: פון וואַנען זאָל דער נייער ייד, וואָס האָט אויפגעהערט צו גלויבן אין דער יידישער רע־ליגיע, שעפּן לופט צום לעבן?

רעליגיע, האָט פייערבערג געפילט, איז נישט נאָר געווען דער איינציקער גייסטיקער אינהאַלט פון אונזער לעבן, נאָר אויך די איינציקע קערפּערלעכע פאָרם זיינע. זי האָט דעם יידן אויפ־געהאַלטן נאַציאָנאַל — דורך איר פאָרם; זי האָט דעם יידן געגעבן אַן אינהאַלט אין די וואָכנטעג, אין די שבתים און יום־טובים, אויף דער צוקונפט (משיח וועט קומען אויסלייזן!) און אפילו אויף יענער וועלט.

און במילא (ער האָט עס דערפילט אויף דער אייגענער הויט אָדער ריכטיקער: אין אייגענעם לעבן און אין דער אייגע־נער נשמה) איז דער רעליגיעזער קריזיס געוואָרן אויף אַ נאַציאָ־נאַלער קריזיס ,און מען קאָן אפילו זאָגן, אַז אַ ריין־פּערזענלע־כער; יעדער ייד, וואָס איז פאַרוואָרצלט געווען אין יידישן פאָלקס־לעבן און אין יידישער קולטור האָט דערפילט, אַז ער פאַרלירט די צוקונפט, דעם גלויבן אין אַ צוקונפט: אויב מען קאָן מער נישט גלויבן אין משיחן — טאָ ווי קאָן מען לעבן אין האָפענונגסלאָזן גלות?

איז דען די שמד־באַוועגונג נאָכן דורכפאַל פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג געווען אַ צופאַל? מענטשן האָבן געגלויבט אין משיחן, און אָט האָבן זיי דערלעבט ער זאָל קומען (און זיי האָבן דערין געגלויבט); אָבער דער דורכפאַל פון זייער משיח האָט אונטערגעבראָכן זייער גלויבן אין משיחן בכלל, און דער צייט־

ווייליקער גלות, וואָס אין זיין ענדיקן זיך זענען זיי געווען זיכער, איז געוואָרן אייביק אָן דעם גלויבן אין אַ משיח... און אָט די אומדערטרעגלעכע לאַסט האָט זיי דערדריקט ביז — שמד, וואָס איז פֿאַר אַ יידן נאָך ערגער ווי טויט...

פייערבערג האָט פֿערזענלעך דערפֿילט דאָס, וואָס ליעסינס פֿאָטער האָט דערפֿילט־פֿאָראויסגעזען פֿאַר זיין זון:

— עס וועט שווער זיין צו זיין אַ גוטער ייד...

און ער האָט דערפֿילט זיין גרויסע פֿאַרלווירנקייט, די פֿאַרלווירנקייט פֿון אַ דור.

און ער האָט אויסגעשריגן זיין און זיין דורס טראַגישן „לאַן?"

בלייבן ביים יידנטומס אַלטן גלויבן, נישט גלויבנדיק אין אים, איז געוואָרן זינלאָז; אָבער אַוועקגיין פֿון אים אין דער ברייטער וועלט אריין, איז אינטים־פֿערזענלעך נישט מעגלעך געווען, ווייל דאָס אַלטע, וואָס איז טויט געוואָרן פֿאַרן שכל, איז פֿאַרן הארצן, פֿאַר די טיפֿע כחות פֿון דער פֿערזענלעכקייט געווען לעבעדיק.

היטן די חורבות, ווי פייערבערג רופֿט אָן דאָס יידישע לעבן, וויל ער נישט; אָבער פֿאַרלאָזן די חורבות — קאָן ער נישט...

פייערבערג — און זיין גאַנצער דור — האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז בלייבן אין יידישן לעבן הייסט היטן חורבות; אַוועקגיין ווידער פֿון זיי, הייסט לאָזן דאָס הארץ פֿאַרגראָבן אין זיי, אין די היימישע, טיף אין הארצן איינגעבאַקענע חורבות...

און איבערן דאָזיקן שווערן אינערלעכן קאַמף, וואָס פייערבערג האָט אים אַזוי שטאַרק געשטאַלטיקט, האָט געפֿלאַטערט ווי אַ טראַגישע פֿאָן, די פֿראַגע: „וווהין"?

און הערצלס רוף צו אַקטיווער אַרבעט פֿאַרן אויפֿבוי פֿון אַ יידישער מלוכה איז געווען דער ענטפֿער אויף דער דאָזיקער טראַגישער פֿראַגע:

— נישט פֿאַרלאָזן די חורבות, נאָר אויפֿבויען פֿון זיי, אויף זיי אַ יידישע מלוכה. זיין רוף האָט באַדייט — געבן דעם אַלטן אינהאַלט אַ נייע פֿאָרם און דער נייער פֿאָרם — אַן אַלט־נייעם אינהאַלט.

הערצלס ענטפער אויף פייערבערגס „לאן?" (הגם ער האָט נישט געוווסט וועגן אים!) איז געווען אי אַלט, אי ניי: ער האָט אַנשטאָט דעם איינגעבראָכענעם זייל פונם משיח־גלויבן (וואָס האָט אויפגעהאַלטן דאָס נאַציאָנאַל־רעליגיעזע יידישע לעבן) אוועקגעשטעלט אַ נייעם: פאַרווירקלעכן דעם אַלטן טרוים פון גאולה דורך נייע מיטלען.

אָבער הערצל האָט מיט זיין רוף, אין דער לעצטער היסטאָרישער מינוט, נישט נאָר געבראַכט אַ טרייסט פאַרן פאַרלאָרענעם משיח־גלויבן, נאָר ער האָט אויך ווידער געגעבן אַ מעגלעכקייט צו זיין לייכטער אַ גוטער ייד — די גריבער, וואָס ליעסינגס פּאָטער האָט דערזען זיך עפענען פאַר זיין זון אויפן אַלטן יידן־וועג, זענען פאַרשאָטן געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע ראַמען זענען אויסגעברייטערט געוואָרן.

יידישע רעליגיע איז אויך געווען יידיש־נאַציאָנאַל־לעבן, אָבער יידיש־נאַציאָנאַל־לעבן איז געווען בלויז יידישע רעליגיע. איצט איז יידיש־נאַציאָנאַל־לעבן אויסגעברייטערט געוואָרן.

עס איז געוואָרן לייכטער אויסצוהאַלטן דעם גלות אַ דאַנק דעם, וואָס די גאולה איז געוואָרן — צוליבן גלויבן אין אַקטיוון ציוניזם — נישט וויינִיקער זיכער און רעאַל, ווי אַ דאַנק דעם גלויבן אין משיחן.

נחמן פון „לאן?", וואָס די דאָזיקע פראַגע טרייבט אים, — צוליב דער אויסזיכטלאָזיקייט צו באַקומען אויף איר אַן ענטפער, וואָס זאָל זיין אָננעמבאַר פאַר אים, — צו משוגעת, באַקומט אַ פרייען, גלייכגעוויכטיקן געמיט. ער ווערט באַלעבאָס איבער די חורבות, וואָס האָבן אים פריער דערדריקט מיט זייער טויטער משא, — אַנשטאָט צו יאָגן אים פון זיך מיט זייער טרייסטלאָזער אימה, ציען זיי אים איצט צו מיט דער מעגלעכקייט זיי אָפּצוראַמען און איבערצובויען.

די פרעמדע וועלט, וואָס האָט אים געצויגן צו זיך און אים פאַרגעלייגט אַ נייע לעבעדיקע וועלט פאַר דער איינגעפאַלענער אַלטער, אָבער פאַרן פרייז פון פאַרראַט צום טיפערן „איך", האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ סך צוטריטלעכער, ביליקער: ער האָט באַקומען אַ מעגלעכקייט זי אַריינצונעמען ביי זיך, אַנשטאָט אַוועקצוגיין צו איר: ער האָט באַקומען אַ מעגלעכקייט צו שאַפן

פאַר זיך גופא, אויף דער אייגענער שפּראַך און מיט אַן אייגע־נעם אינהאַלט, אַ נייע, ברייטערע ליטעראַטור.

און די פאַרמען פונעם אַלטן לעבן זענען אויך, ווי דורך אַ כשוף, אויפגעשטאַנען תחית המתים. אַלץ, אַלץ איז באַנייט גע־וואָרן מיט דער באַנייאונג פונעם גלויבן אין גאולה, — תשעה־באב און חנוכה, פּסח און שבועות: אַלע נאַציאָנאַלע סימבאָלן זענען באַנייט, אָפּגעפרישט געוואָרן, ווי יעדער אבר ווערט באַ־נייט און אָפּגעפרישט ווען דאָס האַרץ, וואָס שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מאָמענט, נעמט ווידער קלאַפּן און האָפן און טרייבן צום לעבן.

און הערצל איז געווען דער, וואָס האָט אַריינגעהויכט אין אונזער פאַרטריקנטן גוף אַ נייע נשמה, מיט דעם, וואָס ער האָט נישט נאָר גערופן צו באַלעבן דאָס האַרץ, נאָר ער האָט געוויזן אַ וועג דערצו, אַ רעאַלן וועג, געבויט אויף גלויבן אין זיך און אויף אייגענע אָנשטרענגונגען און קרבנות.

ער האָט געוויזן אַ וועג פון משיחיזם אָן אַ מיסטישן משיח, אין וועלכן מען האָט אויפגעהערט צו גלויבן; ער האָט באַוויזן אַרויסצורופן אַ בענקשאַפט, וואָס געבוירט מעשים, — אַ נייע אַקטיווע בענקשאַפט, וואָס איז געווען אַ פולער קעגנזאַץ צו דער אַלטער, פּאַסיווער, מיט וועלכער אונזער לעבן איז געווען אַזוי פול, וועלכע האָט אונזער לעבן פאַרשענערט און קאָנסער־ווירט, אָבער ענדערן עס האָט זי נישט געקאָנט...

הערצל האָט דאָס באַוויזן פינף מינוט פאַר צוועלף...

ב.) די וויזיע — הערצל

1

ווען הערצלען האָט מען אַ סך געשריבן — אָדער ריכטי־קער: געשריען, — אָבער זיין געשטאַלט אין דער יידישער גע־שיכטע איז נאָך נישט געשטעלט געוואָרן אין דער געהעריקער ליכט.

ווען אַ גרויסער קינסטלער וואָלט וועלן פאַרקערפּערן די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק אויפן שוועל פון 20טן יאָרהונדערט, אויף דער שוועל פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג, וואָלט ער פאַר זיין ווערק קיין פולקאָמענערע געשטאַלט, ווי הערצל, נישט געקאָנט צוטראַכטן. סיי אַלע שטערנדיקע, צוריקהאַלטנדיקע, סיי אַלע פאָראויסטרייבנדיקע כחות פון יידישן פאָלק האָבן אין הערצלען זיך געקרייצט, געקומען ביי אים צום אויסדרוק אין משך פון זיין קורצן, אָבער גורלפולן פאַרבונדן זיין מיטן יידישן פאָלק.

הערצלס ציוניסטיש לעבן איז אַ וווּנדער, אָבער נאָך מער אַ טראַגעדיע, — צעשטערנדיק פאַר אים, פרוכטבאַר פאַרן פאָלק.

הערצלס נשמה איז געווען די אַרענע פון קאַמף צווישן דעם פאָלקס צוריקהאַלטנדיקע און פאָראויסטרייבנדיקע כחות. ער האָט אין דאָזיקן קאַמף פאַרשפּילט זיין לעבן, אָבער דעם פאָלק האָט דער דאָזיקער טראַגישער קאַמף דערנענטערט צו זיין גרויסן געווינס.

הערצל׳ס וועג צום ציוניזם איז דער וועג פון אַ פאָלק, מיט באַוווסטזיין־פאַרלוסט, צום ציוניזם.

*   *   *

ווען שטעקער, דער גרינדער פון דער עסטרייכישער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג, האָט גענומען האָבן דערפאָלג, האָט הערצל געשריבן:

„איך בין מודה, איך האָב געהאַט פאַרגעסן מיין יידנטום; איך בין געוואָרן אַ ייד פון שטעקערס גנאָד...״

דאָס פאָלקס־פּרעמדע, דאָס ווייטע פון באַוווסטזיין האָט זיך אין אים גענומען וועקן פון די מיסטישע טיפעניש, פון די יידישע קעמערלעך פון זיין געמיט און געקעמפט פאַר אַ ווידערגעבורט.

די דייטש־נאַציאָנאַלע סטודענטן, שטעקער, די דרייפוס־אַפּערע, — דאָס אַלץ זענען געווען אויסערלעכע רייצונגען, וואָס האָבן געוועקט אין אים עפּעס טיפס, פאַרשאָטנטס, וואָס הערצל האָט צוערשט נישט געוווסט, וואָס דאָס וויל האָבן פון אים.

און צוערשט איז זיין ציוניזם געווען א גויאישער, — א רעוואָלט פון דרויסן קעגן א שענדלעכער לאַגע, פון שטאַנדפּונקט פון א פרייען אייראָפּעער, אָבער דער דאָזיקער רעוואָלט ווערט אַלץ שטאַרקער און טיפער.

א רירנדער דאָקומענט דערפון איז זיין „בריוו צום יידישן פאָלק", וואָס איז געפונען געוואָרן צווישן זיינע פּאַפּירן נאָך זיין טויט.

„...פון אָנהויב בין איך געווען נאָר א יידנשטאַטלער (ד.ה. אים איז געגנוג געווען די אידעע פון א מלוכה פאַר יידן ווו דאָס זאָל נישט זיין. — י.ר.), — איך בין געוואָרן א חובב־ציון. נישטאָ פאַר מיר קיין אַנדער לייזונג פון דער גרויסער פאָלקס־פראַגע, וואָס הייסט יידן־פראַגע, ווי פּאַלעסטינע...

„עס זענען געווען מאָמענטן, ווען איך וואָלט געווען גע־קאָנט עפּעס אויפטאָן, ווען מיינע רופן וואָלטן נישט פאַרזונקען ווי די געשרייען פון שיף־ברוכיקע. מען האָט מיר נישט גע־גלויבט, און נישט געהאָלפן... היינט מוז איך זאָגן, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט מען אין פּאַלעסטינע גאָרנישט קאָנען מאַכן. ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט, בלייבט עס פאַר דער איצטיקער צייט א לעגענדע...

„וועט קומען צו א שפּאַלטונג, וועט מיין האַרץ בלייבן ביי די ציוניסטן, און מיין פאַרשטאַנד ביי די אַפריקאַנער... דאָס איז אַזא קאָנפליקט, וואָס איך קאָן אים לייזן נאָר דורך מיין די־מיסיע".

ער האָט אים געלייזט ראַדיקאַלער — דורך זיין טויט.

ער האָט אָנגעהויבן האַרמאָניש:

דער רעוואָלט פון געמיט איז געגאַנגען האַנט־ביי־האַנט מיטן פאַרשטאַנד: יידן מוזן אַרויס פון פאַרשקלאַפונג, — יידן מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד.

ער האָט זיך באַלד אַרומגעזען, אַז זיין געבאָט וועגן א יידישער מלוכה קאָן נישט אויסגעקריצט ווערן אויף א ליידיקן שטיין, — דער דאָזיקער געבאָט איז טיף איינגעקריצט אין יידישן געמיט, און איז פאַרבונדן מיט א קאָנקרעטן אָרט.

ווי טיף הערצל דריקט עס אויס:

„קעגן פּאַלעסטינע רעדט די נאָענטקייט פון רוסלאַנד און אייראָפּע, מאַנגל אין אויסברייט־מעגלעכקייטן, ווי אויך דער קלימאַט, פון וועלכן מיר האָבן זיך שוין אָפּגעוווינט; פאַר — די מעכטיקע לעגענדע".

דאָס איז די דערקענטעניש פון אַ קינסטלער, וועלכער ווייסט די קראַפט פון דער לעגענדע. און מיט דער דערקענטעניש פון קינסטלער באַנוצט זיך דער פּאָליטיקער, דער פּאָליטישער פירער פון אַ פאָלק.

אָבער אינגיכן זעט זיך הערצל אַרום, אַז די מעכטיקע לעגענדע ווירקט נישט נאָר ביים פאָלק, — זי זיצט טיף אין אים, און איינמאָל אָפּגעגראָבן — איז שוין נישט מעגלעך זי צו פאַרשיטן.

ווען דער פּאָליטיקער אָנערקענט די דיפּלאָמאַטישע מפּלה אין פּאַלעסטינע און וויל מיטן קאָפּ גיין קיין אַפריקע — דערוויילן! — געפינט ער זיך פאַרן אָפּגרונט פון אַ קאָנפליקט צווישן זיין קאָפּ און זיין האַרץ.

פון אַסימילאַציע צו נאַציאָנאַלן רעוואָלט; פון אַסימילאַציע איבער טעריטאָריאַליזם צו ציוניזם, — אָט די עטאַפּן פון אַ שטיק יידישער געשיכטע פון סוף 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט האָט הערצל דורכגעמאַכט מיט דער גרעסטער שאַרפקייט, — ווי דער גאַנצער געשיכטלעכער פּראָצעס וואָלט זיך קאָנצענטרירט אין אים אַלס פולקאָמענער קלינישער פאַל לטובת דער דערציאונג פון פאָלק.

* * *

און דאָ זיין קאַמף מיטן פאָלק, — נישט נאָר אויפן געביט פון פאָלקסווירקלעכן לעבן, נאָר אויך אויפן געביט פון זיין געמיט, פון זיין נשמה.

הערצל איז געווען אַ שטאָלצער מענטש. הגם ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ דייטש, פאַר אַ דייטש־נאַציאָנאַלן, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן וואָס די אונגאַרן היטן און פלעגן זייער שפּראַך און זייער נאַציאָנאַליטעט, דאָך איז ער אַרויסגעטראָטן פון דער דייטש־נאַציאָנאַלער סטודענטן־בורשנשאַפט, ווען זי האָט אַרויסגעוויזן אַנטיסעמיטישע טענדענצן.

הערצל האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין יידן, אָבער אויב די דייטש־נאַציאָנאַלע חברים האַלטן אים יאָ פאַר אַ יידן און באַליידיקן אים, האָט דער מענטש אין הערצלען שטאָלץ רעאַגירט.

און ווען ער האָט געוואָלט באַפרייען דעם מענטשן אין יידן (ווייל די אַנטיסעמיטן האָבן באַליידיקט, לויט זיין געפיל, נישט דעם יידן אינם מענטשן — ער איז דאָך נישט געווען קיין ייד דאָס צו פילן, — נאָר דעם מענטשן אינם יידן) האָט ער געקוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף די יידישע מאַסן: צי וועט, ער קאָנען דערוועקן אין די דערנידעריקטע יידן דעם שטאָלצן מענטשן?

ער שרייבט: „...זיי זענען געטאָ־נאַטורן, שטילע, בראַווע, שרעקעוודיקע. אַזוי זענען זיי אין דער מערהייט. צי וועלן זיי פאַרשטיין דעם רוף צו פרייהייט און צו מענטש־ווערן?"

הערצלס ווונש צו פרייהייט איז געווען געוואַלדיק ברענענדיק, ווייל ווי נאָר מען האָט אָנגערירט אין אים דעם מענטשן, האָט ער קיין אינהאַלט נישט געהאַט פאַר זיין שטאָלץ. אָבער די מזרח־יידן זענען זינט לאַנגע יאָרהונדערטער געוווינט געווען זיך אָנצושפּאַרן אויף זייער אינערלעכן יידן־שטאָלץ, ווען מען האָט אויסערלעך געדריקט זייער מענטש־ווירדע.

דאָס איז געווען אַ מעלה פאַר דער פעאיקייט פון די יידן צו לעבן אין גלות אַ פּסיכיש־געזונטן לעבן, אָבער דאָס איז גלייכצייטיק געווען אַ פעלער, ווען מען איז זיי געקומען באַפרייען: זיי האָבן זיך נישט געיאָגט צו דער באַפרייאונג, ווייל זיי האָבן נישט געפילט — אינערלעך — אַזוי שטאַרק דעם גלות־דרוק: זיי זענען צוגעוווינט געווען צו אים, זיי האָבן שוין געהאַט אויסגעאַרבעט אַן אינערלעכן קעגנדרוק.

ווי טראַגיש הערצל האָט איבערגעלעבט דעם לאַנגזאַמען אָפּרוף פון פאָלק אויף זיין רוף, קאָן מען זען פון אַן אַ שיעור באַמערקונגען אין זיינע טאָג־ביכער, בריוו א. א. וו. אָבער צום טראַגישסטן איז די אויפשריפט פאַר זיין אייגענער מצבה, וואָס מיר געפינען אין זיין טאָג־בוך: „ער האָט געהאַט אַ צו גוטע מיינונג וועגן די יידן".

דאָס איז נישט קיין אויפשריפט פון אַ אַנטווישטן פּאָליטי־קער, נאָר פון אַ אַנטווישטן משיח. ווייל הערצל איז געווען אַ משיח אין מאָדערנע באַדינגונגען, אָדער ריכטיקער: אַ מאָדער־נער פּאָליטישער פירער אַלס געהיימער משיח.

דער קומען זיינער צו אונז איז געווען דער עקסטאַטישער קומען פון אַ שלמה מולכו, אָבער אַנשטאָט וואָס שלמה מולכו האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם פּאָליטישן פירער ראובני, האָט הערצל־מולכו געטראָגן ראובני׳ן אין זיך.

דערפון זיין משיחישע אומגעדולד, וואָס פּאַסט נישט אַזוי פאַרן פּאָליטיקער.

* * *

הערצל איז געווען אַ נאַאיווער זשעני, ווי אַלע עקסטאַטי־שע גאונים. זיין נאַאיוויטעט אין די „טאָג־ביכער" איז פון אַזאַ פאַרנעם, אַז מיר בלייבן שטיין איבערראַשט פאַר דער דאָזיקער קראַפט פון נאַאיוון גלויבן, וואָס האָט אַזוי וואונדערלעך פאַר־שאָטן — נאָך דער גלויביקער ערד־ציטערניש! — זיין פריערדי־קע סקעפּסיס.

אָבער זיין גלויבן איז געווען נישט נאָר נאַאיוו: אומבאַ־ווּסטזיניק האָט פון אים אַרויסגערעדט די טיפערע אינערלעכע טויזנט־יאָריקע דערפאַרונג פון זיין פאָלק, וואָס האָט שוין אַ סך טרוימען געזען פאַרווירקלעכטע (און נאָך מער צערונענע).

שוין דעם 11טן דעצעמבער, 1896, פאַרשרייבט הערצל אין זיין „טאָג־בוך":

„איך גלויב נישט אין דער פאַרווירקלעכונג פונם געדאַנק, ווי איך האָב אים אָנגעצייכנט אין מיין בוך („יידנשטאַט". — י. ר.). אָבער איך גלויב, אַז די יידישע מלוכה וועט אַנטשטיין, ביי אַ טיילווייזן ווייטערבלייבן פון דער דיאַספּאָראַ, ווייל אין אַזאַ דיאַספּאָראַ לעבן איצט אַלע פעלקער".

דער טרוים, דער אור־אַלטער טרוים, וואָס האָט אויפסניי אַרויסגעשלאָגן מיט אַ ביישפּיללאָזער לונאַטישער זיכערקייט אין הערצלען, איז געוואָרן ווירקלעכקייט. אַנדערש, נאַטירלעך, ווי ער האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט: נישט מיט דער אידילישער הילף פון דער וועלט, ווי הערצל האָט זיך דאָס אידיליש פאָרגע־שטעלט (און אַזוי האָט געדאַרפט פאָראויסזען יעדער מענטש!),

נאָר קענן אַ גרויסער טייל וועלט־רשעות. די יידן האָבן זיך סוף־כל־סוף אַרויסגעשטעלט אַלס נישט קיין געטאָ־נאַטורן. און ער האָט זיך סוף־כל־סוף נישט אָפּגענאַרט אין די יידן (עס האָט אפילו נישט געדויערט לענגער, ווי ער האָט פאָראויסגעזען). אמת, עס איז שווער געווען אויפצוטרייסלען דאָס פאָלק, — מען קריכט נישט אַרויס אַזוי לייכט פון 19 יאָרהונדערטער גלות.

ווען הערצל וואָלט דערלעבט די היינטיקע צייט, וואָלט ער געווען אויסגעמעקט זיין פראָיעקטירטע מצבה־אויפשריפט: ער האָט אין יענעם מאָמענט געהאַט אַ צו־שלעכטע מיינונג וועגן די יידן.

ער איז געקומען צו אַן אָפּגעפּרעמדטן פאָלק (הגם צו זיין פאָלק) מיט אַ וויזיע, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז זי איז נאָר זיינע, אַ שפּאָגל־נייע, און האָט גערופן צום פאָלק, אין עקסטאַז פון דער התגלות: אויב דו וועסט וועלן, וועט עס נישט זיין קיין לעגענדע!

דאָס פאָלק האָט אין אים דערקענט איינעם פון אַ סך טרוימער, וואָס האָבן געטרוימט זיין טרוים, וואָס זענען געווען זיינע אומבאַוווסטזיניקע שליחים און האָט געהערט דעם רוף און געטראַכט וועגן די אַלע אויסגערונענע טרוימען: אַ באַגייסטערט קינד האָט זיך צונויפגעשטויסן מיט אַן אַנטוישטן זקן.

און דערפון די טראַגעדיע.

און דערפון דער וווּנדער איבער וווּנדער: דער אַנטוישטער זקן האָט גענומען גלויבן אין דער באַגייסטערונג, אין דער וויזיע פון קינד און האָט געוואָלט און די לעגענדע איז געוואָרן ווירקלעכקייט!

דער אַלטער, טויזנט מאָל אויסגערונענער טרוים האָט זיך באַנייט אין הערצלען, האָט זיך פאַרקערפּערט אין אים מיט אַזאַ לעבעדיקן פייער, מיט אַזאַ ברענענדיקער בענקשאַפט, מיט אַזאַ גלאַנץ, מיט אַזאַ קראַפט, אַז די אַנטוישונג און די סקעפּסיס זענען לאַנגזאַם דורכגעגליט געוואָרן דורך אַ נייעם גלויבן און אַ נייער וואַגעניש.

הערצל האָט נישט געשאַפן דעם ציוניזם, — ער האָט אָבער אין דער אַלטער בענקשאַפט אריינגעגאָסן יונגע זאַפטן, ער האָט

א טויטן פאַרמעגן פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקן.

הערצל האָט געזען די וויזיע פון אַ יידישער מלוכה, — אָבער פאַרן יידישן פאָלק איז ער, הערצל גופא, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויזיע, אין אַ געשטאַלט, לויט וועלכער דאָס לעבן פורעמט זיך איבער.

הערצל איז געווען די נייע לעגענדע, וואָס האָט געהאָלפן אַ טויזנט־יעריקע לעגענדע צו ווערן ווירקלעכקייט.

30 יולי, 1948.

.2

דער טאָג פון הערצלס טויט איז געווען אַן אמתער פאָלקס־טרויער: כמעט יעדער ייד — דער פאָלקס־מענטש ווי דער אינ־טעליגענט — האָט געפילט, אַז עפּעס איז אים אָפּגעשטאָרבן, אַז ער איז געוואָרן אָרעמער.

אין דאָזיקן געפיל צו הערצלען איז געווען אַן עלעמענט פון לעגענדע־שאַפונג. די פאַנטאַזיע פון פאָלק איז געפלעפט געוואָרן דורך זיין פּלוצלונגען קומען, ווי אַ פּרינץ פון אַ מעשהלע, ווי אַ ווייטער גאַסט פון דער לאַנג־פאַרגעסענער פאַרגאַנגענהייט, ווי אַ קרוב פון אַ דוד ראובני, פון אַ שבתי צבי. אָבער גלייכצייטיק איז געלעגן אין דעם עפּעס מער ווי די אָנגעצונדענע פאַנטאַזיע, ווי דער פאַנטאַסטישער מעשהלע־עלעמענט, — הערצל איז גע־ווען אַזוי באַליבט, ווייל ער איז געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון פאָלקס־געוויסן, וואָס וועקט, וואָס האָט אויפגעוועקט צו אַ ניי לעבעדיק לעבן די פאַרחלשטע געפילן און פאַרלאַנגען פון אַ פאָלק און זיי געגעבן כח צו פּרוּוון ווערן ווירקלעכקייט.

זייט יענעם טאָג פון פאָלקס־טרויער איז הערצל פון לע־גענדע־געביט אריבערגעגאַנגען אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. און ער פאַרנעמט דאָרט אַזאַ פעסטע פּאָזיציע, אַז מען קאָן באַטראַכטן זיין פּערזאָן און זיין דערשיינען און זיין ארבעט אַן דער קינסטלעך־אויפגעהאַלטענער פאַרנעפּלטער אַטמאָספער פון לעגענדע, פון פעלערלאָזן העלדן־עפּאָס.

הערצל האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ גרויסן מענטשן, מיט די פעלערן און שוואַכקייטן, וואָס זענען אייגן מענטשן, אָבער אויך מיט די מעלות און מיט דער גרויסקייט, וואָס זענען אייגן באמת גרויסע מענטשן.

און פון דעם קוק־ווינקל וויל איך אים קורץ באַטראַכטן.

* * *

די לעגענדע וויל האָבן (ווייל די לעגענדע דאַרף עס האָבן!), אַז הערצל איז געקומען צום יידנטום, צום ציוניזם, אינגאַנצן אומגעריכט, אין אַ מאָמענט פון אַ מין התגלות: ווען אין פּאַריז האָט מען, בעת דער דרייפוס־אַפּערע, געשריגן „אַ טויט די יידן!", איז געבוירן געוואָרן הערצל דער גרינדער פון פּאָליטישן ציוניזם.

דאָס איז זיכער קינסטלעריש עפעקטפול, אָבער עס שטימט נישט מיטן אמת. ווי כמעט אַלע אינטעלעקטועל־הויכשטייענדיקע און מאָראַליש־שפּירבאַרע מערב־אייראָפּעאישע יידן (אפילו די סאַמע אַסימילירטע, אפילו די דערפאָלגרייכסטע אין זייער קולטור־ווירקונג), האָט הערצל נישט איינמאָל שמערצלעך איבערגעלעבט די יידנפראַגע. אַלס סטודענט האָט ער, מיט פאַרוווּנדעטן אָבער לעבן־געבליבענעם שטאָלץ, געמוזט אַרויסטרעטן פון דער דייטש־נאַציאָנאַלער בורשענשאַפט, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן אַנטיסעמיטישע טענדענצן. ער, דער יידישער דייטש־נאַציאָנאַלער, האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס די דייטש־נאַציאָנאַלע חברים באַליידיקן אין אים דעם רודימענטאַרן ייד.

ניין, נישט דער דרייפוס־ענין האָט געצווינגען הערצלס אויפמערקזאַמקייט צו דער יידנפראַגע, — ער האָט אין פאַרשידענע צייטן געליטן פון איר אויך פריער, ווי ער דערציילט דאָס אליין אין זיינע „טאָגביכער": „צוערשט האָט מיך די יידנפראַגע ביטער געקרענקט. עס איז אפשר געווען אַ צייט, ווען איך וואָלט גערן אַנטלאָפן פון איר צום קריסטנטום, וווּ עס זאָל נישט זיין (פון אַ זאַך, וואָס מען פילט זי נישט, וויל מען נישט אַנטלויפן. — י.ר.). יעדנפאַלס זענען דאָס געווען אומבאַשטימטע פאַרלאַנגען פון אַ יוגנטלעכער שוואַכקייט.

אָבער די דאָזיקע אומבאַשטימטע פאַרלאַנגען פון שוואַכקייט זענען זייער כאַראַקטעריסטיש.

און דערביי זענען זיי גאָרנישט געווען אַזוי אומבאַשטימט און שאַטנהאַפט־פֿאַרבייגייענדיק: זיי האָבן אויך אָנגענומען די פֿאָרם פֿון אַ פֿעסטן קאָנקרעטן פּלאַן.

„מיט אומגעפֿער צוויי יאָר צוריק (פֿאַרן געבורט פֿון דער „יודענשטאַט"־אידעע.—י.ר.) האָב איך געוואָלט לייזן די יידן־פֿראַגע (לכל הפּחות אין עסטרייך) מיט דער הילף פֿון דער קאַטוילישער קירך. איך האָב מיך געוואָלט פֿאַרשאַפֿן אַ צוטריט צום פּויפּסט און זאָגן צו אים: העלפֿט אונז קעגן די אַנטיסע־מיטן, און איך וועל אָרגאַניזירן אַ גרויסע באַוועגונג פֿון פֿרייען און אָנשטענדיקן איבערגיין פֿון די יידן צום קריסטנטום".

דערביי איז אינטערעסאַנט נישט נאָר דאָס, וואָס דאַן שוין האָט הערצל געאַרבעט אין זיינע פּלענער מיט הויך־דיפּלאָמאַ־טישע מיטלען, נאָר אויך דאָס, וואָס ער, הערצל גופא, האָט געוואָלט באַגלייטן די יידן בלויז ביז דער שוועל פֿון דער קירך, אליין זי נישט אַריבערטרעטנדיק, כדי מען זאָל אים נישט חושד זיין אין פּערזענלעכע מאָטיוון, אַז ער וויל לייזן „אַנשטענדיק" די יידנפֿראַגע, כדי אַליין פּטור ווערן פֿון איר.

די דרייפֿוס־אַפֿערע האָט בלויז פֿאַרשאַרפֿט זיינע יידנליידן. און אָט אין דאָזיקן צושטאַנד פֿון פֿאַרשאַרפֿטער שפּירבאַרקייט, ווען דער אויפֿגערודערטער באַוווסטזיין האָט געשעפּט פֿון די טיפֿע קוואַלן פֿון אומבאַוווסטן, האָט הערצל באַזוכט דעם סקולפּ־טאָר בעער. זיי רעדן (ווי אָפֿט יידישע אינטעליגענטן אין מערב־אייראָפּע) וועגן דער אומפֿאַרמיידלעכער יידנפֿראַגע — און זיי קומען צום געדאַנק, אַז „עס נוצט נישט דעם יידן צו זיין אַ קינסטלער און געלט־ריין. די קללה ווייכט סיי ווי נישט פֿון אים. מיר קאָנען נישט אַרויסגיין פֿון געטאָ. איך האָב מיך שטאַרק אויפֿגערעגט ביים רעדן און אַוועקגייענדיק האָט עס אין מיר נאָך געגליט". און אָט דער שמועס איז—לויט הערצלס „טאָגביכער" — געווען דער לעצטער שטויס, וואָס קריסטאַלי־זירט אַ מאַסע, וואָס איז צוגעגרייט צום קריסטאַליזירונגס־פּראָ־צעס פֿון לאַנג. דאַן, אויפֿן וועג אַהיים פֿונם סקולפּטאָר בעער, האָט אין הערצלען אויפֿגעבליצט דער פּלאַן פֿון „יידנשטאַט" און אין דריי וואָכן האָט ער דאָס אָנגעשריבן, ווי אין אַ טראַנס.

מינערווא איז נישט אַרויסגעשפּרונגען פון יופּיטערס קאָפּ אַ פּאַרטיקע, — אָבער דאָך ווערט דער וואונדער נישט קלענער (הגם רעאַליסטישער). אַזעלכע געפילן און געדאַנקען, ווי הערצל, האָבן געהאַט טויזנטער פּיינגערוויקע יידן־שריפטשטעלער און קינסטלער אין מערב־אייראָפּע, אָבער בלויז אין הערצלען האָבן זיי דערפירט צו אַן אויסברוך פון אומדערהערטער קראַפט און דויערהאַפטיקייט. בלויז ביי הערצלען האָבן זיי דערפירט צו אַ פולשטענדיקער ענדערונג נישט נאָר פון זיין געדאַנק און באַוווסטזיין, נאָר אויך פון זיין ווילן און לעבנס־שטייגער. אָט אין דעם באַשטייט דער נס.

און הערצל אליין האָט עס גרויסאַרטיק געוווסט און אויסגעדריקט אין זיינע רייכאינהאַלטיקע „טאָגביכער".

„ווי אַזוי איך בין געקומען פון די ראָמאַן־אידעען (הערצל האָט צוערשט געוואָלט, אַלס עכטער שריפטשטעלער, אָפּרעאַגירן זיינע געפילן און געדאַנקען אין אַ ראָמאַן. — י.ר.) צו די פּראַקטישע אידעען, איז שוין איצט פאַר מיר אַ סוד, הגם דאָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ערשט אין די לעצטע וואָכן. דאָס קומט פאָר אין אומבאַוווסטזיין".

הערצל האָט איבערגעלעבט אַן איבערקערעניש, וואָס איז גרינטלעך, ווי ביי רעליגיע־גרינדער. און אָט אין דעם איז דער הערצל־נס. די ראָמאַן־אידעע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליטישער טאַט. דער ראָמאַן איז געקומען, אָבער נישט אויפן ערשטן פּלאַן, נאָר אויפן צווייטן.

* * *

אחד העם, הערצלס פּרינציפּיעלער קעגנער אין ציוניזם גופא, האָט שוין אויפגעוויזן, אַז נישט הערצל איז געווען דער גרויסער טעאָרעטישער באַגרינדער פון פּאָליטישן ציוניזם, נאָר דר. לעאָ פינסקער; אַז הערצל איז געווען דער גרויסער פּראַקטיקער פון פּאָליטישן ציוניזם.

אָבער דער דאָזיקער מענטש איז געווען גלייכצייטיק אַ טרוימער; דער דאָזיקער ווילנס־מענטש האָט געהאַט נישט נאָר אַ גרויסע פאַנטאַזיע, נאָר איז אויך געווען אַ פאַנטאַזיאָר; און דער דאָזיקער הויך־דיפּלאָמאַט איז געווען נאַאיוו, ווי אַ קינד, ווי אַ דיכטער.

און קיינמאָל האָבן זיך די דאָזיקע קעגנזעצלעכע אייגנ־שאַפטן זיינע נישט אויסגעמישט אינאיינעם אין אזא מאָס, ווי אין די ערשטע חדשים פון זיין ניי־געבורט. דער שטורעם פון עקסטאַז און אינספּיראַציע האָט געפּייטשט זיין ווילן און זיין פאַנטאַזיע, זיין דיפּלאָמאַטישע קאָמבינאַציע־פעאיקייט און זיין טרוים־געניינגטקייט, זיין באַוווסטזיניקן גלויבן און זיין נאַאי־וויטעט, וואָס דערגייט ביז אראגאנץ (ווי אין די היסטאָרישע בריוו צום באַראָן הירש).

הערצלס „טאָגביכער" זענען נישט נאָר אַ וויכטיקער היס־טאָרישער דאָקומענט, — זיי זענען אויך אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטער פּסיכאָלאָגישער דאָקומענט, אָדער ווי מען רופט עס „אַ מענטשלעכער דאָקומענט".

די דאָזיקע „טאָגביכער" זענען אַ פאַנטאַסטישע לעקטור! זיי פאַרמאָגן אַן אייגנאַרטיקן רייץ, אַ שאַרפן איידעלן אַראָמאַט.

„לייענען דניאל דעראָנדאַ", געפינען מיר אַ לאָקאַנישע באַ־מערקונג אין די טאָגביכער. דער ווילנס־קריסטאַליזאַטאָר פון דער טויזנטיאָריקער ציוניסטישער אידעע זוכט אין דזשאָרזש עליאָטס ציוניסטישן ראָמאַן אַ באַשטעטיקונג פאַר זיין אידעע. הערצל איז געקומען צום ציוניזם נישט נאָר נישט קענענדיק פּינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציע" (נישט קענענדיק בכלל דעם אינהאַלט און די געשיכטע פון יידישן געזעלשאַפטלעכן גע־דאַנק), נאָר נישט קענענדיק אפילו עליאָטס איידעלן יידישן ראָמאַן.

זייט ביי זייט מיט ערנסטע באַטראַכטונגען וועגן ציוניסטי־שע פּלענער, געפינט מען באַמערקונגען פון אַ פרייען טרוימער: „מיר וועלן וואַרשיינלעך נאָכקאָפּירן די קאָנסטיטוציע פון ווענעציע".

הערצל געפינט זיך נאָך אין פּעריאָד פון שעפערישן נעפּל, וואָס דאַרף ערשט געבוירן אַ ניי פאָלק, אָבער דערווייל איז עס נאָך בלויז כאַאָס און נעפּל, און ער באַרוישט זיך שוין מיטן געדאַנק וועגן קאָפּירן די קאָנסטיטוציע פון ווענעציע. ער קאָפּירט שוין די קאָנסטיטוציע פון אַ פאַרשוווּנדענער רעפּובליק, פאַר אַ רעפּובליק, וואָס עקזיסטירט נאָך נישט. דער רעאַלער פּאָליטיקער קעמפט נאָך ביי אים מיטן ראָמאַניסט און דער דאָ־

זיקער קאמף איז כאראקטעריסטיש פארן גאנצן ערשטן — און וויכטיקסטן פון שטאנדפונקט פון מענטשלעכן דאקומענט — באנד פון די „טאגביכער".

אבער ער טראכט נישט נאר וועגן א קאנסטיטוציע, ער זארגט אויך, אז אין נייעם יידישן לאנד זאל זיין ווו צו פארברענגען, און ער פארצייכנט אין „טאגבוך": „דייטשער טעאטער, אינטערנאציאנאלער טעאטער, אפערע, אפערעטקע, צירק, קאפע־קאנצערט, קאפע שאנס עליזיי"...

אפילו וועגן „קאפע שאנס עליזיי" פארגעסט ער נישט, אבער וועגן א יידישן טעאטער פארגעסט ער, ווייל ער קען נאר אזעלכע יידן, ווי ער, וואס זיי איז נויטיק א דייטשער טעאטער, אן אינטערנאציאנאלער טעאטער, אבער נישט קיין יידישער.

אחד העם האט הערצלען דעריבער באקעמפט, ווייל ער האט אים אין געביט פון זיין, אחד העמ'ס, ציוניסטישער אידעע, געפילט ווי א גויאישן פרעמד־קערפער. אבער הערצל איז פסיכאלאגיש געווען ריין ווי א קינד: ער האט געוואלט מלוכהש באפרייען די יידן, וועלכע ער האט געקענט.

„בכלל זען צו געווינען דעם גאנצן קלער" (די כלי קדש). א באמערקונג פון א קאלט־בלוטיקן, כמעט ציניש ן דיפלאמאט, וואס רעכנט זיך בלויז מיט כחות, ווי מיט שאך־פיגורן. אבער גלייכצייטיק שטויסט מען זיך אן אויף א זאץ: „דער ערשטער סענאטאר וועט זיין מיין פאטער"... און דער אויסגערעכנטער דיפלאמאט ווערט א שפילנדיק גרוים קינד, וואס זעט זיין פאטער אלס ערשטן סענאטאר, וואס זעט גענוי דאס בילד פון קרוינען דעם דאזש (אויב קאפירן א קאנסטיטוציע פון ווענעציע, איז אויך דעם דאזש!), און דער דאזש און דער קאנצלער און דאס, וואס איז עפעס ענלעך צו א דיקטאטאר, איז ווארשיינלעך הערצל אליין (אין טרוימענדן צושטאנד קאן דאס גאר אנדערש נישט זיין!), ווייל „פאר מיין פערזענלעכער זיכערקייט וועט דארפן זארגן א גוט אנגעפירטע געהיים־פאליציי".

נישט אומזיסט שרייבט הערצל אין „טאגבוך" — „מיין פלאן איז מיר ווידער פארגעקומען ווי משוגע... ווי נאר איך הויב אן צו ספקן, ווער איך גראטעסק"...

ער, דער פיינער פּסיכאָלאָג, האָט דאָס גוט געשפּירט. ווען ער וואָלט צוגעגאַנגען צו זיין פּלאַן בלויז מיט ניכטערער לאָגיק, בלויז מיט הערשאַפט פון שכל (וואָס זענען דאָ אין די טאָגביכער), וואָלטן אים קיין שום ספקות נישט געמאַכט גראָטעסק, — העכסטנס טראַגיש. אָבער גראָטעסק ווערט אַ מענטש, ווען ער הויבט אָן ערנסט צו ספקן אין אַ מעשהלע, וועלכע ער וועבט אליין אויס.

און הערצל וועבט אַ מעשהלע אויף דער קאַנווע פון אַ לאָגישן, שכל־הישרדיקן פּלאַן. ער זעט גאָרנישט די ווירקלעכקייט — ער לעבט אין טראַנס. און ער זעט ווי זיין פּלאַן ווערט לייכט פאַרקערפּערט, און ער טרוימט וועגן די קלענסטע פּרטים.

„כדי צו האָבן אַן אָנזען ביי די קעניגלעכע הויפן, מוז איך האָבן די העכסטע אָרדענס"... נישט ווילנדיק קומט אויפן זינען דוד הראובני, וועלכער איז געקומען מיט אָרדענס, מיט פענער. אָבער אין דער דאָזיקער קינדישער פאַנטאַזיע ליגט דאָס דיפּלאָמאַטיש צוועקמעסיקע.

און אָט די ביידע כחות, דאָס לאָגיש־ראַציאָנעלע און דאָס פאַנטאַסטיש־איראַציאָנעלע, בינדן זיך ביי הערצלען באַזונדערס ווילד און פאַנטאַסטיש אין די „טאָגביכער", אין די דאָזיקע דאָקומענטן פון ערשטן פּעריאָד, ווען דער היסטאָרישער הערצל איז פאָרמירט געוואָרן.

און אָט די קאָנטראַסטן פון „מענטשלעכע דאָקומענטן" זענען ממש קאָפּשווינדלענדיק. אָט האָט איר אַ וואונדערבאַרע פאָרמולירונג פאַרן שפּעטערדיקן קאָנפליקט אוגאַנדע־פּאַלעסטינע אויפן זעקסטן קאָנגרעס.

„קעגן פּאַלעסטינע רעדט די נאָענטקייט פון רוסלאַנד און אייראָפּע, מאַנגל אין אויסברייט־מעגלעכקייטן, ווי אויך דער קלימאַט, פון וועלכן מיר האָבן זיך שוין אָפּגעוווינט; פאַר — די מעכטיקע לעגענדע". ווי קורץ און דאָך פולקאָמען אויסגעדריקט!

אָבער גלייכצייטיק גלויבט ער נישט נאָר, אַז ער איז אַ צווייטער — און נאָך גרעסערער! — משה, נאָר אויך — אַז איינס צוויי האָט ער שוין אַן אַרמיי, און אַ קריגס־פּלאַט, וואָס זענען פעאיק צו אַקציע.

און דאָס אייגנאַרטיקסטע פון דאָזיקן געמיש באַשטייט אין דעם, וואָס הערצל האָט, נאַטירלעך, אַליין געפילט ווי דער כאַאָס ברויזט און קנוילט זיך אין אים.

„יוליוס באוער, דער דירעקטאָר פונם נאַציאָנאַל־טעאַטער (פון דייטשן, נאַטירלעך, — י.ר.) פאָרט מיט אויף דער שיף פון מיין פאַמיליע (אויפן וועג צום יידן־לאַנד — י.ר.), כדי צו אַמוזירן אונטערוועגס מיינע עלטערן... (אַך, גאָט! פאַרן ראָמאַן איז דאָס אַ זייער שיין קאַפּיטל, אָבער ווען דאָס וועט ווערן ווירקלעכקייט, ווער וועט נאָך דאַן לעבן פון די פּאַסאַזשירן, וועלכע איך טרוים מיר איצט אויס?)".

מען הערט אין דאָזיקן אייגנאַרטיקן געמיש פון ווירקלעכקייט און טרוים אַ זיפץ פון אַ טרוימער, וועמען עס איז שווער דאָס שיידן זיך מיטן טרוים, כדי צוצוטרעטן פאָרמירן די ווירקלעכקייט.

און הערצלס אייגנאַרטיקע, זעלטנאַרטיקע דערשיינונג באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס דער ווילן צו טאַט, צו ווירקלעכקייט האָט גענומען אויבערהאַנט איבערן שטאַרקן, קיינמאָל אינגאַנצן נישט אָפּגעטויטן דראַנג צו טרוים, צו דיכטערישער פאָרמירונג.

און דער דאָזיקער אַרויסגעהערטער זיפץ באַקומט זיין פאָרמולירונג אין די אַלזייטיקע „טאָגביכער" (אַלזייטיק, ווייל זיי גיבן דאָך הערצלען אינגאַנצן, ווי ער איז געווען):

„געוויסע זאַכן אין די דאָזיקע נאָטירונגען וועלן פאָרקומען לעכערלעך, איבערגעטריבן, משוגע... קינסטלער וועלן עס פאַרשטיין, פאַרוואָס איך, הגם איך בין בכלל ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, לאָז ווובערן צווישן מיינע פּראַקטישע, פּאָליטישע און געזעצגעבערישע איינפאַלן (ווי גרינעם גראָז צווישן ברוקשטיינער) די איבערטרייבונגען און טרוימען. איך האָב נישט געטאָרט ארונטערלאָזן זיך בלויז צום ניכטערנעם. דער דאָזיקער לייכטער רויש איז געווען נויטווענדיק. יאָ, קינסטלער וועלן דאָס גוט פאַרשטיין. אָבער עס זענען דאָ אַזוי ווייניק קינסטלער".

הערצל באַמערקט דעם געמיש אין זיינע „טאָגביכער" און ער זוכט פאַר דעם אַ דערקלערונג. און ער זוכט פאַרשטענדניש ביי די קינסטלער. און ער האָט גוט געטאָן. איז דאָך דער גאַנ־

צער געמיש אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס הערצל איז געווען אַ קינסטלער, און דער קינסטלער אין אים האָט געקעמפט פאַר זיין לעבן, און נישט געוואָלט אָפּטרעטן דעם וועג דעם פּאָליטיקער. און הערצל האָט געפילט, אַז ער טאָר נישט אָנווענדן געוואַלט, — אַז ער מוז פאַרזיכטיק אַנטווינען דעם קינסטלער.

„דאָס וואָלט געווען אַ צוואַנגס־פאַרשטעלונג — באַמערקט הערצל אין אַ מאָמענט פון קלאָרזעעודיקייט, — ווען דאָס זאָל נישט זיין פון אָנהויב ביזן סוף אַזוי שכל־הישרדיק...

„אַזעלכע צושטאַנדן פלעגט מען אין אַן אַלטן אויסדרוק־אופן רופן: אינספּיראַציע!"

הערצל האָט דאַן, בעת זיינע ציוניסטישע געבורט־ווייען, איבערגעלעבט די גרעסטע אינספּיראַציע פון זיין לעבן.

אויך אַלס קינסטלער.

יולי, 1944.

מידת הדין און מידת הרחמים

(אַ בילד פון מיינע עלטערן)

אַמאָל, אַז מען פלעגט פאַרלירן אַזעלכע עלטערן, פלעגט עס זיין, דער עיקר, אַ פּערזענלעכער פאַרלוסט, און אינם טרויער פלעגט זיך באַטייליקן דער דירעקטער קאָלעקטיוו, — דאָס שטעטל, די שטאָט, וואָס פלעגט פאַרלירן אַ ווערטפולן מיטגליד פון דער קהלה, פונקט ווי די קינדער — אַ טאַטן, אַ מאַמען.

היינט אָבער, אַז עס גייט אַוועק אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע, וואָס זענען אַ פּראָדוקט פון הונדערט דורות יידישער קולטור, איז דאָס אַ פאַרלוסט אַ נאַציאָנאַלער: זיי זענען אַזוי ווייניק געבליבן... און קיין פרישע וואַקסן נישט אונטער, — דער וואַלד איז צו גרינטלעך אויסגעהאַקט, ממש אויסגעקאָרטשעוועט, צע־אַקערט...

מיין מאַמע ז"ל האָט געהאַט די זכיה צו שטאַרבן נישט נאָר מיט אַ נאַטירלעכן טויט, נאָר זי האָט נישט געהאַט דורכ־צומאַכן די ביטערע יאָרן אַפילו פון דערווייטנס.

מיין פאָטער ז״ל איז אויך געשטאָרבן מיט א נאַטירלעכן טויט, אָבער שוין נאָכן אויסטרינקען דעם גאַנצן ביטערן כוס פון דערוויטנס, אין ירושלים.

פון תמיד א שוויגער, האָט ער אין די דאָזיקע יאָרן אויך געשוויגן, אָבער וויפל האָט ער זיך אויסגעפייניקט אין די דאָזיקע יאָרן, ווען זין און טעכטער, איידעמס און שניר, אייניקלעך, א שוועסטער און פּלימעניקעס, א גאַנצער וואַלד קרובים און כל ישראל (וואָס פאַר אים איז דאָס נישט געווען סתם א וואָרט) האָבן געברענט אין די קאַלך־אויוונס!

עס איז קורץ נאָך זיין טויט, און עס ווילט זיך געבן כאָטש א שטיקל בילד פון מיין טאַטן — און פאַר איינוועגס — פון מיין מאַמען, וואָס אין זיי האָבן זיך אזוי בולט פאַרקערפּערט און אזוי פול זיך אויסגעלעבט די בעסטע טראַדיציעס און דורך דורות און דורות קולטיווירטע אייגנשאַפטן פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן.

ווען איך טראַכט וועגן מיין פאָטער און וועגן מיין מוטער, קומט מיר שטענדיק אויפן געדאַנק: „מידת הדין און מידת הרחמים״.

איך וויל דערמיט נישט זאָגן, אַז מיין פאָטער ז״ל האָט נישט פּראַקטיצירט קיין רחמים, אָדער אַז מיין מוטער ז״ל האָט נישט געהאַלטן פון קיין דינים; איך וויל אָבער דערמיט זאָגן, אַז ווען רחמנות פלעגט זיך שטעלן אין וועג פון א דין, פלעגט דער פאָטער אונטערדריקן דעם רחמנות, בעת די מוטער פלעגט גערן פאַרקוקן אויף א דין, ווען ער פלעגט זיך שטעלן אין וועג דעם רחמנות.

מיין פאָטער — ר׳ אברהם ב״ר משה הכהן ראַפּאָפּאָרט

ר׳ משה הכהן ראַפּאָפּאָרט איז אין ביאַליסטאָק געווען א שם דבר. א נגיד און א למדן, א ירא שמים און א הדרת פנים.

אין זיין קליינעם מויערל, פונקט קעגנאיבער דעם באַרימטן ביאַליסטאָקער שטאָט־זייגער, האָט ער געהאַט א צוקער־

הורט־קראָם,—ווו דער אָנגעשטעלטער איז געווען אַ ייד אַ חסיד (דער זיידע איז געווען אַ מתנגד), ר׳ דוד, פון יענע חסידים, וואָס איז מיטן בעל־הבית געווען אין די זעלבע באַציאונגען, ווי דער חסיד מיטן גביר אין פּרצ׳עס „הכנסת כלה״.

און אויפן הויף ביי אים האָט געוווינט נאָך אַ חסיד, מיטן מאָדנעם פאַמיליע־נאָמען פּיניאַק, וואָס האָט אפשר נישט געהאַט קיין שייכות צום געשעפט, אָבער צו די פּורימדיקע סעודות האָט ער זיכער געהאַט אַ שייכות.

אַ חוץ דעם מויערל, זענען אונז טאַקע געבליבן בירושה אויך דיביידע חסידים, וואָס פלעגן אַ גאַנץ יאָר זיין גוטע פריינד, כמעט משפּחה־מיטגלידער, אָבער פּורים פלעגן זיי קערן וועלטן. זיי פלעגן אַראָפּקומען מיט זייער גאַנצער חברותא און מיר, קינדער, פלעגן מיט שטוינונג צוקוקן, ווי צווישן איין פלאַש בראַנפן און דער צווייטער, טרינקען זיי אויס אַ סאַמאָ־וואַר נאָך אַ סאַמאָוואַר, — מיר פלעגן אָנציילן אויף יעדנס חלק צו 15־18־22 גלעזער טיי!

און אונזער שטוב איז נישט געווען ביי זיי די ערשטע, און אויך נישט די לעצטע.

ווען מיר פלעגן זיך וואונדערן און רעדן וועגן דעם נאָך פּורים, פלעגט מען אונז דערציילן וועגן אַמאָליקע פּורימס ביים זיידן ע״ה, וואָס דאָרט פלעגט זיך אָפּטאָן און וואָס אָט דער ר׳ דוד, דער הויכער, מעכטיקער חסיד, און פּיניאַק פלעגן אָפּקאָ־מאַנדעווען. (איך געדענק נאָך די טראַגעדיע פון דאָזיקן ר׳ דוד, ווען די איינציקע טאָכטער פון זיין איינציקער טאָכטער, האָט חתונה געהאַט אין גראָדנע פאַר אַ בונדיסט!).

דאָס איז אָבער ניט געווען פאַר מיין געדענקען; איך געדענק בלויז עטלעכע פּסחדיקע סדרים ביים זיידן, מיט די 5 רובלדיקע גאָלדשטיקלעך פאַרן גנבענען דעם אפיקומן אָדער פאַר פרעגן די קשיות (איך מיטן ברודער אליהו פלעגן זיך איינטיילן מיט די פאַרדינסט־מעגלעכקייטן); איך געדענק אויך דעם זיידן אַ פאַראַליזירטן, ווי ער זיצט אין ביאַליסטאָקער וואַלד מיט אַ ספר אויף די קני און מען פאָטאָגראַפירט אים — אָן זיין וויסן, נאַ־טירלעך,—לויט דער פאַרשווערונג פון זיין געבילדעטער, פעסט־

כאַראַקטערדיקער טאָכטער יענטע גאָלדבערג, די באַקאַנטע ציו־ניסטישע טוערין אין ביאַליסטאָק.

מיין פאָטער האָט באַקומען בלויז אַ רעליגיעזע דערציאונג, אָבער ער פלעגט קויפן שפּראַך־מעטאָדעס און אָן קיינעמס הילף זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן רוסיש, פּויליש (אַ זעלטנקייט דאַן אין ביאַליסטאָק; ווען די פּאָליאַקן האָבן איבערגענו־מען די שטאָט אין 1918, האָבן זיי אים פאַרגעלייגט אַ הויכע שטעלע אין דער אָרטיקער „באַנק פּאָלסקי", ווייל ער איז דאַן גע־ווען איינער פון די געציילטע גוטע בוכהאַלטאָרן און אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן אין שטאָט, וואָס האָט געקאָנט פּויליש), דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. עטלעכע שפּראַכן האָט ער אויך געקאָנט רעדן.

מיין פאָטער איז געווען אויסטערליש־שיין. דער באַוווּסטער שרייבער ש. סטופּניצקי, אַ ביעלסקער, פלעגט מיר אָפט אָנכאַפּן אין ליטעראַטן־פאַראיין אין וואַרשע, און דערציילן ווי מיין פאָ־טער האָט אויסגעזען דאַן, ווען ער איז אַראָפּגעקומען קיין ביעלסק, אַלס אַכצניאָריקער איידעם פון ר' יעקב מאיר לערינ־מאַן.

ווען ער פלעגט דורכגיין די גאַס, — פלעגט סטופּניצקי דערציילן, — דאָס שיינע, מילך־ווייסע פּנים איינגעראַמט אין שוואַרצן בערדל, שלאַנק, מיט די אויסגעפּוצטע שטיוועלעך, פלעגן זיך אַלע שפּיגלען אין אים, אין ערשטן איידעם פון ר' יעקב מאיר לערינמאַן.

„און ווען ער פלעגט טאָג־טעגלעך קומען אין בית־המדרש לערנען, פלעגן די יינגערע, ווי איך, למשל, — נישט אַראָפּ־נעמען די אויגן פון אים. און די עלטערע פלעגן זיך ממש בענטשן מיטן דאָזיקן יונגן הדרת־פּנים און גוטן לערנער".

און סטופּניצקי פלעגט צוגעבן, מיט זיין אונטערן־וואָנסע־שמייכעלע:

— אַי, ווען אייער ביעלסקער זיידע זעט אייך דאָ זיך אַרומדרייען אויף טלאָמאַצקע 13...

— אַ שיינער תכלית געוואָרן...."

מיין פאָטער, ווי ער פלעגט אַליין זאָגן, איז נישט געווען קיין מתמיד, און די לעצטע 30 יאָר פאַרן פאָרן קיין אַרץ־

ישראל, האָט ער בכלל זייער זעלטן געלערנט, שלעפּנדיק דעם עול פון פּרנסה, אָבער אַז מען פלעגט דאַרפן אויפזוכן עפּעס אין תּלמוד, איז געווען אים אַ פּרעג טאָן, ער זאָל בליץ־שנעל צוגיין צו דער ספרים־שאַפע, אַרויסנעמען מיט זיכערקייט אַ מסכתא און אויפמישן די געזוכטע שטעלע.

וויפיל מאָל דאָס איז געשען אין מיין אָנוועזנהייט, האָט ער קיין איין מאָל נישט באַדאַרפט אַרויסנעמען אַ צווייטע מסכתא.

מיין פאָטער האָט געהאַט אַן אינטערעס אויך צו וועלטלע־כע לימודים. זייט ביי זייט מיט דער ספרים־שאַפע, איז ביי אונז געשטאַנען אַ שאַפע מיט דייטשע, ענגלישע און פראַנצויזישע ביכער (קיין רוסישע און פּוילישע נישט). דאָס זענען געווען כמעט אַלע וויכטיקסטע קלאַסיקער אין אָריגינאַל: שעקספּיר, וואָלטער, שילער, מאָנטעסקיע, און בערנשטיינס נאַטורוויסנ־שאַפט און אַן אַ שיעור אַנדערע. דאָרט זענען אויך געווען תנ״כ׳ן אויף דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש (אויף זיי האָט זיך דער פאָטער איינגעאיבט אין די שפּראַכן). אָפט פלעגן יונגעלייט קומען לייען ביים פאָטער ביכער. באַזונדערס אָפט פלעגט קומען דער שפּעטערדיקער איבערזעצער מאַרק ראַ־קאָווסקי, וועלכער האָט דאָן געלערנט שפּראַכן.

מיין פאָטער האָט געהאַט אויפן קאָפּ אַלע דאַטעס פון דער וועלט־געשיכטע. מאַטעמאַטיק איז געווען זיין ליידנשאַפט, און ער איז געווען אַ גוטער מאַטעמאַטיקער.

אַ פראַנצויזישער מאַטעמאַטיקער האָט געלאָזן בירושה אַ בוך, וואָס האָט געהאַט אויף די מאַרגינעזן אַ באַמערקונג, אַז ווען ער האָט צייט און פּלאַץ, וואָלט ער געווען געלייזט די פּראָב־לעם פון דער קוואַדראַטור פון קרייז.

אַ פראַנצויזישע אַקאַדעמיע האָט אויסגעשריבן אַ פּרייז פון הונדערט טויזנט פראַנק פאַר לייזן די פּראָבלעם, וואָס דער באַרימטער מאַטעמאַטיקער האָט נישט געלייזט בלויז צוליב די... קליינע בוך־מאַרגינעזן.

געדענק איך ווי גאַנצע נעכט פלעגט דער פאָטער זיצן און באַדעקן אומצייליקע פּאַפּירן מיט מאַטעמאַטישע פאָרמולעס און די קאָרעספּאָנדענץ מיט פּאַריז האָט געבליט אַ לאַנגע צייט...

און אין שטוב האָט געהערשט אַ שטימונג פון שרעק פאַרן פאָטער, וועלכער אַרבעט אַ גאַנצן טאָג און שלאָפט נישט גאַנצע נעכט.

נאַטירלעך: מיין פאָטער האָט די פּראָבלעם פון קוואַדראַטור פון קרייז נישט געליזט (פּונקט ווי אַנדערע האָבן זי נישט געלייזט), אָבער די מעגלעכקייט פון פּרוון זי לייזן באַווייזט ווי שטאַרק ער איז געווען אין מאַטעמאַטיק.

ווי מען זעט, האָט מיין פאָטער געהאַט אַ געוויסע ענלעכקייט מיט אַ סך אַנדערע משכילים: אליין זיך אויסגעלערנט שפּראַכן, זיך איינגעשאַפט די אייראָפּעאישע קלאַסיקער, געקאָנט געשיכטע, מאַטעמאַטיק, אויסגעשריבן פראַנצויזישע און ענגלישע צייטונגען *). אָבער כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס די דאָזיקע „השכלה" האָט אויף קיין האָר נישט באַווירקט זיין פרומקייט. די השכלה האָט נישט נאָר אים נישט אָפּגעריסן פון טראַדיציאָנעלן שטייגער לעבן, נאָר זי האָט לחלוטין נישט באַווירקט זיין טיפן גלויבן, זיין עכטע פרומקייט.

---

*) איך געדענק: אין אַ צייט, ווען איך בין געווען אינגאַנצן אונטערן איינפלוס פון דער לעגענדע פון ווילנער גאון, און נישט געוואָלט לערנען קיין רוסיש, בין איך געקומען אין שטוב און געטראָפן ביים טיש אַ גאַנצע חברותא. בראש איז געזעסן דער פאָטער, געהאַלטן אַ פראַנצויזישע צייטונג און דערציילט עפּעס און געלאַכט (ער האָט ליב געהאַט אַ וויץ, אַ גלייכוואָרטל). איך בין געוואָרן פול צער און צאָרן: דער טאַטע לייענט פראַנצויזיש און שפּאַסט, און וואָס זאָגט דער ווילנער גאון?!

איך בין אריין אין מיין קינדער־צימער, זיך געלייגט שלאָפן. ווען מיין מוטער איז אריין, מיך צוגעדעקט און געזאָגט „אַ גוטע נאַכט", האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און געפרעגט: ווי אַזוי קאָן דער טאַטע לייענען גויאישע צייטונגען און שפּאַסן?

זי האָט גליקלעך אַ שמייכל געטאָן, זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון בעטל, אַ קוש געטאָן מיר אין שטערן און געזאָגט: „קינד" און עפּעס געגעדט אַזוי ווייך און קלוג, ביז איך בין איינגעשלאָפן אַ גליקלעכער, אַן איבערגעבעטענער מיטן פאָטער.

איך האָב זעלטן געזען אַזאַ רעליגיעזיטעט, ווי ביי מיינע עלטערן: זי האָט דורכגעדרונגען יעדע טאָט זייערע, פון דער גרעסטער ביז דער קלענסטער. דערביי האָב איך קיינמאָל נישט געפילט אין שטוב די שווערע אַטמאָספערע פון „וצדקתך".

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן (ווי קאָן מען דאָס גאָר פאַרגעסן?) די שטימונג אין שטוב, ווען דער טאַטע ז"ל פלעגט בענטשן די קינדער פאַרן גיין צו דער „תפלה זכה" אין שול אַריין. ווי שטיל און פשוט, — אָן שום טעאַטראַלישקייט, — ער פלעגט אַרויפלייגן די הענט אויף אונזערע קעפּ און קורץ בענטשן, מער אין זיך, ווי אויפן קול. די אויגן זיינע אין דאָ־זיקן מאָמענט פלעגן זיין קלאָר, ווי די תפלה זכה אַליין,—צוויי תפלות האָבן געקוקט אויף אונז און זיין מויל, געריייניקט צום תענית און צו תפלה, האָט געשעפּטשעט צו גאָט, וואָס איז פאַר אים געווען נענטער אוןווירקלעכער פאַר דער וועלט אַרום אים (אַז וויכטיקער איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן).

און די מאַמע ע"ה פלעגט דאַן שטיין ביי די ליכט, ביי די צנועהדיקע יידישע ליכט אין די זעקס כשרע זילבערנע לייכטער, און עס האָבן זיך שטיל געגאָסן פון איר מויל — קוים צו הערן, פאַר גאָט בלויז — תפלהדיקע ווערטער, און פון די אויגן — תפלהדיקע טרערן.

איך פיל נאָך איצט די אַטמאָספערע פון אונזער שטוב אין יענע מינוטן און נישט נאָר איך בענק נאָך איר, נאָר איר באַטראַכט דאָס פאַרן גרעסטן וווּנדער, וואָס מיר איז אויסגעקומען איבערצולעבן אויף דער וועלט: אַזוי פאַרוואַנדלען די וועלט — דעם טעם פון דער וועלט — ווי פרומע יידן האָבן דאָס באַוויזן, האָט קיינער נישט געקאָנט.

איך געדענק: מיינער אַ ייִנגערער ברודער, אָקאָרשט נאָך בר־מצוה, האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם ערשטן תענית און ער האָט עפּעס געכאַפּט בייטאָג אין מויל אַריין.

נישט געוווינט צו זאָגן ליגן, האָט ער ביים נאָך־יום־כפּורדיקן אָפּפאַסטן אַליין דערציילט וועגן דעם.

ער האָט נישט געקראָגן קיין פּאַטש, ווי דאָס וואָלט געווען געשען ביי אַנדערע פרומע עלטערן, אָבער עס איז געווען שרעקלעך אָנצוקוקן דאַן דעם פאָטער: ער איז געוואָרן אַ שרוי בצער;

די גאַנצע מראה פון זיין פּנים האָט זיך געביטן; די אויגן האָבן געברענט מיט צאָרן פונם חלול הקודש; ער האָט עפּעס געזאָגט (איך געדענק נישט וואָס), וואָס איז מסתמא געווען ערגער פאַר הונדערט פּעטש: נישט נאָר דער שולדיקער ברודער, — מיר אַלע ביים טיש זענען געבליבן זיצן ווי ביים אַנטדעקן אַ פאַרשוועכט הייליקטום.

איך געדענק אויך: איך בין געקומען פון בערלין צו גאַסט אַהיים. ביינאַכט האָב איך געלייענט אַ בוך פון איינעם קאהן וועגן כל־נדרי און שופר בלאָזן אין ליכט פון פּסיכאָאַנאַליז.

געוויינלעך פלעג איך זיך היטן מיט אַלץ, וואָס האָט געקאָנט באַליידיקן די רעליגיעזע געפילן פון מיינע עלטערן. דעם צער פון דעם, וואָס מיר זענען נישט פרום, האָב איך — ווי די אַנדערע ברידער — נישט געקאָנט זיי פאַרשפּאָרן, ווי ווייט דאָס האָט אונז נישט געטאָן; אָבער ווען איך האָב געשריבן אין ריגע אַן אַרטיקל קעגן די דינים פון עגונות, חליצה און כהונה (אַ כהן טאָר נישט חתונה האָבן מיט אַ גרושה), בין איך געשטאַנען ביי דער עקספּעדיציע פון דער צייטונג, כדי מען זאָל דעם דאָזיקן נומער נישט שיקן צו אונז אין שטוב. אָבער דאָס מאָל האָב איך דעם בוך אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

אין דער פרי איז דער פאָטער אריין אין צימער, ווו איך בין געשלאָפן, גענומען דאָס בוך, אַן עפן געטאָן און גענומען לייענען. איך האָב זיך גראָד אויפגעכאַפּט און דערזען דאָס בוך אין זיינע הענט. כ׳האָב זיך געמאַכט שלאָפנדיק, אָבער דורך אַן אָפן אויג־שפּעלטל האָב איך געזען ווי אויפן פּנים ביי אים גיסט זיך אויס אַן עקל, ווי ער מאַכט צו דאָס בוך מיט אַן אויסדרוק פון פאַראַכטונג און גרענעצלאָזן ביטול און וואַרפט אים אַוועק אויפן טיש.

כ׳האָב עטלעכע טעג נישט געקאָנט קוקן אים אין די אויגן פאַר דער העזה צו ברענגען אין שטוב אריין אַזאַ עקלדיקן שטות וועגן הייליקסטן פאַר אים.

ביי אונז אין שטוב איז די פרומקייט געווען צניעותדיק־שטיל, אָן געשרייען און אָן געזאַנגען.

דער קידוש איז געווען איינגעהאַלטן, אָן העוויות, ערנסט־קאָנצענטרירט; קיין זמירות האָט מען נישט געזונגען, אָבער

K

שבת, נאָך „שלש סעודות", ווען אין שטוב איז שוין געווען טונקל, ווען די שאָטנס פון דער וואָך האָבן שוין גענומען פאַר־טרינקען דעם הייליקן, געבענטשטן באָדן פון שבת, פלעגט ער מתיקותדיק שטיל אויסזינגען דעם וווּנדערבאַרן קאַפּיטעלע תהילים „ד' רועי לא אחסר".

איך פלעג אָפט אויסמאַרקירן אַזוי, איך זאָל גראָד זיין אין שטוב צו „שלש סעודות", כדי צו הערן די דאָזיקע שטילע און דאָך געוואַלדיקע סימפאָניע פון בענקשאַפט, גלויבן און בטחון. קיין שום סימפאָנישער אָרקעסטער האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מיר קאָנען שענקען יענע שטימונג ווי ביים הערן דעם „ד' רועי לא אחסר". די גאַנצע בענקשאַפט פון מענטשן, — ווען ער הערט אויף צו לעבן ווי אַ מעכאַניזם, ווי אַ לעבעדיקער ראָבאָט, — די גאַנצע בענקשאַפט פונם מענטשן, וואָס איז דער אויסגאַנג־קוואַל פון דער רעליגיע, פון דער דיכטונג, פון דער מאָראַל, פון אַלץ, וואָס איז באמת שיין און הייליק אין מענטשן און במילא אין לעבן, — אָט די בענקשאַפט האָט געברומט מיט ליבשאַפט און איינגעהאַלטענער ליידנשאַפט אין די דאָזיקע טענער, וואָס איך באַדויער אַזוי, וואָס איך קאָן זיי נישט אַריינפאַנגען אין נאָטן (און ווער ווייסט צי איך וואָלט זיי גאָר געווען געקאָנט אַרויס־ברענגען אויף דרויסן אין זייער גאַנצער ריינקייט, פּונקט ווי זיי ברומען און קוועלן אָן אין מיר, אינעווייניק?).

קיין שרייאיקע פרומקייט האָט ביי אונז אין שטוב נישט גע־הערשט, — אוודאי נישט אין איר חסידישער, אָבער אויך נישט אין איר מתנגדישער פאָרם. אָבער ערלעך איז זי דערפאַר געווען, ווייט פון יעדער אַרט טעאַטראַלישקייט.

זינט די זין זיינע זענען געוואָרן פריי, פלעגט דער טאַטע בענטשן אַליין, אָן אַ מזומן. בלויז ווען עס פלעגן זיין נאָך צוויי זיכערע מיט־בענטשער, פלעגט ער אויך אונז צונוצן צום בענטשן. און דאָס איז געטאָן געוואָרן אָן רייד, — אַנדערש האָט דאָס גאָרנישט געקאָנט זיין.

און ווען מען פלעגט דאַרפן איינאָרדענען אַ מנין אין שטוב, פלעגט מען די זין נישט צורעכענען צו די צען, — די ערשטע צען האָבן געמוזט זיין אַנדערע.

אַט די אַבסאָלוטע ערלעכקייט אין דער פרומקייט האָט זיך מאַניפעסטירט נישט נאָר אין קליינִיקייטן, — אויך אין ערנסטע, לעבנס־ערנסטע מאָמענטן האָט זי זיך נישט געוואַקלט.

אין דעם פרימאָרגן, ווען די דייטשן זענען אריינגעקומען אין ערשטן וועלט־קריג קיין ביאַליסטאָק, איז דער פאָטער גע־גאַנגען דאַווענען בציבור.

ביינאַכט איז די שטאָט באָמבאַרדירט געוואָרן; קאָזאַקן, פון די לעצטע אַריערגאַרדן, האָבן זיך נאָך געריסן צו אונז אין הויף מיט קינ'ס צייכן אויף די פּנימער; אויפן וועג צום בית־מדרש האָט דער פאָטער געזען אויף די גאַסן טויטע זעלנער און, להבדיל, פערד, — אָבער דאַווענען בציבור איז ער געגאַנגען.

איך געדענק: איך בין געקומען אַמאָל פון וואַרשע אויף סוכות, מיט עטלעכע טעג פריער, און געטראָפן דעם טאַטן אין בעט, מיט אַ בויך־טיפוס.

ס'איז געווען ערב יום־כפור. אונזער שטוב־דאָקטאָר, דר. זימאַן, איז געקומען און שטרענג פאַרזאָגט צוויי זאַכן: נישט פאַסטן און נישט אַראָפּגיין פון בעט.

דער פאָטער, וועלכער האָט קנאַפּ וואָס געהאַלטן פון דאָק־טוירים און בטבע אַ שווייגער, האָט גאָרנישט געענטפערט.

ווען זימאַן איז אַוועק, פרעגט אים מיין מוטער מיט אומרו:

— נו, וואָס?

— גאָרנישט, — ענטפערט דער פאָטער. — ער איז אַ דאָקטאָר, דאַרף ער זאָגן זיינס. איך וויים אָבער מיינס.

און מען האָט איינגעלאַדן איבער אַ מנין יידן פון יחיאל נעבעס בית־מדרש (צוויי ספרים זענען ביי אונז אין שטוב גע־ווען), און דער פאָטער איז נישט נאָר אַראָפּ צו כל־נדרי און צומאָרגנס צום דאַווענען, נאָר מוסף האָט ער פאַרבראַכט ביים עמוד; וועגן נישט פאַסטן איז, נאַטירלעך, קיין רייד נישט געווען.

און דאָס אַלץ מיט אַזאַ פשטות, ווי דאָס וואָלט געווען די נאַטירלעכסטע זאַך אין דער וועלט, וועגן וואָס עס לוינט זיך גאָרנישט צו רעדן.

און נאָך יום־כפּור איז געקומען אַ שבת. און פרייטיק צו נאַכטס פלעגט דער פאָטער מוזן עסן בעבלעך (באָבעס), ווייל דאָס איז געווען זיין ליבסטער מאכל. און זימאַן האָט אָנגעזאָגט, אַז עסן מעג ער נאָר לייכטע שפּייז, — ווענן בעבלעך קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין.

היות ווי דאָ האָט זיך שוין געהאַנדלט נישט וועגן יום־כפּור, נאָר בלויז וועגן בעבלעך, וועגן אַ שבתדיקן מאכל, האָט שוין די מאַמע געפונען ביי זיך מוט צו פאָדערן מען זאָל הערן דעם דאָקטאָר, — זאָל איין מאָל זיין אָן בעבלעך צוליב פּקוח נפש. דער פאָטער אָבער האָט דערקלערט:

— פון אַלע מאכלים זאָג איך זיך אָפּ צוליב דער קראַנקהייט, אָבער קידוש מאַכן און עסן בעבלעך מוז איך, — דאָס איז מיין מאכל לכבוד שבת.

איך געדענק נאָך ווי איצט: ווי רואיק ער האָט געגעסן אַ לעפל נאָך אַ לעפל. געענדיקט, האָט ער אָפּגעבענטשט און געזאָגט:

— אַז עס וועט נישט זיין באַשערט, וועט גאָרנישט געשען. וואָס ווייסט זימאַן? (ער פלעגט זאָגן „אַז עס וועט זיין באַשערט", „אַז עס וועט נישט זיין באַשערט", — גאָטס נאָמען פלעגט ער קיינמאָל נישט באַנוצן).

און ער איז אַוועק אין בעט קרענקען.

די קראַנקהייט האָט זיך פאַרצויגן. אָנגענומען שווערע פאָרמען. איינמאָל, ווען עס איז געוואָרן גאָר שלעכט, האָבן די קינדער — און די מוטער ע"ה — אָנגעהויבן צו וויינען. איך בין געלאָפן נאָך אַ דאָקטאָר. אָבער פאַרן אַרויסלויפן, האָב איך נאָך באַוויזן צו הערן די רואיקע, די אַבסאָלוט רואיקע שטים פון פאָטער (צו דער מוטער):

— דו וויינסט אויך? אויך דו האָסט מורא? מילא זיי, — אָבער דו? איך בין גרייט!

דער „זיי" איז געזאָגט געוואָרן מיט אַזוי פיל גרינגשעצונג: מילא זיי — גלויבן דאָך נישט, — פאַר זיי איז אַלץ דאָ; אָבער דער „דו" איז געזאָגט געוואָרן מיט אַזוי פיל מילדן פאָרוואורף: דו גלויבסט דאָך יאָ אין אַן אַנדער וועלט, איז וואָס איז די מורא?

פ י י ע ר ל ע ך א י ן נ ע פ ל

דאָס איז איינע פון מיינע טיף־מענטשלעכסטע איבערלע־בונגען אין דער היים, וואָס האָט מיך באַשאַנקען מיט אַזוי פיל טיפע, גרויס־מענטשלעכסטע איבערלעבונגען.

טיף האָבן זיך מיר איינגעפּרעסט אין געמיט און אין זכרון פאָלגנדע צוויי כאַראַקטעריסטישע געשעענישן.

זייער אָפט פלעגט מען איינלאַדן דעם פאָטער אַלס אַ כהן אויף פדיון־הבנ׳ס. די באַקומענע 5 זילבערנע שקלים פלעגן גיין אויף צדקה לויט זיין איינזען.

איין מאָל איז געקומען אַ באַקאַנטער יונגער שוסטער און געבעטן, דער פאָטער זאָל אים אויסקויפן זיין בכור. גבירים פלעגט ער אַמאָל אָפּזאָגן צוליב מאַנגל אין צייט, אָבער אַן אָרי־מאַן — קיינמאָל נישט. דער גביר — האָט ער איינמאָל דער־קלערט, — וועט זיך נישט באַליידיקן, ער וועט פאַרשטיין, אַז כ׳קאָן נישט; אָבער אַן אָרימאַן וועט אַן אָפּזאָג אָננעמען אַלס ביטול־באַציאונג, ער וועט נישט גלויבן, אַז איך האָב נישט קיין צייט.

דער פאָטער האָט מסכים געווען, און געהייסן דעם שוסטער צוגרייטן פינף זילבערנע רובלס (אָדער האַלבע רובלס?)

— פון וואַנען וועל איך נעמען אַזוי פיל געלט? — האָט זיך דערשראָקן דער אָרעמער שוסטער.

— איך קאָן אייך גאָרנישט העלפן. דאָס קאָסט פינף זיל־בערנע רובלס, און איר מוזט עס אַליין באַצאָלן.

דער שוסטער האָט זיך גענומען בעטן, אַז דאָס איז איבער זיינע כוחות, ער וועט מוזן עפּעס פאַרזעצן, פאַרקויפן.

דער פאָטער איז געבליבן האַרט ווי אַ שטיין.

דער שוסטער האָט גענומען צוגיין פון אַן אַנדער זייט:

— ר׳ זלמן, איר וועט מיר דאָס געלט דערנאָך צוריקגעבן?

— דאָס איז אויף נישט אָפּצוגעבן!

נאָך לאַנגע דינגענישן איז דער שוסטער מיט אַ זיפץ באַשטאַנען.

איך, נאָך דאַן אַ קליין יינגל, בין געווען אויסער זיך. ווי קאָן מען זיין אַזוי האַרט צו אַן אָרימאַן? ער וועט דאָך דאַרפן עפּעס פאַרקויפן! סיי־ווי צעטיילט דאָך דער טאַטע די פינף

רובל, — זאָל ער דאָס בעסער אָפּגעבן דערנאָך דעם שוסטער. זאָל ער אים דאָס צוזאָגן.

דער פּדיון־הבן איז פאָרגעקומען. דער טאַטע האָט גע־בראַכט די פינף זילבערנע „שקלים", זיי איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירעלע און פאַרשלאָסן אין אַ ספּעציעלן שופלאָד פאַר אַזעל־כע זאַכן. און איך בין נאָך אַלץ געווען ברוגז אויפן טאַטן פאַר זיין גזלניש הארץ.

אין אַ צוויי וואָכן אַרום הער איך ווי דער פאָטער זאָגט צו דער מוטער:

— נעם אַרויס די פינף רובל און שיק זיי אָפּ מיט שיען (מען פלעגט מיך רופן שיע. — י. ר.) צום שוסטער (ער האָט געזאָגט דעם נאָמען, אָבער איך געדענק אים נישט). ער האָט זיך שוין זיכער מיאש געווען. איצט קאָן איך אים שוין דאָס געלט צוריקגעבן.

מיר איז דאַן קלאָר געוואָרן דעם טאַטנס הארטקייט: ווען דער שוסטער באַקומט דעם קלענסטן ווונק, אַז ער וועט צוריק באַקומען זיין געלט, וואָלט דער פּדיון־הבן געווען געוואָרן אַ קאָמעדיע, אַן אַקט אָן באַדייטונג, אַ שפּיל אַזאַ, — דאָס האָט דער פאָטער פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט דערלאָזן. און היות ער האָט חושד געווען, אַז דער שוסטער האָט פאָרט געהאַט ער־גען־ווו טיף אין הארצן אַ האָפנונג, אַז ר' זלמן ראַפּאָפּאָרט וועט אים פאָרט צוריקגעבן זיין געלט, האָט ער אים געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן, ביז ער וועט זיך, לויט אַלע וואַרשיינלעכ־קייטן, מיאש זיין.

מיין מוטער וואָלט אין אַזאַ פאַל שוין געווען געגעבן אַן אָנצוהערעניש דעם שוסטער — זאָל בעסער ליידן דער דין, איידער דער רחמנות אויף אַן אָרעמען שוסטער, — אָבער דער פאָטער האָט אונטערדריקט דאָס רחמנות־געפיל, ווייל דער דין איז פאַר אים געווען וויכטיקער.

און דער צווייטער פאַל האָט שוין צו טאָן מיטן עוסק זיין בצרכי ציבור באמונה.

מיין פאָטער האָט געהאַט אַן ערנאַמט אין דער גרויסער שול, — דעם ערנאַמט פון „אוטשאָני יעווריעי". ווען מען פלעגט דאַרפן פאָרן קיין גראָדנע צום גובערנאַטאָר, פלעגט

ער אָנטאָן דעם צילינדער, צעקעמען די באָרד, אָנטאָן דעם שבת־דיקן קאַפּטאַן און פאָרן קיין גראָדנע צום גובערנאַטאָר אויס־פּועלן עפּעס. אַמאָל מיט אַ דעלעגאַציע, אַמאָל — אַליין.

מיטן איבערבויען די גרויסע שול, וועלכע די נאַציס האָבן אין 1941 פאַרברענט צוזאַמען מיט עטלעכע טויזנט יידן, האָבן די ביאַליסטאָקער יידן געהאַט גרויסע צרות. זיי האָבן זי גענומען איבערבויען און געמוזט בלייבן שטיין אין מיטן — מען האָט נישט דערלויבט. מען איז עפּעס עובר געווען אויף אַ געזעץ. וואָס געווען איז גענוי איך נישט, אָבער יאָרן לאַנג איז די שול געשטאַנען נישט פאַרענדיקט און יאָרן לאַנג האָט מען גערעדט אין אַ נישט־פאַרענדיקטער שול.

איין מאָל, ווען דער פאָטער ע"ה איז געפאָרן אַליין קיין גראָדנע וועגן דער שול, האָט ער מיטגענומען דעם 4-5 יאָריקן מיזיניקל (מיר האָבן אין גראָדנע געהאַט קרובים).

צוריקגעקומען אין אַ צוויי טעג אַרום, האָט מען געפרעגט דאָס קינד:

— נו, לייבעלע, ווי איז דיר געפעלן גראָדנע?

ענטפערט ער:

— די פּיסעלעך טוען וויי.

וואָס מען האָט אים נישט געפרעגט, איז געקומען איין־און־די־זעלבע תשובה.

האָט די מוטער גענומען אויספאָרשן דעם ענין ביים פאָטער:

— וואָס איז געשען מיטן קינד, וואָס עס קלאָגט זיך אויף די פּיסעלעך?

— עס איז גאָרנישט געשען. מיר זענען געגאַנגען צופוס פון באַן אין שטאָט אריין און פון דער שטאָט צו דער באַן.

— אַזאַ מהלך? (די שטאָט גראָדנע איז געלעגן גאַנץ ווייט פון דער באַן־סטאַנציע).

און דאָ איז געקומען אַן ענטפער, וואָס איז קלאַסיש פאַר דעם אַמאָליקן אידעאַלן יידן:

— קיין קאָנקע (אַ טראַמוויי מיט פערד. — י.ר.) איז דאָרט נישטאָ (אין ביאַליסטאָק איז די דאָזיקע קאָמוניקאַציע געווען. — י. ר.), אַ דראָזשקע קאָסט אַ האַלבן רובל. ווען איך

פאַר אין מײַנע ענינים, וואָלט איך אויף קיין דראָזשקע נישט אויסגעגעבן, קאָן איך אויך נישט אויסגעבן אויף אַ דראָזשקע ווען איך פאָר אין קהלשע ענינים.

און דער ענין איז געווען דערליידיקט פאַר ביידע, — עס איז געווען אַזוי קלאָר.

ווען איך קוק זיך צו אָדער ווען איך הער וויפל הוצאות שליחי מצוה (פאַר געלט) מאַכן היינט, מוז איך זיך דערמאָנען יענעם שמועס צווישן מײַנע עלטערן: ס'איז נישט נאָר נישט געווען קיין רייד וועגן שכר פאַר קהלשער אַרבעט, נאָר די הוצאות האָבן נישט געטאָרט זײַן העכער פאַרן אומפאַרמײַדלעכסטן מינימום.

בכלל: מײַן פאָטער האָט געשטאַמט פון אַ נגידישער הויז; נאָך דער חתונה איז ער אַליין אויך געווען אַ שטיקל נגיד: דער נדן איז געלעגן גרייט, זײַן טאַטע איז געווען אַ נגיד, דער שווער — אַ ייד אַ גביר; דערנאָך האָט מען געעפנט אַ שניט־קראָם, און ווען פונם נדן מיט דער קראָם איז געוואָרן אויס, האָט דער פאָטער געאַרבעט כל ימיו אין גרויסע פירמעס, אַלס בוכהאַלטער, אַלס אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט, אַלס קאַסירער, ד. ה. ער האָט זיך כל־ימיו געדרייט צווישן געלט; און די איינציקע שוואַכקייט פון פאָטער איז געווען — שפּילן אויף דער לאָטעריע, כדי צו געווינען דאָס גרויסע געווינס (און דערבײַ פאַרשפּילט אַ שפּאָר ביסל). און דאָך — סאַראַ קליינע ראָל געלט האָט געשפּילט אין זײַן לעבן, אין זײַנע האַנדלונגען.

דער ביעלסקער זיידע, ר' יעקב מאיר לערינמאַן, האָט אַמאָל געלאָזט שרײַבן צוויי ספרי־תורות, אַמאָטאָרסקע אַרבעט. אפשר אַ העלפט די גרוים פון נאָרמאַלע ספרי־תורות, זענען די דאָזיקע צוויי ספרים געווען קינסטלעריש געמאַכט. און ער האָט זיי געגעבן אַ מתנה דער עלטסטער טאָכטער און דעם עלטסטן איידים, מײַן טאַטן.

איין מאָל קומט אין שטוב צו אונז אַ יונגערמאַן מיט אַ צעטעלע פון פאָטער, מען זאָל אים אַרויסגעבן אַ ספר־תורה, — ער דאַרף עס צו אַ מנין.

האָט מען אַרויסגעגעבן.

עס גייט אוועק א וואָך, נאָך א וואָך, — מען ברענגט נישט אָפּ.

פרעגט מען דעם פּאָטער, — זאָגט ער, אַז ער ווייסט גאָר־נישט ווער עס האָט גענומען. ער איז געזעסן ביי דער קאַסע אין טרילינגס באַנק־געשעפט, איז צוגעקומען א יונגערמאַן און גע־זאָגט, אַז ער דאַרף א ספר־תורה צו מאַכן א מנין ביי אַן אבל אין שטוב, האָט ער געשריבן א צעטעלע מען זאָל ארויסגעבן.

— א ייד, וואָס מאַכט א מנין, וועט דאָך נישט כאַפּן קיין ספר. מ׳עט אָפּברענגען.

מ׳האָט נישט אָפּגעבראַכט.

דאָס איז געווען אין די אָנהויב צוואַנציקער, ווען אַמעריקע פלעגט אויפקויפן ספרי־תורות און עס איז געגאַנגען א גרויסער האַנדל דערמיט. פאַר אַזא ספר, האָבן מבינים געזאָגט, וואָלט מען געוואָלט געקאָנט אָפּנעמען א פּאָר טויזנט דאָלאַר, ווייל דאָס איז געווען נישט סתם א ספר (וואָס איז אויך געווען א טייערע סחורה), נאָר א קונסט־ווערק.

די מאַטעריעלע לאַגע פון פּאָטער איז דאַן געווען א גאַנץ קלאָגעדיקע. מען איז קוים אויסגעקומען פונם געהאַלט ביי די טרילינגס און אויף אַלע עקסטרא הוצאות פלעגט שיקן דער בכור, שמואל ב״ר אברהם זלמן הכהן ראַפּאָפּאָרט, וועלכער איז אומגעקומען על קידוש־השם אין דאַכאַו. עטלעכע טויזנט דאָ־לאַר איז פאַר אונז דאַן געווען א לעגענדאַרע סומע. אָבער ווי לייכט מען האָט אַריבערגעטראָגן דעם דאָזיקן פאַרלוסט. מען איז כמעט אַריבערגעגאַנגען איבער דעם צום סדר־היום.

איך דערקלער דאָס מיט דעם, וואָס מיינע עלטערן האָבן גאָרנישט געקאָנט קוקן אויפן ספר פונם געלט־שטאַנדפּונקט, — דאָס האָט גאָר געהערט צו א גאַנץ אַנדער קאַטעגאָריע. עס האָט אַביסל פאַרדראָסן, וואָס מען האָט פאַרלאָרן א ירושה־ספר; וואָס א ייד קומט אויסנאַרן א דבר קדוש, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין מאַטעריעלער פאַרלוסט, מען האָט אויף דעם ספר נישט געקוקט ווי אויף א פאַרמעגן־זאַך.

אַז אָט די אויסטייטשונג איז ריכטיק, האָב איך געזען שפּעטער.

ווען דער פֿאָטער ע״ה האָט זיך געקליבן קיין ארץ־ישראל, האָט ער דעם צווייטן ספר אָנגעשריבן אַ שוואָגער זיינעם:

— דער שווער האָט מיר טאַקע געגעבן אַ מתנה, — האָט ער געזאָגט אַלס דערקלערונג פֿאַר די קינדער, — אָבער ער איז פֿאַרט אַ זון, ער איז בילכער.

און קיינער האָט נישט פּראָטעסטירט, הגם דאָס איז ווידער געווען אַ קליינער פֿאַרמעגן.

ווער האָט געקאָנט זיך דערוועגן רעדן וועגן געלט ביי אַ ביישפּיל פֿון אַזאַ גלייכגילטיקייט צו פֿאַרמעגן?

ער האָט אפשר געפֿילט, אַז נאָך זיין טויט וועט דער ספר איבערגיין צו די קינדער, וועלכע וועלן אפשר פֿאַרוואַנדלען דעם ספר אין געלט, — און אויב געלט, איז דער זון בילכער. אלא וואָס דען, ס'איז אַ מתנה?

גיט ער דאָס צוריק אַלס מתנה.

איך געדענק אויך נאָך אַ פֿאַל, וואָס האָט מיך אָנגעפֿילט מיט אומגעהויערן דרך־ארץ פֿאַרן פֿאָטער און פֿאַר דער מוטער.

אויף יום־טוב און שבת פֿלעגט תמיד זיין אַן אורח ביים טיש, — געוויינלעך אַ זעלנער.

איין מאָל איז אויף אַ געוויינלעכן שבת אריינגעפֿאַלן צו אונדז דער זעלבער זעלנער, וואָס איז געווען דעם לעצטן פּסח.

ביים שמועסן, האָט דער זעלנער געזאָגט, אַז ער וויל אַנטלויפֿן קיין אַמעריקע פֿון רוסישן מיליטער. ער האָט אָבער נישט קיין ציווילע קליידער.

דער פֿאָטער האָט זיך גאָרנישט פֿאַרטראַכט, — ער האָט אים גלייך געזאָגט, ער זאָל אריינקומען אין אַ פּאָר טעג אַרום.

ווען דער זעלנער איז געקומען, האָט שוין געוואַרט אויף אים אַ פּעקל זאַכן, טיילווייז דעם טאַטנס, טיילווייז גענומענע ביי אַנדערע.

דער זעלנער איז אריין אין קלאָזעט אויפֿן הויף, זיך איבערגעטאָן, אריינגעוואָרפֿן די מיליטערישע קליידער אין קלאָזעט, אָנגעטאָן די ציווילע בגדים און איז אוועק.

דאָס איז דאַן געווען נישט אַזאַ אומשולדיקע זאַך, ווי דאָס קאָן זיך דוכטן. מען האָט געקאָנט געפֿינען די מיליטערישע בגדים ביים רייניקן די קלאָזעטן; מען האָט דעם זעלנער געקאָנט

כאַפּן ביים שווארצן די גרענעץ און זיך דערוויסן ווער עס האָט אים געגעבן די ציווילע בגדים, — און דאָס האָט געשמעקט מיט תפיסה, מיט סיביר.

אָבער וואָס דער פּאָטער זאָל נישט האָבן געטראַכט ביי זיך, — ער האָט קיין איינציק וואָרט נישט פאַרשווענדט, ער האָט זיך נישט געהאַנדלט מיט זיין טאַט; עס האָט זיך פאַר אים געהאַנדלט וועגן פּדיון־שבויים, אַ מצווה, וואָס לויכט צווישן די מצוות פון יידישן לעבן, איז וואָס איז דאָ צו רעדן? נעשה ונשמע! פריער דאַרף מען זי מקיים זיין, דערנאָך ערשט אפשר טראַכטן וועגן די קאָנסעקווענצן.

און אויך די מוטער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט!

און הגם מען האָט אין שטוב גאָרנישט גערעדט וועגן דעם, דאָך איז די שטימונג געווען אַביסל געשפּאַנט. איך וויים דאָס פון דער שמחה, ווען עס איז אָנגעקומען אַ קאַרטל מיט אַ פאַר־שטעלטן נוסח פון יענער זייט גרענעץ.

איצט, נאָך זיין טויט, האָבן מיר די ברידער און די שוועס־טער פון א"י מיטגעטיילט עטלעכע פּרטים, וואָס איך וויל צו־געבן צו די עטלעכע, פון וועלכע איך אליין בין אַן עדות געווען (און נאָר די פון וועלכע מען איז אליין געווען אַן עדות, קאָן מען דערציילן, ווייל רעדן און דערציילן וועגן זיך האָט נישט געהערט צו די געוווינהייטן פון מיין פּאָטער).

רבנים פלעגן קומען צו מיין פּאָטער וועגן שאלות ותשו־בות, — זיי פלעגן באַוווּנדערן זיין בקיאות און חריפות. אָבער אַלץ אין דער שטיל.

די לעצטע צוויי יאָר האָט ער געלאָמט אויף אַ פוס (דאָס איז אים געבליבן נאָך אַ פּאַראַליטש־אָנפאַל).

איין מאָל — האָט דערציילט דער שמש פונם בית־המדרש, וווּ דער פּאָטער פלעגט דאַווענען, — האָט אַן אָרעמער טרעגער אויסגעהאַנגען אין שול אַ מודעה, אַז ער האָט פאַרלאָרן אַ פונט. דער פּאָטער האָט איבערגעלייענט די מודעה און זיך אַוועקגעשלעפּט מיטן קראַנקן פוס צום טרעגער (ער האָט געוווינט גאַנץ ווייט) און געזאָגט, אַז ער האָט דעם פונט געפונען.

ווייזט אויס, אַז דער מידת הרחמים האָט ביי אים גענומען גובר זיין אויף דער עלטער דעם מידת הדין, וויל אויף וויפל איך האָב געקענט דעם פאָטער, וואָלט ער אַמאָל נישט געווען געזאָגט קיין ליגן אפילו פאַר אַ הייליקן ציל. ער וואָלט גיכער געווען אריינגעשיקט דעם פונט אָן דערקלערונגען.

נישט אומזיסט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק וועגן שאַפן אַ גמילות־חסדים־קאַסע אויפן נאָמען פון מיין מוטער ע"ה, שרה צביה בת ר' יעקב מאיר לערינמאַן, כדי צו פאַראייביקן איר לעבנס־ציל: גומל חסד זיין אָרעמע מענטשן.*)

דעם דאָזיקן גמילות־חסדים האָט ער געטרוימט צו פאַר־ווירקלעכן פונם געלט, וואָס ער האָט גענדאַרפט באַקומען פון אַ טראַגישער ירושה: דער איינציק־רייכער זון זיינער, שמואל ע"ה, הי"ד, האָט אים געלאָזן אין ארץ־ישראל אַ קליינע ירושה און אַ טייל פון איר האָט ער געוואָלט אָפּגעבן פאַר אַ גמילות־חסדים־קאַסע.

און נאָך עפּעס האָט ער געטראַכט צו טאָן מיט אַ טייל פון דאָזיקן געלט, — אַ זאַך, וואָס פאַרשטיין וועלן דאָס נאָר די, וועלכע קענען טיף די אַבסאָלוטע מאָראַלישע דערהויבנקייט פון די אַמאָליקע יידן, וועלכע האָבן געוווסט וואָס עס הייסט מידת הדין.

היות זיין שווער, ר' יעקב מאיר לערינמאַן פון ביעלסק, האָט אַמאָל באַנקראָטירט און איז געבליבן אַ אָן אָרימאַן, אַ בעל־חוב, היות ווי דער פאָטער האָט אין ירושלים געטראָפן אייניקלעך פון יענע יידן, וועלכע דער שווער האָט בשוגג באַ־עוולט, האָט ער געטרוימט וועגן פאַרגיטיקן זיי מיט זיין געלט פאַר דער עוולה וואָס זיין שווער איז באַגאַנגען.

דאָס איז, לויט מיין מיינונג, געווען נישט נאָר אַן אויסדרוק פון מידת הרחמים לגבי דעם אָנדענק פון שווער, נאָר אויך אַן אויסדרוק פונם אַבסאָלוטן מידת הדין, וואָס האָט באַהערשט דעם פאָטערס לעבן: אפשר איז אינם נדן, וואָס ער האָט באַ־קומען, געווען אַ טייל פון יענעם געלט, וואָס דער שווער האָט גענומען ביי די זיידעס פון די אייניקלעך, וועלכע ער האָט גע־

*)דער פאָטער האָט סוף־כל־סוף דאָס פאַרווירקלעכט.

טראָפּן, אין 60 יאָר אַרום, אפשר דערפאַר, כדי צו קאָנען פאַר־ גיטיקן זיי פאַר גזילה בשוגג?

אין מיין פאָטערס לעבן האָט מער געהערשט הלכה, לויט ביאַליקס גניאַלער דעפיניציע, ווי אגדה, — אָבער ווען די הלכה דריקט זיך אויס אין אַזעלכע מעשים, איז דאָס די שענסטע אגדה.

פון דער דאָזיקער לעבנס־אגדה פון מיין פאָטער, דעם עכטן יידן, האָב איך דערציילט בלויז אַ ביסעלע, — די בולטע שפּיצן, לויט מיין געפיל, פון דאָזיקן שיינעם, טיף־גלויביקן לעבן, וואָס זאָגט עדות אויף דער גרויסקייט און עכטקייט פון דער יידישער תורה־קולטור.

מיין מוטער שרה צביה בת ר' יעקב מאיר לערינמאַן

מיין מוטער איז נישט געווען געבילדעט; זי האָט געקאָנט לייענען און שרייבן יידיש, אַביסל לייענען העברעאיש און רעדן אויף פּויליש מיט אַ פּויער וועגן אַ זאַק קאַרטאָפל.

זי האָט אָבער געהאַט אַ דיכטערישע נשמה. נאָך איר טויט האָט מען געפונען צווישן אירע פּאַפּירן אַ פּאָר ווערטער, גע־ שריבן דורך איר נאָך אַ שווערער קראַנקהייט, זענען דאָס געווען ווערטער פון אַן עכטער דיכטערין. די דאָזיקע פּאָר ווערטער זע־ נען, ליידער, פאַרלאָרן געגאַנגען אין וואַרשע, צוזאַמען מיט אַלע מיינע פּאַפּירן.

זי האָט ליב געהאַט צו לייענען און פאַרצולייענען. ווען זי פלעגט שבת בייטאָג פאַרלייענען פאַר אונז, ווען מיר זענען גע־ ווען קליין, דעם „צאינה וראינה", פלעגן מיר זיין ווי פאַרכישופט נישט נאָר פון די שיינע געשיכטעס, נאָר פון איר אַרט לייענען: זי פלעגט אַריינלייגן אין יעדן וואָרט אַזוי פיל געפיל, אַזוי פיל גלויבן, אַזוי פיל נישט־אויסגעלעבטע שיינקייט.

אָבער נישט נאָר דעם „צאינה וראינה" פלעגט זי אונז פאַרלייענען: איך געדענק אַ ווינטער, ווען זי פלעגט פאַרלייענען פאַר אונז אַ דיקע געשיכטע פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. טייכן טרערן פלעגן זיך גיסן פון אירע אויגן, — זי איז באמת פול געווען מיט אַ גרויסער אהבת ישראל.

אַ פרוי אַ בריה, אַ מוטער פון צען קינדער, אַ טאָכטער פון אַ רייך הויז, וואָס האָט געהאַט אַ ברייטע האַנט, און אַ פרוי

פון אַ „מענטשן” ביי יענעם, איז איר געווען גאַנץ שווער צו־
גויפּצופירן אַן עק מיט אַן עק. און נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט —
זי פלעגט אַליין טאָן אַליין, אפילו האָבנדיק אַ „דינסט” — פלעגט
זי האַלבע נעכט נייען און לאַטען, באַזונדערס אין די ערב שבתים
און ימים־טובים.

איך האָב זיך אַמאָל אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט און
דערזען ליכט אין עס־צימער: די מוטער איז געזעסן ביי אַ שטויס
וועש און געאַרבעט. און פּלוצלינג האָב איך דערהערט ווי זי
זינגט שטיל אַ פאָלקסליד.

איך געדענק ווי איצט מיין ערשטע רעאַקציע: אַ גרענעצ־
לאָזע פאַרוווּנדערונג: די מאַמע זינגט? דאָס איז געווען אַזאַ
קאָנטראַסט צו דער תמיד פאַרהאָרעוועטער, תמיד בריהדיק
אַרבעטנדיקער מאַמען! עפּעס נייעס האָט זיך מיר אַנטפּלעקט
אין איר: איר דערשטיקטער זינגנדיקער עלעמענט, און מיר, דעם
קינד, איז געוואָרן אַזאַ רחמנות אויף איר.

* * *

איך פלעג זיך וווּנדערן: אויפגעוואַקסן אין אַ שטוב, וואָס
איז געווען פאַרטאָן אין מסחרים (דער פאָטער האָט געקויפט און
פאַרקויפט וועלדער, תבואה און טויזנט אַנדערע זאַכן; די מוטער
האָט געהאַט אין ביעלסק אַן אוניווערסאַלן מאַגאַזין, ווו מען
האָט געקאָנט קריגן פון אייזן ביז אַ פלעשל גוטן, עכטן פראַנ־
צויזישן שאַרטרעז. איין פלאַש האָט מען אוועקגעשטעלט ביי
דער געבורט פון ערשטן אייניקל, שמואל, כדי צו טרינקען צו
זיין חתונה, און מען האָט זי געעפנט צו דער ערשטער חתונה
אין אונזער פאַמיליע, פון מיין ברודער חיים הערש, דעם דריטן
לויט דער ריי, ווייל די ערשטע צוויי האָבן זיך נישט געאיילט
חתונה צו האָבן, און דער דרייסיק־יאָריקער שאַרטרעז איז גע־
ווען וווּנדערבאַר, ווי פליסיקער פייער), האָט דאָך די טאָכטער
נישט געהאַט אין זיך קיין פונק קרעמערישעס, הגם זי האָט ביז
דער חתונה (צו 17 יאָר) צוגעהאָלפן אין אוניווערסאַלן מאַגאַזין.
איך האָב זעלטן געזען מענטשן, וואָס זאָלן זיך אַזוי ווייניק
טויגן צו מסחר און קרעמעריי, ווי מיינע עלטערן.

דעריבער איז קיין וווּנדער נישט, וואָס דעם געעפנטן
שניט־געשעפט האָט מען געמוזט שליסן, באַגראָבנדיק אין

אים דעם נדן (דעם ערשטן אָדער דעם צווייטן, ווי מיר שיינט) און מער האָט שוין אין לישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן מסחר.

פלעגט מען נעמען רעדן וועגן שאַפן זיך אַן עקזיסטענץ דורך אַ געשעפט, פלעגט מיין פאָטער, אויף יעדן פאָרשלאָג, ענטפערן: ווייניק... קראָמען זענען דאָ? מען דאַרף נויטיק נאָך איינע? ס׳וועלן קיין קונים נישט זיין!...

מיין מוטער איז געווען אומפּראַקטיש, ווי אַן אמתער דיכ־טער. און די דיכטונג אירע האָט זיך אויסגעדריקט אין טעטיקער ליבע, אין טעטיקער גוטסקייט.

אַ זון איז אפילו פּסול לעדות, אָבער דאָך פיל איך זיך בארעכטיקט צו זאָגן מיט דער גאַנצער אָביעקטיוויקייט, אַז איך האָב נישט נאָר אין לעבן נישט געטראָפן אַ מענטשן מיט מער מענטשנליבע און גוטסקייט, מיט מער פיינגעפיל פאַר גערעכ־טיקייט, נאָר אפילו אין דער ליטעראַטור איז נישטאָ אַ גע־שטאַלט מיט די דאָזיקע מעלות, וואָס זאָל זיך קאָנען גלייכן צו איר.

אין איר לעבן האָט זי געהאַט אויסצושטיין, ווי כמעט אַלע מענטשן, זייער אַ סך עוולות, אַמאָל אפילו נישט קיין דורכ־שניטלעכע. עס זענען געווען פאַלן, ווען זי האָט זיך די עוולות געקאָנט אַנטקעגנשטעלן און לייכט מאַכן צו נישט די אינטרי־געס און בייזע כוונות פון געוויסנלאָזע קרובים אָדער פרעמדע, און דאָך האָט זי זיך קיינמאָל נישט באַנוצט מיט אַזאַ מעגלעכ־קייט. אַנשטאָט צו ענטפערן מיט אַ קלאַפּ, ווי קינדער, קרובים אָדער פרעמדע אפילו פלעגן איר עצהנען, פלעגט זי זיך אויס־רייסן דאָס האַרץ פאַרוואָס מענטשן זענען אַזוי שלעכט, ווי אַזוי קאָן מען אַזוי האַנדלען?

פול מיט רחמנות, פלעג איך אַמאָל זאָגן:

— צו וואָס עסטו זיך דאָס האַרץ? — די בייזע מענטשן וועט עס גאָרנישט שאַטן; דו לאָז זיך בעסער נישט טאָן קיין עוולה, בשעת דו קאָנסט זיך ווערן. די קראַפט פון די שלעכטע איז די שוואַכקייט פון די גוטע.

אָבער אַלע רייד זענען געווען אומזיסט: זי האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן קיין שלעכטס. דאָס איז נישט נאָר געווען אַ רעזולטאַט פון אַ שוואַכן כאַראַק־

טער, — דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון נישט־ערדישער גוטס־קייט. די שוואַכקייט פון כאַראַקטער איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ צו גרויסער גוטסקייט. ווו אַ גרויסע גוטסקייט — דאָרט איז שוואַכקייט.

דער פאָטער, וועלכער האָט געהאַט אַ פעסטן כאַראַקטער, פלעגט זיך אויך לאָזן באַווילן, אָבער ער פלעגט זיך נישט אויסעסן ס'האַרץ, — ער פלעגט איבעררייסן יעדע באַציאונג מיטן עוולה־טוער, נישט רעדן וועגן דעם און אַריבערגיין צום סדר־היום. אָבער די מוטער פלעגט די עוולה נישט קאָנען פאַר־געסן און זיך אויסעסן ס'האַרץ.

איך האָב אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קאָן דערלאָזן אַן עוולה, וואָס טוט אַזוי וויי, בעת מען האָט אַ מעגלעכקייט זי נישט צו דערלאָזן. אָבער שפּעטער, עלטער ווערנדיק, איז מיר די זאַך קלאָר געוואָרן: עס האָט איר וויי געטאָן נישט די וועלה קעגן איר, נאָר די עוולה בכלל, די עוולה אַלס אַזעלכע: ווי אַזוי קאָן מען דאָס? זי האָט נישט גע־קאָנט, צוליב גוטסקייט, געבן אַ קלאַפּ, אָבער די עוולה אַלס אַזאַ האָט זי נישט געקאָנט איבערטראָגן: דאָס פּערזענלעך־קאָנ־קרעטע פלעגט זיך ביי איר פאַרוואַנדלען אין עפּעס אַלגעמיין־מעטאַפיזישעס.

* * *

מיין מוטער איז געווען אַ פּשוטע, נישט־געבילדעטע פרוי. ווען עס איז, אין 1917, אָנגעקומען די ידיעה, אַז צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער האָט אַבדיקירט, האָט מיין מוטער נאַאיוו גע־פרעגט:

— טאָ ווי וועט עס איצט זיין אָן אַ קיסר?

אָבער גלייכצייטיק האָב איך קיין גרעסערן אינסטינקטיוון דעמאָקראַט אין מיין לעבן נישט געזען.

ווען מיין ברודער א. האָט, אַלס קינד, אַמאָל געדוצט אונ־זער קעכין (אין ביאַליסטאָק פלעגט מען אומעטום זאָגן „דינסט"), איז מיין מוטער, וועלכע האָט קיין אַנונג נישט גע־האַט וועגן דעמאָקראַטיע, אַלס שיטה און טעאָריע, געוואָרן אַן אָנגעצונדענע; דאָס איז געווען פון די געציילטע פאַלן, ווען זי האָט געשריגן אויף אַ קינד:

— ביי מיר אין שטוב זאָל מען זאָגן אַ מענטשן „דו״? ווער האָט דיך דאָס געלערנט? וואָס איז זי פאַר אַ „דו״ פאַר דיר?

און ווען דער ברודער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ביים שוועסטערקינד אין שטוב זאָגן אַלע קינדער „דו״ דער „דינסט״, איז שוין מיין מוטער גאָר ארויס פון די כלים:

— זאָלסט זיך נישט דערוועגן צו רופן זי „דינסט״, — אַ קעכין אין זי, נישט קיין דינסט. כ׳וועל דיך שלאָגן מכות רצח פאַר רופן אַ מענטשן „דינסט״.

איך געדענק נאָך איצט — זי איז נישט אויסצולעשן פון מיין זכרון — די דראַמאַטיש סצענע מיט דער אינטאָנאַציע פון איר שטים, מיט איר טיפער, ברוגזנדער, ממש תנ״כישער עמפערונג.

צום ערשטן מאָל האָב איך פון מיין מוטער געהערט אַזעל־כע ווערטער:

— איך וועל נאָך אַמאָל הערן, אַז דו זאָגסט „דינסט״ אָדער „דו״, וועל איך דיך שלאָגן מכות רצח.

דערביי האָט זי קיין אַנונג נישט געהאַט נישט וועגן סאָציאַליזם, נישט וועגן דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט, נישט וועגן די לאָזונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע וועגן פרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט. די דאָזיקע אַלע שיינע זאַכן האָבן נישט געדאַרפט קומען צו איר פון דרויסן, — זי האָט זיי געטראָגן אין איר בלוט, אין איר גרויסן יידיש־מענטשלעכן האַרץ.

נישט אומזיסט זענען אירע בעסטע פריינד געווען געווע־זענע אַמען, קעכינס און איינגייערינס, וועלכע פלעגן נאָך אין צוואַנציק יאָר אַרום, נאָכן אַוועקגיין פון איר, קומען אין פריידן און אין ליידן, צו גאַסט אויף אַ שעה אָדער אויף עטלעכע טעג, אויב זיי האָבן געוווינט אין דער פּראָווינץ.

זי האָט געמעגט זיין ווי פאַרנומען, פלעגט זי אַריינגיין אין קיך צו אַן איינגייערין, אָפּשטיין מיט איר שעהן לאַנג, אויב יענע האָט עפּעס געהאַט אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן, און קיין איינע פלעגט נישט אַרויסגיין פון איר אָן עפּעס צו לייזן, צי זי האָט געדאַרפט, צי נישט. זי האָט נישט געקאָנט

אַפּזאָגן, ווייל זי האָט געהאַט צופיל פאַרשטעלונגס־קראַפט אריינ־צוגיין אין יענעמס לאַגע, אין דער לאַגע פון די אָרעמע.

און געלינדערט די דאָזיקע לאַגע האָט זי נישט אַזוי דורך קויפן עפּעס אָדער אויפמאַכן אַ גרעסערע הוצאה, נאָר דער עיקר מיט אַ גוט וואָרט פון הארצן ארויס, מיט אַ באַציאונג ווי צו אַ גלייכן, ווי צו אַ שוועסטער.

און ווי די דאָזיקע מענטשן האָבן זי ליב געהאַט!

* * *

העלפן אָרעמע איז געווען איר לעבנס־עבודה: איר פרומ־קייט האָט זיך נישט געענדיקט מיט דאַווענען, בענטשן, מאַכן ברכות, היטן כשרות און אַלע דינים, — איר פרומקייט האָט זיך אָנגעהויבן ערשט דאַן, ווען זי פלעגט מיט די דאָזיקע אַלע דינים פאַרענדיקן. ווו אַ שווער הארץ, פלעגט עס טרעפן צו איר נאָך אַ טרייסט אין ווערטער (אירע רייד מיט אַ שווער־געפלאָגטער פרוי פלעגן שוין זיין אַ שטיק היילונג, ווייל יענע פלעגט נישט פילן, אַז דאָס רעדט מיט איר אַ גוטע באַלעבאָסטע, נאָר אַ פריינט, וואָס לעבט מיט איר איבער איר אומגליק) און נאָך הילף אין געלט. און זי פלעגט זיך נישט באַגנוגענען מיט איר נדבה, — זי פלעגט גלייך ארויסגיין אין שטאָט, נעמען אַ שותפטע (צום אָפּטסטן די פרוי ראַביטים) און אויפמאַכן געלט פאַר אַן אָרעמע כלה, פאַר אַ נסיעה צום דאָקטאָר קיין ווארשע, אויף פלעגע אָדער שכר־לימוד.

עס איז דערביי געווען אַ גרענעץ פאַר אירע מעגלעכקייטן, עס איז אָבער נישט געווען קיין גרענעץ צו איר הילף־גרייטקייט.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט איבער אונז, אין אַן אָפּיציאַטקע, געוווינט אַן אַלט פּאָר פאָלק: ער — אַן אַכ־ציקער, זי אין די הויכע זיבעציקער. ער איז אַמאָל געווען אַ לערער פון דייטש, אָבער צוליב דער עלטער — און צוליב דער מלחמה — האָט ער פאַרלאָרן די לעקציעס. די אַלטיטשקע איז אַראָפּגעקומען זיך דורכצושמועסן מיט דער מוטער און פון דאַן אָן פלעגט זי דריי מאָל אַ טאָג קומען נאָך פרישטיק, מיטאָג און אָוונט־ברויט. (אַ חוץ וואָס זי פלעגט ארויפטראָגן צו די צוויי ווייסיטשקע אַלטע, — אפילו די ליפּן זייערע זענען געווען ווייס פון אַלטקייט און אויסגעהונגערטקייט). די ערשטע פּאַרציעס

פון אַלץ, וואָס פּלעגט געגרייט און געקאָכט ווערן אין דער וואָכן, שבת אָדער יום־טוב, פלעגן גיין פאַר די אַלטיטשקע. און ווען פלעגט זי אָראָפּבערענגען צו אונז וואַשן, און פאַר עלעקטריע האָט די מוטער געצאָלט, און דאָקטוירים גערופן. און ווען פריער דער אַלטיטשקער און דערנאָך די אַלטיטשקע זענען געשטאָרבן, האָט מיין מוטער געזאָרגט פאַר פיינע תכריכים.

און ווען אין אַ צווייטער אָפיציאַטקע איבער אונז (אויף פּאָלאַצאָווע 7) איז געשטאָרבן אַ מארק־זיצערקע און עס זענען געבליבן צוויי יתומים, איז זי פאַר זיי געוואָרן ווי אַ מאַמע, — נישט נאָר אין די מלחמה־יאָרן, נאָר אויך אַ לאַנגע צייט דער־נאָך, ביז איר טויט.

איך בין שוין אין יענע יאָרן נישט געווען אין ביאַליסטאָק און כ׳האָב אַזוי פיל נישט געוווסט וועגן די דאָזיקע יתומים (און בעת מיין זיין אין ביאַליסטאָק האָב איך אויך נישט גע־ווּוסט אַלץ), אָבער עטלעכע צופעליק־געהערטע ווערטער פון פאָטער האָבן מיר אַלץ קלאָר געמאַכט.

ביי דער לוויה פון מיין מוטער, האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז פאַר דער עגלה איז געגאַנגען דער עלטערער פון די צוויי יתומים, וועלכער האָט זיך גענומען שניידן אויף אַ דיכטער — לוי טרעשטשאַנסקי. איך בין גלייך נאָך דער עגלה געגאַנגען לעבן פאָטער, און לעבן אונז איז געגאַנגען מיין פעטער, דעם פאָטערס שוואָגער, יודל גאָלדבערג.

פלוצלינג הער איך ווי מיין פאָטער זאָגט צו יודל גאָלד־בערג:

— דו זעסט דעם בחור? אָט דאָס מיינט מען מיטן פסוק: „וצדק לפניה יהלך״.

יודל גאָלדבערג גיט אַ קוק אויפן פאָטער פאַרוווּנדערט. און דער פאָטער קלערט אים — און מיר — אויף:

— אָט דעם בחורל — אַ קיילעכדיקן יתומל מיט זיין ברור־דערל — האָט זי אויסגעהאָדעוועט, ווי אייגענע קינדער.

ס׳קאָן זיין, אַז דאָס, וואָס לוי טרעשטשאַנסקי איז געגאַנגען פאַר דער עגלה, איז געווען אַ צופאַל; אָבער עס קאָן אויך זיין, אַז פאַרטראָגן אין געדאַנקען וועגן דער פאַרשטאָרבענער פרעמ־דער פרוי, וועגן דעם, וואָס זי האָט געטאָן פאַר אים און פאַר

זיין ברודער, איז ער געטריבן געוואָרן פאַראויס דורך אַ כוואַליע הייסע געפילן און ער איז פאַרטראָגן געוואָרן פאַראויס און ביים פאָטער האָט זיך דאָס גלייך איבערגעזעצט אין אַ פסוק: „וצדק לפניו (לפניה) יהלך".

לוי טרעשטשאַנסקי איז איר פאָראויסגעגאַנגען...

און וויפל מאָל פלעגט זי לייען גאַנץ גרויסע סומעס פאַר אַ יינגל, וואָס דאַרף גיין אָפּגעבן מאַטורע און ער דאַרף זיך צולערנען מיט אַ לערער? זי האָט פון דעם נישט געהאַלטן, אָבער די מוטער (איך וויים ווער) איז געקומען און געוויינט, אַז איר זון דאַרף אַ יאָר צייט לערנען, כדי אויסצוהאַלטן מאַ־טורע, האָט זי נישט געקאָנט אָפּזאָגן. זי האָט פון דעם נישט געהאַלטן, אָבער יענע האָבן דערפון געהאַלטן. און דאָס איז פאַר איר געווען גענוג. (פאַרן פאָטער — נישט.) און היות ווי זי האָט קיין געלט נישט געהאַט, האָט זי געליען פאַר יענער, און דערנאָך פלעגט זי אָפּגעבן דעם חוב, אָדער איר זון, שמואל, פלעגט אָפּגעבן.

און ווען דער זון (וואָס האָט געזאָרגט פאַר די עלטערן ווי די מוטער פלעגט זאָרגן פאַר אָרעמע), פלעגט איר, דער קראַנ־קער, שיקן געלט אויף אַ זומער־וווינונג, פלעגט זי אָפּגעבן דאָס געלט דער אָרעמער שוועגערין אויף זומער־וווינונג. און דער זון פלעגט שיקן נאָך אַמאָל, אָבער שוין נישט איר אין דער האַנט, ווייל דאָס וואָלט אפשר ווידער אַוועק צו אַ בילכערן, לויט איר מיינונג.

איך געדענק: איך בין געקומען פון וואַרשע און געזען, ווי שוואַך די מוטער איז. איין מאָל, אין אַ ווינטער־נאַכט, ווען מען האָט מיר דערציילט, אַז זי איז שוין ווידער געגאַנגען זאַמ־לען געלט פאַר אָרעמע, הגם דער דאָקטאָר האָט איר אָנגעזאָגט זי זאָל זיך היטן, האָב איך איר גענומען זאָגן מוסר פאַרוואָס זי טוט דאָס, אַז אַ מענטש דאַרף זיך היטן, אַז גוטסקייט האָט און מוז האָבן אַ גרענעץ. און די איבעריקע קינדער האָבן מיך אונטערגעהאַלטן.

אַזוי פלעגט די מוטער תמיד מוותר זיין אויף איר דעה פאַר דער דעה פון אַנדערע. אָבער דאָ האָט מען אַטאַקירט איר לעבנס־זין, איר לעבנס־אויפגאַבע און פלוצלינג איז געשען

אזוינס, וואָס עפּעס ענלעכס האָב איך געהערט בלויז איין מאָל אין מיין לעבן (בעת מיין ברודער האָט געערדט וועגן דער „דינסט" און איר גערוצט); מיין מוטער האָט זיך צעשריען מיט אזא צאָרן און פאראכטונג, וואָס איך האָב גאָרנישט חושד געווען, אַז זי איז פּעאיק דערויף:

— אָי, ווי שלעכט איר זענט! ווי קומען צו מיר אזעלכע שלעכטע קינדער?!

אַלע זענען מיר געבליבן זיצן מיט יראת הכבוד פאַר דעם נאַטור־אויסברוך. און איך האָב דערפילט, אַז נישט נאָר אַלע רייד זענען אומזיסט, נאָר מען טאָר איר נישט שטערן אין איר לעבנס־עבודה: דאָס איז איר גורל, איר באַשטימונג.

און אַזוי איז געווען.

אַ צוויי טעג פאַר אַ יום־כּפּור — איז זי אַרויס מיט פרוי ראַכיטים אין אַ ווינטיקן, רעגנדיק־קאַלטן אָוונט אויפמאַכן געלט פאַר אַ פאַמיליע אויף יום־טוב, און צוריק איז זי געקומען מיט אַ לונגען־אָנצינדונג, פון וועלכער זי האָט זיך שוין נישט אויפגעהויבן.

ווען זי איז געלעגן אויף דער ערד, באַדעקט מיט אַ שוואַרצער טוך, מיט ליכט צוקאָפּנס, האָב איך געזען אין שטוב אַלטע און יונגע פרויען, וועלכע איך האָב קיינמאָל פריער נישט געהאַט געזען; און זיי האָבן זי באַוויינט אויפן עמכדיקן שטייגער און געשריגן צו איר:

— איר זענט דאָך פאַר אונז געווען ווי אַ מאַמע. צו וועמען וועלן מיר זיך איצט ווענדן!?

זי האָט פאַריתומט נישט נאָר אירע אייגענע קינדער...

* * *

אין שאַנכיי האָב איך צופעליק באַגעגנט דעם ביאַליס־טאָקער שטאָט־חזן ר' מאיר פּאָדראַבינעק. דערהערט, אַז איך בין אַ ראַפּאָפּאָרט פון ביאַליסטאָק, האָט ער מיך געפרעגט:

—צי האָט איר אַ שייכות צו ר' זלמן ראַפּאָפּאָרט?

און אַז כ'האָב געזאָגט יאָ, כ'בין אַ זון, האָט ער נישט געוואָלט גלויבן און זיך צערעדט:

— ווען זיי, דאָ אין שאַנכיי, ווייסן פון וואָסער יחוס איר זענט!

און ער האָט גענומען רעדן וועגן מיין פאָטער מיט אַ באמת גרענעצלאָזן יראת הכבוד, גענומען אויסרעכענען זיינע שבחים: זיין למדנות, זיין פרומקייט, זיין פקחות, זיין עניוות, זיינע מידות טובות.

און אין אויסטראַליע האָט מען מיר דערמאָנט מיין מוטער.

אַ פרוי, געקומען פון אַ לאַגער, האָט מיך דערקענט, מיר באַשריבן דעם אויסזען פון די עלטערן און געזאָגט:

— ווען נישט אייער מוטער, וואָלט דען מיין מאַמע, די אלמנה, געוועז געקאָנט אויסהאָדעווען אירע צוויי מיידלעך?

אויף פאַרשידענע אופנים האָבן מיר מענטשן אַנטקעגנ־געטראָגן זייער לעבעדיקע דעראינערונג, — ווי פאַרשיידן עס זענען געווען זייערע הויפּט־אייגנשאַפטן: מידת הדין און מידת הרחמים.

און די דאָזיקע ביידע מעלות האָבן געשאַפן אַ שטוב, וואָס איז אומפאַרגעסלעך לויט איר האַרמאָניעפולער יידישער מענטש־לעכקייט.



אַ פינף־און־פופציק־יאָריקער יונגער דיכטער

(וועגן מענדל ראָזענבאַומען ע״ה)

— מענדל ראָזענבאַום?... ניין, איך קען נישט אַזאַ דיכ־טער.

אַזוי וועט זאָגן יעדער גוט־אינפאָרמירטער לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור, ווען ער וועט זיך דערוויסן אַז איך קלייב זיך שרייבן דעראינערונגען וועגן דעם דיכטער און שרייבער מענדל ראָזענבאַום. און די דאָזיקע גוט־אינפאָרמירטע יידיש־לייענער וועלן זיין גערעכט: אַפּיציעל קען נישט די יידי־שע ליטעראַטור אַזאַ דיכטער.

און דאָך בין איך אויך גערעכט. אומאָפיציעל, כמעט אומ־לעגאַל, עקזיסטירט פאַר מיר אַ דיכטער און שרייבער מיטן נאָ־מען מענדל ראָזענבאום.

זיינע צוויי בענדער דעראינערונגען א. נ. „דעראינערונגען פון אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער" זענען נישט נאָר אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט, נאָר אויך אַ ביישטייער צו דער יידי־שער ליטעראַטור. דאָס זענען דעראינערונגען נישט נאָר פון אַ פּאָליטישן טוער, — אַזוי שרייבט אַ שרייבער און אפשר טאַקע אַ דיכטער.

אָבער דאָך איז מענדל ראָזענבאום פאַר מיר אַ דיכטער און שרייבער נישט צוליב די דאָזיקע דעראינערונגען זיינע.

— צוליב וואָס־זשע?

אָט וועגן דעם וויל איך דאָ טאַקע דערציילן.

* * *

דאָס איז געווען אין בערלין. סוף 1922 אָדער אָנהויב 1923. איך בין געווען דר. חיים זשיטלאָווסקיס פּערזענלעכער סעקרעטאַר. זשיטלאָווסקי האָט געוווינט ווייט אויסער בערלין, און איין מאָל אַ וואָך פלעגט ער קומען צופאָרן קיין בערלין. איך פלעג אים געוויינלעך באַגעגענען אויפן וואָקזאַל.

איין מאָל איז זשיטלאָווסקי געקומען צופאָרן אין באַגלייטונג פון אַ מענטש איבער די פופציקער, אַביסל אַן איינגע־בויגענעם, אָבער זייער אַ באַוועגלעכן פאַר זיין עלטער. דאָס כאַ־ראַקטעריסטישסטע, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן ביים דערזען אים, איז געווען אַ קליין, גרוי בערדעלע, אַ לאַנגע בלייכע נאָז, קיילעכדיקע אַמעריקאַנער ברילן און אַ רוקזאַק, וואָס האָט זיך געפילט היימיש אויף דער אַביסל איינגעבויגענער פּלייצע,— ער איז ווי צוגעוואַקסן צו איר און געוואָרן אירער אַן אָרגאַני־שער טייל.

מיר זענען צוזאַמען פאַרפאָרן צו זשיטלאָווסקיס קרובים, וווּ ער פלעגט איינשטיין ביים ווילן אין בערלין. מענדל ראָזענ־באום (דאָס איז געווען דער מענטש מיטן רוקזאַק) האָט זיך נישט צוגעזעצט אויף קיין איין מינוט און נישט אַראָפּגענומען דעם רוקזאַק, — ער האָט אים, ווי עס האָט אויסגעזען, געטראָגן

ווי אַ טייל פון טואַלעט זיינעם. די גאַנצע צייט איז ער אָדער געווען אין באַוועגונג אָדער זיך געגרייט אין וועג אריין.

מיר האָבן צוזאַמען פאַרלאָזט זשיטלאָווסקיס קוואַרטיר, און ווי נאָר מיר זענען געווען אויף דער צווייטער זייט שוועל, האָט זיך ראָזענבאַום געווענדט צו מיר מיט אַזאַ היץ, ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט וועגן עפּעס באמת וויכטיקס:

— פאַרלאָזט נישט זשיטלאָווסקין. איר זייט אים נויטיק.

איך בין געווען איבערראַשט פון דער אומגעוויינלעכער וואַרעמקייט פון זיין טאָן, — פון אַ וואַרעמקייט, וואָס איז נישט געווען אויפן אָרט. מיין אַרבעט פאַר זשיטלאָווסקין איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס יעדע וואָך פלעגט ער מיר געבן אַ רשימה פון ביכער, פון וועלכע איך פלעג דאַרפן איבערזעצן פאַר אים געוויסע שטעלן, — זשיטלאָווסקי האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַר זיין געפּלאַנט גרויס ווערק — „דער גייסטיקער קאַמף פון יידנטום". די דאָזיקע אַרבעט איז נישט געווען קיין איילעקע און זשיטלאָווסקי וואָלט לייכט געווען געקאָנט געפינען אַ פאַרטרעטער אויף מיין אָרט. און ווען איך האָב געמאָלדן זשיטלאָווסקין, אַז איך קאָן ביי אים לענגער נישט אַרבעטן, האָט ער דאָס גאַרנישט גענומען אַזוי טראַגיש, ווי מענדל ראָזענבאַום.

איך האָב נאָך דאַן נישט געהאַט געוווסט וועגן דער לעבנסלענגלעכער פריינטשאַפט, וואָס פאַרבינדט די דאָזיקע צוויי מענטשן. האָב איך דעריבער אַ קוק געטאָן מיט פאַרווונדערונג אויף דעם הויכן, אביסל געבויגענעם מענטשן, וואָס שפּרייזט שנעל מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע און רעדט מיך איין, נישט אָוועקצוּוואַרפן זשיטלאָווסקין, ווי אַ באָבע רעדט איין אַן אַם נישט אָוועקצוּוואַרפן איר איינינקל...

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט דער פאַראיין פון די יידישע סטודענטן אין בערלין איינגעאָרדנט אַ דיסקוסיע־אָוונט וועגן פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. די רעפערענטן־דיסקוטאַנטן זענען געווען דר. חיים זשיטלאָווסקי און דר. י. נ. שטיינבערג.

אין דער לעצטער מינוט, פאַרן אָנהויב פון דער דיסקוסיע, איז אין זאַל ממש אריינגעלאָפן אָן אָטעם מענדל ראָזענבאַום. איך האָב אים איינגעאָרדנט אין דער ערשטער ריי, לעבן זיך.

— ס׳איז גוט, וואָס זשיטלאָווסקי האָט נאָך נישט אָנגע־הויבן רעדן, — זענען געווען זיינע ערשטע ווערטער, געווענדט צו מיר. — איך האָב אַזוי מורא געהאַט, אַז איך וועל פאַר־שפּעטיקן און דורכלאָזן דעם אָנהויב.

איך האָב זיך פאַרוואונדערט.

— איר גרייט זיך דען צו הערן זשיטלאָווסקין דאָס ערשטע מאָל?

— וואָס רעדט איר?! — האָט מענדל ראָזענבאום געענט־פערט מיט אַ פאָרוווּרף אין טאָן און אין בליק, ווי באַליידיקט דורך דעם, וואָס איך קאָן צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געהערט זשיטלאָווסקין.

— איך האָב אים שוין געהערט רעדן הונדערטער מאָל! — און אין די דאָזיקע ווערטער זיינע האָט אָפּגעקלונגען אַ פרייד, ווי ביי אַ דערמאָנונג וועגן אַ דורכגעלעבטער גרויסער הנאה.

— לויט אייער שרעק דורכצולאָזן דעם אָנהויב פון רע־פעראַט, האָב איך געמיינט, אַז אויך איר וואַרט מיט אומגע־דולד אויף זשיטלאָווסקיס ערשטן רעפעראַט, אַזוי ווי מיר, וואָס זענען פול מיט אומגעדולד צו הערן דעם באַרימטן רעדנער.

— וואָס איז די נפקא־מינה, — האָט ראָזענבאום געענט־פערט מיט היץ, — צי מיר הערן זשיטלאָווסקין צום ערשטן אָדער צום הונדערטסטן מאָל, — עס איז שטענדיק אַ שאָד דורכצולאָזן אפילו איין וואָרט זיינס. איר האָט דאָך קיין באַגריף נישט, וואָס פאַר אַ רעדנער דאָס איז, ווי זיס עס איז צו הערן איטלעך וואָרט זיינס.

עס איז באמת אנגענעם געווען צו הערן זשיטלאָווסקין רעדן. זיין רעדנער־טאַלאַנט איז נישט ענלעך געווען אויף אַ שטורמיש באַרג־טייכל, וואָס רייסט אייך מיט מיט דער קראַפט פון זיין שטראָם, — ער איז ענלעך געווען אויף אַ ליכטיקן, ברייטן טייך, וואָס זיין רואיקן און זיכערן פלוס טרויט איר זיך גערן אָן. ער פלעגט רעדן נישט אַזוי שיין, ווי געשמאַק. זיינע הויפּט־אינסטרומענטן זענען געווען נישט פּאַטאָס און שיין־רעדנעריי, נאָר קלאָרע לאָגיק און זאַפטיקער הומאָר.

עס איז אנגענעם געווען צו הערן זשיטלאָווסקין, אָבער נאָך אנגענעמער איז געווען צו האָבן אונטער דעם האַנט דעם דאָ־

זיקן אַלטן ענטוזיאַסט, וואָס ביי יעדן געלונגענעם אויסדרוק זשיטלאָווסקיס פלעגט ער מיך שיער נישט קנייפּן אין דער האַנט אריין:

— איר הערט? דאָס איז דאָך אומפאַרגלייכלעך! נאָר איין זשיטלאָווסקי קאָן אַזוי רעדן!

עס האָט אָנגעכאַפּט א קנאה: עס זענען דאָ גליקלעכע מענטשן! ווי א צוליג צו זיין באַגאַבונג, האָט ער אַזאַ פריינט און פאַרערער.

נאָך זשיטלאָווסקיס רעפעראַט האָט מענדל ראָזענבאַום גענומען ארומשפּאַצירן איבערן זאַל מיט זיינע לאַנגע פיס, ווי א יובּיליאַר: דאָס איז ווי געווען זיין דערפאָלג, זיין יום־טוב.

איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן מענטשן און ווען איך האָב זיך דערוווּסט זיין ביאָגראַפיע, איז מיין פאַרוווּנדערונג נאָך גרעסער געוואָרן. ער איז געווען איינער פון זשיטלאָווסקיס נאָענטע און וויכטיקע פּאַרטיי־מיטאַרבעטער. ער איז געווען איינער פון די שעפער און אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּאַרטיי סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. ער גיט איצט ארויס א צוויי־בענדיק בוך דעראינערונגען. ער איז זייער א קאָלירפולע פּער־זענלעכקייט, אָבער דער דאָזיקער מענטש האָט נישט קיין שום פּערזענלעכע אַמביציעס, ווי נאָר עס גייט וועגן זיין ליבן חבר זשיטלאָווסקי. ער פאַרטושט אויף אַזוי וויט זיין פּערזענלעכ־קייט פאַר זשיטלאָווסקיס, אַז זייטיקע מענטשן מוז זיך נעמען דאַכטן, אַז נישט פאַרמאָגנדיק קיין אייגן ליכט, באַנוגנט ער זיך מיט אַן אָפּשיין פון זיין פריינטס ליכט.

איך האָב זיך אויך דערוווּסט, אַז מענדל ראָזענבאַום איז צוזאַמען מיט זשיטלאָווסקין געקומען קיין בערלין, ווו ער גרייט צו א פּופּצן־בענדיקע אויסגאַבע פון זשיטלאָווסקיס ווערק, ווי אויך פון זיין אייגן צוויי־בענדיקן ווערק, כדי די דאָזיקע אויס־גאַבע פאַרשפּרייטן אין מזרח־אייראָפּע, וווהין ער פּאָרט אינגיכן ארויס ווי אַן אַגענט פונם זשיטלאָווסקי־פאַרלאַג.

אין איינעם א טאָג האָט מיר מענדל ראָזענבאַום געבראַכט א מתנה זיין צוויי־בענדיק ווערק — „דעראינערונגען פון א סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער", און איז דערנאָך פאַרשוווּנדן פונם בערלינער האָריזאָנט.

* * *

אין עטלעכע חדשים ארום נאָך מענדל ראָזענבאַומס אָפּ־פּאָר, בין איך אויך אָפּגעפאָרן פון בערלין אהיים, קיין ביאַליס־טאָק, אויף צוויי חדשים.

צומאָרגנס נאָך מיין קומען קיין ביאַליסטאָק, בין איך אַרויף אין דער רעדאַקציע פון דער דאָרטיקער טאָג־צייטונג „דאָס נייע לעבן״. כ׳האָב נאָך נישט באַוויזן ווי געהעריק צו כאַפּן אַ שמועס מיט מיין ערשטן רעדאַקטאָר, פּסח קאַפּלאַן, ווי ס׳עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין — מענדל ראָזענבאַום.

— איר זייט דאָ?! — זענען געווען זיינע ערשטע ווערטער.

— איר האָט איבערגעלאָזט זשיטלאָווסקין?!

און הגם עס איז שווער אויף אַזוי ווייט צו גלויבן דעם אייגענעם זכרון, דאָך קאָן איך זיך אין דאָזיקן פאַל פולשטענדיק פאַרלאָזן אויף אים: דער דאָזיקער „טשודאַק״, מענדל ראָזענ־באַום, האָט מיר גאַנץ ערנסט פאַרגעלייגט תיכף צו פאָרן צוריק קיין בערלין.

— וואָס וועט זשיטלאָווסקי טאָן אָן אייך?!

ער פלעגט פאַרלירן דעם חוש פאַר קאָמיזם, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זשיטלאָווסקין, און ער פלעגט פאַרלירן דאָס געפיל פון מאָס: אויב דאָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צו זשיט־לאָווסקין, האָט די קלענסטע קלייניקייט אָנגענומען ריזיקע פאַר־מען. נישט קענענדיק דעם דאָזיקן מענטשן, וואָלט מען געקאָנט אָננעמען זיין „מאָדנעקייט״ פאַר משוגעת.

ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב צוגעזאָגט, אַז אין אַ חודש אַרום וועל איך פאָרן צוריק, האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט, ווייל מיינע פאַרזיכערונגען, אַז זשיטלאָווסקי דאַרף מיך לחלוטין נישט האָבן, האָבן אויף אים קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט.

— נו, גוט, פאָרט צוריק אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. איר וועט באַוויייזן זיך אויסצורוען אויך אין אַ צוויי־דריי וואָכן.

„איינגעאָרדנט״ זשיטלאָווסקין, איז ער געוואָרן צוגענגלעך פאַר אַנדערע ענינים. מען האָט געקאָנט רעדן מיט אים וועגן זיין נסיעה איבער מזרח־אייראָפּע.

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין ביאַליסטאָק איז ער געקו־מען צופאָרן מיט עטלעכע טעג צוריק, און ער גרייט זיך צו

פּאַרקויפן זשיטלאָווסקיס ביכער, און פּאַר איינוועגס — אויך זיינע אייגענע.

היות ווי איך בין אַ ביאַליסטאָקער און כ׳קען אי די שטאָט, אי די מענטשן אירע, האָט ער מיך געבעטן אַרומצוגיין מיט אים איבער דער שטאָט פּאַרקויפן ביכער.

ווי אומאַנגענעם עס איז מיר נישט געווען זיין בקשה, האָב איך דעם דאָזיקן מענטשן נישט געקאָנט אָפּזאָגן. אויב ער שעמט זיך נישט צו גיין איבער די הייזער פּאַרקויפן זשיטלאָווסקיס ביכער און זיינע אייגענע, קאָן מען דען זיין אַזאַ עגאָאיסט און זיך אָפּזאָגן צו העלפן אים אין זיין אויפגאַבע?

און כ׳האָב מסכים געווען.

* * *

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן די דאָזיקע טעג, ווען איך בין אַרומגעגאַנגען מיט מענדל ראָזענבאום איבער די הייזער פון די פאַרמעגלעכע ביאַליסטאָקער יידן פּאַרקויפן די ביכער פון יידישן פּובליציסטישן קלאַסיקער. די דאָזיקע טעג זענען אומפאַרגעסלעך סיי לויט די פינצטערע שפּורן, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אין מיר, סיי לויט די ליכטיקע, מיט וועלכע זיי האָבן מיך באַשאָנקען.

דאָס איז געווען אַן אמתער דערנער־וועג! קומסט אריין צו אַן אַפּטייקער, צו אַ וויין־הענדלער, צו אַ מאַנופאַקטור־סוחר, צו אַ רייכן קרעמער, לייגסט זיי פאָר פּופצן בענד קלאַסישע פּובליציסטיק, דעם שניט פון אַן איבערגעגעבענער גייסטיקער אַרבעט פון אַ גאַנץ לעבן, און זיי גיסן אָפּ, ווי מיט קאַלטן וואַסער, מיט צוויי שאלות: ערשטנס, ווער איז דאָס דער חיים זשיטלאָווסקי? און צווייטנס, צו וואָס דאַרף ער האָבן אַזוי פיל ביכער? נו, מילא, איין בוך, צוויי — אָבער זיבעצן ביכער! און אַ חוץ די צוויי פראַגעס האָבן זיי נאָך, ווי אַ צולאָג, אַ שמייכעלע. וואָסער סחורה מען זאָל זיי נישט פאַרליינגן, ווייסן זיי, אַז דאָס איז אַ נאָרמאַלע האַנדלס־טראַנזאַקציע; אָבער אַז מען לייגט זיי פאָר ביכער, ווייסן זיי, אַז דאָ שטרעקט עמיצער אויס די האַנט נאָך אַ נדבה. און אויב עמיצער פון זיי קויפט שוין — איז אויף באָרג. מ׳עט שוין אַמאָל באַצאָלן...

נאָך יעדן באַזוך האָב איך זיך געשעמט קוקן ראָזענבאומען אין די אויגן; גלייכצייטיק אָבער האָב איך נאָך יעדן באַזוך איבערגעלעבט אַן אָנגענעמע אַנטוישונג: מענדל ראָזענבאום האָט אויף קיין איין מינוט נישט פאַרלוירן זיין גייסטיקע גלייכ־געוויכט, זיין גוטע שטימונג. און ווארפנדיק אויף אים פון דער זייט בליקן, האָב איך איינגעהאַלטן מיין צאָרן, וואָס אָט־אָט האָט ער געדראָט אַדורכצוברייסן זיך: אויב ער, מענדל ראָזענ־באום, מיט זיין גראָען קאָפּ, טראָגט אַריבער די דאָזיקע וויזיטן רואיק, איז אַ חרפּה, איך זאָל אויסברעכן מיט צאָרן.

ביים אַרויסגיין פון איינעם אַ גאָר „אנגענעמען" קויפער האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַ פרעג געטאָן ראָזענבאומען, ווי אַזוי ער האָט נאָך אַ האַרץ צו גיין ווייטער צו די דאָזיקע קרעמערלעך. „איך, אויף אייער אָרט, — האָב איך צו אים געזאָגט, — וואָלט שוין פון לאַנג געוועזן אַוועקגע־וואָרפן דעם גאַנצן ענין, כ'וואָלט אַ שפּיי געטאָן אויף זיי און — אַוועקגעלאָפן ווו פעפער וואַקסט"...

אויף דעם האָט ער צו מיר געזאָגט רואיק, הגם מיט בולטן טרויער:

— פאַרקויפן די דאָזיקע ביכער איז פאַר זשיטלאָווסקין אַ נויטווענדיקייט, און מיין פליכט איז זיי צו פאַרקויפן. מיט אַלע מיטלען. דער פאַרקויף פון דער דאָזיקער אויסגאַבע וועט זשיטלאָווסקין געבן די מעגלעכקייט רואיק צו אַרבעטן.

כדי צו ברענגען אַזאַ קרבן פאַר אַ פריינט, דאַרף מען פאַר־מאָגן נישט נאָר אַ גרויסע דאָזע מסירת־נפש, נאָר אויך אַ גרויסע גייסטיקע קראַפט, אי כדי אָנצולאָדן אויף זיך אָט די לאַסט, און אי כדי זי צו קאָנען טראָגן.

דערמאָנענדיק זיך מיינע איינדרוקן פון יענע טעג, פאַר־בראַכטע צוזאַמען מיט ראָזענבאומען אין זוכן קויפער אויף זשיטלאָווסקיס ביכער, קומט מיר אויפן זינען באַלזאַקס אַ דערציילונג, אין וועלכער דער העלד טוט זיך איבער פאַר אַ בעטלער, כדי אָפּצוזוכן זיין טאָכטער. דער פאַרקליידעטער בעט־לער, אין זיינע שטינקענדיקע שמאַטעס, זעט און פילט, אַז די אַרומיקע מיידן אים אויס, עס איבלט זיי פון אים; אָבער ער מאַכט צו די אויגן און די אויערן, ער פאַרזינקט אין גאַנצן אין

זיך, אין זיין געפיל פון פליכט, אין זיין אידעע־פיקס, און, באַשיצט דורכן דאַזיקן פאַנצער, טראָגט ער איבער אַלץ. זאָלן די אַרומיקע טראַכטן וואָס זיי ווילן, — ער ווייסט ווער ער איז און ווייסט דעם זין פון זיין חרפּהדיקן צושטאַנד, פון זיין טאַט, און אָט דער באַוווסטזיין איז פאַר אים גענוג.

אַז מענדל ראָזענבאַום האָט פאַרמאָגט די דאָזיקע גרויסע דאָזע פון גייסטיקער קראַפט, האָט ער באַוויזן נישט נאָר דורך נישט דעזערטירן פון שלאַכטפעלד פאַר פאַרקויפן הונדערט זאַץ פון זשיטלאָוווסקים ווערק; ער האָט דאָס אויך באַוויזן אוממיטל־באַר אויפן וועג פון איין קראָם צו דער צווייטער, פון איין ביוראָ צו דער צווייטער.

מיר האָבן אויפן וועג צו די „קונדן" געפירט אומענדלעכע ליטעראַרישע שמועסן; עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער דאָזיקער אַלטער פּאָליטישער טוער איז אַ גרויסער ליבהאָבער און קענער פון דער יידישער ליטעראַטור.

איינמאָל האָט ער מיר אַ פרעג געטאָן מיין מיינונג וועגן לייוויקס „גולם".

דערהערט, אַז נישט געקוקט אויף אַ סך טיפע געדאַנקען און געראָטענע פּרטים, האַלט איך דאָס דאָזיקע ווערק, ווי אַ גאַנצעס, פאַר נישט געלונגען, איז ער געוואָרן אויסער זיך. איך האָב געפילט, אַז אים טוט וויי אי די אומגערעכטיקייט (לויט זיין מיינונג) לגבי זיין באַליבטן ווערק, אי מיין טעות. ווי ליידנ־שאַפטלעך ער האָט זיך באמת איבערצוציייגן מיך אין מיין אומ־גערעכטיקייט! און ווען דאָס איז אים נישט געלונגען, איז ער געוואָרן אומגליקלעך אין פולן זין פון דאָזיקן וואָרט און ער האָט זיך געפילט ממש באַליידיקט ווי אַ קינד. ס'איז אים שווער גע־ווען צו באַנעמען, ווי אַזוי מען קאָן נישט ליב האָבן לייוויקס „דער גולם", — דאָס איז דאָך אַ ריזיק קונסט־ווערק. און בכלל — לייוויק!

— צי קענט איר זיינע סאָנעטן וועגן טויט?

ניין, איך האָב די דאָזיקע סאָנעטן נישט געקענט.

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד! איר וואָלט באַדאַרפט לייענען די דאָזיקע סאָנעטן. דעמאָלט וועט איר זען, סאַר אַ דיכטער דאָס

איז. אויב איר ווילט, וועל איך אייך פֿאַרלייענען די דאָזיקע לידער. איך קען זיי אויף אויסנווייניק.

און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, האָט מענדל ראָ־זענבאום אָנגעהויבן דעקלאַמירן, אָן צו פאַרהאַקן זיך, אַ סאָנעט נאָך אַ סאָנעט.

איבערן ענגן, רווישיקן האַנדלס־צענטער „רינעק קאָסטיוש־קאָ" איז געגאַנגען אַ גרויער מאַן, אַ נישט דערפֿאָלגרייכער פּאַר־קויפער פון „אומנויטיקע" יידישע ביכער און ער האָט דעקלאַ־מירט לייוויקס מעכטיקע, אימהדיקע סאָנעטן וועגן טויט, און אין יעדן פערז זייערן האָט דער דאָזיקער נישט יונגער מענטש אריינגעלייגט זיין גאַנצע יונגע, מיט ענטוזיאַזם אָנגעפּילטע נשמה. און ווען ער פלעגט קומען צו שטעלן, וואָס האָבן אים באַזונדערס אָנגערירט, פלעגט ער בלייבן שטיין, כדי זיי ארוים־צוברענגען וואָס אויסדריקלעכער.

עס איז קאָנטיק געווען, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט פאַרגעסן וועגן די ביכער, וועגן אָרט, ווו ער געפינט זיך, וועגן דער אָרומיקער קליינבירגערלעכקייט, — ער איז אינגאַנצן גע־ווען געפאַנגען ביי זיין פּאָעטיש געפיל.

ווען ער האָט געענדיקט זיין דעקלאַמאַציע און איך האָב אים געזאָגט, אַז די לידער געפעלן מיר, איז מענדל ראָזענבאום געווען אויפן זיבעטן הימל, ווי אַ באמת רעליגיעזער מענטש, ווען עס געלינגט אים ארויסצוראַטעווען אַ זינדיקע נשמה פון די נעגל פון אומגלויבן.

יאָ, די סאָנעטן זענען מיר געפעלן געוואָרן, אָבער נאָך מער איז מיר געפעלן געווען דער מענטש, וואָס דער דערנער־וועג ביים פאַרקויפן זיין פריינטס ביכער איז נישט געווען בכוח צו פּאַראַליזירן זיין פּאָעטישע שפּירעוודיקייט.

אָבער דאָס וואָס די „סאָנעטן פון טויט" זענען מיר געפעלן געווען, האָט נישט געקאָנט אויסקויפן מיין נישט אָננעמען „דעם גולם", ווי ער שטייט און גייט. און ווען מיר זענען אין אָוונט אריינגעגאַנגען צום פּאָרזיצער פון ביאַליסטאָקער שרייבער־פאַראיין, נח זאַבלודאָווסקי, האָט מענדל ראָזענבאום קודם כל זיך באַקלאָגט אויף מיין ווידערשפּעניקן אָפּזאָגן זיך צו אָנער־קענען דעם „גולם" פאַר אַ שלימותדיק ווערק. און אין דער אָנ־

װעזנהײט פֿון כמעט אַלע מיטגלידער פֿון פֿאַראײן האָב איך אים פֿײערלעך געמוזט צוזאָגן דורכצולײענען נאָך אַמאָל דעם „גולם", אפֿשר װעל איך דאַן פֿאַרט פֿאַרבעסערן מײן מײנונג װעגן אים.

איך האָב מײן צוזאָג ערלעך געהאַלטן, אָבער מיר איז שױן מער נישט אױסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט ראָזענבאַומען, כדי אים צו מעלדן װעגן מײן עקשנות אין דער דאָזיקער פֿראַגע.

* * *

אײן מאָל, בעת אונזערע בלאָנדזשעניש איבערן מדבר פֿון די ביאַליסטאָקער גאַסן, האָט מיר מענדל ראָזענבאַום אַ פֿרעג געטאָן, צי איך האָב שױן געלײענט זײַנע „דעראינערונגען פֿון אַ סאָציאַל־רעװאָלוציאָנער".

פֿאַר דער דאָזיקער פֿראַגע האָב איך זיך זײער געשראָקן. נישט דערפֿאַר, װײַל דאָס בוך זאָל מיר נישט האָבן געפֿעלן געװאָרן, — פֿאַרקערט, איך האַלט אַז דאָס דאָזיקע בוך איז אינטערעסאַנט נישט נאָר פֿון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, נאָר אױך פֿון ליטעראַרישן. מורא געהאַט האָב איך פֿאַר עפּעס אַנדערש: אין זײַן בוך באַשרײַבט מענדל ראָזענבאַום, אױף אַ מערקװירדיקן, ממש דערשיטערנדיקן אופֿן, זײַן משוגעת־צושטאַנד אין תּפֿיסה. און מיט מײַן ענטפֿער, אַז איך האָב דאָס בוך געלײענט, האָב איך מורא געהאַט אים צו דערמאָנען דעם ביטערסטן עפּיזאָד פֿון זײַן לעבן. אָבער זאָגן אַ ליגן האָב איך נישט געװאָלט, — איך האָב געפֿילט, אַז דער דאָזיקער מוטיקער מענטש האָט נישט פֿאַרדינט אַזאַ באַציאונג צו זיך. און איך האָב אים געזאָגט, אַז זײַן בוך האָב איך געלײענט און אַז עס געפֿעלט מיר זײער שטאַרק.

— און װאָס װעט איר זאָגן װעגן דער באַשרײַבונג פֿון מײַן אײגענער משוגעת?

איך בין זיך מודה: די דאָזיקע דירעקטע פֿראַגע האָט מיך אַזױ באַטױבט, אַז אין דער ערשטער מינוט האָב איך זיך אינגאַנצן פֿאַרלױרן און בין געבליבן שטײן װי פֿאַרגליװערט.

מענדל ראָזענבאַום האָט באַמערקט מײַן צעטומלטקײט און װי דאָס װאָלט געװען די סאַמע נאַטירלעכסטע זאַך אױף דער װעלט, האָט ער גענומען דערצײלן די געשיכטע פֿון זײַן גײס־

טיקער קראַנקהײט. שױן אין בוך האָט מיך איבערראַשט די דאַזיקע באַשרײַבונג, אָבער בעל־פּה איז די דאָזיקע באַשרײַבונג געװען אַ סך פּולער און פֿאַרבנרײַכער. ער האָט באַשריבן, גײענדיק מיט מיר אױף דער שמאָלער סוראַזער גאַס, װי אַזױ זײַן באַװוסטזײַן האָט אַלײן נאָכגעפֿאָלגט דעם פּראָצעס פֿון אײגענער פֿאַרטונקעלונג, װי אַזױ אַ קלײנער זױם באַװוסטזײַן איז אױך בעת דער קראַנקהײט געבליבן טעטיק אױף זײַן װאַך־פּאָסטן (אַזױ טרעפֿט, בײַ אַ נישט־פֿולער ליקוי חמה, אַז אַ זױם פֿון דער זון בלײַבט נישט צוגעדעקט). און דעריבער האָט ער פֿאַרגעדענקט דעם גאַנצן פּראָצעס פֿון זײַן קראַנק װערן און די קראַנקהײט גופֿא.

איך האָב דערפֿילט די גאַנצע נאַרישקײט פֿון מײַן שרעקן זיך צו רעדן מיט אַזאַ מענטשן אָפֿן װעגן אַלץ. איך האָב אים דערצײלט װעגן מײַן שרעקן זיך פֿאַרן דאָזיקן שמועס און װעגן מײַן שעמען זיך איצט פֿאַר אים. איך האָב אים אָפֿן דערצײלט װעגן מײַן פֿאַרװוּנדערונג, װען איך האָב געלײענט בײַ אים די באַשרײַבונג פֿון זײַן קראַנקהײט: װי שטאַרק עס מוז זײַן אַ באַװוסטזײַן, כּדי נאָכצופֿאָרשן די אײגענע פֿאַרטונקעלונג, און װי שטאַרק עס מוז זײַן דער כאַראַקטער פֿון אַ מענטשן, כּדי צו דערצײלן אױף אַזאַ אופֿן װעגן אַזאַ צושטאַנד, װעגן אַזאַ איבערלעבונג.

איך באַדױער שטאַרק ביז אױפֿן הײַנטיקן טאָג, װאָס איך האָב פֿאַרלױרן מײַנע דעמאָלטיקע נאָטיצן װעגן דאָזיקן שמועס, װאָס האָט געװאָרפֿן אַזאַ העל ליכט אױפֿן דאָזיקן אײדעלן, קלוגן, מענטשלעכן מענטשן, װאָס האָט געװאָרפֿן אַזאַ אינטערעסאַנט ליכט אױף די סודות פֿון דער מענטשלעכער פּסיכיק.

* * *

מענדל ראָזענבאַום ביכער־קאָמפּאַניע האָט זיך פֿאַרענדיקט. איך בין געװען צופֿרידן װאָס איך װעל אױפֿהערן באַזוכן אַזױ אָפֿט די אױבערשטע שיכטן פֿון ביאַליסטאָקער קרעמערטום. דערפֿאַר אָבער האָט זיך אױך דערנענטערט דער אָפּפֿאָר פֿון דאָזיקן מענטשן, װאָס האָט געפֿאַנגען מײַן גאַנץ האַרץ.

אײן מאָל, גײענדיק מיט אים איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן, גיט מיר מענדל ראָזענבאַום אַ פֿרעג:

— האָט איר געלייענט מיין ליד אין דער „צוקונפט”?

מען קאָן דאָך פון דאָזיקן יידן נישט אויסהאַלטן! יעדן טאָג — אַ פרישע סענסאַציע! מענדל ראָזענבאום — אַ פּאָעט און אָנפאַנגער!

אָבער מיט מענדל ראָזענבאומען האָב איך אַ גאַנץ אַנדערן חשבון, — דאָס וואָס איז נישט אנגענעם מיט אַן אַנדערן, איז אנגענעם מיט ראָזענבאומען.

— ניין, איך האָב אייער ליד נישט געלייענט. איר מיינט עס אָבער אויף אַן אמת? איצט האָט איר זיך ארומגעזען צו שרייבן לידער?!

— קומט מיט מיר אין האָטעל, — האָט מיר ראָזענבאום געענטפערט, — כ'וועל אייך דאָרט פאָרלייענען מיין ליד.

מיר קומען אריין אין זיין טונקעלן צימער פון האָטעל „בריסטאָל”, וווּ עס שמעקט מיט דורותדיקן שטויב, און מענדל ראָזענבאום נעמט לייענען שטייענדיקערהייט (ער זעצט זיך קיינמאָל נישט צו, ער טוט אַלץ שטייענדיקערהייט) זיין ליד.

— נו, ווי געפעלט אייך מיין ליד?

ווי גוט עס איז מיט מענדל ראָזענבאומען, — מען דאַרף נישט פאַרקויפן די נשמה, מען קאָן רעדן אָפן.

— עס געפעלט מיר שוין גאָרנישט.

— און דאָך וועל איך ווייטער שרייבן. און נישט נאָר לידער, — איך האָב פאַרטראַכט צו שרייבן אויך אַ ראָמאַן.

— און איר ווייסט וואָס, — האָט ער פּלוצלינג ארויסגע־שאָסן מיט טיפער איבערצייגונג, — איך האַלט דעם גאַנצן וועג פון מיין לעבן פאַר אַ טעות, איך בין געגאַנגען אויף אַ פאַלשן וועג. איך האָב באַדאַרפט ווערן נישט קיין רעוואָלוציאָ־נער, נישט קיין פּאָליטישער טוער, נאָר אַ שרייבער, אַ פּאָעט. איך שפּיר דאָס מיט מיין גאַנצן מהות, און איך וועל אויס־בעסערן מיין טעות.

איך בין געשטאַנען און געקוקט אויפן דאָזיקן מענטשן מיט אַ נישט באַהאַלטענער פאַרווונדערונג: אָט שטייט פאַר מיר אַ מענטש אויף דער שוועל פון די זעכציקער, אַ מענטש, וואָס האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן פּאָליטישער טעטיקייט, און איצט, אויף דער שוועל פון עלטער, וויל ער איבערשטרייכן זיין

גאַנצע טעטיקייט און פּראָקלאַמירט זיין גאַנץ לעבן פאַר אַ טעות, און ער וויל ווערן אַ דיכטער, אַ ראָמאַניסט.

און דער סאַמע עיקר: ער רעדט וועגן זיין פאַרנאַכלעסיקט לעבן נישט מיט ביטערקייט, ווייל ער באַטראַכט עס נישט פאַר פאַרלוירן, — ער האַלט אַז ער קאָן נאָך אויסבעסערן דעם דאָזיקן „קליינינקן" טעות. ער איז געגאַנגען 3-4 צענדליק יאָר אין אַ פאַלשער ריכטונג? נו, איז וואָס? ער וועט זיך פאַרנעמען אויף צוריק און וועט גיין מיט אַן אַנדער וועג.

און ווער ווייסט? עס איז זייער מעגלעך, אַז דער יונגער ערב־זעכציק־יאָריקער דיכטער מענדל ראָזענבאַום וועט נאָך לאָזן הערן וועגן זיך.

* * *

אין 1934, בעת דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון ייוואָ אין ווילנע, האָב איך אָפּגענומען אַ לעבעדיקן גרוס פון מענדל ראָזענבאַומען.

דר. ישראל רובין, דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג און מחבר פון וויסנשאַפטלעכע ביכער אין געביט פון פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק, האָט מיר דערציילט וועגן מענדל ראָזענבאַומען, וואָס האָט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, איז אריינגעטראָטן אין אַ קבוצה און געוואָרן דאָרט איר ליבלינג. אַלע אין ארץ־ישראל קענען דעם דאָזיקן יונגן אַלטיטשקן, דעם דאָזיקן פּקחותדיקן „טשודאַק", וואָס איז פול מיט ענטוזיאַזם פון אַ צוואַנציק־יאָריקן און מיט ענערגיע פון אַ דרייסיק־יאָריקן און שטעלט זיך יעדן טאָג אויפן קאָפּ, לויט דער יאָגאַ־לערע.

וואָס שייך זיין שריפטשטעלערישער קאַריערע, האָט מען וועגן איר דערווייל גאָרנישט געהערט. אין „צוקונפט" האָב איך באַגעגנט בלויז זיינע אַרטיקלען וועגן דער געשיכטע און די פּראָבלעמען פון אַן ארץ־ישראל־קבוצה און — פּאָלעמיק. אָבער משפטנדיק לויט דער ראַדיקאַלער ענדערונג, וואָס דער דאָזיקער זיך עלטערנדיקער מענטש האָט אריינגעפירט אין זיין לעבן, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די קריטיקער פון דער יידישער ליטעראַטור וועט נאָך אויסקומען זיך צו פאַרנעמען מיטן יונגן שרייבער מענדל ראָזענבאַום.

אויב אָבער די קריטיקער אונזערע וועט נישט אויסקומען צו פאַרנעמען זיך מיט זיינעם א ראָמאַן, וואָלט פאַר אונזערע ראָמאַניסטן ניט געווען אומנוצלעך צו פאַרנעמען זיך מיטן לעבנס־ראָמאַן פון דאָזיקן אָריגינעלן מענטשן, וואָס האָט זיך אויפן וועג צו די זעכציקער ערנסט געגרייט צו ווערן א פּאָעט און ראָמאַניסט.

דאָס לעבעדיקע און דאָס טויטע אין זיגמונד פרוידס לערע

זינט טשאַרלז דאַרווין האָט קיין איין געלערנטער נישט געהאַט אַזוי פיל באַגייסטערטע אָנהענגער און פאַנאַטישע שונאים, ווי זיגמונד פרויד. זייט טשאַרלז דאַרווין האָט קיין איין געלערנטער אַזוי נישט פאַרבלענדט סיי זיינע אָנהענגער, סיי זיינע קעגנער, זיי זאָלן נישט דערזען אָדער דאָס פאַלשע אָדער דאָס גוטע. און דאָס איז נישט קיין צופאַל; צווישן דער לערע פון טשאַרלז דאַרווין און דער לערע פון זיגמונד פרויד איז דאָ עפּעס קרובהשעס: טשאַרלז דאַרווין האָט קעווסטיאָנירט די סוווערענע אָפּשטאַמונג פון מענטשן און אָנגעוויזן אויף דער מאַלפּע ווי אויף אונזער אור־אור־זיידע, און זיגמונד פרויד האָט קוועסטיאָנירט די סוווערענע אָפּשטאַמונג פון מענטשלעכן גייסט און אָנגעוויזן אויפן אונטערשטן טייל קערפּער ווי אויף זיין אור־קוואַל.

פון איין זייט פאַרמאָגן די דאָזיקע לערעס אַן אויסערגעוויינלעכע רעוואָלוציאָנערע דרייסטקייט, אָבער פון דער צווייטער — עפּעס אַזוינס, וואָס גרענעצט מיט גרענעצלאָזן ציניזם. און אויב דאָס רעוואָלוציאָנער־נייע פאַרבלענדט איינע מיט ענטוזיאַזם, פאַרבלענדט דאָס גרענעצלאָז ציניש די אַנדערע מיט שנאה. קיין גלייכגילטיקע, גלייכגעוויכטיקע באַציאונג קאָנען אַזעלכע גייסטער נישט דערוואַרטן צו זיך: זיי רייצן צופיל סיי

די פאנטאזיע, סיי די געמיטער; זיי סטימולירן סיי דעם דראנג צו נייעס, איבערקערנדיקס און זיי באלײדיקן די ליבע צום אלטן, צום איינמאל פאר אלע מאל פעסטגעשטעלטן.

כדי צו שאפן אזא לערע ווי פרוידס, איז ווייניק צו האבן געניאלע פעאיקייטן, — מען מוז נאך אויך פארמאגן א דימענט־הארטן כאראקטער, א גראניטענע עקשנות, וואס קאן זיך אנט־קעגנשטעלן דעם שטארקסטן שטראם אין דער וועלט — דעם מענטשלעכן קאנסערוואטיזם, דער מענטשלעכער מורא פאר איבערקערונגען, בפרט אין געביט פון גייסט.

און דא פארבויגן מיר זיך פארן גרויסן טויטן צום ערשטן מאל, אומאפהענגיק דערפון צי מיר נעמען אן זיין לערע אדער מירווארפן זי אפ אינגאנצן אדער טיילווייז; מיר בויגן אונזער קאפ פאר זיין אומבויגזאמער כאראקטער־פעסטקייט, פאר דער דאזיקער זעלטענער אבער וויכטיקער אייגנשאפט, וואס איר האבן מיר צו פארדאנקען אלץ, וואס שטעלט באמת פאר מיט זיך א פראגרעס אין דער אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט, און וואס נאר איר וועלן מיר האבן צו פארדאנקען אויך יעדן ווייטערדיקן שריט פון מענטשן צו א מענטשלעכערן לעבן.

וויסן דעם אמת איז אויך א וויכטיקע זאך, אבער פון טויזנט מענטשן, וואס וויסן דעם אמת, איז דא קוים איינער וואס האט גענוג מוט און עקשנות צו קעמפן פאר אים, צו לעבן בלויז פאר אים, אין הארמאניע מיט אים.

זיגמונד פרויד האט געהאט דעם מוט צו ווערן געהאסט פאר זיין אמת. און דאס טיילן מיר אוים פונם טויטן, וואס דארף באגראבן ווערן.

*   *   *

דאס יידישע פאלק, — האבן ליב צו זאגן ליבהאבער פון פאראיינפאכנדיקע דעפיניציעס, — איז לויט זיין פסיכאלאגיע מאניסטיש. עס האט געגעבן דער וועלט די מאניסטישע רעליגיע און אלע זיינע גרויסע גייסטער זענען תמיד מאניסטיש: זיי צווינגען ארײן די וועלט אין איין פרינציפ. דערביי רעכענען זיי אוים אויך קארל מארקסן און זיגמונד פרוידן.

לויט מיין מיינונג וויזן זיי דערביי אויף נישט אזוי די

מאַניסטישע אייגנשאַפט פון יידישן פאָלק, ווי זייער אייגענע, וועלכע זיי פאַרמאָגן, אָבער נישט אַלס יידן, נאָר אַלס מענטשן. דער מענטש בכלל האָט אַ נייגונג צו פאַראייפאַכן, ארונטער־צונעמען אַלץ אונטער די פליגלען פון איין פרינציפּ, אריינצו־ברענגען אָרדענונג אינם כאַאָס, צו מאַכן איינפאַך דאָס קאָמפּלי־צירטע. אַ דאַנק דער דאָזיקער אייגנשאַפט זיינער צו זוכן די סיבות פון יעדער דערשיינונג, צו זוכן די געמיינזאַמע סיבה פון פאַרשידענע דערשיינונגען, האָט דער מענטש אַ סך דער־גרייכט, אָבער אויך אַ סך פאַרבלאָנדזשעט. ווען נישט די דאָ־זיקע אייגנשאַפט פון מענטשלעכן גייסט, וואָלט דער מענטש קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו די סודות פון די פיזיק־געזעצן, וואָס באַהערשן מאַניסטיש די פאַרשידנאַרטיקסטע דערשיי־נונגען. אָבער צוליב דער דאָזיקער אייגנשאַפט האָט דער מענטש שטאַרק פאַראייפאַכט און אפילו פאַרקריפּלט די קאָמפּליצירטע לעבנס־געביטן, ווי די סאָציאַלע, למשל.

אָבער נישט נאָר די דאָזיקע נייגונג צו מאַניזם איז שולדיק אין דער פאַרקריפּלונג פון פאַרשידענע וויסנשאַפטן און במילא פון פאַרשידענע לעבנס־געביטן, — די שולד דערפאַר טראָגט אויך דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס אידעען און ניי־אַנט־דעקטע אמתן מוזן פירן, פאַר זייער רעכט אָנערקענט צו ווערן.

כדי דורכצושלאָגן אַ וועג פאַר זיין אמת, מוז יעדער גע־לערנטער אָפּגעבן פאַנאַטיש זיין גאַנצן כח דעם דאָזיקן אמת, ער מוז אין אַלץ פאַרגעסן, ער מוז ווערן איינזייטיק, מאַניאַ־קאַליש. דאָס זען בלויז איינם — גיט צו קראַפט צו קעמפן פאַר דאָס דאָזיקע איינע, און דאָס ציט אויך צו אָנהענגער, וועלכע פאַרמאָגן דאָך אויך, אַלס מענטשן, די נייגונג צום מאַניזם. אָבער דאָס, וואָס גיט צו קראַפט צום קעמפן, גיט נישט צו קיין געזונט דעם אמת. דער קעמפער זעט דעם גאַנצן אמת אויף זיין זייט, און במילא איז ער אומגערעכט צום שטיקל אמת, וואָס איז אויך דאָ ביים קעגנער. אָנשטאָט צו פאָדערן פאַרן אייגענעם שטיקל אמת אַן ארט לעבן קעגנערס שטיקל אמת, פאָדערט ער דאָס גאַנצע אָרט פאַר זיך און זיין שטיקל אמת טריאומפירט פאַרן פרייז פון באַוועלען דעם קעגנערס שטיקל אמת.

טשארלז דארווין האט אנטדעקט דעם געזעץ פון קאמף פאר עקזיסטענץ, אבער אנווארפנדיק אויפן גאנצן לעבן דעם אנטדעקטן פרינציפ, האט ער באוווּלט דעם געזעץ פון קעגנזייטיקער הילף, — ער האט באוווּלט די קאמפּליצירטקייט פון לעבן, ער האט פארקריפּלט דאס לעבן, ער האט אים געבראכט שאדן.

קארל מארקס האט אנטדעקט דעם פרינציפ פון קלאסן־קאמף און פון קלאסן־סאלידאריטעט, ער האט אבער דערביי פארזען דעם פיל שטארקערן פרינציפ פון נאציאנאלן קאמף און פון נאציאנאלער סאלידאריטעט; ער האט געזען די קראפט פון עקאנאמישן פרינציפ און פארזען די קראפט פון אידעאלאגישן פרינציפ.

און דאס זעלבע איז געשען מיט פרוידן. אנטדעקט די ווירקונג פון געשלעכטלעכן פרינציפ אויפן מענטשלעכן גייסטיקן לעבן, איז ער אזוי פארכאפט געווארן פון זיין אנטדעקונג און פון דער נויטווענדיקייט צו פירן א שווערן קאמף פאר זיין רעוואלוציאנערער אנטדעקונג, אז ער האט פארזען און פארנאכלעסיקט אלע אנדערע כחות, וואס ווירקן אין מענטשלעכן לעבן: די עקאנאמיש־מאטעריעלע, דעם דראנג צו שפילן א ראל (פאר וועלכן מען שטויסט אפט אוועק דאס געשלעכטלעכע, הגם פרויד וואלט דא זיכער געוועזן אריינגעווארפן א צווישנרוף וועגן קאמפּענסאציע, וועגן אן אומוועג־מיטל צו דערגרייכן דאס איינציק־וויכטיקע — דאס געשלעכטלעכע), דאס ריין־גייסטיקע, וואס איז נישט בלויז א סובלימירונג, נאר א פרינציפ פאר זיך, — איינער צווישן א סך.

אט־א־די מאניסטישע פארקריפּלונג פון דער לעבנס־קאמפּליצירטקייט, פון דער לעבנס־פולקייט, אט דאס ארויסרייסן א געוויסן טייל אמת און אים קרוינען אלס גאנצן אמת, — אט דאס דאזיקע טויטע און טויטנדיקע מוז באגראבן ווערן ווו מען זאל דאס נישט געפינען, אפילו ביי פרוידן.

און אפשר דווקא ביי פרוידן; ווייל עס איז זעלטן צו געפינען אזא מאניזם ווי אין פרוידיזם. מיט א דערשטוינלעכער געניאליטעט האט פרויד אלץ מער און מער אויסגעברייטערט זיין פאן־סעקסועלע לערע איבער אלע געביטן פון לעבן. אנגעהויבן פון קראנקן־הויז איז ער דערגאנגען ביז רעליגיע, נישט

דורכלאָזנדיק כמעט קיין איין געביט: קונסט, געשיכטע, סאָציאָ־לאָגיע, — אַלץ, אַלץ האָט ער מיט אויסטערלישער געניאַליטעט און קראַפט אריינגעשפּאַנט אינם איינשפּאַניקן רייטוואָגן פון זיין לערע.

מיר קאָנען באַוואונדערן די גרויסאַרטיקע ארכיטעקטאָניק פון פרוידס לערע; מיר קאָנען זיין באַצויבערט פון זיין איינ־ציק־אַרטיקן פלייס און שאַרפזין, — אָבער מיר טאָרן נישט פאַרגעסן אויף קיין איין מינוט, אַז ער האָט — נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער — פאַרגוואַלדיקט דעם פילגע־שטאַלטיקן אמת פון לעבן לטובת דעם טיילווייזן אמת, וועלכן ער האָט אַנטדעקט און אַזוי מוטיק און גלענצנדיק פּאַרטיידיקט.

* * *

מיר טאָרן אָבער נישט אריינפאַלן אין דעם זייער אָפטן קעגנזעצלעכן עקסטרעם פון פאַרלייקענען אויך דעם טיילבעלע אומבאַדינגטן אמת. דאָס קומט אָפט פאָר אַלס רעאַקציע קעגן ערשטן עקסטרעם. מיר דאַרפן זיך אַנטקעגנשטעלן דער אימפּע־ריאַליסטישער פרוידיאַנישער עקספּאַנסיע, אָבער מיר טאָרן דער פרוידיאַנישער לערע נישט אָפּזאָגן אין איר רעכט אויף אַ גע־ווייסן — און טאָקע גאַנץ גרויסן — לעבנס־רוים.

קודם כל איז לעכערלעך אַרויסצוטרעטן קעגן פרוידן מיט דער באַשולדיקונג אין אוממאָראַלישקייט. דאָס, וואָס ער דעקט אויף דעם אונטערשטן האַלבן קערפּער, איז נישט קיין בייז — פאַרקערט!, — די פראַגע איז נאָר אויף וויפל ער דעקט אויף דעם אמת. אויסבאַהאַלטן איז קיין קונץ נישט און ס'איז אויך נישט מאָראַליש. דאָס וואָס די שול־פּיזיאָלאָגיע האָט באַזייטיקט פון מענטשלעכן קערפּער דעם אונטערשטן טייל (אַ חוץ די פיס), האָט אריינגעבראַכט אין דער וועלט אַ סך מער פּיזישע אויסגע־לאַסנקייט און מאָראַלישע דעגענעראַציע, ווי פרוידס אָפּגעבן דעם אונטערשטן האַלבן קערפּער דעם אויבנאָן. מיר טאָרן נישט צוגיין צו פרוידס לערע מיט דער אויפגעבראַכטקייט פון יענע הערן, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט דאָס געשלעכטלעכע אין אַ „ברענענדיקן סוד", וואָס לאָזט איבער רויכערנדיקע האַלאַוועש־קעס אין מיליאָנען יונגע מענטשן. מיר דאַרפן דאַנקען פרוידן, וואָס ער האָט געהאַט דעם מוט אַריבערצוטרעטן די גרענעץ

פון קאָנווענציאָנעלער אָנשטענדיקייט און שטעלן אויפן סדר־היום די געשלעכטס־פּראַגע אין איר גאַנצער נאַקעטקייט. מיר דאַרפן בלויז זען, אַז די פּיקאַנטקייט פון דער פּראָבלעם און די פאַרפירנדיקע דרייסטקייט, מיט וועלכער זי איז געשטעלט און באַהאַנדלט געוואָרן, זאָל אונז נישט פאַרפירן צו אַ צווייטן עקסטרעם, מיר זאָלן נישט אַריינפאַלן אין קריטיקלאָזער התפּעלות, ווי די אַנדערע — אין מאָראַלישע קאָנוווּלסיעס. ווי שוין אויבן געזאָגט, איז דאָס, לײדער, געשען; אויך פרוידס אָנהענגער זענען פאַרבלענדט ווי זיינע קעגנער.

א חוץ דעם פאַרדינסט פון אַריינפירן צוריק אין אונזער עפנטלעכן באַוווּסטזיין דאָס, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער שול־פיזיאָלאָגיע, האָט פרויד נאָך אויך אַנדערע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער פּסיכאָלאָגיע און דער הייל־וויסנשאַפט פון גייסט.

עס איז אַ גרויסער ספק צי פרויד איז גערעכט מיט זיין עדיפּוס־קאָמפּלעקס אָדער מיט זיינע אַנדערע עדגאַר־פּאָ־געשיכטעס. נישט אפילו אַ פרויד קאָן אויפווייזן די ריכטיקייט פון זיינע דאָזיקע „אַנטדעקונגען” און נישט קיינער קאָן אויפווייזן, אַז זיי זענען נישט ריכטיק. און הגם דער עדיפּוס־קאָמפּלעקס איז אַ צענטראַלער זייל אין פרוידס טעאָריע, דאָך איז דער גאַנצער ענין נישט וויכטיק; ערשטנס פאַלט די פרוידיאַנישע געביידע נישט איין, ווען מען באַזייטיקט דעם דאָזיקן זייל, און צווייטנס מאַכט נישט אויס אויב די דאָזיקע געביידע וועט איינפאַלן. אַ לערע, וואָס האָט אַזוי פיל אמתן, מעג פאַרלירן די אַרכיטעקטאַנישע גאַנצקייט, — די אמתן אירע וועלן נאָך בולטער אַרויסטרעטן אַלס טיילן. און אַזעלכע אמתן פאַרמאָגט פרוידס לערע אַ סך, און דווקא רעוואָלוציאָניזירנדיקע, אומשטערבלעכע.

ערשט פרויד האָט אייגנטלעך געשאַפן אַ פעסטן באַזיס פאַר אַ פּסיכאָלאָגיע. ער האָט אַנטדעקט די כעמישע פּראָצעסן פון דער מענטשלעכער פּסיכע, — ווי אַזוי איין־און־די־זעלבע פּסיכישע ענערגיע פאַרוואַנדלט זיך — אַ דאַנק פאַרשידענע ווירקונגען — אין פאַרשידנאַרטיקסטע פאָרמען. עס איז נישט וויכטיק צי פרויד איז תמיד גערעכט ביים אָנווענדן ריכטיק

זיינע פּסיכאָלאָגישע גרונט־געזעצן, — אָבער אַז ער האָט זיך דערקליבן צו די פּסיכישע גרונט־געזעצן — ווי אַ גאַליליי און אַ ניוטאָן צו די פיזישע, — איז מחוץ פון יעדן ספק. און פּונקט ווי די גרויסע פיזיקער האָבן געשאַפן אַ רעאַלן באַזיס פאַר דער וועלט־באַהערשנדיקער נאַטור־וויסנשאַפט, אַזוי האָט פרויד גע־שאַפן אַ באַזיס פאַר אַ מענטש־דערציענדיקער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט.

* * *

די פּסיכיק פון מענטשן איז שווערער צו באַהערשן, ווי די נאַטור, און די געזעצן פון דער פיזיק און פון דער כעמיע האָבן שנעלער געבראַכט פּראַקטישע רעזולטאַטן, ווי עס וועלן ברענגען די פּסיכאָלאָגישע געזעצן פון פרוידן, — אָבער אויב דער מענטש וועט אַמאָל קאָנען מיט אַ זיכערער האַנט קערעווען די גייסטיקע און מאָראַלישע אַנטוויקלונג פון מענטשן, וועט מען עס האָבן צו פאַרדאַנקען נישט אין אַ קליינער מאָס פרוידן.

די אידענטיטעט־ליניע, וואָס פרויד האָט דורכגעפירט צווישן דער פּסיכיק פון ווילדן איבערן נויראָטיקער ביז צום גאון איז אַ פּיאָנערן־וועג, וואָס קאָן אונז ווייט דערפירן (נישט געקוקט אויף דער מורא פון פרוידס שונאים, — אַז פאַרפירן). די ריזיקע ראָל פונם געשלעכטלעכן אין דער גייסטיקער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג פון מענטשן איז אַן אמת, וואָס זיין איגנאָרירונג און דאָס נישט וויסן וועגן דעם האָט דער מענטש־הייט צו טייער געקאָסט. אמת, עס איז אפשר איבערגעטריבן, אַז די סיבה פון אַלץ מוז געזוכט ווערן אין שלאָף־צימער, אָבער אַז דאָס איז איינער פון די ערטער, וועלכע מען מוז האַלטן אויפן אויג ביים וועלן אויסגעפינען אַ סיבה פון אַ וויכטיקער פּאַטאָלאָגישער דערשיינונג, דערין קאָן קיינער, וואָס האָט שטו־דירט די פרוידיאַנישע לערע, נישט ספקן. די וווּנדערלעכע אַנט־פּלעקונג פון פרוידן, וועלכע ער האָט אָנגערופן „סובלימירונג", אַן אַנטדעקונג, וואָס ווייזט אונז די דירעקטע קאָמוניקאַציע, וואָס עקזיסטירט צווישן נידעריקסטן און העכסטן, איז אַן אַנט־פּלעקונג, וואָס איר באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט האָט מען נאָך, לויט מיין געפיל, נישט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק.

שטעלט זיך נאָר פאָר, ווען די אַלכעמיקער וואָלטן דערוויזן, אַז גאָלד קאָן געשאַפן ווערן פון אַנדערע מעטאַלן! אונזער פאַרצווייפלונג צוליב דעם, וואָס דער פּראָצענט גרויסקייט און ריינקייט איז אין דער וועלט אַזוי פאַרשווינדנדיק לגבי דער געמיינקייט און קליינלעכקייט קאָן דאָך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ האָפענונג, ווען מיר זעען די דירעקטע פאַרבינדונג צווישן די דאָזיקעביידע עקסטרעמען. און צי דען האַנדלט זיך דאָ נאָר וועגן האָפענונגען און פּראַקטישע מעגלעכקייטן? ווען מען פאַרקוקט, אַ דאַנק פרוידן, אין דער טיף פון די פּסיכאָלאָגישע כעמישע פּראָצעסן, ווערט מען פאַרכאַפּט פונם גראַנדיעזן בילד, וואָס מיר זעען פאַר זיך, מיר פילן, אַז מיר לעבן נישט אומזיסט, אויב מיר קאָנען דערקענען אונזער לעבן און איבערלעבן אַזאַ שאַרפן גייסטיקן און עסטעטישן געַנוס, ווי ס׳פאַרשאַפט אונז פרויד, מיט דער אַנטפּלעקונג פון גרויסע, טיפע אמתן. דער גרויסער וויסנשאַפטלעכער אמת, וועלכן מען קאָן, לויט דער אויבערפלעכלעכער אָפּשאַצונג, נישט אויסנוצן פּראַקטיש, האָט דאָך אויך אַ פּראַקטישן ווערט. ער הויבט אונזער געפיל פון זעלבסט־חשיבות און ער מאַכט שלום צווישן אונז און אונזער ערגסטן גורל; דאָס פאַרגיטיקט אונז פאַר זייער אַ סך.

*   *   *

פרויד האָט זיין לערע פּרובירט אָנווענדן אויף כמעט אַלע הומאַניסטישע וויסנשאַפטן. און זיינע שילער אוודאי און אוודאי. צוליב דעם, וואָס פרויד האָט זיינע אַנטדעקונגען אויסגעוועבט צו אַ סיסטעם־נעץ, האָט ער אָפט געפּענטעט מיט דער דאָזיקער נעץ די לעבעדיקע באַוועגונגען פון די גייסטיקע וויסנשאַפטן, וועלכע ער האָט אַריינגעכאַפּט אין זיין נעץ. אָבער נישט געקוקט דערויף פילן מיר, אַז פּונקט ווי זיין לערע קאָן נישט געטויט ווערן צוליבן פאַלשן מאַניר און צוליב די פאַלשע פליטערלעך (ווי דער עדיפּוס־קאָמפּלעקס און אַנדערע), פּונקט אַזוי קאָן די נעץ פון זיין סיסטעם נישט טויטן די לעבעדיקע באַרירונגס־פּונקטן פון פרוידס לעבנספעאיקע אמתן מיט אַלע גייסטיקע וויסנשאַפטן. סאַרא סך עס וועט נאָך שעפּן פון פרוידס לערע סיי די קולטור־געשיכטע, סיי די פּאָליטישע געשיכטע, סיי די סאָציאָלאָגיע, סיי די ליטעראַטור־קריטיק.

פרויד האָט אַנטדעקט אָדער פאַראייניקט אין אַן אָרגאַני־שער גאַנצקייט אַ גאַנצע ריי גרונט־געזעצן פון דער מענטשלעכער פסיכיק און פון דער מענטשלעכער גייסטיקער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג, און במילא מוזן זיי וואַרפן אַ ניי ליכט אויף אַלע געביטן פון מענטשנס גייסטיקער און מאָראַלישער טעטיקייט. און אַזוי איז דאָס טאַקע.

ווען מען וועט אָפּוואַרפן די פאַרבלענדקייט סיי פון פרוידס קעגנער, סיי פון פרוידס אַנהענגער, און מען וועט אָפּ־קלייבן פון פרוידס סיסטעם די לעבעדיקע טיילן אירע, וועט מען מיט זיי באַפרוכטן, אין צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע אמתן, דעם גאַנצן ריזיקן געביט פון די הומאַניסטישע וויסנשאַפטן.

מיט פרוידן איז אַוועק פון לעבן איינער פון יענע גרויסע, וואָס זיין ווירקונג וועט וואַקסן מיט די יאָרהונדערטער, ווייל דער פאָרזיי זיינער מוז האָבן אַ סך צייט כדי צו קאָנען אויפגיין אין זיין גאַנצער פּאָטענציעלער שפע.

פרויד האָט אונז געגעבן נישט קיין פאַרטיקעס, נאָר געוויזן די כעמישע פּראָצעסן פון גייסט. פון דעם, ווי מיר וועלן דאָס באַנעמען און אָנווענדן, איז אָפּהענגיק דער רעזולטאַט פון זיין אַרבעט.

פּאַטאַלע אוצרות

(געשריבן צום 500סטן יאָרטאָג פון גוטענבערגס דערפינדונג פון בוכדרוקעריי).

דער אומפאַרגלייכלעכער כשופמאַכער פון פּאָעטישן וואָרט און וויסנשאַפט און פּובליציסטיק, מ. אָ. גערשענזאָן (דער יידיש־רוסישער היסטאָריקער פון דער רוסישער ליטעראַטור און קולטור), האָט אינם ביכל „דער בריוו־אויסטויש צווישן צוויי ווינקלען", — אין דאָזיקן באַשולדיקונגס־אַקט זיינעם קעגן דער קולטור, — געשריבן פּאַלגנדיקע טיף־פּאָעטישע און טיף־טראַ־גישע ווערטער:

„פאַרוואָס... באַליידיקט איך (גערשענזאָן שרייבט זיין באַשולדיקונגס־אַקט צו וו. א. איוואַנאָוון, דעם רוסישן דיכטער־מיסטיקער, דעם פאַרטיידיקער פון קולטור. — י. ר.) מיין דער־קלערונג, אַז די היינטצייטיקע קולטור איז אַ רעזולטאַט פון אַ טעות, אַז דער מענטש פון אונזער היינטיקער וועלט איז אַוועק מיט אַ פאַלשן וועג און איז פאַרקראָכן אין אַן אויסוועג־לאָזער ווילדערניש? געווים, די געשיכטע איז, אויף איר גאַנצן וועג, שכלדיק, ד. ה. אַלץ, וואָס איז אין איר פאָרגעקומען, האָט גענוגנדיקע סיבות, וואָס „דעקן" זי, אָבער אַ דערקלערונג איז דאָך נישט קיין אָפּשאַצונג. די הערנער ביי אַ הירש האָבן זיך אַנטוויקלט געזעצמעסיק, אַלס מיטל איבערצושרעקן דעם שונא און צו פאַרטיידיקן זיך, אָבער ביי געוויסע מינים הירשן האָבן זיי, אויך געזעצמעסיק, דערגרייכט אַזאַ גרויס, אַז זיי שטערן זייער אַרומלויפן איבער די וועלדער, און די דאָזיקע מינים שטאַרבן אויס.

„צי קומט דען נישט פאַר דאָס זעלבע מיט דער קולטור? צי זענען דען נישט אונזערע „קולטור־ווערטן" די זעלבע הער־נער, — צוערשט פּערזענלעכע צופּאַסונג, דערנאָך דאָס אַלגע־מיינע גוט פונם מין און, צולעצט, היפּערטראָפירט אויסגעוואַק־סענע ביים מין, פאַרוואַנדלען זיי זיך פאַר דעם יחיד אין אַ פּיינלעכער, פּאַטאַלער לאַסט און שטערונג?"

סאַראַ אמת עס איז דאָ אין דאָזיקן בילד. די שיינע און מעכטיקע „הערנער" פון דער מענטשהייטס גייסטיקער קולטור זענען געוואָרן אַ שטער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטש־הייט, — זיי האָבן זיך אַזוי פאַנאַנדערגעוואַקסן, אַז זיי באַ־דראָען דאָס קולטור־לעבן פון מענטשלעכן מין.

איך האָב דאָ נישט בדעה צו באַרירן די פראַגע, צי איז נישט אַמאָל גערשענזאָנס באַציאונג צו קולטור בלויז אַ רע־זולטאַט פון פּערזענלעכער איבערגעזעטיקטקייט מיט קולטור; ווען מענטשן עסן זיך איבער, קאָנען זיי אפילו נישט קוקן אויף אַ שויפענצטער פון אַ גאַסטראָנאָמישער קראָם. מיר גייט דאָ נישט אָן די סיבה פון גערשענזאָנס געפיל, — פאַר מיר איז וויכטיק בלויז דאָס, אַז אין דאָזיקן סוביעקטיוון געפיל זיינעם איז דאָ אַ גרויסע דאָזע פון אָביעקטיוון אמת.

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

פראַנץ ווערפל, איינער פון די גרעסטע עסטרייכיש־יידישע מאָדערנע דיכטער, איינער פון די שלימותדיקסטע וואָרט־הער־שער, רופט איבער דאָס וואָרט — „זונה", און ער באַקלאָגט זיך פאַר גאָט, פאַרוואָס ער האָט אים באַשאַפן צו דינען דער הבל־הבלימדיקייט פון וואָרט. אָבער ווי ווייט עס זאָל זיך נישט אַנטוויקלען די פּראָסטיטוציע אין אונזער „קולטורעלער" וועלט, וועט דערפון אויף קיין האָר נישט ווערן פאַרמינערט דער אמת, אַז די פרוי איז נישט נאָר די מוטער פון לעבן, נאָר אויך דער קוואַל פון לעבנס־פרייד, דער קוואַל פון די צאַרטסטע איבערלע־בונגען, — מיט איין וואָרט, די מעכטיקסטע קראַפט אינם לעבן פון מענטשן. דאָס זעלבע איז מיטן וואָרט: ווי ווייט דאָס וואָרט זאָל נישט זיין גענייגט פּראָסטיטואירט צו ווערן — איז עס דאָך די מוטער פון געדאַנק, דער קוואַל פון מענטשנס גייסטי־קער קראַפט, פון דער הויפּט־קראַפט אין מענטשנס לעבן, אפילו פון דער סיבה ראשונה וואָס האָט אַנגעצונדן דאָס אַלמענטשלע־כע, וואָס ווערט צעמענטירט בלויז דורך אידעע־געדאַנק — דעם וואָרט.

דאָס וואָרט, דאָס זענען די שיינע און מעכטיקע הערנער, וואָס האָבן געמאַכט דעם הירש פאַר דער פּראַכט פון די וועל־דער. אָבער די דאָזיקע הערנער האָבן זיך אַזוי שטאַרק צע־וואָקסן, אַז דעם הירש דראָט אַ געפאַר גראָד פון זיין דאָזיקער שיינקייט.

* * *

רבי נחמן בראַסלאַווער, דער דאָזיקער לעצטער יידישער מיסטיקער, ווי מאַרטין בובער באַצייכנט אים מיט רעכט, האָט געזאָגט: „דעם מענטשנס אַלע געדאַנקען זענען ווערטער און רעדנדיקע באַוועגונג, אפילו ווען ער ווייסט גאָרנישט דערפון", (אונטערגעשטראָכן דורך מיר. — י. ר.).

אין רבי נחמנ'ס דאָזיקע ווערטער געפינט זיך דער גאַנצער זין פון דער היינטצייטיקסטער וויסנשאַפט וועגן דער מענטש־לעכער שפּראַך: ווערטער זענען נישט קיין כלי־זיין, מיט וועלכן עס באַנוצט זיך דער געדאַנק, ווערטער זענען דער געדאַנק גופא; דער געדאַנק איז וואָרט אָדער „רעדנדיקע באַוועגונג" (סאַרא

אינטואיציע און דורכדרינגלעכקייט פון געדאַנק!) אפילו דאַן, ווען דאָס קומט נישט צום מענטשנס באַוווסטזיין. דאָס וואָרט איז דער פונדאַמענט פון קולטור, אָבער דאָס וואָרט איז קראַנק געוואָרן אויף היפערטראָפיע, איז געוואָרן אַ קאַנסער אויפן לע־בעדיקן קערפער פון דער מענטשלעכער קולטור.

צוערשט איז יעדעס וואָרט געווען אַ שטראַל פון באַוווסט־זיין, אַן אוממיטלבאַרער בליץ פון געדאַנק, אַ בילד וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די וועלט, אַ רעזערוואַר פון אויסערלעכער און אינערלעכער דערפאַרונג. יעדעס וואָרט איז אַמאָל געווען אַ רייפע פרוכט און דערפאַר איז עס געווען אַזוי דערנערנדיק. דאָס וואָרט פלעגט לאַנגזאַם געבוירן ווערן, אָבער דערפאַר פלעגט עס לאַנג לעבן.

אָבער דאָס איז געווען אַמאָל־אַמאָל.

דער וואָרט־געדאַנק, וואָס דער מענטש האָט געבוירן, האָט אָנגעהויבן אויפצופרעסן זיין געבוירער. דער נאָרמאַלער, געזונ־טער אַפּעטיט, אַ דאַנק וועלכן דער מענטש דערנערט זיך, וואַקסט און לעבט; דער נאָרמאַלער אַפּעטיט, וואָס איז פאַרבונדן מיט הנאה און פרייד, מיטן געפיל פון געזונט זיין, — דער דאָזיקער נאָרמאַלער, געזונטער אַפּעטיט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קרענקלעך־נאַגנדיק געפיל פון אייביקער אומגעזעטיקטקייט.

מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק האָט שוין דער חכם קהלת — אַן איבערגעזעטיקטער מיט לעבן און קולטור — גע־וואָרנט זיין זון פאַר „מאַכן צופיל ביכער". אָבער ווי אַ סך גוטע עצות דער מענטשהייט, האָט מען אויך די דאָזיקע עצה נישט געהערט. און דער אור־אור־אור־איייניקל פון יענעם קהלת (אָדער פון דעם, ווער עס האָט, לויט דער מיינונג פון די ביבל־קענער, צוגעשריבן דאָס לעצטע קאַפּיטל צום דאָזיקן נישט שטאַרק גאָטספאַרכטיקן ספר), ה. לייוויק, דריקט גוט אויס, אין זיין געדיכט „וואָרט", די קראַנקהייט וואָס פייניקט אים און קעגן וועלכער קהלת האָט געוואָרנט:

„איך וואָלט פאַרצוימט, ווי מען צוימט אַ הונט, מיין ווילן,
„איך וואָלט צוגעשמידט די פיס מיינע צו יעדן אָרט;
„איך וואָלט שלום מאַכן מיט אַלץ, מיט אַלץ, אַבי נאָר שטילן
„דעם פאַרצערנדיקן הונגער מיינעם נאָך דיר, וואָרט".

דאָס איז נישט לייוויקס אינדיווידועלע קראַנקהייט, — דאָס איז די קראַנקהייט פון דער מענטשהייט.

* * *

מיט פינפהונדערט יאָר צוריק האָט דער מענטשלעכער גייסט באַקומען אַ מעכטיק געווער, גוטענבערגס דערפינדונג — בוכדרוקעריי. דאָס מענטשלעכע וואָרט, וואָס האָט ביז דאַן זיך באַוועגט צופוס, האָט באַקומען פליגלען.

ווי לאַנגזאַם דאָס בוך פלעגט אַמאָל אויסטרעטן פאַר זיך אַ וועג צום מענטשנס מח און האַרץ; און ווי שנעל אַ בוך מאַכט היינט דורך אַ רייזע אַרום דער וועלט.

נישטאָ קיין ספק — אַ פּראָגרעס!

אָבער אַ פּראָגרעס פון וואָסער מין? אַ גייסטיקער, ווי דאָס האָט זיך דער מענטשהייט אויסגעוויזן פון אָנהויב, אין דער ערשטער מינוט פון פרייד מיט גוטענבערגס דערפינדונג, אָדער בלויז אַ טעכנישער, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער, צום מענטשנס שטוינונג און שרעק?

די בוכדרוקעריי האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַן אומגליק פאַרן מענטשלעכן גייסט, — איך האָב דאָ נישט אין זינען יענץ אומגליק, וואָס פליסט אַרויס פון בוכדרוקעריי, ווי פון אַלע אַנדערע טעכנישע דערגרייכונגען פון מענטשן, צוליב דעם לעצטנס אויסטערלישער פעאיקייט צו מיסברויכן און פאַרגוואַלדיקן יעדע זאַך, — דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל, אין וועלכן דער קונסט פון בוכדרוקעריי געהער איינס פון די ערשטע ערטער. איך האָב דאָ אין זינען בלויז יענעם שאָדן, וואָס איז, אַזוי־צו־זאָגן, אימאַנענט דער בוכדרוקעריי אַלס אַזאַ. מיט אַנדערע ווערטער: איך האָב דאָ אין זינען נישט דעם אַקטיוון מיסברויכן מיט דער לייכטקייט צו דרוקן און פאַרשפּרייטן ביכער, נאָר דעם פּאַסיוון מיסברויך: די בוכדרוקעריי איז געוואָרן אַן אינדוסטריע, מען קאָן זאָגן אַ שווער־אינדוסטריע, און זי האָט אַריינגעכאַפּט דעם מענטשן אין איר שנעל זיך־דרייענדיקן ראָד.

אַמאָל פלעגט דאָס שעפערישע וואָרט לאַנגזאַם רייפן אין מענטשנס גייסט; עס פלעגט לאַנגזאַם זיך פאַרקערפּערן אין אַ מאַנוסקריפּט מיט דער הילף פון אַן איבערשרייבערס האַנט; דערנאָך פלעגט דער דאָזיקער מאַנוסקריפּט לאַנגזאַם דורכשלאָגן פאַר זיך אַ וועג צו מענטשלעכע הערצער און מוחות. ער פלעגט לאַנגזאַם אַריבערטרעטן שפּראַך־און מלוכה־גרענעצן, — די איבערזעצונג פון תנ"ך אויף גריכיש איז געווען אַ גרויסע גע־שעעניש; אָבער אויב דאָס לאַנגזאַם־רייפנדיקע, לאַנגזאַם־ווירקנ־דיקע וואָרט פלעגט שוין פאַרכאַפּן וועמענס עס איז מח אָדער האַרץ, פלעגט עס שוין נישט אַזוי לייכט אים אָפּלאָזן, — עס פלעגט אין אים לאַנגזאַם, אָבער זיכער לאָזן וואָרצלען, רייפן, זיך פאַנאַנדערבליען, ברענגען פרוכט, מיט איין וואָרט — ווירקן.

איצט אָבער איז די וואָרט־שעפערישקייט איינגעשפּאַנט צום זיך דרייענדיקן ראָד פון אַ גרויס־אינדוסטיע. גיט נאָר אַ קוק מיט וואָסער שנעלקייט עס דרייט זיך! די שרייבער שטייען, ווי קעסל־הייצער, פאַר דעם אומדערזעטלעכן פּיסק פון דער דאַמף־מאַשין, וואָס אַרבעט אויף דער פולער פאַרע, און מוזן אָן אַן אויפהער צוּוואַרפן אין דאָזיקן פּיסק זייער שאַפן. ווי שנעל זיי האַלטן אין איין וואַרפן אין דאָזיקן פּיסק אַ בוך נאָך אַ בוך! און יעדעס בוך קאָן בליץ־שנעל דורכמאַכן אַ רייזע אַרום דער וועלט: אַ גאַנצע אַרמיי איבערזעצער שטייט גרייט, ווי געהילף־הייצער, צו באַדינען די אינדוסטריע פון דער בוכ־דרוקעריי. ווי זעלטן אַ שעפעריש וואָרט קומט היינט אַרום אויף גאָטס וועלט אין אַן אויסגערייכטן צושטאַנד! אָבער אפילו אין דאָזיקן זעלטענעם פאַל איז אים שווער צו ווירקן, אויספירן זיין שליחות: די בעסטע קערנער וועלן נישט ברענגען קיין פרוכט, אויב מען וועט זיי צו ענג פאַרזייען אפילו אין אַ פרוכטבאַרן באָדן! איין קערנדל שטערט דעם צווייטן אויפצוגיין; איין בוך שטערט דעם צווייטן צו טאָן זיין אַרבעט. די שרייבער שרייבן צו פיל, און די לייענער לייענען צו פיל (איך רעד שוין ניט וועגן יענע, וועלכע לייענען גאָרנישט, אָפּגעשראָקן דורך אַזאַ שפע). די שיינע הערנער האָבן זיך צו שטאַרק פאַנאַנדערגע־וואַקסן, און זיי שטערן דעם הירשס אַרומלויפן איבערן וואַלד.

די שרייבער צעברעקלען צו שטאַרק זייער גייסט, מישן אים אויס צו פיל מיט וואַסער, צערייצן אים קינסטלעך, כדי נישט אַרויסגעוואָרפן צו ווערן פונם זיך דרייענדיקן ראָד פון דער בוכדרוק־אינדוסטריע, און די עמפינדלעכע טראַכט פונם לייענער ווערט צעטראָטן און ווערט פּרוכטלאָז צוליבן גייסטיקן אָדער פּסעוודאָ־גייסטיקן איבערפלוס.

ווייל אַ חוץ אַלעם, האָט נאָך די בוך־אינדוסטריע, ווי יעדע אינדוסטריע, פאַרגרעסערט די מעגלעכקייט צו פאַרבייטן דאָס שעפערישע מיט אַ שאַבלאָן. אין נעיעג נאָך לייכטן רום און נאָך מאַטעריעלן נוצן, האָט די פּסעוודאָ־שעפערישקייט כמעט ווי פאַרשלונגען די עכטע שעפערישקייט, און אַלץ, וואָס ווערט געשריבן אָן טיפער איבערלעבונג, רופט נישט אַרויס קיין טיפע איבערלעבונג; דער לייכטער שפּור פונם איבערגע־לייענטן ווערט לייכט אָפּגעמעקט אָדער ער ווערט גאָרנישט באַ־מערקט. ווי קנאַפּ עס איז די צאָל פון יענע, וועלכע גיסן זיך צונויף מיט אַ בוך אויף אַ גאַנץ לעבן, אָדער, לכל הפחות, אויף אַ געוויסער צייט, וואָס איז לאַנג גענוג אויף איבערצולאָזן אַן אומפאַרווישבאַרן שפּור אויף דעם גאַנצן לעבן — אויף דער אַנטוויקלונג פונם כאַראַקטער, אויפן גייסטיקן וועג פון אַ מענטשן! די צאָל פון אַזעלכע מענטשן איז אַזוי קליין, ווי קליין עס איז די צאָל ביכער, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון שרייבערס לעבנס־אַרבעט, וואָס זענען אַ קינד נישט פון באַרוף (פּראָ־פעסיע), נאָר פון אַ באַרופונג (אַ שליחות).

וואָס גרעסער עס איז די צאָל ביכער אין די ביבליאָטעקן, אין די ביכער־געשעפטן, אין די פאַרלאַגן און אין די ביכער־שאַפעס פון שיינע קאַבינעטן, אַלץ נישטיקער איז זייער שפּור אין לעבעדיקן לעבן. די ליטעראַטור ווערט אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט פון אַ פּרוכט־ברענגנדיקן פעלד אין אַ קבר־בערגל אונטער וועלכן עס ליגט לעבעדיק באַגראָבן דער מענטשלעכער גייסט, דעם מענטשנס געבענטשטע, שעפערישע קראַפט.

אָנשטאָט צו זאָרגן פאַרן אויסערלעכן וווקס פון דער ליטע־ראַטור, וואָלט מען געוועןבאַדאַרפט זאָרגן פאַר איר מעגלעכקייט צו לעבן און זיך אויסלעבן פאַר דער מענטשהייטס טובה.

אָנשטאָט זיך צו גרויסן מיט דער צאָל בענד אויף די בי־
כער־פּאָליצעס, דאַרף מען מעסטן איר וווקס מיט דער צאָל מוחות
און הערצער, וועלכע זי האָט באַהערשט, און וועלכע האָבן, אַ
דאַנק איר, פּרייוויליק אָנגעטאָן אויף זיך דעם יאָך פון הומאַ־
ניטאַרער זעלבסט־דערציאונג און זעלבסט־צוימונג.

אָבער פאַרכאַפּט אינם ראָד פון דער בוכדרוק־אינדוסטריע,
האָבן מיר אָנגעהויבן מעסטן דעם גייסט מיט דער מאָס פון
פּראָדוקציע... און מיר, די בלינדע, באַמערקן נישט, אַז דער
לעבעדיקער קוואַל ווערט פאַרשאָטן, אַז מיר זאַמלען אוצרות,
וואָס טויטן אונז.

סאַראַ סך קולטור־אוצרות עס געפינען זיך אין די געדרוק־
טע בענד! ווי ווייניק קולטור עס איז דאָ אין די מוחות און
הערצער!

כדי נישט צו שטאַרבן פון הונגער, איז נישט גענוג צו
האָבן שפּייכלערס פול מיט עסנוואַרג, — מען דאַרף זיי נאָך
אויך אויסנוצן און דערצו נאָך גוט אַכטונג געבן אויף דער
פאַרדייאונג און אויף אַ געהעריקן שטאָף־וועקסל.

אָבער גראָד וועגן דעם־אָ האָט מען פאַרגעסן אין דער
ווירטשאַפט פון גייסט.

ווי קאַרגע ריטער, סומירן מיר אין גיריקער ליידנשאַפט־
לעכקייט וויפל גאָלדענע רענדלעך עס זענען צוגעקומען אין
אונזערע זאַמל־קאַסטנס; אָבער עס קומט אונז אפילו נישט אויפן
געדאַנק זיי צו צעבייטן און פאַרנוצן אויף דערנערונג.

ווי צו די, וועלכע מערן פּרוכטלאָזע אוצרות, ווייל אַזעל־
כע אוצרות זענען טויטנדיק.

שאַנכיי, 1944.

י. ראַפּאָפּאָרט

דער פאַרראַט פון די גייסטיקע*

1.) זשיליאַן בענדאַס בוך „דער פאַרראַט פון די גייסטיקע“ **)

דער פראַנצויזישער פילאָזאָף זשיליאַן בענדאַ (אַ ייד) האָט אין 1927 אַרויסגעגעבן אַ קליין בוך אונטערן טיטול „דער פאַרראַט פון די גייסטיקע“.

דאָס דאָזיקע בוך איז, צום באַדויערן, נישט נאָר נישט פאַרעלטערט געוואָרן אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר, נאָר פאַרקערט — עס איז נישט דער ערך אַקטועלער געוואָרן.

דער פאַרראַט פון די גייסטיקע, פון דער שעפערישער אינטעליגענץ, איז זייט דאַן גרעסער, אָפענער, צינישער געוואָרן.

* * *

זשיליאַן בענדאַ איז אַ ראַציאָנאַליסט, אַן אָנהענגער פון מענטשלעכן שכל, וועמען עס קומט, לויט אים, דער אויבנאָן אין לעבן פון יחיד און פון פעלקער. בענדאַ איז געווען איינער פון די ערשטע און קאָנסעקווענטסטע קעגנער פון דעם פראַנצויזישן פילאָזאָף (אויך אַ ייד לויטן געבורט), אַנרי בערגסאָן, וועלכער האָט מיט אַזוי פיל קינסטלערישן גלאַנץ אַנטקרוינט דעם שכל, דעם באַוווסטזיין, און אַרויפגעזעצט אויפן טראָן דעם

*) דער דאָזיקער עסיי איז איבערגעדריסן געוואָרן אין מיטן דורך מיין שווערער קראַנקהייט אין 1957. איך נעם אים אַריין צווישן די געקליבענע עסייען דערפאַר, ווייל אויך אין זיין פראַגמענטאַרישקייט שטעלט ער פאָר מיט זיך אַ געוויסע גאַנצקייט. י. ר.

**) Julien Benda: "La Trahison des Clerks" 1927.

אינסטינקט, דעם אונטערבאַוווסטזיין, די איראַציאָנעלע כוחות פונם מענטש.

געוויס, מען קאָן אָנווייזן דערויף, אַז עס איז נישט אינגאַנצן אַ פראַגע פון ווען אָדער אָנערקענען — אפילו דער שכל ווערט דאָך על פי רוב דיקטירט דורך די אינסטינקטן. אויך דאָס כלומרשט ראַציאָנעלע ווערט פאַרפּלייצט, באַפאַרבט און געטראָגן דורכן מענטשנס איראַציאָנעלן פסיכישן שטראָם. ניטשע, איינער פון די דורכדרינגלעכסטע פּסיכאָלאָגן וואָס די מענטשהייט האָט אַרויסגעגעבן, האָט אָט־דעם צושטאַנד, אָט־אָ־דעם טרויעריקן פאַקט קורץ און שאַרף אויסגעדריקט אין איינעם פון זיינע בליציקע אַפאָריזמען:

„מיין זכרון זאָגט מיר, אַז איך האָב דאָס געטאָן; מיין שטאָלץ זאָגט מיר, אַז איך האָב דאָס נישט געטאָן; און מיין שטאָלץ איז גובר". אָבער דווקא דערפאַר, וועט אייך מסתמא בענדאַ מיט רעכט ענטפערן, דאַרף מען קעמפן קעגן אָט דעם איראַציאָנעלן, רייסיקן שטראָם, וואָס קאָן פאַרטראָגן צו אַלדי שוואַרצע יאָר; דווקא דערפאַר, וועט אייך מסתמא בענדאַ ענטפערן, דאַרף מען פלעגן און שטיצן דעם שוואַכערן צד, דעם שכל, דאָס ראַציאָנעלע אינם מענטש.

און בענדאַ האָט קאָנסעקוועגט געפירט אָט דעם קאַמף קעגן שלום מאַכן מיט דער הערשאַפט פון אינסטינקט אין מענטשלעכן לעבן; ער האָט באַקעמפט, וואָלט איך געזאָגט, דאָס עקסטאַטישע איבערגעבן זיך אין קנעכטשאַפט צו די איראַציאָנעלע כוחות, ווי דאָס האָט געטאָן אָנרי בערגסאָן, און זייט אים — אַ גרויסער טייל פון דער אייראָפּעאישער גייסטיקער עליטע.

אויך בענדאַס בוך „דער פאַרראַט פון די גייסטיקע" איז געווען אַ המשך פון זיין קאַמף קעגן בערגסאָנס פילאָזאָפיע. און אַ סך אָנהענגער פון בערגסאָנס שיינער און טיילווייז — אין פאַקטן — ריכטיקער פילאָזאָפיע וועלן היינט מוזן מודה זיין, אַז בענדאַ האָט געזען טיפער פאַר זיי.

אין דער צייט וואָס זיי האָבן זיך געקוויקט מיט בערגסאָנס בלענדנדיק־מעטאַפאָרישער שפּראַך, מיט זיינע געוואַגטע —

אפילו מער דיכטערישע ווי פילאָזאָפישע—היפּאָטעזעס און פאַנ־טאַסטישע צושפּיצונגען פון ריכטיקע פילאָזאָפישע דערקענטע־נישן, האָט בענדאַ דורכדרינגענדיק געזען די רעאַלע געפאַר, וואָס לויערט הינטער דער דאָזיקער טעאָריע פאַר דער ריכטונג פון דער מענטשלעכער קולטור. ער האָט — אַ שטיק צייט פאַר היטלערס טריאומפאַלן צוג — דערזען די גלייכע ליניע, וואָס ציט זיך צווישן דעם פילאָזאָף בערגסאָן און דעם רעאַקציאָנער באַררעס, צווישן דעם געניאַלן אינסטינקטן־דיכטער ניטשע און דער היטלער־בעסטיע, צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן גוואַלד־פרײדיקער סאָרעל און דער סטאַלין־בעסטיע.

דאָס קליינע בוך „דער פאַרראַט פון די גייסטיקע" איז אָבער אַ סך ברייטער ווי אַ בלויזער קאַמף מיטן בערגסאָניזם. בענדאַ וויל דאָ אויפווייזן, אַז דער פּאָליטישער קריזיס אין דער מאָדערנער אייראָפּע, וואָס טראָגט אַ שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַ־ליסטישן שטעמפּל, איז אַ סך טיפער ווי מען מיינט געוויינלעך. דער דאָזיקער פּאָליטישער קריזיס, מיינט בענדאַ, וואָרצלט טיף אין אַ קולטור־קריזיס, וואָס נישט ער שטאַמט פון נעכטן, און נישט ער וועט פאַרבייגיין מאָרגן.

און די דרייסיק יאָר זינט דאָס דאָזיקע ביכל איז דערשינען, האַלטן ליידער אונטער סיי בענדאַס מיינונגען, סיי זיין פּעסי־מיסטישן פּראָגנאָז.

* * *

לויט בענדאַן, ליגט די טיפסטע סיבה און די טיפסטע געפאַר פון אונזער פּאָליטיש־קולטורעלן קריזיס אין דעם, וואָס די וועלטלעכע (לויט בענדאַס טערמינאָלאָגיע — „די רעאַלע") מאַכט האָט צובאַקומען אַלס שותּף צו אירע מעשים תּעתּועים — די גייסטיקע מאַכט. אויף דער וועלט האָט קיינמאָל נישט געהערשט קיין אידיליע, אָבער קיינמאָל נאָך האָט דאָס אומ־רעכט נישט געהאַט אין אַזאַ מאָס די אידעאָלאָגישע שטיצע, די אידעאָלאָגישע ברכה פון די גייסטיקע, ווי אין דער לעצטער תּקופה. די פריערדיקע מענטשהייט, זאָגט בענדאַ, „האָט געטאָן שלעכטס אָבער רעספּעקטירט (טעאָרעטיש — י. ר.) דאָס גוטע. די מאָדערנע אייראָפּע מיט אירע גייסטיקע, וואָס פּריידיקן איר די שיינקייט פון אירע רעאַליסטישע אינסטינקטן, טוט שלעכטס

און רעספעקטירט (און פּראָקלאַמירט אויפן קול, און אידעאַלי־זירט בפרהסיה — י.ר.) דאָס שלעכטע".

אמת, די גייסטיקע האָבן זיך באַגרענעצט מיט טעאָרעטי־זירן. „זיי האָבן נישט אָפּגעהאַלטן די וועלטלעכע אָנצופילן די גאַנצע געשיכטע מיטן טומל פון זייערע שנאהס און מיט זייערע שחיטות; זיי האָבן זיי אָבער נישט געלאָזט מאַכן קיין רעליגיע פון די שנאהס און שחיטות (הגם די רעליגיעס זענען באַגאַנגען שחיטות — י.ר.)... אַ דאַנק זיי (די גייסטיקע — י.ר.), קאָן מען זאָגן, אַז אין משך פון צוויי טויזנט יאָר האָט די מענטש־הייט געטאָן שלעכטס (פּאַקטיש — י.ר.), אָבער רעספּעקטירט (טעאָרעטיש — י.ר.) דאָס גוטע. די דאָזיקע סתירה האָט... פאַרנעשטעלט מיט זיך דעם שפּאַלט, דורך וועלכן עס האָט גע־קאָנט דורכרינען די ציוויליזאַציע".

„אָבער — ציט בענדאַ ווייטער זיין געדאַנק — ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען אַ קאַפּיטאַלע ענדערונג: די גייסטיקע האָבן גענומען אונטערשטיצן די פּאָליטישע ליידנ־שאַפטן; די יעניקע, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ צוים פאַרן רעאַליזם פון די פעלקער, זענען געוואָרן אָנפּשאָרנער"...

בענדאַ ברענגט אַ גרויסן און גוט צוגעקליבענעם מאַטע־ריאַל, וואָס באַווייזט גלענצנדיק די אַלגעמיינע ריכטיקייט פון זיין טעזע (פּרטים, נאַטירלעך, קאָנען תמיד אָפּגעפרעגט ווערן, און מיט פּרטים, נאַטירלעך, קאָן מען תמיד דורכלעכערן אַן אַלגעמיינע, ברייטע טעזע, אפילו די ריכטיקסטע).

בענדאַ ווייזט, למשל, אַן אויף דעם טיפן אונטערשיד, וואָס עקזיסטירט צווישן מאַקיאַוועלי און די פראַנצויזן באַררעס, מאָראַס און סאָרעל (שוין אָפּגערעדט פון די דייטשן — סיי דעם אַמאָליקן טרייטשקע, סיי די, נעענטערע צו אונז, אידעאָ־לאָגן פון די נאַציס, וואָס אין די אָנהויב צוואַנציקער, ווען דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן, האָט בענדאַ קוים געקאָנט האָבן אַן אָנונג ווי ווייט זיי וועלן אַוועקגיין אין אַ יאָר־צענדליק, אין אַנדערטהאַלבן יאָר־צענדליק אַרום).

מאַקיאַוועלי האָט געגעבן רעאַליסטישע עצות דער וועלט־לעכער („רעאַלער") מאַכט, ווי אַזוי צו דערגרייכן דעם מאַקסי־מום רעאַלן דערפאָלג, אָבער ער האָט קיין איינציק מאָל נישט

געהייליקט די דאָזיקע עצות מיטן נאָמען פון רעליגיע און מאָראַל. פאַרקערט, ער האָט יעדע זאַך אָנגערופן ביים נאָמען: אַז דער פירשט דאַרף זאָגן ליגן, ברעכן אָפמאַכן, נישט פילן זיך געבונדן מיט די געזעצן פון מאָראַל; היינט, דאַקעגן, ווערן די דאָזיקע אַלע עצות פאָרגעשטעלט אַלס העכסטע טוגענדן, אַלס העכסטע געבאָטן פון דער העכסטער גאָטהייט — ראַסע, נאַציאָנאַליזם, קאָמוניזם.

אָבער מען דאַרף גאָרנישט גיין אַזוי ווייט אויף צוריק, כדי בולט צו מאַכן די ענדערונג אין דער שטעלונג פון די גייסטיקע. עס איז גענוג אַנטקעגנצושטעלן צוויי ציטאַטן — פון רענאַן און באַררעס, כדי מיר זאָלן דערזען דעם תהום, אין וועלכן עס זינקט די אייראָפעאישע קולטור.

רענאַן האָט נאָך געפריידיקט: „דער מענטש געהערט נישט נישט צו זיין שפראַך, נישט צו זיין ראַסע; ער געהער זיך אַליין, ווייל דאָס איז אַ פריי וועזן, דאָס הייסט אַ מאָראַליש וועזן". באַררעס אָבער זאָגט שוין דעם פולן קעגנזאַץ צו דעם: „מאָראַליש זיין הייסט נישט וועלן זיין פריי פון דער אייגענער ראַסע"; „ווען דאָס פאָטערלאַנד איז אומגערעכט, דאַרף מען אים אויך געבן גערעכט"; „וואָס רעדט איר מיר וועגן גערעכטיקייט, וועגן דער מענטשהייט! וואָס־זשע האָב איך ליב? עטלעכע בילדער אין אייראָפע און עטלעכע בית־עולמס".

איר קאָנט ממש אָנטאַפן דעם רינג, וואָס פאַרבינדט „גייסטיק" באַררעסן מיט היטלערן, וועלכער האָט אים, באַררעסן, צוגעשטעלט אַ סך בית־עולמס, ער זאָל האָבן וואָס ליב צו האָבן...

נישט אַזוי דאָס שלעכטס גופא פון אונזער היינטיקער ווירקלעכקייט וואַרפט אָן אַ פחד אויף בענדאַן, רויבט כמעט ווי צו זיין גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפט (אין זיין בוך, פאַרגעסט נישט, האַלט נאָך בענדאַ ביי די צוואַנציקער יאָרן, נישט ביי די דרייסיקער און פערציקער פון 20טן יאָרהונדערט!), נאָר דאָס וואָס די גייסטיקע, וועלכע זענען בדרך כלל אַמאָל געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט באַריקאַדע און געהיט דאָס הייליקע פייער, אויפגעהיט אין מענטשן דאָס געפיל פון זינד קעגן אַ העכערן געזעץ, קעגן דעם פינטעלע מענטש, וואָס די

דאָזיקע גייסטיקע זענען היינט בדרך כלל געוואָרן, אָדער זענען גענייגט צו ווערן, די גלאָריפיצירער פון אַלע פּאַראורטיילן, פון אַלע פינצטערע זייטן פון מענטשלעכן רעאַליזם.

„אָט דאָס — קאָנסטאַטירט בענדאַ — איז זייט אַ האַלבן יאָרהונדערט די שטעלונג פון די דאָזיקע מענטשן, וואָס זייער אויפגאַבע איז קעגנצווווירקן דעם רעאַליזם פון די פעלקער און וואָס אַרבעטן גאָר מיט אַלע זייערע כוחות און מיטן פולן באַוווסטזיין אים אויפצוהעצן; דאָס איז אַ שטעלונג, וואָס איך דערוועג זיך צו באַצייכענען אַלס — פאַרראַט פון די גייסטיקע".

2.) דער פאַרראַט נישט נאָר פון רעכטס — אויך פון לינקס!

פאַר יעדן איינעם וואָס קוקט אַביסל טיפער, איז פון אָנהויב אָן קלאָר געווען, אַז אינם קלימאַקס פון דעם פאַרראַט פון רעכטס (אינם היטלעריזם), האָבן מיר נישט בלויז אַ פּאָליטישע דערשיינונג, נאָר אַז געוויסע פּאָליטישע צילן און סיבות זיינע זענען צעמענטירט געוואָרן דורך וועלט־אַנשוילעכע אידעאָלאָגיעס, וואָס נעמען אָן סיי די אויסערלעכע פאָרמען, סיי די אינערלעכע פסיכישע אַטמאָספער פון אַ רעליגיע (פון אַ געטשנדינערישער, נאַטירלעך).

פונקט אַזוי איז פאַר יעדן ערנסטן באַאָבאַכטער קלאָר געווען, אַז די אידעאָלאָגיע פון היטלעריזם, זיין וועלט־אַנשויאונג, זיין כמעט רעליגיעז־געטשנדינערישע איינשטעלונג (דער אויסטראַלישער פּראָפעסאָר פון געשיכטע, סטעפען ה. ראָבערטס, האַלט אַז דער היטלעריזם האָט זיך אומגעקערט צו דער טאַבו־רעליגיע פון די ווילדע) איז נישט געשאַפן געוואָרן דורך זיינע אידעאָלאָגן, ווי ראָזענבערג, און ענלעכע, וועלכע קיינער נעמט נישט ערנסט, וואָס זייערע ווערק (למשל, ראָזענבערגס „מיטאָס פון 20טן יאָרהונדערט") זענען בלויז דעמאַגאָגישע קאָמפּילאַציעס, טאַלאַנטלאָזע אויסנוצונגען פון געוויסע אידעאָלאָגי־

שע שטרעמונגען, וואָס זיי זענען געשאַפן געוואָרן דורך לערעס, וואָס האָבן עקזיסטירט און זיך אַנטוויקלט לאַנג פאַרן היטלעריזם, און דאָס האָבן זיי אים טאַקע געהאָלפן זיך אויסקריסטאַליזירן און געווינען די מאַכט איבער גרויסע מאַסן, אפילו מחוץ זיין געבורט־לאַנד.

אָט מיט דער קרובהשער אַטמאָספער, וואָס ער, דער היטלעריזם, האָט געפונען אומעטום (איך חזר איבער, נישט נאָר פּאָליטיש, נאָר אויך וועלט־אַנשוילעך), לאָזט זיך טיילווייז דערקלערן די פּאַסיווע, וואַקלדיקע האַלטונג לגבי זיין באַרבאַריזם מצד דער אַרומיקער וועלט: זיין עקסטרעמסטער בריקעוועץ קלינגט פאַר זיי מיט היימישקייט, באַפרידיקט זייער אונטערבאַוווסטזיין, און אויב נישט אַקטיוו (ווי דאָס טוט אַ טייל), שטיצט אים כאָטש דער רוב פּאַסיוו...

און ווען מען נעמט זוכן די אידעאָלאָגישע קוואַלן פונם היטלעריזם, געפינט מען זיי נישט נאָר אין טיילן פון ניטשעס ווערק, ביים דייטשן היסטאָריקער טרייטשקע, ביי סאָרעלן, ביי באַררעסן און זייערס גלייכן, נאָר אויך ביי טיפערע פון זיי, סיי עלטערע, סיי יינגערע. מען האָט פון אים שפּורן ביי העגעלן, ביי פיכטען און — ביי בערגסאָנען.

בענדאַס בוך איז אַן אינטערעסאַנטער צושטייער פאַר דער אָפּגראָבונג פון די אידעאָלאָגישע קוואַלן פונם אַנטי־גייסטיקן, וולגאַר־כוליגאַנישן היטלעריזם, וואָס אַזוי פיל גייסטיקע האָבן געפּלאַסטערט דעם וועג פאַר אים.

עס איז נישט אמת, אַז דער היטלעריזם האָט געשעפּט זיינע לערעס בלויז ביי דעם ענגלישן שרייבער טשעמבערלען (ער האָט אַ מאָדנע הצלחה — טעאָרעטיש און פּראַקטיש — צו די טשעמבערלענס...) און גאָבינאָן, ער האָט אויך געשעפּט ביי טיפערע און במילא געפערלעכערע פאַר זיי.

ווי ווייט טיף די וואָרצלען פון היטלעריזם גרייכן אינם גייסטיקן באָדן פון אייראָפּע (פון דער וועלט) קאָן מען זען פון דעם, וואָס געוויסע וואָרצלען זיינע נערן נישט נאָר דעם פאַרראַט פון די גייסטיקע פון רעכטס, נאָר אויך דעם פאַרראַט פון די גייסטיקע פון לינקס.

אויב העגעל האָט נישט ווייניק ציגל צוגעטראָגן צום פונדאַמענט פאַר דעם געטשנדינערישן קולט פון דער אבסאָלו־טער גאָט־מלוכה, האָבן אויפן דאָזיקן פונדאַמענט אויפגעבויט זייער פאַרראַט פון גייסט נישט נאָר די רעכטע היטלעריסטן, נאָר אויך די לינקע סטאַליניסטן.

די קוואַלן, וואָס שפּייזן דעם פאַרראַט פון די גייסטיקע, זענען אָפט די זעלבע, סיי פון לינקס, סיי פון רעכטס, און דער כאַראַקטער פונם פאַרראַט גופא איז אידענטיש פון עקסטרעם רעכטס, ביז עקסטרעם לינקס.

ווען בענדאַ האָט אין די צוואַנציקער יאָרן אַנאַליזירט דעם פאַרראַט פון די גייסטיקע, האָט ער אַרויסגעוויזן אי אַ וויטזעעוודיקייט (ביים דערבליקן די ווייטע שפּורן פון די פאַר־אויסגייער פונם גרויסן פאַרראַט), סיי אַ פאַראויסזעעוודיקייט (דורך אריינבליקן אין דער צוקונפט, אין דער נאָענטער צו־קונפט, אָבער דאָך אין דער צוקונפט). אָבער ביי זיין גאַנצער פאַראויסזעעוודיקייט האָט בענדאַ קוים געקאָנט אָנען ווי ווייט דער פאַרראַט פון די גייסטיקע וועט גרייכן אין אַ צוויי יאָר־צענדליק אַרום.

מיר האָבן דאָס אָבער געזען, און מיר זעען דאָס טאָג־טעגלעך.

מיר לעבן אין אַ צייט פון גרעסטן פאַרראַט פון די גייסטיקע.

*   *   *

אפשר קאָנט איר מיר ווייזן כאָטש איין מענטש פון גייסט אין אייראָפּע, וואָס זאָל, אויף דעם וואָרפן לעבעדיקע יידן אין די ברענענדיקע דייטשע סינאַגאָגעס אין 1938, האָבן געענט־פערט מיט אַן ענלעכער פּראָטעסט־ און קאַמף־קאַמפּאַניע, ווי זאָלאַ קעגן דער דרייפוס־אַפערע?

אפשר קאָן ווער אָנווייזן אויף אַ וועלט־קאָנגרעס פון די גייסטיקע קעגן דער כוואַליע באַרבאַריזם, וואָס האָט אָפיציעל פאַרגאָסן דייטשלאַנד זייט 1933?

און אפילו די סיסטעמאַטישע אויסראָטונג פון אַ גאַנץ פאָלק, דאָס יאָגן זיך איבער גאַנץ אייראָפּע מיט אַ פאַרטיקן

טויט־אורטייל נאָך אַן ערגעץ־ווו אויסבאַהאַלטן יידיש קינד, האָט נישט אָנגעשפּאַרנט די וועלט פון די גייסטיקע צו אַ פלאַמיקער פּראָטעסט־אַקציע, — עס האָט קיינעם נישט צענר־מען אויף אַזוי פיל, ער זאָל פאַרלירן זיין רו, זיין „טעיק־איט־איזי"־שטימונג.

און אפילו נאָך דער מלחמה, ווען עס האָבן זיך געפונען פּאַרטיידיקער פון די בעלזען־חיות — האָט זיי די גייסטיקע עליטע נישט אויסגעשפּיגן פון איר מיט, נישט געווען קיין שום גרוילִיקע דערשיינונג, וואָס זאָל זי קאָנען אַרויסברענגען פון די כלים.

איך בין צייטנווייז געווען געניגט צו גלויבן, אַז די פּאַסיוויקייט, מיט וועלכער די גייסטיקע פון דער וועלט נעמען אויף דעם גרעסטן באַרבאַרישן אויסברוך זינט דעם טיפסטן מיטל־אַלטער, איז אַ רעזולטאַט פון אָפענעם אָדער פאַרבאָרגענעם אַנטיסעמיטיזם; אָבער דער פאַקט וואָס די גייסטיקע וועלט איז פונקט אַזוי פלעגמאַטיש אין אויפנעמען דעם באַרבאַריזם פון לינקס, דעם באַרבאַריזם פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָט מיך איבער־ציינגט, אַז די כמעט־אַקצעפּטירונג פון דער נאַצישער חיהשקייט איז נישט געווען קיין רעזולטאַט בלויז פון יידן־שנאה, פון שאָדנפרייד לגבי דעם געסמאַליעטן ייד, נאָר פון מאָראַלישער אַטראָפיע, פון פאַרראַט פון די גייסטיקע לגבי דעם מענטש, לגבי דער מענטשלעכקייט בכלל.

געווייס, עס זענען געווען אַרטיקלען און ביכער פון גייס־טיקע קעגן דעם היטלעריסטישן באַרבאַריזם, פונקט ווי עס זענען דאָ אַרטיקלען און ביכער קעגן דעם באָלשעוויסטישן באַרבאַ־ריזם. אָבער עס איז נישט געווען און עס איז נישטאָ קיין אָפּווער־באַוועגונג; עס איז נישט געווען און ס'איז נישטאָ קיין אומקאָמפּראָמיסלעכער אָפּווער, עס איז נישטאָ ביי די גייסטיקע קיין שטימונג פון „ובערת את הרע מקרבך". אפילו דער פּראָ־טעסט, ווען ער קומט שוין צום אויסדרוק, איז לעבלעך, קאָמפּ־ראָמיסלעך — עס איז נישטאָ אין אים דער פייער פון אַ זאָלאַ־קרייץ־צוג קעגן דער דרייפוסיאַדע; נישטאָ אין אים דער פלאַמי־קער שווערד פון וואָלטערס קאַמף קעגן אַן איינצלנעם יוסטיץ־מאָרד.

3.) אַקטיווער, האַלב־אַקטיווער און פּאַסיווער פּאַרראַט פון די גייסטיקע

א) אַקטיווער פּאַרראַט

דער פּאַרראַט פון די גייסטיקע קאָן פּאַרטיילט ווערן אין דריי קאַטעגאָריעס: אַקטיווער פּאַרראַט, האַלב־אַקטיווער פּאַר־ראַט, און פּאַסיווער פּאַרראַט.

איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אביסל אויף די דאָזיקע דריי מדרגות פון פּאַרראַט אין זיין אַקטועלסטער פאָרם — לגבי דעם באָלשעוויזם.

אַ טיפּישער פאַל פון אַקטיוון פּאַרראַט פון די גייסטיקע איז ליאָן פויכטוואַנגערס בוך קעגן זשידן — „מאָסקווע —1937".

ווען אַנדרעי זשיד איז צוריקגעקומען פון זיין באַזוך אין ראַטן־פאַרבאַנד (אין 1937) אַן איבערגעקערטער, ווען ער האָט גענומען שעלטן, הגם מען האָט אים איינגעלאַדן און ער איז געפאָרן צו בענטשן, איז דער קאָנצאָמער ביי די קאָמוניסטן געווען גרויס. מען האָט געמוזט זען אָפּשוואַכן דעם פאַטאַלן רושם וואָס דאָס טיף־אַנאַליטישע בוך פון אַזאַ באַרימטקייט ווי זשיד האָט אַרויסגערופן.

צוערשט האָט מען זיך געכאַפּט צום פּאָפּולערסטן קאָמו־ניסטישן געווער אין אַזעלכע פאַלן — צו זידלערישער פּראָפּאַ־גאַנדע. הגם אָט נאָר וואָס האָט מען זשידן איינגעלאַדן קיין מאָסקווע אַלס גאַסט און מען האָט אים באַשאָטן מיט קאָמפּלי־מענטן, האָט מען אומפאַרשעמט (קרעמל־סטיל) איבערגעדרייט דעם דישל און מען האָט גענומען באַגיסן זשידן מיט קאָמוניס־טישע פּאָמוניצעס.

עס איז אָבער גלייך קלאָר געוואָרן אפילו פאַר די סטאַ־ליניסטן, אַז נישט מיט אַזעלכע מיטלען קאָן מען באַקעמפן אַזאַ אַנטי־סאָוויעטיש בוך פון אַזאַ ליטעראַרישן זשעני, און אַ נאָר־וואָסיקן סאָוויעטן־אָנהענגער ווי זשיד. מען האָט גענומען זוכן אַ שטאַרקערן קעגן־גיפט, און מען האָט אָנגעדונגען דעם

בארימטן היסטאָרישן ראָמאַניסט ליאָן פויכטוואַנגער, ער זאָל קעגנווירקן זשידן און „מאָסקווע — 1937" איז די פרוכט פון אָט דער באַשטעלונג.

הגם פויכטוואַנגער דערמאָנט אין זיין בוך זשידן בלויז עטלעכע מאָל, איז אָבער קלאָר פאַר יעדן איינעם, ווער עס האָט געלייענט זשידס ביכער וועגן רוסלאַנד, אַז פויכטוואַנגערס בוך איז אַ קעגן־גיפט קעגן זשידס ביכער.

פויכטוואַנגערס בוך איז טיפּיש פאַר דעם אַקטיוון פאַר־ראַט פון די גייסטיקע. און דאָס וואָס פויכטוואַנגער האָט נישט פאַרלוירן אויף שטענדיק — צוליבן דאָזיקן בוך — זיין רעפּו־טאַציע אַלס גרויסער שרייבער־הומאַניסט, אַלס גרויסער קעמ־פער פאַרן מענטש, איז אַן איבעריקער באַווייז ווי אַטראָפירט עס איז ביי דער היינטיקער גייסטיקער עליטע דער איידלסטער לאָזונג אין דער מענטשלעכער געשיכטע, דעם חומשס „ובערת את הרע מקרבך" (אַ לאָזונג, וואָס וואָלטער האָט אים געמאַכט אויך פאַר זיינעם אין אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג „עקראַזע ל׳ענפאַם" („פאַרניכט דאָס שענדלעכע").

שוין דער טיטל פון פויכטוואַנגערס בוך איז אַ פעלשונג: עס הייסט „מאָסקווע 1937" און וואָלט באַדאַרפט הייסן „קרעמל 1937", ווייל פויכטוואַנגער זעט מאָסקווע נישט מיט די אייגענע שאַרפע אויגן, מיט וועלכע ער האָט געזען היטלערס „דערפאָלג", נאָר דורך די אויגן פון „קרעמל 1937".

דאָס בוך איז געשריבן ווי אַן ענציקלאָפּעדיע: צעטיילט אויף ענינים — פון „דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע" ביז „טראָצ־קי און סטאַלין". אין גאַנצן בוך זעט מען דעם אַמטלעכן פאַרטיידיקער, וואָס איז פונקט אַזוי אומפאַרשעמט ווי די וועמען ער האָט זיך אָנגעדונגען צו פאַרטיידיקן. אויב מען נעמט זיך אונטער צו פאַרטיידיקן אַזאַ רעזשים ווי דעם קרעמלס אין 1937, מוז די פאַרטיידיקונג אויסזען אַזוי ווי זי קוקט אויס אין פויכט־וואַנגערס בוך.

דערביי קאָן דער אויפמערקזאַמער לייענער באַמערקן, אַז פויכטוואַנגער, דער דאָזיקער קלוגער, אינטעליגענטער ראָמאַ־ניסט, באַנוצט זיך אין דאָזיקן בוך מיט אַ ביליקן טריק, וואָס איך באַצייכן אים „דער מיניסטערשער טריק".

אין פוילישן פארלאמענט („סיים”) האט מען אין די אנהויב דרייסיקער יארן ארייגעטראגן אן אינטערפעלאציע וועגן פייניקן ארעסטירטע. האט דער דעמאלטיקער יוסטיץ־מיניסטער געענטפערט: ער האט אויסגעפארשט גענוי אלע אנגעגעבענע פאקטן און ער קאן מיט א רואיקן געוויסן זאגן, אז דאס איז א בלבול.

און כדי צו איבערצייגן אין דער גרינטלעכקייט און אביעקטיווקייט פון זיין אויספארשונג, האט ער צוגעגעבן: בלויז אין איין פאל האט מען געפונען א קליין ראצעלע (אויטענטיש!) אויף דעם קליינעם פינגער פון איין האנט. איז דאס אויך געווען צוליב א צופאל.

אן אויספארשונג, וואס דערזעט א ראצעלע אויפן קליינעם פינגער, איז זיכער א גרינטלעכע; און אן אביעקטיווע אויך — דער מיניסטער האט דאס נישט אויסבאהאלטן...

את דעם נישט אויסבאהאלטענעם ראצעלע אויפן קליינעם פינגער וועלן מיר טרעפן אומעטום ווו נאר מירן ווארפן א בליק אין פויכטוואנגערס בוך.

פויכטוואנגערס בוך פארדינט נישט, נאטירלעך, מען זאל אים נאכגיין פוסטריט; אבער עס איז נויטיק צו געבן עטלעכע מוסטערן פון דארט, ווייל א דאנק דעם ווערט בולט ווי טיף עס קאנען זינקען די פאררעטער פון גייסט, ווי טיף אונזער צייט קאן מאראליש זינקען.

לאמיר אנהויבן מיט סטאלינען.

פויכטוואנגער גיט צו: עס איז טאקע דא א צו גרויסער סטאלין־קולט. סטאלין איז מודה דערין... סטאלין ליידט פון דעם.. אבער וואס קאן ער טאן? דאס פאלק האט נחת דערפון און סטאלין איז גרייט צו ליידן פארן פאלק...

איין זאך דערציילט נישט פויכטוואנגער: אז אין 1937 איז דאס שוין געווען אן אלטע אמטלעכע דערקלערונג פארן סטאלין־קולט, א קולט וואס איז געפלעגט געווארן דורכן רעזשים באוווסטזיניק... און איך גלויב נישט, אז אזא קלוגער סקעפטיקער ווי פויכטוואנגער קאן ארייגפאלן אין דער אומגעלומפערטער פאסטקע פון אזא אמטלעכער דערקלערונג.

אַז פויכטוואַנגער גלויבט אַליין נישט אין זיין פּאַרטיידי־קונג, אין זיין ראַצעלע־סיסטעם, ווערט קלאָר פון פאָלגנדיקן ציטאַט אין זיין סטאַלין־דיסערטאַציע:

„איך בין געווען... פאַרבליפט — דערציילט ער מיט אַ ממזריש־אויסשטודירטער גוטמוטיקער איראָניע — ווען איך האָב געהערט אויף אַ רעפעראַט וועגן דער טעכניק פון דער ראַטן־דראַמע, ווי דער אין אַלגעמיין גאַנץ גלייכגעוויכטיקער רעדנער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן זינגען אַן אומגעהויערן הימן וועגן סטאַלינס פאַרדינסטן".

איז וועט עמיצער גלויבן, אַז פויכטוואַנגער מיט זיין שטאַרקן אינטעלעקט און מענטשן־קענטעניש, האָט זיך גאָר־נישט געשטעלט די פראַגע: וואָס האָט געטריבן דעם דאָזיקן רעדנער זיך לעכערלעך צו מאַכן? און אפשר האָט פויכטוואַנגער זיך געשטעלט די פראַגע, און זי פאַרענטפערט מיטן זעלבן תירוץ, וועלכן ער האָט געגעבן אויפן סטאַלין־קולט, וואָס דאָס פאָלק צווינגט אַרויף אויף סטאַלינען: „סטאַלין איז באמת פליישׁ פון פאָלקס פלייש, ער איז דער זון פון אַ פויערשן שוסטער"?

פויכטוואַנגער דער אינטעלעקטואַליסט, דער סאַרקאַסטי־קער פון „דערפאָלג", קאָן נישט געבן ערנסט אַזאַ אידיאָטיש־גראָשנדיקן ענטפער.

אָבער פויכטוואַנגער זוכט גאָרנישט קיין טיפערן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע (וואָס יעדער שרייבער מוז זי זיך שטעלן ביי אַזאַ דערשיינונג), — נישט אויף צו שטעלן אַזעלכע פראַגן האָט אים דער קרעמל געדונגען; דער קרעמל האָט אים געדונגען ער זאָל דערציילן, אָנשטאָט וועגן טיפע וווּנדן — וועגן אַ ראַצעלע, אים לעכערלעך מאַכן און דערקלערן (חתמענ־דיק מיט זיין קלינגענדיקן נאָמען):

„איך האָב אין מאָסקווע אין ערגעץ נישט געפונען קיין סערוויליזם" (קנעכטישע חניפה).

און די רעדע וועגן דער ראַטן־דראַמע? און די אַנדערע הונדערטער רעדעס, צייטונגס־אַרטיקלען און ביכער, וואָס פויכט־וואַנגער האָט נישט געקאָנט נישט הערן, זען און באַמערקן?...

אָבער דאָס איז נאָר אַ ראַצעלע, וואָס נישט סטאַלין, און נישט דער רעזשים זענען שולדיק דערין — וואָס איז סטאַלין שולדיק, אַז ער איז געבוירן געוואָרן ביי אַ דאָרפישן שוסטער (אגב, פויכטוואַנגער האָט שוין דאָן געמוזט וויסן, אַז אויך דאָס איז אַ ליגן), און דעריבער מוז אים דער רעדנער וועגן דער טעכניק פון דער ראַטן־דראַמע דאָס דערמאָנען?

ווילט איר אפשר וויסן די תשובה אויף דער פראַגע פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען די גרויסע אָפּאָזיציע צום סטאַלין־רעזשים מצד דער אַלטער באָלשעוויסטישער גוואַרדיע?

איר דאַרפט זיך נישט ברעכן דעם קאָפּ: פויכטוואַנגער וועט עס אייך אויפקלערן אין איין מינוט: נאָכן בירגער־קריג האָט מען די גוטע קעמפער צוגעצויגן צום אויפבוי פון סאָציאַליזם. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז נישט אַלע גוטע קעמפער טויגן פאַרן אויפבוי, האָט מען די שלעכטע אַרבעטער באַזייטיקט, זענען זיי נאַטירלעך געוואָרן קעגנער פון רעזשים.

פשוט, קלאָר און... טיף.

אויב דאָס זעט אויס ווי אַ פּאַראָדיע אויף פויכטוואַנגערן, איז דאָס נישט מיין שולד, נאָר זיינע, פויכטוואַנגערס...

פון וואַנען נעמען זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד אַזוי פיל שעדי־קער? פויכטוואַנגער איז מודה אינם ראַצעלע אויפן קליינעם פינגערל: „מען האָט זיך צוגעווינט, אַלץ וואָס גייט מיט דער פּוטער אַראָפּ צו דערקלערן מיט סאַבאָטאַזש, בעת אַ גרויסער טייל פון די חסרונות איז זיכער פּראָסט־פשוט אַ רעזולטאַט פון אומפעאיקייט".

אַ פּסיכאָז, הייסט עס. און פויכטוואַנגער ברענגט אין זיין בוך לעכערלעכע פאַקטן פון סאַבאָטאַזש־פּסיכאָז, כדי, אָנשטאָט צו דענקען, אָפּצופּטרן דעם ענין מיט געלעכטער. וואָרום אויב פויכטוואַנגער זאָל נעמען דענקען, וועט ער דאָך מוזן איינזען, אַז דער דאָזיקער פּסיכאָז, ווי אַ סך פּסיכאָזן ביי אַ סך פעלקער, ווערט קולטיווירט באַוווסטזיניק דורכן רעזשים צוליב גאַנץ קאָנקרעטע סיבות. פויכטוואַנגער לאַכט כלומרשט פונם רעזשים, ווייל ער וויל אויסבאַהאַלטן הינטערן געלעכטער דעם גרויזאַמען אמת, אַז דער קולטיווירטער פּסיכאָז פון שעדיקעריי איז אַ מעכ־

M

טיק מיטל אין די הענט פון דער סאָוויעטישער דיקטאַטור נישט נאָר צו געפינען תמיד אַ שעיר לעזאזל פאַר אירע פעלערן, נאָר דער עיקר כדי צו מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער אַלע אירע קעגנער.

אַלס גאָר גוטער (הגם ביליקער) אַקראָבאַט ווייזט זיך פויכטוואַנגער אַרויס אין זיין „טראַקטאַט" — „דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע". דאָ איז ער ממש געניאַל אין זיין אומפּאַר־שעמטקייט.

„...געשטעלט פאַר דער אַלטערנאַטיווע, ענטוועדער אַ גרויסן טייל פון זייער קראַפט צו פאַרווענדן אויף אָפּוועגדן נאַרישע און בייזוויליקע אָנגריפן (פון דער דעמאָקראַטיע — אין פּאַרלאַמענט, אין דער פּרעסע, פון פרייע טריבונעס — י. ר.) אָדער פאַרווענדן זייער גאַנצע קראַפט אויף צו פאַרענדיקן דעם דאָזיקן אויפבוי, האָבן די פירער פון פאַרבאַנד זיך אַנטשידן פאַר באַגרענעצן די זידל־פרייהייט".

ווי איר זעט — אַקוראַט די אַרגומענטאַציע פון פאַשיזם: די דעמאָקראַטיע באַשטייט בלויז אין פּלוידעריי (ביי פויכט־וואַנגערן שטאַרקער: „זידל־פרייהייט"), וואָס דאָס דערלויבט נישט צו בויען; קומט די דיקטאַטור פון פאַשיזם, שאַפט אָפּ די זידל־פרייהייט און גיט דערפאַר אמתע שאַפונגס־פרייהייט.

צי וועט עמיצער חושד זיין פויכטוואַנגערן, אַז ער האָט נישט אונטערגעשמיכלט בעתן שרייבן אָט די ווערטער? ער האָט גאַנץ גוט זיך אָפּגעגעבן בשעת מעשה אַ דין־וחשבון ווי לעכערלעך און פאַלש זיינע אַרגומענטן זענען.

ווען פויכטוואַנגער דאַרף באַהאַנדלען די דאָזיקע אַרגו־מענטאַציע לטובת דעם רעכטן פאַשיזם וואָלט ער זי צעפּליקט אין איין מינוט אויף פּיץ־פּיצלעך. וואָלט ער געווען געזאָגט, מיט זיין דינעם סאַרקאַזם, אַז ערשט אין אַ דיקטאַטור הערשט די זידל־פרייהייט: מען זידלט, לויט אַ באַפעל, אַלע וועלכע מוזן שווייגן. אין אַ דעמאָקראַטיע קאָנען כאָטש ביידע צדדים זידלען, אָבער אין אַ דיקטאַטור בלויז די הערשער־קליקע און זייערע משרתים אַלאַ פויכטוואַנגער.

עס איז פשוט אומגלויבלעך, אַז אַזאַ מענטש ווי פויכט־וואַנגער זאָל זיך דערוועגן אַזוי צו פּראָסטיטואירן זיין פּעדער

מיט אזעלכע ארגומענטן קעגן דער פרייהייט פון וואָרט, קעגן דער דעמאָקראַטיע.

איך שטעל זיך פאָר פויכטוואַנגערס עמפּערונג, ווען די דעמאָקראַטיעס וואָלטן באַשלאָסן אָפּצושאַפן די זידל־פרייהייט און זיי וואָלטן פאַרבאָטן זיין בוך „מאָסקווע 1937"!

צום באַדויערן האָט נאָך די דעמאָקראַטיע נישט קיין געזעצן, וואָס זאָלן טאַקע געבן פרייהייט פון וואָרט, אָבער נישט פאַר וואָרט־פּראָסטיטוטן פון ביכער ווי „מאָסקווע 1937", וווּ יעדעס זייטל, יעדע שורה שרייט מיט קולי־קולות, אַז דער מחבר קאָן נישט גלויבן אין זיינע אייגענע ווערטער, אַז ער שרייבט דערפאַר ווייל ער האָט זיך פאַרקויפט דער דיקטאַטור, ווייל ער האָט פאַרראַטן זיין פליכט פון אַ גייסטיקן.

אָבער מיר האָבן נאָך נישט פאַרענדיקט מיט פויכטוואַנגערס „חכמהס" אויפן חשבון פון „דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע".

ער שעמט זיך אויך נישט צו ברענגען פאָלגנדיקע אַרגומענטאַציע פון איינעם אַ „פאַראַנטוואָרטלעכן" פון דער סאָוויעטישער היעראַרכיע:

„דעמאָקראַטיע איז הערשאַפט פון פאָלק, דיקטאַטור — הערשאַפט פון אַ יחיד. אָבער ווען דער דאָזיקער יחיד שטעלט מיט זיך פאָר דאָס פאָלק אויף אַזאַ אידעאַלן אופן, ווי דאָס געשעט ביי אונז, איז דען דאָן דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור נישט דאָס זעלבע?"

און פויכטוואַנגער גיט צו פון זיך, אַז דער דאָזיקער שפּאַס האָט אַ זייער ערנסטן הינטערגרונט.

האָט שוין עמיצער ווען געזען אַ דיקטאַטור, וואָס זאָל (לויט איר איינענער מיינונג) נישט רעפּרעזענטירן דאָס פאָלק? איז דען היטלער נישט געווען דאָס פאָלק? אויך ער שטאַמט פון די פאָלקס־שיכטן. און מוסאָליני? אויך ער. נישט ווייניקער פון סטאַלינען. און אויך זייערע פעלקער קאָנען נישט לעבן אָן פאַרגעטערן זיי.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט אָוועקצולייגן אונטער פויכטוואַנגערס נאָז אָט דעם טעקסט, ווי אויך דעם טעקסט פון כרושטשעווס רעדע וועגן דער סטאַלין־דיקטאַטור, וועגן

וועלכער פויכטוואַנגער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע „טיפע" גע־דאַנקען און אַפּאָריזמען, און זען ווי וייט ער וועט רויט אָדער בלאַס ווערן...

און אויף דער דאָזיקער דיקטאַטור, דער גרויזאַמסטער און טאָטאַליטאַרסטער אין דער געשיכטע, האָט פויכטוואַנגער געזען בלויז אַ ראַצעלע.

אַ דיקטאַטור איז דאָ אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט ער גע־פסקנט אין „מאָסקווע 1937", אָבער די ראַטן־דיקטאַטור איז, לויט זיין מיינונג, זייער אַ באַגרענעצטע, כמעט אַ מינימאַלע. די דיקטאַטור באַגרענעצט זיך בלויז אויף צוויי פאַרבאָטן: מען טאָר נישט פאַרשפּרייטן אין וואָרט, שריפט און טאַט דעם גע־דאַנק, אַז עס איז מעגלעך אויפצובויען דעם סאָציאַליזם אין ראַטן־פאַרבאַנד אָן אַ וועלט־רעוואָלוציע און אַז דער ראַטן־פאַר־באַנד מוז דעם קומענדיקן קריג פאַרשפּילן.

ווי עס ווייזט אויס, איז די רוסישע דיקטאַטור אין איין פונקט ענלעך—להבדיל אלף הבדלות—צו אונזער תורה. די גאַנ־צע תורה, ווי באַקאַנט, באַשטייט אין איין כלל: זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין! אָבער אַ חוץ דעם דאָזיקן איין כלל איז דאָ אַ שולחן־ערוך, אַ קב הישר און אָן אַ שיעור מוסר־ספרים, וואָס קיין איין ייד קאָן צוליב זיי אין גן־עדן נישט אַריין, ווייל ווער קאָן עס אויסמיידן אָן אָפּנויג ביי אַזאַ איין אָדער אַזעלכע צוויי כללים?

צי קאָן דען עמיצער גלויבן, אַז פויכטוואַנגער האָט אפילו אין דער קלענסטער מאָס געגלויבט אין וואָס ער האָט געשריבן?

און אָט דאָס צייכנט אויס דאָס גאַנצע בוך פויכטוואַנגערס: עס איז אויסגעשלאָסן ער זאָל גלויבן אפילו אין איין־איינציקן אַרגומענט זיינעם לטובת ראַטן־פאַרבאַנד.

צי האָט פויכטוואַנגער געקאָנט גלויבן אין זיינע ווערטער, ווען ער האָט אין 1937 געשריבן, אַז אַלע דעמאָקראַ־טישע מלוכות קומען אַנטקעגן די פאַשיסטישע מלוכות, נאָר דער ראַטן־פאַרבאַנד נישט, און אַזוי אַרום האָט גראָד די ראַטן־פאַרבאַנדישע דיקטאַטור געראַטעוועט די אייראָפּעאישע דע־מאָקראַטיעס?

צי האָט ער דעריין געקאָנט גלויבן אין 1937, ווען מען האָט שוין אַזוי בולט געזען, אַז ראַטן־פאַרבאַנד „איז גרייט צו קושן זיך מיט אים (מיט היטלערן — י. ר.) אין די פּיסקעס, ער זאָל נאָר אַ פּיפּס טאָן?” (ציטאַט פון מיינעם אַן אַרטיקל, געדרוקט אין „פרייע אַרבעטער שטימע”, ניו־יאָרק, דעם 17טן סעפּטעמבער, 1937).

צי האָט פויכטוואַנגער געקאָנט גלויבן דעריין אין 1937, ווען די האַרציקסטע באַגריסונג צו היטלערן צו זיין וואָל־זיג אין סאַאַר־געביט איז געקומען פון ליטווינאָוון? ווען ראַטן־פאַרבאַנד האָט שוין געהאַט געמאַכט געוויסע אָפּמאַכן מיט היטלערן?

נאָך אַזאַ פערדישער פאַרציע צביעות וועגן „דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע”, איז אומבאַדינגט נויטיק דאָס באַרימטע ראַצעלע. און עס איז דאָ: „די פּראַקטיק ווייזט פונדעסטוועגן, אַז נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער גאַראַנטיע (פון דער סטאַלין קאָנסטיטוציע, וואָס פויכטוואַנגער ציטירט זי אויף טריט און שריט ווי אַ יאָר־עדות קעגן די פאַקטן פון דער ראַטן־פאַרבאַנדישער ווירקלעכקייט — י. ר.), געפינט זיך נאָך ווייט נישט די מיינונגס־און פּרעסע־פרייהייט אין ראַטן־פאַרבאַנד אין אַן אידעאַלן צושטאַנד”.

„די מיינונגס־ און פּרעסע־פרייהייט” געפינט זיך נאָך נישט אין אַ אידעאַלן צושטאַנד”!

ווי געפעלט אייך דאָס ממזרישע ראַצעלע?

די פרייהייט פון פּרעסע און מיינונג אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך שוין נישט געפונען אונטער קיין שום ספק אין 1937, אָבער קיין אידעאַלער צושטאַנד (און מיט ווייניקער ווען איר פויכטוואַנגערן נישט באַפרידיקן אין מאָסקווע 1937!) הערשט נאָך נישט...

דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון „מאָסקווע 1937” האָט פויכטוואַנגער, ווי מען זעט, באַקומען אַ פּאַרטיקן פון קרעמל, ער האָט בלויז צוגעגעבן ראַצעלעך אויפן קליינעם פינגערל און נאָך אַ געמיינזאַמער רעדאַקציע האָט מען אַרויסגעשיקט די גוט־באַצאָלטע פויכטוואַנגער־באָמבע קעגן זשידן און די אַנדערע אפּיקורסים...

אָבער כדי צו קאָמפּענסירן דעם לייענער פאַר דעם נישט־אידעאַלן צושטאַנד פון דער פּרעסע־ און מיינונגס־פרייהייט, האַלט פּויכטוואַנגער אין איין דערמאָנען און ציטירן די אידעאַלע סטאַלין־קאָנסטיטוציע, וועלכע זאָגט צו נישט נאָר פרייהייט פון וואָרט און פּרעסע, נאָר אויך די מיטלען דאָס דורכצופירן אין לעבן. זי שטעלט אין רשות פון יעדן בירגער די פּאַפּיר־אוצרות, די דרוקערייען, דעם ראַדיאָ פון ראַטן־פאַרבאַנד.

וואָס איז די פּעולה וואָס די דעמאָקראַטיעס גיבן דעם בירגער פּרעסע־פרייהייט, אַז דאָס פּאַפּיר און די דרוקערייען געהערן די קאַפּיטאַליסטן? אין ראַטן־פאַרבאַנד געהערט דאָס אַלץ צום פאָלק. אמת, אין 1937 האָט זיך דאָס אַלץ געפונען ביי סטאַלינען (און היינט ביי כרושטשעוון), אָבער צי דען רעפּרעזענטירט נישט סטאַלין דאָס פאָלק? איז וואָס איז די נפקא מינה?

ווי האָט ראָטשילד געזאָגט צו אַן אָרעמאַן: איך שווער דיר הייליק, אַז מיין געלט געהער דיר, ס'איז אַזוי גוט ווי ביי דיר אין קעשענע, מער נישט עס געפינט זיך ציטווייליק ביי מיר... לאָמיך עס אונטערהאַלטן אַביסל...

און איצט לאָמיר אריינקוקן אינם קאַפּיטעלע „טראָצקי און סטאַלין" און אין פּויכטוואַנגערס אָפּהאַנדלונג וועגן די מאָסקווער פּראָצעסן...

טראָצקין — „איינעם פון די אומפּעאיקע צו אויפבוי־אַרבעט" — פּטרט פּויכטוואַנגער אָפּ זייער שנעל: ער „ווייזט אויף" פּסיכאָלאָגיש, אַז פאַרטריבן פון ראַטן־פאַרבאַנד, איז טראָצקי פעאיק צו גיין מיט די פאַשיסטן און פריידיקן סאַבאָטאַזש־אַקטן און פאַרראַט.

און פּויכטוואַנגער האָט אַ פּאַרטיקע ראיה: אין לענינס צוואה שטייט בפירוש: „טראָצקיס נישט־באָלשעוויסטישע פאַרגאַנגענהייט איז נישט קיין צופאַל".

מען דאַרף אָננעמען, אַז פּויכטוואַנגער האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף עמיצנס גבית־עדות בנוגע לענינס צוואה, נאָר האָט זי אַליין געזען; איז אויב אַזוי, האָט ער דאָך געמוזט זען אויך וואָס לענין האָט געשריבן וועגן סטאַלינען, איז פאַרוואָס האָט ער וועגן דעם נישט געשריבן אַ וואָרט?

זאָל זיין אַז דער ציטאַט וועגן סטאַלינען האָט זיך נישט געפונען צווישן די מאַטעריאַלן, וואָס דער קרעמל האָט צוגע־שטעלט פויכטוואַנגערן פאַר זיין בוך?

וועגן סטאַלינען ווייסט פויכטוואַנגער צו דערציילן גאַנץ אַנדערע זאַכן: אין דער צייט וואָס טראָצקי האָט סתם גערעדט, האָט סטאַלין טיף געדענקט; סטאַלין האָט געוווּנען דעם בירגער־קריג (פאַר דער פירערשאַפט, מיינט מסתמא פויכטוואַנגער...).

נאָך דער „אָביעקטיווער" אָפּשאַצונג פון סטאַלין־טראָצקי, איז שוין קלאָר, אַז די טראָצקיסטן־פּראָצעסן זענען ביי פויכט־וואַנגערן אַ כשרע זאַך. „דער איינדרוקספולער פאַקט פונם מודה־זיין־זיך, זיין פּרעציזקייט און פולשטענדיקייט, קאָן נישט געלייקנט ווערן..."

און דאָס שרייבט דער מחבר פון „פאַלשן נעראָן!"

אויב מען זאָל אפילו מאַכן איבער זיך אַן אָנשטרענגונג און אָננעמען, אַז פויכטוואַנגער, דער מחבר פון „ייד זיס", פון „דערפאָלג", פון „פאַלשן נעראָן" איז פּלוצלינג געוואָרן אַזוי נאַאיוו שבנאַאיוו, קאָן מען דאָך אָבער בשום אופן נישט גלויבן, אַז פויכטוואַנגער האָט נישט געוווּסט דאָס וואָס יעדער צייטונג־לייענער האָט געוווּסט נאָך בעת די פּראָצעסן, אַז מען האָט אויפגעוויזן אין די ווידויים אַזעלכע זינלאָזיקייטן, פיזישע אוממעגלעכקייטן, אָן־ספּקדיקע אומפּינקטלעכקייטן, אַז זיי זענען צעשמעטערט געוואָרן אין די וויכטיקסטע טיילן!

איך רעד שוין נישט וועגן פּסיכאָלאָגישע אומוואַרשיינ־לעכקייטן, וואָס אַזאַ שרייבער ווי פויכטוואַנגער קאָן נישט נישט נעמען זיי אין אַכט.

אָבער פויכטוואַנגער ווערט פּלוצלינג אַ טעמפּער רעאַליסט, עס איז געננוג פאַר אים דער אָפיציעלער נוסח פונם מודה זיין זיך.

און ער גייט אַוועק אַזוי ווייט אין זיין ציניזם, אַז ער דערשרייבט זיך צו אַט אַזאַ זאַץ:

„...עס האָט אפילו געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די אָנגע־קלאָגטע, דער פּראָקוראָר און די ריכטער האָבן געהאַט דעם זעלבן, כ'וואָלט אפילו שיער נישט געזאָגט, ספּאָרטלעכן אינטע־רעס אויפצוקלערן די געשעענישן אין פילע פּרטים..."

און אַט דער נידערטרעכטיקער זאַץ איז געשריבן געוואָרן דורך אַ מענטש, וועלכער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז איין באַשולדיקטער (ראַקאָווסקי אָדער קרעסטינסקי) האָט צוריקגע־צויגן אין געריכט־זאַל זיין ווידוי און די געריכט־זיצונג איז איי־בערגעריסן געוואָרן, און ווען דער אָנגעקלאָגטער איז געבראַכט געוואָרן צוריק, האָט ער צוריקגעצויגן זיין צוריקציִען דעם ווידוי...

צי האָט זיך פויכטוואַנגער נישט געפרעגט וואָס עס איז געשען אינצווישן?...

כ'מיין אַז ער האָט זיך גאָרנישט באַדאַרפט פרעגן, ער האָט דאָס געוווּסט ווי אַלע האָבן דאָס געוווּסט...

מען האָט אָבער באַשטעלט ביי אים אַ בוך, און ער האָט „ערלעך" אויסגעפירט די באַשטעלונג...

און אַט דער פּעאיקער אָבער געוויסנלאָזער קינסטלער האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ ביכל וועגן וואָלטערן, אין וועלכן ער באַגייסטערט זיך מיט וואָלטערס קאַמף קעגן אַ יוסטיץ־מאָרד איבער אַן איינצלנעם מענטש...

און ער מאַכט זיך נישט ווויסנדיק וועגן זיין „מאָסקווע 1937", אין וועלכן ער האָט סיי געהאָלפן גלאָריפיצירן אַ תליון פון אַן אָ שיעור יוסטיץ־מאָרדן, סיי ער האָט געהאָלפן שענדן דעם תליונס קרבנות...

און צולעצט: פויכטוואַנגער באַהאַנדלט אויך די לאַגע פון סאָוויעטישן שרייבער און פון דער סאָוויעטישער ליטעראַ־טור. אויך דאָ איז דאָ דאָס קליינע ראַצעלע אויפן קליינעם פינגערל — עס איז אפילו גרעסער ווי געוויינלעך.

ער פאַרקלאָגט אַ רעדאַקטאָר, וועלכער האָט נישט געוואָלט אָננעמען אַ דערציילונג מיט אַ פּעסימיסטישן סוף. אַ סאָוויעטי־שער פּליער טאָר נישט אַראָפּפאַלן, ער קאָן נישט אַראָפּפאַלן!

פויכטוואַנגער דער שרייבער פאַרשטייט, אַז דאָס שטערט דעם שאַפונגס־פּראָצעס, אַז דאָס איז קליינלעך.

ער גיט אויך צו, אַז „ראַטן־פאַרבאַנד האָט אַ הערלעכן טעאַטער, אָבער נישט קיין דראַמע", ווייל דער שרייבער האָט קיין פרייהייט נישט.

אָבער גלייך דערמאָנט ער זיך, אַז מען האָט אים — פאַרקערט ווי בלעמ'ען — געדונגען צו לויבן, נישט צו שעלטן, און ער פאַרקערעוועט דעם דישעל — ער נעמט מאַכן דעם ראָש צו קליינגעלט.

„אמת — גיט ער זיך אַ שרייב, — מען אונטערדריקט נישט דירעקט יענע שרייבער, וועלכע ווייכן אָפּ פון דער גענעראַל־ליניע, וועלכע באַרירן נישט אין אַלע זייערע ווערק דעם לייט־מאָטיוו פון העראָאישן אָפּטימיזם אַזוי אָפט און אַזוי פול, ווי דאָס איז נאָר מעגלעך".

אין 1937 האָט מען שוין געהאַט אַ סך אויסגעשלאָסענע שרייבער, אַרעסטירטע, פאַרשיקטע. צווישן זיי — פּילניאַק און קאַטאַיעוו. צענדליקער האָבן געמוזט דורכמאַכן די טאָרטורן פון עפנטלעכן שלאָגן זיך על־חטא — אַ פּיין, פון וועלכער די שעפערישסטע נשמה מוז ווערן שווינדזיכטיק און פאַרלירן די אַכטונג צו זיך, — און ווער קאָן דען שאַפן אָן אַכטונג צו זיך?

אָבער דאָס גייט נישט אָן פּויכטוואַנגער דעם שרייבער, — ער האָט זיך אונטערגענומען ריינצוואַשן די סאָוויעטישע דיקטאַטור, גיט ער אַ שמיר דעם ראַצעלע מיט אַ פונט וואַזעלין, מען זאָל עס נישט אַרויסזען און עס זאָל גלאַנצן אויף אַ מייל...

„פאַר יעדן שרייבער, — גיט זיך פּויכטוואַנגער אַ זאָג, — שטייט די פראַגע: מער שרייב־פרייהייט פאַר אים אָדער מער פלייש און פוטער פאַר די מאַסן..."

ווען פּויכטוואַנגער פאָרמולירט אַ האָריטשקע אַנדערש: „מער שרייב־פרייהייט פאַר אים אָדער מער פלייש און פוטער פאַר אים" — וואָלט ער געווען געזאָגט דעם אמת...

* * *

איך האָב זיך אַביסל לענגער אָפּגעשטעלט אויף פּויכטוואַנגערס בוך, ווייל דאָס איז אַ טיפּישער ביישפּיל פון פאַרראַט פון די גייסטיקע.

מיט די זעלבע דריידלעך און די זעלבע ליגנס וואָס פּויכטוואַנגער האָט געכשרט די מאָסקווער פּראָצעסן און דעם לייכטן

פלירט צווישן סטאַלינען און היטלערן אין די סוף־צוואַנציקער און אָנהויב־דרייסיקער יאָרן, האָבן אַנדערע שפּעטער געכשרט דעם היטלער־סטאַלין פּאַקט און די פּראַגער פּראָצעסן און דעם בלוט־בלבול פון דער מאָסקווער דאָקטוירים־פאַרשווערונג.

פויכטוואַנגערס בוך „מאָסקווע 1937" איז אַ סטאַנדאַרד־ווערק, אַ האַנטבוך פון אַקטיוון פאַרראַט פון די גייסטיקע פון לינקס.

ב.) די האַלב־אַקטיווע פּאַררעטער פון גייסט

נישט ווייניקער געפערלעך פון די פול־אַקטיווע פאַררעטער זענען די האַלב־אַקטיווע פאַררעטער פון גייסט.

די דאָזיקע וועלן, חס ושלום, נישט שרייבן קיין ביכער מיט לויב פאַר די מאָסקווער פּראָצעסן, פאַרן סטאַלין־היטלער־פּאַקט — זיי מישן זיך נישט אין פּאָליטיק! אָבער זיי זענען גרייט זיך לאָזן פאַנגען אויף דער ווענטקע פון יעדער סאָוויעטישער פראָנט־אָרגאַניזאַציע. ווער רעדט נאָך פון דעם שלום־קאָנגרעס.

— ווער קאָן דאָס זיין קעגן אַ שלום־קאָנגרעס? קעגן באַמיאונגען צו פאַרפעסטיקן דעם שלום אויף דער וועלט?

צווישן די דאָזיקע שטיצער פון אַלע סאָוויעטישע מאַנעווערן זענען דאָ זייער ווייניקע, וועלכע ווייסן נישט וואָס זיי טוען. די מערהייט ווייסט אויסגעצייכנט וואָס עס באַהאַלט זיך הינטער דעם פראָנט פון די שלום־קאָנגרעסן, און זיי נאַרן אָפּ די מאַסן באַוווסטזיניק, זיי טראָגן זיי אונטער פאַרסמטע צוקער־לעקעכלעך.

זיי ווייסן, אַז די מאַסן בענקען נאָך שלום, פאַרקויפט מען זיי מלחמה אין אַ שלום־פּאַקונג.

די אַזוי גערופענע „שלום"־באַוועגונג איז איינע פון די געמיינסטע, ציניששטע שווינדלען אין דער געשיכטע...

ישראל שטערן

א.) ישראל שטערן דער מענטש

אין איינעם פון באלזאקס ראמאנען (אדער אין א דערציילונג) ווערט געשילדערט א מענטש, וועלכער זוכט ארום זיין פארלוירענע טאכטער. כדי זי צו געפינען, דארף ער זיך פארשטעלן; פארשטעלט ער זיך פאר א בעטלער. פון זיינע טראנטעס שטינקט; יעדן איינעם, וואס שטייט נעבן אים, איבלט פון זיינע קליידער, און ער ווייסט עס, און אים גופא איבלט פון זיך גופא, אבער ער טראגט די פאראכטונג פונם ארום מיט אינערלעכן שטאלץ, ווייל ער ווייסט צוליב וואס ער טוט דאס, ווער ער איז. ער האט א ציל אין לעבן, וואס ער קאן אים (גלויבט ער) דערגרייכן דורך דערנידעריקן זיך אויסערלעך, און ער נעמט אויף זיך באהבה אט די שטראף.

אן ענלעך געפיל פלעג איך צייטנווייז האבן ביים זען די אומגלויבלעכע אויסערלעכע אפגעלאזנקייט פון ישראל שטערן. איין מאל האט זיך מיין דאזיק געפיל אפגעמינצט אין פאלגנדיקן זאץ: „ער קולטיווירט זיין אפגעלאזנקייט”.

אבער וואס ער זוכט דערמיט, האב איך נישט געוווסט; איך האב בלויז געפילט זיין קרובהשאפט אין דאזיקן פרט צו באלזאקס אויבנדערמאנטן העלד.

* * *

איין מאל, ביי א שמועס מיט א מעלבורנער פארפאלק, וואס האט גוט געקענט ישראל שטערנען פון דער צייט גלייך נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האבן זיי מיר געזאגט, אז עס איז געווען א צייט, ווען ישראל שטערן איז געוועזן צוגעלאזן, פלעגט גערן רעדן מיט זיי, איז געגאנגען אויפגעפאסט, זיך געקליידט כמעט פראנטיש.

זיי האָבן קיין סך נישט געוואָלט דערציילן וועגן שטערנען, אָבער פון די אָפּגעהאַקטע רייד זייערע איז קלאָר געוואָרן, אַז די ענדערונג אין אים איז פאָרגעקומען נאָך זיינער אַ טראַגישער ליבע־איבערלעבונג (ער זאָל האָבן געהאַט אַ כלה אין אַסטראַ־לענקאַ — שטערנס געבורט־שטאָט).

וואָס ישראל שטערן האָט געזוכט מיט זיין קולט פון אויסערלעכער אָפּגעלאָזנקייט, איז מיר אויך דערפון נישט קלאָר געוואָרן, אָבער עס איז אויפגעקומען אַ געדאַנק, אַז אפשר האָט ער הינטער דעם עפּעס אויסבאַהאַלטן, אויפגעגעבן, — ער האָט זיך ווי פאַרגראָבן הינטער זיין אָפּגעלאָזנקייט ווי הינטער ווענט פון אַ פעסטונג, עפּעס זאָל צו אים נישט צו־קומען . . .

* * *

שטערנס אָפּגעלאָזנקייט איז געווען אויגן־רייסנדיק. אמת, ער איז געווען אָרעם, זייער אָרעם (נישט געקוקט אויף דער לעבערלעכער רכילות־פּלאַפּלעריי פון טלאָמאַצקע 13, אַז ישראל שטערן גיט געלט אויף פּראָצענט!?...), אָבער דאָך האָט ער ביי זיין גאַנצער אָרעמקייט געקאָנט געוויסע זאַכן אויסמיידן.

איך האָב אים איין מאָל, למשל, געטראָפן אין דער וואַר־שעווער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין אַ צושטאַנד, וואָס האָט ממש געריסן ביים הארצן: וועגן זיינע טשאַפּלין־טשאַפּטשעס און זיין טשאַפּלין־אָנצוג רעד איך דאָ נישט — דאָס לאָזט זיך דערקלערן מיט מאַנגל אין געלט; אָבער זיין געשוואָלן פּנים (פון ציין־ווייטיק) איז געווען ארומגעבונדן מיט אַ נאָז־טיכל, וואָס איז בוכשטעבלעך ווי אויפגעהויבן געוואָרן פון בלאָטע. ווען מען וואַשט זי אויס אין קאַלט וואַסער אפילו, וואָלט איר געווען צוגעקומען אַ ים געזונט, און דערויף האָט מען נישט גענדאַרפט קיין געלט.

אָבער ישראל שטערן האָט זיך אַרומגעטראָגן איבערן זאַל, גענישטערט אין קאַטאַלאָגן, אין ביכער אָן שום קרעמפּירן זיך, — ער איז געווען אין זיין עלעמענט.

צי האָט ער נישט געפילט, אַז מען קוקט אויף אים פון אַלע זייטן, אויף זיין שווארצן נאָז־טיכל, אויף זיינע טשאַפּלין־

שיך א. א.וו.? דאָס איז שווער צו זאָגן. איינס איז אָבער זיכער: אויב ער האָט דאָס געפילט, האָט ער דאָס איגנאָרירט מיט טראָציקייט, ווי יענער העלד באַלזאַקס, וואָס האָט געוווסט דעם זין פון זיינע טראַנטעס.

* * *

ווען ישראל שטערן האָט אויף טלאָמאַצקע 13 געלייענט זיין רעפעראַט (שפּעטער אָפּגעדרוקט אין די „וואַרשעווער זאַמל־ביכער", אַרויסגעגעבן דורך טלאָמאַצקע 13) וועגן פּרצ'ן („קרוינען צום קאָפּ פון דער יידישער קריטיק", אַביסל אַ מליצהדיקער טיטול; אָבער ישראל שטערן, ביי אַלע זיינע מעלות, האָט געהאַט אַ שטיקל נייגונג צו מליצה), האָט ער געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף אַלע צוהערער. איך בין געווען אַזוי אַנטציקט, אַז איך האָב געשריבן צו אים אַ באַגייסטערטן, הגם דאַן־קיכאָטישן בריוו (אויף וועלכן איך האָב באַקומען אַן ענטפער בעל־פּה). ווי אַ סך מאָל אין משך פון מיין לאַנגער „קאַריערע" אַלס יידישער שרייבער, האָב איך אויך דאַן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס פּאַטשקונעס באַקומען אין „היינט" אָדער אין „מאָמענט" צו 80 און 100 זלאָטעס פאַר אַן אַרטיקל, און אַזאַ שרייבער ווי ישראל שטערן רימט זיך, אַז ער דרוקט נישט קיין אַרטיקלען פאַר 5 זלאָטעס, — ער נעמט נישט ווייניקער ווי... פּופצן! איך האָב בכלל נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ ליטעראַטור, וואָס האַלט אוים בכבוד אַזוי פיל גאָרנישטן, צווינגט ישראל שטערנען צו לעבן ווי אַ קבצן.

און איך האָב געזען ווי ער האָט געלעבט!

איין מאָל האָט ישראל שטערן מיך געפרעגט צי ער קאָן קומען צו מיר לייען ביכער. מיר האָבן אָפּגערעדט ער זאָל קומען צו מיר אין אָוונט.

ער האָט אָפּגעקליבן אַ פּאָר ביכער (צווישן זיי פּראַנץ ווערפלס אַ דיקן באַנד געקליבענע לידער), דערנאָך האָבן מיר גערעדט. ביים שמועסן האָב איך עטלעכע מאָל געהאַט דאָס געפיל, אַז ער וויל עפּעס זאָגן און זאָגט נישט.

ווען ער האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין, האָב איך אים באַגלייט צו דער טיר. עס איז דערביי אויסגעקומען דורכצוגיין דעם צימער, וווּ מיין צוויי־יאָריקער זון איז געשלאָפן און מיר האָבן

דאָרט קיין ליכט נישט געצונדן, איז דאָרט ישראל שטערן גע־בליבן שטיין אַ מינוט און אין איילעניש אַרויסגערעדט (געמור־טיקט דורך דער פּינצטערניש) דאָס, וואָס ער האָט מסתמא גע־וואָלט זאָגן עטלעכע מאָל אין ליכטיקן צימער און ער האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך דאָס צו טאָן:

— אפשר קאָנט איר מיר לייען פינף זלאָטעס?...

איך האָב זיך באמת געשעמט אים צו געבן די פינף זלאָטוינעס (איך האָב זיך געשעמט, ווי אָפּט, נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אַנדערע, פאַר דער יידישער ליטעראַטור), און ס'איז גוט געווען נישט נאָר פאַר שטערנען, וואָס דאָס איז פאָרגעקו־מען אין אַ פינצטערן צימער. עס איז אונז ביידע לייכטער גע־ווען: אים צו בעטן און מיר — צו געבן.

אין אַ צייט אַרום האָב איך געדאַרפט האָבן ווערפּלס לידער. און היות איך האָב שטערנען נישט געטראָפן אַ לענגערע צייט (עס איז געווען, ווייזט אויס, אַ פּעריאָד פון זיין „פאַר־פאַלן" ווערן), האָב איך באַשלאָסן נאָכצופרעגן זיך ווו ער וווינט און גיין אָפּנעמען דאָס בוך.

איך געדענק נישט איצט געניו, ווו ער האָט דאַן געוווינט, נאָר מיר דאכט זיך, אַז אויף פלאַץ מוראַנאָווסקי, נאָענט צו מילע גאַס.

איך בין אריין אין אַ שמוציקער פאַרטעראָווער קיך און געפרעגט צי דאָ וווינט ישראל שטערן. דערהערט אַז יאָ, האָב איך געוואַרט מען זאָל מיר ווייזן דעם וועג צו זיין צימער; צום סוף האָט מען מיר געהייסן וואַרטן אין קיך, ער וועט באַלד אריינקומען. און ווייזנדיק אויף אַ בעטל אין אַ ווינקל קיך, האָט מיר אַן עלטערער ייד געזאָגט: „אָט־אָ־דאָ וווינט ער..."

אין אַ ווינקל פון אַ שמוציקער קיך! איך האָב זיך גענויער גענומען צוקוקן און דערזען נעבן בעט, אויף דער פּאָדלאָגע, אַ שטוים ביכער, צווישן זיי אויך ווערפּעלס באַנד לידער.

ישראל שטערן איז אריינגעקומען פון הויף, עפּעס אַ ברום געטאָן צו מיר, און גענומען וואַשן די הענט. דערנאָך איז ער צו צום טיש, ווו עס איז געלעגן אַ האַלבער לאַבן שוואַרץ ברויט, אַ מעסטל זאַלץ און רעטעך. ער האָט גענומען אַ שטיקל ברויט, איינגעטונקט אין זאַלץ און גענומען עסן.

אַט דאָס איז געווען ישראל שטערנס קוואַרטיר און זיין פּרישטיק. און דערויף האָט ער נאָך באַדאַרפט לייען פינף זלאָטיקעס ביי אַזעלכע קבצנים ווי איך...

אין זיין עסיי „ברויט און פּאָעזיע", וווּ עס רעדט זיך וועגן אַ קיך, אין וועלכער עס וווינען דריי פּערזאָן, אַ קיך וווּ „קיין וואַסער־לייטונג איז נישטאָ, קיין אוביקאַציע נישטאָ", האָב איך דערקענט ישראל שטערנס „דירה" (זע זייט 143 פון „ישראל שטערן — לידער און עסייען"). אָבער אין דער דאָזי־קער קיך, שרייבט שטערן, איז דאָ פּאָעזיע. דאָס רעדט ער וועגן סימע־לאה'ס ביכלעך, אָבער נאָך מער פּאָעזיע איז געווען ביי דער קיכס סוב־קוואַרטיראַנט — ישראל שטערן.

אַט אין דער קיך האָט ישראל שטערן געגעסן טרוקן ברויט און געשאַפן עכטע פּאָעזיע.

* * *

ער איז געווען אַ מאָדנער מענטש, ישראל שטערן. ער איז תמיד געגאַנגען פאַרטראַכט, און פון זיינע קעשענעס האָבן תמיד אַרויסגעשטאַרטשעט צעקנייטשטע, פאַרברודיקטע העפטן, גע־דיכט באַשריבענע (מיט בלייפעדער) מיט אַ מין היעראָגליפן־שריפט. פלעגט מיר אַמאָל פאָרקומען, ווי די געדאַנקען זיינע, אין וועלכע ער איז תמיד פאַרזונקען, שרייבן זיך אַליין אַריין אין זיינע העפטן.

ווי נאָר ער פלעגט אַרויפקומען אויף טלאָמאַצקע 13, פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אין אַ זייט און זיך פאַרטיפן אין די העפטן, פון וועלכע עס פלעגן געבוירן ווערן פּרעכטיקע עסייען.

איך בין איין מאָל געווען דערביי ווי ישראל שטערן האָט געבראַכט אין „וואָכנשריפט" אַן עסיי, אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג צווישן א. און ב.

דער רעדאַקטאָר האָט אַריינגעקוקט אין מאַנוסקריפּט און דערזען, אַז דעם דיאַלאָג עפנט נישט א. נאָר ב.; האָט ער גע־פרעגט שטערנען אַ נאַטירלעכע פראַגע: פאַרוואָס הויבט עפּעס אָן דעם דיאַלאָג ב.? האָט שטערן געענטפערט: אויב א. וועט עפענען דעם דיאַלאָג, וועט עס דאָך נישט זיין אָריגינעל... (זע „דיאַלאָג וועגן זיין מאַיעסטעט — שונד", זייט 235).

איך האָב געהערט און געטראַכט: צו וואָס דאַרף שטערן, וואָס זיינע עסייען שפּרודלען מיט אָריגינעלע געדאַנקען, אויסגעדריקט אין אַן אָריגינעלער פאָרם, אַזאַ מין אויסערלעכע אָריגינעלקייט? צו וואָס נויטיקט ער זיך אין איר, אין דער עקרדיקער אָריגינעלקייט?

אָבער מאָדנע אין אַלץ, איז שטערן געווען אויך מאָדנע מיט דעם: אַ מענטש וואָס האָט געטראָטן מיט די פיס יעדע אויסערלעכע פאָרם, האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון פון דער סאַמע אויסערלעכסטער אָריגינעלקייט — פון אָנהויבן אַ דיאַלאָג מיטן לינקן פוס — מיט ב.'ס אַרויספאָר...

* * *

מערקווירדיק איז אויך וואָס ישראל שטערן האָט ביים לעבן נישט אַרויסגעגעבן קיין איין בוך. אמת, אָן אַ קעשענע און אַן עלנבויגנס איז נישט לייכט געווען אַרויסצוגעבן ביי אונז ביכער; אָבער דאָך בין איך זיכער, אַז ישראל שטערן וואָלט געקאָנט, ווען ער זאָל וועלן, אַרויסגעבן פון צייט צו צייט אַ בוך.

פאַרוואָס־זשע האָט ער נישט געוואָלט?

דערויף האָב איך באַקומען אַ ווונק פון אַן ענטפער פון אויבנדערמאָנטן פאָרפאָלק.

אין 1924, האָבן זיי מיר דערציילט, האָט דער פאַרלאַג לאָנדינסקי אין וואַרשע געוואָלט אַרויסגעבן ישראל שטערנס אַ בוך לידער. ווען דער מעלבורנער ייד האָט אים אין אַ צייט אַרום געפרעגט, פאַרוואָס דאָס בוך דערשיינט נישט, האָט ישראל שטערן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— וואָזשנע לידער...

אַ צווייט מאָל האָט ער דעם זעלבן מענטש געענטפערט:

— לידער זענען מיין אינטימע זאַך, מיין פּערזענלעכער פאַרגעניגן.

פון דעם זענען צו זען צוויי זאַכן:

1) ישראל שטערן איז נישט געווען פון די, וואָס שטעלן זיך לייכט צופרידן מיט זייער שאַפן. ער האָט געשטרעבט צו

עפּעס גרויסעס, ער האָט זיך געגרייט צום אַרויסגעבן אַ בוך ווי אַן אַמאָליקער ייד צו יום־כּפּור; און

2) ישראל שטערן האָט זיך אויסגעלעבט אין פּראָצעס פון שאַפן זיינע לידער און עסייען און אָט דער פּראָצעס (וואָס איז אין אים פאַרגעקומען אָן אַן איבערברוך) האָט אים פאַרשלונגען אינגאַנצן. די צייט, וואָס עס דאַרף פאַרנעמען די אַרבעט פון אַרויסגעבן אַ בוך, איז אינוועסטירט געוואָרן אין שאַפן, צי אין זיך, צי אויפן פּאַפּיר...

ב.) ישראל שטערן דער דיכטער

מערקווירדיק איז געווען ישראל שטערן דער מענטש און מערקווירדיק איז — במילא!, ווייל דער מענטש איז דאָך דער דיכטער — ישראל שטערן דער דיכטער.

ישראל שטערן אַלס מענטש איז געווען אומפאַרשטענדלעך, און ישראל שטערן דער דיכטער איז אויך היפּשלעך אומפאַר־שטענדלעך. אָבער מאָדנע: גראָד די אומפאַרשטענדלעכקייט פון זיין דיכטונג מאַכט דעם מענטשן שטערן — פאַרשטענדלעכער: ישראל שטערן איז געווען נישט פון דער וועלט.

און זיין דיכטונג איז אויך אַזאַ.

* * *

די אומפאַרשטענדלעכקייט פון שטערנס דיכטונג, פון אירע מאָדנע בילדער, נעמט זיך פון איר פּאַרטיפּטקייט.

זיין ערשט ליד אין דער זאַמלונג פון זיינע לידער הייסט: „האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר", — דאָס איז די באַהאַלטענע טיר וואָס פירט צו זיינע לידער, ד. ה. צו דער אינטימסטער וועלט פון ישראל שטערן דעם מענטש.

„זאָל מיין ליד זיין אויף שלעסער פאַרשלאָסן.
„הייליק און שטיל זאָל דאָרט זיין.
„איך ווינק נישט און רוף נישט צו מיר.
„אויב איך פיר דיך אַהינצו אריין,
„האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר".

זיין דיכטונג איז נישט קיין רשות הרבים, — נאָר פאַר דעם, ווער עס זוכט — און קאָן אויפנעמען — הייליקייט, ווערט געעפנט די געהיימע טיר.

יעדעס וואָרט פון דאָזיקן ליד איז נישט קיין באַרימעריי, דאָס איז שטערנס העכסטער און לעצטער אמת, זיין אני מאמין, — יעדעס וואָרט איז ווי אַ שליסל צו דער באַהאַלטענער טיר, צו זיין דיכטונג.

„כיזוך נישט געלט און נישט רום, ווען איך זינג.
„צו גאָט גייט מען איינער אליין.
„כיוויל נישט זיין דער גאָלדענער רינג
„מיט מיין האַרץ ווי אַ טייערער שטיין
„אויף עמעצס געשוואָלענעם פינגער."

ישראל שטערנס דיכטונג איז געווען אַ גאַנג צו גאָט. און אָט דער הייליקער וועג איז געלעגן איבער די שפּיטעלער מיט די קראַנקע („פרילינג אין שפּיטאָל"), איבער דעם סימבאָל פון לעצטן מענטשלעכן עלנט, די אָרעמע יתומים („אַ יתומל לאַכט", „אַ יתומל זינגט", — ווונדערלעכע לידער), איבער די פּאַטע־טישסטע געשטאַלטן פון לעבן, די וואָכעדיקע הייליקע (ווי „אפרים גאָלדברוך"), און אַלץ וואָס ער זינגט אויס אויפן דאָזיקן וועג צו גאָט, איז ווי אַ „תפלה זכה", וואָס מען זאָגט זי בלחש, קוים צו הערן.

כדי צו דערהערן שטערנס תפלה־זכהדיקע דיכטונג דאַרף מען פאַרמאָגן אַ ביז גאָר שטאַרק געהער.

אָבער ווען מען דערהערט זי, שטאַרבן אָפּט אָפּ ביי אייך די אברים, איר געפינט זיך כמעט ווי אויף דער גרענעץ פון אַן אַנדער וועלט... איר געפינט זיך דאָרט, וווּ דיכטונג האָט אַ נאָענטע שייכות צו רעליגיע.

איך האָב שוין אַ סך מאָל געשריבן וועגן דער שוועסטער־שאַפט פון רעליגיע און דיכטונג, אָבער ביי אונז האָט מען אפילו נישט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ פּראָבלעם פאַר געני־סער פון פּאָעזיע און אַ ווירקלעכקייט פאַר שאַפער פון פּאָעזיע. מען האָט אפילו נישט אויפגעהויבן אָט די באַרירטע פּראָבלעם, — מען האָט זי איגנאָרירט, ווי אַלץ וואָס איז וויכטיק. און כ'האָב שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן, אפשר דאַכט זיך מיר נאָר

אזוי. אָבער אָט געפֿין איך אין העברי ברענאַנס בוך „תּפֿלה און דיכטונג" אַ ציטאַט: „פֿאַר מיר באַשטייט די פֿונדאַמענ־טאַלע פּראָבלעם אין אָנצייכענען די שייכות צווישן רעליגיע און ליטעראַטור".

אָט די שייכות, אַ טיף אינערלעכע, אַן אָרגאַנישע, געפֿינט מען אין שטערנס דיכטונג, וואָס וואַקסט אַרויס פֿון געמיינזאַ־מען וואָרצל, פֿון וועלכן עס האָבן זיך אַמאָל אַמאָל אָפּגעצווייגט דיכטונג און רעליגיע. שטערנס דיכטונג איז רעליגיעז נישט דערפֿאַר, ווייל דער דיכטער שטערן גלויבט אין גאָט, זוכט גאָט, בענקט נאָך גאָט; זיין דיכטונג איז רעליגיעז, ווייל זי איז עכט־סטע דיכטונג, אור־דיכטונג, ווען זי איז נאָך נישט געווען אָפּגעטיילט פֿון רעליגיע.

* * *

ווי מען עפֿנט אויף אַ קאַסע דורך וואָרט־און־אות־קאָמ־בינאַציעס, אַזוי עפֿנט דער דיכטער דורך וואָרט־קאָמבינאַציעס די פֿאַרגרעבטע געמיטער און ענדערט די שטימונג פֿון מענטשן, רופֿט ביי אים אַרויס געפֿילן און אָנונגען, וואָס האָבן זיך אים פֿריער נישט געחלומט. אָט די געפֿילן, שטימונגען און אָנונגען זענען תּמיד פֿיינער, איידעלער, אויף אַ העכערער פּלאַן, ווי די טאָג־טעגלעכע, — מען נעמט אַריינקוקן אין די געעפֿנטע געמיטער טיפֿער, מען ווערט וואָס מען רופֿט מענטשלע־כער אָדער רעליגיעזער מיט דער עכטסטער רעליגיעזקייט, וואָס לאָזט דעם מענטשן נישט רוען, ווי איובֿן, ווען ער קוקט, דורך דיכטונג, אויף דער וועלט.

צי קאָנט איר קוקן אויף אַן אָרעם קינד מיט די זעלבע אויגן, ווי איר האָט אים געזען פֿריער, פֿאַרן לייענען ישׂראל שטערנס צוויי שורות:

„אַ קינד איז ווייניקער קינד,
„ווען די מאַמע איז אַן אָרעמע וועשין"?

די דאָזיקע שורות וועלן אייך נאָכגיין און נישט לאָזן רוען, זיי וועלן מאָנען ביי אייך פֿאַרן אָרעמען קינד דעם חלק קינדישקייט, וואָס די אָרעמקייט פֿון זיין מאַמען האָט אָפּגענו־מען ביי אים.

אָט די שורות שטאַמען פון זעלבן קוואַל, פון וועלכן עס שטאַמען די כסדרדיקע געשרייען פון די נביאים וועגן די אלמנות און יתומים, פון אַ סאָציאַלער פּראָבלעם פאַרוואַנדלט זי דער דיכטער אין אַ דיכטעריש־רעליגיעזער, ווי זי איז דאָס געווען פון די אור־צייטן, ווען דער דיכטער, ד. ה. דער רעליגיעז־פּילנדיקער מענטש פּלעגט זיך צורירן צו איר.

* * *

כ'בין געוווינט אַז לידער זאָלן מיך אַ כאַפּ טאָן און פאַר־כישופן נאָך איידער איך וויים פאַרוואָס.

און ווען דאָס געשעט, ווייס איך אַז איך האָב זיך באַ־געגנט מיט דיכטונג.

„מישן זיך די וואָלקן און בלעטערן אָן קלאַנג.
„שטיל און הייליק מאַכט זיך אויף דער טאָג,
„ווי עס עפנט זיך זיס־פּאָרזיכטיק אויף אַן אַלטער ספר,
„די זון קומט אַרויס ווי אַ שיינער געדאַנק.
„האָרכן די גאַסן און ווערן ריינער..."

און אויך דער לייענער האָרכט אויף און ווערט ריינער; ער ווערט פאַרטראָגן אויף אַ העכערער פלאַך פון לעבן און האָרכט. צי ער קאָן דאָס געהעריקע אָנקליידן אין ווערטער־געדאַנקען, צי נישט, — דער מאַגישער שרויף פון דיכטונג האָט זיך שוין סיי־ווי אריינגעשרויפט אין זיין געמיט און האָט אים פאַרוואַנדלט פון גרויער וואָכעדיקייט אין פייער־לעכער יום־נוראימקייט.

די געבראַכטע שורות זענען גענומען פון שטערנס (לידער נישט פאַרענדיקטער) פּאָעמע „אפרים גאָלדברוך" — אַ שנור פּערל פון העכסטער ריינקייט, פון פּשטותדיקער ריינקייט.

און עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ שטימונג פון דיכטונג, ווען די גאַנצע וועלט האָרכט אויף און הערט זיך איין צו אַ מין ערדישער ספערן־מוזיק, נייט אפילו הארקי שניי־דער „מער קאַפּיטלעך תהילים ווי דרילכענע פליצעס".

און עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס „כאַצקל קופּערמינץ באַגרייפט נישט וואָס פלוצלינג איז מיט אים געשען, —

„אונטערן האַרץ ברענט אַזוי שווער, און ווי אַ קינד האַלט
ער דעם קאָפּ אויף די שויבן,

„און קוקט אין מאַרק: שאָטנס פאַלן צו דער ערד האַלזנדיק
די שטיינער;
„שטייט ער אין קראָם — און פאַרגעסט — און דערמאָנט
זיך — און סיגלוסט זיך אים וויינען".

און מיר לייענען די אַכט זייטלעך פון אָט דער נישט פאַרענדיקטער פּאָעמע און אויך אונז גלוסט זיך דערביי אָפּט וויינען, ווייל מיר פאַרפליען מיט ישראל שטערנס דיכטונג צו אַזאַ הויכער שיינקייט, וואָס מוז אַרויסרופן טרערן, ווי דאָס איינקוקן זיך אין פּנים פון דער זון...

און עס איז נישט שייך צו ברענגען ציטאַטן, ווייל פאַר־וואָס גראָד פון „אפרים גאָלדברוך" און נישט פון „פרילינג אין שפּיטאָל"? און פאַרוואָס טאַקע נישט פון די וואונדערבאַרע „אַ יתומל לאַכט"? און „אַ יתומל זינגט"? און פאַרוואָס נישט פונם אויסטערליש־שיינעם ליד „ברענגט מיר די וועלט"?

איז לאָמיר לאָזן דאָס אַרטיקל נישט פאַרענדיקט, ווי נישט פאַרענדיקט עס איז שטערנס שאַפן, און לאָמיר זאָגן ווי אַ קדיש: ישראל שטערן איז געווען אַן אויסטערלישער מענטש, ווייל אַן אויסטערלישער דיכטער, וועלכער האָט אויסגעזונגען זיין דיכטונג נישט נאָר אין לידער, נאָר אויך אין זיין אופן פון לעבן.

זיינע געציילטע לידער זענען דאָס, וואָס האָט אַריבערגע־שטראַמט פון זיין טאָג־טעגלעך געלעבטער דיכטונג.

וואָלט וויטמאַנס ווערטער וועגן זיין בוך „גראָזנשטענג־לעך", אַז ווער עס רירט אָן דאָס דאָזיקע בוך, רירט אָן אַ מענטשן, זענען גילטיק כמעט פאַר יעדן עכטן דיכטער; אָבער גאָר באַזונדערס פאַר ישראל שטערנס דיכטונג.

ג.) ישראל שטערן דער עסייאיסט

אין דער „פאָלקס־ביבליאָטעק ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס" איז דערשינען אַ באַנד „לידער און עסייען" פון ישראל שטערן.

איך וויל היינט זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן ישראל שטערן דעם עסייאיסט.

די אַרויסגעבער זאָגן, אַז די 19 עסייען, וואָס זיי גיבן אין דער זאַמלונג, איז כמעט אָדער טאַקע אַלץ וואָס ישראל שטערן האָט געדרוקט אין משך פון 20 יאָר.

דאָס איז זיכער ווייניק, ווייל די 19 אַרטיקלען נעמען אַריין סיי עסייען, סיי רעצענזיעס, סיי קליינע פּאָלעמישע נאָטיצן; אָבער ווי ווייניק דאָס זאָל נישט זיין אין כמות, ווערט דאָס קאָמפּענסירט דורך דעם איכות פון די מערסטע אַרטיקלען.

זיינע בעסערע עסייען צייכענען זיך אויס מיט טיפן אינהאַלט און דיכטערישער פאָרם. אַזאַ איז זיין עסיי „דער ווייסער פלעק אויף דער וואַנט״. דאָ ווערט ריינע דיכטונג געגעבן אין אינטערעסאַנטע פאָרמולירונגען.

זיינע ליטעראַטור־קריטישע עסייען זענען גוטע ליטעראַטור־קריטיק, מיט שטיקער דיכטונג איינגעפּאַסט אין דער מיט. אַזאַ איז זיין אָפּהאַנדלונג וועגן „שלמה מולכו״.

ביז גאָר אינטערעסאַנט און אָריגינעל איז זיין אַרטיקל (9 זייטן!) וועגן שלום עליכמ׳ען — „פאַרטאָג און בייטאָג״. אין דאָזיקן אַרטיקל זעט ער דאָס וואָס אַנדערע זעען נישט.

און דאָס וואָס שטערן זעט דריקט ער אויס אין דער העכסטער מדרגה אייגנאַרטיק.

און די קורצקייט פון זיין אויסדריקן זיך!

אין ישראל האָט זייער אַ טאַלאַנטירטער און אינטעליגענטער העברעאישער קריטיקער, א. קריב, געמאַכט אַ ברייטע רעוויזיע איבער מענדעלע מוכר ספרים. ער ווייזט אויף, אַז מענדעלע איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ קטיגור אויף יידן.

אָבער די קווינטעסענץ, דעם עמבריאָ פון א. קריב׳ס מענדעלע קריטיק קאָנט איר געפינען פאַרבייגייענדיק (אין אַ קורצן אַרטיקל וועגן שלום עליכמ׳ען, צו זיין 20טן יאָרצייט) ביי שטערנען. דאָס איז אַזוי פאַרבייגייענדיק, אַז נישט נאָר א. קריב, נאָר אויך אַנדערע, פלייסיקערע יידיש־לייענער האָבן דאָס זיכער נישט באַמערקט.

אָט ווי שטערן מאַכט עס: „זענען דאָ ביי מענדעלע מוכר ספרים סימפּאַטישע יידן? אַז איר ווילט, קאָנט איר זיי געפינען. אָבער דאָס דאַרפט איר שוין וועלן, שטאַרק וועלן״ (זייט 169, „לידער און עסייען״).

אַט די באַמערקונג, ווען מען דערזעט זי שוין אפילו, מאַכט נישט איבעריק א. קריב׳ם אויספירלעכע (און, אין אַ גרויסער מאָס, ריכטיקע) קריטיק; אָבער אין אַ קנאָספּ־פאָרם איז זי שוין דאָ ביי שטערנען; און דאָס ווייזט ווי טיף ער האָט געזען.

אָדער נעמט זיינע קורצע באַמערקונגען וועגן מנחם־מענדלען: „...ווו ערגעץ אַ שלים־שלים־מזל, מאַכט איר אים פאַר זיין (מנחם־מענדלס — י. ר.) שותף. די ברוסט פון יעדן אויף־כפּרות־טויגער דעקאָרירט איר מיט דעם מנחם־מענדל־אָרדען. אָבער גלויבט מיר, רבותי, אַז אָט דער ייד ווייזט אַרויס מער פליים, מער איניציאַטיוו, מער אַמביציע ווי צען סטאַכאַנאָווצעס...

„נישט מער זיינע פעאיקייטן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן שלעכטער אַרומיקייט. די אויסערלעכע באַדינגונגען נישט צו־געפּאַסט צו זיינע מעגלעכקייטן, ווערן פון זיינע פּליוסן — מינוסן. זוכט אוים פאַר אַזאַ עקזאָטישער פלאַנץ ווי מנחם־מענדל דעם גויטיקן קלימאַט, וועט איר זען, ווי שיין און שטאַרק זי וועט זיך פאַנאַנדערוואַקסן".

ווער האָט געקוקט, ביז ישראל שטערנען, אויף מנחם־מענדלען מיט אַזעלכע אויגן?

ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעוווּנקען אָן איבערשאַצונג פונם אָנגענומענעם קוק אויף מנחם מענדלען. ער האָט דאָס אָבער געמאַכט אַזוי פאַרבייגייענדיק, אַז דאָס האָט נישט געמאַכט קיין רושם אויף די אַרומיקע. מען האָט געלייענט און זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, אַז מען האָט דאָ פאַר זיך דעם עמבריאָ פון אַ גרונטיקער רעוויזיע פון איינער פון די פּאָפּולערסטע געשטאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור.

* * *

מיט ישראל שטערנען האָבן מיר פאַרלוירן נישט נאָר אַ טיפן דיכטער, נאָר אויך אַ שעפערישן קריטיקער, וועלכער האָט געקאָנט דערזען עפּעס מער און אַנדערש ווי אַנדערע.

איך רעד שוין נישט וועגן זיין גרויסן אַרטיקל וועגן פּרצ׳ן („קרוינען צום קאָפּ פון יידישער קריטיק"), אָבער אפילו זיינע

קלענערע אַרבעטן פֿאַרמאָגן כּמעט תּמיד קערנער פֿון שעפֿערי־שער קריטיק, שאַרפֿע פּאָלעמישע איראָניע און חנעוודיקן סטיל, שוין אָפּגערעדט וועגן אייגנאַרטיקער בילדלעכקייט (למשל, „דער ווייסער פֿלעק אויף דער וואַנט").

מאַרטין בובער

דער זיידע פֿון מאַרטין בובער, שלמה בובער, איז געווען אַן אָנגעזעענער יידישער געלערנטער און ליטעראַטור־היסטאָ־ריקער (אַ מדרש־פֿאָרשער) אין גאַליציע, ווו דאָס יידנטום איז, ביז דער אויסראָטונג דורך היטלערן, נישט געווען קיין פֿאַר־שטיינערטער היסטאָרישער פֿאַקטאָר, נאָר פֿול מיט לעבעדיקע זאַפֿטן פֿון עבר און עס האָט כּסדר אַרויסגעגעבן פֿון זיך שפּראָצלעך פֿון דער צוקונפֿט אין דער קעגנוואַרט.

מאַרטין בובער, דער אייניקל פֿונם מדרש־פֿאָרשער, שלמה בובער, איז נישט אַוועק אין די פֿוסטריט פֿון זיין פֿאָטער, דעם ווינער אַסימילירטן סוחר, נאָר ער האָט זיך באַהעפֿט אינם גייסט פֿון זיין זיידן, — ער איז געוואָרן אַ מין אַטאַוויסטיש קולטור־שפּראָצל.

דער קליינער מאַרטין איז אין דער פֿריער קינדהייט אַרי־בערגעפֿאָרן צום זיידן קיין גאַליציע, ווו ער האָט פֿאַרבראַכט ביזן 14טן יאָר פֿון זיין לעבן. ביים זיידן און אין דער לעבע־דיקער, קולטור־אַקטיווער און סאָציאַל־חסידיש־יידישער סביבה, אין סאַדאַגורא און טשאָרטקאָוו, האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די גייסטיקע אוצרות פֿון זיין פֿאָלק, וועלכע ער טראָגט אין זיך נישט נאָר ווי אַ טויטע ירושה, נאָר זיי לעבן אין אים, אַנט־וויקלען זיך אין אים (ווי אַלץ, וואָס איז באמת לעבעדיק), רייסן זיך פֿון סטאַטישן (אומבאַווועגלעכן) צושטאַנד פֿון ירושה־דיקייט צום דינאַמישן צושטאַנד פֿון מאַכן אַנדערע ירשנען.

אין דאָזיקן פּרט איז מאַרטין בובערס ביאָגראַפֿיע ענלעך אויף דער ביאָגראַפֿיע פֿון משה העס (מיט וועמען ער האָט אַזויפֿיל גייסטיקע באַריר־פּונקטן): אויך דער לעצטער האָט

ביי זיין זיידן פאַרבראַכט די פריע קינדהייט און די יידישקייט, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט ביי אים, האָט זיך שפּעטער שעפע־ריש אָפּגערופן.

אין זיין בוך וועגן בעל־שם־טוב כאַראַקטעריזירט בובער גלענצנד זיין באַציאונג צו דער לעגענדע פונם חסידיזם (און חסידיזם איז פאַר בובערן — אַ באַנייטעס יידנטום, דער לעצ־טער פרישער קנאָספּ אויף זיין אַלטן בוים):

„איך האָב זי (די לעגענדע — י.ר.) אויפגענומען פון פאָלקס־ביכער... אַמאָל אויך פון לעבעדיקן פאָלקס־מויל, פון מענטשן, וועלכע האָבן נאָך אַליין געהאַט געהערט איר שטאַמ־לען. איך האָב זי אויפגענומען און איבערדערציילט אויפדאָסניי. איך האָב זי נישט איבערגעזעצט, ווי עפּעס אַ ליטעראַרישן פראַגמענט; איך האָב זי נישט באַאַרבעט, ווי עפּעס אַ בעלעט־ריסטישן מאַטעריאַל, — איך האָב זי איבערדערציילט אויפ־דאָסניי, ווי אַ יורש. איך טראָג אין זיך דאָס בלוט און דעם גייסט פון יענע, וועלכע האָבן זי געשאַפן, און זי איז באַנייט געוואָרן אין מיר פון מיין בלוט און פון מיין גייסט אַרויס. איך בין אַ רינג אין דער קייט פון איבערדערציילער, איך בין אַ רינג צווישן רינגען, און איך דערצייל נאָכאַמאָל אַן אַלטע געשיכטע, און אויב זי קלינגט מיט אַ נייעם טאָן, האָט שוין דאָס דאָזיקע נייע געדרעמלט אין איר דאַן, ווען מען האָט זי דערציילט צום ערשטן מאָל".

פאַראייניקנדיק אין זיך סיי די אוצרות פון דער וועלט־קולטור, סיי די אוצרות פון זיין נאַציאָנאַלער קולטור, שטרעבט נישט בובער צו געבן אַ ביליקן קולטור־סינטעז פון מזרח און מערב, נאָר ער וויל, אַז די איראָפּעאישע קולטור זאָל איינזאַפּן אין זיך די לעבעדיקסטע זאַפטן פון דער יידישער קולטור, וועל־כע ער האַלט פאַר דער העכערער און ער באַטראַכט זי אַלס אומ־באַדינגט נויטיק, כדי צו באַגליקן די מענטשהייט.

מאַרטין בובער איז אַ מענטש פון אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן און ער פאַרמאָגט אַ ריזיקן וויסן. זיינע גייסטיקע אינטערעסן זענען אויסערגעוויינלעך פילזייטיק: עסטעטיק, פי־לאָזאָפיע, פסיכאָלאָגיע פון רעליגיע אָדער ריכטיקער: די פסי־כאָלאָגיע פון רעליגיעזן געפיל, פון רעליגיעזע איבערלעבונגען

(אין דאָזיקן געביט איז ער אַ נאָכפאָלגער פון באַרימטן אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָג דזשעימס). ער זאַמלט און פאָרשט אויס די „עקסטאַטישע ווידויים" פון הינדוסישע, אַנאַטאָלישע, פּרי־קריסטלעכע און מיטלאַלטערלעכע הייליקע.

אָבער גלייכצייטיק אינטערעסירן אים אויך די העכסטע פּראָבלעמען פון עסטעטיק און פילאָזאָפיע, און אין זיינע ביכער „איך און דו", „דניאל" און „די רעדע, די לערע און דאָס ליד" דרינגט ער אריין אין דער לערע פון די כינעזישע חכמים און ער שענקט זיין אַקטיווע אויפמערקזאַמקייט דעם פּרעכטיקן פינישן עפּאָס — דער „קאַלעוואַלאַ".

אויב אָבער די דאָזיקע זייט פון בובערס טעטיקייט האָט פאַר אונז אַן אַלגעמיינעם קולטור־אינטערעס, האָבן פאַר אונז, אַלס יידן, אַ באַזונדערן אינטערעס זיינע אַרבעטן אין געביט פון דער נאַציאָנאַל־יידישער פּסיכאָלאָגיע און אין געביט פון אויסטייטשן דעם חסידיזם.

די דאָזיקע ריין־נאַציאָנאַלע זייט פון בובערס טעטיקייט האָט געהאַט אַ ריזיקע ווירקונג אויף די אינטעלעקטועלע קרייזן פונם מערב־יידנטום פון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט.

אין פּראָג האָט בובער אפילו דערצויגן — דורך זיין שריפטשטעלערישער אַרבעט — אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַזעלכע באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן, ווי הוגאָ בערגמאַן, מאַקס בראָד און אַנד.

* * *

דער וועג פון בובערן צום גייסט פון יידנטום האָט געפירט איבערן פּאָליטישן ציוניזם. צוערשט איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער ציוניסטישער אידעע, דערנאָך האָט ער באַמערקט דעם ספּעציפישן, איינציקאַרטיקן גייסט פון יידנטום און דערנאָך האָט ער דערזען דעם העכסטן אויסדרוק פון דאָזיקן יידנטום־גייסט אין חסידיזם.

צו 26 יאָר האָט ער פאַרלאָזן אויף 5 יאָר זיין אַרבעט פון אַ שריפטשטעלער און פילאָזאָפישן פאָרשער און זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך מיט שטודירן און פאָרשן דעם גייסט פון חסידיזם און זיינע קוועלן.

דער דאָזיקער פּעריאָד האָט געלייגט דעם פעסטן פונדאַ־מענט סיי פאַר זיינע באַרימט־געוואָרענע חסידישע ביכער („די לעגענדע פון בעל־שם־טוב", „די געשיכטע פון נחמן בראַסלאַ־ווער" און אנד.), סיי פאַר זיין יידיש־חסידישער וועלט־אנשוי־אונג, סיי פאַר זיין טעאָריע וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון יידנטום.

דאָס הויפּט־ווערק בובערס אין געביט פון דער פּסיכאָ־לאָגיע פון יידנטום איז זיין קליין ביכעלע „דריי רעדעס וועגן יידנטום". דאָס איז אַ פּרווו צו קאָנדענסירן צו עטלעכע פאָר־מולעס דאָס דריי טויזנט־יעריקע היסטאָרישע לעבן פון יידישן פאָלק און זיין קולטור.

אין וואָס באַשטייט, לויט בובערן, דער טיפסטער מהות פון יידנטום, אָדער ריכטיקער: פון יידישן פאָלקס צושטייער פאַר דער אייביקייט?

יהדות — דאָס איז אַ דראַנג צו איינהייט, אַ דראַנג צו טאַט, אַ דראַנג צו צוקונפט; יהדות — דאָס איז איינהייט פון גאָט; אַ ייד איז אַ מענטש, וואָס ברויזט מיט ענערגיע צו מעשים, וואָס רייסט זיך צו טאַט; משיח — דאָס איז אַן ערבות פון אַ בעסערער צוקונפט.

יעדער איינער פון די דאָזיקע דריי עיקרים (פּאָסטולאַטן) איז נישט ניי, באַזונדערס דער ערשטער און לעצטער, אָבער די זאַך איז די, וואָס בובער, דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער שרייַ־בער, פאַרמאָגט אַזאַ סוגערירנדיקן סטיל, ער איז אַזוי טיף אין זיין אַרגומענטאַציע און איז אַזוי איבערצייגנדיק, אַז ביים לייענען זיינע בילדלעכע און קלאָרע ביכער קאָן מען נישט נישט גלויבן זיי.

יעדער פּרווו פעסטצושטעלן און צו באַשטימען איינמאָל פאַר אַלעמאָל די פּסיכאָלאָגיע פון אַ פאָלק, איז אַ צו־דרייסטע אונטערנעמונג. אויב דער פּרווו צו געבן די פּסיכאָלאָגישע גע־שטאַלט פון אַ יחיד איז נישט קיין לייכטע — גיכער אַ טונקעלע אויפגאַבע, טאָ וואָס זאָל מען שוין זאָגן וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון אַ פאָלק? צייכנט מען אָן צו־ענגע גרענעצן פאַר דער דאָ־זיקער פּסיכאָלאָגיע, דערשטיקט מען נישט־ווילנדיק אַ סך לעבע־דיקס, וואָס געפינט פאַר זיך קיין אָרט נישט אין די דאָזיקע גרענעצן; צייכנט מען ווידער אָן צו־ברייטע גרענעצן, נעמט

דראָען די סכנה פון צעשוואומענקייט. עס איז קיין ספק נישטאָ, אַז יעדעס פאָלק פאַרמאָגט עפּעס אייגנאַרטיקס אין זיין כאַראַקטער, אין זיין פּסיכאָלאָגיע — דאָס אייגנאַרטיקע איז אָבער זייער שווער אויפצוכאַפּן. אַ באַוויז פאַר דעם איז דאָס, וואָס מען קאָן געבן די קעגנזעצלעכסטע דעפיניציעס פון אַ פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע און געפינען פאַר זיי געהעריקע באַווייזן און איר־לוסטראַציעס אין דער געשיכטע פון באַטרעפנדן פאָלק. דערי־בער טאָר מען נישט צופיל מיסברויכן מיט די דאָזיקע פּרוּוון צוצופירן די פיל־געשטאַלטיקע געשיכטע פון אַ פאָלק צו איין פּסיכאָלאָגישן גלייכער. אַ פאָלק איז דאָך אַ סטיכיע, און איז פאַרענדערלעך ווי אַ סטיכיע. מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז אַזאַ פּרוּוו קאָן נישט וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט ווערן. ער איז מער קרוביש דעם קינסטלערישן מעטאָד און איז אונטער־געוואָרפן דער אינטואיציע. און ווען מיר לייענען בובערס „דריי רעדעס וועגן יידנטום", פילן מיר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ גע־שטאַלט פון אַ פאָלק, וואָס איז מייסטערלעך אויסגעמאָלט גע־וואָרן דורך אַ גרויסן דענקער־פּסיכאָלאָג און וואָרט־קינסטלער. מיר שפּירן גוט דעם דאָזיקן פאָלקס־כאַראַקטער, ווי מיר שפּירן און זעען נאַטאַשען פון טאָלסטאָיס „קריג און פרידן". אַ פאָלק, — די דאָזיקע סטיכיע, וואָס וואַרפט זיך נישט אונטער קיין דעפיניציע, וואָס פאַלט נישט אַרונטער אונטער דער הער־שאַפט פונם טאַפּ־חוש אפילו אין פיגוראַלן, גייסטיקן זין, — ווערט שיער נישט פיזיש קאָנקרעט: דער קינסטלער האָט אונז איבערצייגט. און ווי ביי יעדער גרויסער קינסטלערישער דער־גרייכונג, שפּירן מיר, אַז דאָ איז פאַרקערפּערט געוואָרן עפּעס אַ גאָר־גרויסער אמת, אָבער באַנוצן זיך מיט אים ווי מיט אַ כּפל־טאַבעלע איז נישט רעכט. און דערפאַר טאָקע זענען אַזוי פּרוכטבאַר אַזעלכע פּרוּוון, אויף וויפל זיי ווערן געמאַכט דורך די בובערס; אָבער די זעלבע פּרוּוון ווערן אומברויכבאַר, ווי נאָר עפּיגאָנען הויבן זיך אָן צו באַנוצן מיט די אינטואיטיווע, קינסט־לערישע אמתן פון די בובערס, ווי מיט אַ כּפל־טאַבעלע.

אָבער בובערס אינטואיטיוו־קינסטלערישע פּאַראַלגע־מיינערונגען וועגן דעם אינהאַלט (אָדער וועזן) פון יהדות, אָדער ריכטיקער: וועגן דער לעבעדיקער נשמה פונם יהדות זענען

נישט קיין רעזולטאַט פון אַן עסטעטישער אַנטציקונג און זיי זענען נישט באַשטימט צו ווערן אַן אָביעקט פון עסטעטישער אַנטציקונג, — זיי זענען באַשטימט געוואָרן צו זיין אַן אינ־סטרומענט, וואָס זאָל באַווירקן, באַאיינפלוסן די אויספורימונג פון יידישן לעבן און זיי האָבן זייער אויפגאַבע דערפילט. זיינע אמתן וועגן יהדות, וואָס בובער האָט נישט איינמאָל אויסגע־דריקט אין אויסערגעוויינלעך־שיינע און מיטרייסנדיקע רעדעס און ביכער („חרות" — „פרייהייט", „וועגן גייסט פון יהדות", „די יידישע באַוועגונג" און אַנד.) זענען — אין גייסט פון עכטן יהדות — סיי טעאָרעטישע באַגריפן, סיי אויפפאָדערונגען צו טאַט. בובער פאָדערט־אויף אויפצולעבן דעם לעבעדיקן פראָ־צעס פון יהדות דורך אויפלעבן זיין טרעגער, דעם יידישן פאָלק, וועלכעס ליידט מער פאַר יעדעס אַנדער פאָלק פון אינערלעכער צעריסנקייט און דעריבער קעמפט עס העראָאיש — אויך מער פאַר יעדעס אַנדער פאָלק — פאַר דערגרייכן די העכסטע איינ־הייט דורך אַקטיווער טאַט פאַר דער משיחישער צוקונפט פון דער וועלט.

בובערס ביכער וועגן יידנטום זענען אַ רוף צו יעדן יידן, ער זאָל באַזינען די סכנה פון אומקום, ער זאָל זיך דורכדרינגען מיטן וועזן פון יהדות, מיט דער סובסטאַנץ, וואָס ער טראָגט אין זיין בלוט. אויב יעדער איינער וועט אַנטדעקן פאַר זיך, אין די אייגענע טיפענישן, זיין יידנטום, אויב יעדער איינער וועט זאָגן מיטן גאַנצן האַרצן „יאָ!" צו זיין יידישער עקזיס־טענץ, דאַן וועט זיך יעדער פון אונז נישט פילן איינזאַם, דאַן וועט זיך יעדער פון אונז פילן אַלס פאָלק, ווייל ער וועט דעם עבר פון פאָלק פילן אַלס פאָר־געשיכטע פון זיין אייגן לעבן.

וועגן דעם ווי טיף בובער פילט און שטעלט זיך פאָר די דאָזיקע פאַראייניקונג מיטן פאָלק (און ווי אַזוי ער קאָן דאָס אויסדריקן!); וועגן דעם, ווי ווייט ער שטעלט זיך פאָר די דאָזיקע פאַראייניקונג מיטן פאָלק סינטעטיש — אַ סינטעז פון דער דינסטער גייסטיקייט מיט דער לעבעדיקסטער טאָג־טעג־לעכקייט — קאָן געבן אַ שוואַכע פאָרשטעלונג דער פאָלגנדער אַרויסגעריסענער פראַגמענט פון זיין מאָנאָליטער רעדע „יהדות און די יידן":

„און אויך מיר וועלן לעבעדיק דערפילן דאָס היינטצייטיק־ווירקלעכע. אָט די דאָזיקע פון אויסן אומגליקלעכע, איינגעהויקערטע, זיך דורכגנבענענדיקע מענטשן, וועלכע פעדלען פון דאָרף צו דאָרף און וויסן נישט מיט וואָס און צוליב וואָס זיי וועלן דורכלעבן דעם מאָרגנדיקן טאָג; און די דאָזיקע פאַרטויבטע, פאַרטויטשעטע מאסן, וואָס מען טרייבט אַרויף אויף שיפן, און זיי וויסן נישט וווהין און צוליב וואָס, — אָט די דאָזיקע אַלע וועלן זיך אָנהויבן שפּירן נישט נאָר אַלס ברידער און שוועסטער, נאָר יעדער איינער פון אונז... וועט דערפילן: אָט די דאָזיקע מענטשן זענען טיילן פון מיר גופא. איך לייד נישט צוזאַמען מיט זיי, — דאָס לייד איך גופא. מיין נשמה איז נישט ביי מיין פאָלק, נאָר מיין פאָלק איז — מיין נשמה. און אין זעלבן זין וועט יעדער איינער פון אונז אָנהויבן פילן די צוקונפט פון יהדות, — ער וועט דערפילן: איך וויל וויטער לעבן, איך וויל מיין צוקונפט, איך וויל אַ ניי, אַ גאַנץ לעבן"...

בובער פילט אויסערגעוויינלעך שאַרף די גרעסטע און מאַיעסטעטישסטע קראַפט אין אונזער וועלט: דעם צונויפגוס פון יחיד מיטן קאָלעקטיוו נישט ביז צום פאַרלוסט פון דער אייגענער אינדיווידואַליטעט, נאָר אויף אַזוי ווייט, אַז די דאָזיקע אינדיווידואַליטעט ווערט אומענדלעך אויסגעברייטערט, זי פאַרזינקט נישט אינם קאָלעקטיוו, נאָר זי נעמט אַריין דעם קאָלעקטיוו אין זיך. און ער פאָדערט אונז אויף צו באַנייען אין זיך די דאָזיקע מזל־ברכהדיקע און איידעלע קראַפט, דאָ באַצויבערנדיק אונז מיט איר דינסטער, שיער נישט אומערדישער גייסטיקייט, דאָ תיכף פאַרוואַנדלענדיק זי (די דאָזיקע גייסטיקייט), אין גייסט פון עכטן יהדות, אין חומרדיקער טאָג־טעגלעכקייט.

בובער רופט צו באַנייאונג, צו אַ ראַדיקאַלסטן איבערברוך אין אונזער אייגן לעבן און אין לעבן פון גאַנצן פאָלק, — נישט באַפרידיקנדיק זיך מיט ווייניקער; און ארומנעמענדיק מיט זיין סינטעז דאָס גאַנצע פאָלק, לאָזט ער גלייכצייטיק נישט אַרויס פון אויג דעם יחיד, די פערזענלעכקייט, דעם לעבעדיקן יסוד פונם קאָלעקטיוו. און זיין ערשטע רעדע „וועגן יהדות און וועגן יידן", פאַרענדיקט ער מיט אַ פּרעכטיק בילד.

„ווען איך בין געווען אַ קינד", — שרייבט בובער, — „האָב איך געלייענט אַן אַלטע יידישע לעגענדע, וואָס איך האָב זי נישט געקאָנט פאַרשטיין. זי האָט דערציילט אָט וואָס: „ביי די טויערן פון רוים זיצט אַ קרעציקער אָרעמאַן און וואַרט. דאָס איז — משיח".

„בין איך אַוועק צו אַן אַלטן מאַן און אים געפרעגט: „אויף וואָס וואַרט ער?" און דער אַלטער האָט מיר דאַן געענטפערט עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב דאַן נישט פאַרשטאַנען און ערשט אַ סך שפּעטער האָב איך זיך דאָס אויסגעלערנט צו פאַרשטיין: ער האָט געזאָגט: „ער וואַרט אויף דיר".

עס איז נישט גענוג צו וועלן אויסגעלייזט ווערן: יעדער איינער דאַרף זיך דורכדרינגען מיטן געדאַנק, אַז די אויסלייזונג הענגט אָפּ פון אים, נישט נאָר ער נויטיקט זיך אין איר, נאָר זי הענגט אָפּ פון אים.

בובער באַצויבערט אונז מיט זיין טיפן פאַרשטיין דאָס יידנטום; ער מאַכט אונז פאַר טרעגער — פאַר דער פּלאַזמע, אַזויצוזאָגן — פון דאָזיקן מאַיעסטעטישן היסטאָרישן פּראָצעס און ער מאַכט יעדן איינעם פון אונז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים, פאַר זיין גורל.

* * *

איינער פון בובערס עיקרדיקע פאַרדינסטן באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט און קינסטלעריש באַאַרבעט די חסידישע מיטאָלאָגיע, דעם חסידישן פאָלקלאָר און די חסידישע שאַפונג, און ער האָט אינטערפּרעטירט די פילאָזאָפישע לערע פון חסידיזם אין ליכט פון יידנטום און אין ליכט פון די העכסטע טרוימען פון היינטיקן מענטשן. („מיין וועג צום חסידיזם", „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט").

אין חסידיזם זעט בובער די לעצטע (דערווייל) טיפע אַנטפּלעקונג פון ריינסטן יהדות. און פּונקט ווי בובער באַטראַכט דאָס יידנטום אַלס העכסטע גייסטיקע דערשיינונג אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אַזוי זעט ער אויך אינם חסידיזם דעם לעבעדיקן קוואַל פאַר דער היינטיקער מענטשהייט.

בובערס בוך „די לעגענדע פונם בעל־שם" איז אַ קינסטלערישער שעדעוור. ער האָט אַריינגעאָטעמט אַ ניי לעבן אין

די צעוואָרפענע, צעשטויבטע לעגענדעס וועגן דאָזיקן מערקוויר־דיקן מענטשן, וועלכער האָט געשאַפן אַ מעכטיקע רעליגיעזע פאָלקס־באַוועגונג אין דער ערשטער העלפט פון 18טן יאָר־הונדערט, און עס האָט זיך באַקומען אַן אויסטערלישע גאַנצקייט.

ישראל בעל־שם טרעט־אַרויס פאַר אונז אַ לעבעדיקער און גייסטיק־ממשותדיקער; זיין רעליגיעזע באַוועגונג ווערט פאַרקערפּערט אין פלייש און בלוט, מיר שפּירן דעם אָטעם פון דער דאָזיקער באַוועגונג, איר לעבעדיקע ווירקונג; עס זענען דאָ קאַפּיטלעך אין דאָזיקן בוך, וואָס מען קאָן זיי נישט לייענען אָן אַ טיפסטן אינערלעכן ציטער, מיר קומען אַ דאַנק זיי אין אוממיטלבאַרער באַרירונג מיטן גרעסטן סוד: מיט דער געבורט פון אַ קאָלעקטיווער רעליגיעזער איבערלעבונג.

אין דאָזיקן בוך האָט בובער דער קינסטלער דערגרייכט זיין מאַקסימאַלע קראַפט. אין זיינע אַריינפירן צו די דורך אים אי־בערגעאַרבעטע דערציילונגען פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער (דעם בעל־שמ׳ס אַן אייניקל און איינעם פון די שעפער פון די אומ־שטערבלעכע גייסטיקע אוצרות פונם חסידיזם) און אין זיינע אַנדערע עסייען וועגן חסידיזם, האָט בובער דערגרייכט דעם מאַקסימאַלן פּונקט פון זיין פילאָזאָפיש־פּובליציסטישן טאַלאַנט. ווי טיף ער דרינגט אַריין אין דער נשמה פון דער יידישער מיסטיק, אין דער נשמה פון חסידיזם, וואָס ער האַלט אים אַלס צויבערהאַפטן און פיל־צוזאַגנדיקן (לויט זיינע פּאָטענצן) קוואַל, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פלוצלינג, אַ דאַנק דעם צוי־בער־שטעקן פונם בעל־שם, פונם פאַרשטיינערטן יידישן לעבן אין גלות.

דאָס, וואָס דער חסידיזם איז כמעט גלייך נאָך זיין גע־בורט דעגענערירט געוואָרן, ווי אַמאָל די קריסטלעכע באַוועגונג, וואָס אין אָנהויב איז זי אויך געווען אַ ריין־יידישע גייסטיקע דערשיינונג, מאַכט בובערן נישט אומזיכער. אַ פאָלק, וועלכעס געפינט נאָך אין זיך, נאָך אַ טויזנט־יעריקן גלות, כוחות צו שאַפן אַזעלכע פאָלקסטימלעך־רעליגיעזע באַוועגונגען, דאַרף זיך נישט מיאש זיין: ער איז נאָך גענוג פרוכטבאַר אויף צו שאַפן נאָך...

בובערס לערע (אויב מען קאָן זיינע ביכער באַצייכענען מיטן דאָזיקן נאָמען) ווערט באַצייכנט אַלס נעאָ־חסידיזם, ווייל ער באַנוצט זיך מיט דער דאָזיקער לערע אין זיין קאַמף קעגן דער פאַרשטיינערטקייט פון אונזער לעבן, קעגן זיין מוראדיקער צעריסנקייט, קעגן זיין אומפעאיקייט צו מסירת־נפשדיקער טאַט, קעגן זיין אינדיפערענטיזם צו דער צוקונפט. בובערס רוף אויפ־צולעבן אונזער פאָלק באַצייכנט מען אַלס נעאָ־חסידיזם דער־פאַר, ווייל אין דער דאָזיקער יינגסטער פרוכט פון גייסטיקן פראָצעס פון יידנטום, מיט וועלכן בובער האָט זיך אָנגעזע־טיקט, געפינט ער דאָס אַלץ, וואָס עס פעלט אונזער לעבן און וואָס ער באַטראַכט אַלס קווינטעסענץ פון יידנטום. חסידיזם איז פאַר בובערן דער העכסטער זיג אין דער מענטשהייטס (באַ־זונדערס פון יידנטומס) פאַרצווייפלטן דראַנג צו איינהייט: ווי האַרמאָניש ס'איז דאָס לעבן אין דעם חסידישן לעבנס־געפיל, ווי האַרמאָניש און גאַנץ עס איז די נשמה פונם חסיד ביים טיש פון זיין צדיק אָדער אינם קרייז פון זיינע גייסטיקע פריינט; ווי ברויזנדיק עס איז דעם חסידס טעטיקייט אין קאַמף פאַר דער־גרייכן און איינהאַלטן די אויבנדערמאָנטע האַרמאָניע, — אין דער דאָזיקער טעטיקייט טאַקע, וואָס ווערט געבוירן דורך דער האַרמאָניע, ווערט זי, די דאָזיקע האַרמאָניע, כסדר געלייטערט; און ווי שטאַרק דער חסידיזם רייסט זיך צו דער צוקונפט, צום משיחישן פּעריאָד, וואָס ווערט צוגעגרייט דורך יעדער טאַט, געבוירן פון אַ נשמה, וואָס האָט דערוואָרבן רו אין דער האַר־מאָניע פון איינהייט!

נישט אומזיסט געפינען אַלע גייסטיקע באַוועגונגען פון אונזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס אַן אָנשפּאַר און אַ רייכע נאָרונג אינם חסידיזם: פון פּרצ'ן ביז בובערן.

אפילו אַזאַ קעגנער פון יידנטום, ווי בערדיטשעווסקי, האָט אין ערשטן פּעריאָד פון זיין טעטיקייט אַנטקעגנגעשטעלט די גייסטיק־גאַנצע חסידים די פּאַרהאַסטע מתנגדים, נישט וויסנ־דיק דאָס, וואָס בובער האָט באַגריפן, — נעמלעך, אַז דורך דעם וואָס ער נעמט־אָן דעם חסידיזם, נעמט ער אָן אַ געלייטערטן, אַ שעפערישן, אַ האַרמאָניש־גאַנצן יידנטום.

שאַנכיי, 1943.

י. ראַפּאָפּאָרט

ווער איז בלינד און ווער איז טויב?

ווי רעלאַטיוו עס איז אַלץ אין אונזער וועלט, איז מיר ערשט קלאָר געוואָרן, ווען די בלינדע און טויבע שריפטשטעלערין העלען קעלער האָט פאַראיאָרן באַזוכט מעלבורן.

איך ווייס נישט צי אַ סך האָבן געפילט, אַז איינער פון דער וועלטס גרעסטע וווּנדער האָט זיך באַוויזן ביי אונז און גייט אַרום לעבעדיק צווישן אונז, — אָבער פילן האָבן דאָס באַדאַרפט אַלע, ווען זיי וואָלטן, אויף זייער אייגענעם אופן, נישט געווען בלינד און טויב — טעמפּ.

וויפל גענעראַלן, פעלדמאַרשאַלן, אַדמיראַלן, באָקסערס און קריקעט־שפּילערס מען האָט פאַר די לעצטע צען יאָר געפייערט ווי זיגערס! אָבער וויפל האָבן געהאַט דאָס לעבעדיקע געפיל, ווען העלען קעלער האָט זיך באַוויזן אין אונזער שטאָט, אַז עס איז אַראָפּגעקומען איינער פון די גרויסע זיגערס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט?

אָט די פרוי, וואָס דער ביטערער גורל האָט זי אַרויסגעשטעלט אויף יענער זייט לעבן און עס פאַרריגלט פאַר איר אויף צוויי שווערסטע שלעסער (אויסגעלאָשן פאַר איר דאָס ליכט און אָפּגעשלאָסן פאַר איר דעם קלאַנג), — אָט די פרוי האָט צעבראָכן די דאָזיקע שלעסער, דורכגעריסן די דיקסטע ווענט פון בלינדקייט און טויבקייט און געשלאָסן מיט דער וועלט און מיטן לעבן אַ קאָנטאַקט, — זי האָט באַזיגט די גרויזאַמקייט פון דער נאַטור! באַזיגט דעם טראַגישסטן גורל!

זי, וועלכע קאָן נישט רעדן, האָט אונז אַזויפיל געזאָגט; זי, וועלכע קאָן נישט הערן, האָט אַזויפיל געהערט, — זי האָט געהערט, אין איר אייביקער שטילקייט, דאָס, וואָס מיר, אין אונזער אייביקער פאַרטומלטקייט, הערן נישט; זי האָט געזען דאָס, וואָס מיר, פאַרבלענדטע פון צופיל זען, דערזעען נישט.

צי האָט טאַקע דער בעל־התהילים געמיינט נאָר די געטשן, ווען ער האָט געזאָגט זיינע בייסיקע ווערטער: „אויגן האָבן זיי

און זיי זעען נישט; אויערן האָבן זיי און זיי הערן נישט"? צי האָט ער אַמאָל נישט געמיינט אויך אונז, אין אונזער טאָג־טעגלעכן לעבן, וועלכע האָבן יאָ אויגן און דאָך זעען מיר נישט, וועלכע האָבן יאָ אויערן און דאָך הערן מיר נישט?

עס איז געגנוג איבערצולייענען איר פּאָעמע, אין וועלכער זי בענקט נאָך דריי טעג קאָנען זען און הערן; אין וועלכער זי רעכנט אויס וואָס זי וואָלט אַלץ געטאָן אין די דאָזיקע דריי טעג, כדי די, וועלכע קאָנען אַמאָל זען און הערן (נישט געקוקט אויף דעם וואָס זיי האָבן אויגן און אויערן), זאָלן דערזען און דערפילן, ווי ווייניק מיר נוצן אויס ווי געהעריק אונזערע אויגן און אויערן.

און נישט נאָר דאָס: ביים לייענען איר טרוים צו זען און הערן כאָטש דריי טעג, זעען מיר ס'אַרא סך, און ווי טיף, זי הערט און זי זעט שוין איצט, נאָך איידער איר פאַרלאַנג איז מקוים געוואָרן. שוין אין איר טרוים וועגן זען און הערן, הערט זי און זי זעט אַזוי פיל, אַז מיר דערפילן זיך אָרים לגבי איר, דער בלינדער און טויבער; ווי מיר פאַרשווענדן אומזיסט און אומנישט די גרויסע מתנות וואָס מיר האָבן באַקומען אָן אַנ־שטרענגונג בהיסח הדעת, און ווי הערלעך זי האָט אַרויסגע־ריסן ביי איר גרויזאַמער שטיפמאַמע (דער וועלט!) אירע זיסטע פאַרבן און טענער.

דאָס קאָנען אַזוי טרוימען וועגן זען און הערן, וואָלט געווען אַ פּאָעטישע לייסטונג אפילו פאַר אַ זעעוודיקן און הערנדיקן דיכטער, אָבער פאַר אַ בלינדער און טויבער דיכטערין איז דאָס אַ וווּנדער, איינער פון די וועלט־וווּנדער: ווי אַזוי האָט די דאָזיקע אַזוי גרויזאַם־פאַרטיילטע פרוי דורכגעריסן די אייביקע ווענט פון פינסטערניש און שווייגן, און אַזוי אויפגענומען אין זיך די וועלט און די מענטשן אויף צו קאָנען באַשרייבן איר פאַרלאַנג צו זען זיי אַזוי פּולבלוטיק, אַז עס זאָל זיך אונז נעמען דאַכטן, אַז זי קען זיי בעסער פאַר אונז, אַז מיר זאָלן דערפילן אַ פאַרלאַנג צו לערנען זיך ביי דער בלינדער ווי און וואָס צו זען, און ביי דער טויבער — ווי און וואָס צו הערן.

זי האָט נישט קיין צוטריט צו דער וועלט פון דרויסן, האָט זי זי אַריינגענומען אין זיך, אינערלעך; און מיר, וועלכע

י. ראַפּאָפּאָרט

האָבן צו איר אַ צוטריט פון דרויסן, בלייבן על־פּי־רוב פון דרויסן, פויל זי אַריינצולאָזן טיפער, אינעווייניק.

יעדער דיכטער ווייזט אונז — און פאַרשעמט אונז! — ווי אויבערפלעכלעך־דרויסנדיק עס איז אונזער קאָנטאַקט מיט דער וועלט, — און אויף יעדן דיכטער קוקן מיר ווי אויף אַ וווּנדער; אָבער ווי גרויס איז דער וווּנדער, ווען העללען קעללער ווייזט אונז ווי ווייניק מיר זעען און ווי ווייניק מיר הערן!

און זי איז — בלינד און טויב?!

און מיר — זעענדיק און הערנדיק?!...

מעלבורן, 1950.

נאָכוואָרט

גליקלעך איז דער עסייאיסט, קריטיקער אָדער פּובליציסט, וואָס האָט די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן זיינע ביכער סיסטעמאַטיש, וואָס קאָן זיי סדרן ווי געהעריק: אַ באַנד געווידמעט יידישער פּובליציסטיק, אַלגעמיינער פּובליציסטיק, פּראָבלעמען פון דיכטונג, פון קאָמוניזם, א. א. וו.

אָבער נישט יעדער איינער איז זוכה דערצו, — מאַכן טאַקע אַ סך ביכער דעם איינדרוק פון אַ פּעקל, וואָס מען ראַטעוועט אַרויס פון אַ שׂריפה: אַ טיי־לעפעלע לעבן אַ סוועטער, אַ רעגנמאַנטל לעבן אַ פּידזשאַמע (און אַמאָל באַשטייט די פּידזשאַמע בלויז פון אַ פּאָר הויזן, אָדער פון אַ רעקל, — די צווייטע טייל פעלט).

ווען דאָס אַרויסגעבן אַ בוך איז ווי אַ נס, אַ גליקלעכער צופאַל און מען ווייסט נישט צי דער נס וועט נאָך אַ מאָל באַווייזן זיין שיינענדיק פּנים, און אויב יאָ — טאָ ווען, איז כמעט אוממעגלעך פּסיכאָלאָגיש אָפּצוקלייבן אַן איינהייטלעכן מאַטעריאַל, — יעדער זשאַנר, יעדער עסיי רייסט זיך צום עמוד און עס איז שווער אים אָפּצושטויסן אין אַ זייט.

באַזונדערס שווער איז דאָס דאַן, ווען עס ליגן חמרים אַר־טיקלען פון פאַרשיידענע אינהאַלטן: דער מחבר איז צו אינטים פאַרבונדן מיט אַלע און ער האָט נישט קיין אָביעקטיווע מאָס ביים אָפּקלייבן: עס איז אים אוממעגלעך צו זאָגן קאַטעגאָריש וואָס עס זאָל אַריינגיין צווישן די צוויי געגאַרטע טאָוולען און וואָס נישט.

גאָר באַזונדערס ווערט די דאָזיקע אויפגאַבע שווער, ווען דער נס פון אַרויסגעבן אַ בוך איז באַגרעניצט מיט אַ צאָל זייטן: כמעט תמיד איז דער ערשטער אָפּקלייב אַ צו גרויסער און מען מוז נעמען שניידן פריער אַ טייל פון יעדער געפּלאַנטער אָפּ־טיילונג און דאַן גאַנצע אָפּטיילונגען.

דער אָפּקלייב מוז ווערן צו סוביעקטיוו און צו פאַרשידנ־פאַרביק. דאָס איז שוין נישט קיין בוך פון איין פאַרב, פון איין ריכטונג, — עס ווערט אַ שטיקל יאַריד.

דער ציל איז אַ גוטער — געבן אַ וואָס פאַרשידנאַרטיקערן אינהאַלט פאַר אַ וואָס פאַרשידנאַרטיקערן לייענער־עולם, — אָבער דער שרייבער פילט זיך ווי אַ מוטער, וואָס איין קינד איז לעבן איר, אַ צווייטס איז ערגיץ־ווו ווייט און אַ דריטס ווייסט זי אפילו נישט ווו עס געפינט זיך...

לאָמיר דאָס אילוסטרירן: „דער פּאָרטרעט פון די גייסטיקע" וואָלט באַדאַרפט האָבן אָן אָרט אין אַ ספּעציעלן באַנד אָדער לכל הפחות אין אַ גאַנצער אָפּטיילונג וועגן קאָמוניזם; „דוד איגנאַטאָוו דער ראָמאַנטיקער" וואָלט געווען באַדאַרפט האָבן זיין אָרט אין אַ באַנד אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע שרייבער און זייערע ווערק, און אַזוי ווייטער. אָבער די קנאַפּקייט פון אָרט האָט די דאָזיקע אַרבעטן, ווי אויך אַנדערע, צונויפגענומען צו־זאַמען, פון מורא זיי זאָלן נישט בלייבן ליגן אין ענגע שופלאָדן אנשטאָט צווישן צוויי שיצנדיקע טאָוולען.

עס איז גוט צו זיין אין אַן אייגענער געזעלשאַפט, אָבער שוין בעסער אין אַ פרעמדלעכער, ווי אין איינזאַמקייט...

* * *

דאָס קאָנען אַרויסגעבן אין מעלבורן אַ צווייטן באַנד אויסגעריסענע בלעטער (מעג ער הייסן „פייערלעך אין נעפל") איז אַ פרייד וואָס איז געקומען צו מיר אומגעריכט.

עס דענערווירט דער מאַנגל אין פּלאַץ (מען קאָן נישט אַרויסקריכן פון דער שרייבערישער הויט, און אַ שרייבער, ביי וועמען עס קלייבט זיך אָן אַ סך מאַטעריאַל, איז אימפּעריאַליס־טיש געשטימט וואָס שייך בוכפּלאַץ); עס דענערווירט דאָס מוזן צעשיידן קרובהשע אַרטיקלען, אָבער „פּייערלעך אין נעפּל" זע־נען בעסער, ווי אַ נעפּל אינגאַנצן אָן פּייערלעך....

* * *

איך דאַנק די פּאָר פריינט וואָס זענען געווען די איניציאַ־טאָרן פון שאַפן אַ קאָמיטעט אויף אַרויסצוגעבן מיינס אַ בוך; איך דאַנק די מיטגלידער פון קאָמיטעט, וואָס האָבן זיך אָפּגע־רופן אויפן רוף פון די איניציאַטאָרן. איך וויל האָפן, אַז נישט נאָר פאַר מיר וועט דאָס בוך באַדייטן „פּייערלעך אין נעפּל", נאָר אויך פאַר די וואָס האָבן אים געהאָלפן דערשיינען און וועלכע וועלן אים לייענען.

געוויס איז בעסער, ווען מען קאָן אַלע קליינע פּייערלעך צונויפנעמען אין איין גרעסערן פלעמל, אָדער פלאַם, וואָס לויכט און דערוואַרימט בעסער, אָבער דאָס קלענסטע פּייערל איז אַן אָנזאָג אויף אַ פלאַם, וואָס דערוואַרימט און באַלויכט, — דאָס קלענסטע פּייערל סימבאָליזירט אַ פלאַם און אַ סימבאָל דערוואַרימט, מאַכט ליכטיק...

[illegible]...

אינהאַלט:

I

ליטעראַטור־פּראָבלעמען

1) אַ דיסקוסיע מיט ש. ניגערן 5

2) ליטעראַטור אין דעמאָקראַטישע און טאָטאַליטאַרע לענדער 34

3) פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור — פּראָ און קאָנטראַ . 66

4) זשאַנגליאַרן מיט ליטעראַרישע באַגריפן (וועגן סאָציאַליסטישן רעאַליזם) 83

5) היסטאָרישע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור . 117

6) דער היסטאָרישער ראָמאַן ווי אַ ווירקלעכקייט־ראָמאַן 123

7) דער נייער ראָמאַן 129

8) דער פאָלקסטימלעכער און דער נאַציאָנאַלער באַזיסן פון דער יידישער ליטעראַטור 136

9) די ראָל פון אַשם שטעטל אין אונזער ליטעראַטור און לעבן 144

10) וועגן בעלעטריסטיק און גרויס־בעלעטריסטיק . . . 148

11) וועגן בעלעטריסטישן אמת 151

12) ווער איז ער, דער גראַפאָמאַן? 160

13) דאָס טיפּישע און אינדיווידועלע אין אונזער ליטעראַטור 166

14) צי דערפילט די יידישע ליטעראַטור איר אויפגאַבע? 175

II

פון דער יידישער ליטעראַטור

1) דוד איגנאַטאָוו — דער ראָמאַנטיקער 193

2) א. לעיעלעסעם „שלמה מולכו" און „אשר לעמלען" 229

3) היסטאָרישע געשטאַלטן אין דער יידישער דראַמע (יעקב פראַנק ביי קולבאַקן און צייטלינען) . 252

4) פּנחס גאָלדהאַר — דער שילדערער פון אויסגעוואָרצלטקייט 266

א. די געשטאַלט פּנחס גאָלדהאַר

ב. פּנחס גאָלדהאַרס שאַפן

III

געקליבענע עסייען

1) די הערצל־געשטאַלט 295

א. דער אויסגאַנג פון אַ טעמפּן ווינקל

ב. די וויזיע — הערצל

2) מידת הדין און מידת הרחמים (אַ בילד פון מיינע עלטערן) 314

3) אַ פינף־און־פופציק־יאָריקער יונגער דיכטער . . 342

4) דאָס לעבעדיקע און דאָס טויטע אין זיגמונד פרוידס לערע 356

5) פּאַטאַלע אוצרות 364

6) דער פּאַרראַט פון די גייסטיקע 372

7) ישראל שטערן (דער מענטש, דער דיכטער, דער עסייאיסט) 395

8) מאַרטין בובער 408

9) ווער איז בלינד און ווער איז טויב? 418

10) נאָכוואָרט 420